STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03196

GEHEYMNISE FUN PARIZ

Eugene Sue

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געהיימניסע פון פאַריז

פון

אייזשען סיו

איבערזעצט פון

י. פאַליי

ערשטער באַנד.

ניו יארק:
היברו פאבלישינג קאמפאני
52-50 עלדרידזש סטריט

1טער קאפיטעל.

דיא רויבער־העללע.

אין דער גרויסער און וועלט־בעריהמטער שטאָדט, אין דער שטאָדט פון וואנען אלע מאָדעס ווערען געבראכט און פון וואנען אלע ציוויליזירטע לענדער לערנען דרך־ארץ, אידעען און חכמה — אין דער פיעל געלויבטער פאריז געפינט זיך א קוואר־טעל, וועלכען מען רופט „סיטע".

דיעזער קווארטעל איז א ווילדערניס מיט פיעל קליינע, שמאָלע, קרומע און בלאָטיגע גאסען און געסעלאך. זיין שטח איז פון דעם „גערעכטיגקייטס פאלאסט" ביז דער בעריהמטער נאָטער־דאם קירכע.

אבוואהל דיעזער קווארטעל איז ניט גרויס און ער ווערט גוט בעוואכט, איז ער דאך דיא העללע, וואו אלע רויבער, מערדער, הויז־איינברעכער און באנדיטען פון יעדען סאָרט געפינען זייער היים און זייער פערגניגען. פערברעכער וואָס האָבען איבערגעקומען זייער שטראפע, זיינען דיא איינגענטהימער פון דיא שענק־הייזער אין דיעזען קווארטעל. ווען אין פאריז ווערט אָבגעטהאן א גרויסער פערברעכען ווארפט דיא פאָליציי איהר נעץ אין דיעזען קווארטעל און פאנגט זעהר אָפט דעם געזוכטען העבט.

דיא נאכט פון דרייצעהנטען אָקטאָבער 1838 איז געוועזן א קאלטע און א פינסטערע. א שטורם־ווינד האט אויסגעלאָשען אלע לאָמפען אין גאס און א שלאגס־רעגען האט אנגעפיעלט אלע גאסען מיט וואסער, בלאָטע, און אלערליי שמוץ.

דיא הייזער אין יענעם קווארטאל זיינען שיער ניט איינגעפאלען פון שטורים. דיא שמוציגע און קליינע פענסטער ווארען פערהאנגען ביז'ן באָדען. שמאָלע, פינ־סטערע און בלאָטיגע געסעלעך, האָבען געפיהרט צו נאך פינסטערערע קאָרידאָרען מיט קרומע און שמאָלע שווינדעל טרעפ.

אין דיא אונטערסטע עטאזשען פון דיעזע הייזער געפינען זיך אלערליי ביליגע

קראַמען, וויא פון פלייש, ברויט און קוילען. טראָץ דיא ארימקייט פון דיעזע קראַמען זיינען דיא פענסטער פערשלאָגען מיט אייזערנע גראַטעס, אלס שמירה פאר דיא לויפערלאַך פון יענעם געגענד.

אין דיעזען רעגענדיגען אבענד איז א מאן פון הויכען וואוקס, אין א ברויטען שטרוי־הוט און א לייוועטענע בלוזע, וואָס איז אראָבגעהאנגען אויף אלטע, צורי־סענע לייוועטענע הויזען, געגאנגען דורך דיעזען קווארטעל; אלס ער איז געקומען צו דער באהנען־שטראַסע, האט ער אויסגעגלייכט זיין רוקען און האט א חאפ געטהאן זיין אטהעם, וויא איינער וואָס ערווייכט זיין הויז נאך א לאנגע רייזע.

עס וואהר זעהר פינסטער. דער שטורים האט געריסען דיא דעכער; קוים וואָס מען האט געקענט הערען דיא קלעפּ פון שטאָדט־זייגער אויפ'ן „גערעכטיגקייטס פּאלאַסט", וועלכער האט געמאָלדען דיא צעהנטע שטונדע.

אונטער דיא שפּיצען דעכער, הארט ביי דיא וואנד, זיינען געשטאנען איינינע „גוטע" פרויען צו שיצען זיך פון רעגען. איינינע האבען געזונגען בעקאנטע ליעדעלעך, אנדערע האבען צווישען זיך געשפּראָכען און מאנכע זיינען געשטאנען שטיל בעטראַכטענדיג דעם רעגען. דער אנגעקומענער מאן איז צוגעגאנגען גלייך צו איינער פון דיעזע אונגליקליכע, וועלכע איז געשטאנען שטיל און אונמוטהיג, האט זיא גע־חאפּט ביי'ן ארעם און האט געזאָגט:

— גוטען אבענד זיסע נאכטיגאל!

— גוטען אבענד האלזשניידער, — האט זיא געענטפערט ציטערענדיג — האב רחמנות שלאָג מיך ניט.

דיעזער מאן, אן אויסגעדיענטער ארעסטאנט איז אין דיעזע נאכבארשאפט טיטולירט געוואָרען „האלזשניידער" פאר זיינע מעשים.

— מיך פרעהט, וואָס איך האב דיך געטראָפען, — האט ער געזאָגט — איך האב זיך דא געלאָזען אויף מזל. דוא ביזט דאָס מיידעל וואָס וועט צאָהלען פאר מיין טרינק. ווען ניט, ווער איך א פערהאפטער אויב איך צושנייד דיך ניט אין פּאסען גאָר אָהן נאָטען!

— איך האב קיין מטבעה, — האט דאָס מיידעל געענטפערט מיט שרעק. דען פאר דיעזען מאן האבען אלע אין דער נאכבארשאפט געציטערט.

— אויב דוא האסט קיין געלד, וועט דיר דיא שיינקערקע באָרגען אויף דיין שעהן פנים.

— אה, ניין; איך בין איהר שוין געגנוג שולדיג פּראָקאט פּאר דיא קליידער ואָס איך טראָג.

— דוא ווילסט מיך פטר'ן מיט גאר נישט! — האט דער האלזשניידער אויס־געשריען לויפענדיג נאך דאס מיידעל, וועלכע איז אנטלאפען אין א פינסטערע געסעל.

— נו, יעצט האב איך דיך! — האט דער גראביאן ווידער אויסגעשריען, נאכדעם וויא ער האט זיא עטליכע סעקונדען געיאגט און האט אין זיין גראבע לאפע אריינגעחאפט א ווייכע און צארטע פרויען־האנד.

— פאר דער חוצפה זאלסט דוא יעצט טאנצען! — האט איהם א מענער שטימע ביי'ן אויער אויסגעשריען.

— ווער איז דאס? א מאן? — האט דער גבור מיט פערוואונדערונג געפרעגט — ביזט דוא עס קולאק? ענטפער אויב דוא ביזט עס; אבער ניט מיט א צושטארקען קלאפ; איך בין דיין גאסט און דוא דארפסט מיך אכטען.

— איך בין ניט קולאק, — האט דיא מענער שטימע געענטפערט.

— איך צורייב דיך אין אש, אויב דוא ביזט ניט איינער פון מיינע לייט, — האט האלזשניידער געברומט — אבער טייפעל און העלע, ווען ווייכע האנד האב איך געהאלטען? זאל איך פערדאמט ווערען אויב עס איז קיין פרויען־האנד.

— איך בין בערייט צו קלעפ! — האט דיא מענער שטימע געענטפערט און באלד האבען דיא ווייכע הענד א חאפ געטהאן האלזשניידער'ס גארגעל און האבען איהם פערקוועטשט וויא מיט אייזערנע צוואנגען.

דיא נאכטיגאל, וועלכע איז געלעגען בעהאלטען אין א ווינקעל, איז שנעל ארויפגעלאפען אויף עטליכע טרעפ פון א קארידאר און האט צו איהר אונבעקאנטען רעטער אויסגעשריען:

— טויזענד דאנקען אייך מיין העדר. האלזשניידער האט מיך געשלאגען נור ווארום איך האב איהם קיין שנאפס געקויפט. אבער איך רעכען, אז ער האט גע־שפאסט. יעצט בין איך זיכער, איך בעט אייך לאזט איהם געהן און היט זיך פון איהם — ער איז דער האלזשניידער.

— און ווען עס איז דער האלזשניידער? איך האב קיין מורא! — האט דער אונבעקאנטער געענטפערט.

האלזשניידער האט אנגעווענדעט זיינע קרעפטען זיך אויסצורייסען. ער האט פערקריצט מיט דיא צייהן און האט ארויסגערעדט:

— זעהר שעהן. דוא ועסט מיר בעצאהלען פאר זיך און פאר'ן נאכטיגאל!

— בעצאהלען! יא, דאס וועל איך, אבער מיט קלעפ אויפ'ן פונט, — האט דער אונבעקאנטער געענטפערט.

— ווען דוא לאזט ניט אפ מיין האלז, בייס איך אפ דיין נאז!

— מיין נאַז איז צו קורץ. עס איז דיר צו פינסטער מיין נאַז צו זעהן.

— דאַן קום צום לאַנטערנע און איך וועל דיר ווייזען....

— קום! לאָמיר זיך פּייטען אויג אין אויג, — האט דער אונבעקאַנטער געענט־פערט שליידערענדיג דעם האַלזשניידער צום באָדען און שלעפּענדיג איהם פאַר'ן קאָלנער ביז צו א לאַנטערנע.

דער האַלזשניידער האט זיך העלדיש געראַנגעלט. קוים איז איהם געלונגען צו חאַפּען זיין גלייכגעוויכט, אַזוי האט ער זיך ארויפגעוואָרפען מיט רציחה אויף זיין געגנער, וועלכער איז געוועז שטאַרק וויא אייזען און האט געוויעזען אן איבערנאַטיר־ליכע גבורה אין פערגלייך צו זיין איידעלע קערפּער געבײַדע.

דער קאַמפּף האט לאַנג ניט געדויערט. דער האַלזשניידער, אַבוואהל פון ריעזיגען וואוקס און קראַפט האט דאָך באַלד געזעהן, אז ער האט צו טהאַן מיט א שטאַרקערען פון איהם.

דער אונבעקאַנטער האט איהם צובראָכען רוק־און־לענד און האט איהם איי־ניגע מאָל אויסגעצויגען אין דער לענג.

דער געשלאָגענער האט נאָך אַלץ זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. ער האט זיך געראַנגעלט מיט אַלע קרעפטען. דער נאַכטיגאַלס בעשיצער האט אבער פּלוצלינג געענדערט דעם נוסח פון זיינע קלעפּ און האט אנגעפאַנגען צו האָגלען מיט שטיי־נערנע און אייזערנע קולאַקעס איבער דעם האַלזשניידער גאר נאָך א נייער מאָדע.

דיא ניי־מאָדנע קלעפּ האט דער גרעסטער „פּייטער" געמעגט בעוואונדערן. זיי וואַרען אויף אזא נייען אופן דאס דער האַלזשניידער איז געבליעבען גייסטיג און קערפּערליך געלעהמט. ער איז געפאַלען צו דער ערד און האט אויסגעמורמעלט:

— איך בין דערשלאָגען; איך האב שוין גענוג פאַר מיין געלד. גענוג!

— אז ער גיט אויף, זאָלט איהר איהם מעהר ניט שלאָגען, האט אויף איהם רחמנות, — האט דיא נאַכטיגאַל פון דיא טרעפּ געבעטען — אבער ווער זייט איהר אונבעקאַנטער? אויסער דעם לעהרער און דעם סקעלעטאָן גיבט קיין מאַן אין גאַנץ פאַריז וואס קען בייקומען דעם האַלזשניידער. איך דאַנק אייך פון טיעפען הארצען. ווען ניט איהר וואלט ער מיך געממית'ט.

דער אונבעקאַנטער האט ניט געהערט איהרע רייד. ער האט זיך נור צוגעהערט צו איהר שטימע. ניעמאַלס האט ער געהערט אזא וויכע, פרישע, ריינע, זיעסע און זילבערנע שטימע. ער האט זיך אנגעשטרענגט צו זעהן איהר געזיכט, אבער דיא נאַכט וואר צו פינסטער און דיא לאַנטערנע צו דונקעל.

דער האלזשניידער, האט דערווייל צוזאמען גענומען זיינע הענד און פיס, האט זיך קוים אויפגעהויבען פון דער ערד און איז געבליבען שטעהן.

— היט זיך, — האט דיא נאכטיגאל געזאגט צו איהר רעטער — ער וועט זיך יעצט נוקם זיין!

— שרעקט זיך ניט פריילין, איך האב גענוג קלעפּ אין דעם זאק פון וואנען דיא פריהעריגע זיינען געפאלען, — האט דער פרעמדער געענטפערט.

האלזשניידער האט זיך אבער בעוואָרענט און האט גלייך געזאָגט:

— אָה ניין, איך דאנק פאר דיא פריהעריגע. איך האב שוין קיין הונגער נאך קלעפּ. מעהר וויל איך ניט הייטע; דאך ווען איך בעגעגען דיך א צווייטען מאָל —

— וואס? ביזט נאך ניט צופריעדען. דוא מורמעלסט נאך! — האט דער פרעמדער געפרעגט.

— ניין, ניין, איך מורמעל ניט. דוא ביזט א חוואט! — האט האלזשניידער געענטפערט מיט דעם רעספּעקט וואָס אלע חברה פון דעם זאָרט האבען פאר א קרעפטיגען קולאַק — דוא האָסט מיך בייגעקומען. אויסער דעם סקעלעטאָן מיט זיינע אייזערנע ביינער און דעם לעהרער, וואָס קען אויפעסען אלע פּאריזער מאָנומענטען אויף איין פריהשטיק, האט נאך קיינער בעוויזען דעם כח צו טראמפּלען מיך אונטער זיינע פיס.

— וואס ווילסט דוא דערמיט זאָגען?

— קיין זאך, נור דאס איך האב געפונען מיין הערשער, פריהער אדער שפּעטער וועסט דוא געפינען דיין הערשער אויך. יעדער פון אונז דערלעבט זיך זיין חלק. איינס איז יעצט זיכער, דאס וויא דוא האסט בעזיעגט דעם האלזשניידער ביזט דוא אויפ'ן פערד. אלע מיידלעך פון דיעזען קווארטאל וועלען דיך חנפ'נען, וועלען דיך ליעבען און פאָלגען וויא שקלאפען. קיין שיינקער און קיין שיינקערקע וועט יעצט וואגען צו ענטזאגען דיר א שנאפּס אויף באָרג. אָה, דאס איז א גרויסע זאך. אבער ווער ביזט דוא דאָך? דוא שפּרעכסט אונזער לשון וויא א היימישער מענש. אויב דוא ביזט א לאַטכער, האב איך מיט דיר ניט צו טהאָן. אמת, איך האב געשוויצט; ווייל ווען איך ווער הייס, מוז איך זיך לעשען מיט בלוט. אבער איך האב שוין דאפיר בעצאהלט מיט פינפצעהן יאהר. מיין זינד בין איך אבגעקומען. איך בין קיין בעל חוב דעם ריכטער. אבער אין פרעמדע קעשענעס בין איך קיין מאל ניט געוועזן. פרעג דעם נאכטיגאל אויב דוא גלויבסט ניט.

— דאס איז אמת, ער האט ניעמאלס געגנבעט — האט דאס מיידעל געענטפערט.

— אויב אזוי טו קום מיט מיר טרינקען און דוא זאָלסט וויסען ווער איך בין. קום און טראג קיין האס געגען מיר—האט דער פרעמדער געזאגט.

— גוט געדבר'ט. דוא ביזט דער בעסטער מענש, דוא קענסט מכבד זיין דיינע שונאים מיט שעהנע קלעפּ. דאַנער וועט ער! וואס פאר א קלעפּ דוא האסט מיר אריינ־געוואָרפען! רעכטס און לינקס האב איך געפיהלט הארמאטען און דאנער קלעפּ. צום טייפעל, דוא האסט מיך צוקיילט און צובייזלט. איך האב נאך אזא געריכט ניט פערזוכט. דאס איז דאך א נייער שטייגער. דוא מוזט מיך אויסלערנען דעם שניט.

— אה, ווען דוא ווילסט גיב איך דיר שוין א לעקציע.

— ניין, ניין, ניט מעהר אויף מיינע ביינער. איך דאנק פאר דער טובה. מיין קאָפּ איז נאך געשוואָלען. אבער זאג מיר; ביזט דוא בעפריינדעט מיט'ן קולאק? מיר שיינט דוא ביזט צו איהם נענאנגען.

— קולאק?—האט דער פרעמדער געפרעגט ניט ווילענדיג בעשפרעכען דיא פראגע, אבער באלד האט ער זיך פערהאפּט און האט דייטליך געזאגט—ניין, איך בין מיט איהם ניט בעקאנט; איז ער דער איינציגער בחור וואס וואוינט אין דיזען הויז? עס גיסט וויא פון א צאַפּען און איך בין אריין אין דיזער געסעל צו בעהאלטען זיך פון רעגען.

— דאס איז ניט מיין געשעפט. קולאק האלט א צימער אין דיזען הויז, נור נעהמט איהם דער טייפעל. נאכטיגאל, איך שווער, אז דוא ביזט א גוט קינד. יעצט וועל איך דיך מעהר ניט שלאָגען. דוא ווייסט פערדאמט גוט, אז איך האב קיין פליעג געריהרט איידער עס האט מיך געביסען. זאָרג זיך ניט, דוא האסט פערדינט א מצוה, וואס דוא האסט דיזען מזיק געבעטען ער זאל מיך ניט דערשטיקען. קום נעהם מיט מיר א שנאפּס, דער הערר וועט צאָהלען,—און ווענדענדיג זיך צום פרעמדען האט ער בעמערקט—איך דענק צו בייטען דעם טרונק אויף א פלייש און א זופּ ביי'ן „ווייסען ראָב"?

— זאָל זיין פלייש און זופּ, איך צאָהל. קום מיט אונז זיעסע העלזעלע,—האט דער פרעמדער מיט א פריינדליכען טאָן צום נאכטיגאל געזאָגט.

— איך דאנק אייך, איך האב פערלאָרען מיין אפּעטיט פון דיא קלעפּ, וואָס איך האב געזעהן,—האט דיא נאכטיגאל געענטפערט.

— נארישקייטען! דוא וועסט נור נעהמען א ביסען אין מויל, וועסט דוא שוין וויטערעסען. דער „ווייסער ראָב" איז א מפורסם אין קאָכען,—האט דער האלזשניידער איהר צוגערעדט.

דיא דריי פערזאָנען, וועלכע זיינען יעצט געוואָרען דיא בעסטע פריינדע, זיינען אוועק צום „ווייסען ראַב“.

אין פערלויף פון געשלעגע איז א קאָהלען־טרעגער פון הויכען וואוקס געשטאנען בעהאלטען אין א צווייטע געסעל און האט גוט אכטונג געגעבען אויפ'ן געשלעג. ווען דיא דריי זיינען יעצט געגאנגען צוזאמען, איז דער קאָהלענ־טרעגער זיי נאָכגעגאַנגען.

האלזשניידער און נאכטיגאל זיינען צוערשט אריין אין שענק; דער אונבעקאנטער איז געבליעבען א ווייל פון הינטען און דער קאָהלענ־טרעגער איז צו איהם צוגעלאפען און האט אין דייטשער שפראכע, גאנץ שטיל מיט א טאָן פון עהרעפורכט אויסגערעדט בלויז דיעזע ווערטער:

— זייט פאָרזיכטיג, מאיעסטעט.

— דער אונבעקאנטער האט א מאך געטהאן מיט'ן האנד און איז אוועק נאך זיין קאָמפאניע.

דער קאָהלענ־טרעגער איז ניט אוועק ווייט פון שיינק; ער האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צום שיינק און האט זיך איינגעקוקט וואס אינווענדיג געהט פאָר דורך א שפאלט אין דיא לאָדען.

2טעם קאפיטעל.

דיא שיינקערקע.

דער „ווייסער קראַט“ האט זיך געפונען אין צענטער פון דיא באהנהאָף שטראסע. דער אונטערסטער עטאזש פון דיעזעס שוואכע געביידע האט געהאט צוויי פענסטער צום פראָנט. איבער'ן טהיר איז געהאנגען א דונקעלע לאנטערנע מיט צוראָכענע שויבען, אויף וועלכע מען האט קוים געקענט לעזען דעם אויפשריפט; „א בעט פאר א מאן איין פיערטעל פראנק“.

דיא דריי נייע געסט זיינען אריין אין א גרויסען צימער מיט ניעדריגע פעררויכערטע ווענט. צום רעכטען זייט פון טהיר איז געשטאנען דער קאנטאָר מיט א לאָמפ, וואס האט קוים בעלויכטען דיא פינסטערנים אין צימער.

בייביידע זייטען פון דיעזען צימער, זיינען געשטאנען צו זעקס טישלאך מיט ביינקלאך, וואס ווארען צוגעשמידט צום וואנט. אין הינטערגרונד איז געווען א שמאָלע טהיר צום קיך און ביי'ן קאנטאר איז געווען א טהיר צו שמוציגע צימערן, וואו מען האט געקענט נעכטיגען.

דיא איינגעטהימערין פון דיעזען שיינק, האט מען גערופען מומע פאָניססע.

איהר בעשעפטיגונג וואר א דריי־פאבע: זיא האט פערדונגען צימערן צום שלאָפען, זיא האט געהאלטען א גאַר־קיך און זיא האט געבארגט קליידער אויף פריקאט צו דיא שלעפער און שנאָרער פון איהר נאכבארשאפט.

זיא וואר אומגעפעהר 40 יאָהר, הויך און שטארק געבויט; איהר פנים וואר רויטה און גראָב, מיט א סך האָריגע בראדאווקעס. זיא האט געהאט א גראָבען מענערשען קול מיט גראָבע אייזערנע ארעמס, וואָס האבען אויסגעדריקט איהר אונ־געוועהנליכען כח. איהרע הענד וואָרען גרויס און הארט וויא ביי א שטיין־האקער. זיא האט געטראָגען א פּראָסט וואָלענע קלייד מיט הילצערנע שיך, וואס וואָרען צוגע־ברענט פון דעם פייער־טאפּ. איהר גאנצער פנים האט אויסגעזעהן וויא א קופערנער קעסעל און האט געברענט פון ספּירעט וואס האט געקאכט אין איהרע געדערים.

דער קאָנטאָר איז געוועזען בעשלאָגען מיט בלעך און פערשטעלט מיט אלערליי קופערנע און גלעזערנע כלים פון יעדע מאָס. אויך פלעשער מיט אלע זארטען גע־טרענקע וואָרען פאָרבערייטעט פאר איהרע קונדען.

ווען מיר וואלטען ניט געוואוסט, אז דעם מענשענס כאראקטער איז א געהיימ־ניס, און זאכען וואס דער שכל קען ניט פערשטעהן זיינען מעגליך, וואלטען מיר זיך געוואונדערט אויף דעם גרויסען מעשענעם צוים, וואָס דיעזע שיינקערקע האט אמאל געקויפט און האט אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל איבער איהר זייגער.

צוויי מענער מיט לאנגע בערד, שרעקליכע פנים'ער, אין טראַנטעס און שמאַ־טעס זיינען געזעסען איבער פאָלע גלעזער. זיי האבען אבער וויינינג געטרונקען, זיי האבען זיך נור געסוד'עט. איינער פון זיי איז געווען בלאס וויא דער טוידט; זיין היטעל איז געווען איבער דיא אויגען און זיין לינקע האנד האט ער אימער געהאלטען אונטער'ן טיש. ווען ער וואר געצוואונגען צו שאפען זיך מיט זיין לינקער האנד האט מען געזעהן, אז ער ציטערט וויא פאר א גרויסע געפאהר.

ניט ווייט פון זיי איז געזעסען א יונגער מאָן, קוים 16 יאהר אלט; זיין אבגע־צערטע אויסגעדאַרטע געזיכט האט ניט געהאט קיין צייכען פון לעבען. זיינע אויגען וואָרען שוואך און דונקעל, קיין טראָפען בלוט האט מען געזעהן לויפענדיג אין זיינע אָדערען. ער וואר אן עכטער טיפּ פון אן אויסגעלאָסענעם לעבען. איבער זיין קאָרק האבען זיך געשלעפּט ניט געקאמטע, ניט געשאָרענע האאר. ער איז געלעגען אנגעלעהנט צום וואנט, מיטביידע הענד אין דיא טאשען און דיא פיס פערלייגט אויף א צווייטען שטוהל. ער האט געכראָכערט גאר אהן אויפהער. ווען־ניט־ווען האט ער געלאשען זיין דורסט מיט שטארקען בראנפען. דיא איבעריגע „געסט" אין דיעזען שיינק האבען קיין בעזאנדערן איינדרוק געמאכט. זיי וואָרען וויא א מחנה ווילדע

מענשען, וואס האבען געבּרומט ווען זיי האבען געדעדט און האבען געגענעצט ווען זיי האבען געשוויעגען.

דאס זיינען דיא געוועהנליכע קונדען וואָס האבען זיך געפונען אין „ווייסען קראָט", ווען האלזשניידער, דער אונבעקאַנטער און נאכטיגאַל זיינען אריינגעקומען.

דיא לעצטע דריי געסט שפּיעלען א הויפּטראָלע אין אונזער ערצעהלונג און דארום ווילען מיר זיי עטוואָס בעסער פאָרשטעלען פאר דיא לעזער.

האלזשניידער איז הויך וויא א ריעז און פעסט געבּויט וויא א טהורם. זיין קאָפּ איז בעדעקט מיט גאַנץ ווייסע האאר, וואָס זיינען געהאנגען איבער זיין שטערען און האבען פערדעקט זיינע לאַנגע רויטע ברעמען. זיין באָרד איז רויטה וויא בלוט. פון ארימקייט, פון היץ, פון קעלט און פון שווערע קאַטאָרזשנע ארבייט איז זיין געזיכט געוואָרען דונקעל ברוין. אָבוואָהל זיין נאָמען וואר האלזשניידער און אין זיינע אויגען האט זיך געשפּיגעלט גבורה און מוטה, דאך האט מען געקענט זעהן, אז ער האט אין זיך א וויכען כאַראַקטער מיט מיטלייד און ערבּאַרמונג.

נאכטיגאַל איז געוועזן ניט עלטער פון 17 יאָהר. א הויכער שטערען, ווייס און קלאָהר וויא קריסטאל האט זיך געוועלבּט איבער איהר שעהנעם געזיכט, וואס וואר וויא אַן ענגעל געזיכט פאָל מיט דעם חן און אונשולד. איהרע אויגענבּרעמען האבען האלב צוגעדעקט איהרע גרויסע בּלויע אויגען, וואס האבען געקוקט מעלאַנכאָליש. יוגענדס קראַפט האט געשפּיגעלט אין איהרע ראָזע באַקען, וועלכע וואָרען עטוואס אבגעבלאַסט וויא א ראָזע בעפאר זאָנען־אונטערגאַנג. איהר מויל וואר קליין און איהרע ליפּען רויטה וויא בלוט, אבער קיין שמייכעל האט איבער זיי געשוועבט. איהר נאָז וואר גלייך און זעהר דעליקאַט; איהר קיילעכדיגע מאָרדע וואר איינגע־פאַסט אין איהר ארטיסטישעם געזיכט וואס האט צוזאמען אויסגעזעהן וויא ראַפאַעלס בילד פון דער הייליגער מאַריא. אויף איהרע צוויי שלייפען זיינען געלעגען צוויי בּייטען האאר, וואס האבען זיך געגרייזעלט אין רעדעלעך איינע אויף דיא אנדערע און זיינען ארונטער הינטער איהרע קליינע אויערען, וואו זיי האבען אויסגעזעהן וויא א גרויסער צווייג פון שווארצע ווייסטרויבען. דיא האאר וואָרען ניט געפלאַכטען אין צעפּ, נור זיי וואָרען פערזאַמעלט אין א בלויע פאַציילקע, וואָס האט פערבונדען איהר האלבען קאָפּ. איהר שעהנע שנעע־ווייסע האלז וואר ארומגעבונדען מיט א זיידענעם שנירעל. איהר ברוינע קלייד, וואר צו גרויס פאר איהר קערפּער, דאך האט מען געקענט בע־מערקען, אז איהר טאַליע און איהר וואוקס וואר אדעל און גראַציעז. איין אבגעניצ־טער, צוריסענער שאַל, האט פערדעקט דעם הויכען געוועלב פון איהר בּוזים.

דיא מעלאָדישע שטימע פון דיעזער פריילין האט געמאכט א בעזאָנדערען איינ־

דרוק אויף איהר אונבעקאנטען בעשיצער. איהר קול איז געווען אזוי זיעס, אזוי הארמאָנייש און אזוי אנציהענד, דאס זאָגאר דיא פערגרעבטע און פערדאָרבענע באַנדיטען צווישען וועלכע דיעזע אונגליקליכע מיידעל האט געלעבט פלעגען זיא זעהר אָפט ערזוכען זיא זאל פאר זיי זינגען; זיי פלעגען פערגעסען אלע זייערע בייזע גע־עפטען, פלעגען פערליערען אלע זייערע מערדערישע געדאנקען און פלעגען זיך צוהערען צו איהר נאכטיגאל שטימע.

נאכטיגאל האט געהאט אין דער סיטע נאך א נאָמען. מען האט זיא דאָרט גערופען „דיא מאריע־בלומע", מיט דיעזען נאָמען האבען איהרע בעקאַנטע אויסגע־דריקט איהר אונשולד, איהר עהרליכקייט און איהר שעהנהייט וואָס ווערט אויסגע־דריקט מיט דעם נאמען פון גאָטס מוטער און מיט דעם נאָמען בלומע.

וויא פערדאָרבען, וויא געזונקען מענשען זאלען זיין, דאך ווייזען זיי ניט־ווילענ־דיג זעהר אָפט, דאס פון דער נאטור איז דער מענש געפיהל־פאָל און ליעבט ערהאַ־בענעס, ער האט רעספעקט פיר ריכטיגע אונשולד און בעוואונדערט דיא שעהנע נאטור. — ווייל דיא ווילדע, פערדאָרבענע און געזונקענע בעוואוינער פון דער סיטע האבען רעספעקטירט דער נאאיווער נאכטיגאל, האבען זיי איהר בעטיטעלט מיט דעם נאָמען פון דער נאטורס שעהנסטע זאך—בלומע, און מאריע, וואס איז ביי קריסטען דער סימבאָל פון אונשולד.

איז עס ניט וויא א שעהנע ליליע, וואס איז פאל מיט פערפומע און ליעגט אויף א פעלד פון הרוגים?

דער אונבעקאנטער—וועלכען מיר וועלען פון יעצט אן רופען רודאָלף—איז געווען אומגעפעהר 36 יאהר אַלט. זיין פיגור וואר הויך, שעהן און אדעל. פון זיין קערפער האט מען ניט געקענט ארויסזעהן זיין ריעזיגע קראפט, וואָס ער האט בע־וויעזען אין שלאַכט מיט האלזשניידער. עס איז שווער צו בעשטימען זיין אויסזעהן אקוראט. דיא צוויי ווינקלען אויף זיין שטערען האבען אויסגעדריקט אביסעל דאגה, אונמוטה; דאַך דער שטאָלצער בליק פון זיינע אויגען, דיא שטייפע האלטונג פון זיין קאָפּ, האָבען אויסגעדריקט א מאן פון טהעטיגקייטען און א מאַן וואס קען געווינען דיא אכטונג פון אלע מענשען.

אין זיין געשלעגע מיט'ן גראַביאַן, האט רודאלף ניט געוויעזען קיין האס און קיין כעס. דאך זיין קראפט, זיין שפראך און זיין געשיקטקייט, האָבען געפאסט פאר האַלזשניידערס א צווילינג ברודער.

אין גאנצען האט רודאָלף געשיינט צו זיין א צווייענדיגער מענש. זיין אויסזעהן וואַרען צו שעהן פאר א מאַן; זיינע אויגען ווארען גרויס, מילד און ברוין; זיין נאָז

מיטעלמעסיג, זיין מארדע דאָפּעלט, זיינע קאשטאַנע האאר ווארען פון איין קאָליער מיט זיינע אויבערסטע ברעמען און זיין שמאָלען און ווייכען שנורבאַרד.

דאך זיין שפּראך און זיין בענעהמונג, וועלכע וואַרען פריי און נאַטירליך, האבען איהם געגעבען דעמזעלבען אויסזעהן וויא דיא איבעריגע געסט אין דיעזען שיינק. אלע זיינע קלײדער ווארען נאך דער מאָדע פון סיטע. קיין זאך, אויסער זיינע הענד, וועלכע זיינען געווען עכט אריסטאָקראַטיש, האט געמאכט איין אונטער־שייד פין איהם ביז דיא איבריגע געסט.

אריינגעהענדיג אין שיינק האט האלזשניידער א קלאפּ געטהאן אויף רודאָלף׳ס אקסעל און האט אויסגעשריען:

— דריי מאָל הורראַ פאַר׳ן חוואט וואס האט געטראטען אויף האלזשניידערס קאָפּ! יאַ, יאַ, פריינדע, דיעזער בחור האט מיך בייגעקומען, גאַר אָהן א וויץ. דאס איז וויכטיגע נייעס פאר יעדען וואס וויל אן אבגעריסענעם לונג און לעבער, אדער אייסגעדרעהטע הענד און פיס; זאָגאַר דער לעהרער און סקעלעטאן קענען זיך אויס־ריכטען א שוואַרצען סוף. יעצט האבען זיי געפונען זייער בעשערטען. איך זאג פאר איהם גוט. ער גיט אייך אלץ וואס איהר פערלאַנגט!

פון דער שיינקערקע ביז דעם לעצטען גאסט האבען אנגעקוקט מיט מורא האלזשניידערס בעזיעגער. אייניגע האבען צוגענומען זייערע גלעזער פון טיש און האבען געמאכט פּלאץ פאר דעם גבור, אנדערע האבען זיך צוגעשאַרט צו האלז־שניידער און שטילערהייד האבען זיי איהם געפרעגט, ווער איז דער אונבעקאַנטער, וואס איז אריינגעקומען אין זייער וועלט מיט אזא טריאומפף.

דיא שיינקערקע האט צוגעוואָרפען דעם נייען אורח איינעם פון איהרע העכסט ליעבענסווירדיגע בליקען, צוזאמען מיט א לאנגען שמייכעל און איז טהאַטזעכליך אויפגעשטאנען פון איהר פּלאץ (א זאך וואס געשעהט זעהר זעלטען און ווערט בעטראַכט אלס קעניגליכע־עהרע אין דיעזען קוואַרטאל) און איז צוגעגאנגען צו רודאָלף׳ן פרעגען וואָס ער פערלאנגט פאר זיך און פאר זיינע בעגלייטער,—אן עהרע וואס זיא האט ניט צוגעטהיילט זאָגאַר דעם לעהרער און סקעלעטאן.

אלס דיא שיינקערקע איז פערבייגעגאנגען דיא צוויי בלאסע מענשען, וועלכע מיר האבען גאנץ צוערסט בעשריעבען, האט דער בלאסער מיט׳ן האנד אונטער׳ן טיש, איהר געפרעגט, אויב קריפּעל האט הייטע בעזוכט איהר פּלאץ.

— ניין,—האט מומע פאניססע געענטפערט.

— און נעכטען?

— נעכטען איז ער דא געוועז.

— איז קילבאסע, מארטיעל דעם גילאָטינירטענ'ס טאָכטער מיט איהם גע־וועז? איהר קענט דאך דיא מארטיעלס פון ראקערס אינזעל?

— וואס מיינסטו, איך בין אנגעדונגען פון דער פּאָליציי צו שפּיאָניי׳ען מיינע קונדען?—האט דיא שיינקערקע מיט א ברוטאלער שטימע אויף איהם אָנגעשריען.

— איך דארף זיך הייטע טרעפען מיט׳ן קריפּעל און מיט׳ן לעהרער, מיר האבען א שטיקעל ארבייט,—האט דער חברה־מאן איהר געענטפערט.

— דאס איז אייער געשעפט, איהר בינדעל מענשען־שלאכטער,—האט דיא שיינקערקע נאך גיפטיגער געשריען.

— מענשען־שלאכטער?—האט דער באנדיט מיט כעס געפרעגט—פון ווענען מאכסט דוא געשעפטען אויב ניט פון אזעלכע בלוטזייגער?

— דוא האלט דיין צונג ווילדער הונד!—האט דיא שיינקערקע אויסגעשריען אנמעסטענדיג איהר וואסער קרוג איבער זיין קאפּ זייער בלאסער מאן האט זיך אבגערוקט.

— דער קריפּעל איז וואהרשיינליך פערנומען. ער מוז יעצט מאכען זיין רעכע־נונג מיט דעם יונגען מאן, וואס וואוינט אין גימפּעל שטראסע,—האט ער געזאגט צו זיין קאמפּאניאָן.

— וואס? מיינען זיי צו מאכען מיט איהם א סך הכל?

— ניין, ניין! ניט אין גאנצען. זיי ווילען איהם נור אָנלערנען. עס שיינט, אז ער האט איבערגעריסען דיא סטרונעס אין נאנטעס פיעדעל, אזוי זאגט קולאק.

— איך בעוואונדער דעם קריפּעל,—האט זיך דער קאמעראד אבגערופען—ער איז ערשט פון געפענגניס און ער האט שוין ארבייט פאר ביידע הענד.

האלזשניידער האט זיך פערנייגט צום יונגען מאן וואס האט גערויכערט אהן אויפהער און האט צו איהם זעהר פריינדליך געזאגט;

— וואס, בארבילאן, נאך אלץ האסט דוא ניט אויפגעהערט צו רויכערען דיין טאבאק?

— געוויס ניט! איך וואלט בעסער געשטארבען פון הונגער און אומגעגאנגען בארפוס, איידער צו זיין אהן א שנעפּסעל פאר מיין גארגעל און אהן טאבאק פאר מיין פּיפּקע,—האט דער יונגער מאן מיט אן אבגעלערטען אבגעשוואכטען קול גע־ענטפערט און האט ארויסגעלאזען א וואולקאן רויך פון האלז.

— גוטען אבענד, מאריע־בלומע!—האט דיא שיינקערקע צו נאכטיגאל גע־זאגט און האט מיט ביידע אויגען דורכגעדרונגען דיא קליידער וואס זיא האט איהר געבארגט—עס איז א פערגניגען צו בארגען דיר א קלייד; דוא ביזט ריין וויא א

טייבעלע; איך וואלט טאקע ניט געטרויט דיזען טהייערען שאל צו דיא שמוציגע מיידלאך פון דער סיטע. נור זאג אליין, האב איך דיך ניט אויפגעהאלטען זייט דיא לעצטע זעקס וואכען? איך מוז מודה זיין, אז מיר האבען קיין שעהנערע מיידעל אין אונזער קווארטאל; דוא ביזט אבער צושטיל, צו נאררישׁ, צו שעמעדיג. נור וואס זאל מען ווענען דיר ריידען, דוא ביסט נאך א גאי, א פרישענקע הינדעלע, ערשט פון איי ארויס. איך גיב אבער מיין קאפ, אז אין דריי אדער אין פיער יאהר ארום, ווען דוא וועסט ווערען אן אלטע כלי, דאן וועסט דוא איבערשטייגען אלע געגנז אין באנהאף שטראסע.

נאכטיגאל האט זיך אבגעזיפצט און האט אראפגעלאזען איהר קאפ.

— דאנער־וועטער צום ערשטען מאל! — האט רודאלף געענטפערט דער שיינקערקע אויף איהר פריינדליכען גרוס — זאל איך פערחאפט ווערען אויב איך זעה ניט א היילינען רוח איבער דיין „קלאפער“!

רודאלף האט מיט זיין ווייסען פינגער אנגעוויזען אויף דעם געטש איבער איהר זייגער.

— דוא חם, ווילסט דוא מיר זאלען לעבען וויא הינד, גאר אהן א גאט? — וואר איהר קאמפלימענט אנטווארט.

— מיר ווילען עסען, — האט האלזשניידער אויסגעשריען.

— וואס ווילט איהר עסען? — האט דיא שיינקערקע זיך געווענדעט צו רודאלף'ן מיט א זיעסען שמייכעל.

— פרעג האלזשניידער, זאל ער בעשטעלען און איך וועל צאהלען.

דיא שיינקערקע האט זיך געווענדעט צום צווייטען און האט געפרעגט:

— נו, וואס וועט איהר עסען?

— גיב אהער צוויי טאפ וויין, דריי גאנצע שיעסעל ריפ־פלייש מיט טאראנעס און צוויי ווייס־ברייטלאך, — האט ער געענטפערט, נאכדעם וויא ער האט אין זיין מוח געקליבען דיא בעסטע מאכלים, וואס מען קען געפינען. אבגעבענדיג זיין בעפעהל האט ער זיך געווענדעט צו נאכטיגאל און האט זיא געפרעגט אויב זיא וועט עטוואס עסען.

נאכטיגאל האט זיך ענטזאגט.

— ווילט איהר פיעללייכט עטוואס בעסערעס? — האט רודאלף איהר געפרעגט.

— אה ניין, איך דאנק אייך. איך האב קיין אפעטיט.

אין אייניגע מינוטען ארום האט דיא שיינקערקע דערלאנגט צום טיש א קרוג וויין, צוויי ברייטלאך און א גרויס שיעסעל מיט א מין געקעכטס, וואס מיר וואגען

ניט צו בעשרייבען פאר דיא לעזער, אבער וואס האלזשניידער האט זעהר געליעבט און געשלונגען מיט אפעטיט.

אין דיעזער מינוט איז דער גאנצער טומעל אין שיינק פלוצלינג פערשוואונדען. יעדער איינער איז געווארען פערשטומט און האט געריכטעט זיינע אויגען צו א נייע פערזאן, וועלבע איז אריינגעקומען. דיא נייע פערזאן איז געוועזן פון מיטעלע יאהרען, לייכט אויף זיינע פיס און שטייף אין זיין האלטונג. דיא שפראך און דיא בענעהמענע ווארען וויא פון א געבארענעם אין דער סיטע. ער האט בעשטעלט עסען און האט זיך געזעצט אויף א פלאטץ פון וואנען ער זאל קענען אכטונג געבען אויף דיא צוויי בלאסע געזיכטער, וואס האבען נאכגעפרעגט אויפ'ן קריפעל און אויפ'ן לעהרער. ער האט פון זיי ניט ארונטערגענומען זיינע אויגען; ער האט זיך געזעצט אין אזא פאזיציאָן דאס דיא צוויי זאלען ניט קענען זעהן וויא ער היט זיי.

דיא שטילקייט האט נור א ווײלע געהעררשט. דער פרעמדער האט אויסגע-זעהן וויא דיא געוועהנליכע בעזוכער פון דיעזען שיינק און יעדער האט באלד אנגע-פאנגען צו שמועסע'ן.

— ביי מיין נשמה שווער איך, אז מיך פרייט וואס איך האב זיך מיט אייך בעקענט, אבוואהל דיעזע בעקאנטשאפט האט מיר געקאסט א פאר טהייערע קלעפ. — האט האלזשניידער צו רודאלף'ן געזאגט.

— ווארום ווייל איך האב דיר געגעבען א גוטע סעודה?

— דאס איז איין אורזאכע. דיא הויפט אורזאכע איז, ווייל איך קראפיר איהר זאלט צוברעכען דעם לעהרערס הענד און פיס, פאר אלע קלעפ וואס ער האט אין מיר אריינגעוואָרפען.

— אָהָ, איז דאס דיין שפיעל? דענקסט דוא, אז אום דיר צו פערשאפען נחת וועל איך אנפאלען אויפ'ן לעהרער וויא א ווילדער הונד?

— דאס ניט. ער וועט אבער דיך אנגרייפען ווען מען וועט איהם ערצעהלען, אז דוא ביסט א גרעסערער חוואט פון איהם, — האט האלזשניידער מיט פריידע געזאגט.

— אויב אזוי בין איך פערזארגט מיט א סך קליינגעלד צו געבען איהם אויס-נאב; דערווייל לאמיר אויף דיעזער שמחה אויסטרינקען א גוטען קאָניאַק, — האט רודאָלף געענטפערט.

— איינשטימיג! — האט האלזשניידער אויסגעשריען מיט א זעץ אויפ'ן טיש.

— און אום מיר זאלען זיך בעסער בעפריינדען, לאמיר איינע דיא אנדערע ערצעהלען ווער מיר זיינען, — האט רודאלף מיט א קאלטע מינע געבעטען.

— מיין נאָמען איז איבעראַל בעקאַנט. האַלזשניידער רופען מיר אַלע. איך בין א בעפּרייטער אַרעסטאַנט און בין א פּליטען טרייבער; ווינטער בין איך פערפּראָרען און זומער אַבגעפּרעגעלט; פונפצעהן שטונדען א טאָג ליעג אין איך וואַסער; א האַלבער מענש און א האַלבע זשאַבע—אט דאַס איז מיין פּאָרטרעט, — האט רודאָלף'ס קאָמ־פּאַניאָן געזאָגט מאַכענדיג א מיליטערישען בעגריסונגס צייכען, וויא א געשיקטער סאָלדאַט—יעצט מיין הערר, ווער זייט איהר? עס איז אייער ערשטער אויפטריט אין דיא סיטע, איהר זאָלט מיר מוחל זיין; איהר זייט מיך בעפּאַלען וויא א בופל־אָקס און איהר האַט פון מיין לייב געמאַכט א באַראַבאַן. דאָנער וועטער! איהר זייט א מזיק, וואס קלאַפּט מיט קאַנאָנען און טראַסקעט אין דיא אויגען מיט בולאַוועס. איך וועל עס ניעמאַלס פערגעסען! פיף־פּאַף, איינס—צוויי, א קולאַק, א פּראַסק, א טראַסק, א פּלאַסק, א בויטש, א קניפּ, א שמיץ, א דאָנער, א בליץ, צובייַלט, צוקייַלט און אָט ליעג איך! זאָגט מיר נור, איהר האַט אַנדערע געשעפטען אויסער פּויקען מיט קולאַקעס איבער'ן קאָפּ?

— איך בין א פּאַרצעליי־מאַלער און מיין נאָמען איז רודאָלף.

— א פּאַרצעליי־מאַלער? אָה דאָס איז שוין א תירוץ, וואַרום אייערע הענד זיינען אַזוי ווייס און ווייך; אויב אַלע אייערע קאָמעראַדען זיינען אַזוי וויא איהר, וואָלט ניט געוועזען קיין קרומע זאַך איך זאָל זיך לערנען אייער פּראָפעסיאָן. אַבער ווען איהר זייט איין אַרבייטער טו וואָס טהוט איהר אין דיא סיטע, וואו נור גנבים, גזלנים און אַרעסטאַנטען וויא איך, וואס קענען זיך ערגעץ ניט ווייזען, זיינען פערזאַמעלט? דאָ איז קיין פּלאַץ פאַר אייך; אַרבייטער זיצען אין זייערע אייגענע פּלעצער.

— איך קום אַהער ווייל איך ליעב גוטע געזעלשאַפט.

— האָפּצו! — האַט האַלזשניידער געמאַכט צו בעווייזען, אַז דאָס איז איהם פערגאַנגען אין נאָז. איך האָב אייך געטראָפען אין קולאַקס הויף, זאָגט איהר, אַז איהר קענט איהם נים?

— וואס מיינסט דוא דערמיט וואס דוא שטעכסט מיך אַלע ווילע מיט קו־לאַקען? געגוג דיר איהם צו עראינערען!

— גרויסער הערשער! — האט האַלזשניידער איהם מיט עהרע־פורכט געזאָגט. מעגליך, אַז איהר געטרויט מיר ניט; אַבער איהר מאַכט א טעות. אויב איהר ווילט וועל איך אייך ערצעהלען מיין לעבענסגעשיכטע, אַבער מיט דיא בעדינגונג, אַז איהר זאָלט מיר לערנען צו פּויקען מיט'ן קולאַק אויף אייער מעטאָדע.

— אבגעמאכט; ערצעהל דוא אונז דיין ביאָגראַפיע און נאכטיגאל וועט אונז אויך ערצעהלען איהרע.

— איינגעשטימט,— האט האלושניידער געענטפערט — עס איז א שלעכטער וועטער קיין „רויטער קאַלנער" קען הייטע אין גאס ניט שטעהן. מיר וועלען דא בעסער פערברייננען. ביזט דוא נאכטיגאַל איינשטימיג?

— יאָ, אָבער מיין געשיכטע איז זעהר קורץ,— האט נאכטיגאל געענטפערט.

— און איהר פריינד רודאָלף וועט אונז אויך ערצעהלען אייער געשיכטע?

— יאָ, געווים! איך וועל מאכען דעם אנפאנג.

— א פאַרצעליי-מאלער?— דאס מוז זיין א גוטע פּראָפעסיאָן? — האט נאכ-טיגאַל זיך פּלוצלינג אויסגערעדט.

— וויפיעל קענט איהר פערדיענען א טאָג? — האט האלושניידער נעפרעגט.

— איך בין א שטיק-ארבייטער. אין מיין בעסטען טאָג פערדיען איך דריי מאנכעס מאל פיער פראנק; דאס איז אָבער נור זומער ווען דיא טעג זיינען לאנג.

— אזוי פיעל געלט פערדיענט איהר? איהר לעבט מסתמה א גוטען טאג? — האט האלושניידער גזאגט.

— ווען איך האב נור געלד. איך פערשווענד אבער ניט מיין געלד. איך בע-צאָהל א פראנק פאר מיין נאכטלעגער אין א מעבלירטען צימער.

— זייט מיר מוחל, קעניגליכע האָהייט! איך האב קיין מאל ניט געהאפט צו בעגעגענען זיך מיט אזא גרויסען מאן,— האט האלושניידער אויסגערופען צולייגענ-דיג זיין האנד צום שטערען וויא א סאַלדאַט, ווען ער בעגריסט זיין גענעראַל.

— האט איהר א פרוי און קינדער? — האט נאכטיגאל געפרעגט און איז גע-וואָרען רויטה.

— דיא כאָלערא האט זיי מיר גערויבט.

— און ווער זיינען אייערע עלטערען? — האט זיא ווידער געפרעגט.

— זיי האבען געהאנדעלט מיט אלטע קליידער.

— און וויא איז אייער פאָלער נאָמען?

— מיין נאָמען איז רודאָלף דאראנד און איך וואוין אין דער אידישער גאַס. דאָס איז מיין גאנצע לעבענסגעשיכטע.

— יעצט נאכטיגאַל דארפסט דוא ערצעהלען דיין ביאָגראַפיע, מיינע האלט איך צום פערבייסען,— האט האלושניידער געזאָגט — אָבער נאָר פון אָנפאַנג.

3טעס קאפיטעל.

נאַכטיגאַל'ס געשיכטע.

— פאנגט אָן צו ערצעהלען פון אייערע עלטערען, — האט רודאָלף געבעטען.

— איך האב זיי ניעמאלס געקענט, — האט נאכטיגאל געענטפערט.

— הא, הא, נאכטיגאל, דאס איז ערהאבען, דוא און איך זיינען פון איין משפחה, — האט האלזשניידער מיט א ברייטען געלעכטער געזאָגט.

— וואס, אויך דוא האלזשניידער ווייסט ניט ווער דיינע עלטערען זיינען?

— יא, איך בין א יתום, א קינד פון פאריזער גאסען, גלייך וויא דוא, מיין מיידעל.

— ווער האט אייך אויפגעהאָדעוועט? — האט רודאלף איהר געפרעגט.

— איך ווייס אויך ניט. זא פיעל וויפיעל איך קען זיך ערצינערען אויף מיין פערגאנגענהייט, געדענק איך, אז ביי מיין זיעבעטען אָדער אכטען יאהר, האב איך געוואוינט ביי איין אלטע פרוי מיט איין אויג, וועלכע מען האט גערופען לילית, ווייל זיא זעהט אוים וויא א טייפעל און איז שלעכט וויא א מכשפה.

— הא, הא, הא! מיר שיינט איך זעה יעצט דיא אלטע מכשפה לילית! — האט האלזשניידער געהירזשעט.

— דיעזע אלטע מכשפה, האט מיך יעדע נאכט געשיקט צום נייען בריק פער־קויפען בלינצעס און ווען איך פלעג איהר ניט ברייננען צום וויניגסטען א האלבען פראנק, פלעגט זיא מיך אונערבארמליך שלאָגען אנשטאט צו געבען עטוואס עסען.

— און איהר זייט זיכער, אז דיעזע אלטע פרוי, ווער ניט אייער מוטער? — האט רודאָלף נאכגעפרעגט.

— איך בין עס זיכער. ווייל זיא פלעגט מיר אימער פאָרווארווען איך האב קיין פאָטער און קיין מוטער און זיא האט מיך געפונען אין גאס.

— זאָ! — האט האלזשניידער געזאגט — דוא האסט געטאנצט ניט געגעסען!

— יא, נאך איהרע קלעפ פלעג איך מוזען ליעגען אויף שטרוי און פריהרען פון קעלט.

— איך ווייס, אז דאָס איז ביטער! — האט האלזשניידער בעשטעטיגט — אין שטרוי קען מען פערפריהרען. שלאָפען אויף מיסט איז הונדערט מאל בעסער. אבער מאנכע לייטע ליעבען ניט זיין ריח און האבען דיא חוצפה צו זאָגען: אָה דוא שמוציגע זאך, ווארף זיך ארוים אין גאס!

— יעדען פריה־מאָרגען פלעגט דיא מכשפה מיר געבען דעם זעלבען שפּייז, וואס בּיי נאכט און פלעגט מיך אויסריכטען אין מאַנט קויפען קליים ווערים; דען דיא אלטע פרוי האט פערקויפט פיש־ווערים בּיי'ן נאַטער־דאם בריק. פּאר א זיעבּען יעהריגעס קינד, הונגעריג און פערפראָרען איז דער וועג זעהר ווייט. מיעד און הונגע־ריג פלעג איך צוריקקומען אום האלבען טאג מיט א קאָרב ווערים, דאן פלעג איך בעקומען א שטיקעל הארטען ברויט צום עסען.

— אויף דעם דארפסט דוא ניט קלאָגען,—האט האלזשניידער פעררויכענדיג זיין ציגאר געזאגט—וואס דוא ביסט אזוי פיעל געגאנגען, האט געמאכט דוא זאָלסט וואקסען גלייך וויא א סלופּ און וואס דוא האסט ניט געגעסען, האט געמאכט דיין טאליע דין און אדעל. אָבער זעהט נור וואס פעהלט אייך קאָמעראד רודאָלף? איהר זעהט אויס אזוי בלאס און געערגערט! עסט איהר זיך אפּ דאס הערץ וואס נאכטי־גאל האט אזוי פיעל געליטען? פּוסטע זאכען, מיר זיינען אלע געוואָהנט צו קלעפּ און צו צרות!

— אה ניין, קיינער האט אזוי נים געליטען וויא איך!—האט נאכטיגאל געזאגט.

— וואס? קיינער! חא, חא, חא! דוא נאכטיגאל ביזט געווען א קע־ניגין אין פערגלייך צו מיר. ווען דוא ביזט געווען א קליינע האסט דוא געהאט אמוויינינגסטען שטרוי און הארטען ברויט; אבער איך האב בעדארפט שלאפען אויף דיא שטיינער פון גאס און קלייבען גראז פאר מיין שפּייז. ווינטער האב איך אפט געהאט א וויי־כען געלעגער אויפ'ן ווייסען שנעע און זומער האט מיך אבגעבאדען דיא נאטור מיט דיא רעגענס, וואס זיא האט אויף מיר געגאסען,—האט האלזשניידער גלייכגילטיג ערצעהלט.

— דוא ביזט אבער א מאן, און א מאן איז שטארק און קען פערטראגען, אבער איך בין געווען אן שוואכע, יונגע מיידעל. דאך, נאך אלע צרות בין איך גע־ווען רויטה און פריש וויא א ראזע.

— און דוא געדענקסט עס נאך יעצט?

— אה, איך געדענק עס גוט. יעדען מאל ווען לילית האט מיך געשלאגען פלעג איך פאלען פון איהר ערשטען קלאפּ; דאן פלעגט זיא זיך שטעלען אויף מיין קערפּער און שרייען: „אה, דוא פאלשע קאץ, זיא פאלט איידער מען צוברעכט איהרע פיס און דאך איז זיא געזונד און רויטה!" קיין אנדער נאמען וויא קאץ, האב איך ניט געהערט און פון קיין אַנדערען האב איך אויך ניט געוואוסט.

— פונקט וויא איך!—האט האלזשניידער אויסגעשריען—מיך האט מען אויך

געריפען פערשיעדענע נעמען נאך אלע חיות און שדים. מערקווירדיג, וויא אונזערע ביאָגראַפיעס זיינען גלייך!

— יא, אין אָרימקייט שיינען מיר צו האבען איין געשיכטע! — האט נאכטיגאל געזאגט און האט געריכטעט איהרע אויגען צום גראָביאן; עס וואר פאר איהר אונמעגליך אַ קוק צוטהאן אויף רודאָלף׳ן און ניט רויטה ווערען פון שאנדע.

— און נאכדעם וויא דוא האסט געבראכט דיא ווערים, וואס האסטו דאן געטהאן? — האט האלזשניידער געפרעגט.

— דאן פלעג איך מוזען געהן בעטלען דארט, וואו זיא האט דיעזע ווערים פערקויפט. אזוי פלעג איך מוזען בעטלען ביז שפּעט אין אבענד און ווען איך פלעג פיהלען, אז איך וועל פאלען פון הונגער און פלעג ביי איהר בעטען עטוואס צו עסען, פלעג איך האפּען אַ קלאַפּ מיט אַ בעפּעהל צו שאפען אַ האלבען פראנק. אָה גאָט, וויא פלעג איך וויינען פון הונגער, קעלט און איהרע קלעפּ. וויינענדיג פלעג איך אָנטהאן אַ קערבעל מיט בלינצעס אויפ׳ן האלז און געהן צום בריק, וואו לילית איז אויך געשטאנען מיט פלייש און בראטען. פון שלאפקייט פלעג איך שטייענדיג איינשלאָפען. לילית פלעגט מיך אבער היטען; וויא איך פלעג צומאכען מיינע אויגען און איינדרעמלען, האט זיא מיך געקניפּט און געשלאָגען. יעדער וואס האט מיך געזעהן וויינענדיג, האט רחמנות געהאט און האט מיר געגעבען גרויסע נדבות. האלבע נאכט פלעג איך מעגען געהן אַ היים. דאן פלעגט מיר לילית ווידער שלאגען און צונעהמען אלעס וואס איך האב געבראכט. זיא פלעגט מיך בעזוכען פון קאָפּ ביז דיא פיס אפילו אין מויל. לילית האט געזעהן, אז מיין געוויין בריינגט איהר גוטעס געלד, פלעגט זיא מיר טעגליך שלאָגען און מאטערן איידער איך בין ארויס שנאָרען. ענדליך בין איך געוואוינט געוואָרען צו קלעפּ. איך האב געזעהן, אז לילית וויל דורכאויס איך זאל וויינען און דארום האב איך זיא געערגערט מיט מיין לאכען. וואס מעהר זיא האט מיר געשלאָגען, אלץ מעהר האב איך געלאכט, געזונגען און געטאנצט, האטש טרערען האבען זיך געקייקעלט פון מיינע אויגען.

— און דוא האסט זיך געקענט איינהאלטען ניט צו עסען דיא בלינצעס?

— אָה, האלזשניידער, דאס וואר זעהר שווער, אָבער איך האב ניעמאלס פערזוכט איינע פון זיי. — איין מאל, אלס איך בין צוריקגעגאנגען פון מאנט־פויקאן, זיינען אינגלעך מיך בעפאלען, האבען מיך געשלאגען און האבען אבגענומען מיין קאָרב. איך האב זיך געלאזט אַ היים וויסענדיג וואָס מיך ערוואַרטעט. דאן בין איך אויסגעשטאנען אלע פּייניגונגען. לילית האט מיך געפּאטשט, געקניפּט, געביסען, געבריקעט, ענדליך האט זיא געריסען דיא האאר פון מיינע אויבערסטע ברעמען.

אָה, דיזער וויטאָג איז עטוואָס שרעקליך! דיעזע שמערצען זיינען ווירקליך ניט איבערצוטראָגען!

— גאָט פערדאַם מיך! — האט האַלזשניידער אויסגעשריען מיט ווילדע קולות און האט א זעץ געטהאן אויפ'ן טיש, דאס אלע גלעזער זיינען צושפרונגגען.

— שלאָגען א קאַץ, דאָס איז נאך ניט געפעהרליך, אָבער רייסען פאר דיא ברעמען, טייפעל און העלע!

רודאָלף האט זיך איינגעהערט צו יעדען וואָרט וואס נאכטיגאל האט ערצעהלט. האַלזשניידערס אויפרעגונג האט איהם אבער געוואונדערט.

— וואָס טהוט זיך עס מיט דיר, פריינד? — האט ער האַלזשניידערן געפרעגט.

— וואָס, איהר פרעגט נאך? — האט איהר קיין הארץ? דיא לילית האט אזוי שרעקליך געפייניגט א קינד! איז אייער הארץ אזוי פערשטיינערט, וויא אייערע קולאקעס?

— ערצעהלט וויטער, מיין קינד, — האט רודאָלף געזאגט ניט הערענדיג וואס האַלזשניידער האט געשריען.

— דיא מכשפה האט מיר דאן אזוי פיעל שמערצען פערשאפט, דאס איך האב געמוזט וויינען. גלייך וויא איך האב מיך צרוויינט, האט זיא מיר ווידער אנגעטהאן א קאָרב מיט בלינצעס און איז מיט מיר אוועק צום בריק איך זאָל שנאָרען. זיא האט מיטגענומען א פייער־טאָפּ און א פאַן און האט זיך געשטעלט בּיי'ן בריק בראָטען פלייש צו פערקויפען. מיך האט זיא געהאלטען ניט ווייט פון זיך. איך בין געוועזען זעהר הונגעריג און האב זיא געוואלט ערגערען, און זאָ האב איך גענומען א בלינצע און האב אויפגעגעסען.

— אָט אזוי דארף זיין! — האט האַלזשניידער מיט פריידע געזאָגט.

— איך האב אויפגעגעסען א צווייטע.

— בראַוואָ!

— דיא בלינצעס האבען גוט געשמעקט. ניט וויל זיי וואָרען גוט, נור וויל איך וואר הונגעריג און דאָס וואר א גוטע להכעים. און זאָ האב איך גענומען שלינגען א בלינצע נאך א בלינצע. אַן אנדער מיידעל וואס איז געשטאנען לעבען מיר האט אויסגעשריען:

— לילית, לילית! זעה וויא דיא קאַץ נאשט דיינע טייגלעך!

— אָה, דאָנער וועטער! — האט האַלזשניידער מיט איין אונגעוועהנליכען קול געשריען — וואס פאר א פערדאמטע לומפעריי! אך ארימע קעצעלע, וויא האסט דוא זיך דאן ערשראָקען!

— וויא אזוי האט איהר זיך ארויסגעמאכט פון געפאהר, נאכטיגאל? — האט רודאלף געפרעגט מיט אן אונגעוועהנליכען ערנסט.

— אָה, דאס וואר איין גאנץ ערנסטע פראגע פאר מיר. אָבער דיא שטראפע איז ערסט שפעטער געקומען, דען לילית האָט אויגענבליקליך ניט געקענט אבטרע־טען פון איהר פאָן, חאָטש זיא אליין האָט געזאָרדען פון כעס. איך האָב געזעהן, אז פאָרלויפיג קען זיא מיר גאָר נישט טהאָן און איהר כעס איז שוין זאָ וויא זאָ גרויס, האב איך גענומען נאָך איינע בלינצעס און האב זיי געגעסען פאר איהרע אויגען.

— גוט מיין קינד! אָט אזוי וואָלט איך אויך געטאָן! — האט האלזשניידער מיט התפעלות געשריען — אָבער נאכדעם?

— נאכדעם וויא איהר בראַטען איז פערטיג געוואָרען איז זיא צו מיר צוגע־גאנגען און האָט מיך געחאפּט ביי'ן האנד. איך פערשטעה יעצט ניט וויא אזוי איך האָב איבערגעטראָגען מיין שרעק! איך געדענק עס אזוי וויא עס וואלט ערשט פאַ־סירט. לילית האט מיך ניט געשאָלטען וויא געוועהנליך, זיא האט נור געקריצט מיט איהרע צייהן און דאס האט מיך נאך מעהר געשראקען. זיא האט מיך שוין ניט אָב־געלאזען. זיא האט מיך געשלעפּט נאך זיך און איז געגאנגען אזוי שנעל, דאס איך האב געמוזט נאכלויפען מיט מיינע לעצטע כחות. לויפענדיג האב איך פערלאָרען איינעם פון מיינע צוויי הילצערנע שיך. איך האב מורא געהאט צו זאגען און בין געלאפען מיט א בארפוסען פוס איבער דיא פערפרארענע שטיינער. ביז מיר זיינען געקומען צום הויז איז מיין פוס געוועזן אין שטיקער צוריסען און דאס גאנצע בלוט וואר שוין ארויס.

— דיא בלינדע מכשפה! — האט האלזשניידער ווידער מיט כעס אויסגעשריען זעצענדיג מיט קולאקעס אויפ'ן טיש — מיין גאל פּלאצט אין מיר ווען איך שטעל זיך פאר וויא דיא אלטע מכשפה האט געשלעפּט דעם בארפוסען קינד מיט זיין צובלי־טיגטען פוס!

— ניט ווייט פון איהר הויז, האט זיא מיך אריינגעשלעפּט אין א שיינק און דארט האט זיא אויסגעטרונקען א גאנצע גלאז בראנפען. דאן האט זיא מיך ארויפ־געשלעפּט אין איהר אויבערסטען צימער און זיא האט פערשלאָסען דיא טהיר הינטער זיך. איך האב זיך געוואָרפען צו איהרע פיס און האב געבעטען רחמים. זיא האט מיר ניט געענטפערט, נור צו זיך אליין האט זיא געברומט: „וואס זאל איך מיט איהר טהאן? וויא בעגראבט מען דיזע נאשערקע, דיזע בלינצעס פרעסערקע? אך, מיט וואס לעהרענט מען זיא אן?" דאן האט זיא זיך א ווילע אפּגעשטעלט געגען מיר און האט מיך אנגעקוקט מיט איהר איינציגען אויג. איך בין אלץ געשטאנען

אויף דיא קניע און האב געבעטען מיטלייד. פלוצלינג איז זיא צוגעגאנגען צו איהר קאסטען און האט ארויסגענומען אן אבצווענגע.

— אבצווענגעס? — האט האלזשניידער אויסגעשריען.

— אבצווענגעס? וואצו? — האט רודאלף געפרעגט.

— האט זיא דיך געוואלט קנייפען? — האט ער נאכגעפרעגט.

— אה ניין, — האט דאס ארמע מעדכען געענטפערט ציטערענדיג פון דער עראינערונג.

— אויסצורייסען דיינע האאר?

— ניין! אויסצורייסען מיינעם א צאהן!

הערענדיג דיעזעס האט האלזשניידער ארויסגעלאזען אזא קול און האט א קלאפּ געטהאן אויפ'ן טיש מיט אזא מאכט דאס אלע געסט זיינען איבערראשט געוואָרען.

— וואס טהוט זיך יעצט מיט דיר? — האט איהם רודאלף געפרעגט.

— איהר פרעגט נאך? איך וועל זיא צורייסען א לעבעדיגע ווען איך קען זיא יעצט האפּען. דיעזע בלינדע מכשפה! וואו געפינט זיא זיך? זאג מיר וואו איז זיא? איך וועל זיא אויסרייסען, דיא כלב'טע.

— האט זיא ווירקליך אויסגעריסען דיין צאהן? — האט רודאלף געפרעגט ווערענד האלזשניידער האט געשאלטען און געפלוכט.

— יא, מיין הערר. אבער ניט מיט דעם ערשטען ריס! אה, גרויסער גאט, וויא איך האב געליטען! זיא האט געהאלטען מיין קאפּ צווישען איהרע פיס און אביסעל מיט דיא אבצווינגע און אביסעל מיט דיא פינגער האט זיא ארויסגעריסען מיינעם א צאהן און דאן האט זיא געזאגט:

— יעצט מיין שעהנהייט! איך וועל יעדען טאג דיר ארויסנעהמען א צאהן און ווען דוא וועסט בלייבען אהן צייהן, וועל איך דיך אריינווארפען אין טייך פאר דיא פיש.

— צום הענקער און צום טייפעל! ארויסצורייסען א קינדס צעהנער אויף אזא ארט! — האט האלזשניידער אויסגעשריען מיט א דאפּעלטע אויפרעגונג.

— און וויא אזוי האסט דוא זיך גערעטעט פון דער מכשפה? — האט רודאלף געפרעגט.

— אויף מארגען, ווען זיא האט מיך געשיקט אין מאנטפּויקאן בין איך אוועק וואוהין דיא אויגען האבען מיך געטראגען. איך וואלט געלאפען אין עק וועלט איידער ווידער אריינצופאלען אין איהרע הענד. נאכדעם, וויא איך האב זיך ארומגעטריבען

אהין און אהער בין איך אין גאנצען פערבלאָנזעט געוואָרען; איך האב קיינעם ניט בעגעגענד ביי וועמען איך זאל קענען עטוואָס בעטען צום עסען. אין דער טהאט, איך בין געוועזן אזוי ערשראָקען דאס איך האב פערגעסען מיין הונגער און מיין אָרימקייט. ביי נאכט האב איך זיך בעהאלטען אין א האלץ-לאגער אונטער דיא ברעטער. איך בין געוועזן אזוי הונגעריג דאס איך האב זיך פרובירט בייסען דיא האלץ טאָמער וועט עס מיך זעטיגען, אָבער איך האב עס ניט געקענט איינבייסען. ענדליך בין איך איינגעשלאָפען. גאנץ פריה האב איך דערהערט א טומעל, פון שרעק בין איך פער־קראָכען נאך טיעפער אונטער דיא ברעטער. דאָרט וואר גאנץווארעם און ווען איך וואָלט נור געהאט וואס צו עסען וואלט איך מיך געשעצט גאנץ גליקליך אין דיעזער קאלטער ווינטער צייט. איך האב ניט געוואגט ארויסצוגעהן פון דיעזע בעהעלטעניש וויל מיר האט געשיינט, אז דיא מכשפה יאָגט מיך און זוכט מיך ארויסצורייסען מיינע צייהן און אריינוואָרפען מיר אין טייך פאר דיא פיש.

— האלט! שפרעך ניט מעהר פון דיעזער מכשפה, ווייל עס מאכט זיעדען מיין בלוט! איך זאָג דיר, אז דוא האסט געהאט דעם ערגסטען חולק צרות. ארמעס קינד! זיי זיכער, אז מיר טהוט לייד ווארום איך האב דיך ערסט געשראָקען און געוואלט שלאגען. איך האב עס אבער ניט געמיינט. איך שווער דיר, אז מיר טהוט לייד! — האט דער באנדיט געזאגט מיט א צובראָכענעם הערץ.

— ווארום זאלסט דוא מיך ניט שלאָגען, איך האב קיינעם וואס זאל מיך בעשיצען.

— אָט דאס איז טאקע דער טעם ווארום איך וועל דיך ניט שלאגען; דוא האסט ניט ווער עס זאל זיך פאר דיר איינשטעלען, אזוי וויא אנדערע האָבען און דארום וויל איך דיך ניט אנריהרען. ווען איך זאג, אז דוא האסט קיינעם, מיין איך ניט אונזער קאמעראד רודאלף; וואס ער איז אנגעקומען, וואר א מין מזל און ער האט מיר זיכער בעצאהלט וויא איך האב פערדיענט.

— ערצעהל ווייטער, מיין קינד, — האט רודאלף געזאגט — ערצעהל וויא דוא ביזט ארויס פון האלץ-לאגער?

— אויף מארגען, אום מיטאג צייט, ווערענד איך בין געלעגען אונטער דיא האלץ, האב איך דערהערט דיא בילעריי פון א הונד. איך האב זיך צוגעהערט דיא בילעריי איז געקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער; דאן האט א טיעפע, הייזעריגע שטימע אויסגעשריען:

— **איך הער וויא מיין הונד בילט, יעמאנד איז בעהאלטען אונטער דיא האלץ.**

— **גנבים! — האט א צווייטע שטימע געענטפערט.**

דיא צוויי מענער האבען גענומען רייצען דעם הונד שרייענדיג:

— חאפּ איהם! שלעפּ איהם אהער!

דער הונד איז צו מיר צוגעלאפען און אויס פורכט, ער זאל מיר ניט צורייסען האב איך אנגעפאנגען שרייען מיט אלע קרעפטען.

— א קינד'ס קול,—האט איין שטימע געזאגט.

זיי האבען דעם הונד צוריקגערופען. איך בין ארויסגעקראכען פון מיין בעהעל־טעניש און האב דערזעהן אן אנשטענדיגען מאן מיט א דיענער.

— וואס טהוסט דוא אין מיין לאגער, דוא קליינער גנב?—האט דער הערר געפרעגט מיט בעס.

איך האב פערבראכען מיינע הענד און האב געזאגט:

— איך בעט אייך, שלאגט מיך ניט. איך האב שוין צוויי טעג ניט געגעסען. איך בין אנטלאפען פון לילית דיא מכשפה, וואס האט אויסגעריסען מיין צאהן און האט געזאגט, אז זיא וועט מיך אריינוואַרפען אין טייך. איך האב ניט געהאט, וואו אנצושפּארען מיין קאפּ און זא האב איך זיך בעהאלטען אונטער דיעזע האלץ. איך האב ניט געדענקט צו טהאן שאדען צו אירגענד וועמען אין דער וועלט.

— אה, מיך וועסט דוא מיט אזא מעשה ניט בעשווינדלען. דוא ביזט אהער געקומען גנב'נען האלץ. געה און רוף דיא פאליציי,—האט דער האלץ־הענדלער געזאגט צו זיין בעגלייטער.

— אה, דער אלטער נארר! ער רופט דיא פאליציי! ווארום האט ער ניט געשיקט נאך א ראטע סאלדאטען מיט איין מאל!—האט דער באנדיט געלאכט—גנב'ענען זיין האלץ ווען דוא ביזט נור אכט יאהר אלט, אך וואס פאר אן אלטער אייזעל.

— דאס איז וואהר; וויל זיין בעגלייטער האט געענטפערט:

— דאס קינד וויל גנב'ענען אייערע ברעטער? וויא אזוי קען זיא דאס טהאן? זיא איז ניט אזוי גרויס וויא דיא מענשען וואס קענען שלעפּען דיא קלעצער.

— דאס איז מעגליך, אבער אויב זיא איז ניט געקומען גנב'ענען אליין איז זיא געקומען אנדערע העלפען אין דער ארבייט. גנבים האבען זעהר פיעל אזעלכע גנבים, וועמען זיי שיקען ארום בעטלען און בעהאלטען זיך צו עפענען דיא טהירען פאר דיא גנבים. מען מוז זיא שטעלען פאר'ן געריכט. גיב אכטונג זיא זאל ניט אנטלויפען.

— אויף מיין עהרע, דיעזער מאן איז דער גרעסטער דומקאפּף אין דער וועלט און א גרעסערער הונד פאר אלע זיינע הינד,—האט דער האלזשניידער געשריען.

— מען האט מיך געבראכט פאר א ריכטער. איך האב זיך אליין פערקלאגט

א וואגאבונד. מען האט מיך אבגעשיקט אין געפענגנים. אין א צייט ארום האט מען מיך פראצעסירט און אבגעשיקט אין אן אינסטיטוט, וואו איך האב בעדארפט זיצען ביז זעכצעהן יאהר. איך האב הערצליך געדאנקט מיינע ריכטער, דען אין אסטראָג האב איך געהאט גענוג צו עסען און מען האט מיך ניט געשלאָגען. עס וואר פאר מיר אן אמת'ער גן עדן אין פערגלייך צו מיין לעבען ביי דער לילית. נאך מעהר, אין אסטראָג האט מען מיך אויסגעלערענט נעהען, נור צום אונגליק בין איך געווען פויל. איך האב געוואָלט זינגען אָבער ניט ארבייטען, איבערהויפט ווען דיא זון האט געשיינט. אָה, ווען דיא זאָנענשטראהלען האבען בעלויכטען דעם הויף פון מיין אסטראָג, דאן האב איך זיך ניט געקענט אבהאלטען פון זינגען; און ווען איך האָב געזונגען, האב איך אין גאנצען פערגעסען, אז איך בין א געפאנגענע.—ווייל איך האב אזוי פיעל געזונגען האבען זיי מיך דארט א נאָמען געגעבען „זיעסע האלז" אנשטאָט שטומע קאַץ. וויא איך בין אלט געוואָרען 16 יאהר, בין איך ארוים פריי. ביי'ן טהיר פון אסטראָג, האב איך אָנגעטראָפען דיא ווירטהין פון דיעזען שיינק און נאך א פאָר פרויען, וואס פלעגען מיר פערשפרעכען, אז ווען איך וועל ארוים פריי וועלען זיי מיך בעזאָרגען מיט אלעם גוטס! וויא זיי האבען מיר דערזעהן, האבען זיי מיר אָנגעהויבען צו גלעטען און צו בעטען און צו זאָגען:

— שעהנעס קינד, ליעבעס קינד, אָרימעס קינד, קום מיט אונז, מיר וועלען דיר געבען א וואוינונג. מיר וועלען דיר געבען שעהנע קליידער און דוא וועסט קיין זאך ניט דארפען טהאָן, נור זיך אמוזירען.

איך האב זיי אָבער פערדעכטיגט און האב זיך ענטזאגט פון זייער פריינד־שאפט זאָגענדיג צו זיך אליין: איך וויים וויא מען בעגעהט זיך מיט א נאָדעל, און האב נאך צוויי הונדערט פראנק פון אסטראָג ארויסגעטראָגען. איך בין געזעסען 8 יאהר אין אסטראָג יעצט דארף מען זיך אביסעל אונטערהאלטען, דאָס וועט דאָך קיינעם ניט שאדען; ארבייט וועט קומען ווען דאס געלד וועט אוועק. און דאָ האב איך אנגעפאנגען אויסצוגעבען מיין ביסעל געלד. אָה, דאס וואר אן גרויסער טעות! איך האב פריהער בעדארפט געפינען ארבייט און נאכדעם אויסגעבען דאס געלד! איך האב אָבער ניט געהאט קיינעם אין דער גאנצער וועלט, וואס זאל מיר געבען אן ראטה. א זעכצעהן יעהריגע מיידעל, וואָס איז אריינגעוואָרפען אין דיא פאריזער גאסען איז זעהר עלענד. נור וואָס געשעהן איז פערלאָרען, איך האב זיך שלעכט אויפגעפיהרט און איך האָב דאפיר בעצאָהלט. ארויסגעהענדיג פון אסטראָג האב איך זיך געוואָרפען מיט געלד. ערשטען האב איך געקויפט בלומען פאר מיין צימער. איך האב אזוי ליעב בלומען! דאן האב איך זיך שעהן געקליידעט און

האב געמאכט אַ רייזע איבער'ן לאַנד—אַה, וויא איך ליעב דיא לאַנדשאַפט.

— מיט אַ געליעבטען?—האט האלזשניידער געפרעגט.

— אָה, מיין גאָט! איך האב קיין געליעבטען. איך וויל זיין מיין אייגענע גע־ליעבטע. איך בין ארומגעפאָהרען מיט מיינע אַ פריינדין פון אַסטראַג, זעהר אַ גוטעס קינד. זיי האבען זיא גערופען דיפּעלטאַן.

— דיפּעלטאַן? איך קען זיא ניט,—האט האלזשניידער געזאגט נאכדעם, וויא ער האט געקנייטשט דעם שטערען.

— איך האב ניט גערעכענט, אַז דוא קענסט זיא. זיא האט זיך אויפגעפיהרט זעהר אנשטענדיג אין אַסטראַג. זיא איז געווען דיא פרעהליכסטע, אָבער אויך דיא פלייסיגסטע מיידעל. ווען זיא איז ארויס פון אַסטראַג, האט זיא מיטגענומען אמווע־נינסטען 400 פראַנק, וועלכע זיא האט דארט פערדיענט. זיא איז זעהר אדעל, איהר האט זיא נור בעדאַרפט קענען. ווען איך זאָג, אַז איך האב ניט געהאַט ווער עס זאל מיר געבען אַ ראַטה, זאָג איך ליעגען. איך האב זיא בעדאַרפט פאָלגען, דען נאכדעם וויא מיר האָבען זיך אָבגערוהט אַ גאַנצע וואָך, האט זיא צו מיר געזאָגט:

— מיר האבען שוין גוט פערבראַכט, יעצט דאַרפען מיר זוכען ארבייט און ניט פּטר'ן אונזער געלד.

איך האב אבער געענטפערט:

— איך וויל נאך אביסעל געניסען דאס לעבען, ארבייטען וועל איך ניט פער־זאמען.

זייט דאַן האב איך זיא ניט געזעהן. איך האב נור געהערט, אַז זיא וואוינט אין טעמפּעל דיסטריקט און אַז זיא איז אַ בעריהמטע נייטערין, וואס פערדיענט שעהנעס געלד און ארבייט פאַר זיך אליין. יעצט אבער וואָג איך ניט צו זעהן זיך מיט איהר. איך וואָלט געשטאָרבען פון שאַנדע ווען איך זאל זיא בעגעגענען.

— זאָ, מיין ארמעס קינד, דוא האסט אויסגעגעבען דיין געלד צו בערייזען דאס לאַנד, דוא מוזט זעהר ליעבען דאס לאַנד?—האַט רודאלף איהר געפרעגט.

— אָה, געוויס, געוויס! איך וואָלט אַלעס געגעבען, נור צו לעבען אויפ'ן לאַנד! דיפּעלטאַן האט ליעב נור פּאַריז און שפּאַצירען איבער דיא בולוואַרען; אבער זיא וואַר אזוי גוט און אזוי פריינדליך. זיא איז מיט מיר געפאָהרען אין דיא קליינע שטעדטלעך נור אום מיר צו פערשאפען פערגניגען.

— און דוא האסט זיך אפילו קיין סענטים איבערגעלאזען צו האבען צום לעבען, ווען דוא וועסט זוכען ארבייט?—האט האלזשניידער געפרעגט.

— יא, איך האב מיר איבערגעלאזט פופציג פראנק, עס איז באלד פערשוואונ־דען, איך האב געהאט א וואש־פרוי מיט'ן נאמען לאריין, אן ארימע בעשעפעניש, וואס האט נור געקענט האפען אויף גאט. זיא איז געווען זעהר נאהענט צו איהר קינדפעט און דאך איז זיא געווען געצוואונגען צו שטעהן מיט דיא הענד און פיס אין איהר וואש־טאב. זיא איז קראנק געווארען און האט ניט געקענט ארבייטען, זא האט זיא געבעטען מען זאל זיא צונעהמען אין א האספיטאל; זיא האט אבער קיין פלאץ געפונען און זיא האט ניט געהאט פון וואס צו לעבען. דער קינדבעט־טאג איז שוין געווארען נאהענט און זיא האט ניט געהאט קיין פעניג צו בעצאהלען פאר איהר בעטעל אין א חורבה פון וואנען מען האט זיא ארויסגעיאגט. צום גליק האט זיא זיך בעגעגענד מיט גאבינ'ס ווייב, וועלכע האט זיך בעהאלטען פון איהר מאן, וואס האט זיא געוואלט ערמארדען. דיעזע פרוי איז געלעגען גאנצע טעג אין א קעלער פון אן איינגעפאלענעס הויז, נור אבענדס פלעגט זיא ארויסגעהן קויפען עטוואס צום עסען. דיעזע פרוי האט אנגעטראפען מיין וועשערקע, וויא זיא שלעפט זיך איבער'ן גאס קראנק און פערצווייפעלט, דען יעדע שטונדע האט זיא ערווארטעט צו ווערען ענטבונדען, און זיא האט דער ארימע פרוי אריינגענומען צו זיך אין קעלער. עס וואר נור א געלעגער פאר הינד, ניט מעהר. דארט האט דיא ארימע פרוי געבראכט א קינד אויף דער וועלט, וואס האט מעהר וויא אביסעל שטרוי אונטער'ן זייט און א ביסעל שטרוי צום צודעקען זיך ניט געפונען. גאבענ'ס ווייב האט עס ניט געקענט צוזעהן און זא האט זיא ריזיקירט איהר לעבען, וועלכען איהר מאן האט געזוכט צו רויבען און האט זיא ארומגעזוכט אין אלע גאסען, און אין מיטען טאג איז זיא געקר־מען מיך זוכען. זיא האט געוואוסט, אז איך קען העלפען דער ארימע פרוי, ווען איך זאל נור וועלען. זא, ווען גאבינ'ס ווייב האט מיר דערצעהלט פון דער ארימע לאריין און איהר נייגעבארענעס קינד, האב איך גענומען וויינען און האב איהר געזאגט, אז זיא זאל ברייננען דיא קינדבעטארין און איהר קינד צו מיר אין הויז און איך וועל פאר איהר דינגען א צימער לעבען מיינעם. איך האב עס אויך געטהאן. אה, וויא גליקליך איז געווען דיא ארימע וואש־פרוי, ווען זיא איז געלעגען אין א בעט און איהר קינד אין א וויעג־בעטעל צוגעדעקט און איינגעווארימט! — איך האב דיעזע פרוי געהאלטען ביז זיא האט שוין געקענט אראפגעהן פון בעט און דאס ביסעל געלד, וואס מיר איז נאך פערבליבען, האבען דיעזער פרוי פערהאלפען צוריק אנצופאנגען איהר ארבייט.

— נאכדעם וויא דוא האסט פערשווענדעט דיין געלד אויף לאריין און איהר קינד, וואס האסט דוא דאן געטהאן? — האט רודאלף געפרעגט.

— דאן האב איך געזוכט ארבייט; עס וואר שוין אָבער צו שפּעט. איך בין געווען אַ גוטע נייטערין, איך האב געהאט פיעלע האָפענונג און האב גערעכענט, אז גלייך וויא איך וועל פרעגען אויף ארבייט. וועל איך געפינען גענוג בעשעפטיגונג. אָה, וויא האב איך מיך אָבגענארט! איך בין אריין אין אַ געשעפט, וואו מען פערקויפט פערטיגע וועש און האב געבעטען ארבייט; אזוי וויא איך האב ניט געוואָלט זאָגען אַ ליעגען, האב איך ערצעהלט, אז איך בין געווען אין אסטראָג. דיא לייטע האבען מיר גלייך געוויעזען דיא טהיר אָהנע עטוואָס צו ענטפערן. איך האב געבעטען זיי זאָלען מיך שטעלען אויף אַ פּראָבע, אָבער זיי האבען מיר ארויסגעשמיסען אין גאס גלייך וויא איך וואָלט געווען אַ גנב. דאן, ווען עס וואר שוין צו שפּעט, האב איך מיך עראינערט וואס דיפּעלטאָן האט מיר געזאָגט. איך האב פערקויפט אלע מיינע זאכען צו קויפען וואס צו עסען און ווען איך האב שוין אלעס פערקויפט האט מען מיך ארויסגעשמיסען פון מיין וואוינונג. איך האב ניט גענעסען גאנצע צוויי טעג; איך האב ניט געהאט וואו צו שלאָפען. דאן האב איך צופעליג בעגעגענד דיא שיינ־קערקע און איינע פון דיא אלטע פרויען. זיי האָבען געוואוסט וואו איך וואוין און דיא גאנצע צייט זייט איך בין ארויס פון אסטראָג, האבען זיי מיך פון אויג ניט געלאָזען. זיי האבען מיר געזאָגט, אז זיי האבען פאר מיר ארבייט, איך האב זיי געגלויבט. זיי האבען מיך אוועקגעפיהרט, איך וואר אזוי הונגעריג דאס איך האב קוים געוואוסט וואס מיט מיר טהוט זיך. זיי האבען מיר געגעבען בראנפען און—און—און אָה!

ביי דיעזע רייד האט זיא זיך צרוויינט און האט פערדעקט איהר געזיכט מיט ביידע הענד.

— וויא לאַנג איז שוין זייט איהר וואוינט מיט דער שיינקערקע?—האט רו־דאָלף נאָכגעפרעגט.

— זעקס וואָכען,—האט נאכטיגאל געענטפערט ציטערענדיג.

— איך פערשטעה,—האט האלזשניידער געזאָגט—איך קען דיך יעצט אזוי גוט פונקט וויא איך וואָלט געווען דיין פאָטער און מוטער און דוא ביזט קיין מאָל ניט געווען אויף מיין שוים. אָבער דאס איז מעהר וויא זיך מודה געווען.

— דיין לעבענסגעשיכטע מאכט דיך טרויעריג מיין קינד?—האט רודאָלף געפרעגט.

— וועה!—האט דיא מאריע־בלומע מיט טרעהרען געזאָגט—זייט איך בין געבאָרען האב איך הייטע צום ערשטען מאָל ערצעהלט מיין גאנצע געשיכטע און האב זיך מיט איין מאָל עראינערט אלע מיינע צרות.

— דוא ביזט א מאָדנע קינד, — האט האַלזשנײדער לאַכענדיג געזאָגט — אפשר ביסט דוא טרויעריג, ווארום דוא ביזט ניט א מאַכערקע ארום א פעטען טעפּעל אין קיך, אָדער ווארום דוא קענסט ניט דיענען איין אַלטען אריסטאָקראַט, וואס זאָל דיר הייסען פיטערען זיינע קעץ?

— אָה, — האט דיא מאַריע־בלומע מיט א שטרענגען בליק געענטפערט — צו זיין אין גאַנצען גליקליך מוז מען זיין גאַנץ אָרענטליך.

— וואס פאר אן איינבילדונג! — האט האַלזשנײדער אויסגעשריען — אפשר ווילסט דוא א מעדאַל, וואָרום דוא האסט ניט פערשוואַרצט דיא אויגען פון א פאָ־טער און מוטער, וועלכע דוא האָסט ניעמאַלס געקענט.

— אַלס קינד האבען מיך מיינע עלטערען אוועקגעוואָרפען אין גאַס, וויא קינדער וואַרפען אוועק א צובראָכענע שפּיעלצייג; פיעללייכט האבען זיי אַליין ניט געהאַט וואס צו עסען, — האט נאַכטיגאַל געזאָגט מיט א ביטערן זיפץ — איך האב צו זיי ניט. איך בעקלאַג מיך ניט. אָבער עס גיעבען פיעל בעסערע מזלות, אַלס מיינע.

— דיין שיקזאַל איז אויך ניט שלעכט. וואָס ווילסט דוא מעהר אין דער וועלט? דוא שיינסט וויא א ווענוס; ביזט נור זעכצעהן און א האַלב יאָהר; דוא זינגסט וויא א קאַנאַריק; זעהסט אויס וויא דיא מוטער גאָטעס; מען רופט דיך מאַריע־בלומע; און דאָך בעקלאָגסט דוא זיך! וואָס וואָלסט דוא געזאָגט, ווען דוא וואָלסט זיך דאַרפען וואַרמען איבער א פייער טאָפּ און האבען ווייסע האאר וויא דיעזע שיינ־קערקע? — האט רודאָלף געפרעגט.

— אָה, איך וועל ניט דערלעבען איהרע יאָהרען.

— אָי, איך האב ניט געוואוסט, אז דוא האסט א פּאַטענט צו זיין אייביג יונג.

— ניין, איך בין קראַנק. איך האב שוין דעם שלעכטען הוסט.

— האסט דוא אָפט אַזעלכע געדאַנקען? — האט רודאָלף איהר געפרעגט.

— מאַנכעס מאָל. הערט מיך נור אויס, הערר רודאָלף; פיעללייכט וועט איהר מיך בעסער פערשטעהן. מאָרגענס ווען איך געה קויפען מילך פאר דער שיינקערקע און איך זעה וויא דיא מילך־פרוי פאָהרט אוועק אין איהר קליינעם דאָרף־וואָגען, דאַן בין איך איהר מקנא און זאָג צו זיך אליין: „זיא פאָהרט אויפ'ן לאַנד, צו פרישען לופט, צו איהר היים, צו איהר פאַמיליע“ און דאַן קעהר איך מיך אום אונמוטהיג און אונגליקליך אין דיעזען שיינק, וואו מען קען ניט זעהן דיא ריינע לופט אין מיט'ן טאָג.

— עס זיך ניט דאס הארץ, זיי אזוי גוט און פערבייס דיין אויבערסטע ליפ; גיב דיא בחורים א פייג און זיי עהרליך,—האט האלזשניידער זיא געטרייסט.

— עהרליך? גרויסער גאָט, וויא קען איך זיין עהרליך? דיא קליידער וואָס איך טראָג בעלאַנגגען צו דער שיינקערקע; איך בין איהר שולדיג פאר עסען און קווארטיר, איך קען זיך פון איהר ניט ארויסמאכען, זיא וואָלט מיך ארעטירט אלס א גנב. איך בעלאַנג צו איהר, איך מוז איהר בעצאָהלען מיט מיין קערפּער.

דאס יונגע קינד האט אָנגעפאַנגען צו שווידערן ווען זיא האט דיעזע רייד אויס־גערעדט און טרעהרען האבען זיך געקייקעלט איבער איהרע באַקען.

— דאן בלייב וואס דוא ביסט און גיב אויף צו פערגלייכען זיך מיט א לאַנד פריצ'טע,—האט האלזשניידער איהר געזאגט—דוא קענסט ניט מאכען א דאָרף אין דיינע געהירען! בערעכען זיך נור, דוא קענסט נאך מאכען דיין גליק אין דיעזער גרויסער שטאָדט, וועהרענד דיא מילך־פרוי דאַרף קאָכען קלייען פאר איהרע בהמות, רייסען גראָז פאר איהרע ציעגען און פיעללייכט חאפּען א פּאאר טהייערע קלעפּ פון איהר מאַן, ווען ער קומט צוריק פון פעלד. א טהייערע מעשה דער דאָרף, דאָ נאך וואָס צו וויינען. פּפוי חלשות!

נאַכטיגאַל האט ניט געענטפערט. איהרע אויגען זיינען געבליעבען שטעהען, איהר הארץ וואר פאָל און אוהר געזיכט האט געהאט דעם אויסדרוק פון שרעקליכע פערצווייפלונג.

רודאָלף האט ניט ווילענדיג געטראַכט פון זיינע א ליעבעס קינד—א מיידעל, וועלכע ער האט פערלאָרען; וועלכע איז געשטאָרבען זעקס יאָהר אלט; וועלכע וואָלט שוין יעצט געוועזען זעכצעהן און א האלב יאָהר, וויא דיעזע נאַכטיגאַל. דיעזע עראינע־רונג, האט איהם בעוואגען ער זאָל זיך איינהערען, פעראינטערעסירען און מיטפיהלען אין דער טרויעריגער געשיכטע וואָס ער האָט ערשט געהערט.

2טעם קאַפּיטעל.

האַלזשניידער'ס יסורים.

דיא לעזער האָבען וואהרשיינליך נאך ניט פערגעסען, אז צוויי געסט וואָס זיינען געזעסען פאר זיך אליין ווארען געהיט פון א דריטען מאַן, וועלכער איז אריין אין צימער.

אין פערלויף וואס נאַכטיגאַל האט דערצעהלט איהר געשיכטע, וועלכע זיי האבען ניט געהערט, האבען דיעזע צוויי מענשען זיך געסוד'עט און געשראָקען און אָפט געקוקט צום טהיר. דער מאַן מיט'ן ברילי איבער דיא אויגען, האט צו זיין קאַמעראַד געזאָגט:

— דער קריפּעל ווייזט זיך ניט און דער לעהרער איז אויך ניטאָ.

דער מאַן וואָס האט זיי געהיט איז געזעסען אביסעל צו ווייט אום צו הערען זייערע סודות; נור ווען זיי האבען זיך פערטראַכט, האט ער ארויסגענומען א פּאַפּי־רעל פון זיין היטעל, האט איהם בעטראַכט און האט בעטראַכט דיא צוויי מענשען און עס האָט געשיינט, אַז ער איז איבערציינגט געוואָרען אין א געוויסע זאַך; ער האט זיך אויפגעהויבט פון פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען צו דער שיינקערקע, וועלכע האט נעדרעמעלט איבער איהר קאַנטאָר און איהר געבעטען זיא זאָל אכטונג געבען אויף זיין שנאַפּס און אויף זיין שפּייז און ער איז ארויס פון הויז.

אין דיעזעלבע מינוט וואס דער מאַן איז דורכגעגאַנגען דיא טהיר, האט רו־דאָלף געוואָרפען א בליק אויף דעם קאָהלען־טרעגער, וואָס איז ניט אָבגעטראָטען פון פּלאַץ און ער האט איהם געגעבען צו פערשטעהען, אַז ער איז ניט צופריעדען, וואָס ער היט איהם אזוי פיעל. דער קאָהלען־טרעגער האט זיך אָבער ניט געקימערט וועגען דעם און ער איז פערבליבען אויף זיין פּאָסטען.

נאַכטיגאַל'ס געזיכט איז נאָך פינסטערער געוואָרען. איהר פּליצע האט זיא צוגעשפּארט צום וואַנט, איהר קאָפּ האט זיא אראָפּגעלאָזען איבער'ן בוזים און איהרע בלויע אויגען האבען געקוקט אין אלע זייטען. מען האט געזעהן, אַז זיא איז פּאָל מיט וועהטאַג און ביטערע געדאַנקען. צוויי אָדער דריי מאָל האבען איהרע אויגען בעגע־גענד רודאָלף'ס בליקען און ניט ווימענדיג וואָרום דיעזער בעקאַנטער מאַכט אויף איהר אַזא איינדרוק, האט זיא אימער בעהאַלטען איהרע אויגען. זייענדיג אראָפּגע־פאַלען און צובראָכען אין זיין געגענוואַרט, האט זיא זיך אליין געמאַכט פאָרווירפע וואָרום זיא האט איהם ערצעהלט איהר גאַנצע ביאָגראַפיע. האַלזשניידער איז גראַדע געווען אויפגעלעגט; ער האט אויפגעעפענט זיין גאַנצען פּעקעל גאָר אָהן איינעמס הילפע. דיא וויין און שנאַפּס האבען איהם געמאַכט ריידענדיג, זיין אונטערטהעניג־קייט פאַר זיין מייסטער, האט ער פערגעסען דורך רודאָלף'ס פריינדשאַפט; ער האט זיך געפיהלט אונטער אַזא געזונטען הערשער דאַס ער איז געווען פּאָל מיט רעספּעקט און מורא און ער האט זיך ניט געקענט אָבהאַלטען פון זוכען מיטלען אום צו געפעלען זיין הערר. דאָס וואָס האַלזשניידער האט ניט געהאַסט דעם מאַן, וואָס האט איהם געשלאָגען און וואָס ער האט זיך בעריהמט דערמיט, וואָס ער האָט ניעמאַלס גע'גנב'עט, האבען בעוויעזען, אַז ער איז געווען ניט אַזאַ פערלאָרענער בויאַן. דאָס האָט רודאָלף אויך פערשטאַנען און ער וואַר גאַנץ נייגיעריג צו וויסען דעם ווילדענ'ס ביאָגראַפיע.

— נו, מיין פריינד,— האט רודאָלף איהם געזאָגט — יעצט הערען מיר וואָס דוא האָסט צו ערצעהלען.

האַלזשניידער האָט אויסגעליידיגט זיין גלאָז און האָט נאָכדעם אָנגעפאַנגען צו רעדען.

— דוא, מיין אָרימע נאַכטיגאַל ביזט אמוויינינגסטען צוגענומען געוואָרען פון לילית דיא מכשפה, א רוח אין איהר טאַטען, און האסט חאָטש געהאט וואו צו שלאָפען. איך האב אבער ניט געוואוסט, וויא א בעט זעהט אויס ביז מיין ניינצעהנ־טען יאָהר, דיא גליקליכע צייט ווען איך בין געוואָרען א סאָלדאט.

— האָסט דוא געדיענט? — האט רודאָלף געפרעגט.

— דריי יאָהר, אָבער איהר וועט אַלעס דערפון וויסען. דיא פינסטערע גאסען פון פאריז, הארטע שטעכיגע שטיינער און דיא מיסט און שמוץ פון מאָנפויקאָן, דאָס ווארען דיא וויגעלעך פון מיין יוגענד. יעצט זעהט איהר, אז איך האב געהאט א סך וואוינונגען, איך האב געוואוינט אין שטאָדט און אין דאָרף און האָב נאָך געהאט א סך מעהר פלאַץ אין דער וועלט, וואו צו מאכען מיין היים.

— וואָס וואר דיין בעשעפטיגונג?

— דער שיקזאל וואר מיין סחורה. איך געדענק וויא פון א חלום, אז אין מיין יוגענד בין איך ארומגעגאנגען מיט אן אלטעןביינער־קלייבער, וועלכער האט מיך געשלאָגען צום טוידט. א בעוויז דאס איך האב געליטען פון אזא מאן איז דאָס ווען איך בעגעגען יעצט איינעם וואס געהט מיט א זאק און מיט א שטעקען און זוכט אין דיא מיסט־קאסטען, ווילט זיך מיר איהם חאפען פאר'ן גאָרגעל און ארויס־טרייסלען זיין לעבען. דאס איז א סימן, אז איינער פון זייערע לייטע, האט אמאָל מיר געגעבען דיא וועלט צו זעהן. מיין ערשטע בעשעפטיגונג איז געווען צו העלפען דיא פעל־שינדער קיילען דיא פערד אין מאָנטפויקאן. איך בין דאמאָלס געווען 10 אָדער 12 יאָהר אלט. ווען איך האב אָנגעפאנגען שלאכטען דיזע ארמע, אלטע, אָבגעדיענטע פערד האט עס מיך געריהרט. אין א חודש ארום האָב איך זיך דערצו געוואוינט און האָב אָנגעפאנגען צו ליעבען מיין פראָפעסיאָן. קיינער האט געקענט מאכען זיין מעסער אזוי שארף און אזוי שפיציג וויא איך, און דאָס האט מיר צוגע־געבען חשק צו געברויכען דעם מעסער. ווען איך האב איבערגעשניטען דעם פערדס האלז, האָבען זיי מיר צוגעוואָרפען א שטיק פלייש פון א פערד וואָס איז געשטאָרבען פון א געוויסע קראנקהייט; דען דיזע וואס זיי קוילען אליין פערקויפט מען אין דיא פאבריקען, וואו מען מאכט דערפון אלערליי גערויכערטע ווארשט און אנדערע מאכלים, וואָס מען עסט מיט אפעטיט. אָה! ווען איך חאב נור בעקומען מיין שמי־קעל פערדען־פלייש, חאב איך געלאכט פון קעניג. איך בין געלאָפען צום קאלך־אויווען וויא א וואָלף מיט זיין שעפס צו זיך אין וואלד. איך פלעג בעקומען דיא

ערליבנים און פלעג עס בראַטען אויף דיא הייסע ציגעל. דער טעם ליעגט מיר נאך יעצט אין גומען! ווען דיא קאַלך־פאַבריק האט ניט געאַרבייט פלעג איך געפינען שטיקלעך האָלץ, מאַכען אַ פייער און בראַטען דאָס פלייש, וויא פאַר אַ מיליאָנער. היילינע מאַמע! דאָס וואָרען גוטע צייטען! אזא פלייש־בראָטען איז אימער איינגעריכט אין בלוט און האַלב רויה און געשמאַקער פון אַלע מאכילים אין דער וועלט!

— און וויא האט מען דיך דאַמאָלס גערופען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— מיינע האאַר זיינען דאַמאָלס געווען ווייס וויא ווייסער פלאַקס און מיינע אויגען וואָרען איטער פערלאָפען מיט בלוט און זאָ האָבען זיי מיך גערופען ווייסער בער. ווייל איך וואַר ווייס און בייז.

— און וויא האט מען גערופען דיינע עלטערן! וויא האט געהייסען דיין פאַטיליע?

— מיינע עלטערן? — זיי האָבען געוואָהנט אין איין נומער מיט נאַכטינאַלס עלטערן. מיין געבורטס פלאַץ? דער ערשטער ווינקעל פון ניט־דאָ־געדאַכט גאַס, אויפ'ן רעכטען אדער אויפ'ן לינקען זייט פון אנפאַנג אָדער פון ענדע שטאָדט.

— דוא האָסט געשאָלטען דיינע עלטערן וואָרום זיי האָבען דיך אוועקגע־וואָרפען?

— וואָרום? דיא קללות וואָלטען ניט פערהיילט מיינע פיס, ווען איך וואָלט זיי צובראַכען. יעדענפאַלס האָבען זיי מיר אָבגעטהאָן אַ גוטען שפּיצעל, דערמיט וואָס זיי האָבען מיך געבראַכט אויף דער וועלט. דאך וואָלט איך זיך ניט בעקלאָגט ווען איך וואָלט געווען וויא קבצנים דאַרפען זיין, איך מיין, זיי זאָלען ניט מורא האָ־בען פאַר קעלט, הונגער און דורסט. אַ מעלה וואָס וואָלט לייכטער געמאַכט דיא קבצנים צו בלייבען עהרליכע לייט.

— ביסט דוא געווען הונגעריג און פערפראָרען און דאָך האָסט דוא ניט גע'גנב'עט?

— יאָ, איך האָב געהאַט גאַנצע פּעק מיט צרות, אַלס צונאָב. איך שווער אייך, אז עס האט זיך אָפט געמאַכט, אז מיין מאָגען איז הייזעריג געוואָרען מאָגענ־דיג זיין חוב. ער האט מאַנכעס מאָל געשריען גאַנצע דריי טעג נאָך דער רייהע און דאָך האָב איך קיין מאָל ניט גע'גנב'עט.

— ווייל דוא האָסט מורא געהאַט פאַר אַסטראָג?

— מורא האָבען פאַר'ן אַסטראָג! חאַ, חאַ, חאַ! איך האָב מורא געהאַט צו גנב'נען ברויט אויס פורכט פאַר אַ גוטע בעלאָהנונג? חאַ, חאַ, חאַ! אַלס איין שטר־

ליבער מאַן האָב איך נעהונגערט, אַלס אַ גנב וואָלטען זיי מיך נעשטאָפּט אין אַסטראָג וויא אַ גאַנז אין שטייג. פאַר גנבה גיט מען אַ וואוינונג און גוטען קעסט. איך האָב אָבער ניט גע׳גנב׳עט וויל—וויל—וויל קריכען אויפ׳ן בויך און נעהמען הינטער׳ן רוקען, פּאַסט נור פאַר שלאַנגען—דאָס איז אַלעס וואָרום איך האָב ניט גענומען ווען קיינער האָט ניט געזעהן.

האַלזשניידער אַליין האָט ניט געוואוסט וויא נאָבעל און וויא ערהאַבען זיין אַנטוואָרט איז געווען. רודאָלף איז דערפון איבערראַשט געוואָרען. ער האָט געפיהלט, אַז דער אָרמער יונג, וועלכער איז געבליעבען עהרליך אין דיא ביטערע אומשטענדען, דאַרף דאָפּעלט פערעהרט זיין, צוליעב דעם אַליין, וואָס דיא שטראָפע פאַר אַ פערברעכען וואָלט ביי איהם געווען איין גליק און אַ הילפע און דאָך האָט ער ניט גע׳גנב׳עט. רודאָלף האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו דיזען אמת׳ן מאַן וואָס האָט געליטען הונגער און קעלט און האָט זיך דאָך ניט ציוויליזירט צו זיין אַ גנב. האַלזשניידער האָט אַנגעקוקט זיין קאָמפּאַניאָן מיט פערוואונדערונג און רעספּעקט; ער האָט ניט געוואַגט אָנצורירען דיא הענד, וועלכע וואַר איהם אַנגעבאָטען. עפּעס האָט ער געפיהלט, אַז צווישען איהם און זיין קאָמפּאַניאָן ליעגט אַ ברייטער ים פון פערשיעדענהייט.

— גוט! — האָט רודאָלף מיט איבערראַשונג אויסגעשריען — דוא האָסט אַ האַרץ און עהרע!

— האַרץ! עהרע! איך! הערט אויף! איהר לאַכט עס פון מיר! — האָט האַלזשניידער מיט זיין געוועהנליכער מינע געענטפערט.

— צו ליידען הונגער, קעלט און אָרמוטה און ניט גנב׳ענען מוז מען האָבען אַ האַרץ און עהרענגעפיהל, — האָט איהם רודאָלף ערקלערט.

— מעגליך, אַז דאָס קען זיין! — האָט האַלזשניידער געזאָגט פערטראַכט — מעגליך, אַז דאָס קען זיין!

— ביסט דוא דערפון איבערראַשט?

— איהר צוקלאַפּט מיר אַלע מיינע געדאַנקען מיט איין מאָל; מענשען האָבען עס מיר נאָך ניט געזאָגט און קיינער האָט אין אַזאַ לשון צו מיר ניט גערעדט. זיי בעהאַנדלען מיך געוועהנליך וויא אַ פּראָסטען בייטעל-שניידער. עפּעס אַ מערקווירדיגען איינדרוק מאַכען אויף מיר אייערע רייד? האַרץ—עהרע! איך האָב אַ האַרץ און עהרע? — האָט ער איינינגע מאָל זיך אַליין איבערגעפרעגט.

— וואָס פעהלט דיר?

— אמונה. איך קען עס ניט פערשטעהן און קען עס ניט גלויבען, — האָט

האלזשניידער געענטפערט מיט א ווייכען קול — דיעזע ווערט צוקאָכען מיינע בלוטען; און איך פיהל זיך נאך בעסער וויא איהר וואָלט מיר געזאָגט, אז איך בין געזינטער און פלינקער פון דעם לעהרער און פון סקעלעטאָן. איך האב נאך ניעמאלס אזא גע־פיהל געהאט. איך שווער ביי מיין נשמה, אז דיעזע ווערטער און דיא טהייערע קלעפּ, וואס איהר האט מיר געוויעזען, צוזאמען מיט דיא גוטסקייט צו האלטען מיך פאר אן עהרענמאן, האָטש איהר זייט שטארקער פאר מיר און שוין גאר ניט רעכענענדיג דעם גוטען מאָהלצייט, וואָס איהר האט מיר געקויפט, האבען מיך געמאכט פאר אייער ערגעבענעם קנעכט, וואס וועט פאר אייך געהן אין פייער און אין וואסער.

רודאָלף האט ניט געוואָלט בעוויזען דעם שטורים אין זיין זעעלע, וואָס דיעזער פּראָסטער מאן האט געמאכט, און מיט א קאלטען טאָן האט ער געפרעגט:

— און וויא לאַנג ביזט דוא געוועזען א פערד־שלאכטער?

— דיא ריכטיגע צאָהל יאהרען געדענק איך ניט. איך וויים נור, אז אָנפאנגס בין איך געוועזען קראַנק שלאכטענדיג אלטע, אויסגעארבייטע פערדע, וועלכע האבען ניט געקענט אפילו בריקען; נור ווען איך בין געוואָרען עלטער, אומגעפעהר זעכצעהן יאָהר, איז עס געוואָרען מיין ליידענשאפט, מיין נחת, מיין דורסט און מיין שטרעבען צו שניידען און צו שעכטען. מיר האט זיך ניט געוואָלט ניט עסען און ניט טרינקען, בלוט איז געוועזען מיין איינציגער תענוג, איהר האט מיר נור בעדאַרפט זעהן ווען איך האב זיך צוהיצט אין מיין ארבייט! מעהר וויא איין אלטע פאַר לייווענטענע הייזען האב איך אויף מיין נאקעטען לייב ניט געטראָגען. ווען איך בין געשטאַנען מיט מיין לאַנגען שארפען מעסער און א פופצעהן העלזער זיינען געלעגען אויסגעצויגען. אָה, דאָנער וועטער! איך האָב אנגעפאנגען צו שניידען וויא א טייפעל, איך וויים אליין ניט, וואס פאר א שד דאן איז אין מיר אריין. איך בין געוואָרען א מחבול! אין מיינע אויערען האט געפּויקט און מיינע אויגען האבען געזעהן נור רויטה — אלעס וואר רויטה און איך האָב געשלאכטעט און געשלאכטעט און ווידער געשלאכטעט ביז מיין מעסער איז ארויסגעפאלען פון מיינע הענד! אך וואָס פאר א גליקזעליגקייט! ווען איך וואָלט געוועזען רייך וויא א פּראָצענטניק וואָלט איך זיי נאך צוגעצאָהלט זיי זאָלען מיר געבען ארבייט אָהן אן אויפהער!

— דאס האט דיר געגעבען דעם נאטור צו שלאָגען און שטעכען, — האט רודאָלף איהם געזאָגט.

— עס קען זיין, נור ווען איך בין געוואָרען זעכצעהן יאָהר אלט איז מיין לייד־ענשאפט געוואָרען אזוי שטארק, דאָס ווען איך האב זיך גענומען צו דער ארבייט, בין איך געוואָרען צוקאָכט און פערריקט און האב פערדאָרבען מיין ארבייט. יאָ,

איךהאב פערדאָרבען דיא פעל. דען איך האב זיי געשניטען און געשטאָכען רעכטס און לינקס, ארויף און אראָפּ און בין געווען אזוי צוהיצט און אזוי שנעל אין מיין ארבייט, דאָס איך האב גאר ניט געזעהן וויא דיא פערד ליעגען צוהאקט וויא קרויט. ענדליך האבען זיי מיך ארויסגעוואָרפען פון שלאַכטהויז. איך האב געזוכט ארבייט ביי דיא קצבים, דען דיעזע ארבייט איז מיר געווען ליעב. אָבער זיי ווארען יחסנים, זיי האבען אויף מיר געקוקט פון אויבען ארונטער מיט דעם זעלבען שטאָלץ וואָס א שוסטער קוקט אויף א לאַטוטניק. איך האב בעדארפט זוכען אן אנדער ארבייט און האב עס ניט געפונען און דאן ווער דיא צייט ווען איך האב ערשט שרעקליך געהונ־גערט. ענדליך האב איך געפונען ארבייט ביי א שטיינ־האקער. א פּאָר יאהר האב איך געריסען מיינע קישקעס ביז מיר האט זיך דערעסען צו דרעהען זיך וויא א בוריק אין ראָסעל און רייסען דיא קישקעס פאר א קלייניגקייט. איך בין אוועק און האב זיך אנגעשלאָסען אין דער ארמעע. מען האט מיך דאָרט געפרעגט:

— וויא רופט מען דיך?

— האלזשניידער,—האב איך געענטפערט.

— וויא אַלט ביסט דוא?

איך האב זיי געוויעזען מיין באָרד.

— פון וואנען קומסט דוא?

איך האב זיי געוויעזען דיא מאזאָלעס אויף מיינע הענד. איך בין געווען גרויס און גראָב און געזונד און זיי האָבען מיך אריינגענומען אין קאזארמע.

— מיט דיין קראַפט, מוטה און ליידענשאפט צו שטעכען און שעכטען האָסט דוא אין א צייט פון קריעג געקענט ווערען אן אָפיציער!

— פערדאמט! וואָס האט איהר געזאָגט? וואס אויסשעכטען דיא ענגלענדער אָדער דיא דייטשען! אָה, דאָס וואָלט מיר בעסער געשמעקט וויא שניידען אלטע פערד! אָבער צו מיין שלימזל איז דאמאָלס קיין מלחמה ניט געווען און דיא דיסציפּ־לין ווער ניט צו ערטראָגען. אויב א סאָלדאט פּרובירט זיך צו קלאָפּען אין זיין עלטסטענס קאָפּ, דאן איז עס אזוי: אויב ער איז שוואכער, דאן האָט ער דעם ערגסטען חולק; איז ער אָבער שטארקער, דאן האָט ער דעם בעסטען טהייל, מען ווארפט איהם ארויס פון קאזארמע אָדער מען שיקט איהם אוועק אין אסטראָג און דאָס מאכט איין ענדע צו אַלע צרות. אין דער ארמעע זיינען דיא נעגז נאָר מיט אן אנדער קאָליר. איין געוויסען טאָג האט מיין פעלדפעבעל געוואָלט מאכען, אז איך זאָל אביסעל מעהר פּאָלגען. ער ווער געדעכט, דען איך בין געווען אביסעל צו ווילד. דאס האט מיך צורייצט און איך האב ניט געוואָלט פאָלגען. ער האט מיך א שטופּ

געטהאן, איך האב איהם א ווארף געטהאן. ער האט מיר א זעץ געטהאן, איך האב איהם געענטפערט מיט א צווייטען. אייניגע סאָלדאטען זיינען מיך בעפאלען, איך בין געוואָרען ווילד פון כעס און מיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט בלוט. איך האב געחאפט א מעסער פון טיש, איך האב געשניטען, געשטאָכען, געשונדען, געטרעטט, גלייך וויא איך וואָלט געווען אין שלאכטהויז. איך האב צושניטען דעם פעלדפעבעל, פערוואונדעט צוויי סאָלדאטען, איך האב געמאכט א גאנצע יאטקע. דיא דריי האָבען געחאפט פון מיר עלף וואונדען. בלוט איז געפלאָסען אין אלע זייטען, בלוט גלייך וויא מיר וואָלטען געווען אין שלאכטהויז, איך האב זיך אין דעם בלוט געבאָדען.

האלזשניידער האט אראָפּגעלאָזען זיין קאָפּ און האט זיך פערטראכט.

— ווענען וואָס דענקסט דוא יעצט? — האט רודאָלף איהם געפרעגט.

— קיין זאך — קיין זאך! — האט ער האסטיג געענטפערט, דאן האט ער מיט א ברוטאלישען כעס אויסגעשריען — זיי האבען מיך ענדליך בייגעקומען און דיא ערשטע פּאָרציע וואָס זיי האבען מיר צוגעטהיילט, איז געווען א גאנצער שאָק ריטער.

— ביזט דוא דאן אנטלאָפען?

— ניין, זיי האבען מיר גאָר געגעבען פופצעהן יאָהר קאטאָרזשנע ארבייט, אנשטאט מיך צו לייגען אונטער דיא גילאָטינע. איך האב אייך פערגעסען צו דערצעהלען, אז וועהרענד אין מיין דיענסט האב איך געראטעוועט צוויי קאַמעראדען פון טוידט ווען זיי האבען זיך געטרונקען. א צווייטען מאל, נור לאכט ניט און זאָגט ניט, אז איך בין פון וואסער און פייער, האב איך געראטעוועט א פרוי פון פייער. מיר זיינען דאן געשטאנען אין א דאָרף און אלע הילצערנע הייזער האבען זיך פלוצלינג אָנגעצונדען און האבען געברענט וויא ליכט. מיר זיינען אלע געלאָפען צום פייער. מענשען האבען צו מיר גענומען שרייען, אז אן אלטע פרוי קען ניט ארויס פון אן ענגען צימער, וואָס ברענט פון אלע זייטען. איך האב זיך אהין געלאָזט לויפען. מיין גאָט, וויא האט עס דאן געברענט. איך האב אָבער דיא פרוי געראטעוועט חאָטש איך האָב צוברענט מיינע פיס. דיעזע טהאטען און דעם ציננעלע פון מיין אדוואָקאט האב איך צו פערדאנקען, ווארום דער אורטהייל איז געווען א פריינדליכער און אנשטאט טוידט האט מען מיר געשאנקען 15 יאָהר קאטאָרגע. ווען איך האב ערפאהרען, אז מיין לעבען איז געראטעוועט און אנשטאט גילאָטינע, האב איך צו ליידען פופצעהן יאָהר, האב איך געוואָלט ארויפשפּרינגען אויף מיין אדוואָקאט און אראָפּדרעהן זיין קאָפּ, ווען ער איז געקומען געבען מיר מזל טוב און זאָגען מיר דיא בשורה, אז ער האט מיך געראטעוועט, נור זיי האבען מיך צוריקגעהאלטען.

— טהוט דיר לייד וואָרום דיין שטראפע איז פערלייכטערט געוואָרען?

— יאָ, פאַר דיזע וואָס בענוצען זיך מיט'ן מעסער איז דער מעסער דער איינציגער חסד; פאַר דיא וואָס גנב'נען דאַרף מען שלעסער אויף זייערע הענד, אָבער צו צווינ־גען דיך דוא זאָלסט לעבען צווישען קאַטאָרזשנע־שקלאַפען, אין דער צייט וואָס דוא ביזט בערעכטיגט צו דער גילאָטינע, דאָס איז אַ שאַנדע!

— פיהלסט דוא געוויסענביסע?

— געוויסענסביסע? וואָרום? איך האָב אָבגעדינט מיין צייט. נור אָנפאַנגס איז ניט פאַראיבער איין נאַכט איך זאָל ניט זעהן, וויא אַן נאַכטשיין, דעם פעלדפע־בעל, דיא סאָלדאַטען וועמען איך האָב געשניטען און געשלאַכטעט און זיי וואַרען ניט אַליין, זיי וואַרען צעהן, צוואַנציג, הונדערט און טויזענדער, יעדער האט ערוואַרט זיין רייהע, אַזוי וויא אין אַ שלאַכטהויז, אַזוי וויא דיא פערד וואָס איך האָב געשלאַכטעט אין מאָנטפויקאָן. דאַן האָב איך דערזעהן בלוט און איך האָב אָנגעפאַנגען צו שנייַ־דען און שלאַכטען נאָך דער רייהע, אַזוי וויא איך פלעג אַמאָל שלאַכטען דיא פערד; נור וואָס מעהר סאָלדאַטען איך האָב אויסגעשלאַכטעט אַלץ מעהר נייע סאָלדאַטען זיינען אָנגעקומען, און וויא זיי האָבען צוגעמאַכט דיא אויגען, האָבען זיי אויף מיר אַ קוק געטהאַן אַזוי פריינדליך, אַזוי עדעל דאָס איך האָב זיך אַליין געשאָלטען וואָרום איך האָב זיי געשלאַכטעט, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען. דאָס וואַר נאָך ניט אַלעס, איך האָב ניעמאַלס געהאַט אַ ברודער און דאָך האָט מיר געשיינט אַזוי וויא יעדער פון דיא וואָס איך האָב געקוילעט וואַר מיין ברודער און אַז אַ שטיקעל פון האַרץ איז געוועזען אין דיא געקוילעטע. ענדליך, ווען איך האָב עס שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען, פלעג איך זיך אויפחאַפּען נאַס מיט אַ קאַל־טען שוויים אַזוי וויא צוגאַנגענער שנעע.

— דאָס וואַרען ביטערע חלומות?

— אָה, יאָ! עס האָט אין מיר געברענט. דיזע חלומות וואַרען גענוג צו טרייבען מיך צו משוגעת, צוויי מאָל האָב איך פּראָבירט צו מאַכען אַן ענדע פון מיין לעבען. איין מאָל האָב איך זיך אַליין געוואָלט דערווערגען מיט מיין קייט, אָבער אומזיסט וואַרען אַלע מיינע פּראָבען, איך בין שטאַרק וויא אַ יונגער אָקס. ענדליך האָב איך ווידער אָנגעפאַנגען צו ליעבען דאָס לעבען. דיא חלומות האָבען מיר מעהר ניט געפּלאָגט און איך האָב געטראָגען מיין שיקזאַל וויא מיינע איבעריגע קאַמעראַדען.

— אין קאַטאָרגע האָסט דוא געהאַט אַ גוטען חדר, וואו צו לערנער זיך צו גנב'ענען.

— יאָ, אבער איך האָב עס קיין מאָל ניט געליעבט. דיא איבעריגע „געל־לאַטעס“, האָבען מיר געוואָלט געבען לעקציאָנען, אָבער איך פלעג צוזעצען זייערע

מאָרדעס מיט מיין קיים. דארט האב איך אויף דיעזען ארט געמאכט דיא ערשטע בעקאנטשאפט מיט'ן לעהרער. אָבער ער האט מיט מיר געמאכט קורץ און גוט און האט אראָפּגעקלאפּט מיינע פליעגלען, פּונקט וויא איהר האט מיט מיר געמאכט א ווילע צוריק.

— אזוי דער לעהרער איז אויך געוועזן פּערשיקט?

— יאָ, אויף אייביג פּערשיקט, ער איז אָבער אנטלאָפען.

— אנטלאָפען? און קיינער האט איהם ניט גע'מסר'ט?

— ניין, איך וועל איהם ניט מסר'ן. עס וועט דאן אויסזעהן, אז איך האָב פאר איהם מורא.

— אָבער וויא קומט עס וואָס דיא פּאָליציי געפינט איהם ניט אויס. האבען זיי ניט זיינע סמנים?

— זיין בילד? אָה, זיי האבען עס. אָבער ער האט זיך שוין לאנג אָבגעוואוינט מיט דיא סמנים וואָס דיא נאטור האט ארויפגעלייגט אויף זיין געזיכט. יעצט קען איהם קיינער ניט דערקענען.

— וויא אזוי האט ער עס געמאכט?

— אָנגעפאנגען האט ער מיט'ן נאָז, וועלכער וואר לאנג אויף אן ארשין און יעצט איז ער קליין וויא א באָב. ער האט עס געמאכט מיט וויטריאָל.

— דאָס איז דאך אונמעגליך!

— ווען ער קומט אהער דיעזען אבענד וועט איהר עס אליין זעהן. ער האט געהאט א שמעקער וויא א טוהרים, יעצט זעהט ער אויס וויא א טוידטער מענש גאר אָהן א נאָז; זיינע ליפּען זיינען איהם פערשוואָלען און דיק, וויא אייערע קולאקעס און זיין געזיכט איז פאָל מיט לעבער וויא א ־עשעטע.

— זאָ, קיינער קען איהם ניט דערקענען.

— עס איז ערשט א האלב יאָהר. זייט ער איז גליקליך אנטלאָפען און דיא פּאָליציי האט איהם געזעהן א הונדערט מאל און דאך ניט דערקענט.

— וואָרום האט מען איהם פערשיקט?

— פאר גנבה, גזילה און מאָרד. מען רופט איהם לעהרער, וויל ער האָט א שעהנע האנדשריפט און ער קען אויסלערנען וויא נאָכצומאכען אן אונטערשריפט.

— און אלע האבען פאר איהם מורא?

— ווען איהר וועט איהם מכבד זיין מיט דיעזעלבע קולאקעס וואָס מיר, וועט זיין גדולה פערשווינדען. אָה, וויא איך חלוש שוין דאס צו זעהן.

— וואו איז זיין הויפּט קווארטיר?

— ער איז פערליעבט אין א מכשפה, וועלבע איז אזוי שלעכט וויא ער. ער האט דער שיינקערקע שוין איינינע מאָל געזאגט, אז ער וועט זיא אהער ברענגען, אָבער פאָרלויפיג האט ער זיין וואָרט נאך ניט אויסגעלייזט.

— און דיעזע פרוי העלפט איהם אין זיין ארבייט?

— יא, זיא העלפט איהם רויבען און מאָרדען. מען זאָגט, אז ער בעריהמט זיך, דאָס מיט זיין ווייב'ס הילפע האט ער שוין געמאכט דריי הרוגים אין מיט'ן גאס, און צוריק מיט דריי וואָכען, האבען זיי אויסגעצווינגען א פיה־הענדלער.

— מען וועט איהם אבער פאַקען!

— אָה שווער, מען דארף דערצו האבען חכמה און גבורה. דען ער טראָגט אימער אונטער זיין בלוזע איינינע געלאָדענע רעוואָלווערען און א שארפען מעסער. ער זאָגט אליין, אז דער חאַפּער וואַרט שוין אויף איהם, אבער ער קען נור איין מאָל פערלירען זיין לעבען, וועהרענד ער וועט אויסשניידען און ערשיסען צעהנדליגע און צו מאַכען פאר זיך א וועג צו אנטלויפען. ער איז צוויי מאל אזוי שטארק וויא איך און וויא איהר, און דארום מעג מען זיך פערלאָזען אויף זיין וואָרט.

— ווען דוא ביזט ארויס פון דיא גריבער וואָס האסט דוא נאכדעם געטהאָן?

— איך האב דאן געפונען ארבייט ביי'ן וואסער צו שלעפען האָלץ און דערפון מאך איך א לעבען.

— אָבער אז דוא ביזט קיין מאל ניט געווען א גנב, וואָרום־זשע טרייבסט דוא זיך ארום אין דער סיטע?

— וואו דען האב איך צו געהן? ווער וויל דאָס מען זאָל איהם זעהן, זאָגאר ווען ער האט א צעטעל, אז ער האט אָבגעדיענט זיין צייט? איך קען ניט זיין איינזאם, איך ליעב קאָמפּאַניע, און דאָ בין איך מיט מיין גלייכען. מאנכעס מאָל צוברעך איך איינעם דיא ביינער און זיי האבען דאָ מורא פאר מיר וויא פאר פייער, דיא פאָליציי חאַפּט מיך דאָ קיין מאָל ניט. מאנכעס מאָל שלעפּט מען מיך אוועק און מען הייסט מיר זיך אויסרוהען א פּאָר טעג און דאס איז מיין פערגניגען.

— וויפיעל פערדיענסט דוא א טאָג.

— כמעט וויא גאָר נישט, דערפאר אָבער באָד איך מיר פופצעהן שטונדען א טאָג אין קאלטעס וואסער, סאַי זומער און ווינטער; נור לאָזט מיר זיין עהרליך און זאָגען דעם אמת: ווען מיך חאַפּט א פיעבער פון דיעזע וואסער, לייגט מען מיר אין האָספּיטאל און דאַרט ניט מען מיר הוהן אויף א גאָפּעל. איך האב פאָלע פרייהייט צו ברעכען מיינע ביינער שלעפּענדיג דיא האלץ. איך פאנג אָן מיין ארבייט וויא א לאַסט־טהיר און ענדיג עס וויא אן שוואכע קאַץ. ווען איך וועל פערליערען מיינע

קרעפטען, וועל איך נעהמען א שטעקען און א טאָרבע און וועל נעהן קלייבען ביינער, וויא דער אַלטער מאַן וואָס האט מיך אַרומגעשלעפּט אין מיינע יונגע יאָהרען.

— און נאך אַלעמען ביסט דוא צופריעדען?

— עס גיעבּען פיעלע וואָס זיינען מיר מקנא. און ווען איך וואָלט ניט געהאט דיא חלומות מיט'ן פעלדפעבעל און דיא סאָלדאטען, וואָס בעזוכען מיר נאך יעצט זעהר אָפט, וואָלט איך גאַנץ גליקליך ערווארט דיא מינוט ווען איך וועל פאלען טוידט אין מיט'ן גאַס אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען, נור דיא חלומות! טייפעל און העלע! ווען איך עראינער עס, פאלט אויף מיר א מורא!

האַלזשניידער האט זיך ווידער א ווײַלע פערטראכט.

נאכטיגאַל האט זעהר ווייניג געהערט פון זיין ערצעהלונג, דען אייגענע שמער־צען האבען אָנגעפיהלט איהר הארץ און איהרע געדאנקען. רודאָלף וואר נייגיעריג און פעראינטערעסירט.

פטעס קאפיטעל.

דער אַרעסט.

דער מאַן וואָס איז ארויסגעגאנגען אויף א ווײַלע און האט געבעטען דער שיינקערקע זיא זאָל אכטונג געבען אויף זיין טיש, האט זיך אין א ווײַלע ארום אומ־געקעהרט און האט אריינגעפיהרט א מאַן מיט ברייטע אקסלען און געזונטע גליעדער.

האַלזשניידער האָט דערזעהן דעם נייען בעזוכער און האט אריינגערעדט אין רודאָלף'ס אויער:

— דאָ וועט באַלד זיין א לעבעדיגע וועלט, דא זיינען דאָ דיא רויטהע האפער. ניט אכטונג.

דיא צוויי באנדיטען וואָס האבען זיך גע'סוד'עט דיא גאנצע צייט און האבען אַלץ נאָכגעפרעגט אויפ'ן לעהרער, האבען זיך אָנגעקוקט מיט אויגען וואס דערצעהלען גאנצע מעשות און האבען זיך גלייך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַצירען צום טהיר, אָבער דיא צוויי נייע אורחים האבען זיי ביידען א חאַפּ געטהאן. א שרעקליכע גע־שלעג איז ענטשטאנדען. דיא טהיר האט זיך געעפענט און א מחנה פּאָליסלייטע, זיינען אין הויז אריינגעלאָפען, וועהרענד פון דרויסען זיינען געשטאנען בעוואפענטע סאָלדאטען. דער קאָהלענ־טרעגער האט זיך בענוצט מיט דעם טומעל אריינצורוקען זיך א ווײַלע אין הויז און בעוויזען זיך צו רודאָלפ'ן מיט איין פינגער אויף זיינע ליפען. רודאָלף האט איהם שנעל געגעבען א שטומען צייכען, ער זאָל פערשווינדען שנעל וויא מעגליך און אליין איז ער געבליעבען זיצען און האט צוגעזעהן דיא סצענע, וואס האט זיך געשפּיעלט פאר זיינע אויגען. דער מאַן מיט'ן היטעל איבער דיא

אויגען איז געוואָרען פאָל מיט רציחה און האט געפּאַכטען און געראָוועט וויא אן אָקס, ביז ער האט זיך אויסגעצווינגען אויף א טיש און האט זיך אזוי פעסט געהאַל-טען דאָס דריי לייטע האבען איהם קוים אבגעריסען. זיין קאמעראד איז געווען גייסט-לאָז, ערשלאָגען, טוידט, בלאַס, איהם האט געקלאפּט א צאָהן אויף א צאָהן, ער האט ניט געוואגט צו שטעלען זיך ענטגעגען, ער האט אויסגעשטרעקט דיא הענד פאר דיא קייטען. דיא שיינקערקע איז געווען געוואָהנט צו אזעלכע סצענען, זיא איז געזעסען קאַלט אויף איהר אָרט און האט אונטערגעדרעמעלט. ווען א פּאָליסמאַן איז צו איהר צוגעגאַנגען האט זיא איהם גאַנץ קאַלט געפרעגט:

— וואָס האבען דיעזע צוויי געטהאָן?

— זיי האָבען ערמאָרדעט אן אלטע פרוי אין קריסטאָפאר שטראַסע, אום צו בערויבען איהר צימער. בעפאָר זיא איז געשטאָרבען, האט דיא ארמע פרוי דער-צעהלט, אז זיא האט אָבגעביסען א פינגער ביי איינעם פון דיא מערדער. דאס איז געשעהן נעכטען, מיר האבען געהאט איין אויג אויף דיעזע צוויי באַנדיטען. מיין קאָמעראד איז אהער אריין אום זיי בעסער צו בעטראַכטען און מיר זיינען געקומען נעהמען דיא חתנים.

— א גליק וואס זיי האבען מיר בעצאָהלט אין פאָראוים פאר זייער שנאַפּס— האט דיא שיינקערקע געזאָגט— וועט איהר נעהמען א קליינעם שנאַפּס?

— איך דאַנק אייך מומע פאַניסע, איך מוז האבען מיין פּאָלען ניכטערען פערשטאַנד.

דער מערדער מיט דעם אָראָפּגערוקטען היטעל, האט זיך נאך אלץ ניט גע-וואלט אונטערגעבען און ער האט זיך געראַנגעלט וויא א העלד. ווען מען האט איהם געוואלט אריינזעצען אין פּאטראָל-וואָגען, האט ער זיך געלייגט אויף דער ערד און פינף מענשען האבען איהם געמוזט אויפהייבען און שלעפּען וויא א שטיין.

ווען מען האט איהם געשלעפּט האט ער געציטערט מיט יעדען גליעד, ער איז געוואָרען נערוועז און זיינע ליפּען און זיינע אויגען האבען געצוקט און געצווינגען אין דער לייבג און אין דער בריים. מען האט איהם מיט גרויס מיהע אריינגעוואָרפען אין וואגען.

ווען דיא צוויי ווארען שוין אין וואָגען האט דער עלטסטער אָפיציער אלע געסט גוט בעטראַכט און האט צו האַלזשניידער געזאָגט אין א מין פריינדליכען טאָן:

— וואָס טהוסט דוא דאָ, דוא לומפּ? עס איז שוין א לאַנגע צייט וויא מיר האבען פון דיר ניט געהערט. וואס דוא שלאָגסט זיך ניט מעהר? ווערסט דוא אנשטענדיג?

— אנשטענדיג! — האט האלזשניידער געענטפערט — איהר ווייסט דאָך, אז איך האב אויפגעגעבען דיא ארבייט פון ברעכען קעפּ, אויסער ווען מען בעט זיך ביי מיר.

— מעהר וואָלט דיר ניט געפעהלט, אז דוא זאָלסט נאך אנפאנגען, אזא שטארקער קערל וויא דוא ביזט.

דאך זעהט איהר, אָט זיצט איינער וואס האט מיך בעזיעגט! — האט האלז־שניידער געזאָגט לייגענדיג זיין האנד אויף רודאָלף׳ס אקסעל.

— האללאָ! א נייער רעקרוט, איהם האב איך נאך ניט אויפ׳ן בוך, — האט דער פּאָליציי־אָפיצער געזאגט דורכדרינגענדיג רודאָלף׳ן.

— און איך האָף, אז מיר וועלען זיך קיין מאל ניט קענען, — האט איהם רו־דאלף געענטפערט.

— איך ווינש דיר, פון דיין טובה וועגען, דוא זאלסט מיך ניט קענען, — האט דער אָפיציער געענטפערט און האט זיך געווענדעט צו דער שיינקערקע — גוטע נאכט מומע פּאָניססע, דיין נעסט איז אן אמת׳ע מייז־פּאסטקע, דאס איז דער דריטער מערדער, וואָס איך האָפּ אין דיעזען הויז.

— און איך האָף, אז דאס איז ניט דער לעצטער. מיין הויז איז פאר אייך פריי, — האט זיא געענטפערט מיט א קליינעם זיעסען שמייכעל.

ווען דיא פּאָליציי איז אוועק, האט דער יונגער מאן מיט׳ן בלאָסען געזיכט וואס האט געררויבערט און געטרונקען געזאגט צו האלזשניידער מיט א שוואכען קול

— האָסט דוא ניט דערקענט דעם מערדער? עס איז דאך גריקי, ער בעלאנגט דאך צו דיא באָלאָט־באנדע. ווען איך האב געזעהן וויא דיא פּאָליציי קומט אן האב איך צו זיך אליין געזאָגט, עטוואס קאָכט זיך דא.

דער לעהרער און דער קריפּעל וואָרען גליקליך וואס זיי זיינען דא ניט געוועזן. גריקי האט אויף איהם איינינע מאל געפרעגט, אָבער איך שטעל קיין מאָל ניט אונטער א פיסעל, דרעהען זיי זיך אַפּ זייערע אייגענע נעזער איך פערקויף זיי ניט. נור זעהט, מען רעדט פון שד, קומט דער ניט גוטער, — האט דיא שיינקערקע געזאגט אין דער מינוט ווען א מאן און א פרוי זיינען אריין אין קאבאק — זיי זיינען טאקע דאָ, דער לעהרער און זיין כלב׳טע. גוט, אויף מיין וואָרט, גוט חלעבען, וואָס ער האָט וויין סחורה ביז יעצט ניט געבראכט. איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געזעהן אזא העסליכע בעשעפּענים.

דער נאָמען לעהרער, האט געמאכט שוידערען אַלע געסט. רודאָלף אליין אָבוואהל ער איז גערעכענט געוואָרען פאר א העלד און האט פאר קיין זאך אין דער

וועלט געפירכטעט, האט אויך א שוידער געטהאָן דערזעהענדיג דיעזען שרעקליכען גראָביאַן. האלזשניידער האט דערצעהלט דיא ווארהייט, ווען ער האט געזאָגט, אז דער לעהרער איז שרעקליך צוקאלעטשעט. דיא פאַרשטעלונגס קראפט קען גאָר ניט אויסמאהלען דיא שרעקליכקייט און העסליכקייט, וואָס איז געלעגען אין דאס געזיכט פון דיעזען אבשטאסענדען מאַן. דיא וויטריאָל האט אויפגעריסען זיינע ליפען. זיין נאַנצער נאז איז אבגעפרעסען געוואָרען, נור צוויי לעכער האבען בעצייכענט דעם אָרט, וואו דער נאָז איז געזעסען. זיינע גראָע אויגען ווארען קליין, אָבער פאָל מיט פייער און בעוועגונג, זיין שטערען וואר פלאך, וויא ביי א טיגער און וואר האלב פערדעקט מיט א פעלצענ־היטעל.

דער לעהרער איז ניט געוועזען העכער פון פינף פוס און צוויי אדער דריי אינ־צשעס. זיין מערקווירדיג גרויסער קאפ איז געזעסען צווישען צוויי אקסלען וואס ווארען ברייט, שטארק און פעט. ער האט געהאט לאנגע ארמס מיט הויכע מוסקלען. זיינע הענד ווארען קורץ, גראב און בעוואקסען מיט האאר ביז דיא נעגעל. זיינע פיס וואר אביסעל קרום, אבער זייערע גרויסע קנאכען האבען אויסגעדריקט זיין גבורה. אין קורצען, דיעזער מאַן האט אויסגעדריקט אלעס וואס קורץ, דיק און פעטט, אין דעם אויסזעהן פון א הערקולוס. אין דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט און זיינע אויגען האט מען קיין אנדער זאך געקענט זעהן אויסער א ווילדע בלוטדורסטיגע חיה.

דיא פרוי וואס האט איהם בעגלייט איז געוועזען אלט און גראב, געקליידעט און צוגעדעקט מיט א שאל פון רויטהע און שווארצע שטרייפען. רודאלף האט נור גע־זעהן איהר האלבעס געזיכט, איהר גרינע שפיציגע אויג, איהר אויסגעבויגטען נאז, דינע ליפען, שפיציגע מארדע. איהרע אויסזעהן האט איהם ניט ווילענדיג עראינערט אויף דער מכשפה, וואס האט אזוי געפלאגט דער ארמע נאכטינאל. ער האט עס געוואלט בעמערקען צו דאס מיידעל, אבער ער האט דערזעהן, וויא נאכטינאל איז פלוצלינג געווארען בלאס און עראשראקען און האט געציטערט אין איהר גאנצען קערפער. נאכטינאל האט פלוצלינג אנגעחאפט זיין ארם און מיט א ציטערענדען קול האט זיא איהם געזאגט:

— אָה, לילית, אָה, דיא מכשפה, אָה, דיא בלינדע פרוי!

דער לעהרער האָט זיך א ווייל געְסודְעט מיט בארביללאַן, דאן איז ער צו־געגאנגען צום טיש, וואו רודאָלף, נאכטינאל און האלזשניידער, זיינען געזעסען און מיט א הייזערינען קול האט ער געזאגט:

— איך זאָג דיר שעהנע מיידעל, אז דוא מוזט איבערלאזען דיינע צוויי פריינ־דע און געהן מיט מיר.

נאכטיגאל האט ניט געענטפערט. זיא האט נור נאך שטארקער זיך צוגע-דריקט צו רודאָלף׳ס ארעם און האט געטרייסעלט וויא פון פיבער.

— איך וועל ניט זיין אייפערזיכטיג אויף מיין מענשענפרעסער! — האט לילית מיט א ברויטען געלעכטער געזאגט, ניט ערקענענדיג ווער דיעזעס מיידעל איז.

— נו, דוא קליינע בלאסע-מיידעל, הערסט דוא וואס איך זאג? — האט דער לעהרער מיט מעהר גראָבקייט געפרעגט — אויב דוא געהסט ניט מיט מיר, וועל איך אויסגראבלען דיין אויג און וועל דיר מאכען א פּאָר צו מיין לילית, און דוא מיט דיא ברעמען אונטער׳ן נאז, — האט ער זיך געווענדעט צו רודאָלף׳ן — אויב דוא גיבסט ניט דאס מיידעל אין מיינע הענד צוהאק איך דיר אין קרויט.

— אָה, אום גאָטעס ווילען, שיצע מיך! — האט נאכטיגאל אויסגעשריען און האט פערבראָכען איהרע הענד. אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיא בערעכענט דיא געפאהר צו וואָס רודאָלף קען זיין אויסגעזעצט און האט אין ניעדעריגען טאָן געזאָגט:

— ניין, ניין! ריהרט זיך ניט פריינד רודאָלף, אויב ער וועט מיר וועלען שלע-פּען וועל איך מאכען א געוואלד און דיא שיינקערקע וועט מיר בעשיצען אוים פורכט דיא פּאָליציי זאָל אהער ניט קומען.

— זיי רוהיג מיין קינד, — האט רודאָלף געזאָגט אנקוקענדיג דעם לעהרער גאנץ קאַלט — דוא ביזט לעבען מיר, קיינער וועט דיר ניט קרימען א האאר. דיעזע ווערים-דיגע פערזאָן עקעלט מיר און דיר, דאס בעסטע וואס איך קען מיט איהם טהאן, איז חאפּען פאר׳ן קאָלנער און ארויסשמייסען אין גאַס.

— דוא? — האט דער לעהרער פערוואונדערט געפרעגט.

— איך! — האט רודאָלף געענטפערט און האט זיך געשטעלט געגען לעהרער.

טראָץ זיין גבורה און כעס איז דער לעהרער אָבגעטראָטען צוריק, דען רודאָלף׳ס געזיכט איז געוואָרען שרעקליך, זיינע אויגען האבען געשאָסען מיט פייער. עס גיעבען געוויסע בליקען אין דעם מענשענס אויג, וואָס האט א מעכטיגען מאגנעט. פיעלע בעריהמטע דועליסטען האבען געזיעגט איבער זייערע געגנער, נור דערמיט וואס זייער בליק האט פּאַראַליזירט און אָבגעשוואכט דעם געשיקטעסטען פעכטער. דער לעה-רער האט געציטערט און ניט געטרויענדיג זיין אייגענע קראפט, האט ער גלייך גע-חאפּט זיין מעסער און זיין רעוואָלווער, וואָס ער האט געטראָגען אונטער זיין בלוזע. דא וואָלט זיכער געשעהן א מאָרד, ווען לילית וואָלט ניט גענומען דעם לעהרער ביי׳ן ארעם און וואָלט ניט אויסקוויטשען:

— ווארט א ווײלע, ווארט א ווײלע, מײן מאַן, לאָז מיך אויך עפּעס זאָגען, דוא וועסט ארױסנעהמען דײנע צװײ דײנים שפּעטער א װײלע.

דער לעהרער האט זיא אָנגעקוקט. א קלײנע װײלע האט זיא געקוקט אויף נאכטיגאל גלײך וויא זיא וואָלט זיך געוואָלט עראינערן וועגען אן אלטע בעקאַנטע. ענדליך האט זיא זיך איבערצײגט, אז זיא האט קײן טעות ניט, עס איז דיא נאכ־טיגאל.

— איז דאָס מעגליך!—האט דיא אלטע מכשפה אויסגעקוויטשעט און האט פערבראָכען איהרע הענד אויס איבערראַשונג—עס איז דיא נאשערקע, דיא קאַץ וואס האט גע׳גנב׳עט מײנע בלינצעס?

— דער קוקוק האט דיר א הער צו מיר געבראכט!—האט זיא אָנגעפאַנגען צו שרײען און האט געשטעלט קולאַקעס געגען דאס ערשראָקענע קינד—דוא ביזט ענדליך ארײנגעפאלען אין מײנע קראלען. זײ זיכער, אויב איך וועל ניט אויסרײסען דײנע צײהן, וועל איך אויסרײסען פון דײנע אויגען אלע טרעהרען, וואָס דוא האָסט. קום, מאַך זיך ניט הײליג, דוא ווײסט ניט וואָס איך מײן? איך האב אויסגעפונען דיא לײטע, וואָס האבען דיר געהאלטען אײדער מען האט דיר איבערגעגעבען צו מיר. דער לעהרער האט אין קאַטאָרגע געזעהן דעם מאַן, וואָס האט דיר געבראַכט צו מיר ווען דוא ביזט געוועזן א ברעקעל און ער האט גוטע בעווײזע, אז דיא לײטע וואס האבען דיך גאר צוערשט געהאט, זײנען אמת׳ע העהנער מיט שפּאָרען.

— מײנע עלטערען? דוא קענסט זײ?—האט דיא מאַריע־בלומע אויסגעשריען.

— אויב איך קען זײ אדער ניט, איז ניט דײנע געשעפטען. דיא געהײמניס איז מײנע און מײן מאַנ׳ס, דוא קענסט פריהער ארױסרײסען זײן צונג אײדער ער׳ וועט עס דיר דערצעהלען. הא! דאס ריהרט דיר שוין מײן קעצעלע!

— אָה נײן!—האט נאכטיגאל מיט ביטערקײט געענטפערט—נײן, איך וויל קײן מאל ניט קענען מײנע עלטערען!

וועהרענד לילית האט געשפּראָכען, האט דער לעהרער בעטראַכט זײן געגנער און איז אביסעל רוהיגער געוואָרען. איהם האט זיך ניט געגלויבט, אז אזא יונגער מאַן, וואס איז אזוי אײדעל און אזוי גראַציעז געבױט זאָל זיך קענען גלײכען צו איהם. וויא ער איז געוואָרען זיכער, אז זײן ברוטאל־מאַכט וועט איהם דאָ בײשטעהען, איז ער צוגעגאַנגען נעהענטער צו רודאָלף׳ן און האט צו זײן לילית געזאָגט:

— האלט דײן שנוק, איך צוקלאַפּ דיעזען שעהנעם בחור און דיא שעהנע מײדעל וועט שוין אלײן פאלען פאר אונז.

מיט איין קעהר איז רודאָלף איבערגעשפּרונגען דעם טיש.

דער לעהרער האט זיך געמאכט פערטיג צום שלאכט. זיינע הענד האט ער געהאלטען אָנגעשטעלט, זיינע אקסלען אנגעשטריינגט און זיין ברוסט אויסגעשטעלט און זיין גאנצער קערפּער וואר פעסט געשטיצט אויף זיינע פיס וואס ווארען וויא אייזערנע סלופּעס.

אין דיזועלבע מינוט וואס רודאָלף האט זיך א לאָז געטהאן צום באנדיט, איז דיא טהיר אויפגעשפּרונגען און דער הויכער קאָהלען-טרעגער איז אריינגעלאָפען, האט דעם לעהרער א שליידער געטהאן אן א זייט און האט גאנץ שטיל א זאָג געטהאן צו רודאָלף'ן אין דייטש:

— אייער האָהייט, דיא גרעפין און איהר ברודער קומען אָן.

בּיי דעם לעצטען וואָרט האט רודאָלף געמאכט א האסטיגען שפּרונג האט א שלי ד געטהאן א הויפען געלד אויפ'ן קאנטאר און איז שנעל אנטלאָפען צום טהיר.

דער לעהרער האט זיך פּרובירט צו פערצאמען דעם וועג פאר רודאָלף'ן, אָבער דער אונבעקאנטער האט זיך האסטיג א קעהר געטהאן און האט אראָפּגעדונערט א צעהנדליג קולאקעס אויפ'ן לעהרערס קאָפּ, נאָז און אויגען, ביז דער באנדיט איז גע-פאלען מיט'ן קאָפּ צום טיש און איז געבליבען צודולט.

— הוררא, פאר'ן גיבור! דאס זיינען מיינע קלעפּ, האט קיין טעות, נאך עטליכע פון זעלבען זאָרט און איך וועל זיין זאט! — האט האלזשניידער פון שמחה געשריען.

נאכדעם וויא דער לעהרער איז געקומען צו זיך, האט ער זיך א לאָז געטהאן אין גאס חאפּען דעם מנצח (זיגער), אָבער רודאָלף און דער קאָהלענ-טרעגער, זיינען פער-שוואונדען אין דיא פינסטערע און קרומע גאסען פון דער סיטע און דער לעהרער האט זיך געמוזט אומקעהרען מיט א פערבלוטיגטען פנים, און פאָל מיט רציחה.

ווען דער לעהרער איז צוריק געקומען, זיינען צוויי פּערזאָן אריינגעפלויגען אין הויז אָהן אן אָטהעם, וויא זיי וואָלטען געלאָפען א שטיק וועג. זיי האבען שנעל דורכ-געקוקט דעם גאנצען שענק.

— וויא אונגליקליך! — האט איינער פון זיי געזאגט — ער איז פערשוואונדען און א צווייטע געלעגענהייט איז פערלאָרען.

דיעזע צוויי האבען געשפּראָכען אין ענגליש. נאכטיגאל וועלכע וואר ערשראָקען פון דער בעגעגעניש מיט לילית און ציטערענדיג פאר'ן לעהרער, האט זיך בענוצט מיט'ן טומעל וואס איז געוואָרען דורך דיא צוויי נייע געסט און האט זיך ארויסגערוקט אין געהיים פון דיעזער העלע און איז פערשוואונדען אין דיא פינסטערניס.

6טער קאפיטעל.

טהאָמאַס סייטאָן און ליידי מאַקגרעגאָר.

דיא צוויי פערזאָנען וואָס זיינען אריין א שיינק, זיינען געוועזן גאַנץ פערשיעדען פון דעם געוועהנליכען קלאַס בעזוכער. איינער וואר הויך און גלייך געבויט, האט געהאט ווייסע האאר, שווארצע אויגען־ברעמען און שווארצע וואָנצעס, א ברוינע און געזונטע געזיכט און א פעסטען בעשלאָסענעם בליק. זיין לאַנגער ראָק איז געווען געשפילעט ביזן האלז אויפ׳ן מיליטערישען אופן. מיר וועלען דיעזע פערזאָן רופען טהאָמאַס סייטאָן. זיין בעגלייטער וואר יונג, בלאַס און שעהן, און האט אויסגעזעהן פון דריי און דרייסיג ביז פיער און דרייסיג יאָהר. זיינע האאר, אויגען־ברעמען און אויגען, וואָס וואַרען עבט שווארץ האבען גאַנץ שטארק אָבגעשלאָגען אויף דעם עבט־ווייסען פנים. פון זיינע שריט, פון זיין סטאַטוע און פון אלע אנדערע צייכענס האָט מען לייכט געקענט דערקענען, אַז דיעזע פערזאָן איז א פרוי אין מענער קליידער.

דיא פרוי אין מענער קליידער, וואר דיא גרעפין שרה מאקגרעגאר. דער מאַן מיט וועמען זיא איז געקומען וואר איהר ברודער.

— טהאמאס, בעט עטוואָס צו טרינקען און פרעג דיעזע לייטע וועגען איהם פיעללייכט קענען מיר דאָ עטוואָס ערפאהרען,— האט שרה געזאגט אין ענגליש.

טהאמאס האט זיך געזעצט ביי א טיש, וועהרענד שרה האט אָבגעווישט דעם שוויס פון איהר שטערען, און האט אין אן עכט־ריינעם פראנצויז, גאָר אהן אן אויס־לענדישען אקצענט פערלאנגט עטוואָס צום טרינקען.

דיא ערשיינונג פון דיעזע צוויי פערזאָן אין דיעזען פינסטערן רויבער־נעסט, האט אויפגעוועקט דיא אונגעדולד פון דיא געוועהנליכע געסט. זייערע מאנערען האבען זיי פערמסר׳ט פאר דיא לומפיגע שכורים, אַז זיי זיינען קיינע געוועהנליכע געסט, וואס זוכען אזעלכע ערטער וויא דער „ווייסער קראָט". דיא אונגעדולט וואס וואר אויף זייערע געזיכטער האט בעוויעזען, אַז איין זעהר וויכטיגע זאך האט זיי אהער געבראכט. האלזשניידער, דער לעהרער און לילית, האבען דיא צוויי געסט בעטראַכט פון קאָפּ ביז דיא פיס.

דיא שיינקערקע אליין איז אויך איבערראשט געוואָרען פון אזא אונגעוועהנלי־כען בעזוך. טהאָמאַס האט א צווייטען מאָל פערלאנגט עטוואָס צו טרינקען.

מומע פּאָניססע איז פון דיא צוויי געסט אזוי איבערראשט געווען דאָס זיא האט פערגעסען איהר געוועהנליכען סדר און זיא איז צו דיא געסט מיט א גאַנץ העפליכער מינע צוגעגאנגען און האט זיי גאַנץ עדעל געפרעגט, וואָס פאר א וויין זיי פערלאַנגען.

— גיט אונז א פלאַש וויין און עטוואָס וואסער.

דיא שיינקערקע האט עס באלד צוגעטראָגען. טהאָמאס האט איהר געגעבען א גאָלדענע מטבעה און האט זיך ענטזאגט פון דיא קליין געלד וואָס זיא האט איהם געגעבען רעשט.

— האלט דאָס געלד פאר זיך, מיין גוטע ווירטהין און טרינקט מיט אונז א גלאָז וויין, האט טהאָמאס העפליך געזאָגט.

— איהר זייט זעהר העפליך, מיין הערר,— האט דיא שיינקערקע געענטפערט און האט אָנגעקוקט דער גרעפינס ברודער מיט פערוואונדערונג און דאנקבארקייט.

— זאָגט מיר נור,— האט טהאָמאס געזאָגט — מיר האבען אָבגערעדט מיט א פריינד צו טרעפען זיך אין אן עפענטליכע הויז אין דיעזער שטראסע. אונז שיינט, אז מיר האבען פערבלאָנדזשעט.

— היער איז דער „ווייסער קראָט", — האט דיא שיינקערקע געענטפערט.

— אָה, זיינען מיר דאך אויפ'ן ריכטיגען פלאץ, — האט טהאמאס געזאָגט און געגעבען א צייכען צו זיין קאָמפאניאָן — יא, יא, מיר האבען טאקע בעשטימט צו־טרעפען זיך אין „ווייסען קראָט".

— וואָס פאר א סאָרט מענש איז אייער פריינד? — האָט דיא שיינקערקע געפרעגט.

— שלאַנק און פעסט, מיט בלאָנדע האאר און שעהנע וואָנצעס, — האט טהאָמאס געענטפערט.

— אָה, דאָס איז דאך דער מאן וואָס איז דא ערשט געווען. א קאָהלען־טרעגער, וואָס איז הויך און פעסט וויא ער אליין האט איהם ארויסגערופען און זיי זיינען נור וואס אוועקגעגאנגען.

— דאס איז דער מאן וואָס מיר זוכען, — האט טהאָמאס בעמערקט.

— זיינען זיי דא געווען גאנץ אליין? — האט שרה געפרעגט.

— דער קאָהלען־טרעגער האט זיך נור אויף איין מינוט אריינגעחאפט, אָבער אייער פריינד איז דאָ געזעסען א לאַנגע צייט און האט געפלוידערט מיט נאכטיגאל און האלזשניידער. — דיא שיינקערקע האט אָנגעוויעזען אויף האלזשניידער, וועלכער איז איינער אליין פערבליבען פון דער גאנצער קאָמפאניע.

דיא צוויי נייע געסט האבען זיך אומגעדרעהט און האבען דעם האלזשניידער א לאַנגע צייט בעטראכט.

— קענסט דו דיעזען מאן? — האָט שרה איהר בעגלייטער געפרעגט.

— ניין,— וואר זיין אנטוואָרט — קאַרל האט רודאָלף'ן פערלאָרען פון אויג, וויא ער האט זיך אריינגעדרעהט אין דיעזע פינסטערע געגענד. ער האט אבער דערקענט, אז דער קאָהלען-טרעגער איז מאָרפי, און ווען ער האט געזעהן, וויא דער קאָהלען-טרעגער בעוואכט דיעזען שיינק און קוקט יעדע מינוט דורך דיא שפּאַלטען, וואס אין שיינק געהט פאָר, האט ער געררעכענט, אז עטוואס מוז דא זיכער פאָרגעהן, און דארום האט ער עס אונז זאָ שנעל געמאָלדען. איך בין אבער זיכער, אז מאָרפי האט איהם אויך דערקענט.

וועהרענד דיא געסט האבען עס געשפּראָכען מיט א שטילען טאָן און אין א פרעמדער שפּראך, האט דער לעהרער געזאָגט צו זיין ווייב ווינקענדיג אויף דיא נייע געסט:

— דאָ ערוואַרטעט אונז א פעטער ביסען. עס איז שוין נאך צוועלף, אין גאס רעגענט עס און שטורימט וויא מיט'ן טייפעל. ווען זיי געהן ארויס אין גאס, וועל איך זיי בעפאַלען און אביסעל ארומטאַפּען. דער אויסלענדער וועט ניט קענען שרייען, וויל ער פיהרט מיט זיך א פרוי וואָס איז מאַסקירט אין מענער קליידער.

דיעזעס האט דער לעהרער געזאָגט אין זיין גנבים-שפּראך. ווען דיא צוויי געסט וואָלטען עס געהערט וואָלטען זיי עס אויך ניט פערשטאַנען און וואָלטען זאָגאר ניט געטרוימט פון דיא פערשווערונג וואָס ווערט געגען זיי געמאכט.

— האַלט דיין מויל, דוא ליעבער אשמדי,— האט לילית געענטפערט — אויב דיא זשאַבע וועט זיך צוקוויטשען נאך דער פּאָליציי, האב איך וויטריאָל אין מיין טאַש. איך וועל צוברעכען דיא באָטעל אויף איהר שנוק, דאס העלפט בעסער פון אַלעס צו פערשטאָפּען א מויל. נור זאָג מיר, ווארום זאָלען מיר ניט האָפּען דיא קאָץ גלייך וויא מיר האבען זיא בעגעגענט? ווען מיר קענען זיא נור איין מאָל אריינ-קריגען אין אונזער נאָרע, שניידען מיר אפּ איהר נאָז און דאָס וועט זיין דיא בעסטע סגולה זיא זאָל זיך ניט מעהר פערלאָזען אויף איהר שיינקייט.

— בראַוואָ! איך האב בעשלאָסען מיט דיר געזעצליך צו הייראַטהען. א גלייכען צו דיין קוראזש און פעהיגקייטען קען מען ניט געפינען. איך האב עס בעשלאָסען יענע נאכט ווען מיר האבען אָבגעטהאָן דעם גראזיר'ס געשעפטעל. דוא ביזט דיא ריכטיגע פרוי פאר מיר! דוא ארבייטעסט בעסער וויא א מאַן,— האט דער לעהרער האַלזענדיג זיין מכשפה געזאגט.

— און דוא האסט ריכטיג און פּראַקטיש בעשלאָסען; ווען סקעלעטאָן וואָלט געהאט אזא חבר וויא איך, וואָס זאָל איהם העלפען און זאל איהם ווייזען דעם וועג, וואָלט מען איהם ניט געפּאַקט שטעבענדיג א מעסער אין הארצען.

— ער איז שוין אויסגעשפּיעלט. ער וועט פון דאָרט ארויס מיט א קאָפּ קירצער.

— וואָס פאַר א ווילדע שפּראַך דיא לייטע ריידען,— האט שרה געזאָגט צו איהר בעגלייטער— איך רעכען, אז האלזשניידער, קען אונז עטוואָס דערצעהלען פון רודאָלף׳ן, מיט וועלכען ער האט דאָ פערבראַכט.

טהאָמאַס האט א שאָקעל געטהאן מיט׳ן קאָפּ און האט צו האלזשניידער געזאגט:

— קאָמעראַד, מיר האבען ערוואַרטעט צו בעגעגענען אונזערן א פריינד אין דיעזען שיינק, ער האט דאָ מיט אייך פערבראַכט. איהר קענט איהם דאָך און איהר מוזט ווייסען וואוהין ער איז פון דאַנען אוועק.

— געוויס קען איך איהם, ער האט מיר געגעבען עטליכע קולאַקעס צוליעב דער נאַכטיגאַל און דיעזע קולאַקעס ליעגען מיר נאך יעצט אין מאָגען.

— זייט איהר מיט איהם שוין לאַנג בעקאַנט?

— ניעמאלס, מיר האבען זיך צופעליג בעגעגענט אין געסעלע וואָס פיהרט צו קולאַק׳ס צימער.

— ווירטהין, גיט נאך א פלאַש, אָבער פון דעם בעסטען וויין,— האט סייטאָן געזאָגט.

שרה און סייטאָן האבען זאָגאַר ניט איינגענעצט זייערע ליפּען מיט דעם וויין. נור מומע פּאָניססע, וועלכע האט זיך בעמיהט צופריעדען צושטעלען דיא שעהנסטע געסט אין איהר קעלער, האט איהר גלאָז איניגע מאָל אויסגעליידיגט און אָנגעפילט ביז מען האט געברויכט א נייע פלאַש.

— און זייט אזוי פריינדליך אוועקצושטעלען דיא פלאַש אויפ׳ן טיש, וואו דיע־זער דזשענטעלמען זיצט, אויב ער וועט אונז טהאן דיא טובה און וועט עס אָננעה־מען,— האט טהאָמאַס געזאָגט, וועלכער האט זיך צוגערוקט צום גראָביאַן און האט מיטגענומען זיין בעגלייטער. האלזשניידער איז איבעררַאשט געוואָרען פון דער גאַנצער העפליכקייט.

דער לעהרער און זיין געליעבטע האבען דיא גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו בעשפּרעכען זיין פּלאַן און צו בעטראַכטען דיא צוויי געסט פון קאָפּ ביז דיא פיס.

דיא פלאַש איז געבראַכט געוואָרען. טהאָמאַס און שרה האבען זיך געזעצט בײ׳ן טיש לעבען האלזשניידער און דיא שיינקערקע, וועלכע האט גערעכענט, אז א צווייטע איינלאַדונג איז א גאַנץ איבעריגע זאַך האט אויך גענומען פּלאַץ בײ׳ן זעלבען טיש.

— איהר האט געזאָגט, אז איהר האט בעגעגענד אונזער פריינד אין הויף פון קולאַק'ס וואוינונג? איז דאָס קיין טעות? — האט סיטאָן נאכגעפרעגט אנקלאַפּענד זיין גלאָז צו האלזשניידער'ס.

— קיין טעות, — האט האלזשניידער געענטפערט, נאכדעם וויא ער האט אויס־געטרונקען זיין וויין ביז'ן לעצטען טראָפּען.

— א מאָדנער נאָמען, וואָס בעדייטעט עס דער נאָמען קולאַק? — האט טהאָ־מאָס נאָכגעפרעגט.

— עס בעדייטעט אַ האנד מיט פינף פינגער, וואס וויקלען זיך צוזאמען וויא א קוגעל און רייסע אָפּ א לונג־און־לעבער, — האט האלזשניידער געענטפערט אָנ־גיסענדיג זיך א צווייטע גלאז.

זייט מיר אַלע געזונד, — האט ער לוסטיג אויסגעשריען — איך טרינק פאר דיא געזונדהייט פון אייער ברודער, נור גאט פערדאם מיין צונג! ווען מיין טאנטע וואָלט געווען א זכר וואָלט זיא געווען מיין אָנקעל און ווען איהר ניט מיר ניט אזא גוטען וויין וואָלט איך געטרונקען פאר דיא געזונדהייט פון אייער שוועסטער!

שרה איז אביסעל רויטה געוואָרען, נור איהר ברודער האט זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג און ער האט ווייטער געזאָגט:

— איך האב אייך ריכטיג ניט פערשטאנען וועגען קולאַק. איהר האט געזאָגט, אז רודאָלף איז ארוים פון זיין הויז?

— קולאַק פּעקעלט איבער דעם קנאַפּעל, און אויב רודאָלף איז געגאנגען צו איהם אדער פון איהם, דאָס האב איך ניט געזאָגט.

סיטאָן האט איהם אָנגעקוקט מיט איבערראַשונג און האט געפרעגט:

— וואָס מיינט איהר מיט דיא ווערטער „פּעקעלט איבער דיא קנאַפּעל". וואָס בעדייטעט עס?

— ער שלעפּט פּעק פערבאָטענע וואַארע איבער דעם גרענעץ. איהר רופט עס א שמוגלער. וויא איך זעה פערשטעהט איהר ניט פּאָטער־פלאַש לשון.

— ליעבער פריינד איך פערשטעה אייך ניט?

— איך מיין, אז איהר זייט ניט אזא שפּראַכען־קענער וויא רודאָלף, איהר זייט קאַליקעס, מענשען אָהן א שפּראַך, אָבער רודאָלף איז א דורך און דורכגעטרי־בענער יונג מיט ביינער. אָבוואָהל ער איז ניט מעהר וויא א פּארצעליי־מאָלער דאך גיט ער א קלאַפּ וויא א האמער. נור אזוי וויא איהר פערשטעהט ניט דיעזען שעה־נעם לשון, וועל איך אייך זאָגען אין פּראָסט טאטע־עברי. קולאַק איז א שמוגלער

און א טאשען־שניידער. איך דערצעהל ניט זיינע סודות און רייד ניט אויף איהם עפּעס בייזעס, ער אליין בעריהמט זיך דערמיט.

— און וואָס האט רודאָלף געטהאן אין זיין הויז? — האט שרה געפרעגט.

— איך שווער אייך מיין הערר אָדער מיין מאדאם, זאָ ווער וויא איך טרינק מיין גלאָז וויין, אז איך וייס פון קיין מעשה. הייטע אבענד האב איך געמאכט שפּאס פון נאכטיגאל, וועלכע האט געמיינט, אז איך וויל זיא שלאָגען און איז אנטלאָפען אין קולאָק׳ס הויף, איך בין איהר נאָכגעלאָפען, עס וואר פינסטער וויא אין אן אויג. אנשטאט צו טרעפען דאס מיידעל, האב איך געטראָפען מיין מייסטער רודאָלף, וועלכער האט מיר געגעבען אויסגאב אין קוראנטנע מטביעות! אָה, יע, דיא לעצטע קלעפּ ווארען גאָלד און דימאנטען! ער האט מיר צובראָכען רוק און לענד, אָבער דערפאר האט ער מיר פערשפּראָכען אויסצולערנען צו מאכען א גוטען קולאָק.

— וואָס פאר א חיה איז דיעזער קולאָק? וואָס פערקויפט ער? — האט סייטאָן געפרעגט.

— ער פערקויפט אלעס וואָס מען טהאר ניט פערקויפען און טהוט אלעס, וואָס מען טהאר ניט. דאס איז זיין בעשעפטיגונג. מומע פּאָניסע, וואָס זאָגט איהר?

— אָה, ער איז א בחור מיט פינגער! — האט דיא שיינקערקע געענטפערט — אויסער דעם איז ער דער בעזיצער פון א הויז אין טעמפּעל שטראסע. אבער ניין, ניט אין טעמפּעל שטראסע, ערגעץ אנדערש־וואו, — האט זיא שנעל פערהאפּט אויס פורכט ניט צו ענטדעקען וויכטיגע געהיימניסע.

— וויא איז קולאָק׳ס אדרעסע אין דיעזער גאס? — האט טהאָמאס סייטאָן האלזשניידער׳ן געפרעגט.

— נומער 13.

— פיעללייכט קענען מיר דאָרט עטוואָס ערפאהרען. איך וועל מאָרגען אהין שיקען אונזער קארל, — האט סייטאָן געזאגט צו זיין שוועסטער אין א ניעדריגען טאָן.

— אויב איהר קענט דעם מייסטער רודאָלף, קענט איהר שטאָלצירען מיט אן אמת גוטען פריינד וואָס איז ניט א פּאמוניצע. ווען ניט דער קאָהלען־טרעגער וואָלט ער אריינגעפּאָהרען אין דעם לעהרער וואָס זיצט דאָרט מיט זיין מכשפה. איך קען דיא אלטע מרשעת ניט אָנקוקען, איך וויל זיא צורייסען וויא א הערינג, ווען איך ערא‌ינער מיך וויא זיא האט בעהאנדעלט דער שעהנער נאכטיגאל, נור געדולד. אָבגעלייגט א קלאפּ איז קיין קלאפּ פערלאָרען, איז א ווערטעל, — האט האלזשניידער טרינקענדיג זיין וויין געזאגט.

פון דיא אָרטיגע שטאָדט־זיינער׳ס האט געקלונגען דיא האלבע נאכטס שטונ־

דע, דיא לאמפען אין שיינק און פון דרויסען האבען קוים וואס געבלישצעט, אלע געסט זיינען צוגאנגען נור דער לעהרער און זיין מכשפה, האלזשניידער און זיין קאמפאניע זיינען נאך געזעסען אין שיינק.

אלעס איז געווארען שטיל און אונמוטהיג. דער לעהרער האט זיך געווענדעט צו זיין בעגלייטערין און האט צו איהר געזאגט:

— ווען מיר געהן יעצט ארויס און מיר שטעלען זיך ביידע אין דיא צוויי ווינקעלאך פון הויז, וועלען מיר דעם פאאר זעהר לייכט פאקען. אויב זיי געהן לינקס וועט איינער פון אונז זיי זעהן, אויב זיי געהן רעכט וועט דער צווייטער פון אונז וויסען און דאן וועלען מיר זיי נאכגעהן ביז מיר קוועטשען זיי צו אין א ווינקעל און בערויבען זיי אהן גרויסע מאטערנים.

לילית איז פון דיעזער אידעע ענטציקט געווארען און ביידע זיינען ארויס פון טהיר.

7טעם קאפיטעל.

אייער געלד אדער אייער לעבען.

סייטאן און שרה זיינען אויפגעשטאנען פון טיש. נאכדעם וויא האלזשניידער איז בעדאנקט געווארען פאר דיא מיטטהיילונגען וואס ער האט געגעבען איז ער אויך ארויס פון שיינק. דער ווינט האט געבלאזען מיט א דאפעלטען קראפט און דער רעגען האט געגאסען טייכענווייס.

דער לעהרער און זיין וויב זיינען געשטאנען פערבארגען ריכטיג אין זייערע פלעצער און האבען געזעהן וויא האלזשניידער איז אוועק אין דעם זייט, וואו אן איינגעפאלענעם הויז איז געשטאנען. זיינע שריט, וועלכע זיינען געווען אונרעגעלמעסיג און שווער פון דיא וויין, וואס ער האט דיעזען אבענד געהאט האבען זיך באלד אויפגעהערט צו הערען. דער שטורים האט פערטויבט יעדע בעוועגונג און יעדען טומעל.

סייטאן און שרה זיינען ארויס פון שיינק און האבען זיך געלאזט געהן גראדע צום זייט, וואו דער לעהרער און זיין געליבטע זיינען געשטאנען.

— זיי געהן אין נעץ,— האט דער לעהרער געזאגט צו דער מכשפה— נעהם ארויס דיא וויטריאל און געדענק וואס דוא האסט צו טהאן.

— טהו אויס דיינע שיך זיי זאלען ניט הערען וויא מיר געהן זיי נאך,— האט לילית איהם געהייסען.

— דוא ביזט נערעבט, אימער גערעבט. לאמיר קריכען וויא דיא קעץ, מיין אלטע חכמה.

דיא פערבאָרגענע פּאָר האבען אויסגעטהאן זייערע שיך און האבען זיך גע־שאַרט ארום דיא ווענט וויא א שאָטען. זיי זיינען געגאַנגען אזוי לייכט, דאָס זאָגאַר ווען זיי זיינען געשטאַנען גאַנץ הארט לעבען דיא צווייטע פּרעמדע פּרוזאַנען האבען דאך דיא פרעמדע ניט געהערט זייערע שריט.

— גליקליכער וויזע שטעהט אונזער קאַרעטע ניט ווייט פון היער, זאָנסט וואלטען מיר דורכגענעצט ווערען. איז דיר קאַלט? — האט טהאָמאס געפרעגט זיין שוועסטער.

— איך האָף, אז מיר וועלען עטוואס ערפאַהרען פון דיעזען שמוגלער קולאַק,— האט שרה געזאָגט אין א זיכערען טאָן גאָר ניט הערענדיג איהר ברודערס פראגע.

פלוצלינג האט זיך טהאָמאס אָבגעשטעלט און האט געזאָגט:

— אָה, מיר בלאָנדזשען! מיר האבען בעדאַרפט געהן רעכטס, ווען מיר זיינען ארויס פון שיינק. מיר מוזען פאָראיבערגעהן אן איינגעפאַלענע הויז, וועלכע איז ניט ווייט פון שיינק, מיר מוזען זיך אומקעהרען.

דער לעהרער און זיין חבר׳טע, וועלכע זיינען געגאַנגען הארט לעבען דיא צוויי האבען זיך שנעל אריינגעהאַפּט אין דעם קאָרידאָר פון א הויז, און דיא צוויי פער־בלאָנדזשעטע, זיינען פאָראיבער הארט איבער זיי און האבען זיי ניט בעמערקט.

שרה און איהר ברודער זיינען ווידער פאָראיבער דעם „ווייסען קראָט" און זיינען געקומען צום איינגעפאַלענעם הויז מיט זיין טיעפען אָפענעם קעלער, וואס איז געוואָרען פאָל מיט רעגען־וואסער און איז געווען וויא א ים, וואָס גרענעצט זיך הארט ביי׳ן גאַס. שנעל וויא א בליץ, מיט א שטאַרקען ארעם און א ווילדען מוטה וויא פון א טיגער האט דער לעהרער אָנגעהאַפּט סייטאָנ׳ס גאָרגעל און האט אויס־געשריען:

— דיין געלט אָדער איך שליידער דיך אין דיעזען וואסערדיגען קעלער.

דער רויבער האט זיך געגעבען א קעהר, האט א שליידער געטהאן זיין קרבן וויא מען לייגט א קינד אויף א בענקעל און האט איהם צוגעשלעפּט הארט צום וואסער. דיא גאַנצע ארבייט האט ער געמאַכט מיט איין האנד, מיט זיין צווייטע האנד האט ער געהאַלטען דער פרויענצימער, וועלכע וואר פאר איהם לייכט וויא א פעדער.

איידער שרה האט צייט געהאַט צו מאַכען דיא קלענסטע בעוועגונג, האט דיא מכשפה זיך איינגעקעהרט און האט אויסגעליידיגט איהרע טאַשען. שרה האט ניט געשריען און האט זיך ניט געראַנגעלט, אין א גאַנץ שטילען טאָן האט זיא געזאָגט:

— ניב אָפּ דיין געלד ברודער. איהר דארפט אונז ניט וועה טהאָן. מיר וועלען אייך אָפּגעבען ביז א פעניג און מיר וועלען קיין לארעם מאכען.

לילית האט גאנץ געלאסען דורכגעזוכט אלע טאשען פון דיא צוויי בעפּאלענע און נאכדעם וויא זיא האָט ארויסגענומען אלץ וואָס דאָרט איז געלעגען האט זיא צו שרה'ן געזאָגט:

— ווייזט מיר אייערע הענד, איך וויל זיך זעהן מיט אייערע רינגען.

נאכדעם וויא זיא האט אלע פינגער בעטאפּט, האט זיא מיט כעס אויס־געברומט:

— פערדאמט! קיין איינציגער דימענט! איהר זייט אזעלכע שווינדלער וואָס האבען מורא צו ווייזען זייער רייכטהום אין גאס!

אָבוואָהל דיא גאנצע סצענע איז געקומען פּלוצלינג און אונגעריכט, דאָך האט סייטאָן זיין פאָלען קאלט־בלוטיגען פערשטאנד ניט פערלאָרען.

— ווילט איהר מאכען א גוטען געשעפט? איהר האט ביי מיר צוגענומען פּאַ־פּירען וואָס האבען פאר אייך קיין ווערטה. ברענגט זיי מיר מאָרגען צוריק און איך וועל אייך געבען פינף און צוואנציג אימפּעריאלען,—האט ער געזאָגט צום רויבער, וועלכער האט איהם אביסעל אָפּגעלאָזען.

— נארישקייטען! איהר ווילט לייגען א נעץ פאר אונז און איהר ווילט מיר זאָלען אהין אליין ארייננקריכען,—האט דער רויבער געענטפערט.

— טראָגט זיך אָפּ און קוקט גאר ניט הינטער אייך. דאנקט אייער גאָט, וואס איהר האט אבגעשניטען אזוי ביליג.

— ווארט א ווײלע,—האט זיך דיא אלטע מכשפה אבגערופען—אויב ער פערהאלט זיך וויא אן עדעלמאן, וועט ער צוריק האבען זיינע פאפּירען. איך האב א מיטעל. ווייסט איהר דעם טהאל דענים?—האט זיא סייטאָנען געפרעגט.

— יא.

— ווייסט איהר סט. יוען?

— יא.

— נעגענאיבער סט. יוען, ביי'ן ענדע וועג פון לא רעוואָלט איז פאראן א גאנץ ניעדעריגער טהאל. דאָרט קען מען זעהן א גאנצען שטיק וועג. קומט אהין מאָרגען פריה, קומט נור אליין. ברענגט אהין אייערע גאָלדענע מטביעות און דאָרט וועט איהר מיך מיט אייערע פאפּירען געפינען. איהר וועט מיר אָבצעהלען דיא מזומנים און איך וועל אייך געבען דיא פאפּירען.

— אָבער ער וועט דיך דאָרט ארעטירען.

— איך לאך דערפון, איך בין שוין דאָרט בעקאנט. איך האב נור איין אויג, אבער יענער פלאץ איז א דורכזיכטיגער און אויב דיזער פריץ קומט מיט דיא רויטהע קנעפּ וועט ער מיך זוכען און ניט געפינען.

א נייע אידעע איז אין דיזען מאָמענט אריין אין שרה'ס קאָפּ און זיא האט צום באנדיט געזאגט:

— ווילט איהר פערדינען א סך געלד.

— אימער בערייט צום געשעפט.

— אין דעם פלאץ, וואו מיר זיינען ערשט געווען,—איך פערשטעה, אז דאָרט האט איהר אונז געזעהן,—האט איהר דאָרט געזעהן דעם מאן, וואָס דער קאָהלענ־טרעגער האט ארויסגערופען?

— דער בחור מיט לאנגע יואנצעס? אָה, יא. איך וואָלט דיזען מאבער אריינגעהאקט א קאלטען שפּיעז אין דיא קישקעס, ווען ער וואָלט נור נאך איין וויילע אויף מיר געוואַרט. ער האט מיך צוקלאפּט וויא א עפּעל און האט מיך גע־שליידערט איבער'ן טיש. דאס ערשטע מאָל אין מיין לעבען טרעפט מיר אזא ניע־דערלאגע. פערדאמט! איך וועל איהם נאך אמאָל צו שניידען אין פּאסען!

— דאס איז דער מאן וואס איך מיין,—האט שרה געזאָגט.

— אָה! דעם לומפּ וועל איך פאר טויזענד פראנק מאכען פאר א צאצקע אין א מוזעאום!—האט דער מערדער מיט גיפט אויסגעשריען.

— לומפּ! איך וויל איהם ניט ערמאָרדען און וויל פון מארד ניט הערען!—האט שרה צוקאכט געענטפערט.

— וואס דען ווילט איהר?

— קום מארגען אין דעם סט. דעניס טהאָל: דארט וועט איהר געפינען מיין בענגלייטער. איהר וועט זעהן, אז ער איז גאנץ אליין און ער וועט אייך זאגען וואס איהר האט צו טהאן. אויב אייך וועט געלינגען אויסצופיהרען דיא אויפגאבע וועט איהר פון מיר האבען ניט איין טויזענד נור גאנצע צוויי טויזענד פראנק.

— מיין הארץ,—האט דיא אלטע מכשפה געזאגט אין איהר רויבער־שפּראך צו איהר קאמפּאניאן—דאָ קאָכט זיך א קאשע, דאס זיינען פויגלעך, וואָס ווילען זיך אָפּרעכענען מיט א שונא, און דיזער שונא איז דער ווילדער קאָטער, וואס דוא ווילסט פּטר'ן. מיר וועלען איהם מאָרגען געהן זעהן, צוויי טויזענד פראנק!

— גוט, מיין פרוי וועט קומען. איהר קענט איהר זאָגען, וואס איהר פערלאנגט און איך וועל עס בעטראכטען.

— בלייבט עס אזוי, מאָרגען אום איינס אוהר.

— אום איינס אוהר.

— אין סט. דעניס טהאל.

— אין סט. דעניס טהאל.

— צווישען סט. יוען און לא רעוואָלט שטראסע.

אָבגעמאַכט.

— און איך וועל אייך אָבגעבען דיא פּאפּיערען.

— און איהר זאָלט האָבען דאס פערשפּראָכענע געלד און איך וועל מיט אייך אָפּמאַכען דעם צווייטען געשעפט, אויב איהר וועט זיך לאָזען האנדלען.

— יעצט געהט איהר רעכטס און מיר געהן לינקס. פּרובירט זיך ניט אונז נאָכצוגעהן. זאָנסט —

דער לעהרער און זיין געליבטע זיינען פערשוואונדען מיט שנעלע טריט, וועה־רענד סייטאָן און זיין שוועסטער זיינען אוועק צום צווייטען זייט, צו נאָטער־דאם.

איין עדות וועמען קיינער האט ניט געזעהן וואר אנוועזענד דיא גאנצע צייט ביי דיעזע סצענע. עס וואר האלזשניידער, וועלכער האט זיך בעהאלטען אין דעם איינגעפאלענעם הויז, אום איבערצושלאָפען דיא רעגענדע נאַכט. דער פאָרשלאַג וואס שרה האט געמאַכט דעם רויבער וועגען רודאָלף'ן, האט איהם זעהר שטארק אינטערעסירט. איהם האט זעהר געערגערט, וואס ער קען ניט שיצען זיין פריינד פון דיא בייזעס, וואס ווערט געגען איהם געפּלאנט. זיין האס צום לעהרער און צו זיין מכשפה האָט נאך פערגרעסערט זיין חשק צו פערהיטען זיין פריינד פון זייערע הענד.

האלזשניידער האט בעשלאָסען צו פערהיטען זיין פריינד פון דיא געפאהר, וואָס איהם האט ערוואַרטעט, אָבער וויא אזוי זאָל ער עס טהאָן? ער האט שוין פערגעסען דיא אַדרעסע פון דעם מייסטער וואָס האט איהם געלערענט דיא קלעפּ. רודאָלף וועט פיעללייכט מעהר ניט בעזוכען דיעזען לוסטיגען געגענד.

וועהרענד ער וואר אזוי פערטראכט וועגען זיין פריינד איז ער ניט ווילענדיג נאָכגעגאנגען דיא פּאָר אריסטאָקראטען, ער האט געזעהן וויא זיי זיינען אריין אין א קארעטע, וואָס האט אויף זיי געוואַרט לעבען נאָטער־דאם. דיא קארעטע איז אָבגע־גאנגען, האלזשניידער האט זיך ארויפגעחאפּט פון הינטען. אום איינס אוהר האט זיך דיא קארעטע אָבגעשטעלט אויפ'ן בולוואר פון דער אָבסערוואטאָריע און שרה מיט איהר ברודער זיינען פערשוואונדען אין א זייטיגע געסעל. דיא נאַכט וואר זעהר פינסטער, האלזשניידער האט קיין זאך געקענט זעהן און אום ער זאָל מאָרגען פריה וויסען, וואו ער איז געוועזן, האט ער ארויסגענומען זיין מעסער און האט אויסגעשני־

טען א גרויסען און א טיעפען שפאלט אין דעם בוים וואס איז געשטאנען לעבען דעם הויז אין וועלכען דיא צוויי לייטע זיינען אריין. דאן האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיין קווארטיר, עס וואר פאר איהם א שטיק וועג צו געהן.

דעם ערשטען מאל זייט א לאנגע צייט, האט האלזשניידער גענאסען א רוהי־גען און געשמאקען שלאף און האט קיין איינציגען מאל ניט געזעהן דעם חלום פון דעם שלאכט־הויז מיט דיא סאלדאטען.

8טעס קאפיטעל.

דער שפאציער־גאנג.

אויף מארגען נאך דיא בעגעבענהייטען, וואס מיר האבען ביז יעצט בעשריבען, האט דיא זאנע געשיינט אין א קלאהרען און בלויען הימעל. דער שטורים און רעגען פון נעכטיגער נאכט זיינען פערגעסען געווארען. אין דיזען שעהנעם טאג האבען זאגאר דיא גאסען פון דער סיטע פיעל שעהנער אויסגעזעהן.

אויב רודאלף האט שוין מעהר ניט געפירכטעט פאר דיא צוויי פערזאנען, פון וועלכע ער איז נעכטען אנטלאפען, אדער ער האט געוואוסט, אז ער וועט זיי דארט מעהר ניט בעגעגנען ווייסען מיר ניט; דען אום עלף אוהר פאר מיטאג האט ער זיך ווידער געוויזען אין דער אייזענבאהן שטראסע און איז געגאנגען גלייך צום „וויסען קארט".

רודאלף איז נאך אלץ געוועזען געקליידעט וויא אן ארבייטער, אבער זעהר ריין און נעט. זיין נייע בלוזע וואר אפען ארום האלז און א רויטע פלאנעל העמדעל, מיט זילבערנע קנעפלאך האט זיך פון דארט ארויסגעזעהן.

אויפ'ן קאפ האט ער געטראגען א בלאע סאמעטענע היטעל, מיט א לעדערנעם ברילעק און עטליכע גאלדענע לאקען האבען זיך ארויסגע'גנב'עט איבער זיין אקסעל. אנשטאט דיא שווערע, פראסטע שטיוועל, וואס ער האט נעכטען געטראגען, האט מען אויף זיינע פיס געזעהן גאנץ עדעל אבגעפוצטע שיך, וואס האבען איינגעפריימט א קליינע פוס. דיא שיינקערקע איז גראדע געזעסען ביי'ן טיהר פון איהר שיינק ווען רודאלף האט זיך געוויזען אין איהר נאכבארשאפט.

— גוט מארגען, יונגער הערר, — האט זיא איהם נאך פון וויטען געגריסט, — איהר זייט זיכער געקומען נעהמען דעם אויסגאב פון אייער געלד, וואס איהר האט מיר געלאזען. אייך קומט זיעבעצעהן פראנק. אבער ניט נור דאס געלד האב איך אייך אבצוגעבען, איך האב פאר אייך א גערוס פון אן הויבען מאן אין שעהנע קליי־דער, וועלכער איז געקומען מיט א דאמע אין מענער־קליידער. זיי האבען אויף אייך געפרעגט און זיי האבען געטרונקען מיין בעסטען וויין, צוזאמען מיט האלזשניידער.

— מיט האלזשניידער? און וואס האבען זיי מיט איהם גערעדט?

— איך האב א טעות. זיי האבען גאר ניט געטרונקען, זיי האבען אפילו דיא ליפען ניט אבגענעצט. האלזשניידער האט דעם גאנצען ווין אריינגעגאָסען.

— אבער איך וויל וויסען, וואס זיי האבען געשפּראכען.

— אה, זיי האבען געשפּראכען פון דיעזעס, יענעס און אלעסדינדינג. זיי האבען גערעדט פון מאסיו קולאק, פון רעגען, פון וועטער און פון זאָנען שיין.

— קענען זיי זיך מיט קולאק?

— גראדע ניט. האלדזשניידער האט זיי געזאגט ווער ער איז און אז איהר—

— נו, דאס קימערט מיך ניט.

— ווילט איהר אייער געלד?

— יא. אונד איך וויל נאכטיגאַל זאל מיט מיר פאָהרען פערברייננען דעם טאג אויפ'ן לאַנד.

— אָה, דאס איז אומעגליך, מיין פריינד.

— ווארום?

— ווארום? ווייל ווען זיא געהט אוועק וועט זיא צוריק ניט קומען. איהרע קליידער געהערען צו מיר, אויסער דיא הונדערט פראנק, וואס זיא איז מיר שולדיג פאר איהר עסען און טרינקען און שלאָפען. ווען איך וואלט ניט געוואוסט, אז זיא איז עהרליך, וויא דער טאג, וואלט איך איהר זאָגאר פון טיהר ניט דורכגעלאזען.

— וויא פיעל איז זיא אייך שולדיג?

— זעקס און נייציג פראנק און עפּעס. אבער וואס האט עס מיט אייך צו טאהן? וועט איהר דען בעצאהלען איהר חוב?

— יא! — האט רודאלף געענטפערט און האט א שליידער געטאהן א הויפען גאלדשטיקע אויפ'ן טיש... יעצט זאגט מיר, וואס קומט אייך פאר איהרע קליידער?

דיא שיינקערקע איז איבערראשט געוואָרען און האט בעטראכט דיא גאלדשטיקע מיט בעוואונדערונג און אונגלויבען.

— וואס האסט דוא מורא, אז איך האב דיר געגעבען פאלשע געלד? פּרוביר זיי אויף דיינע שטיינער אדער שיק זיי אויסבייטען און ווער דער פון פּטור. איך פרעג אייך נאך אמאל, וואס קומט אייך פאר דיא שמאַטעס, וואס דאס ארימע קינד טראָגט.

דיא שיינקערקע איז געווען א צוטומעלטע. זיא האט געוואלט מאכען א גוט געשעפט; זיא וואר איבערראשט צו זעהן אן ארבייטער מיט אזוי פיעל געלד; זיא האט מורא געהאט טאָמער נארט ער זיא, און האט אויך געהאפט, אז זיא וועט איהם

נארען. דיעזע אלע געדאנקען האבען זיא פערטומעלט; א קליין ווײלע האט זיא גע־שוויגען, אבער נאכהער האט זיא געזאגט:

— אה, נאכטיגאל'ס קליידער זיינען ווערטה הונדערט פראנק.

— וואס! אזעלכע שמאטעס פאר אזוי פיעל געלד! הערט נור, וואס איך וועל אייך זאגען. האלט דאס געלד, וואס איך האב אייך געבטען געלאזען, איך וועל אייך געבען נאך עטליכע פראנק און ניט מעהר. איך גיב אייך אלץ וואס איך האב, מעהר קען איך הייטע ניט געבען.

— דאן קען איך ניט האפען. איך קען שאטצען מיינע קליידער וויא מיר גע־פעהלט. פון מיינטוועגען זאל נאכטיגאל זיצען צו הויז און איך וועל האבען דיא קליידער.

— דער טייפעל זאל דיך חאפען און פערשלעפען אין זיין בלאטע, וויא דוא פערדינסט. היער האסט דוא דיין געלד. געה רוף מיר דיא מיידעל.

— דיא שיינקערקע האט בעהאלטען דאס געלד און האט זיך פארגעשטעלט אז דיעזער יונגער מאן האט בערויבט א באנק אדער דערשטאכען א מיליאנער. זיא האט דאס געלד גוט פערשטעקט און האט דאן געזאגט:

— געהט אריין אויפ'ן צווייטען עטאזש און זעהט זיך מיט איהר. איך שווער אייך, אז דאס מיידעל האט חשק צו אייך.

— ניין, ניין. איך קען צו איהר ניט געהן. געהט און זאגט איהר, אז איך וויל זיא נעהמען שפאצירען. אבער מעהר וויא דאס זאלט איהר ניט זאגען. איהר הערט? קיין ווארט מעהר. זאגט איהר ניט, אז איך האב בעצאהלט איהרע שולדען.

— ווארום ניט?

— און וואס קימערט עס אייך?

— מיך ארט עס געוויס ניט. מיר איז געוויס בעסער, זיא זאל רעכענען, אז זיא איז מיר נאך שולדיג.

— נו, געהט שוין און רעדט קיין ווארט!

— געוויס.

דיא שיינקערקע איז אפגעגאנגען און אין א פאאר מינוטען איז זיא צוריקגע־קומען.

— נאכטיגאל האט מיר ניט געוואלט גלויבען אז זיא איז געווארען רויטה וויא א בוריק, ווען זיא האט געהערט, אז דוא ביסט ווידער דא. נור ווען איך האב איהר געזאגט, אז איך וועל איהר ערלויבען אויסצופאהרען איבער'ן לאנד, איז זיא

באלד פערריקט געווארען פון פריידע. דעם ערשטען מאל זייט איך קען זיא איז זיא געווארען בערייט אויסצושפרייטען איהרע ארמען און פאלען אויף מיין האלז.

— אה, געוויס פון פריידע, וואס זיא וועט פון אייך פטור ווערען.

נאכטיגאל איז אין דיעזען מאמענט אריינגעקומען. זיא וואר געקליידעט אין דיא נעכטיגע בגדים. זיא איז רויטה געווארען, ווען זיא האט דערזעהן איהר נעכטינגען בעשיצער און האט ניט געוואוסט וואו צו בעהאלטען איהרע אויגען.

— וואלט איהר געוואלט פערברייגגען מיט מיר היינטיגען טאג אויפ'ן לאנד? האט איהר רודאלף געפרעגט.

— מיט פערגניגען, מאנסיו רודאלף, אייב מיין ווירטהין וועט מיר נור ערלויבען.

— איך ערלויב עס דיר, מיין קליינע קעצעלע, ווייל דוא ביסט א גוטעס קינד. קום און צוקוש זיך מיט מיר.

— דיא אלטע שבור'טע האט אנגעשטעלט איהרע שמוציגע און צופרעסענע באקען. דאס אונגליקליכע קינד האט אוים איבערראשונג געוואלט ערפיעלען דער מומעס פערלאנג, נור רודאלף האט זיך אריינגעמישט און האט מיט זיין אוילען־בויגען א שליידער געטאהן דיא שמוציגע בריאה און האט גענומען דאס שעהנע קינד אונטער'ן ארים און איז מיט איהר ארוים פון הויז, לאזענדיג דיא שיינקערקע שילטענדיג און שרייענדיג.

— פארזיכטיג מאנסיו רודאלף. מומע פאניסע קען נאך עטוואס שליידערען אויף אייער קאפ. דיעזע פרוי איז א בעסטיע, ווען זיא איז אין כעס.

— זייט נאנץ רוהיג וועגען מיר. נור וואס העלפט אייך? איהר זייט ערשראקען, צוטראגען, טרויעריג. טוהט אייך לייד, וואס איהר גייט מיט מיר?

— ניין. אין נעגענטהייל. איך בין גליקליך, איבערגליקליך. נור, נור, איהר האט גענומען מיין ארם.

— נוא איז וואס?

— איהר זייט אן ארבייטער. איינער קען נאך ערצעהלען אייער בעל הבית, אז ער האט אייך געזעהן מיט מיר, און דאס קען אייך שאדען. ארבייטגעבער האבען ליעב זייערע ארבייטער זאלען זיין פלייסיג.

נאכטיגאל האט נאנץ לאנגזאם ארויסגענומען איהר ארם פון רודאלף'ס און האט ווייטער געזאגט: געהט איהר פאראויס, איך וועל אייך נאכגעהן. ווען מיר וועלען זיין ווייט פון שטאדט וועלען מיר ווידער צוזאמען געהן.

רודאלף איז געריהרט געווארען פון נאכטיגאל'ס עדעלען כאראקטער און פארזיכטיגקייט.

— האב קיין מורא ניט מיין קינד. מיין מייסטער וואוינט ניט אין דיעזען גע־גענד. יעדענפאלס ווארט אויף אונז א קארעטע.

— וויא אייך געפעהלט מאנסיו רודאלף. איך האב עס נור געזאגט אום אייך צו פערהיטען.

— איך גלויב עס און איך דאנק אייך. זאגט מיר נור האט איהר איין געווי־סען פלאטץ, וואו איהר ליעבט אם בעסטען צו פערברייננגען?

— ניין, מיר מאכט קיין אונטערשייד וואו, אבי אויפ'ן לאנד. דער וועטער איז אזוי שעהן און דיא לופט איז אזוי אנגענעהם. ווייסט איהר, אז דיא לעצטע זעקס וואכען בין איך ניט געוועזען ווייטער פון דעם בלומענמארק. דיא שיינקערקע מוז האבען זעהר פיעל צוטרויען צו מיר, זאנסט וואלט זיא מיך ניט געלאזט געהן פון שטאדט.

— און ווען איהר זייט געגאנגען צום בלומענמארק האט איהר געקויפט בלומען?

— אה, ניין. דערצו האב איך קיין געלד ניט געהאט; איך בין נור געגאנגען קוקען אויף זיי און געניסען פון זייער ליעבען הויך. דיא האלבע שטונדע, וואס דיא שיינקערקע פלעגט מיר ערלויבען ארומצוגעהן איבער'ן מארק האב איך זיך געשעצט אזוי גליקליך, דאס איך האב אלעס פערגעסען.

— און ווען איהר האט זיך אומגעקעהרט פון מארק צוריק אין דער שמוציגע גאס, וואו דיא שענקערקע וואוינט?

— אה דאן בין איך געווארען נאך טרויעריגער וויא פריהר; און איך האב געמוזט אונטערדריקען מיינע טרערען אום מען זאל מיר ניט שלאגען.

— איך רעכען, דאס ווען איהר וואלט געהאט אייניגע בלומען אין אייער פענסטער וואלט אייך געוועזען א סך פרעהליכער?

— געוויס, געוויס, מאנסיו רודאלף. שטעלט זיך נור פאר, דיא שיינקערקע וועלכע ווייס מיין ליעבע צו בלומען האט אין איהר געבורטסטאג מיך איבערראשט מיט א קליינעם בלומען בוקעט. אה, ווען איהר וואלט נור געוואוסט, וויא דאס האט מיך געמאכט גליקליך! — איך בין גאר ניט מיעד געווארען צו קוקען אויפ'ן בוקעט. איך האב מיך אמוזירט צעהלענדיג דיא בלעטליך, דיא בליימעלעך; אבער דיא לופט פון דיעזער שטאדט איז זעהר שלעכט און ענדע פון צוויי טעג האבען זיי אנגעפאנ־גען צו וועלקען. — דאן — אבער איהר פאנגט שוין אן צו לאכען פון מיר, מאנסיו רו־דאלף.

— ניין, ניין! ערצעהלט.

איך האב געבעטען מיין ווירטהין זיא זאל מיר ערלויבען אויסצוגעהן מיט מיין וועלקענדען בוקעט, וויא מיט א קליין קינד. יא, איך האב דיא בלומען געטראגען אויפ'ן בלומענמארק, רעבענענדיג, אז ווען זיי וועלען זיין מיט נאך בלומען און אויף פרישען לופט וועלען זיי אפלעבען. איך האב בעשפריצט דיא בלאסע און אבגעשוואכטע בלעטער מיט ריינעם וואסער פון פאנטאן און דאן האב איך זיי געהאלטען אונטער דיא זאנענשטראהלען. אה, טהייערער בלומענבוקעט! אין שטאדט האסט דוא ניט געזעהן דיא שטראהלען פון דער ליעבער זאנע, גלייך וויא איך האב זיי ניט געזעהן. דען אין אונזער גאס וויל דיא זאנע גאר ניט קומען! דאן בין איך צוריק געקומען אהיים. איך פערזיכער אייך מאנסיו רודאלף, אז איך האב דערהאלטען מיין בוקעט גאנצע צעהן טעג.

— איך גלויב אבער, ווען זיי זיינען געשטארבען האט איהר געמוזט וויינען.

— יא איך האב געוויינט, דען דיעזעס וואר פאר מיר איין אונגליק. דאן מאנסיו רודאלף — איהר ווייסט דאך, אז א מענש קען ליעבען בלומען, זאגאר ווען ער האט זיי ניט. אה, איך האב זעהר געוויינט אויף מיין עלענדען לעבען.

— אומגליקליכעס קינד, אונטער דיינע אומשטענדען האסט דוא זעהר אפט געמוזט וויינשען —

— יא. וויינשען צו מאכען איין ענדע פון מיין לעבען. אה ניט איין מאל האב איך אריינגעקוקט אין טייכעל, אבער דיא זאנענשטראהלען האבען מיך אבער צוריק גערופען. איך האב אפט צו זיך געזאגט: דעם טייך וועל איך ניט פערשפעטיגען. איך בין דאך נאך קיינע זיעבצעהן יאהר אלט.

— האט איהר ווען געהאפט אויף בעסערע צייטען?

— יא.

— זאגט וואס ווארען אייערע האפענונגען?

— צו געפינען איין איינציגע נשמה, וואס זאל מיר פערשאפען עטוואס ארבייט איך זאל זיך קענען בעפרייען פון דער שיינקערקע. איך האב אויך זעהר אפט צו זיך געזאגט: איך בין דיא אונגליקליכסטע, אבער איך האב קיינעם לייד געטהאן, ווען איך וואלט נור געהאט איינעם, וואס זאל מיר געבען א פראקטישע עצה וואלט איך ניט געווען אין אזא שרעקליכע לאגע. אזעלכע געדאנקען האבען אימער פערלייכטערט מיינע שמערצען, וועלכע זיינען געווען אונערטרעגליך זייט איך האב פערלארען מיין בלומענ־בוקעט. זעהט איהר, אט איז מיין טוידטער בוקעט.

נאכט־גאל האט ארויסגענומען פון איהר בוזים אן קליינעם בינדעל צו־וועלקטע צווייגעלעך און בלעטעלעך.

— איהר האט עס בעהאַלטען און איהר טראָגט עס אין אייער בוזים?
— יאַ, דאָס איז אַלעס וואָס איך בעזיץ אין דער וועלט.
— וואָס, האָסט דוא גאר קיין זאַך, וואָס בעלאַנגט צו דיר?
— ניכטס.
— זאָגאר קיין שטיקעל טוך, קיין איינציגען פאָדים?
— ניכטס, ניכטס, ניכטס! אַלעס בעלאַנגט צו מומע פאַניססע, אויסער דיעזער פערוועלקטער בוקעט, און דארום האַלט איך עס אזוי טהייער.

רודאָלף און נאַכטיגאַל האבען עררייכט דעם פּלאַץ, וואו דיא קאַרעטע האט אויף זיי געוואַרט. רודאָלף האט איהר געהאָלפען אריין אין וואָגען און האט צום קוטשער געזאָגט:

— צו סט. דעניס!

דיא קאַרעטע איז געלאָפען, דיא לופט וואר פריש, דיא זאָנע האט געשיינט און דער הימעל וואר ריין אָהן אַ פלעק.

— זעהט נור, היער ליעגט אַ פּרויען-מאַנטעל!

נאַכטיגאַל האט אַנגעציינגט אויף אַ מאַנטעל וואָס איז געלעגען לעבען איהר.

— דאס האב איך פאַרבעריית פאר אייך, איהר זאָלט זיך ניט פערקיהלען ווען עס ווערט קאַלט.

נאַכטיגאַל איז ניט געוואהנט געווען מען זאָל פאר איהר אזוי זאָרגען. זיא האט אַנגעקוקט איהר פריינד און האָט מיט טרערען געזאָגט:

— איהר זייט זעהר פריינדליך, מאַנסיו רודאָלף, איך שעהם זיך פאר אייך.
— ווארום, ווייל איך בין פריינדליך?
— ניין, און איהר שפּריכט ניט אזוי וויא נעכטען, איהר זייט גאָר אַן אנדער מענש.
— זאָגט-זשע מיר מאַריע-בלומע, וועלכען רודאָלף וואָלט איהר פאַרגעצויגען דעם נעכטיגען, אדער דעם היינטיגען?
— איך ליעב אייך בעסער וויא איהר זייט יעצט, דאך דעם נעכטיגען רודאָלף האב איך געהאַלטען עטוואָס מעהר פון מיין גלייכען.... ווען איך זאג, אייער גלייכען ווייס איך זיכער, אז איך קען עס קיין מאל ניט זיין.
— זעהט איהר מאַריע-בלומע, איין זאך וואונדערט מיר וועגען אייך,—האט רודאָלף געזאגט אום איהר ארויסצופיהרע פון איהר פערלעגענהייט—איהר האט אין נאַנצען פערגעסען, וואס דיא לילית האט אייך נעכטען געזאָגט, וועגען אייערע עלטערן.

— אָה, איך האב עס ניט פערגעסען, איך האב דיא גאַנצע נאַכט געוויינט דעריבער. אָבער איך בין זיכער, אַז וואָס זיא האט געזאָגט איז ניט אמת. דיא מכשפה האט דיא גאַנצע געשיכטע אויסגעטראַכט, נור אום צו מאַכען מיר נאָך אונגליקליכער.

— עס איז אבער מעגליך, אַז לילית ווייס מעהר וויא איהר דענקט. וואָלט איהר ניט געוועזען גליקליך צו געפינען אייערע עלטערען?

— וועה! ווען מיינע עלטערען האבען מיך ניעמאַלס געליעבט, וואָס נוצט מיר צו וויסען ווער זיי זיינען? זיי וואָלטען מיך זאָגאַר ניט וועלען אנקוקען. און — און אויב זיי האבען מיך אַמאָל געליעבט וואָלט איך אויף זיי געבראַכט דיא גרעסטע שאַנדע, אַ שאַנדע וואָס זיי וואָלטען פיעללייכט ניט איבערגעלעבט!

— ניין, אויב אייערע עלטערען האבען אייך אַמאָל געליעבט, וואָלטען זיי אייך בעדויערט און נאָך מעהר געליעבט. אויב זיי האבען אייך פערוואָרפען, דאַן, ווען זיי זעהן צו וואָס פאַר אַ שיקזאַל זיי האבען אייך געבראַכט וואָלטען זיי זיך געשעמט, נעערגערט און דאָס וואָלט געווען אייער ראַכע.

— וואָס פאַר נוצען בריינגט דיעזע ראַכע?

— איהר האט רעכט, מיר וועלען דעריבער בעסער ניט ריידען.

ביי דיעזע רייד איז דיא קאַרעטע נעקומען צו סט. יוען, אויפ'ן פונקט, וואו דיא גאַסען סט. דעניס און לאַ רעוואָלט צוטהיילען זיך. אָבוואָהל דיעזער פּלאַץ האט קיין בעזאָנדערע שעהנקייט געהאַט, דאָך איז נאַכטיגאַל פון דיא פרייע לאַנד־שאַפט אזוי בעגייסטערט געוואָרען, דאס זיא האט באַלד פערגעסען אלע טרויעריגע געדאַנקען און איהר געזיכט האט געשטראַהלט מיט פריידע. זיא האט ארויסגעקוקט פון פענסטער, האט פערבראָכען איהרע הענד און האט אויסגעשריען:

— אָה, מאָנסיו רודאָלף, וויא גליקליך איך בין! דיא גראָז! דיא פעלדער! וועט איהר מיר ערלויבען אויסצושטייגען? איך וואָלט זעהר וועלען ארומלויפען איבער דיעזען גראָז.

— לאָמיר דא לויפען. קוטשער האַלט!

— וואָס? אויך איהר, מאָנסיו רודאָלף, ווילט אַרומלויפען?

— יאָ.

רודאָלף און נאַכטיגאַל זיינען ארויסגעשפּרונגען פון קאַרעטע, האבען זיך געגעבען ביי דיא הענד און זיינען געלאָפען אָהן אָן אָטהעם איבער דיא פריש אבגעהאַקטע לאַנקעס. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיא ענטציקען און דיא קינדישע פריידע, וואס נאַכטיגאַל האט געפיהלט. זיא איז געלאָפען, געשפּרונגען, איז צוריקגעקומען,

האט זיך א ווײלע צוגעשטעלט האט געאטהעמט דיא פרישע לופט, און איז ווידער געלאָפען. פאר איהרע אויגען וואָרען פיעלע ווילדע בלומען, שעהנע צווייגעלעך און ריכענדע גרעזעלעך. נאכטיגאל איז געשטאנען אין מיטען גן עדן. זיא האט געריסען און געפליקט יעדע שעהנע בלעטעלע און האט פון שמחה געלאכט פון פאלען הערצען. ענדליך איז זיא מיעד געוואָרען און איז ארויפגעפאלען אויף אן אבגעהאקטען בוים, וואס איז געלעגען הארט ביי א טאהל.

איהר שעהנע און בלאסע געזיכט האט יעצט געשטראהלט מיט א רייצענדע רויטהקייט. איהרע גרויסע בלאָע אויגען, האבען געלויכטען וויא דימאנטען, איהר קליינער מויל, האט זיך עטוואס געעפענט אײנצונעהמען לופט און האט בעוויעזען צוויי רייהען פערעל, איהר ברוסט איז געוואָרען פאל און האט זיך געוויעגט ארויף און אראפ. איין האנד האט זיא געהאלטען אויף איהר ברוסט אום אבצוהאלטען דעם שנעלען אטהעם און דיא צווייטע האנד האט זיא אויסגעשטרעקט צו רודאלף'ן פאל מיט ווילדע בלומען, וואס זיא האט אנגעריסען. קיין זאך קען זיין שעהנער וויא דיא אונשולד און דיא פריידע וואס האבען זיך פעראייניגט אין דעם גלאנץ פון איהר געזיכט. גלייך וויא זיא האט נור געקענט אפכאפען איהר אטהעם האט זיא אויס־געשריען:

— אָה, וויא גוט איז דער הימעל וואס האט אונז געשאנקען אזא ליעבען טאג!

א טרעהר איז ארויסגעפאלען פון רודאלף'ס אויג הערענדיג וויא דיעזע פער־לארענע, פערגעסענע, פערשטויסענע און עלענדעס קינד איז פאל מיט דאנקבארקייט צו איהר בעשעפער פאר דיא קליינע פריידע, פאר איין איינציגען שטראהל אין איהר פינסטערען לעבען. ער האט איהר געוואלט עטוואס זאגען, נור ער איז פלוצלינג איבערראשט געוואָרען פון א זעלטענעם צופאל.

9טער קאפיטעל.

דיא איבערראשונג.

ווערענד נאכטיגאל איז געזעסען אויפ'ן איינגעפאלענעם בוים, וואס איז גע־לעגען ביי א גרוב אין דיעזען טהאל, האט זיך עטוואס פון גרוב געגומען הייבען. א בארג פון צווייגען און בלעטער האט זיך געעפענט און א מאן איז פון דארט ארויס מיט א ברייטען געלעכטער. נאכטיגאל האט זיך אומגעקוקט און האט אנגעפאנגען צו שרייען. דער מאן וואס איז ארויס פון גרוב וואר קיין אנדערער וויא האלזשניידער!

— שרעק זיך ניט מיין פריינדין, — האט ער צו איהר געזאגט ווען ער האט דערזעהן איהר שרעק — ביי אלע מזלות שווער איך אייך מייסטער רודאלף, אז דאס

אין א גליקליכער צופאל! חא, חא, חא! איהר האט עס ניט ערוואַרטעט! איך גע־וויס ניט!

האַלזשניידער האט זיך א ווײלע פערטראַכט און האט ווייטער געזאָגט:

— הערט נור מייסטער. מענשען קענען זאָגען וואָס זיי געפעהלט, איך זעה אָבער, אז איבער אונז געפינט זיך אזא קראַפט, וואָס איבערשטייגט אונז אַלעמען. זעהט נור איהר זייט אהער צו מיר געשיקט געוואָרען פון איינעם וואָס האט גע־וואוסט, אז איך דאַרף אייך זעהר נויטהיג, און דער איינער איז דער וואָס וויים, וואס קיינער וויים ניט.

— אָבער וואס טהוסט דוא היער? — האט רודאָלף מיט דער גרעסטער איבער־ראַשונג געפרעגט.

— איך בין דאָ אבצוהיטען א געשעפט וואס האַנדעלט זיך וועגען אייך. אָבער וואס פאַר א וואונדערבאַרע זאַך, איהר זאַלט גראַדע יעצט אָנקומען צו דעם אָרט, וואו איך ליעג בעהאַלטען! עטוואָס מוז דאַרין זיין! איך שווער, אז עטוואָס מוז דאַרין זיין!

— אָבער איך פרעג דיר נאָך אַמאָל, וואָס טהוסט דוא היער?

— איהר וועט שוין אלעס פון מיר הערען. צוערשט לאָזט מיר נור ארויפקריכען אויף אייער קאַרעטע און בעטראַכטען דעם גאַנצען געגענד.

האַלזשניידער איז געלאָפען צום וואגען, איז ארויף אויפ'ן שפּיץ פון דער קאַ־רעטע, האט בעטראַכט דעם גאַנצען טהאַל אין אַלע זייטען און האט זיך אומגעקעהרט צו דער איבערראַשטער פּאָר.

— ווילסט דוא מיר ערקלעהרען וואס דאס אַלעס בעדייטעט? — האט רודאָלף מיט דער גרעסטער אונגעדולד געפרעגט.

— געדולד, געדולד מיין הערר, נאָך איין וואָרט. ווייסט איהר וויא שפּעט עס איז?

— האַלב נאָך צוועלף, — האט רודאָלף געענטפערט.

— גוט, מיר האבען נאָך צייט, לילית וועט אין דיזער האַלבע שטונדע ניט קומען.

— לילית! — האבען רודאָלף און נאַכטיגאַל צוזאַמען אויסגעשריען.

— יאָ, לילית דיא מכשפה. הערט נור מיין געשיכטע. געסטערן, וויא מיין מייסטער איז אַנטלאָפען זיינען געקומען —

— א הויכער מאַן מיט א פרוי אין מענער קליידער און האבען אויף מיר גע־פרעגט. דאס ווייס איך, וואָס איז ווייטער געשעהן? — האט רודאָלף אונגעדולדיג געפרעגט.

— זיי האבען געצאהלט פאר מיין וויין און האבען פון מיר געוואלט פאמפען עטוואס וועגען אייך. אבער איך האב זיי קיין זאך געהאט צו דערצעהלען אויסער, דאס איהר האט מיך בעעהרט מיט עטליכע קלעפ. איך האב זיי געזאגט, אז איך בין מיט אייך בעפריינדעט וויפיעל צוויי אדער דריי פרעסק קענען בעפריינדען און, אז איך האב פון אייך געלעהרענט צו געבען א קלאפ. וויטער, וואס הייסט וויטער, זאנאר, ווען איך אליין וואלט געוואוסט עטוואס מעהר, וואלטען זיי עס פון מיר אויך ניט ערפאהרען; מעג דאס זיין גוט אדער שלעכט זאל מיך דער טייפעל חאפען אויב איך וויס ווארום, איך בין אבער פארט אייער פריינד. איך פיהל צו אייך דיא טריי־הייט און ערגעבענהייט פון א הונד זייט איהר האט מיר געזאגט, אז איך האב א הארץ און אן עהרענגעפיהל. אזוי איז עס און איך בין בערייט אייך צו דיענען, מעג זיין וואס עס איז.

— איך דאנק דיר מיין פריינד, דערצעהל מיר וויטער.

— דער הויכער מאן און דיא דאמע אין הויזען האבען דערזעהן, אז זיי קענען פון מיר קיין זאך ערפאהרען, זיינען זיי אוועק פון שענק, דאס זעלבע האב איך אויך געטהאן. זיי זיינען אוועק צום געריכטיגקייטס פאלאסט און איך צו נאטער־דאם. איך האב דערזעהן, אז עס רעגענט פאר קעץ און הינד, עס איז אן אמת'ער מבול. איך האב דארט דערזעהן אן איינגעפאלענע הויז און האב צו זיך אליין געזאגט:

— מיין פריינד, וואצו דארפסט דוא געהן אין רעגען שלאפען אין דיין גרוב? אין דיעזער חורבה קענסט דוא אויך האבען א גוטען נאכטלעגער.

איך האב דיא איינלאדונג אנגענומען און האב זיך ארייגערוקט אונטער דיא ברעטער. איך האב געמאכט מיין בעט, א ברעט אונטערן זייט, א ציגעל אונטערן קאפ און האב אנגעפאנגען צו שנארכען און חראפען וויא א קעניג—

— וואס ווער דיא ענדע?

— איך האב אביסעל מיט אייך געטרונקען. איך האב אויך אביסעל געטרונ־קען מיט דיא צווייטע געסט און איהר מעגט גלויבען, אז מיין קאפ האט זיך אראפ־געררוקט פון דיא פלייצעס, איך האב שוין באלד איינגעדרעמעלט, נור א טומעל אין גאס האט מיך אויפגעוועקט. איך האב זיך צוגעהערט און האב פערנומען דעם לעה־רערס שטימע. איך האב געהארכט און געהארכט, גאט פערדאם מיך! וואס האב איך געהערט? דער הויכער מאן האט פריינדליך געשפראכען מיט'ן העסליכען לעהרער.

— וואס? דיא צוויי האבען געהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן לעהרער און זיין ליליה? — האט רודאלף אויסגעשריען.

— יא, מיט'ן לעהרער און זיין מכשפה, זיי האבען אָפּגערעדט צו טרעפען זיך א צווייטען מאָל.

— ווען?

— הייטע אום איינס אוהר.

— יעצט?

— יא, יעצט און טאקע אויף דיעזען פּלאַץ.

— דער לעהרער! אָה, פאַרזיכטיג מאנסיו רודאָלף! — האט נאַכטיגאַל אויס־געשריען.

— בערוהיג זיך מיין קינד, דער לעהרער וועט דאָ ניט זיין, לילית אליין וועט אהער קומען, — האט האַלזשניידער איהר בערוהיגט.

— וויא קומען דיא צוויי לייטע וואס דוא האסט געזעהן אין שענק צו האָבען א פערבינדונג מיט דיעזע צוויי לומפּען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— ביי מיין נשמה, אז איך וויים ניט. איך רעכען, איך האב ערוואַכט אם ענדע פון גאנצען מסחור. דער הויכער מאן, האט געשפּראָכען וועגען זיינע פּאַפּיערען וואָס לילית בעדאַרף אהער ברייננגען און אָפּגעבען פאר א געוויסע סומע געלד. איך רעכען, אז דער לעהרער האט אָנגעפּאַנגען זיין בעקאַנטשאַפט מיט א פּאר קלעפּ און נאַכדעם, וויא ער האט דיא פריצים בערויבט האבען זיי אנגעפאַנגען צו זינגען און צו בלאָזען און זיינען אריין אין א געשעפטס פערבינדונג.

— דאס איז מערקווירדיג.

— גרויסער גאָט, וויא ציטער איך פאר אייך מיין פריינד! — האט נאַכטיגאַל מיט פערבראָכענע הענד געזאָגט.

— מייסטער רודאָלף איז קיין אינגעלע, ער קען זיך נאך העלפען. דאך מוז ער עפּעס ערוואַרטען און דאָס איז דער סוד וואס איך בין דאָ געלעגען.

— דערצעהל ווייטער מיין פריינד.

— דער הויכער מאן און דיא פרוי אין שקאַרפּעטקעס האבען פערשפּראָכען צוויי טויזענד פראַנק מען זאָל אייך עטוואָס טהאן — איך האב ניט געהערט וואס דיא טהאט דאַרף זיין. לילית דאַרף דא זיין, זיא וועט ברייננגען דיא פּאַפּיערען און וועט הערען, וואס פאר אן ארבייט עס ווערט פערלאַנגט. זיא וועט עס דערצעהלען דעם לעהרער און ער וועט עס נאך בעטראַכטען.

נאַכטיגאַל האט געציטערט. רודאָלף האט געשמייכעלט.

— צוויי טויזענד פראַנק, — האט האַלזשניידער ווייטער גערעדט — ווערט פער־שפּראָכען מען זאָל אייך וועה טהאן! דאס איז דאך א גוואלד. ווען איך זעה א

בעקאַנטמאַכונג, אַז הונדערט פראַנק ווערט געבאָטען דעם וואס וועט ברייננען אַ פערלאָרענעם הונד, זאָג איך צו זיך אַליין: ווען דוא האָלזשניידער וועסט ווערען דיא כפרה אין אַ ווינקעל וועט קיינער פאַר דיין קערפּער קיין קנעפּעל ניט באָטען. צוויי טויזענד פראַנק פאַר אייערע שמערצען! איהר מוזט דאָך זיין אַ גרויסער מאַן? וואָס זייט איהר וויל איך וויסען?

— איך וועל עס דיר מיט דער צייט דערצעהלען, יעצט דערצעהל וויטער.

— ווען איך האָב עס געהערט האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: איך מוז אויס־געפינען ווער זיינען דאָס דיא פּריצים, וואָס רייצען דעם לעהרער אויף מיין רודאָלף, פיעללייכט קען עס נוצען. ווען זיי זיינען אַוועק, בין איך אַרויס פון דער חורבה און בין זיי נאָכגעגאַנגען וויא אַ מויז. דיא פּריצים האָבען זיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַרע־טע וואָס האָט אויף זיי געוואַרט לעבען נאָטער־דאַם. איך האָב מיך געזעצט ביי דיא הינטערסטע רעדער און בין מיט זיי געפאָהרען ביז דעם בולוואַר פון דער אָבסער־וואַטאָריע. עס וואַר פינסטער וויא אין אַן אויג, איך האָב קיין זאַך געקענט זעהן און דאַרום האָב איך געמאַכט אַ קאַרב אין אַ בוים, אום איך זאָל מאָרגען געפינען דעם פּלאַץ.

— זעהר גוט מיין פריינד.

— הייטע גאַנץ פריה בין איך אַהין געגאַנגען, איך האָב אויפגעזוכט דעם בוים. ניט וויט פון בוים איז אַ שמאָלער איינגאַנג, וואָס איז פערצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס. אין דעם שטויב פון דיעזען איינגאַנג האָב איך געזעהן קליינע און גרויסע טריט. וואָס האָבען געפיהרט צום איינגאַנג פון אַ קליינעם גאַרטען, יעצט ווייס איך, אַז דאָס פּאַאר האָבען דאָרט זייער נעסט.

— איך דאַנק דיר טהייערער פריינד, דוא האָסט מיר געטהאָן אַזאַ דיענסט, וועלכע דוא אַליין קענסט ניט שאַצען.

— איך האָב גערעכענט, אַז אייך קען עס זיין אַ טובה און דאַרום האָב איך עס געטהאָן.

— איך פערשטעה עס מיין גוטער פריינד, איך ווינש, איך זאָל עס דיר קענען בעלאָהנען מיט עטוואָס בעסערעס וויא מיט טרוקענע דאַנקען. אונגליקליכער ווייזע בין איך ניט מעהר וויא אַן אָרימער אַרבייטער, חאָטש מען האָט געבאָטען גאַנצע צוויי טויזענד פראַנק אום מיך צו פעראונגליקען, איך וועל עס אייך ערקלעהרען.

— ווען איהר ווילט בין איך צופריעדען, ווען ניט מאַכט עס מיר אויך ניט אויס. אייך ערוואַרטעט איין אונגליק, וועלכען איהר ווילט אויסמיידען, דאָס איז שוין גענוג צו מאַכען מיך טהעטיג. וויטער איז עס אייער זאַכע.

— איך וויל עס דיר דערצעהלען. איך האב אן ערפינדונג, וואס זיי ווילען ערפאהרען, איך האב א געהיימניסע צו פארבען פארצעליי מיט אזא מאשינע. דיעזע געהיימניס בעלאנגט ניט צו מיר אליין, איך ערוואַרט מיין שותף, וואס דארף עס צוזאמען מיט מיר אויסארבייטען. איך צווייפעל ניט, אז זיי ווילען ארויסקריגען מיין מאשינע, וועלכע איך האלט פערשלאָסען אין מיין צימער. זיי באָטען דערפאר צוויי טויזענד פראנק, וויל מיט דיעזער ערפינדונג קען מען מאכען אוצרות. דער הויכער מאן און זיין פרוי אין מענער־קליידער זיינען פארצעליי־פאבריקאנטען און זיי זוכען מיין געהיימניס.

דיעזע ערקלעהרונג האט צופריעדענגעשטעלט האלזשניידערס נייגיערדע און ער האט אויסגעשריען:

— יעצט פערשטעה איך שוין אלעס. אָה, דיעזע לומפען וואָס האבען קיין קוראזש צו בעגעהן דיא שמוציגע ארבייט מיט אייגענע הענד,—נור איך וועל ענדיגען מיין ערצעהלונג. הייטע פריה האב איך צו זיך אליין געזאָגט: האלזשניידער דוא ווייסט, וואו דער הויכער מאן און דיא לילית דארפען זיך טרעפען. געה און וואַרט זיי דאָרט אָפּ, איך האב גוטע פיס, מיין בעל־הבית וועט מיך הייטע ערוואַרטען, ער וועט האבען שאדען, אבער זאָל ער זיך אויפהענגען. איך בין געקומען אהער, האב אויפגעזוכט דיעזען גרוב, האב עס פערדעקט מיט צווייגען און מיט בלעטער און האב זיך דאָ פערגראָבען ביז'ן נאָז; אָבער זעהט נור! מיין רודאָלף פליהט איבער דיעזען טהאל און דיא שעהנע נאכטיגאל האט זיך געזעצט אויף דיעזען אָבגעהאקטען בוים, הארט לעבען מיין נאָרע. אָה, איך האב שוין מעהר ניט געקענט ליעגען אין דער ערד. איך בין ארויס אייך צו געריסען און ווארנען.

— און וואס דענקסט דוא יעצט צו טהאן?

— איך וויל וואַרטען אויף דער לילית, וואס וועט זיכער קומען גאר צום ער־שטען. פריהער וועל איך אויסהערען אלץ וואס זיא און דער הויכער מאן וועלען שפּרעכען, וויל דאס קען אייך נוצען. אויפ'ן גאנצען טהאל ליעגט קיין זאך וואס מע קען זיך זעצען און פון וואנען מען קען אלעס בעאָבאכטען אויסער דיעזען אָבגעהאַק־טען בוים. איך בין זיכער, אז ווען דיא צוויי וועלען זיך בעגעגענען וועלען זיי קומען צו דיעזען בוים, דא וועלען זיי זיך זעצען ריידען. דא וועל איך אלעס אויסהערען, נאכדעם וויא זיי וועלען זיך שיידען וועל איך בעפאלען דער אלטער לילית און וועל איהר בעצאָהלען פאר דעם צאָהן וואס זיא האט געריסען פון נאכטיגאלס מויל. איך וועל זיא אזוי לאַנג שלאָגען, ביז זיא וועט מיר אויסזאָגען דיא נעמען פון נאכטיגאַל'ס עלטערען. וואָס דענקט איהר אויף דעם?

— זעהר גוט, נור עטוואָס דאַרף מען דאַרין ענדערען.

— אָה, ניין פריינד האַלזשניידער, מאַכט קיין ביטערען קאַמפּף פאַר זיך צו ליעב מיר, — האט נאַכטיגאַל איהם געבעטען, — ווען איהר שלאַגט דער מכשפר, ווערט דער לעהרער —

— גענוג, גענוג, איך וויל ניט הערען. דיא מכשפה קען דיעזען מאל טרוקען ניט ארויס. דאָנער וועטער! גראַדע ווייל דער לעהרער איז איהר בעשיצער וויל איך צוברעכען איהרע ביינער.

— הער נור מיך מיין פריינד, איך האב א בעסערען פלאַן צו פלאַנען דער מכשפה פאַר איהר גרוילטהאַטען. איך וועל עס דיר א צווייטען מאל זאגען. נור יעצט, ווילסט דוא מיר לייסטען אן אמת'ע נוצליכע דיענסט?

— מיט פערגעניגען, זאגט נור וואס.

— קען דיך דיא מכשפה?

— נעכטען האב איך זיא געזעהן צום ערשטען מאל, ווען זיא איז געקומען אין שיינק.

— דאַן נעהם מיין עצה. דוא דאַרפסט זיך צו ערשט בעהאַלטען, נור ווען דוא זעהסט, אז זיא איז הארט נעבען דיר קריך ווידער ארויס —

— און אָפּדרעהען איהר דעם קאָפּ.

— ניין, זיי נור ניט אזוי געאיילט. יעצט איז דיא וויכטיגסטע זאך זיא זאל ניט קענען רעדען מיט דעם מאַן, וואס זיא געהט בעגעגענען. ווען ער וועט זעהן, אז זיא איז מיט א צווייטען וועט ער צו איהר ניט צו גהען; אויב ער וויל מיט איהר רעדען לאָז זיא ניט אָפּ אויף א סעקונדע. אין דיין געגענוואַרט וועט ער זיך היטען. און ווען דער מאַן הייסט מיך אוועקגעהן, דאַן ווייס איך וואס איך האב מיט איהם צו טאַהן. ער איז ניט דער לעהרער און ניט מייסטער רודאָלף. איך וועל זיין א שאַטען, וואס וועט נאַכגעהן דער מכשפה, דער מאַן זאל איהר ניט קענען זאגען איין וואָרט, וועלכען איך זאל ניט הערען. ער וועט מוזען אוועקגעהן מיט א נאָז און דאַן וועל איך זיך נעמען צו איהרע ביינער! איך מוז דעם פערגעניגען האבען. איך מוז צוברעכען האַטש צוויי ביינער אין איהר קערפּער! אָה, דיא מכשפה! זיא מוז פערזוכען מיין קולאַק!

— ניין. עס איז צו פריה; זאג מיר נור, ווייס דיא מכשפה אויב דיא ביסט איינער פון דיא חברה?

— ניין. סיידען דער לעהרער האט איהר דערצעהלט, אז איך האב קיין גע־שמאַק אין דיא האַפּ־לאַפּ געשעפטען.

— און אויב ער האט עס איהר געזאגט האסט דוא דאך געביטען דיין מיינונג און דוא ביזט געווארען איינער פון איהרע לייט?

— ווער איך?

— יא דוא!

— טויזענד מאל דאָנער וועטער. מאנסיו רודאָלף מיר שפּיעלען זיך ניט! איך האב פיינד א ליגען! איך קען עס ניט העלפען! איהר ווילט מיך אריינברענ־גען אין כעס.

— דו טוה וויא דוא פערשטעהסט; נור איך וויל דיר ניט פארשלאגען א זאך וואס איז ניט אנשטענדיג. זיא וועט זיין בייז, ווארום דוא האסט איהר פערדארבען דעם גוטען געשעפט; דוא מוזט זיא בערוהיגען און מוזט איהר דערצעהלען, אז דוא האסט א פעטען ביסען, וואס איז ווערטה א פערמעגען און אז דוא ערוואַרטעסט דאָ דיין חבר און אז דוא וועסט צונעהמען דעם לעהרער פאר א שות'ף, ווייל דוא האסט א גאלד־גרוב, וואס וועט זיין גענוג פארביידען.

— בראַוואָ!

— נאכדעם וויא דוא וועסט מיט איהר פערברייננגען א גאנצע שעה, פאנג אָן צו ווערען אונרוהיג, וואס דיין חבר איז ניט געקומען און אם ענדע רייד מיט איהר אָפּ, אז מאָרגען גאנץ פריה זאל זיא און דער לעהרער קומען דיך זעהן ביי דיעזען בוים.

— בראַוואָ! איך פערשטעה.

— הייטע אבענד אום צעהן אוהר, זאלסט דוא אונבעדינגט מיך אבווארטען ביי'ן נאטער־דאם. דארט וועל איך זיך מיט דיר זעהן, און דוא וועסט ערפאהרען וואס דוא האסט צו טאהן.

— איז דאס א פּאסטקע צו חאַפּען דעם לעהרער, דאן זאָג איך אייך זייט פאָרזיכטיג. דער לעהרער איז א ביטערע חיה. איהר האט איהם געשלאָגען און איך וועל ניט וועטע צעהן מעשענע קנעפּלעך, אז ער האט בעשלאָסען צו נעהמען אייער לעבען — האט האלזשניידער ערענסט איהם געווארענט.

— זיי נור רוהיג!

— ווער איך א פערברענטער, אויב איך מיין ניט אייער טובה. איהר קענט טאהן וויא אייך געפעלט. הערט נור נאך איין ווארט פון מיר: איך גלויב ניט, אז איהר זייט דער מאן צו לייגען א פּאסטקע פאר'ן לעהרער, אום איהם צוריקשיקען פון וואנען ער איז אנטלאפען. ער איז געפעהרליך וויא א שלאנג, ער פערדיענט א הונדערט פאַכען טויט. אבער איהם צו בינדען — יאָ, פריינד, איך וויל דער ביי ניט זיין!

— נײן פרײנד, איך װיל עס אויך ניט. איך האב אבער א קלײנעם רעכענונג מיט איהם און מיט דער מכשפה דערפאר, װאס זײ האבען געמאכט מײן האנד מיט מײנע שונאים; מיר בײדע װעלען דיא לומפען פערפאקען אין עסיג און אין זאלץ. איך װיל נור דוא זאלסט מיר העלפען.

— גוט, איך בין בערײט צו טאהן, װאס איהר בעפעהלט. אבער שנעל פאהרט פון היער! — האט האלזשנײדער גענומען שרײען. איך זעה פון װײטען א װײסען פלעק, דאס איז דיא מכשפה. געהט אװעק און לאָזט מיר צוריק אין מײן נאָרע.

— פערגעסט ניט הײטע אבענד, אום צעהן אוהר!

— שנעל! געהט שנעל! — האט האלזשנײדער געשריען אַרײנקריכענדיג צוריק אין גרוב.

נאכטיגאל האט ניט געהערט דעם לעצטען טהײל פון געשפרעך. רודאָלף האט זיא גענומען אונטער'ן ארים און איז מיט שנעלע טריט אװעק צו דער קארעטע, װאס האט אויף זײ געװארט.

10טעס קאפּיטעל.

לופּט־שלעסער.

נאך דיעזען געשפרעך מיט האלזשנײדער איז רודאָלף פערבליעבען שטיל און פערטראכט און נאכטיגאל האט איהם אנגעקוקט מיט מיטלײד און מיט געפיהל. ענד־ליך האט רודאָלף אויפגעהויבען זײן קאפּ און מיט א פרײנדליכען שמײכעל האט ער געזאָגט:

— װאס ביזט דוא אזוי פערטראכט מײן קינד? איך רעכען, אז דיעזער געשפּרעך מיט האלזשנײדער איז דיר געװען אונאנגענעהם. מיר װארען פריהער אזוי גליקליך!

— אין געגענטהײל מאָנסיו רודאָלף, איך רעכען, אז האלזשנײדער קען אײך זעהר פיעל דיענען.

— איך בין נײגעריג צו װיסען אויב דיעזער האלזשנײדער האט זיך אויסגעצײ־בענט צװישען דיא בעזוכער פון דער סיטע אלס א מאן מיט עטװאס מעלות אין זײן כאראקטער? — האט רודאָלף געפרעגט.

— דאס װײס איך ניט, מאָנסיו רודאָלף. בעפאר געסטערען אבענד האָב איך איהם אָפט געזעהן; אבער נימאלס האב איך מיט איהם געשפּראָכען איך האב איהם אימער געהאלטען אזוי שלעכט, װיא אלע אנדערע.

— לאָמיר בעסער אין גאַנצען אויפהערען דערפון צו רעדען. מיר װעט זעהר לײד טאהן, אויב איך האב פעראורזאכט דוא זאלסט װערען אונרוהיג, װעהרענד מײן

איינציגער אבזיכט איז געווען, דוא זאָלסט פערבריינגען האַטש איין גוטען טאָג.

— אָה, איך בין זעהר גליקליך! שוין זעהר לאַנג וויא איך בין געווען עטוואס ווייטער פון פאַריז.

— זייט דוא האסט געדייזט מיט דיין פריינדין, פריילין עפּעלטאן?

— יא, מאָנסיו רודאָלף, דאמאלס וואר פריהלינג. יעצט איז זאגאר שוין הערבסט, אבער איך האב יעצט מעהר פערגעניגען וויא דאַן. וויא שעהן דיא זאָנע שיינט! — זעהט נור יענע קליינע גאלד קאלירטע שטיקלעך וואלקען, וואס שוועבען דארט ארום; און יענעם קליינעם בארג מיט דיא קליינע ווייסע הייזער אונטער דיא בוימען. וויא גרין זיינען נאך דיא בלעטער, ווען מען בעטראכט, אז עס איז שוין אין מיטען אקטאבער מאנאט. איז דאס ניט גרויסארטיג, מאָנסיו רודאָלף? אָה מיין גאט, אין פאַריז ווערען דיא בלעטער צו שנעל פערוועלקט. און זעהט, זעהט דארט! זעהט וויא דיא פויגעלעך פליהען! זעהט וויא זיי בעזעצען זיך אויפ'ן ווינד-מיל, אין לאַנד קען קיינער ניט מיעד ווערען צו בעטראכטען וואס ארום איהם טהוט זיך — אלעס איז דארט זעהר אמוזאנט און ליעבליך.

— עס איז ווירקליך אַ פערגעניגען צו זעהן, וויא איהר פיהלט און פערשטעהט דיעזע חן צייכענס אין דער נאטור, וואס זיינען דיא אמת'ע שעהנהייטען פון דער וועלט.

דיעזע ווערטער האבען ערוועקט אלערליי געדאנקען אין איהר קאָפּ און דאָס בילד פון דעם פערפעסטעטען וואוינונג צו וועלכען זיא מוז זיך אומקעהרען האט זיך פאר איהר פאָרגעשטעלט און דיא ארימע נאבטינאל האט ניט געקענט איינהאלטען איהרע טרעהרען. זיא האט געמוזט בעהאלטען איהר געזיכט אין איהרע הענד אום רודאָלף זאָל ניט זעהן, וויא זיא וויינט.

— וואס טוהט דיר וועה, ליעבע נאבטינאל. ווארום וויינסט דוא?

— ניכטס, ניכטס, מאָנסיו רודאָלף.

זיא האָט גענומען אויסווישען איהרע אויגען, האט זיך בעמיהט צושמייכלען און האט מיט אַ געמאכטע פריילִיכקייט געזאָגט:

— פערצייהעט, וואס איך וואר אזוי טרויעריג, און קימערט זיך ניט וואס איך בין אזוי טרויעריג. איך פערזיכער אייך, אז עס איז ניכטס, עס איז נור אַ נארישקייט. יעצט וועל איך זיין פרעהליך.

— אבער דוא ביזט דאך געווען אזוי צופריעדען. וואס בעדייטעט דאך דיין אונמוטה.

— ווייל איך וואר פריהער זעהר פרעהליך, — האט נאבטינאל געענטפערט און

האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע בלאָע אויגען, וועלכע ווארען פאל מיט טרערען.

פון דיעזער אנטוואָרט האָט רודאָלף פערשטאנען דיא ריכטיגע אורזאכע פון איהרע טרעהרען און ער האט געזאָגט:

— איך קען וועטען, אז דוא ווינסט נאך דיין בלומען־בוקעט, וואס איז אזוי פריה־צייטיג געשטאָרבען, נור דארום וואס דוא האסט איהם ניט געקענט טראגען אין פרישען לופט.

נאכטיגאל האט געשמייכעלט. דיא וואלקענס אויף איהר געזיכט זיינען לאנג־זאם פערשוואונדען, זיא האט ווידער אלעס פערגעסען אין דיעזער זיעסע מינוטע און האט אין גאנצען פערגעסען איהר צוקונפט. אין פערלויף פון דיעזער צייט איז דיא קאַרעטע מיט דיא רייזענדע געקומען צו סט. דעניס.

— אה, וואס פאר א שעהנע געביידע! — האט נאכטיגאל אויסגערופען.

— עס איז דער טוהרם פון סט. דעניס קירכע, וועלכע איז זעהר שעהן. ווילסט דוא ארייגגעהן זעהן דיא געביידע און דיא אנטיקען? איך וועל דעם קוטשער הייסען אָפּהאלטען דיא פערד.

נאכטיגאל האט ארונטער געלאזט איהרע אויגען און שעהמענדיג האט זיא געזאגט:

— זייט איך וואוין ביי דער מומע פּאַניסע האבען מיינע פיס ניט איבער־געטראטען דיא שוועל פון א קירכע — איך האב עס ניט געוואגט צו טאהן. אין טורמע איז געוועזן מיין בעסטער פערגעניגען צו בעזוכען דיא קירכע און זינגען צוזאמען מיט'ן כאָר. צו קריסטוס געבורט פלעג איך פלעכטען דעם בלומען בוקעט וואס מען פלעגט שטעלען פאר'ן פריסט.

— אבער ווארום זאלסט דוא פירכטען ארייגצוגעהן אין גאטעס הויז?

— אָה ניין! עס וואלט געוועזן א גרויסער פערברעכען צו זינדיגען פאר גאט אין איין אָרט און דאן קומען און קניעהען פאר איהם אין קירכע.

רודאלף האט א קליין ווילע נאָכגעדענקט און דאן האט ער געזאגט:

— מיין קינד האסט דוא א מאָל געליעבט?

— ניעמאלס, מאָנסיו רודאלף.

— וויא איז דאס מעגליך?

— ווייל איהר האט דאך געזעהן דעם סארט מענשען, וואס בעזיצען דעם שיינק. אום צו ליעבען דארף מען זיין עהרליך......

— ווארום דען?

— דאן איז עס ניט אין יעדענס קראפט צו ליעבען. מאנכע קענען ניט ליע־בען.... נור איך בעט אייך מאָנסיו רודאָלף, לאמיר מעהר דערפון ניט רעדען.

— זאל זיין אזוי מיר וועלן בייטען דיא טהעמא; אבער ווארום זעהסט דוא מיך אָן מיט אזעלכע טרויעריגע אויגען. דיינע שעהנע בלאָע אויגען זיינען ווידער פאל מיט טרערען. האב איך דיר עטוואס געטאהן, וואס דוא קענסט ניט פערטראָגען?

— אה ניין, אומגעקעהרט. דיא גרענצלאָזיגקייט פון אייער גוטסקייט מאכט מיר וויינען, און איהר רעדט צו מיר אזוי פריינדליך, אזוי זאנפט! אין דער טהאט שיינט מיר, אז איהר האט מיך גענומען נור אום מיך צו אמוזירען, דען מיין פער־געניגען מאכט אייך גליקליך. איהר האט זיך ניט בענוגענט, וואס איהר האט מיך נעכטען בעשיצט, האט איהר הייטע מיר פערשאפט אזא פערגעניגען, וועלכען איך האב קיין מאל ניט גענאָסען.

— דאן שיינט מיר, אז דוא ביסט הייטע ווירקליך גליקליך?

— עס וועט לאנג געדויערען ביז איך וועל דיעזען גליקליכען טאָג פערגעסען.

— אמת'ע גליקזעליגקייט איז ווירקליך זעהר זעלטען.

— יא, עס איז זעהר זעלטען!

— איך האב א נאטור צו פאנטאזירען פון מיין גליק, ווען איך האב איהם ניט. איך האב ליעב צו דענקען וויא איך וואלט געלעבט, ווען איך וואלט געווען גליקליך; וואס פאר א מעבעל איך וואלט געקויפט און אין וואס פאר א געזעלשאפט איך וואלט געגאנגען. האסט דוא ווען ליעבעס קינד פרובירט זיך צו אמוזירען מיט חלומות, מיט לופט שלעסער?

— יא, ווען איך בין געווען אין אסטראָג. איידער איך בין געווען ביי דער שיינקערקע פלעג איך ליעבען צו זיצען דעם גאנצען טאָג און פאנטאזירען און זינגען. יעצט טוה איך עס זעהר זעלטען. וואס זיינען אייערע פאנטאזיען, מאנסיו רודאָלף?

— אָה, איך וואלט זעהר וועלען זיין רייך, אבער זעהר רייך, און זאל האבען גענוג דיענסטען און קארעטען, א שעהנעם פאלאסט, צו זיין צווישען דיא שענסטע געזעלשאפט און צו געהן יעדע נאכט אין טהעאטער. וואס זיינען אבער דיינע פאנ־טאזיען, ליעבע נאכטיגאל?

— אָה, מיך קען דער שיקזאל זעהר לייכט צופריעדענצושטעלען. איך וויל נור האבען אזוי פיעל געלד, איך זאָל קענען בעצאהלען דער שיינקערקע און זאל קע־נען לעבען ביז איך וועל זיך שאפען ארבייט; דאן וויל איך נור א שטילען, קליינעם און ריינעם צימער און איך זאל קענען זעהן דיא בוימער דורך'ן פענסטער ווען איך ארבייט.

— און האבען אַ סך בלומען אין דיין פענסטער?

— אָה, געוויס! אויב מעגליך וואלט איך וועלען וואוינען אין אַ דאָרף און — און — און דאס שיינט מיר אלעס, וואס איך וואלט פערלאַנגט.

אַ קליינעם צימער און ארבייט זיך צו ערנעהרען, דאס זיינען דאך נאָטהווענדינקייטען; אבער ווען איינער זעצט זיך פאַנטאַזירען, מעג ער שוין דענקען פון עטוואס מעהר. וואלסט דוא ניט וועלען האבען קאָרעטען, רייכע קליידער און דימאַנטען?

— איך וואָלט מיך וועגען דעם ניט געקימערט. מיר איז גענוג, ווען איך בין פריי, וואו אין אַ דאָרף און בין פערזיכערט, אַז איך וועל ניט שטאַרבען אין אַ האָספּיטאָל פאַר אָרימע לייט. אָה, מיין גרעסטער וואונש איז, ניט דאָרט צו שטאַרבען! אָה, מאָנסיו רודאָלף, דיעזער שרעקליכער געדאַנק קומט אָפט אין מיין קאָפּ, עס איז אַ שרעקליכער געדאַנק! וועה איז צו אונז אָרימע לייט!

איך האב קיין פורכט פאַר דיא אָרימקייט דאָרט צו שטאַרבען, נור נאכדעם וויא מען איז שוין טוידט....

— וואָס איז דאַן?

— האט איהר גאר קיין מאל ניט געהערט, וואָס זיי טהוען דאָרט נאכדעם וויא מען שטאַרבט?

— ניין.

— עס וואר איין יונגע מיידעל, וועלכע איך האב געזעהן אין אסטראָג. זיא איז געשטאָרבען אין אַ האָספּיטאַל, זיי האבען אבגעגעבען איהר קערפּער צו דיא דאָקטוירים,— האט דיא אונגליקליכע נאכטיגאל געמורמעלט און האט געציטערט.

— אָה, דאס איז שרעקליך, נור זאג מיר ליעבעס קינד האסט דוא אָפט אזעלבע שרעקליכע געדאַנקען?

— יאַ, עס קען אייך אמאל איבערראשען דאס איך שעהם מיך און שרעק זיך ווען איך ערָאינער זיך, וואס מען וועט טהאָן מיט מיין קערפּער נאכדעם וויא איך וועל שטאַרבען. אבער אה גאט, דער קערפּער איז דאך דאס איינציגע וואס איך בעזיץ!

— דיעזע ביטערע ווערטער האבען רודאָלף'ן זעהר שטאַרק געריהרט. נאַכטיגאַל האט עס בעמערקט און זיא האט באַלד געזאָגט:

— פערצייהעט מיר מאָנסיו רודאָלף, איך וויים, אַז איך האב אזעלבע געדאַנקען ניט בעדאַרפט אויסשפּרעכען, ווייל איהר האט מיר אהער געבראכט צו אמוזירען, איך האב ניט בעדאַרפט רעדען אַזעלבע טרויעריגע זאַכען. איך קען זיך אליין קיין רעכענונג דערפאַר נעבען. איך פיהל מיך הייטע גליקליכער וויא איך האב גע-

פיהלט דיא גאנצע צייט פון מיין לעבען, און דאך קומען אלע ווילע דיא טרעהרען אין מיינע אויגען. זייט איהר בייז אויף מיר? אָבער זעהט מיין טרויער פערשווינדעט אזוי שנעל וויא ער קומט, איך וועל פון דעם מעהר ניט טראַכטען. איך וועל זיך גוט און אנשטענדיג אויפפיהרען! קוקט מיך יעצט אָן מאָנסיו רודאָלף!

נאכטיגאל האט דריי מאל אויסגעווישט איהרע אויגען און האט אָנגעפאנגען צו קוקען מיט א פרעהליכען און אונשולדיגען בליק.

— נאכטיגאל, איך בעט דיר דוא זאָלסט זיך אליין ניט צווינגען. זיי מעלאנ־כאָליש, אויב דוא ביזט טרויעריג, זיי לוסטיג אויב דיר איז פרעהליך. איך בין דיר מודה, אז איך האב אויך געוויסע מעלאנכאָלישע שטונדען, און איך וויים וויא ביטער עס איז צו מאכען זיך לוסטיג ווען עס ווילט זיך זיפצען.

— וואָס? זייט איהר אויך אָמאל מעלאנכאָליש, מאָנסיו רודאָלף?

— יא, מיינע אויסזיכטען אויף דער צוקונפט זיינען ניט גלענצענדער פון דיינע, איך האב קיין פאָטער און קיין מוטער, וואס וועט פון מיר זיין, ווען איך ווער קראנק און בין ניט אומשטאנדע צו פערדיענען מיין טעגליכען ברויט? אלעס וואס איך פער־דיען געהט ביי מיר אוועק.

— דאס איז שלעכט, זעהר שלעכט, מאָנסיו רודאָלף! — האט נאכטיגאל גע־זאגט אין א שטרענגען און ערנסטליכען טאָן, וואס האט רודאָלף'ן געמאכט לאכען, — איהר דארפט עטוואס בעהאלטען אין באנק. מיין גאנצעס אונגליק איז דערפון, וואס איך וואר ניט פאָרזיכטיג מיט מיין געלד. מיט א הונדערט אָבגעשפארטע פראנק האט אן ארבייטער פאר קיינעם קיין מורא. אָה, נור אָרימקייט טרייבט אונז אָפט צו טהאָן שלעכטעס.

— דאס איז אלעס אמת און פערנינפטיג, אָבער א הונדערט פראנק! דאָס איז א צו גרויסע סומע און ווער פון אונז קען עס שפּאָרען.

— מיר שיינט, אז עס איז ניט אזוי שווער וויא איהר מיינט, מאָנסיו רודאָלף. לאָמיר עס נור בערעכענען. איהר זאָגט, אז איהר פערדיענט פינף פראנק א טאָג.

— יא, ווען איך ארבייט.

— אָה, איהר דארפט אימער ארבייטען, אָבער וואס דארפט איהר קלאָגען? איהר האט א גוטע ארבייט — א פּארצעליי מאָלער! איהר דארפט דאך האבען פערגניגען פון אייער ארבייט, איהר דארפט זיין צופריעדען מאָנסיו רודאָלף.

— יא, מיין קינד, עס ווילט זיך זעהר אָפט שפּאצירען און רוהען.

— אָה, מאָנסיו רודאָלף, איהר רעדט וויא א קינד.

— איך רעכען מיין קינד, אז דוא גיסט מיר אַן עהרליכע עצה. איך וועל דיך

פאַלגען, דוא האסט מיך געבראַכט צו אַזעלכע געדאנקען וועלכע איך האב קיין מאָל נימז געהאט.

— מיינט איהר עס ערנסט! — האט דאס מיידעל אויסגעשריען מיט פרייד — אָה, וויא גליקליך איך בין צו הערען עס פון אייער מויל. פון הייטע אָן וועט איהר אנפאַנגען צו שפּארען אַ האלבען פראנק אַ טאָג!

— יא, פון הייטע אָן וועל איך יעדען טאָג שפּארען אַ האלבען פראנק, — האט רודאָלף געענטפערט און האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער.

— זייט איהר זיכער, אַז איהר וועט עס טהאן? פערשפּרעכט איהר עס מיר צו טהאן?

— יא, איך גיב דיר מיין וואָרט.

— איהר וועט זעהן וויא שטאָלץ איהר אַליין וועט זיין מיט דאס ערשטע געלד וואס איהר וועט שפּאָרען. דאן איז נאך ניט אלעס, ווילט איהר מיר פערשפּרעכען ניט צו זיין בייז.

— זעה איך אויס צו זיין בייז, ליעבע נאכטיגאַל?

— אָה, ניין! נור איך ווייס אויב איך דארף —

— דוא דאַרפסט מיר זאָגען אַלעס וואס דוא דענקסט.

— נו, וועל איך זאָגען, וויא קומט עס דאס איהר, וואס שטעהט אַזוי פיעל העכער פון דיא איבריגע, זאָלט בעזוכען אַזעלמע שרעקליכע שיינקען, וויא דעם „וויי־סען קראָט“?

— ווען איך וואָלט ניט געגאַנגען אין יענעם געגענד, וואָלט איך ניט געהאַט דאָס פערגעניגען צו פאָהרען מיט דיר און געניסען פון דיזען זיסען טאָג.

— דאָס איז וואַהר, מאָנסיו רודאָלף, אָבער דאָס איז נאָך קיין אַנטוואָרט אויף מיין פראַגע. איך בין הייטע דיא גליקליכסטע אין דער וועלט, אָבער איך בין בערייט אויפצוגעבען יעדע האָפענונג אויף נאָך אַזא פערגעניגען, ווען איך זאָל דענקען, אַז דאָס קען אייך שאַדען.

— אָבער דו האָסט מיך שוין גליקליך געמאַכט מיט דער עצה וואָס דו האָסט מיר געגעבען.

— אָבער איהר וועט מיר פאָלגען?

— איך האָב עס דיר פערשפּראָכען אויף מיין עהרענוואָרט. פון יעצט אָן וועל איך שפּאָרען אַם ווייניגסטען אַ האַלבען פראנק אַ טאָג.

אין דיזען מאָמענט האָט רודאָלף בעפוילען דעם קוטשער צו פערקירעווען די

פערד אויפ'ן רעכטען וועג, זאָל דורכפאָהרען דיא וויליערס לע־צינל און דאן זאָל ער זיך פערקירעווען לינקס.

— יעצט ביזט דוא מיט מיר צופריעדען, ליעבע נאכטיגאל? — האט רודאָלף צו איהר געזאגט — לאָמיר וויעדער זיך אמוזירען מיט'ן פריהערינגען געשפרעך, לאָמיר וויעדער בויען שלעסער אין דער לופט, דאס איז קיין גאנץ טהייערער פערגניגען.

— צופריעדען, דערצעהלט נור וויעדער פון אייערע פאנטאזיען. לאָזט מיך זעהן וויא זעהט אויס אייער לופט־שלאָס.

— ניין, נאכטיגאל, איהר מוזט אייער שלאָס פריהער אויסבויען.

— איך בין צופריעדען, אבער פריהער וויל איך זעהן אויב איהר קענט טרעפען מיין געשמאַק, מאָנסיו רודאָלף.

— גוט איך וועל זיך פרובירען. לאמיר זיך פאָרשטעלען, אז דיעזער וועג, איך זאָג דיעזער וועג, ווייל מיר זיינען צופעליג אויף איהם.

— וואָס מאַכט אויס וועלכער וועג, זאָל זיין דיעזער.

— גוט, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז דיעזער וועג פיהרט צו א שעהנעם, פרעה־ליכען הויף וואס ליעגט אין אן אָפּגעלייגטען פלאץ —

— אָה, אין אן אָפּגעלייגטען פלאץ איז זעהר שטיל און רוהיג. איך ליעב אזא פלאץ!

— דיעזער האָף ליעגט אונטער א בארג און ביי א ברעג טייך. פון איין זייט ליעגט א גרויסע פארם, פון צווייטען זייט שטעהט א פראכטפאָלער פרוכט־גארטען מיט אלערליי פרוכט און פון דריטען זייט איז א בלומען־גארטען, וואו דיא שעהנסטע בלומען וואקסען און טרינקען פון דעם טייך וואָס לויפט דאָרט דורך.

— און דיעזע פארם זאל זיין מיינע און אהין פאָהרען מיר יעצט! — האט נאכ־טיגאל אויסגעשריען.

— געוויס, און מיר פאָהרען אהין, — האט רודאָלף צוגעגעבען.

— און וואו מיר קענען קריגען גוטע מילך?

— יא, מילך, פרישע פוטער און פרישע אייער.

— און מיר אליין וועלען ארויסנעהמען דיא אייער פון נעסט?

— געוויס, מיר אליין.

— און דאן וועלען מיר געהן בעזוכען דיא בהמות אין שטאל?

— יא, געוויס וועלען מיר בעזוכען דיא בהמות.

— און מיר וועלען נאכזעהן וויא פוטער און קעז ווערט געמאכט?

— מיר וועלען עס העלפען מאכען.

— און מיר וועלען זעהן, וויא מען שנייט דיא היי און מען דרעשט דיא שטרוי?

— נו, געוויס!

— אָה, וויא גרויסארטיג! — האט נאַכטיגאַל מיט מעהר ענטציקען אויסגע־שריען.

— אָבער לאָז מיך ענדיגען צו בעשרייבען וויא דיא פאַרם זעהט אויס.

— צופריעדען.

— אויפ'ן ערשטען עטאַזש איז אַ גרויסע קיך פאַר דיא ארבייטער און אַ שפייזע זאאַל פאַר דער ווירטהין.

— איך וואָלט וועלען דאס הויז זאָל האבען גרינע פאַרהאַנגער, זיי זעהן אויס אזוי שעהן, מאָנסיו רודאָלף?

— זאָל זיין גרינע פאַרהאַנגער, איך שטים איין. דיא ווירטהין פון דיעזער פאַרם איז אייער פריינדין, וואס ליעבט אייך וויא אַ מוטער.

— אָה, וויא גוט עס איז צו האבען איינעם וואָס זאָל מיך ליעבען!

— און דוא וועסט זיא דערפאַר אויך ליעבען?

— אָה! — האט נאַכטיגאַל אויסגעשריען און האט צוזאמענגעלייגט איהרע הענד און פערגלאָצט איהרע אויגען צום הימעל מיט אַן אונבעשרייבליכען אויסדרוק פון פריידע — אָה, וועל איך זיא ליעבען! איך וועל איהר העלפען אין איהר אַרבייט, נעהען, וואַשען, האלטען דיא וועש אין אָרדנונג, בעהאַלטען פרוכט אויף ווינטער, קורץ איך וועל טהאָן אַלעס וואס מען ברויכט אין הויז. איך פערשפּרעך אייך, אַז זיא וועט זיך ניט קענען בעקלאָגען, אַז איך בין פויל. דאס ערשטע זאַך יעדען פריה־מאָרגען —

— האלט ליעבע נאַכטיגאַל, דוא ביזט צופיעל אונגעדולדיג. לאָז מיך פריהער ענדיגען דאס בילד פון דיעזען הויז.

— אָה, הא הא, מאָנסיו קינסטלער! איהר זייט געוואוינט צו מאַלען שעהנע בילדער אויף אייער פּאָרצעליי, — האט נאַכטיגאַל געזאָגט לאַכענדיג.

— זיי אַ ווילע שטיל, דוא קליינער פלוידערזאַק און לאָז מיך ענדיגען מיין הויז.

— אמת איך פלוידער צופיעל, אָבער דאס איז זעהר אנגענעהם. איך בעט אייך דערצעהלט ווייטער, איך וועל אייך אויסהערען, ענדיגט שוין דיא פאַרם־הויז.

— דיין צימער, ליעבע נאַכטיגאַל, איז אויפ'ן ערשטען פלאָאר.

— מיין צימער! אָה, וויא גרויסארטיג. לאָזט מיך זעהן מיין צימער, לאָזט מיך זעהן מיין צימער. — נאַכטיגאַל האט צוגעמאַכט איהרע אויגען און האט זיי דאַן אויסגעטטאַרטשעט מיט אַזא קוריאָזיטעט, וועלכע האט אַמוזירט איהר בעגלייטער.

— דיין צימער האט צווי פענסטער פון וועלכע מען קען קוקען אין בלומענ־גארטען און צו דער קליינער לאַנקע. אויפ'ן צווייטען זייט טייך שטעהען הויכע און שעהנע בוימער, וואס בעדעקען דעם גאנצען בארג מיט זייערע צווייגען, צווישען דיעזע בוימער זעהט זיך א קליינע קירכע.

אָה, שעהן, זעהר שעהן, איך ווינש מיך דאַרט צו זיין.

— דריי אדער פיער בהמות עסען דעם גראז פון לאַנקע —

— און איך קען זעהן דיא בהמות פון מיין פענסטער.

— זיכער.

— און איין בהמה וועט זיין מיין ליעבלינג, איאָ, מאָנסיו רודאָלף? איך וועל אנבינדען א באַנד מיט א גלעקעל ארום איהר האלז און וועל זיא לערנען עסען פון מיין האנד.

— זיא וועט גלייך דערקענען דיין שטימע. דיעזע בהמה וועט זיין ווייס וויא מילך. איהר נאמען וועט זיין „מוליע".

— אָה, וואס פאר א שעהנעם נאמען! ארימע „מוליע" וויא ליעב איך דיך.

— און דיין צימער איז בעהאנגען מיט שעהנע שפיצען, גרויסע ראָזעס און א גאנצע פלעכטונג פון האָפּען און אנדערע בלומען בעדעקען דיא גאנצע וואנד פון דרויסען, יעדען פריה־מארגען דארפסט דוא נור אויסשטרעקען דיין האנד און אָנ־נעהמען א פאָלען הויפען מיט טוי פייכטע בלומען.

— אָה, מאָנסיו רודאָלף, וואס פאר א גוטער מאַלער איהר זייט!

— און יעצט הערע, וויא דוא וועסט פערברייינגען דיין טאָג.

— אָה יא, יא מאָנסיו רודאָלף, בעשרייבט מיר, וויא וועל איך ארבייטען און פערברייינגען דעם טאָג.

— דיין גוטע פריינדין וועקט דיך אויף יעדען פריה־מארגען מיט א וואַרמען קוס; זיא ברייינגט דיר א פאָלען קרוג מיט פרישע מילך, ערשט פון דער קוה און נעט דיך דיא זאלסט טרינקען וועיל דיין לונגען איז שוואך. דאן וועסט דוא אויפ־שטעהן און שפּאַצירען איבער'ן פאַרם; דוא וועסט בעטראַכטען דיין „מוליע", דיא הינדעלעך, דיא בלומען דעם גאַרטען. אום 9 אוהר מאָרגענס קומט דיין לעהרער.

— מיין לעהרער?

— נו געוויס, דוא וועסט דאך דארפען לערנען שרייבען, לעזען און רעכענען אום דוא זאלסט קענען העלפען דיין פריינדין פיהרען דיא רעכענונגען פון דיעזען פאַרם.

— דאס איז אמת, מאָנסיו רודאָלף. אך, וויא איך האב קיין זכרון! איך

וועל מוזען לערנען שרייבען צו העלפען מיין ווירטהי'ן, — האט דאס ארימע מעדכען גאנץ ערנסט גענענטפערט, דען זיא איז אזוי הינגעריסען געוואָרען אין דאס בילד פון איהר פריעדליכען לעבען, דאס זיא האט אין גאַנצען פערגעסען, אז דאס אלעס איז נור א לופטשלאָס.

— נאך דער לעקציאן וועסט דוא זיך בעשעפטיגען מיט דיא הויז וועש, אום צוויי אוהר וועסט דוא פּראַקטיצירען דיין האנדשריפט און נאכדעם וועסט דוא זיך געהן שפּאַצירען און בעטראכטען וויא דיא ארבייטער זעען אדער שניידען. דוא וועסט ווערען מיעד, דאַן וועסט דוא אנרייסען שעהנע ווילדע בלומען און וועסט עס ברייני־גען פאר דיין „מוליע", זיא זאל עס עסען פון דיין האנד.

— ווייל מיר וועלען געהן אהיים איבער דער לאַנקע. דענקט איהר אזוי מאַנסיו רודאָלף?

— נו געוויס. ערשט אום זיעבען אוהר וועסט דוא זיך אומקעהרען אהיים. אבענדס ווערט עס אביסעל קאַלט און אין קיך ברענט א קליינער פרעהליכער פייערעל. דוא געהסט אהין אויף אייניגע מינוט זיך אנצו־וואַרימען אביסעל און רעדען א פּאָר ווערטער מיט דיא עהרליכע ארבייטער, וואס פערברענגען דעם גאַנצען טאג אין שווערע ארבייט. דאן געהסט איהר ביידע עסען. מאַנכעס מאל איז דער פּריסטער געלאַדען און איין אַנדער מאל האט איהר א בעזוך פון א שכן. נאכ'ן עסען פער־ברייננסט דוא דיא צייט אין לעזען אדער שרייבען און דיא ווירטהין פערברייננט דיא צייט אין קאָרטען. אום צעהן אוהר קומט צו דיר דיין ווירטהין. איהר צוקושט זיך, דוא געהסט אין דיין צימער און אויף מאָרגען ערוואכסט דוא צום זעלבען לעבען וואס נעכטען.

— אָה! איינער קען פיהרען אזא לעבען גאַנצע הונדערט יאהר און זאל ניט מיעד ווערען אויף איין מינוט. דענקט איהר ניט אזוי, מאַנסיו רודאָלף?

— אבער דאס איז נאך ניט אלעס. עס זיינען דא זאָנטאַגען און יום־טובים, פון וועלכע מיר האבען נאך ניט געשפּראָכען.

— און וויא אזוי וועלען מיר דיעזע טעג פערברייננען, מאַנסיו רודאָלף?

— דאַן וועסט דוא זיך מאַכען לוסטיג. דוא וועסט אָנטאָהן א שעהנע קינ־דערשע קליידעל, וויא דיא רייכע דאָרפסלייטע טראָגען; דוא וועסט פאהרען מיט דיין פריינדין הערען דיא גזואנג אין קירכע; דעם גאַנצען זומער וועסט דוא אימער זיין א גאַסט ביי אלע אונטערהאלטונגען, וואס וועלען געמאַכט ווערען ביי דיא פּאַר־מערס; דוא ביזט אזוי אנשטענדיג, אזוי עדעל און אזא בראַווע עדעלע זעעלע; דיין ווירטהין האט דיך אזוי ליעב און דער פּריסטער האט דיר געמאַכט אזא שעהנעם

נאמען, דאס אלע פון יענעם געגענד וועלען עס האלטען פאר אן עהרע דוא זאלסט זיין זייער גאסט. אלע יונגע פארמער ווערדען וועלען דוא זאלסט מיט זיי טאנצען, ווייל טאנצענדיג זוכט מען אויס דעם בעשערטען. ענדליך וועסט דוא איינעם פון דיעזע יונגע לייט זעהר אפט בעמערקען און —

רודאלף איז איבערראשט געווארען צו זעהן א פלוצליכען איבערגאנג אויף דעם קינדס געזיכט. זיא איז געווארען שטיל, טרויעריג און האט קוים איינגעהאלטען איהרע טרעהרען. דיא גאלדענע מאמענטען, וואס רודאלף האט איהר פארגעשטעלט אזוי קונציג, דאס איהר האט זיך אויף א ווילע געגלויבט, אז עס איז אין דער ווירקליכקייט, דיעזער מאמענט האט פלוצלונג אויפגעריסען איהר וואונד און זיא האט זיך עראינערט איהר אמת׳ע לאגע. דער קאנטראסט פון דער פאנטאזי ביז דער ווירקליכקייט האט איהר צודולט און זיא האט אנגעפאנגען צו וויינען.

— ליעבע נאכטיגאל, וואס בעדייטען דיינע טרעהרען? — האט רודאלף געפרעגט.

— אה, מאנסיו רודאלף, גאר ניט ווילענדיג האט איהר מיר זעהר גרויסע שמערצען פערשאפט. וואס פאר א נארישע מיידעל איך בין. איך האב א ווילע געגלויבט, אז דיעזער פאראדיז איז א ווירקליכקייט!

— געוויס איז דער פאראדיז א ווירקליכקייט, מיין ארימע קינד! דיעזער פאראדיז—וויא דוא רופסט עס איז קיין חלום. האלט קוטשער! זעה! קוק אין אלע זייטען! זעה נאכטיגאל וואו זיינען מיר?

דיא קארעטע האט זיך אפגעשטעלט. נאכטיגאל האט זיך גענומען ארומקוקען. אה, וואס פאר אן איבערראשונג! דער שעהנער האף פון דער פאנטאזי! דיא לאנקע, דיא בהמות, דיא בלומען און דיא קירבע צווישען דיא צוויינהאפטע בוימער! דאס בילד וואס רודאלף האט אזוי לעבעדיג געפארבט איז פאר איהרע אויגען! עס האט קיין שטריך געפעהלט, זאגאר דיא מילך-ווייסע קוה, „מוליע“, איהר צוקינפטיגע ליעבלינג האט אויך ניט געפעהלט.

— יעצט ליעבע נאכטיגאל וואס זאגסט דוא, בין איך א גוטער מאלער? — האט רודאלף לאכענדיג געפרעגט.

נאכטיגאל האט איהם אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג. ווייל אלץ וואס זיא האט געהערט און געזעהן איז איהר פארגעקומען צו זיין א חלום.

— זעה איך ריכטיג, אויפ׳ן וואהר אדער איך טרוים? איך האב מורא דאס אלעס זאל ניט פערשווינדען! איך זעה מיט דיא אויגען דעם גאנצען לופט-שלאס וואס איהר האט מיר געבויט.

— ניין מיין קינד, דאס איז קיין חלום. דיא גוטע פרוי וואס בעזיצט דיעזען פארם איז געוועזן מיין ניאנקע. איך בין דא ערצויגען געווארע. איך האב איהר געשריבען אז איך קום זיא זעהן. דוא זעהסט אז איך האב דיעזען בילד געצייכענט פון לעבען.

— אָה, עכט וויא דאס איז! — האט נאכטיגאל געענטפערט און איהרע בלי־קען ווארען פערטיעפט אין דער לאנדשאפט.

רודאָלף האט דעם קוטשער געהייסען פאהרען פאָרווערטס און דיא קארעטע איז געפלויגען איבער א ברייטען וועג, וואס איז פוןביידע זייטען בעפלאנצט מיט עפעל־בוימער.

נאכטיגאל איז געוועזן אזוי גערירהרט און אזוי איבערראשט, דאס זיא איז גע־זעסען וויא א פערשטיינערטע. איז עטליכע מינוטען ארום איז דיא קארעטע דורכ־געפאָהרען א שעהנעם טהויער און איז אריין אין גרויסען האף פון אלערליי טהייערע פלאנצונגען און שעהנע געביידען.

— ענדליך זיינען מיר געקומען צום ריכטיגען פלאץ! — האט רודאָלף געזאגט, געפעהלט דיר דיעזער אָרט.

— געוויס געפעהלט ער מיר, מאָנסיו רודאָלף. אבער איך וועל מיך שעמען צו ערשיינען פאר דער ווירטה'ן. איך וועל ניט וואגען וויזען מיינע אויגען.

— ווארום?

— אָה איהר זייט גערעכט. דיעזע מאדאם וויים נאך ניט וויא ניכטסווירדיג איך בין. נאכטיגאל איז געווארען בלאס.

דיא קארעטע וואס האט רודאָלף'ן געבראכט איז ערווארטעט געווארען. דען וויא דער קוטשער האט נור געעפענט דיא טיהרעל פון דער קארעטע איז א דאמע פון פונפציג יאהר, געקליידעט נאך דער מאָדע פון רייכע פארמער פרויען ארום פא־ריז און מיט א בליק וואס איז געוועזן טרויעריג, אבער גוט־הערציג און פריינדליך איז שוין געשטאנען ביי'ן טיהר און מיט אן עהרע פירכטיגער נייגיעריגקייט איז זיא גע־גאנגען עמפפאנגען דעם גאסט.

נאכטיגאל איז רויט געווארען און איז שעהמענדיג און לאנגזאם ארויס פון וואגען.

— גוטען טאָג, מיין גוטע מאדאם געאָרג! — האט רודאָלף געזאגט זיך נייגענ־דיג צו דער דאמע, — איהר זעהט וויא פינקטליך איך בין.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום קוטשער און געבענדיג איהם א געוויסע סומע געלד האט ער געזאגט, אז ער קען זיך אומקעהרען נאך פאריז.

דער קוטשער איז געווען א מערקווירדיגער בעהאַלטענער מענש. ער וואר קורץ אבער גראָב און פעסט. זיין היטעל, וואר איבער זיינע אויגען און דער פיער־עקיגער קאַלנער פון זיין מאַנטעל האט פערשטעלט זיין גאַנצע געזיכט. ער האט בעהאַלטען זיין געלד און האט קיין ווארט גערעדט. ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און האט א שמיץ געטאהן דיא פערד.

נאַכטיגאַל האט זיך געווענדעט צו רודאָלף'ן און מיט א ציטערנדע און שוואכע שטימע האט זיא געזאגט:

— אָה טאַנסיו רודאַלף, איהר האט דאך צוריק געשיקט דעם קוטשער מיט דעם וואגען!

— נו געוויס! זאָל ער פאָהרען נאך פּאַריז.

— און מומע פּאַניסע, דיא שיינקערקע?

— וואצו דארפסט דיא זיא עראינערען?

— ווען איז מיר, איך מוז קומען צוריק נאך הייטע אבענד; ווירקליך איך מוז; זיא וועט מיך בעטראַכטען פאר א גנב. דיא קליידער וואס איך טראג זיינען איהרע און איך בין איהר שולדיג...

— אָה מיין קינד, לאז מיך דיך בעטען אום ענטשולדיגונג.

— איהר מיך אום ענטשולדיגונג?! און ווארום?

— ווארום איך האב דיר נאך פריהער ניט געזאגט, אז דוא ביסט דער שיינ־קערקע קיין געלד שולדיג; אויב דוא ווילסט קענסט דוא דא בלייבען און אראָפּוואר־פען דיעזע קליידער און אנטאָהן נייע, וואס מיין גוטע מאדאם געאָרג וועט דיר גע־בען. זיא איז פון איין וואוקס מיט דיר און זיא וועט זעהר גערען באָרגען דיר וואס דוא דארפסט. זעהסט דוא, אז דיעזע פרוי איז דיא פריינדין וואס איך האב דיר פאָרגעשטעלט. זיא וועט זיין דיין טאַנטע.

נאַטיגאַל האט אַלץ געמיינט אז זיא טרוימט. זיא האט געקוקט אויף רודאָלף'ן אויף דער טאַנטע און האט ניט געוואוסט וואס צו דענקען. זיא האט אַלץ ניט גע־גלויבט וואסט זיא האט געזעהן און געהערט.

— וואס! — האט זיא זיך צו־וויינט — וואס ניט פאָהרען צוריק נאך פּאַריז? איך זאָל דאָ בלייבען? וועט דיעזע דאמע מיר ערלויבען דא צו זיין? אָה, דאס קען ניט זיין! דער לופט־שלאָס, וואס איהר האט געבויט איז געווען קיין פאַנטאַזיע? ניין, ניין! דאס איז צו שעהן, צו גליקליך! האט רחמנות מאָנסיו רודאָלף, נארט מיך ניט, איהר וועט נור ברעכען מיין הארץ.

— מיין קינד הער מיך אויס, — האט רודאָלף איהר געענטפערט איז א שטימע

און מיט א מינע פון א גרויסען, ווירדיגען מאַן, וואָס נאַכטיגאַל האט אין איהם נאך ניט בעמערקט—איך זאג דיר נאך אמאל, אז פון יעצט אן קענסט דוא, אויב דוא ווילסט, פיהרען אזא לעבען וואס איך האב דיר ערשט פאר א ווײלע פאַרגעשטעלט. מאדאם נעאָרג וועט דיך בעהאנדלען מיט פריינדשאפט און ליעבע. פאר דיא שכנים אין דעם געגענד דארפסט דוא זיך נור פאַרשטעלען אלס איהר ניכטע, דיזעס וועט דיר געבען דיא עהרע וואס דוא פערדיענסט. איך זאג עס דיר נאך אמאל נאַכטיגאַל, אז יעצט קענסט דוא רעאליזירען דעם טרוים און האבען יענעם לופט־שלאָס אין דער ווירקליכקייט, ווען דוא זאלסט עס נור ווֶעלען. גלייך וויא דוא וועסט איבערבייטען דיינע קליידער וועלען מיר געהן זעהן דיין ווייסע מוליע, וועלבע וועט טראָגען דיין באנד און דעם גלעקעל. דאן וועלען מיר געהן דיך פאַרשטעלען פאר דיא דיענער. מיר וועלען דיר ווייזען דיא היהנער, דיא בלומען און אלעס וואס דוא ליעבסט. איך וועל האלטען מיין וואָרט וואס איך האב דיר געגעבען אין דער פאנטאזיע פון לופט־שלאָס.

נאכטיגאל האט פערבראָכען איהרע הענד. איבערראַשונג, פריידע, דאנקבאר־קייט און רעספעקט האבען זיך אבגעדרוקט אויף איהר שעהנעם געזיכט. פון איהרע אויגען האבען גערונען טייכען טרעהרען, וועהרענד זיא האט געזאגט:

— מאָנסיו רודאָלף, איהר מוזט זיין איינער פון יענע געבענשטע מלאכים, וואס גאט שיקט זיי זאלען טהאן גוטעס אפילו מיט דיא יעניגע, וואס קענען איהם ניט, און זיי זאלען רעטען אָרימע, געפאלענע בעשעפענים פון אָרימקייט און שאנדע!

— מיין טהייער קינד,—האט רודאָלף געענטפערט מיט א פריינדליכען שמייכעל—אָבוואָהל איך בין נאך יונג דאך וויים איך וואס ליידען הייסט. איך האב פערלאָרען א טהייער קינד, ווען זיא וואלט געלעבט וואלט זיא געווען אין דיינע יאָה־רען. זאל דיזע אורזאכע דיר ערקלעהרען וואָרום איך סימפאטהיזיר מיט אלע ליי־דענדע און בעזאָנדערס מיט דיר, ליעבע מאריע־בלומע אדער מאריע אליין, זאל פון יעצט אָן דיזער איינפאכער נאָמען זיין דיין נאָמען, געה יעצט מיט דיין טאנטע. בעפאָר איך פאהר אפ, וועלען מיר ביידע נאך האבען א געשפרעך און דאן וועל איך דיך פערלאסען מיט דעם גליקליכען געדאנק, אז דוא ביזט גליקליך.

מאריע האט ניט געקענט ענטפערען. זיא איז געפאלען אויף איהרע קניע און איידער ער האט עס איהר געקענט פערוועהרען האט זיא גענומען זיין האנד און האט זיא בעדעקט מיט טרעהרען און קיסע. נאכדעם איז זיא אָבגעגאנגען מיט מאדאם נעאָרג, וועלכע האט בעטראכט דאס שעהנע קינד מיט גרויס נייגיערינקייט.

11טעס קאפּיטעל.
מאָרפי און רודאָלף.

רודאָלף האט זיך געלאָזט געהן איבער דעם האָף און האט אויפגעזוכט דעם הויבען מאן וואס וואר פערשטעלט פאר א קאָהלענטרעגער און האט איהם געמעלדעט, אז טהאָמאס און שרה זוכען איהם. מאָרפי—דאס וואר דעם קאָהלענטרעגערס נאָמען—וואר פופציג יאהר אַלט. אין זיין קאָפּ האט ער געהאט ווייניג האאר, אָבער דאס ביסעלע וואס ער האט געהאט ווארען זילבערנע גרייזעלעך; זיין פרייע, ברייטע און קלאָהרע געזיכט וואר גאַנץ ריין ארומגעגאָלט. דיעזער פופציג יעהריגער מאן וואר שטארק און געשיקט וויא א יונגער מענש. ער וואר געקליידעט נאך דעם לעצטען פאסאָן פון א רייכען גוט-בעזיצער. דיעזער מאָרפי איז געוועןאן ענגלישער אדעלמאַן און האט בעזעסען א סך ורויסע טיטולען. אין דעם מאָמענט וואס רודאָלף האט איהם אויפגעזוכט איז ער געשטאַנען ביי א וואָגען און האט פערפּאקט צוויי געלאָדענע רעוואָלווער׳ס.

— וואצו ברויכט איהר דיעזע רעוואָלווערס?—האט רודאלף איהם געפרעגט וועהרענד ער איז אנגעקומען.

— דאס איז מיין געשעפט, האָהייט,—האט מאָרפי געענטפערט אראָפּשפּרינגענדיג פון וואָגען.

— צו וועלכער שטונדע האט איהר געהייסען שפּאַנען דיא פערד?—האט איהם רודאָלף געפרעגט.

— צו דער צייט וואס איהר האט בעשטימט, צו זאָגען־אונטערגאַנג.

— ווען זייט איהר אהער געקומען?

— אום 8 אוהר. מאדאם געאָרג האט געהאט גענוג צייט אַלעס פאָרצובערייטען.

— איהר זייט זעהר שלעכט געשטימט, בין איך דיא אורזאכע דערפון?—האט רודאָלף איהם געפרעגט.

— קעניגליכע האָהייט! קענט איהר ניט אויספיהרען אייער אונטערנעהמונג אָהנע צו אונטערוואָרפען זיך אונטער אזוי פיעל געפאהר?

— געוויס ניט. אום דיא לייטע וועלכע איך וויל שטודירען, פּרובירען און שעצען זאָלען מיך ניט פערדעכטיגען, מוז איך אונבעדינגט נאָכמאכען זייערע זיטען, קליידער און שפּראך.

— דאך געסטערן אבענד, ווען מיר זיינען געוועןאין יענעם פינסטערען טהייל פון דער סיטע מיט דער אבזיכט צו זעהן דעם מערדער בולאק און נאכפרעגען ביי איהם וועגען מאדאם געאָרגס אונגליקליכען זאָהן, האב איך קוים געקענט פאַלגען

אייער האָהייטס בעפעהל, און ווען איהר האט זיך גענומען שלאָגען מיט יענעם אונמענש האב איך זיך קוים איינגעהאלטען ניט צולויפען צו אייך און היטען אייך פון געפאהר

— וואָס, מאָרפי, איהר צווייפעלט אין מיין קוראזש אדער אין מיין קראפט?

— אונגליקליכער ווייזע האט איהר מיר געגעבען הונדערט אורזאכען איך זאָל אין דעם ניט צווייפלען. איך ווייס, אז איהר האט געלערענט אלע פאכען פון פעכטען. פערשיעדענע לעהרער פון פערשיעדענע נאציאָנאליטעטען האבען אייך געוויזען, וויא מען שלאָגט זיך מיט קולאקעס, וויא מען ראנגעלט זיך, וויא מען שפרינגט און וויא מען קען בעזיעגען דעם גרעסטען העלד, איהר זייט מוטהיג, איהר האט אייזערנע גליעדער.

— טו וואָס האט איהר מורא?

— ווייל איך רעכען, אז אייער האָהייט דארף זיך ניט חאפען שלאָגען מיט יעדען גראָביאָן, וואס קומט אייך אין וועג. איך זאג עס אייך ניט דארום, ווייל איך מוז איינריכטען מיין געזיכט מיט בלאָטע און קאָהלען און פערקליידען זיך אין טראנטעם און שמאָטעם. ניט אכטענדיג אויף מיינע גראָע האאר, בין איך אימער בערייט צו טאנצען אויף א שטריק אבי אייך דערמיט צו דיענען. אבער איך קען ניט פערגעסען אייער פאָזיציאָן און אייער עהרע וואס מוז פאלען אין א קאמפף מיט אן אויסוואורף.

— איך ווייס דאס אליין, מיין פריינד, אבער ווען אן אידעע חאפט זיך אריין אין אייער קאָפף, ווען א געפיהל וואקסט איין אייער פעסטע און אייזערנע ברוסט, וועט עס שוין קיינער ניט קענען אויסוואָרצלען.

— איהר חנפעט מיך, איך וואָלט וועלען איהר זאלט דיא זאך ערענסטער בעטראכטען.

— אָה, ניין ארמער מאָרפי, איהר האט אויסגעקליבען זעהר א שלעכטע צייט מיך צו מוסר'ן.

— ווארום?

— ווייל איך בין אין איינע פון מיינע מאָמענטען וואס מאכען מיך שטאָלץ און גליקליך. איך בין דא—

— אין אן אָרט, וואו איהר האט געטהאן א סך גוטעס, דאס ווייס איך. דיא מאָדעל־פארם יואס איהר האט אויפגעבויט צו לערנען, צו מוטהיגען און צו בעלאָהנען עהרליכע ארבייטער, האט געבראכט פיעל גוטעס. געוועהנליכע מענשען דענקען נור וויא אויסצובעסערען דיא ערציהונג פון פיה; איהר פערברייננגט אייער צייט צו

פערבעסערען דיא לאגע פון אייערע מיטמענשען, דיעזעס איז ווערטה צו עהרען. איהר האט ערנאנט מאדאם געארג פיר דיא עלטסטע פון דיעזען אינסטיטוט, קיין בעסערע פערזאן קענט איהר ניט געפינען. זיא איז אן עדעלע פרוי, א מלאך פון גערעכטיג־קייט, אבער אייער האָהייטס נייער גינסטלינג!.... נור איך וויל בעסער פון איהר ניט רעדען.

— און ווארום ניט, מאָרפי?

— אייער האָהייט וועט האנדלען וויא אייך געפעהלט.

— איך וועל טהאן וואס רעכט איז!—האט רודאָלף געענטפערט מיט א טאָן פון אונגעדולד.

— וואס רופט איהר רעכט?

— רעכט איז וואס גאט און מיין אייגענער געוויסען הייסען מיר טהאן,—האט רודאָלף געענטפערט מיט אן ערנסטען טאָן.

— אין דיעזער פראגע קענען מיר ניט איינשטימען, דארום וויל איך דעריבער מעהר ניט רעדען.

— איך בעפעהל אייך איהר זאָלט יא רעדען!—האט רודאָלף אויסגעשריען מיט כעס.

— נאך ניעמאלס אין מיין דיענסט האב איך אייער קעניגליכע האָהייט געגע־בען אורזאכע איהר זאָלט מיר הייסען האלטען מיין מויל, דארום האף איך, אז איהר וועט מיר קיין מאל ניט בעפעהלען צו רעדען געגען מיין ווילען!—האט מאָרפי גע־ענטפערט מיט שטאָלץ.

— סער וואָלטער!—האט רודאָלף אויסגעשריען מיט אויפרעגונג.

— אייער האָהייט!

— איהר ווייסט מיין העדר, אז איך האב פיינד מען זאל געגען מיר זיין בע־האלטען.

— אייער קעניגליכע האָהייט וועט מיר פערצייען. מיר פּאַסט יעצט צו האָבען פערבאָרגענע געדאנקען.

— סער, ווען איך האב זיך ארונטערגעלאָזט און בין מיט אייך געוואָרען פאמיליאר וואר עס מיט דעם בעדינג, אז איהר זאָלט זיין אָפענהערציג געגען מיר.

עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דעם מאיעסטעטישען בליק וואס רודאָלף האט געוואָרפען אויף מאָרפי, וועהרענד ער האט עס אויסגעשפּראָכען.

— איך בין פופציג יאָהר אלט, איך בין א דזשענטעלמען און אייער מאיעס־טעט האט קיין אורזאכע צו מיר אזוי צו שפּרעכען.

— זייט שטיל!

— קעניגליכע האָהייט!

— שטיל זאג איך!

— אייער קעניגליכע האָהייט איז אונגערעכט ווען איהר צווינגט א מאַן פון עהרע און געפיהלען ער זאל אייך מוזען עראינערן וואס ער האט פאר אייך געלייסטעט.

— לייסטונגען! האב איך אייך ניט בעצאהלט פאר יעדען שריט?

דער לעזער דאַרף פערשטעהן, אז רודאָלף האט ניט געוואָלט זאָגען, אז ער האט מיט מאַרפּי'ס פריינדשאפט געהאנדעלט וויא מיט א שטיקעל וואארע. דער אויסדרוק פון זיינע ווערטער האבען אבער געהאט דיעזע בעדייטונג. מאַרפּי איז רויטה געוואָרען פון שאנדע. ער האט זיך געהאַפּט מיטביידע הענד ביי'ן קאָפּ און האט א ווײלע געשוויעגען פון גרויס ווערטאָג. ווען זיינע געפיהלען האבען אין גאנצען אויפ־געקאָכט האט ער געוואָרפען א בליק אויף רודאָלף'ן, וועלכער איז געשטאנען אויפ־גערעגט און צוהיצט און מיט א ציטערענדען קול וויא פון גרויס שמערצען האט ער געזאָגט:

— קעניגליכע מאַיעסטעט איהר מוזט זיך בערוהיגען. יעצט איז ניט דיא צייט צו האבען מיט אייך א ויכוח.

דיעזע ווערטער האבען נאך פערגרעסערט רודאָלף'ס אויפרעגונג. ער האט עס אנגענומען פאר א בעליידיגונג. זיינע ליפּען זיינען געוואָרען בלאַס און צוליפּענדיג צום אלטען מאַן מיט אזא בעוועגונג וויא ער וואלט וועלען געבען א קלאַפּ האט ער אויסגעשריען:

— וויא האט איהר עס געוואגט!

מאַרפּי האט זיך אבגעצויגען עטליכע טריט צוריק און מיט א מאַן וויא גענען דעם איינענעם ווילען האט ער געזאגט:

— אייער האָהייט! פערגעסט ניט דעם דרייצעהנטען יאנואר!

דיעזע ווערטער האבען געמאכט אן אונגעוועהנליכען עפעקט. רודאָלף'ס געזיכט וואס וואר פאל מיט כעס האט זיך געענדערט. ער האט א ווײלע געקוקט גלייך אין מאַרפּי'ס אויגען, דאן האט ער אראפּגעלאזט זיין קאָפּ און נאך א קליינעם שטיל־שווייגען האט ער געמורמעלט:

— אָה סער, וויא שלעכט איהר זייט! איך האב געדענקט, אז מיין חרטה, מיין פערבעסערונג — און דאך.... איהר.... איהר.... איהר!

רודאָלף האט ניט געקענט ענדיגען. זיין שטימע איז פערשטיקט געוואָרען.

ער האט זיך געווארפען אויף א שטיינערנע באנק און האט בעהאלטען זיין געזיכט איןביידע הענד.

— קעניגליכע האהייט! — האט מארפי געזאגט מיט גרויסע שמערצען. — זייט מיר מוחל! זייט מוחל דעם אלטען און געטרייען מארפי! איך האב עס ניט געזאגט ביז איהר האט מיך געטריבען צו פערצווייפלונג און פורכט פאר אייער כעס. אה, איך האב דיעזע שרעקליכע ווערטער ארויסגערעדט נור פאר אייער טובה, ניט פאר מיינע. איך האב עס ארויסגערעדט ניט פון כעס ניט צו וועלען אייך בעריהרען, נור פון רחמנות. איך וואר אונגערעכט, וואס איך ווער אזוי פארזיכטיג אייער קעניגליכע האהייט. אה! ווער קען וויסען אייער כאראקטער אויב ניט איך, וואס איז פון אייך ניט אפגעטראטען זייט איהר האט בעגריסט דיא וועלט? האט מיט־לייד און פערצייהעט מיר, וואס איך האב אייך ערָאינערט יענעם שרעקליכען טאג!

רודאלף האט אויפגעהויבען זיין קאפ. ער ווער זעהר בלאס און האט צו זיין פריינד אין א מעלאנכאלישען, אבער ווייכען טאן געזאגט:

— גענוג, גענוג אלטער פריינד; איך דאנק אייך וואס איהר האט אבגעהאל־טען מיין אויפרעגונג. איך בעט אייך קיין פערצייאונג פאר אלע שלעכטע ווערטער, וואס איך האב אייך געזאגט. איהר ווייסט דאך אז פון מויל ביז'ן הארצען איז א ווייטער מהלך. לאמיר דערפון מעהר ניט שפרעכען.

— וועה געשריען! יעצט וועט איהר ווידער זיין א לאנגע צייט מעלאנכאליש! איך בין שוין צופיעל גליקליך געווען! איך ווינש קיין אנדערע זאך אין דער וועלט, נור צו ערמונטערען אייער געפאלענעם געמיטה, און יעצט האב איך אליין אייך בע־טריבט. וואס נוצט עהרליכקייט און גראע האאר, ווען מען קען ניט איבערטראגען איין קליינע בעליידיגונג?

— לאזט עס צורוה. מיר ווארען ביידע אונגערעכט, אלטער גוטער פריינד! לאמיר עס פערגעסען און פארטזעצען אונזער ערשטען געשפרעך. איהר זייט צו־פריעדען מיט דיעזע פארם און מיט דער אינטערעסע, וואס איך נעהם אין דער מא־דאם געארג. וועט איהר ניט מודה זיין, אז זיא האט עס פערדינט מיט איהרע ער־האבענע מעלות און מיט איהר אונגליק, זאגאר ווען זיא וואלט ניט בעלאנגט צו דער הארוויל פאמיליע, א פאמיליע וועמען מיין פאטער האט פערשפראכען עוויגע דאנק־בארקייט?

— איך האב אימער מסכים געוועזן צו דער פריינדשאפט וואס אייער האהייט וויזט צו דער מאדאם.

— אָבער איהר וואונדערט זיך אויף מיין אינטערעסע צו דיעזע ארימע פער־וואָרפענע מיידעל?

— קעניגליכע האָהייט, האט מיטלייד! איך וואר אונגערעכט! אונגערעכט!

— ניין; איך קען לייכט פערשטעהן, וויא דאס אויסזעהן פון א מענשען האט אייך בעטראָגען. דאך, אזוי וויא איהר ווייסט מיין גאנצען לעבען און אזוי וויא איהר שענקט מיר אייער צוטרויען, דארום איז עס מיין פפליכט צו ווייזען אייך, אז איך האנדעל ניט אהן איבערלעגונג.

— איך בין אין דעם זיכער.

— איהר ווייסט גוט מיין אידעע פון דאס גוטע וואס א מענש, וועלכער בע־זיצט וויסענשאפט, ווילען און קראפט דארף טאהן. צו העלפען דיא אונגליק־ליכע וואס בעטען הילפע דאס איז גוט; אבער אויפצווזוכען דיא פערזאָנען, וואס בע־קלאָגען זיך ניט פאר דיר און ראנגלען זיך געגען ארימקייט מיט עהרע און מיה, דיעזע פערזאָנען צו העלפען און מאנכעס מאל אהן זייער וויסען—דאס איז נאך בעסער. צו ערהאלטען דעם זעלבסטרעספעקט אין דעם מענשען, וואס האט בעהאלטען עט־וואס געוויסען און אדעלע געפיהלען אין דער בלאָטע, וואס האט איהם פערשלונגען און אום דיעזעס צו טאָהן קומט מען פערזענליך אין בעריהרונג מיט דיא ארמע, מיט דיא פערדאָרבענע—דיעזעס מיין פריינד איז גרעסער און בעסער פון אלעס! צו פערפאלגען מיט אן אונערמידליכען אייפער יעדעס פערברעכען אָהן אונטערשייד, אויב דאס פערברעכען וואלגערט זיך אין בלאָטע אדער זיצט אויפ'ן טראָהן, דאס רופט מען גערעכטיגקייט; אבער ווען מען גיט נדבות אהן אן איבערלעגונג און דער מיט העלפט מען ניכטסווירדיגע פערברעכער, וואס וואלגערען זיך אין זומפ אהן האפענונג און אָהן שטרעבען צו אן עהרליכען לעבען, דיעזע צדקה איז א שעדליכע און געפעהרליכע זינד פאר גאט און פאר לייט!

— איך האב ניט געמיינט צו זאגען, אז אייער האָהייט העלפט דיא וואס זיינען ניט ווערטה קיין הילפע.

— נאך אייןווארט מיין פריינד. איהר ווייסט, אז דאס קינד, נאך וועלכעס איך וויין יעדען טאָג.—יענע טאכטער, וועלכע איך וואלט נאך מעהר געליעבט, וויל שרה, איהר געפיהללאז מוטער האט זיך וועגען איהר ניט געקימערט; דיעזע טאָכ־טער וואלט יעצט געווען זעכצעהן יאָהר אלט, וויא דיעזעס אונגליקליכעס וועזען. איהר ווייסט דאך, אז איך קען ניט אונטערדריקען מיין סימפאטיע צו מעדליך פון דיעזע יאָהרען!

— דאס איז וואהר, איך האב בעדארפט פערשטעהן, אז דאס איז דיא אור־

זאַבע, וואָרום אייער קעניגליכע האָהייט האָט אַזא אינטערעסע אין דיזעם קינד, אויסער דעם, העלפען דיא אונגליקליכע, הייסט עהרען דעם הימעל.

— יא מיין פריינד, ווען דיא אונגליקליכע פערדינען עס און עס גיבט קיין פער זאָן וואס זאל עס אזוי פעדינען וויא מאדאם געאָרג, וועלכע איז ערצאגען געוואָרען פון א גוטער און עהרליכער מוטער און פערשטעהט וויא אויסצושטעהן און איבער־צושטעהן יעדען נסיון; אבער הייסט עס ניט א דיענסט פאר גאט, ווען מיר הייבען אויף פון בלאָטע אזא בעשעפענעש, וועלכע ער האט אזוי רייך בעשאנקען מיט מעלות? פערדינט ניט מיטלייד און רעספעקט—יא, פאָלען רעספעקט—דאס ארימע קינד, וועלכע איז פערלאַסען געווארען פון דער גאנצער וועלט, ווער געפלאגט, געפאנגען, פערנארט און פערפיהרט און האט דאך בעשיצט איהר עהרליכקייט, איהר אונשולד פון דיא שעהנסטע געפיהלען, וואס איהר בעשעפער האט איהר געשאנקען? האָט איהר ניט בעמערקט וויא ביי'ן ערשטען פריינדליכען ווארט, וואס איז צו איהר אויס־געשפראָכען געווארען, ביי דיא ערשטע ווייכע און איידעלע שפראכע וואס זיא האט צום ערשטען מאל אין איהר לעבען געהערט האבען אויפגעוועקט אין איהר אונענט־וויקעלטען גייסט א גאנצע וועלט מיט עדעלע געפיהלען, ריינעם געשמאַק, קלאָרע געדאנקען און פאָעטישע אידעען, גלייך וויא א טויזענד ווילדע בלומען הייבען אויף זייערע קעפ פון דעם ערשטען זאָנען־שטראהל אם אָנפאנג פריהלינג. אין דער ער־שטער שעה וואס איך האב געשפראכען מיט דיזער אונגליקליכער האב איך אין איהר ענדעקט אוצרות פון גוטסקייט, עהרליכקייט און מענשליכקייט. א שמייכעל איז געקומען אויף מיינע ליפען און א טרעהר אין מיינע אויגען, ווען זיא האט מיט איהר נאאיווער שפראכע, אבער פאל מיט חכמה, מיר בעוויזען, אז איך מוז שפא־רען א האלבען פראנק א טאג, אום איך זאל זיך פערהיטען פון נויטה און שלעכטע אומשטענדע. ארמעס קינד, זיא האט אלעס געמיינט ערנסט און האט עס געמיינט פאר מיין טובה; זיא וואר גליקליך, ווען איך האב אנגענומען איהר גוטע עצה; איהר פריידע פון מיין פערשפרעכען וואר אזוי גרויס, דאס איך בין געריהרט געוואָ־רען ביז טרעהרען; אבער איך זעה אז איהר אליין זייט געריהרט, אלטער פריינד.

— יא; דאס וואס זיא האט אייך צוגערעדט א האלבען פראנק א טאָג צו שפארען און האט אייער האהייט ניט געבעטען איהר זאלט פערשווענדען עטוואס געלד פאר איהר פערגעניגען, דאס ריהרט מיך אין דער טהאט.

— שטיל. דארט קומט מאדאם געאָרג און מאריע. מאכט אלעס פערטיג צו אונזער אָפרייזע; מיר מוזען זיין בעצייטענס אין פאריז.

עס וואר שווער דער נאכטיגאל צו ערקענען. א שעהנער הוט און צוויי דיקע

צעפּ האָבען בעפּוצט איהר קאָפּ און איהר גאַנצער קערפּער וואַר פערקליידעט אין שעהנע און נעטע קליידער. איהר געזיכט וואַר פערטראַכט. געוויסע געפיהלען האָבען זיא געמאַכט מעלאַנכאָליש. רודאָלף איז ניט איבערראַשט געוואָרען פון נאַכטיגאַל'ס מרה־שחורה. ער האָט עס ערוואַרטעט. ווען זיא וואָלט געווען פרעהליך און וואָלט פיעל געשפּראָכען, וואָלט ער געהאַט אַן ערגערען מיינונג פון איהר.

אין מאַדאַם געאָרגס געזיכט האָט מען געקענט זעהן דיא סמנים פון לאַנגע ליידען. זיא האָט געקוקט אויף דאָס פערטראַכטע קינד מיט ליעבשאַפט און מיטלייד.

— היער איז מיין קינד, וועלכע איז געקומען אייך דאַנקען פאַר אייערע גוטעס, מאָנסיו רודאָלף, — האָט מאַדאַם געאָרג געזאָגט פאָרשטעלענדיג דאָס קינד פאַר רודאָלף'ן.

ביי דיא ווערטער מיין קינד האָט נאַכטיגאַל אויסגעשטעלט איהרע גרויסע אויגען און האָט דער מאַדאַם אנגעקוקט מיט בליקען פון פאָלער דאַנקבארקייט.

— מאָנסיו רודאָלף, — האָט נאַכטיגאַל געזאָגט מיט אַן ערשטיקטען קול, — איהר פיהלט — איהר קענט פיהלען, אַז איך קען ניט געפינען דיא ווערטער וואָס איך דאַרף אייך זאָגען!

— דיינע אויגען זאָגען מיר אַלעס, מיין קינד.

מאָרפי האָט זיך געמוזט אפּקעהרען אָן אַ זייט; ער האָט אימער בעהויפּטעט, אַז ער איז קאַלט און קען ניט געריהרט ווערען פון אַ סענטימענטאַלע סצענע, דארום האָט ער ניט געוואָלט מען זאָל זעהן, וויא דיעזע איינפאַכע ווערטער האָבען איהם געריהרט.

רודאָלף האָט געוואָלט ארויספיהרען דאָס אונשולדיגע קינד פון איהר אויפרעגונג און דארום האָט ער צו איהר געזאָגט:

— מיין קינד, איך וויל עטוואָס שפּרעכען מיט מאַדאַם געאָרג. מיין פריינד מאָרפי וועט דיך פיהרען איבער דער פאַרם און וועט דיר פאָרשטעלען דיינע צוקונפטיגע געליעבטע מוליע; מיר וועלען אייך באַלד אויפזוכען. האַלאָ מאָרפי! מאָרפי! הערט איהר ניט וואָס איך זאָג!

מאָרפי האָט זיך געמאַכט ניעסענדיג און ווישענדיג זיין נאָז, כדי מען זאָל מיינען, אַז ער האָט ניט געהערט וואָס מען האָט דאָ געשפּראָכען. דאַן האָט ער בענוצט זיין נאַזטיכעל אפּצו־ווישען דיא טרעהרען אין דיא אויגען און דאַן האָט ער אנגערוקט זיין היטעל אויפ'ן נאָז, זאָ דאָס מען זאָל ניט בעמערקען אַז ער וואַר גע־

ריהרט. ער האט זיך אומגעדרעהט האט גענומען דאס קינד אונטער'ן ארם און איז אוועק מיט איהר מיט אזעלכע שנעלע טריט, דאס נאכטיגאל האט איהם געמוזט נאָכיאָגען, גלייך וויא אין דיא אַמאָליגע יאָהרען ווען זיא איז נאכגעלאָפען דער לילית.

— נו מאדאם געאָרג, וואָס דענקט איהר פון מאריען? — האט רודאָלף גע־פרעגט.

— דאס קינד איז ריין און אנשטענדיג וויא א מלך. איהר בענעהמונג און איהרע געפיהלען האבען געוואונען מיין הארץ. וואָס מיך ריהרט מעהר פון אלעס, איז דאס זיא האט זיך ניט ערלויבט צו פרעגען איין פראגע וועגען אייך, אָבוואל איך פערשטעה אז זיא איז זעהר נייגעריג. איך בין גערירט געווארען פון דיעזען אדעלען פערשטאנד און איך האב איהר פרובירט פרעגען:

— דוא מוזט זיין זעהר נייגעריג צו וויסען ווער דיין וואלטהעטער איז?

— וויסען ווער ער איז? — האט זיא געענטפערט מיט א שעהנער איינפאכקייט. איך ווייס ווער ער איז — ער איז מיין וואָהלטהעטער!

— דאן וועט איהר זיא ליעבען? וועט זיא געפינען א קליינעם ווינקעל אין אייער הארצען?

— יאָ, איך וועל ווידמענען מיין צייט צו איהר, גלייך וויא איך וואלט געוויד־מעט פאר איהם; — האט מאדאם געאָרג געזאגט מיט א קול וואָס וואר געבראָכען פון אינערליכער אויפרעגונג.

— אָה, זייט ניט אונרוהיג. אויב אונז איז ביז הייטע ניט געלונגען צו ענטדע־קען וואס מיר האבען געזוכט, דאך אמאָל — פיעללייכט —

מאדאם געאָרג האט א שאָקעל געטהאן איהר קאָפּ און האט מיט טרערען געזאָגט:

— מיין ארמער זאהן וואלט יעצט געווען צוואנציג יאהר אלט.

— זאָגט ער איז צוואנציג יאָהר.

— גאט זאל געבען איהר זאָלט זאָגען דעם אמת, מאָנסיו רודאָלף.

— איך האָף, אז גאָט וועט אייך טרייסטען. נעכטען בין איך געגאנגען זוכען א מאן וועלכען מען רופט קולאַק, אויף וועלכען איך רעכען, אז ער ווייס עטוואָס פון אייער זאָהן. ארויסגעהענדיג פון זיין הויז האב איך אָנגעטראָפען דיעזעס אונגליקלי־בעס מעדכען.

— גאָט האט אייך בעלאָהנט פאר אייער עהרליכע מיהע. זוכענדיג מיין קינד האט איהר גערעטעט דיעזעס אונגליקליכעס קינד.

— האט איהר ערהאלטען עפּעס נייעס פון ראָשפאָר?

— קיינע! — האט מאַדאם גנעאַרג געענטפערט אין א ניעדעריגען און ערשלאַ־גענעם קול.

— דעסטאָ בעסער! יעצט קען מען ניט צווייפלען אויב דיעזע חיה איז פער־זונקען געוואָרען אין זומפּ וועהרענד ער האט פּרובירט אנטלויפען פון דער תליה.

— פון דער תליה! פון דער תליה! — האט דיא אונגליקליכע פרוי געשריען אויס פערצווייפלונג — דער פאַטער פון מיין זאָהן! אָה! ווען דיעזעס אונגליקליכעס קינד לעבט — אויב ער האט ניט געביטען זיין נאָמען וויא איך האב געטהאן! אָה, שאַנדע! וועלכע שאַנדע! דאך דיעזעס איז נאך ניט דאס ערגסטע; פיעללייכט האט זיין פאַטער דורכגעפיהרט זיין שרעקליכען פּלאַן! אָה, וואס האט ער געטהאן מיט מיין קינד? וואָרום האט ער איהם פון מיר ענטריסען?

— דיעזע געהיימניס קען איך ניט טרעפען, — האט רודאָלף געזאָגט און האט זיך פערטראַכט — וואס האט דעם לומפּ געקענט נוצען צו רויבען פון אייך דאס קינד נאך צוריק מיט פופצעהן יאָהר? א קינד אין דיעזע יאָהרען האט איהם נור געקענט זיין א לאַסט.

— יאָ, יאָ מאָנסיו רודאָלף, ווען מיין מאַן (ביי דיעזען וואָרט האט זיא גע־שוידערט) איז אַרעסטירט געוואָרען אויפ'ן גרענעץ האט מען איהם צוריקגעבראַכט נאך פּאַריז און פערשלאָסען אין אסטראָג. מען האט מיר ערלויבט איהם צו בעזוכען און ער האט מיר דאַן געזאָגט דיעזע ווערטער:

— איך האב צוגענומען דיין קינד, ווייל דוא ליעבסט איהם און ווייל דאס וועט זיין א מיטעל דיך צו צווינגען דוא זאָלסט מיר שיקען געלד, פון וועלכע ער וועט יא אָדער ניט געניסען — דאס איז מיין געשעפט. אויב ער לעבט אָדער ער איז גע־שטאָרבען איז ניט דיין זאך. אויב ער לעבט, וועט ער זיין אין גוטע הענד, דוא וועסט האבען שאַנדע פון דיין זאָהן, וויא דוא האסט פון זיין פאַטער!

וועה, א חודש נאך דיעזען געשפּרעך איז ער פערמשפּט געוואָרען צו עווינער קאַטאָרגע. זייט דאַמאָלס וואָרען אומזיסט אלע מיינע בקשות און דראָהונגען. איך האב אלץ ניט ערפאַהרען וואס מיט מיין קינד איז געשעהן. אָה, וואו איז יעצט מיין קינד? זיינע ווערטער „דוא וועסט האבען שאַנדע פון דיין זאָהן וויא דוא האסט פון זיין פאַטער", קלינגען אימער אין מיינע אויערען און לעבערן מיין מארך!

— אָבער דיעזעס איז אן אונגעוועהנליכע זאך. וואָרום זאָל ער רוענירען, וואָ־רום זאָל ער פערדאַרבען דיעזעס אונגליקליכעס קינד? און מעהר פון אלעס, וואָצו האט ער איהם בעדאַרפט צונעהמען?

— איך האב אייך שוין געזאָגט מאָנסיו רודאָלף. ער האט עס געטהאן אום

צו צאפּען געלד פון מיר; דען אבוואהל ער האט מיך רוענירט האב איך נאך אלץ געהאט עטליכע קוועלען פיר געלד וועלכע האבען זיך ענדליך אויסגעשעפּט. און אָבוואהל ער איז אזוי פערדאָרבען, דאך גלויב איך, אז א טהייל פון דאס געלד האט ער פערברויכט אום דאס קינד צו ערציהען.

— און אייער קינד האט קיין בעזאנדערן צייכען אָן וואס מען קען איהם ערקענען?

— קיין צייכען, אויסער איין קמעה פון הירשען פעל וואס איז געהאנגען אויף א זילבערנע קייטעל. עס וואר א היילינגער אנטיק וואס דער פּאפּסט אליין האט עס אמאל געבענשט.

— זייט ניט אזוי מוטהלאָז מאדאם געאָרג, אַלעס קען נאך רעכט ווערען.

— גאט האט מיך צו אייך געשיקט, מאָנסיו רודאָלף!

— עס איז אבער אביסעל צושפּעט, מיין גוטע מאדאם, צושפּעט. פריהער וואלט איך פיעללייכט געקענט אייך פערשפּארען עטליכע יאהר צרות.

— אָה מאָנסיו רודאלף, איהר האט מיך איבערלאָדען מיט פריינשאפט!

— איך זעה עס ניט איין. איך האב געקויפט דיעזע פארם, איהר האט איינגעוויליגט צו זיין דיא ווירטהין פון דיעזען פערמעגען, און צו פערדאנקען אייער פלייסיגקייט, פעהיגקייט און טהעטיגקייט ברייננגט מיר דיעזע פארם —

— ברייננגט אייך? — האט מאדאם געאָרג איהם איבערגעשלאָגען — ווארום זאָלט איהר עס זאָגען. אַלעס וואס דיעזע פארם ברייננגט איין, ווערט פערווענדעט צו פערבעסערען דיא לאגע פון דיא ארבייטער, וועלכע בעטראכטען זייער פּאָזיציאָן אין דיעזער פארם וויא א גליק, און צו העלפען דיא אונגליקליכע פון דיעזען דיסטריקט דורך דיא טהעטיגקייט פון אונזער גוטען אבאָ לאַפּאָרט.

— אָה, דער גוטער אבא איז א גוטער מאן! — האט רודאָלף געזאגט מיט דער אבזיכט איבערצושלאָגען איהרע שבחים פיר איהם — זייט איהר געווען אזוי פריינדליך צו מעלדען איהם פון מיין קומען? איך וויל איהם פאָרשטעלען מיין נייען ליעבלינג. ער האט וואהרשיינליך ערהאלטען מיין בריעף?

— מאָנסיו מאָרפי האט איהם הייטע דעם בריעף איבערגעגעבען.

— אין יענעם בריעף האב איך דיעזען גייסטליכען דערצעהלט מאריעס לעבענסגעשיכטע. איך וואר ניט זיכער אויב איך וועל אליין קענען קומען, אין יענעם פאל וואלט מארפי דיעזען קינד געבראכט.

א פאָרם־ארבייטער האט דיעזען געשפּרעך אונטערבראָכען.

— מאדאם, דער גייסטליכער ווארט אויף אייך, — האט ער געמאָלדען.

— זיינען דיא פּאָסט־פערד אָנגעקומען? — האט איהם רודאָלף געפרעגט.

— יא, מאנסיו רודאָלף, זיי זיינען שוין געשפּאַנט, — דער ארבייטער האט זיך עמפּפאָהלען.

מאַדאם געאָרג, דער גייסטליכער און אלע פּארם ארבייטער האבען נאַכטי־גאַלס פריינד בלויז געקענט מיט'ן נאָמען, מאנסיו רודאלף. מאָרפּי'ס עהרליכקייט וואר זעהר גרויס און זיין סוד האט ער געהאלטען אונטער טויזענד שלעסער. ווען ער און רודאָלף ווארען אונטער פיער אויגען, וואר ער זעהר פּאָרזיכטיג אבצוגעבען זיין הער־שער אלע טיטולען, דאך ווען נאך א מענש איז אנגעקומען וואר ער דאנגעגען פּאָרזיכטיג קיין אנדער טיטעל צו געברויכען, נור מאָנסיו רודאָלף.

— איך האב פערגעסען אייך צו ווארנען מאדאם געאָרג, — האט רודאָלף גע־זאגט וועהרענד ער האט זיך מיט איהר אומגעקעהרט צום הויז, — דאס איך פירכטע, אז מאריע האט א שוואכען לונגען. הונגער און ארמוטה האבען רוענירט איהר גע־זונד. דיעזען פריה־מאָרגען בין איך ערשראָקען געוואָרען פּאַר דיא בלאַסקייט פון איהר געזיכט, אבוואהל א רויטהע פארב האט געשפּיעלט אין איהרע באקען. איהרע אויגען האבען אויך אזא פייער, וואס שיינט צו זיין פון פיבער, מען וועט זיא דארפען שטאַרק אויפּפּאַסען.

— פערלאָזט זיך אויף מיר מאָנסיו רודאָלף. אבער דאנק דעם הימעל דאָ איז קיין געפאהר. אין איהרע יאָהרען, אויפ'ן לאנד, מיט פרישען לופט, רוהיגקייט און גליקזעליגקייט וועט זיא זעהר שנעל געזונד ווערען.

— איך רעכען אזוי, דאך וויל איך זיך ניט פערלאָזען אויף אייערע דאָרפישע דאקטוירים. איך וועל הייסען מיין מאָרפּי ער זאל אהער ברייגגען מיין ארצט, א יונ־גער, זעהר א געשיקטער ארצט, וועלבער וועט אייך לערנען וויא מיט איהר ארומצו־געהן. איהר מוזט מיר שרייבען אָפטע בריעף וועגען דיעזע קינד. אין א קורצער צייט ווען זיא וועט געזונטער און מוטהיגער וועלען מיר בעשפּרעכען איהר צוקונפט, אפשר איז אם בעסטען, אז זיא זאל מיט אייך בלייבען אויף אימער, אויב איהר וועט נור דערצו מסכים זיין.

— דאס וואלט געוועזען מיין וואונש, זיא וואָלט מיר ערזעצט דאס קינד נאך וועלכען איך בײנק אזוי.

— לאָמיר האָפען פאר אייך און פאר איהר.

רודאָלף און מאַדאם געאָרג האבען בעגעגענד מאָרפּי און מאריע געהענדיג איבער דער פּארם. מאָרפּי האט אָבגעלאָזט מאריע'ס ארם און האט צו רודאָלף'ן אריינגערעדט אין אויער:

— דיעזע קליינע מיידעל האט מיך בעצויבערט. איך ווייס שוין ווירקליך ניט ווער פון ביידען אינטערעסירט מיך מעהר, מאריע אָדער מאדאם געאָרג.

— איך האב געוואוסט, אז איהר וועט מודה זיין אויף אן אמת, אלטער פריינד, — האט רודאָלף געזאגט און האט געדריקט מאָרפּי'ס האנד.

— מאדאם געאָרג האט גענומען דיא צוטומעלטע מאריע ביי'ן האנד און איז מיט איהר אריין אין א צימער, וואו אבא לאַפּאָרט האט זי ערוואַרטעט. מאָרפּי איז אוועק מאכען פערטיג דיא רייזע, רודאלף איז אויך באלד אריין אין צימער.

דיעזער צימער איז געווען געבויט און בעפּוצט פּונקט נאך דיא שילדערונג, וואס רודאָלף האט געגעבען אין זיין לופטשלאָס. דורכ'ן פענסטער האט מען געזעהן דיא לאָנקע, דאס וואַסער און דיא הויכע בוימער.

אבא לאַפּאָרט, וועלכער איז געזעסען נעבען פייער, איז געווען איבער 80 יאהר און זייט דיא רעוואָלוציאָן אין 1795 איז ער געווען דער גייסטליכער אין דיעזען גע־גענד. דער גוטער אבא וואר אזוי אלט, דאס זיינע הענד האבען געציטערט און וויל ער האט זיי זעהר אָפּט אויפגעהויבען ווען ער האט נור געשפּראָכען, האט מען אי־מער געקענט מיינען, אז ער בענשט דיא פּערזאנען וואס שטעהן ארום איהם.

— מאָנסיו לי אבא, — האט רודאָלף עהרע־פורכטיג געזאָגט — מאדאם געאָרג האט זיך אונטערנומען צו זאָרגען פאר דאָס קינד וועגען וועלכע איך האב אייך גע־בעטען.

— גאָט זאל אייך בענשען! — האט דער אלטער געענטפערט.

ביי דיעזע ווערטער האט מאָרפּי געעפענט דיא טיהר און האט געזאָגט:

— מאָנסיו רודאָלף, דיא פערד זיינען געשפּאַנט. עס איז צייט צו רייזען.

רודאָלף האט זיך פערנייגט און האט געזאגט:

— אדיע פאטער! אדיע מאדאם געאָרג. איך רעקאָמענדיר אייער קינד — ניין אונזער קינד וויל איך בעסער זאָגען, פאר אייער פארזיכט און פריינדשאַפט. איך מוז געהן. זיי געזונד גוטע מאריע, איך וועל דיך אין קורצען זעהן.

דער אלטער גייסטליכער האט זיך אויפגעשטעלט צו געהן בעגלייטען דעם אפרייזענדען רודאָלף.

דיא לעצטע זאָנען־שטראהלען האבען זיך געזעגענט פון דיעזער אינטערעסאנ־טער און טרויעריגער גרופּע.

אן אלטער גרייז, דאס בילד פון עווינע וואָלטהאט, פערצייאונג און האָפנונג, א פרוי, וועלכע איז איבערוועלטיגט פון יעדען טרויער, וואס קען פעראונגליקליכען

א פרוי און א מוטער; א מיידעל וועלכע איז נאָך א קינד און איז ערשט גערעטעט געוואָרען פון אונגליק, פערברעכען און טיראַנאַי.

רודאָלף האט זיך ארייגגעזעצט אין וואָגען, מאַרפי האט זיך געזעצט נעבען איהם און דיא פערד זיינען אַבגעגאַנגען א גאַלאָפּ.

12טעס קאַפּיטעל.

דיא צוזאַמענקונפט.

אויף מארגען, נאכדעם וויא רודאָלף האט איבערגעלאָזען דער נאַכטיגאַל אין זיין מאָדעל פארם איז ער געווען אין פאַריז פערקליידעט וויא אן ארבייטער און פונקט אין מיטאג צייט איז ער געקומען צום „בלומען קאָרב", אן עפענטליכעס הויז, וואו פערשיעדנע מענשען פערקעהרען.

דעם אבענד בעפאָר איז האַלזשניידער געווען זעהר פינקליך, ער האט ערוואַר־טעט זיין נייעם קאַמעראַד אום צעהן אוהר ביי'ן פּלאַץ וואס זיי האבען בעשטימט. דיא האנדלונג אין דיעזען קאַפּיטעל וועט דיא לעזער ערקלעהרען דעם רעזולטאַט פון רודאָלף'ס לעצטען געשפּרעך מיט האַלזשניידער.

עס וואַר מיטאג צייט, דער רעגען האט געגאָסען עמער־ווייס. דיא סייני, דער פאַריזער טייך האט זיך אויפגעהויבען זעהר הויך און האט פערפלייצט דיא ברעגען. רודאָלף איז געשטאַנען אין רעגען און האט אונגעדולדיג געקוקט אין אַלע זייטען. ענדליך האט ער דערזעהן וויא א פּאַאר־פאלק קומען אָן געאַרימט און בעשיצט מיט איין רעגען־שירם. ער האט דעם פּאַאריל ערקענט, עס וואַר דער לעהרער און זיין לילית.

דיעזע צוויי פּערזאָנען זיינען אין גאַנצען פערענדערט געוואָרען. דער באַנדיט האט פון זיך אראָפּגעוואָרפען זיינע ווילדע קליידער און האט אין גאַנצען געביטען זיין מערדערישע מינע. ער האט געטראַגען א לאַנגען שוואַרצען פּראַק און א צילינ־דערהוט; זיין העמד און האַלז־טוך וואַרען ווייס וויא שנעע. וואלט ער ניט געהאט זיין פערוואונדעטע צוברענטע געזיכט און זיינע ברענעדיגע קאָכעדיגע אויגען, האט מען געקענט מיינען, אז דיעזער מאן איז א געוועהנליכער עהרליכער בירגער.

זיין בעגלייטער'ן איז אויך געווען פערקליידעט אין איהרע יום־טוב'דיגע קליידער. זיא האט זיך איבערגעדעקט מיט א קאַזמיר טוך און האט געהאַלטען אין האַנד א טעשעל.

— רודאָלף, וועלכער וואַר זעהר נייגעריג איז געגאַנגען איבערנעהמען דיעזען פּאַאר'ל. דער לעהרער האט געשיינט צו זיין גאָר א גאַנץ אַנדער מענש. אנשטאט זיין רויבער לשון האט ער געפיהרט א ריינע אדעלע שפּראַך פון הויכע פּראַזען און

געזונטע געדאַנקען, וואָס פּאַסען פאַר אַ מאַן פון בילדונג און ענטוויקלונג. ער האָט זיך פאַר רודאָלף'ן פערנייגט, זיין לילית האָט עס איהם נאַכגעטאָהן און ער האָט געזאָגט:

— מאָנסיו, מיין בעסטע אַכטונג פיר אייך. מיך פרעהט צו מאַכען, ריכטי־גער געזאָגט צו בענייען אונזערע בעקאַנטשאַפט. מיט צוויי נעכט צוריק האָט איהר מיך בעעהרט מיט צוויי קלעפּ, וואָס זיינען געניגענד צו ענדיגען יעדען דיספּוט. יעצט האָבען מיר דעריבער ניט צו רעדען. עס וואַר נור אַ שפּאַס פון אייער זייטע—בלויז אַ שפּאַס און וואָרום זאָל איך זיין אין כעס? לאָמיר דעריבער מעהר ניט שפּרעכען, דען ערנסטע געשעפטען האָבען אונז צוזאַמענגעפיהרט. נעכטען, אום עלף אוהר אַבענדס האָב איך זיך געטראָפען מיט האַלזשניידער אין דער מומע פאַניס'ס שיינק און האָב מיט איהם אָבגערעדט, ער זאָל קומען הייטע היער, אין פאַל ער וויל זיין אונזער חבר; יעצט שיינט מיר, אַז ער ענטזאָגט זיך.

— נעהמט איהר אָן דאָס געשעפט?

— אייער נאָמען, ביטע?

— רודאָלף!

— מאָנסיו רודאָלף, מיר וועלען אַריינגעהן אין „בלומען קאָרב", ניט איך און ניט מיין דאַמע האָבען נאָך געגעסען אונזער פריהשטיק. דאָרט וועלען מיר איבער־רעדען אונזער קליינעם געשעפט.

— איינגעשטימט,— האָט רודאָלף קורץ געענטפערט.

— געהעניג קענען מיר דערווייל שמועת'ן. איהר און האַלזשניידער זיינען מאָ־ראַליש פערפּליכטעט אומצוקעהרען דעם שאַדען וואָס איהר האָט ניט ווילענדיג אונז געמאַכט. איך און מיין פרוי האָבען דורך אייך פערלאָרען גאַנצע צוויי טויזענד פראַנק. מיין דאַמע האָט בעדאַרפט בעגעגענען אַ הויכען מאַן אין שוואַרצע קליי־דער, וועלכער האָט אויף אייך נאַכגעפרעגט אין „ווייסען קראָט". ער האָט געבאָטען צוויי טויזענד פראַנק מען זאָל אייך עטוואָס טאָהן. האַלזשניידער האָט עס אַלעס אונז ערקלעהרט. יעצט וויל איך עס אַביסעל איבערלייגען. דערווייל געה דוא מיין ליעבע פינעטאַ און בעשטעל אונזער פריהשטיק—עפּעס קאָטלעטען, בראָטען, סאַ־לאָט און עטליכע פלאַש גוטען שאַמפּאַניער. מיר וועלען באַלד אָנקומען.

לילית, וועלכע האָט דיא גאַנצע צייט ניט אַרונטערגענומען איהרע אויגען פון רודאָלף'ן האָט זיך איבערגעוואונקען מיט דעם לעהרער און איז אַוועק.

— וויא איך זעה, מאָנסיו רודאָלף,— האָט דער לעהרער געזאָגט,—האָט האַלזשניידער מיר געאָפּפערט אָן ערזעצונג פאַר דיא צוויי טויזענד פראַנק. מיר

שיינט אויך אז האלזשניידער האט מיר אין גאנצען ערקלעהרט, וואס דער הויכער דזשענטעלמע, האט מיר געוואלט פאַרלייגען. אבער דאס איז ניט געניגענד. איהר מאַנסיו רודאָלף, דארפט אונז ברענגען אויפ'ן וועג אָבצומאכען דיא צוויי טויזענד פראנק.

— קיין לייכטערע זאך אלס דיעזע; נור לאָמיר קומען צו אונזער פונקט. איך האב פאַרגעלייגט אַ טהייערען געשעפט דעם האלזשניידער, וועלכער האט עס פריהער אנגענומען און האט עס שפּעטער ענטזאגט.

— ער איז אימער לייכטזיניג.

— אָבער וועהרענד ער האט מיר ענטזאגט האט ער מיר פארגעלייגט—

— ער האט פאר אייך פארגעלייגט.—

— צום טייפעל, איהר קריכט צו הויך מיט אייער גראמאטיק! — האט רודאָלף אויסגעשריען, ווען דער לעהרער האט איהם פעררעכט דיא שפּראך.

— אלס אַ לעהרער איז עס מיין געשעפט.

— ער האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז אבוואהל ער אליין וויל ניט עסען בלוטיגען ברויט, זעהט ער דאך ניט איין ווארום ער זאל ניט טאהרען זיין אַ מעקלער און אז איהר קענט צו מיר צושטעהן.

— מעג איך אייך פרעגען, ווארום האט איהר בעשטימט צו זעהן זיך מיט'ן האלזשניידער גראדע אין סט. יוען, דארט, וואו ער האט געקענט שטערען מיין פּי־נעטא, וועהרענד זיא האט זיך בעדארפט זעהן מיט יענעם הויכען מאן? האלזשניי־דער איז צוטומעלט געווארען און ווער ניט אימשטאנדע צו געבען מיר אַ ריכטיגען אנטווארט.

— רודאָלף האב פערביסען דיא ליפּען און האט געענפערט:

— דאָס קען איך זיך פארשטעלען. איך האב איהם געזאָגט נור אַ טהייל פון מיין פּלאַן, ווייל איך האב ניט געוואוסט, אויב ער איז בעשלאָסען צו געהן מיט מיר האנד אין האנד.

— דאס וואר זעהר קלוג.

— נאך מעהר, איך האב דאמאלס געהאט צוויי סטרונעס צו בעריהרען.

— איהר זייט אַ פאַרזיכטיגער מענש. איהר האָט אלזא בעשטימט צו בעגע־גענען דעם האלזשניידער אין סט. יוען ווייל—

רודאלף האט זיך אַ ווײלע פערטראכט ביז ער איז געפאלען אויף אַ גלאַטען ענטפער און האט געזאגט:

— **זעהט איהר! דעם נוס וועלכען איך וויל צוקנאַקען איז אַ נומער איינס,**

ווייל דער בעל־הבית פון דעם הויז וועלכען מיר שמועת'ן איז אויפ'ן לאנד. מיין גאנצע פורכט איז געווען, ער זאל זיך ניט אומקעהרען נאך פאריז. אום צו זיין זיכער בין איך אוועק אין פירדעפיט, דארט וואו זיין לאנד וואוינונג געפינט זיך און האב ערפאהרען אז ער וועט דארט זיצען נאך עטליכע טעג.

— זעהר גוט, איך וויל נאך אלץ אן אנטווארט אויף מיין פראגע, ווארום האט איהר בעשטימט צו טרעפען זיך מיט'ן האלזשניידער גראדע אין סט. יוען?

— ערלויבט מיר אייך צו זאגען, אז איהר זייט ניט זעהר גענויט אין יענעם געגענד. וויא ווייט איז פון פירדעפיט ביז סט. יוען?

— דריי מייל.

— און סט. יוען ביז פאריז?

— אויך דריי מייל.

— יעצט פערשטעהט איהר, איך האב קיינעם אין פירדעפיט ניט געפונען, דאס הייסט ווען דאס הויז וואלט געווען אין גאנצען פערלאסען וואלט איך געמאכט גוטע געשעפטען, ניט אזעלכע וויא אין פאריז, דאך גאנץ איינטרעגליכע. איך בין געקומען צו סט. יוען, וואו האלזשניידער האט מיך ערווארטעט. ווען דאס געשעפט וואלט בעדארפט געמאכט ווערען אין לאנד וואלטען מיר אוועק אהין, ווען אבער מיר וואלטען דארפען געהן נאך פאריז וואלטען מיר געקומען אין שטאדט.

— יעצט פערשטעהע איך דעם פלאן. אין סט. יוען זייט איהר ריכטיג געווען אין רעכטען מיטען וועג און אין וועלכען זייט דיא נויטה וואלט אייך געטריעבען זייט איהר אלץ געווען א העלפט וועג, דאס וואר גאנץ גוט אויסגערעכענט. יעצט פערשטעה איך ווארום האלזשניידער האט פערדארבען מיין געשעפט און אז דאס הויז אין דע וויוו וועט זיין לעער נאך עטליכע טעג.

— יא, גאנץ לעער אויסער פון איין וועכטער.

— און דיא ארבייט לאהנט זיך נאטירליך צו אונטערנעהמען?

— זעכציג טויזענד פראנק ליגען אין מזומנים אין דעם אייגענטהימערס צימער.

— זייט איהר בעקאנט מיט דעם הויז?

— אָה, אזוי גוט וויא מיט מיינע פינגער.

— שטיל, מיר זיינען דאָ ביי'ן האָטעל, קיין ווארט בעפאָר מיר קוקען זיך ארום.

דיא צוויי מענער זיינען אנגעקומען צום „בלומען־קארב“ וואו לילית איז געשטאנען און האט אויף זיי געווארט.

— נעהמט מיט דיעזען זייט, מיט דיעזען זייט! — האט זיא צו זיי געזאגט — איך האב בעשטעלט דעם פריהשטיק.

רודאָלף האט געוואלט, אז זיינע נייע קאַמעראַדען זאָלען געהן פּאַראַוויס צוליעב א געוויסע אורזאכע, אבער דער לעהרער האט גאנץ שטרענג געפאָדערט, רודאָלף זאָל געהן פּאַראַוויס. אלע דריי זיינען אריין אין א צימער און איידער זיי האבען זיך געזעצט ביי'ן טיש האט דער לעהרער געקלאַפּט איבער אלע ווענד אום צו זעהן אויף וויפיעל זיי זיינען דיק און אויב מען קען הערען אין א צווייטען צימער וואס זיי וועלען שפּרעכען.

— מיר האבען ניט פאר וואס צו פירכטען, מיר קענען שפּרעכען וואס מיר ווילען, דיא ווענט זיינען דיק, און נאכדעם וויא מען וועט אהער ברייגנען דעם פריה־שטיק וועט אונז קיינער מעהר ניט שטערען.

א דיענער האט אריינגעבראכט דעם עסען. איידער ער האט צוגעמאכט דיא טהיר האט רודאָלף דערזעהן דעם קאָהלענטרעגער, זיין מאַרפי זיצענדיג גאנץ ערנסט ביי א טיש אין א צווייטען צימער.

דער צימער אין וועלכען דיא דריי זיינען געזעסען וואר שמאל, לאנג, מיט איין פענסטער צום גאס. לילית האט פערשטעלט דעם פענסטער מיט איהר רוקען, דער לעהרער איז געווען ביי איין זייט טיש און רודאלף ביי'ן צווייטען.

וויא דער דיענער איז ארויס האט זיך דער לעהרער גענומען זיינע טעלער און האט זיך איבערגעזעצט הינטער רודאָלף'ן, זאָ דאס ער זאָל זיין צווישען זיין פריינד און דיא טהיר.

— יעצט קענען מיר בעסער שמועת'ן,—האט ער געזאגט—און מיר דארפען ניט ריידען אזוי הויך.

— און איהר מיינט, ווען איהר זיצט נעהענטער צום טיהר קענט איהר מיך ניט לאָזען ארויסגעהן? — האט רודאָלף קאַלט געפּרעגט.

דער לעהרער האט א שאָקעלגעטהאן מיט'ן קאָפּ, און זייענדיג גאנץ קאלט האט ער פון זיין בוזים־טאַשע ארויסגענומען א קליינעם שפּיעז, וואָס וואר קיילעכדיג, אבער זעהר שפּיציג און איינגעפּאסט אין א קורצען ביינענעם הענטעל. נעהמענדיג דיעזען שפּיעז אין פּאַלען הויפען האט ער געזאגט:

— זעהט איהר וואס דאס איז?

— גרויס גענוג! — האט רודאָלף קאַלט געענטפערט.

— ווען מיין אויג דערזעהט עטוואָס פערדעכטיגעס, אזוי בעוועגט זיך דיעזער אינסטרומענט,—און ריידענדיג האט ער אזא וואונק געטהאן מיט דיא אויגען און א קנייטש געטהאן מיט'ן שטערען דאס דער גאנצער מענש איז געוואָרען א טיגער.

רודאָלף האט גאנץ געלאַסען ארויסגענומען א גרויסען רעוואָלווער פון זיין בו־

זים און נאכדעם וויא ער האט געוויעזען, אז ער איז אין גאנצען געלאָדען האט ער איהם ווידער אריינגעלעגט אין בוזים.

— זעהר גוט. מיר האבען איינע דיא אנדערע געגעבען גוטע אָנצוהערענעש. אויב זיי קומען מיך ארעסטען מעגט איהר זיין שולדיג אדער ניט, איך וועל פון אייך מאכען א קאלטע שטיק פלייש.

דער לעהרער האט אָנגעשטעלט ביידע אויגען אויף רודאָלף.

— און איך וועל אויף אייך ארויפשפרינגען און צורייסען אויף שטיקער,— האט לילית פון איהר זייט בעמערקט.

רודאָלף האט קיין וואָרט געענטפער. ער האט אָנגעגאָסען א גלאָז וויין און האט עס אויסגעטרונקען, זיין קאלטקייט האט אָבגענארט דעם לעהרער.

— איך מיין נור אייך צו ווארנען,— האט דער לעהרער געזאָגט אין א טאָן וויא צו איבערבעטען זיין קאָמעראד.

— קיין געפאהר, בעהאלט אייער שטעכער אין דער טאשע, איהר האט קיין הינדעלע צו פליקען. איך בין אן אלטער האהן און האב שארפע שפּאָרען. לאָמיר ריידען פון געשעפט.

— יאָ, מיר וועלען ריידען געשעפטס זאכען, אבער איהר דארפט ניט לאכען פון מיין שטעכער; ער ארבייט זעהר שטיל און טיכטיג.

— אָה, דיעזער שטעכער האט שוין א סך אויפגעטהאן,— האט לילית זיך אריינגעמישט.

— זאָגט מיר נור,— האט רודאָלף אין א געלאסענעם טאָן געזאגט צו דער מכשפה,— איז דאס אמת, אז איהר קענט נאכטיגאל׳ס עלטערען?

— מיין מאן האט וועגען דעם צוויי בריעף. זיא וועט זיי אבער ניעמאלס זעהן, דיעזע קליינע חיה! איך וואָלט בעסער ארויסגעריסען איהרע אויגען מיט מיינע הענד. אָה, ווען איך געפין זיא נאך אמאל וועל איך זיך מיט איהר אָפּרעכענען!

— גענוג דערפון פינעטא! מיר טהוען קיין זאך נור מיר רעדען, וועגען געשעפט פערגעסען מיר אין גאנצען.

— מעגען מיר רעדען אין איהר געגענווארט? — האט רודאָלף געפרעגט.

— מיט פאָלער זיכערהייט. איך האב זיא שוין אמאל געשטעלט צור פּראָבע, און זיא וועט פאר אונז זיין א טהייערער שאַץ אלס שפּיאָן. זיא קען אויפקלייבען נייעס, זיא קען אראָפּנעהמען דיא מאס און פאָרמע פון א שלאָס, צו בעהאלטען אָדער פערקויפען דיא „בלאטע וואארע". זיא בעזיצט יעדע מעלה פון א גנב׳טע. איהר קענט נאר קיין בעגריעף מאכען פון דיא ארבייט וואס זיא האט פאר מיר גע־

מאכט. אָבער ליעבע פינעטא, נעהם ארונטער דיין שאל, זאנסט קענסט דוא זיך נאך פערקעלטען, ווען מיר געהן ארויס אין גאס.

לילית האט ארונטערגענומען איהר שאל.

ניט אכטענדיג אויף זיין קאלטען נאטור און דיא געלאסענהייט וואס רודאָלף האט אימער בעזיצט, האט ער דאך ניט געקענט אונטערדריקען דעם שטורם וואס איז פאָרגעקומען אין זיין ברוסט ווען ער האט דערזעהן, אז אויף לילית האלז הענגט פונקט אזא קמעה וואָס מאדאם געאָרג האט איהם אויסגעמאלט אַלס דער איינצי־גער צייכען אויף איהר קינד'ס האלז.

ווען ער האט דיעזע קמעה דערזעהן איז א נייע אידעע דורכגעפלויגען זיינע געדאנקען. וויא האלזשניידער האט איהם דערצעהלט איז דער לעהרער אנטלאָפען פון קאטאָרגע צוריק מיט זעקס חדשים און אום מען זאל איהם ניט דערקענען האט ער צוקיילט און צובייזלט זיין פנים, און פונקט צוריק מיט זעקס חדשים איז מאדאם געאָרגס מאן אנטלאָפען פון דער זעלבער געפאנגענשאפט און קיין שפור איז פון איהם ענדעקט געוואָרען. רודאָלף האט גענומען רעכענען, אז דער לעהרער איז מא־דאם געאָרגס מאן. אויב דיעזעס זאל אזוי זיין האט ער געקענט פערשטעהן דעם שיקזאל פון קינד וואס מאדאם געאָרג בעוויינט אזוי פיעל. נאך מעהר, דער לעהרער האט פאפיערען ווענען נאכטיגאלס עלטערען. אויב דיעזעס איז אויך אמת איז דאך דיעזע פערזאָן פאר איהם אן אונשעצבארע זאך, ער מוז איהם האבען און מוז איהם ארייגקריגען. רודאָלף איז נאך מעהר צוהיצט געוואָרען אין זיין פּלאן, גליקליכער־ווייזע איז דער לעהרער געווען בעשעפטיגט ארום זיין מכשפה און ער האט ניט בעמערקט וואס אויף רודאָלף'ס געזיכט האט זיך געשפיעלט.

רודאלף האט באלד צוריק צוזאמענגענומען זיין געוועהנליכע קאלטקייט און האט געזאגט:

— צום טייפעל, איהר טראגט אויף זיך זעהר א שעהנע קיים!

— שעהן אבער ניט טהייער! — האט דיא מכשפה געענטפערט לאכענדיג — עס איז א פאלשע, נור איך מוז זיך דערמיט בענוצען ביז מיין מאן וועט מיר קויפען א נייע.

— דאס הענגט אָפּ אן אונזער יעצטיגען געשעפט. אויב ער לאזט זיך אויס גוט, דאן האסט דוא א בעסערע.

— עס איז דאך אבער צו בעוואונדערן וויא גוט דיעזע קיים איז נאכגעמאכט א גוטע. און וואס פאר א קמעה טראָגט איהר דאָרט?

— א מזל'דיגע קמעה פון מיין מאן, אבער איך וויל א בעסערען מזל. עטוואס וואס זאל טאקע ווערטה זיין פינעטא זאָל עס טראָגען.

— אבער דוא מיין ליעבכען דארפסט עס דאך האלטען טהייער. דוא קריעגסט ניט אזא אנטיק צווישען דיא בעסטע קראָמען, דיעזע קמעה איז מזל'דיג,— האט דער לעהרער צו איהר מיט א ליעבליכען שמייכעל געזאגט.

— א מזל'דינע קמעה? גלויבט איהר אין דיעזע נאררישקייט? — האט רודאָלף געפרעגט און ער איז כמעט וויא איבערצייגט געווען, אז דאס איז דיא קמעה, וואס מאדאם געאָרג האט אנגעטהאן איהר קינד — א מזל'דיגע קמעה! צום טייפעל זאגט מיר וואו האט איהר עס געקויפט?

— יעצט ווערען זיי ניט געמאכט, דיא פאבריק איז געשלאָסען. אט וויא איהר זעהט איז דער שטיקעל פעל אן אנטיק, דריי דורות אלט. ווייל עס איז א פאמיליעי אנדענקונג,— האט דער לעהרער מיט א ביטערען בליק געענטפערט,— דאס איז דיא אורזאכע ווארום איך האב עס געגעבען מיין פינעטאן. איך וויל זיא זאל עס היטען און זיא זאל האבען מזל אין אלע איהרע אונטערנעהמונגען. איהר וועט זיא נאך זעהן ארבייטענדיג! איהר וועט זיא נאך זעהן! אויב מיר ביידע מאכען א געשעפט וועט איהר זעהן איהר טאלאנט. נור וואס טויג אונז אלע זאכען, לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער טהעמא. וואו איז נור דער פּלאַץ!

— אין דע וויוו שטראסע, דארט אין נומער 17 וואוינט א רייכער מאן, זיין נאָמען איז—

— איך וויל ניט זיין אזוי גראָב צו פרעגען אדער וויסען זיין נאמען. איהר זאגט, אז דארט ליעגען זעכציג טויזענד פראנק אין איין צימער?

— זעכציג טויזענד פראנק? — האט לילית איבערגעפרעגט.

רודאָלף האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ.

— און איהר ווייסט דיא אינערליכעס פון יענעם הויז? — האט דער לעהרער געפרעגט.

— וויא מיינע פינגער?

— איז שווער אריינצוקומען?

— א פּארקען זיעבען פוס הויך צו דער שטראסע, א [illegible]טען און ניעדריגע פינסטער. דאס גאנצע הויז איז בלויז איין עטאזש.

— און נור איין וועכטער?

— דאס אלעס.

— וואס דענקט איהר דארף מען טהאן, יונגער מאן?

— גאַנץ וועניג. אריבערקריכען דעם פּאַרקען, אויפברעכען דעם שלאָס אָדער אויפרייסען אַ פענסטער, דאס איז אַלעס.

— איך קען נישט זאגען בעפאר איך אַליין האב דאס נים אונטערזוכט, דאס הייסט מיט דער הילפע פון מיין פרוי. נור אויב אַלעס איז ריכטיג וויא איהר זאגט דארפען מיר קלאַפּען דעם אייזען זאָלאַנג ער איז הייס — דאס הייסט נאָך הייטע אבענד.

דער לעהרער האט אויסגעגלאָצט זיינע אויגען אויף רודאָלףְ.

— הייטע אבענד? ניין, דאס איז אונמעגליך, — האט רודאָלף געענטפערט.

— און ווארום זאלען מיר עס פערנאַכלעסיגען. טאמער פערשפּעטיגען מיר?

— יאַ, אבער איך קען הייטע אבענדס נים געהן!

— זיכער? — דאַן קען איך ניט געהן מאָרגען!

— ווארום?

— דאַרום, ווייל איהר קענט הייטע ניט געהן, מיין ליעבער יונגערמאַן, — האט דער באַנדיט געענטפערט.

נאָך אַ קורצען נאַכדענקען האט רודאָלף געעטפערט:

— גוט, זאל זיין הייטע אבענד. וואו וועלען מיר זיך טרעפען?

— מיר וועלען זיך גאר נים שיידען! — האט דער לעהרער געענטפערט.

— ווארום ניט?

— דאַרום, ווייל אזעלכע פריינדע דארפען זיך ניט שיידען. דער רעגען הערט אויף, מיר וועלען זיך אביסעל דורכשפּאַצירען און ווארפען אַן אויג אויף'ן נומער זיע־בעצעהן; איהר וועט זעהן, וויא מיין פרוי פערשטעהט איהר געשעפט. מיר וועלען זיך דאַן אומקעהרען, וועלען אַ שפּיעל טאהן אין קארטען, עפּעס צובייסען און פער־טרינקען און אום צעהן אוהר וועלען מיר זיך שפּאַצירען צו דער וויוו שטראַסע און פּרובירען אונזערע כחות.

— דאַן גוט. אום ניין איהר וועל איך צו אייך קומען.

— ווילט איהר מיר זאלען מאכען געשעפט צוזאמען?

— געוויס!

— איך וועל רעכענען, אז איהר האט פאר מיר עטוואס אויסגעקאָכט און דא־רום ווילט איהר יעצט געהן.

— ווען איך זאל וועלען אייך חאַפּען אין פּאַסטקע וואס וועט מיר שטערען בין לייגען דעם נעץ נאָך הייטע אבענד? — האט רודאָלף גאַנץ נאַאיווגע געפרעגט.

— געוויים קענט איהר ניט. איהר האט ניט ערוואַרטעט איך זאל אננעהמען

דאס געשעפט אזוי שנעל און אז איך זאל וועלען גראדע הייטע אבענד און ניט שפע־טער. ווען מיר בלייבען דעם גאנצען טאָג צוזאמען האט איהר ניט ווער עס זאל פאר איך אויספיהרען דעם פּלאַן געגען מיר.

— האלט איהר מיך אין פערדאכט?

— נו געוויס! נור אזוי וויא דאס וואס איהר האט געזאגט קען זיין אמת און אזוי וויא א העלפט פון זעכציג טויזענד פראנק איז ווערטה מיין מיהע, וויל איך זיך פּרובירען. אבער דאס מוז געשעהן הייטע אבענד אדער ניעמאלס. אויב איהר געהט יעצט אוועק ווייס איך ווער איהר זייט. איך וועל אייך שוין דערטאפּען אין א וויג־קעל און וועל אייך צושניידען אין שטיקער.

— אָה, דערמיט דארפט איהר מיך ניט טרייסטען. איך קען אייך אראָפּ־דרעהען דעם קאָפּ איידער איהר ווערט מיין בעל־חוב!

— אָה, דאס זיינען פּוסטע זאכען,— האט דיא מכשפה זיך אריינגעמישט,— איך שטים איין מיט מיין מאַן. הייטע אבענד אדער ניעמאלס.

רודאלף איז געוואָרען אין פערלעגערקייט. ווען ער זאָל ארויסלאָזען דיא גע־לעגענהייט צו לייגען זיין האנד אויפ׳ן לעהרער, וועט ער עס פיעללייכט שוין מעהר ניט האבען אין גאנצען לעבען. דער באנדיט קען זיך נאכדעם היטען, אדער דיא פּאָליציי קען איהם ערקענען, חאפּען און פטרשלעפּען צוריק אין קאטאָרגע, וואו אלע געהיימניסע, וואס רודאָלף וויל וויסען וועלען אויף אייביג בעגראָבען ווערען. ער האט בעשלאָסען צו פערלאָזען זיך אויף גליק און אויף זיין אייגענעם קוראזש און פעהיג־קייט און ער האט באלד דעם לעהרער געענטפערט:

— איינגעשטימט! מיר בלייבען צוזאמען און מאכען הייטע דיא ארבייט.

— אויב אזוי בין איך אייער מאַן. עס איז שוין שפּעט, דער רעגען פאנגט ווידער אז צו געהן — לאָמיר דאָ בעצאָהלען און נעהמען א קארעטע.

— אויב מיר פאָהרען אין א קארעטע וואלט איך פריהער וועלען פעררייכערען.

— רויכערט! מיין פינעטא האט עס ניט פיינד.

— איך דאנק אייך. איך מוז געהן קויפען א פּאאר ציגארען,— האט רודאָלף געזאגט און האט זיך אויפגעשטעלט.

— אָה ניין, איהר דארפט זיך ניט בעמיהען. זיצט דאָ, מיין פינעטא וועט אייך שאפען וואס איהר פערלאנגט,— האט דער לעהרער געזאגט. וועהרענד ער האט רודאָלף׳ן צוריקגעהאלטען.

רודאָלף האט זיך צוריקגעזעצט. דער לעהרער האט גענומען ענדיגען זיין גלאָז און לילית איז אוועק קויפען ציגארען.

— אָה, וואס פאר א גוטע ווייבעל איך האב! — האט דער באנדיט מיט פרייד־ דע געזאגט, — זיא וואלט פאר מיר געהן אין פייער און אין וואסער.

רודאָלף האט זיך גענומען שמועת׳ן מיטין באנדיט איבער פערשיעדענע זאכען און דערווייל האט ער אריינגעלעגט זיינע הענד אין דיא הויזען טאשען, האט בעקומען א שטיקעל פאפיר פון איין פאקעט און א שטיקעל בלייפעדער אין דער צווייטער, האט אין געשווינד גענומען דיא „שרייבגעצייג" אין רעכטען האנד און האלטענדיג דיא „געצייג" אין דער טאשע האט ער אויפגעשריעבען עטליכע ווערטער. ער האט געציעלט דאס דיא בוכשטאבען זאלען זיין ווייט איינע פון דיא אנדערע, אום מען זאָל חאָטש מיט מאטערנעס קענען ארויסקריעגען וואס ער מיינט. דער לעהרער האט ניט געקענט בעמערקען, אז האלטענדיג דיא האנד אין טאשע, שרייבט זיין קאמעראד א גאנצען בריעף.

דיא עטליכע נויטהיגע ווערטער זיינען אויפגעשריבען; אבער וויא אזוי זאל ער עס אפשיקען.

רודאָלף איז אויפגעשטאנען און צוגעגאנגען צום פענסטער, האט אנגעפאנגען צו פייפען א ליעד און צו קלאפען מיט דיא פינגער איפ׳ן שויב.

דער לעהרער איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געפרעגט:

— וואס פאר א ליעדעל שפיעלט איהר עס מיין פריינד?

— איך שפיעל „מיין ראָזע איז ניט פאר דיר!"

— זעהר א שעהן ליעדעל. איך בין אבער נייגעריג צו זעהן, אויב דיא פער־ בייגעהער אין גאס קענען דיעזען ליעד און זיי וועלען זיך אפשטעלען ווינקען צום זיעסען זינגער.

— איך וויל מיט קיינעם ניט רעדען, מיין הערר!

— איהר פיהרט זיך אויף זעהר פערדעכטיג, מיין יונגער מאן! איהר דארפט ניט קלאפען מיט דיא פינגער אויף דיא שויבען. איך דענק יעצט, דאס אויב דער וועכטער פון נומער 17 איז א שמאלצער בחור, אויב ער שטעלט זיך געגען אונז, דאן האט איהר נור אייער בילער, וועלכער קנאקט און מאכט א טומעל, וועהרענד איך האב מיין שטעכער, וואס ארבייטעט גאנץ שטיל און רופט קיינעם ניט פון גאס...

— וואס, דענקט איהר צו שטעכען דעם וועכטער! — האט רודאָלף אויסגע־ שריען. — אויב איהר האט אזעלכע אידעען, לאָמיר בעסער אין גאנצען אויפגעבען דאס געשעפט. איך וויל זיך ניט בעשעפטיגען אין א געשעפט, וואו דער קאָפּ שטעהט אין געפאהר. נעהט אייך אליין איך געה שלאפען.

— אבער אויב ער האפט זיך אויף אזי מאכט קולות?

— פערשטאָפּען מיר איהם זיין מויל. אבער ניט טויטען!

וויא איהר ווילט. איך האב נור ליעב צו בעשפּרעכען דיעזע קלייניגקייטען איידער מען געהט צו דער ארבייט, אום מען זאל נאכדעם ניט האבען קיין שטערונג. אלזאָ וואס זאגט איהר, מיר האבען אַ לייכטע שטיקעל ארבייט?

— עס קען לייכטער ניט זיין.

— דאן גוט, איך נעהם אָן אייער עצה יונגער מאַן!

12טעם קאַפּיטעל.

פאָרבריי׳טונגען.

לילית איז אָנגעקומען מיט דיא ציגארען.

— מיר שיינט, אז עס האט אויפגעהערט צו רעגענען,—האט רודאלף געזאָגט נאכדעם וויא ער האט פּעררויכערט זיין ציגאַר—עס וועט ניט שאַדען מיר זאלען אליין געהן נעהמען אַ קאַרעטע. דאס וועט אביסעל אויסגלייכען אונזערע ביינער.

— וואס? עס האט אויפגעהערט רעגענען!—האט דער לעהרער געדאָנערט—זייט איהר בלינד? דענקט איהר איך וועל ריזיקירען מיט מיין פינעטאַ׳ס טהייערען לעבען, איך וועל זיא אויסזעצען צו קעלט און וועל איבערפיהרען איהר נייעם שאַל?

— דוא האָסט רעכט מיין אַלטער! דער וועטער איז פאַר הינד!—האט לילית זיך אפּגערופען.

- דאן צופריעדען! רופט דעם דיענער, מיר וועלען איהם בעצאהלען און בעטען ער זאל אונז שאפען אַ וואָגען!—האט רודאָלף געזאגט.

— אט אזוי רעדט איהר וויא אַ חכם. מיר וועלען געהן און בעטראַכטען דעם נעגענד, וואו מיר דארפען הייטע מאכען געשעפט.

דער דיענער איז אריין און רודאלף האט איהם געגעגעבען פינף פראנק.

— אָה, מיין הערר, איהר זייט צו ליבעראַל, איך קען עס ניט ליידען!—האט דער לעהרער אויסגעשריען.

— דאס איז נארישקייטען, דעם צווייטען מאָל וועט איהר צאָהלען.

— צופריעדען. איך וועל יעצט אייך מוחל זיין מיט דעם בעדינג, אז דעם נעכסטען שנאפּס זאלען מיר מאכען אין דער באהנען־שטראַסע, אין אַ גוטען פּלאַץ וואס איך קען, און דארט וועל איך צאָהלען.

— צופריעדען, מיר וועלען זיך דעריבער ניט שלאָגען.

וויא זיי האבען בעצאָהלט און דער דיענער איז ארויס האבען זיי זיך געלאזט נעהן פון דיא טרעפּ. רודאלף האט געוואלט געהן הינטען אויס העפליכקייט צו דער דאמע, וואס וואר אין זייער קאָמפּאַניע, דער לעהרער האט עס אבער ניט געוואלט

ערלויבען. ער איז געגאנגען הינטער רודאלף׳ן און האט פון איהם קיין אויג ניט ארונ־טערגענומען.

ווען אונזערע דריי פערזאָנען זיינען געגאנגען פארביי דעם בופעט איז א הויכער קאָהלענ־טרעגער, מיט זיין היטעל איבער דיא אויגען געשטאנען און האט געצאָהלט פאר זיין שנאפס. ניט אכטענדיג וואס דיא בעגלייטער האבען רודאָלף׳ן אזוי געהיט, האט ער זיך דאך איינגעקעהרט צו ווארפען א בליק צום קאָהלענטרעגער און צו חאפען אן ענטפער פון יענעם׳ס אויגען און קיינער זאל עס ניט בעמערקען.

— וואוהין, מיינע העררען? — האט דער קוטשער געפרעגט ווערענד זיי האָ־בען זיך אריינגעזעצט אין וואָגען.

רודאָלף האט אָנגעפאנגען צו ענטפערן מיט א הויכען קול:

— אין וויוו שטראסע —

— ניין, ניין, מיר פאָהרען ניט אהין! — האט דער לעהרער געענטפערט — פאָהר וואוהין איך וועל הייסען, איך וועל ניט שטעהן אום געלד.

ווען דער וואָגען איז געשלאָסען געוואָרען האט דער לעהרער צו רודאָלף׳ן מיט בעס געזאגט:

— צום טייפעל, וואצו האט איהר בעדארפט אויסשרייען וואוהין מיר פאָהרען פאר דיעזע סטאָדע גענז, וואס זיינען ארום האטעל? אויב מען זאל עס מאָרגען ער־פאהרען, קען דיעזע קלייניגקייט אונז אונגליקליך מאכען. יונגער מאן, יונגער מאן, יונגער מאן, איהר זייט נאך זעהר פריש אין דעם געשעפט.

דער וואָגען האט גענומען רייזען און רודאָלף האט געענטפערט:

— איהר זייט גערעכט, איך האב זיך ניט בערעכענט. אבער מיין ציגאר וועט אייך דערשטיקען. האט איהר ניט דאגעגען איך זאל עפענען א פענסטער?

ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער האט רודאלף גאנץ שנעל געעפענט זיין פענסטער און האט זיך איינגעקעהרט ארויסצו־ווארפען אין גאס דעם שטיקעל פאַ־פיער, וואס ער האט בעשריבען אין זיין טאשע און ארויסגענומען פון הויפען אזוי צוקנייטשט און פערקוועטשט דאס קיינער האט עס געקענט בעמערקען. אבער דעם לעהרער׳ס בליק ווּאר אזוי שארף, דאס טראץ דעם, וואס רודאָלף׳ס געזיכט וואר קאלט און גאנץ גלייכגילטיג אין דעם מאָמענט, האט דער לעהרער דאך בעמערקט א שטיקעל ענדערונג אין רודאָלף׳ס בליק און ניט ווארטענדיג איין סעקונדע איז ער אויפגעשפרונגען און האט גענומען צום אנטרייבער שרייען:

— שמייס מיט דיין בייטש הינטער דער קארעטע! שמייס צוריק! יעמאנד איז הינטער אונז!

דער קומשער האט זיך געשטעלט אויף דיא פיס, האט אריבערגעקוקט הינטער דער קארעטע און האט געענטפערט, אז ער זעהט קיין לעבעדיגען מענש.

— דאס איז דיין פוהרמאנסקער בליק, איך וועל עס זיך באלד איבערצייגען! —האט דער לעהרער געענטפערט און איז ארויסגעשפרונגען אין גאס.

ער האט אבער קיינעם ניט געזעהן און האט אויך קיין זאך בעמערקט, דען דער וואגען איז דערוייל שוין אבגעגאנגען א שטיק וועג פון דעם ארט וואו רודאלף'ס פאפיערעל איז געפאלען. ער האט זיך אביסעל געשעמט, דען ער האט געגלויבט, אז ער האט דא געהאט גאר אן אומזיסטען פערדאכט. ער האט זיך פערענטפערט פאר רודאלף'ן, וועלכער האט זיך גאר ניט געקימערט איבער דעם לעהרער'ס שרעק.

דער וואגען איז אבגעפאהרען און האט זיך פערקעהרט אין א צווייטע גאס. מארפי האט זיינע אויגען פון וואגען ניט אראפגענומען. ער האט געזעהן וויא רודאלף האט עפעס ארויסגעווארפען און האט געווארט ביז דער וואגען איז פערשוואונדען. דאן איז ער צוגעלאפען און האט אויפגעהויבען דעם צעטעלע, וועלכער איז געפאלען צווישען צוויי שטיינער.

אומגעפעהר נאך א פיערטעל שטונדע האט דער לעהרער געהייסען פאהרען צו מעדעליין פלאץ.

רודאלף האט איהם אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג.

— וואונדערט זיך ניט יונגער מאן, פון דארט וועלען מיר נאך געהן אין א טויזענד אנדערע פלעצער. אויב מען וועט אונז נאכדעם זוכען, פערקלאגען, וועט דיעזע רייזע אונז פערטהיידיגען.

אין דיעזען אויגענבליק איז א הויכער מאן, פערקליידעט אין א יעגער קאסטיום מיט זיין היטעל איבער דיא אויגען פאראיבערגעפלויגען רייטענדיג אויף א פערד וואס איז געפלויגען וויא א פייל פון בויגען.

— אה, וויא שנעל דער יעגער פליהט! זעהט נור וויא גרויסארטיג!—האט רודאלף אויסגעשריען און האט נאכגעקוקט דעם יעגער, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא מארפי.

— ער איז אזוי שנעל געפלויגען, דאס איך האב איהם ניט געקענט בעמערקען,—האט דער לעהרער געענטפערט.

טיעף אין הערצען האט רודאלף זיך זעהר געפרעהט. מארפי האט זיכער דורכגעל..ען דיא שווערע בוכשטאבען אויף דעם צעטעלע, וואס וואר וויא איין היראגליפען שריפט. דער לעהרער וואר זיכער, אז קיינער פאהרט זיי ניט נאך און ער האט געפיהלט זעהר לייכט. איהם האט זיך פערגלוסט נאכמאכען זיין לילית, וועלכע

האט געשלאָפען אדער האט זיך געמאכט שלאָפענדיג און ער האט געזאָגט צו רודאָלף'ן:

— ענטשולדיגט מיר יונגער מאן, דיא רייזע אין א קארעטע מאכט מיר שלע־פעריג וויא א קינד.

דער באַנדיט האט גערעכענט, אז ווען ער וועט זיך מאכען שלעפעריג וועט ער האבען א געלעגענהייט צו בעמערקען עפּעס אין רודאָלף'ס האנדלונגען. רודאָלף האט אבער פערשטאַנען וואס דער באַנדיט בעאַבזיכט, האט ער געענטפערט:

— איך בין אויפגעשטאַנען זעהר פריה. איך פיהל מיך וויא א נעכטינער. איך וועל צוזאַמען מיט אייך האַפּען א דרעמעל.

ער האט צוגעמאכט זיינע אויגען. דער לעהרער און זיין לילית האבען אנגע־פאַנגען אזוי הויך צו־שנאַרכען און חראַפּען, דאס רודאָלף האט געמיינט, אז זיי שלאָפען אין דער ווירקליכקייט און האט האַלב־געעפענט זיינע אויגען. אבער דיא באַנדיטען האָבען ניט געשלאָפען און חאָטש זיי האבען אזוי ווייט געחראַפּעט זיינען זיי געזעסען און האבען זיך געוואונקען און האבען גערעדט מיט דיא פינגער, מיט אזעלכע צייכענס, וואס רודאָלף האט ניט פערשטאַנען. אין איין אויגענבליק איז דיעזער שטום־לשון שטיל געוואָרען; דער באַנדיט האט בעמערקט, אז רודאָלף שלאָפט ניט, האט ער אויסגעשריען מיט א געלעכטער:

— אַה, האַ, האַ! מיין פויגעל גלויבט זעהר וועניג זיינע פריינדע, וויא דיא פריינדע גלויבען איהם וועניג.

— אבער דאָנער וועטער, איהר קענט שלאָפען מיט אָפענע אויגען, האט רודאָלף נאַאיוו געזאגט.

— געוויס איך בין א פעפער, וואס קען געהענדיג שלאָפען.

דער וואגען האט זיך אבגעשטעלט ביי מעדעליין פלאַץ. דער רעגען האט אויף א ווײַלע אויפגעהערט, נור דער וואלקען איז געוועזען אזוי שווארץ און אזוי גע־דיכט, דאס עס וואר פינסטער וויא דיא נאכט.

— יונגער מאן, איך האב אן אידעע, — האט דער באַנדיט געזאגט.

— וואס?

— איך וויל זיך איבערציינגען אויב אלעס וואס איהר האט דערצעהלט פון נר־מער 17 איז ריכטיג.

— איהר וועט דאך זיכער ניט געהן אהין יעצט, זאָגאר ווען איהר האט דעם בעסטען אויסרייד. דאס וועט ערוועקען א פערדאכט.

— איך בין ניט אזא נארר וויא איהר דענקט. אבער וואצו האב איך א פרוי

וואס הייסט פינעטא? קוקט ניט וואס זיא האט א י י ן איינעל. זיא קוקט וויא א פערד ווען ער הערט א קריעגעס סיגנאל.

לילית האט געשאָקעלט מיט'ן קאפּ.

— ווילט איהר זיא שיקען פאר א שפּיאָן?

— דאס דענק איך צו טאהן.

— נומער 17 אין וויוו שטראסע? — האט לילית אונגעדולדיג נאכגעפרעגט — זייט זיכער, מיין איינציג אויגעלע זעהט מעהר פון דריי.

— איהר זעהט, יונגער מאַן, איהר זעהט? זיא ברענט שוין מיט'ן חשק צו ארבייטען.

— אויב זיא קען אויספיהרען אריינצוגעהן אין הויז מיט א גוטען אויסרייד איז אייער אידעע ניט קרום, — האט רודאָלף געזאגט.

— האלט נור מיין רעגענשירם, ליעבער מאַן. אין א האלבע שעה בין איך צוריק און איהר וועטביידע זעהן וואס איך קען אויפטאהן, — האט לילית מיט פריי־דע געזאגט.

— איין אויגענבליק, ליעבע פינטא. מיר געהן ארונטער צום „בלוטיגען הארץ“, בלויז צוויי טרעפּ ארונטער. אויב דער קליינער „האָפּי“ איז דאָרט, קענסט דוא איהם מיט נעהמען. ער קען שטעהן פון דרויסען און היטען די טיהר וועהרענד דוא געהסט אריין אין הויז.

— דוא האסט רעכט, האָפּפּי איז קלוג וויא א פוקס. ער איז בלויז צעהן יאהר אלט, דאך האט ער דא ניט לאַנג —

דעם לעהרערס א וואונק האט זיא געמאַכט שווייגען.

— וואס איז דאס „רויטער הארץ“, א צונאָמען פאר א שענק־הויז? — האט רודאָלף געפרעגט.

— פרעגט עס דעם איינענטהימער אליין.

— וויא רופט מען איהם?

— ווארום פרעגט איהר עס? רופט איהם וויא איהר ווילט אליין, ער וועט זיך אליין אָברופען. מיר זיינען שוין אויפ'ן פּלאַץ און אין א גוטער שעה. דאס וואסער קאָכט יעצט אין טייך. הערט וויא עס רוישט און זעהט וויא די ברעגען זיינען פערפלייצט. נאך א פּאאר טעג אזא רעגען און די בריקען וועלען פערטרונקען ווערען.

— איהר האט געזאגט, אז מיר זיינען דאָ אויפ'ן פּלאַץ. צום טייפעל, איך

זעה נור דעם טייך אבער קיין הויז, קיין שענק. דא איז דאך אן עק שטאדט? — האט רודאָלף געפרעגט.

— אזוי זאגט איהר. דא איז טאקע נור פעלד און וואסער, דאך דער שיינק איז אונטער אייער נאז!

— וואו? — רודאָלף האט געקוקט אין אלע זייטען.

— דארט! זעהט איהר ניט דעם דאך וואס ליעגט גלייך מיט דער ערד. פאַר־זיכטיג, קריכט נור ניט ארויף אויפ'ן דאך.

רודאָלף האט ווירקליך ניט געזעהן דעם דאך איבער יענעם שיינק, וואס איז געלעגען טיעף אין דער ערד און איז געווען געבויט וויא פיעל אונטער־ערדישע שענ־קען, וואס זיינען געווען אין דער באהנהאָף שטראסע.

עטליכע טרעפּ, וועלכע זיינען געווען איינגעמויערט אין דער ערד האבען גע־פיהרט צום גרונד פון א פינסטערע העלע. דער דאך איז געווען גלייך מיט דער ערד. נור א קליינע עפענונג, א טהיר וואס האט זיך געעפענט פון אויבען און איז געווען אין דאך האט געפיהרט צו דיא טרעפּ און ווען מען האט געפויזעט א לאנגען שטיק וויא אין א קבר איז מען ערשט געקומען צו א טיהר און מען איז אריין אין א שענק־שטוב. אין שענק ווארען טישען און בענק איינגעגראָבען אין דער ערד און ווייטער פון שענק און נאך טיעפער, אונטער'ן שענק ווארען קעלערען, צימערען, חורבות און אלערליי לעבער.

דער רעגען און דיא בלאָטעס האבען פון אויבען אין גאנצען פערשטעלט דעם אָרט, וואו דיא טיהר איז געווען.

— וואס זאגט איהר צו דיזען האָטעל, יונגער מאן? — האט דער לעהרער רודאָלפ'ן געפרעגט.

— איך בין נאך ניט אין פּאַלאַסט און קען נאך ניט אורטהיילען. קומט אריין, לאמיר עס בעטראַכטען!

— ווארט א ווייל, איך וויל וויסען אויב דער בעל־הבית איז צו הויז. הער זיך נור צו!

דער לעהרער האט זיך איינגעבויגען צום טיהר, האט צוגעדריקט זיין צונג צום גומען און האט ארויסגעלאזט אזא ווילדען קלונג, וואס האט געקענט ערשרעקען צום טויט יעדע דאמע. באלד איז פון אונטער דער ערד ארויס נאך אזא קול, אלס אנטווארט.

— ער איז צו הויז, — האט דער לעהרער געענפערט — יעצט געהן מיר אריין.

ואל אונזער דאַמע געהן פאראוים, אבער פאָרזיכטיג, גליטש זיך ניט אוים און פאל ניט. מען דארף וויסען וויא צו קריכען.

דיא דריי האבען זיך ארונטערגעלאזען אין דער העלע.

14טער קאפיטעל

דאס בלוטיגע הערץ.

דער ווירטה פון דאס „בלוטיגע הערץ״, נאכדעם וויא ער האט געענטפערט אויפ'ן לעהרערס קוויטש האט ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון טיהר, ריכטיגער געזאגט פון דער ערד.

דיעזע פערזאן האט רודאָלף איבעראל געזוכט, ער האט איהם נייטהיג בעדארפט האבען — עס וואר קולאק. רודאָלף האט איהם ניט געקענט און האט פאָרלויפיג נאך ניט געהערט ווער ער איז.

פראָסט, גראָב, אָבשייליך, דאס וואר זיין ערשיינונג. ער וואר פונפציג יאהר אלט. זיין געזיכט האט אויסגעזעהן וויא א שווייניש ער שנוק; זיין נאז וואר לאַנג און ברייט, זיינע באקען פאל אנגעבלאָזען און אנגעגאסען מיט שמאלץ; זיין מאָרדע איז אראבגעהאנגען איבער'ן גאנצען האלז; זיינע אויגען ווארען קליין, שמאָל, שווארץ און פייערדיג; זיין קארק וואר בעלאדען מיט פלייש און פעטקייט ביז דער פּאָטילניצע.

זיינע קליידער ווארען נאך זיין פיגור. ארום און ארום האט ער אויסגעזעהן וויא א חיטרע, פלינקע און הונגעריגע בעסטיע וואס איז בערייט צו פערצוקען אלעס וואס קומט צו דער האנד.

דיא דריי האבען זיך געלאָזט רוקען אין דער העלע. זיי זיינען פאָרזיכטיג געקראָכען פון טרעפּ צו טרעפּ. ווען זיי האבען עררייכט דיא ניעדעריגסטע טרעפּ איז א קינד פון צעהן יאהר קרום און פעט ארוים פון דער העלע דיא געסט צו עמפּפאַנגען. ער וואר אזוי עהנליך צו קולאקען, דאס עס וואר אונמעגליך ניט צו זאגען, אז דאס איז א פאטער מיט א קינד.

— היער איז דער קליינער קינסטלער, — האט דער לעהרער געזאגט וויא ער האט דעם ווילדען קינד דערזעהן — פינעטא דיא נאכט רוקט זיך צו אונז און דיא צייט פערשווינדעט; דער טאָג קען אונז פיעל דינען פיר היינטיגע נאכט.

— וואס מאכט איהר אלטע פריינד! — האט קולאק מיט ליעבע צום באנדיטען־פּאאר אויסגעשריען אין א דיקען קול, — וואס קען איך פאר אייך טאהן?

— באָרגט אונז א ווילע אייער קליינעם פויגעל. מיין פרוי האט דאָ ניט וויטצוואס פערלאָרען, אייער איינגעל קען איהר העלפען זוכען.

קולאק האט צום לעהרער א וואונק געטאהן. דער לעהרער האט איהם געענט־פערט מיט א וואונק, דאן האט קולאק זיך געווענדעט צום אינגעל און האט געזאגט:

— האפּי, לויף מיט דיעזער דאמע.

האפּי איז צוגעלאָפען צו לילית זייט.

— דאס איז א ליעבעס קינד, אזא קינד איז ווערטה צו האבען. ער פּאָלגט וויא א געטרייער הינטעל. איך האב עס געהאט א שלאק דיא נאשערקע, דיא בלינ־צעס פרעסערקע, וואס האט אימער געהאט ספּאזמעס, ווען איך האב זיא גערופען,— האט פינעטא געקווישעט.

— געה דאך שוין פינעטא, פערליער קיין צייט. האלט אָפען דיא אויגען און בעטראכט יעדען שריט, מיר וועלען דא ווארטען,— האט דער לעהרער איהר בע־פוילען.

פינעטא האט געלאזען איהר רעגענ־שירם ביי׳ן באנדיט און האט מיט דעם אינגעל גענומען קלעטערען צוריק איבער דיא טרעפּ. רודאָלף, דער לעהרער און קו־לאק האבען זיך אראפּגעלאָזען צום שיינק.

אין שיינק ווארען עטליבע טישען, איינינע שטוהלען און א קליינער בופעט. דיא ווענט און דער באָדען ווארען פון בלאָטע און פון שטיינער, וואס ווארען פייכט און בעוואקסען מיט מאָך. אין א פּאאר ווינקליך ווארער דער שיינק בעדעקט מיט קליינע שויבען, וואס ווארען פערצוויגען מיט שפּינ־וועבס—און דיעזע שויבען האבען געבראכט ליכט און לופט אין דיעזער העלע.

רודאָלף איז געבליעבען שטעהן וויא צוטומעלט. אין זיין גאנצע ערפאהרונג האט ער אזא רויבער־העלע נאך ניט געזעהן. דער לעהרער און קולאק האבען זיך אבגעשטעלט א ווייל פון הינטען און האבען זיך דורכגערעדט מיט דיא אויגען און דיא פינגער.

— נעהמט א גלאז ביער אדער שנאפּס און טרינקט ביז מיין פינעטא קומט צוריק,— האט דער לעהרער רודאָלפ׳ן אנגעבאָטען.

— ניין, איך האב קיין דורשט!

— איהר קענט טאָהן וואס אייך געפעהלט, איך וועל טרינקען שנאפּס!—האט דער לעהרער געענטפערט און האט גענומען א פאלע פלאש און איז ארײן אין א צווייטען טהייל פון שיינק.

אין דער העלע ווער אזוי פינסטער, דאס עס ווער גאנץ אונמעגליך צו זעהן דעם „צימער״ אין וועלכען דער לעהרער האט זיך געזעצט. דער צימער ווער א מין

לאַך אין וואנד, דארט וואר קיין שטראהל און עס איז אויסגעקומען הינטער רודאָלף'ס פלייצע.

רודאָלף איז געזעסען מיט א פעררינסענעם קאָפּ און האט געקוקט צום פענסטער אום מען זאל ניט בעמערקען אז ער איז פערטראַכט. דאס וואס ער האט געזעהן, וויא מאָרפי האט געריטען אויף א פערד האט איהם נאך ניט פערזיכערט, אז אלעס וועט זיין וויא ער ווינשט. ער האט מורא געהאט טאָמער האט זיין פריינד ניט פערשטאַנען, וואס ער האט געשריבען אין קליינעם צעטעלע, וואו ער האט בלויז אויפגעשריבען דיא ווערטער: „הייטע אבענד 10 אוהר זיי פאָרבערייטעט".

ער האט בעשלאָסען ניט צו געהן צו דער ארבייט איין מינוט בעפאָר צעהן אוהר און ניט אבצוטרעטען פון לעהרער אויף איין אויגענבליק. ער האט אבער דאך מורא געהאט, טאָמער וועט איהם זיין פּלאַן ניט געלינגען און דיא געהיימניסע וואס ער איז אזוי נייגעריג צו ערפאַהרען וועלען פאר איהם בלייבען אויף אייביג בע־האַלטען. דיעזע געדאנקען האבען זעהר שטארק געווירקט אויף איהם. ער האט מורא געהאט טאמער וועט ער זיך אליין פערראַטהען. ער האט זיך געווענדעט אין אלע זייטען און האט מיט א הויכען קול אויפגעפאָדערט דעם לעהרער ער זאל זיך זעצען נעבען זיין טיש און זאל צוזאמען מיט איהם טרינקען א גלאז ביער אדער ווייז. דער לעהרער און קולאק האבען זיך אביסעל געסודעט, דאן זיינען זיי צוגעגאנגען צו רודאָלף'ס טיש און קולאק האט אנגעקוקט זיין נייען בעזוכער מיט שפּאָט און גע־לעכטער.

דער לעהרער האט א קליין ווײלע געשוויגען, נאכדעם האט ער געזאָגט:

— עס איז מיין מיינונג, יונגער מאַן, דאס אויב מיין שליח געפינט אונזערע לייטע צו הויז זאלען מיר זיי בעסער בעזוכען אום אכט אוהר.

— עס איז מיט צוויי שטונדען צו פריה, מיר וועלען זיי ניט קענען צופריעדען שטעלען,—האט רודאָלף קאלט געענטפערט.

— איז עס אייער ערנסטע מיינונג?

— גאַנץ געוויס!

— פוסטע זאכען. פריינדע דאַרפען ניט קוקען אויף כבוד.

— איך קען זיי גוט; און איך זאג עס נאך אמאל, אז בעפאָר צעהן דאַרפען מיר ניט געהן.

— צעהן איז צו שפּעט!

— איך האב אייך געגעבען מיין מיינונג און דער טייפעל קען מיר חאַפּען אויב איך פערלאז דיעזען פּלאַץ בעפאר צעהן.

איהר דאַרפֿט קיינע וויכוחים פֿיהרען, איך האַלט מיין געשעפֿט אָפֿען ביז נאָך האַלבע נאַכט, — האָט קולאַק זיך אַריינגעמישט — מיינע קונדען קומען אימער שפּעט און מיינע שכנים קלאָגען זיך ניט אויף דעם טומעל אין מיין הויז.

— גוט. איך האָב בעשלאָסען אייך נאָכצוגעבען דיעזען מאָל, יונגער מאַן. זאָל זיין וויא איהר ווילט, מיר וועלען זיך בעגעגענען פּונקט אום צעהן אוהר, — האָט דער לעהרער געזאָגט.

— היער איז לילית! — האָט קולאַק אויסגעשריען נאָכדעם וויא ער האָט גע־הערט אַ סיגנאַל און האָט איהם געענטפֿערט מיט זיין געוועהנליכען קול.

— אין אייניגע מינוטען איז לילית איינע אַליין אין דער העלע אַריין.

— אַלעס איז אין בעסטען אָרדנונג, מיין מאַן. גלייך וויא ביי דיר אין טאַשע — האָט זיא געשריען באַלד וויא זיא איז ערשיענען אויפֿ'ן שוועל.

— קולאַק האָט זיך קאַלטבלוטיג אָבגערוקט אין אַ צווייטען צימער. ער האָט ניט נאָכגעפֿרעגט, וואו זיין בן־יקיר איז געבליעבען. דיא מכשפה האָט זיך געזעצט ביי'ן טיש.

— נו? — האָט דער לעהרער געפֿרעגט.

— דער יונגער מאַן האָט ביז יעצט דערצעהלט דעם אמת. איך בין געגאַנגען גלייך ביז נומער 17. האָפּי האָב איך געלאָזען אין גאַס ער זאָל היטען. עס וואַר נאָך טאָג. איך האָב פּראָבירט אַ קליינע טהיר. דער שלאָס איז שוואַך, מיט צוויי פֿינגער מאַכט איהר עס אָפֿען, קיין מיהע דערביי. איך האָב געקלונגען, דער וועכ־טער האָט געעפֿענט. וויא איך האָב דערזעהן דעם וועכטער האָב איך אָנגעפֿאַנגען צו קוויטשען און פֿייפֿען מיט מיין גאַנצען כח, וויא מען רופֿט אַ קליינע פּאַפּוגאַי. איך האָב דעם וועכטער דערצעהלט, אַז איך וואוין אין עוועניו מאַרבאָ; אַ פּאַפּוגאַי וועלכען איך האָב געטראָגען איז פֿון מיר פּלוצלונג אַוועקגעפֿליגען. איך געה דאָ איהם זוכען פֿון גאַרטען צו גאַרטען. איך האָב איהם געבעטען אָן ערלויבנים אַריינ־צוגעהן אין הויף און זוכען מיין פֿויגעל.

— אַהאַ! — האָט דער לעהרער אויסגעשריען מיט שטאָלצער צופֿריעדענהייט, דאָס איז אַ ווייבעל, וואָס טויג צום געשעפֿט!

— יאָ וואַר זעהר קלוג; אָבער וואָס וואַר דיא ענדע? — האָט רודאָלף גע־פֿרעגט.

— דער וועכטער האָט מיר ערלויבט אַריינצוגעהן זוכען מיין פֿויגעל און איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דעם גאַרטען און איבער דעם הויף, האָב געהאַלטען פֿער־ריסען מיין קאָפּ, האָב געקוקט אין אַלע זייטען, אויבען און אונטען און האָב געזעהן,

דיא הויז האט זעקס פענסטער אויפ'ן אונטערסטען עטאזש (פלאָר), וועלכע זיינען צוגעמאכט מיט לאָדען. דיא טהירען זיינען בלויז צוגעריגעלט.

— א קוועטש, און דיא טיהר עפענט זיך! — האט דער לעהרער מיט ענטצי־קען אויסגעשריען.

לילית האט פאָרטגעזעצט:

— דיא הויפט־טיהר איז מיט שויבען און זיינען פערהאנגען מיט קוירטענס (פאָרהאנגען). לינקס איז א פארקאן; ווען מען זאל מיט דער גאס־טיהר ניט קענען אריין צו ליעב א סיבה, קען א שטריק גאנץ גוט דיענען איבער דיעזען פארקאן. אריינ־געהענדיג אין הויז —

— וואס! איהר זייט געווען אין הויז? — האט רודאָלף איבערראשט אויסגע־שריען.

— געוויס, בין איך אריין אין הויז. איך האב ניט געפונען מיין פאפוגאי — דאס פערשטעהט איהר דאך — נו האב איך אנגעפאנגען שרייען, ברעכען דיא הענד און רייסען מיינע האאר; איך האב דעם וועכטער געבעטען ער זאל מיר ערלויבען זיצען א ווייל א אויפ'ן שוועל און ווארטען ביז מיר וועט עטוואס לייכטער ווערען. דער גר־טער וועכטער האט מיר אנגעבאָטען א גלאָז וויין מיט וואסער. איך האב איהם העפליך בעדאנקט און געזאָגט, אז וואסער אליין וועט מיר גענוג זיין. דאן האט ער מיך אריינגעפיהרט אין פאָר־צימער. דארט איז אין גאנצען פערדעקט מיט דיוואנען. דאס איז א טובה, מען דארף זיך ניט היטען מיט א טראָט! אויך ווען מיר מוזען ברעכען א פאאר שויבען וועט דיא גלאָז פאלען אהן לארם. אין פאָר־צימער איז רעכטס און לינקס א טהיר וואס שטעהט פריי פאר יעדען צו עפענען. אם ענדע צי־מער איז א טהיר, וועלכע איז פערריגעלט און פערשלאָסען וויא א שפארקאסע; יענע טהיר שמעקט מיט געלד. איך האב געהאט מיין שטיקעל וואקס אין מיין טאשע.

— זיא האט געהאט איהר וואקס אין דער טאשע! יונגער מאן, איהר הערט, מיין טייבעלע געהט ניט פון אָרט, אהן איהר שטיקעל וואקס! — האט דער גראַביאַן געשריען און געקוואלען.

לילית האט פאָרטגעזעצט איהר העלדענ־געשיכטע:

— עס וואר פאר מיר זעהר נייטהיג איך זאל צוגעהן צום טיהר, פון וועלכע דאס געלט האט אזוי געשמעקט. איך האב זיך באלד פערהוסט מיט אזא קייך־הוסט, דאס עס האט מיך געווארפען און געשליידערט פון וואנט צו וואנט. דער וועכטער האט דערהערט מיין הוסט און האט זיך מרחם געווען און איז געגאנגען ברייגנען א שטיקעל צוקער, צו מאכען זיעסע וואסער. מיר שיינט, אז ער איז גע־

גאַנגען נעהמען אַ לעפעל, ווייל אין צימער פון דער רעכטער האַנד האָב איך געהערט אַ קלאַפעריי פון געשיר. דוא הערסט, מיין מאַן, אין צימער פון דער רעכטער האַנד איז געשיר; פערגעס דאס ניט. הוסטענדיג און קייכענדיג האָב איך זיך צוגעשאַרט צום פערשלאָסענעם טהיר מיט מיין וואַקס אין האַנד און האָב אבגעקוועטשט דעם שלאָס. היער איז דיא פאָרמע פון שליסעל וואס איהר דאַרפט האָבען. אויב ניט פאר הייטע, וועט עס נוצען פאר אַ צווייטען מאָל.

זיא האט איהר מאַן איבערגעגעבען אַ שטיקעל וואַקס, אויף וועלכען דיא שלי־סעל־לאָך האט זיך אבגעדריקט.

— איהר, מאָנסיו רודאָלף, קענט אונז זאָגען אויף זיכער אויב דאס איז דיא טיהר צום געלד אבער ניט, — האט לילית מיט נייגעריגקייט געזאגט.

— יאָ, דאס איז דיא טיהר און דאַרט איז דאס געלד, — האט רודאָלף גענעכט־פערט און האט באַלד אין זיך געדענקט, אַז מאָרפּי איז עס געווען דער וועכטער, וואס האט אזוי גוט אויפגענומען דער מכשפה; מאָרפּי איז זיכער, אַז בעפאָר צעהן אוהר וועט איהם קיינער ניט אַטאַקירען און ביז יענער צייט וועט ער פאָרבערייטען אלע מיטלען.

— אבער איך וויים, אַז דאַרט איז נאָך ניט דאס גאַנצע געלט! — האט לילית מיט אַ טריאומפף אויסגעשריען — ווען איך בין צוגאַנגען צום פענסטער און האָב זיך ווייטער געמאַכט אזוי וויא איך זוך מיין פאַפוגאַי, האָב איך אין צווייטען צימער צום לינקען זייט געזעהן גאַנצע זעקליך מיט גאָלדשטיקע. איך האָב עס געזעהן אזוי דייט־ליך, וויא איך זעה דיך, מיין מאַן; אמווייניגסטען אַ דוצענד אזעלכע זעקלעך זיינען דאַרט געווען.

— אָבער וואו איז האָפּי? — האט דער לעהרער פלוצלונג געפרעגט.

— ער ליעגט נאָך אין יענעם געגענד, ניט ווייט פון דעם פלאַץ: האָפּי קען זעהן ביי נאַכט וויא ביי טאָג. קיין אנדער אריינגאַנג צום נומער 17 איז נ׳׳ און ער וועט אונז זאָגען אויב איינער איז אין הויז אָנגעקומען.

— דאס איז גוט —

דער לעהרער האט נאָך דיעזע ווערטער ניט אויסגעשפּראָכען אין גאַנצען און ער האט זיך גאַנץ פלוצלונג געשליידערט אויפ'ן רוהיגען רודאָלף, האט איהם געכאַפּט פאַר'ן גאָרגעל און האט איהם מיט שרעקליכען האַסט אריינגעשליידערט אין אַ קעל־לער, וואס וואַר גראַדע אונטער דעם טיש.

דער איבערפאַל איז געווען אַ וי שנעל, אזוי אונערוואַרטעט, אזוי קרעפטיג, דאס רודאָלף האט עס ניט געקענט ערוואַרטען און האט זיך דערפון ניט געקענט

אויסהיטען. לילית אליין איז איבערראַשט געווארען און האָט ארויסגעזעצט א שרעק־ליכען קוויטש; דען אין ערשטען אויגענבליק האט זיא ניט פערשטאַנען וואס דיעזער איבערפאל בעדייטעד און זיא האט עס אויך ניט ערווארטעט.

רודאַלף׳ס קערפּער איז געפאַלען וויא א שטיין און האט זיך געקייקעלט איבער דיא טרעפּ פון קעלער מיט א גערויש וויא א דאָנער. דער לעהרער, וועלכער האט זעהר גוט געוואוסט אלע סודות פון דיעזען קעלער און פון גאַנצען הויז איז זיך גאַנץ לאַנגזאם אראָפּ אין קעלער דורך אן אנדער ארייננאַנג און האט פּאָרזיכטיג בעטראַכט יעדען שריט וואס ער האט געמאַכט.

— מיין ליעבער מאַן, זיי פּאָרזיכטיג! — האט לילית איהם נאכגעשריען — שטעך איהם! —

דער גראַביאַן איז פערשוואונדען גאר ניט ענטפערנדיג. א קליינע ווײלע איז אלעס געוועזען שטיל; נור אין אייניגע מינוטען ארום האט זיך געהערט דער סקריפּ פון א טיהר אויף איהרע פערראָסטעטע זאוויעסעס, וועלכע האט זיך געעפענט אדער צוגעמאַכט ערגעץ ווייט אין דעם פינסטערען קעלער; דאַן איז אלעס געווארען שטיל. פינסטערניס האט בעדעקט דעם גאַנצען געגענד. לילית האט פון איהר קערבעל ארויסגענומען א ליכט און א צינד־העלץ און האט דער מיט בעלויכטען עטליכע אייטלען ארום איהר פלאַץ.

ביי דיעזען אויגענבליק איז דעם לעהרער׳ס שרעקליכע געזיכט ערשיענען פון קעלער. לילית אליין האט זיך ערשראָקען פאר זיין טייפעלשעס, בייזעס, פלאַקערענדעס און שרעקליכעס געזיכט, מיט אויגען וואס האבען געברענט וויא ביי א ווילדער קאַטץ און האבען עפּעס געזוכט אויף׳ן פינסטערען באָדען מיט אזא בייזער געלאַף הין און צוריק, דאס עס האט געשיינט, אז א פּאאר שלאַנגען צאַפּלען זיך איבער דער ערד.

לילית האט קוים צוזאמענגענומען איהר פּאָלען בעוואוסט־זיין און איהר רוהיגקייט, און מיט א טייפעלשען קול האט זיא צו איהם געזאגט:

— דוא מוזט זיין זעהר שרעקליך, מיין ליעבער געמאַל, דוא האסט מיך אליין ערשראָקען, מיך אליין! —

— שנעל. שנעל צו דער ארבייט. שנעל צו נומער 117! —, האט דער באַנדיט געשריען, וועהרענד ער האט דעם קעלער פערמאַכט און פערהאקט מיט אן אייזען. — אין א שטונדע ארום קען פיעללייכט אלעס זיין צו שפּעט. אויב דאס איז א פאַסטקע, איז עס נאך ניט אנגעשטעלט; אויב עס איז אן אמת׳ע זאך, דאן האבען מיר א שותף ווייניגער.

15טעס קאפיטעל.

דער קעלער.

צוקלאפט און צושלאָגען פון מעכטיגען פאל איז רודאָלף געלעגען אונטער דיא טרעפ פון קעלער און האט ניט געקענט ריהרען מיט א גליעד. דער לעהרער האט איהם געשלעפט איבער דער ערד, האט איהם פערשלעפט אין א צווייטען קעלער, וואס וואר טיעפער און ווייטער פון ערשטען, דיא טיהר פון לעצטען קעלער האט דער מערדער פערשלאָסען און פערהאקט און איז אוועק צו זיין לילית, אום צו בעגעבען זיך צום רייכען הויז, וואו זיי האבען געוואלט דורכפיהרען א רויבעריי און א מארד, אויב עס וועט נור נייטהיג זיין.

אין א שטונדע ארום האט רודאָלף אָנגעפאנגען צו קומען צו זיך, ער איז געלעגען אויסגעשפרייט איבער'ן פוסבאָדען אלעס וואר געדיכט פינסטער, מען האט קיין זאך געקענט זעהן. ער האט נור געפיהלט א קעלט אין דיא פיס און באלד האט ער דערזעהן, אז זיינע פיס ליעגען אין וואסער.

דורך זעהר גרויסער מיהע האט ער זיך ארויפגעשלעפט אויף דעם אונטערשטען טרעפ. ער וואר וויא בערוישט און האט אליין ניט געוואוסט וואו ער איז. נור, נאך א היבשע וויילע האט ער זיין בעוואוסט-זיין געזאמעלט און האט גענומען בעטאפען זיינע גליעדער און זעהן אויב זיי זיינען צובראָכען. גליקליכער-ווייזע האט ער קיין גליעד פערלעצט. ער האט אנגע'שטעלט זיינע אויערען און האט געוואלט עטוואס הערען, אבער אלעס וואר טויב און שטיל, אויסער א פערשטיקטען, פאָרטגעזעצטען בורבעל. אנפאנגס האט ער ניט פערשטאַנען וואס דיעזער בורבעל איז, נור אלס זיינע געדאנקען האבען זיך אויסגעלייטערט האט ער אָנגעפאנגען צו בעגרייפען ווארום מען האט איהם אהער געשליידערט.

ענדליך איז דאס וואסער צוגעקומען צו זיינע פיס אויף דעם טרעפ. דיעזעס האט איהם אין גאנצען אויפגעמינטערט און ער האט זיין פאָלען בעוואוסט-זיין צוריק בעקומען. ער האט זיך געשטעלט אויפ'ן באָדען, זעהן וויא טיעף דאס וואסער איז, און ער איז אריין אין וואסער איבער דיא קניע, און אין דעם שטילען, טויטען און פערשטיקטען קעלער האט זיך אלץ געהערט א גארגלעריי פון א פאלענדע און שטראָמענדע וואסער. ערשט יעצט האט ער פערשטאַנען פון וואנען דאס וואסער קומט! דער טייך האט פערפלייצט דעם גאנצען געגענד און דיעזער קעלער מוז זיין הארט ביי'ן ברעג טייך. רודאָלף האט זיך ערשראָקען פאר דיא געפאהר וואס איהם ערווארטעט. ער איז שנעל ארויפגעלאפען אויף אלע טרעפ, האט ערגרייכט דיא טהיר

און האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע קרעפטען דיא טיהר אויפצורייסען, — אבער אומזאנסט! אלעס וואר פעסט וויא אייזען און שטיין.

אין דיעזער שרעקליכער פערלעגענהייט איז זיין ערשטע שרעק געווען וועגען זיין פריינד מאָרפי.

— אויב מאָרפי איז ניט פאָרבערייט וועט דיא חיה־רעה איהם ערמאָרדען, — האט רודאָלף געטראכט — און נור איך וועל זיין שולדיג אין זיין טויט! — דיעזער שרעקליכער געדאנק האט איהם אויפגערעגט. ער האט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, האט געזאַמעלט אלע זיינע קרעפטען און מיט אן אונאטירליכע אנשטרענגונג האט ער געשפארט דיא טיהר; אבער אלעס גאנץ אומזיסט. האָפענדיג, אז ער קען געפינען אין קעלער א שטיקעל אייזען, וואס זאל איהם העלפען אויפרייסען דעם צור־דעק איז ער ווידער אראפ פון דיא טרעפ. אויף דיא אונטערשטע טרעפ האט ער מיט דיא פיס אנגעטאפט עטליכע ווייכע קערפער. דאס ווארען ראצען, וואס דאס וואסער האט זיי פון זייערע לעכער אויסגעשווינקט. לאנגזאם אונד פארזיכטיג איז ער ארומ־געגאנגען אין דאס וואסער, האט געטאפט און געטראטען, אבער ער האט קיין זאך געפונען. דאס וואסער וואר ביז זיין בויך. מיט גרויסע מיהע האט ער אין דיא פינסטערנעס ווידער אויפגעזוכט דיא טרעפ און האט זיך ווידער פערקליבען צו דיא אויבערשטע טרעפ. ער האט דיא טרעפ איבערגעצעהלט. זיי ווארען דרייצעהן, און דריי פון זיי ווארען שיין אונטער וואסער.

דרייצעהן! אן אונגליקליכע צאהל! — אין געוויסע מאמענטען און אונטער געוויסע אומשטענדען זיינען זאגאר דיא שטארקסטע און קלאָהרסטע מיחות ניט זי־כער פון א פאנאטישע איינבילדונג און אן אבערגלויבישען שרעק. דיא צאהל דריי־צעהן האט רודאָלפ'ן נאך מעהר געשראָקען. מאָרפי'ס שרעקליכער שיקזאל האט איהם נאך מעהר געשראקען.

רודאָלף האט אנגעפאנגען שרייען מיט אלע כחות, האָפענדיג, אז דיא געסט אין שיינק וועלען זיין שטימע דערהערען; דאן האט ער זיך א ווילע צו געהערט. אבער ער האט קיין זאך געהערט, אויסער דעם פערשטיקטען מורמול פון דאס שטראָמענדע וואסער.

אין זיין פערצווייפלונג האט ער זיך געזעצט אויפ'ן העכסטען טרעפ, האט זיך אנגעלעהנט און האט אנגעפאנגען צו וויינען. ער האט געוויינט אויף זיין פריינד מאָר־פי, וואס ליעגט פיעללייכט אן ערשאָסענער, אדער וואס ראנגעלט זיך יעצט אונטער דעם מערדערס מעסער. עס האט איהם יעצט זעהר לייד געטאהן, ווארום ער האט זיך אונטערגענומען אזא געפעהרליכען און שרעקליכען פלאן, ער האט זיך ערא־ינערט

אויף דיא הונדערטע בעווייזע וואס מאַרפי האט איהם געוויעזען פון זיין פריינדשאפט און וויא אזוי דער רייכער און געעהרטער מאַרפי האט איבערגעלאָזען א ליעבע פרוי און א טהייערעס קינד און איז געגאנגען העלפען איהם אין זיין וואלטהעטיגער אונ־טערנעהמונג.

דאס וואסער איז געשטיגען. בלויז פינף טרעפ זיינען נאָך געבליבען טרוקען. שטעהענדיג גלייך האט רודאָלף אנגעטאפט דעם דעק פון קעלער. ער האט לייכט נעקענט אויסרעכענען וויפיעל זיינע טאָדטעס־שמערצען דארפען געדויערען! דער טויט וואס איז איהם ענטגעגען געשטאנען איז געווען א לאנגזעמער, א שטילער און א שרעקליכער. ער האט זיך עראינערט אויף זיין רעוואָלווער. ער האט בעשלאסען צו שיסען צום טהיר, טאָמער וועט דאס איהם עפעס העלפען און האט זיך ניט גע־קימערט פאר דיא ריזיקע טאמער וועט ער זיך אליין פערוואונדען. ער האט גענומען זוכען דעם רעוואלווער, אבער ער האט איהם ניט געפונען.

ווען רודאָלף וואלט ניט געפירכטעט פאר מאַרפי׳ס לעבען וואלט ער זיין איי־גענעם טויט גאנץ רוהיג ערווארטעט. אויב ער האט אין זיין לעבען געטאהן שלעכ־טעס, האט ער אויך פיעל גוטעס נאכדעם געטאהן און איז ענטשלאָסען נור גוטעס צו טאהן. זיין פערדרוס וואר ניט וואס ער וועט שטארבען, נור וואס דיא רשעים, וועלכע ער האט געוואלט בעשטראפען זיינען פון זיינע הענד געדעטעט.

איין נייעס אונגליק איז איהם פלוצלונג בעפאלען. דיא ראטען, וועלכע דאס וואסער האט פון דיא לעבער ארויסגעיאגט זיינען געלאפען פון טרעפ צו טרעפ צו רעטען זיך פון טויט, גלייך וויא זיי וואלטען געהאט דעם זעלבען פערנונפט וואס רו־דאָלף. דיא ראטען האבען ניט געקענט קלעטערען אויף׳ן טהיר אדער אויף דיא פייכטע ווענט, דארום האבען זיך אלע מיאוסקייטען אנגעהאפט אן רודאָלפ׳ס קליי־דער און האבען געקלעטערט איבער זיין געזיכט און אויף זיין קאָפ. זיין [illegible]עקעל, זיינע ליידען און זיינע שמערצען וואס ער האט געפיהלט, ווען דיעזע קאלטע שרצים מיט זייערע נאסע האאר און לאנגע נעגעל האבען איהם בעפאלען, קען יעדער מענש זיך פארשטעלען. ער האט פרובירט אבצורייסען דיעזע שרצים, אבער דיא ראטען הא־בען צוביסען זיינע הענד און האבען איהם צו בלוטיגט. ער האט ווידער אנגעפאנ־גען צו שרייען פון פערצווייפלונג; אבער נור דיא קוויטשערייי פון דיא ראטען און דיא מורמלעריי פון וואסער האבען איהם געענטפערט. נאך איין אויגענבליק און דאס וואסער וואר שוין איבער זיין מויל און דער טויט וואלט איהם געהאלטען אין זיינע שארפע נעגעל.

(Paris, 9.)

דיא לופט אין דעם קליינעם טרוקענעם פלאַץ האט אנגעפאנגען אויסצוגעהן. אָהן לופט האט רודאָלף פערלארען זיין גלייכ־געוויכט, זיין פערשטאַנד האט זיך צר מישט און זיינע גליעדער זיינען באַלד געלעהמט געוואָרען. דאס וואַסער איז שוין אריין אין זיינע אויער'ן. ער איז בערוישט געווארען און האט זיין בעוואוסט־זיין שוין אנ־געפאנגען צו פערליערען. פלוצלינג האבען האסטיגע שריט און א גוואלדיגעס רייסען אין טיהר זיך דערהערט פון צווייטען זייט.

האפענונג האט ווידער געשטארקט זיינע קרעפטען, וואס ווארען באַלד גע־שטאָרבען. ער האט וויא דורך א וואנט געהערט פאָלגענדעווערטער:

— זעהסט דוא ניט, אז ניעמאנד געפינט זיך אין דיעזען קעלער?

— יא, איך מוז עס מודה זיין! — האט געענטפערט א שטימע וויא האלזשניי־דער'ס און דיא טריט און דיא שטימען זיינען פערשוואונדען.

דאס וואָרען דיא לעצטע ווערטער וואס רודאָלף האט געהערט און פער־שטאנען — — — —

אן אונגעוועהנליכע קראפט האט אויפגעריסען דיא טיהר מיט א גוואלדיגען אימפעט. דאָס וואסער, וואס וואר פאָל איבער אַלע טרעפ, האט זיך א שפּארגע־טאהן דורך דער עפענונג און האלזשניידער האט א חאפּ געטאהן רודאָלפ'ס ארמען, וועלכער איז געווען אין א קאָנוואולסע און ער אין אן אונבעוואוסטען צושטאנד.

16טעס קאפּיטעל.

דער קראַנקער.

נערעטעט פון טויט דורך האלזשניידער'ס פעסטע הענד און געבראכט אין הויז נומער 17 וויוו שטראסע ליעגט רודאָלף אין א רייכע בעט אין אן עלעגאנטען צימער. א גרויסער פייער ברענט אין א ווינקעל; א לאָמפּ שטעהט אויף א טישעל און פער־שפּרייט אנגענעהמע שטראהלען איבער דעם גאנצען צימער.

א נעגער פון מיטעלען וואוקס, מיט ווייסע האאר און אויגענברעמען, אין א בלאָען אנצוג זיצט ביי'ן בעט, האלט אין איין האנד א זייגער וואס ווייזט דיא סע־קונדען און מיט דער צווייטער האנד פיהלט ער רודאָלף'ס פולס. דער נעגער איז טרויעריג און פערטיפט. ער טרעט ניט אָפּ פון קראנקען'ס בעט.

האלזשניידער אין טראנטעס און סמאטעס איינגעשמירט מיט בלאָטע און ליים שטעהט צו פוסען און גיט אכטונג אויפען קראנקען. ער אטהעמט וויא א מיעדער אָקס; אבער ער אונטערדריקט זיין אטהעם אויס פורכט, זיין אטהעם־צוג זאל ניט שטערען דיא שטילקייט און דיא רוהע. ער האט אביסעל מורא געהאט פאר'ן שוואר־צען דאָקטאר און האט נאך מעהר נעפירכטעט פאר א שלעכטען בעריכט. אזוי איז

ער געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האט אין דער שטיל אנגעפאנגען צו פהילאָזאָפיהרען און טענה'ן:

— ווען מען זעהט איהם יעצט ליעגענדיג אויסגעצווינגען אהן כח, קען מען גאָר ניט גלויבען, אז ער האט מיך געקענט מכבד זיין מיט אזא טהייערען קלאפּ? וואס דענקט איהר דאָקטאָר, ער וועט באלד ווידער ווערען אזוי שטארק וויא פריהער? אויף מיין ווארט, אז איך וואלט זיך געלאָזט צוברעכען מיין רוקען, ווען איך זאל נור הערען, אז ער איז בעסער. זאגט מיר דאָקטאָר, וויא איז ער יעצט?

דער נעגער האט א מאך געטאָהן מיט'ן האנד און חאלזשניידער האט פער-מאכט זיין מויל.

— דיא מעדיצין! — האט דער דאָקטאָר געזאגט.

האלזשניידער, וועלכער האט אויס עהרע-פורכט געלאזט זיינע הילצערנע שיך מיט דיא אייזערנע נעגעל הינטער'ן טיהר, איז אויף דיא שפּיץ-פינגער געגאנגען צום טישעל מיט דיא מעדיצין; ער האט געמאכט אזעלכע שפרייזען און האט אזוי לאנג אויסגעצווינגען זיינע הענד און האט זיך אזוי מאדנע פעררעהט, דאס אַן אנדערש מאל וואלט אזא אויסזעהן פעראורזאכט דעם גרעסטען געלעכטער. דער ארימער מענש האט זיך אנגעשטרענגט צו זאמלען אלע זיינע כחות נור אין דעם טהייל פון קערפּער וואס קען ניט בעריהרען דעם באָדען; ער האט זיך אלץ בעמיהט קיין קלענסטען קלאפּ צו מאכען; אבער טראָץ זיין פאָרזיכטיגקייט און דעם דיקען ווייכען קארפּעט האט דער צימער געציטערט אונטער זיינע פיס. צום אונגליק האט ער זיך אזוי אנ-געשטרענגט צו האלטען זיך וויא א מענש און דערוויל האט ער געהאלטען דיא העלזעל פון פלעשעל אזוי פעסט אין האנד אום צו זיין זיכער, אז דיא מעדיצין וועט פון זיין האנד ניט ארויספאלען, דאס ער האט צוקוועטשט דיא העלזעל אין זיינע פינגער און דיא פלעשעל מיט'ן טהייער'ן מעדיצין איז געפאלען און האט זיך אויסגעגאָסען.

דיעזער אונגליק האט געלייזט דעם עהרליכען פערגרעבטען האלזשניידער. ער איז געבליעבען מיט איין פוס אין דער לופטען מיט דיא הענד ארונטער געלאָזען נאך דעם פלעשעל און דיא אויגען זיינען ארומגעלאפען איבער'ן צימער, צום דאָקטאר, צום קראנקען און צום ארט, וואו דיא מעדיצין איז אויסגעגאָסען.

— לייטענער גולם! — האט דער נעגער אויס אויפרעגונג געשריען.

— א פערדאמטער אייזעל, דאס בין איך! — האט האלזשניידער מיט שמערץ געענטפערט.

— אָה! — האט דער שווארצער דאָקטאר מיט פריידע אויסגערופען נאכדעם

וויא ער האָט געוואָרפען זיינע בליקען צום טישעל — צים גליק האָסט דוא גענומען ניט דיא ריכטיגע פלעשעל. איך וויל אָט יענע רויטהע! —

— יענע רויטהע? — האט האלזשניידער מיט א פערשטיקטען קול געפרעגט.

— געוויס! דארט איז דאך נור איין פלעשעל.

האלזשניידער האט זיך אויסגעדרעהט אויף דיא פיאטעס, ווי א סאלדאט פאר א קעניג און האט אָנגעפאנגען צו שפרייזען איבער דאס גלאז מיט זיינע באָרפוסע פיס. אן אנדערער וואלט זיך זיכער פערבלוטיגט און צושניטען ביז'ן ביין. נור האלזשניידער האט געהאט פון דער נאטור א פאאר דיקע אייזערנע ברעטער אונטער זיינע פיס.

— פארזיכטיג, איהר וועט זיך צושניידען! — האט דער דאקטאר איהם געוואהרענט.

האלזשניידער האט זיך ניט געקימערט וועגען דיעזע עצה. ער האט געוואלט ווייזען, אז ער טויג אויך צו עפעס, און ער האט ווירקליך געוואלט ברענגען דיא מעדיצין גאנץ צום דאָקטאָר. מען קען זיך פאָרשטעלען, וויא ער האט זיך אנגעשטרענגט און וויא ער האט אויסגעשטרעקט זיינע לאנגע פינגער און האט אנגענומען דאס פלעשעל אזוי לייכט, אזוי פארזיכטיג, דאס קוים וואס ער האט זיא געריהרט פון ארט. א פלינק איז ניט צוקוועטשט געווארען אונטער זיינע פיס, אזוי לייכט איז ער נעגאנגען אויף דיא שפיץ־פינגער. דער שווארצער דאָקטאָר האט געציטערט האלז־שנייד'ס פארזיכטיגקייט זאל דיא וויכטיגסטע מעדיצין ניט איבערפיהרען; גליקליבער ווייזע האט האלזשניידער זיין שווערע ארבייט געמאכט אָהן א סבה. ווען ער איז שוין געשטאנען בייא'ן בעט האט ער אונטער זיינע פיס ווידער צוקוועטשט א שטיקעל גלאָז.

— לייםענער גלם! — האט דער דאָקטאָר צו איהם געשעפטשעט — ווילסט דוא זיך מאכען פאר א קאליקע? —

האלזשניידער האט איהם אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— מאכען זיך פאר א קאליקע? — האט ער געפרעגט.

— יא, דאס איז שוין א צווייטער מאָל וויא דוא טרעטסט אויף גלאָז מיט באָרפוסע פיס.

— אָה, וועגען דעם דארפט איהר זיך ניט שרעקען. איך האב נאטירלבע שיך, וואָס זיינען צווייא מאל אזוי הארט וויא הילצערנע.

— א קליין לעפעלע, — האט איהם דער דאקטאָר בעפוילען.

האלזשניידער האט צוזאמענגענומען זיין גאנצען קראפט אין איין ארט און

איז ווידער געוואָרען א לעבערליכע קאַריקאַטורע ביז ער האט געבראַכט דאס לעפּעלע.

דער דאָקטאָר האָט דעם חולה אריינגעגעבען איינינע לעפעלעך און רודאָלף האט גענומען ריהרען מיט דיא הענד.

— גוט, זעהר גוט, ער קומט צו זיך,— האט דער דאָקטאָר צו זיך געזאָגט— ער איז יעצט ארויס פון געפאַהר.

— גערעטעט! בראַוואָ! דאס קענט איהר דאָקטוירים!— האט האַלזשנידער אויסגעבראַכען פון פריידע.

— האַלט דיין מויל און זיי שטיל!— האט דער נעגער איהם בעפוילען.

— איך געהאָרכע, מאָנסיו דאָקטאָר!

— זיין פּולס רעגולירט זיך. אויסגעצייכענט, אויסגעצייכענט, אויסגעצייכענט!— האט דער דאָקטאָר צו זיך גערעדט.

— אָה, מאָנסיו דאָקטאָר, ווען יענער פריינד וואָלט דאס פון אייך געהערט, דאָנער וועטער, וויא וואָלט ער זיך געפרעהט!— האט האַלזשניידער ווידער גע־רעדט.

— שטיל!—

— איך געהארכע, מאָנסיו דאָקטאָר.

— ווארום שטעהסט דוא, זעץ דיך.

— אבער מאָנסיו דאָקטאָר—

— איך זאָג דאָך זעץ דיך! דוא שטערסט מיך. דוא דרעהסט זיך ארום מיר און צוטומעלסט מיינע געדאַנקען. זעץ דיך און זיי שטיל.

— מאָנסיו דאָקטאָר, איך בין יעצט שמוציג וויא א שטיקעל האָלץ, וואס איז ערשט ארויסגעשלעפּט פון קאַנאַל. איך וועל פערדאַרבען דיא מעבעל.

— דאַן זעץ דיך אויפ'ן באָדען!

— איך וועל איינשמוצען דעם דיוואַן.

— טוה, וואס דיר געפעהלט, אבער אום הימעלס ווילען, זיי דאָך שטיל!— האט דער דאָקטאָר פון אונגעדולד געזאָגט און האט זיך דאַן אָנגעלעהנט אויף זיין שטוהל און האט גענומען טראַכטען.

האַלזשניידער האט א ווייל געטראַכט וואס צו טאָהן. דאַן האט ער בע־שלאָסען צו פאָלגען דעם גוטען דאָקטאָר און זעצען זיך אין א ווינקעל. ער האט גע־נומען א שטוהל און גאַנץ פאָרזיכטיג און שטיל וויא א מויז האט ער איהם איבער־געקעהרט מיט דיא פיס ארויף, דעם זיץ־פּלאַץ אויפ'ן קאַרפעט; דאַן האט ער גע־

מאכט פערשיעדענע קאָמישע בעוועגונגע ביז ער האט זיך געזעצט מיט א יין האַל־בען טהייל פון קערפּער אויף א ווינקעל פון שטוהל. ער וואר זעהר צופריעדען פון זיין ערפינדונג צו געהארכען דעם דאָקטאָר און ניט איינצושמירען דעם שטוהל אדער דעם דיוואן. אונגליקליכער ווייזע האט ער ניט געוואוסט אלע דינים פון גלייכגע־וויכט, דער שטוהל האט זיך איבערגעקעהרט און ער איז געפאלען מיט'ן גאנצען קער־פער און האט אומגעוואָרפען א טישעל מיט א גאנצען טהעע־סערוויר.

דער קראך האט פערטומעלט דאָס הויז, דער דאָקטאָר איז אויפגעשפּרונגען מיט שרעק; דער קלאַפּ האט אויפגעריסען דעם קראנקען פון זיין שווערען שלאָף; רודאָלף האט זיך האסטיג א חאפּ געטאהן, האט זיך אנגעלעהנט אויף זיינע עלענבויגען און האט אויסגעשריען:

— מאָרפי! וואו איז מאָרפי!

— אייער קעניגליכע האָהייט קען זיין גאנץ רוהיג,—האט דער נענער מיט עהרע־פורכט געזאָגט—איך האָב אלע האָפנונגען, אז מאָרפי וועט געזונד זיין.

— איז ער פערוואונדעט?—האט רודאָלף געשריען.

— צו מיין בעדויערען מוז איך עס אייך ענטדעקען.

— וואו איז ער? איך וויל איהם זעהן!—האט ער געשריען און האט געוואלט אויפשטעהן פון בעט; אָבער ער איז באלד צוריק־געפאלען פון דיא וועהטאָגען אין זיינע אדערן.

— טראָגט מיך צו מארפי! גלייך נעהמט מיך צו איהם, איך מוז איהם זעהן!—האט רודאָלף געשריען.

— קעניגליכע האָהייט, מאָרפי שלאָפט; עס וועט זיין געפעהרליך איהם אויפ־צו־וועקען און איבערראשען אדער אויפרעגען.

— אָה, איהר נארט מיך! מאָרפי איז טויט! מען האט איהם ערמאָרדעט! און איך—איך בין דיא אורזאכע!—האט רודאָלף געשריען און געוויינט וויא א קינד.

— אייער האָהייט וויים אז איך בין ניט אימשטאנדע צו זאָגען ליגנען. איך פער־זיכער אייך אויף מיין עהרענוואָרט, אז מאָרפי לעבט. אמת ער איז זעהר שטארק פערוואונדעט, אבער איך בין זיכער, אז ער וועט געזונד זיין.

איהר זאגט עס נור, אום מיך פּאָרצובערייטען פאר אן ערגערע בשורה: איך בין זיכער, אז ער איז אין א געפאהר.

— אייער האָהייט....

— ניין, ניין איך בין עס זיכער! איהר ווילט מיך נארען. איך מוז איהם

זאפּאַרט זעהן. טראַגט מיך צו איהם. דער בליק פון א פריינד איז אימער אן אנגענעהמע בעגריסונג.

— נאך איין מאל, קעניגליכע האָהייט. נור אין פאַל ווען עטוואס אונגעוועהנליכעס זאל טרעפען; אבער אויפ׳ן געווענליכען וועג מוז מאָרפי אין א קורצער צייט ווערען געזונד.

— איז דאס א ווארהייט, מיין טהייערער דוד?

— ביי מיין עהרע, קעניגליכע האָהייט.

— דאן הערט מיך אויס! איהר ווייסט וויא טהייער איך שעץ אייך. פון דער צייט וואס איהר זייט געווארען מיין פאַמיליען דאָקטאָר האב איך אייך געשאָנקען מיין פאָלען צוטרויען, ניעמאלס האב איך געצווייפעלט אין אייער פעהיגקייט; איך פרעג אייך אויב איהר האט נייטהיג א קאָנסולים—

— איך האב דעריבער דיא גאנצע צייט געדענקט. איך וואר אבער פאָרזיכטיג ניט צו ברענגען פרעמדע מענשען אין דיעזען פלאץ איידער איך וויס, אז אייער געכטינער בעפעהל—

— אבער וויא זא האָט עס אלעס פּאַסירט? — האט רודאָלף געפרעגט איבערשלאָגענדיג דעם נענער — ווער האט מיך ארויסגעשלעפּט פון קעלער פון דאס וואַסער, וואו איך בין באלד דערטרונקען געוואָרען? עפּעס דוכט זיך מיר, אז איך האב געהערט האַלזשניידער׳ס שטימע. האט עס מיר נור געשיינט?

— ניין, ניין. דיעזער בראַווער מאן קען אייך מיטטהיילען פון אלעס, דער ער אליין האט עס אלעס אויפגעטאהן.

— אבער וואו איז ער? וואו איז ער?

דער דאָקטאָר האט גענומען זוכען מיט דיא אויגען דעם ווילדען מענשען וואס האט איהם געהאָלפען קורירען דעם קראַנקען. האַלזשניידער איז פערשעמט און ערשראָקען געוואָרען פון זיין פאַל, דארום האט ער זיך פעררוקט אין א ווינקעל.

— אָט איז ער! — האט דער דאָקטאָר געזאָגט — דער רעטער שעהמט זיך צו ווייזען זיין געזיכט.

— קום נור אהער, מיין בראַוור קאָמראַד! — האט רודאָלף געזאגט אויסשטרעקענדיג זיין האנד צו זיין רעטער.

האַלזשניידער׳ס פערלעגענהייט איז נאָך גרעסער געוואָרען, ווען ער האט געהערט וויא דער דאָקטאָר רופט זיין „קאמעראד" מיט׳ן טיטעל „קעניגליכע האהייט".

— קום נור אהער און גיב מיר דיין האנד! — האט רודאָלף ווידער געזאָגט.

— זייט מיר מוחל מאָנסיו... ניין, מיין לאָרד... קעניגליכע האָהייט... אָדער—

— רוף מיך קאמראד רודאָלף, וויא ביז יעצט, דיעזער טיטעל איז מיר ליעבער פון אלע אנדערע.

— מיך ארט אויך ניט ווער איהר זייט, נור זייט אזוי פריינדליך און זייט מיר מוחל; איך האב אזוי שווער געארבייט, דאס —

— איך זאג דיר קום אהער און גיב מיר דיין האנד.

האלזשניידער איז בעהערשט געוואָרען פון רודאָלף׳ס צודרינגליכקייט און האט איהם גערייכט זיין גראָבע און האָריגע האנד. רודאָלף האט זיא אנגעחאפט מיטביידע הענד.

— זעץ דיך אָן ערצעהל מיר אלעס וואס האָט פאסירט. וויא אזוי האסט דוא ענטדעקט דעם קעלער? איך רעכען, אז דער לעהרער — —

— ער איז דאָ ביי אונז גאנץ פעסט, — האט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— זיי זיינען דאָ ביידע צוזאמען געבונדען וויא צוויי גארבען — ער און זיין מכשפה. איך שטעל זיך פאָר וויא בייז און ווילד ביידע זיינען ווען זיי קוקען זיך אָן אין דיא פנימ׳ער.

— און מיין ארמער מאָרפי! איך דענק אלץ פון זיך אליין! וויא איז ער פער־וואונדעט, דוד?

— אין רעכטען זייט, נור גליקליכער ווייזע נור ביי דיא אונטערסטע ניערען.

— אָה, איך מוז האבען א שרעקליכע ראכע! דוד איך פערלאָז מיך אויף אייך!

— מיין העררשער וויים, אז איך בין איהם איבערגעבען מיט לייב און לעבען, — האט דער שווארצער דאָקטאָר געענטפערט.

— אבער וויא אזוי ביזט דוא אהער בעצייטענס געקומען, מיין בראוועד קאמ־ראד? — האט רודאלף האלזשניידער׳ן געפרעגט.

— אויב איהר ווינשט, מיין לאָר... ניין מאָנסיו... האָהייט... רודאָלף. איך וועל אנפאנגען פון אנפאנג.

— איהר האט רעכט; איך וועל אלעס הערען, אבער געדענקט מיך צו רופען מאָנסיו רודאָלף.

— זעהר רעכט. איהר געדענקט, אז נעכטען, ווען איהר זייט געקומען פון פראָ־ווינץ (קאָנטרי) האט איהר מיר געזאָגט, וואו איהר זייט געוועזן מיט אונזער נאכטי־גאל און איהר האט מיר אויך געהייסען אויפזוכען דעם לעהרער און זאגען איהם, אז איך וויים פון א גרויסארטיגען געשעפטעל, נור אז איך וויל ניט זיין אין דער ארבייט

און אויב ער וויל האבען א חלק, זאל ער צוגעהן צום „בלומען־קארב”, וואו ער וועט טרעפען דעם מאן, וואס וויים פון דעם גאנצען געשעפט.

— נו וואס איז נאכדעם געשעהן?

— אוועקגעהענדיג פון אייך האב איך זיך געלאזט צום שטאדט. איך בין געקומען צום „ווייסען קראט”, דארט וואר קיין שפור פון לעהרער. איך האב זיך געלאזט געהן איבער פערשיעדענע גאסען, וואו ער פערקעהרט ביז איך האב דעם טייפעל מיט זיין מכשפה דערזעהן ביי נאטער־דאם אין א קראם, וואו דער אייגענטהימער איז א קצב, א הענדלער מיט אלטע קליידער, א דיאמאנטען שלייפער און א גנב. זיי האבען געוואלט אויסבייטען דאס געלד, וואס זיי האבען גערויבט ביי'ן מאן, וואס האט אויף אייך געפרעגט, זיי האבען געקויפט אלעס, וואס זיי איז געקומען צום האנד. איך האב דעם לעהרער אבגעזאגט מיין ערצעהלונג און ער האט געענטפערט, אז ער וועט געהן צום פלאץ מיט אייך אליין צו שפרעכען. גוט! דיעזען פריהמארגען, נאך אייער פריהעריגען פערלאנג בין איך אהער געקומען ברענגען אייך דעם אנטווארט. איהר האט צו מיר געזאגט: „קאמראד, קום אהער מארגען בעפאר זאנענאויפגאנג, דוא מוזט פערברענגען דעם טאג אין מיין הויז און אין אבענד וועסט דוא זעהן עטוואס וואס איז ווערטה צו זעהן”. איהר האט מיר מעהר ניט געוואלט זאגען; אבער דאנער וועטער, איך האב פערשטאנען וואס דאס הייסט און איך האב צו זיך געזאגט: „דאס איז א פאסטקע צו חאפען דעם לעהרער; ער איז אבער א דורכגעטריבענער באנדיט, ער האט ערמארדעט דעם פיה־הענדלער און מען זאגט, אז נאך איינינע מענשען זיינען פון זיין האנד געפאלען. איך בין געווען פארזיכטיג אויף אלעס.

— עס וואר פון מיר א פערזעהן, וואס איך האב דיר ניט אלעס ענטדעקט, מיין ליעבער קאמראד. וואלסט דוא אלעס פון מיר געוואוסט, וואלט דיעזע שרעקליכע קאטאסטראפע פיללייכט ניט געשעהן.

— דאס האט איהר בעדארפט פריהער בערעכענען, מאנסיו רודאלף; מיין איינציגער וואונש איז געווען אייך צו דיענען, וייל — איך וויים אליין ניט וואַרום; נור וויא איך האב אייך שוין אמאל געזאגט, איך פיהל גלייך וויא איך וואלט געווען אייער יאגד־הונד; אבער דאס איז פוסטע זאכען. איך האב נור צו זיך געזאגט: „מאנסיו רודאלף צאהלט מיר פאר מיין צייט, דארום בעלאנגט מיין צייט צו איהם און איך וועל מיין צייט פאר איהם בענוצען”. איך האב געטראכט און האב זיך בערעכענט: דער לעהרער איז פארזיכטיג און חיטרע, ער קען מורא האבען פאר אן אבגעמאכטען קונץ. מאנסיו רודאלף וועט איהם פארשלאגען, דיא ארביים פיר

מאָרגען, דאס איז אמת. אבער דער טייפעל קען קומען אהער נאך הייטע און אויס־קוקען דעם פּלאַץ און אויב ער גלויבט ניט אייער עהרליכקייט, וועט ער איינלאַדען זיינע חברה און וועט הייטע אבענד בעפּאַלען דיעזעס הויז און וועט מאכען דיא אר־בייט אויף אייגענעם רעכענונג. אום דיעזעס צו צושטערען, האב איך צו זיך אליין געזאגט: איך מוז געהן און בעהאלטען זיך אין אזא אָרט, פון וואנען איך זאל קענען היטען דעם פּארקען און דעם אריינגאנג אין גארטען. אויב איך וועל געפינען א פער־דעקטען ווינקעל וואו צו שיצען זיך פון רעגען, וועל איך אויף מיין פּלאַץ פערבלייבען דיא גאנצע צייט, ביז מאָרגען פריה, ווען איך וועל קענען צו אייך קומען און זאָגען: „אָט בין איך".

— זאָ בין איך צוריקגעקומען צו דיעזען אָרט; נור ווען איך בין געגאנגען א ביסעל בעטראַכטען דעם געגענד. אָה, טייפעל, וואס האב איך געזעהן, א קליינער שיינקעל איז פּונקט ניט ווייט פון אייער הויז. איך בין אריין, האב זיך געזעצט ביי׳ן פענסטער, פון וואנען איך האב געקענט היטען דעם אריינגאנג צום נומער 17. איך האב געבעטען אביסעל שנאַפּס און א זעקעלע מיט ניס און האב געזאָגט, אז איך מוז ערווארטען צוויי פריינדע. איך בין געזעסען און געזעסען, ביז עס האט אנגע־פאנגען צו ווערען פינסטער.

— אבער ווארום ביזט דוא, פריינד ניט אריין אין מיין הויז? — האט איהם רודאָלף געפרעגט.

— איהר האט מיר געהייסען קומען מאָרגען, מאָנסיו רודאָלף. איך האב ניט געוואָלט צו קומען פריהער. איך האב געקוקט און געקוקט און בין גאר ניט מיעד געוואָרען. ענדליך, זעה איך, וויא דיא בלינדע מכשפה טרייבט זיך ארום מיט קר־לאַק׳ס קליינעם גנב, מיט האָפּי.

— קאַליקער! — האב איך געזאגט צו זיך אליין — דער טעפּעלע קאָכט זיך.

— דער קליינער זשוליק האט זיך אונטערגערוקט אונטער אייערע לאָדען, גלייך וויא ער וואלט זיך בעהאַלטען פון רעגען. דיא מכשפה האט אראָפּגענומען איהרע צירונג און האט גענומען ציהען דיא גלאָק. אייער אלטער פריינד, דער ארמער מאָרפי געהט ארויס און נעהמט אריין דיא מכשפה, און זאָל איך פערהאַפּט ווערען, אויב זיא איז ניט אויסגעגאנגען דעם גאנצען גארטען אין דער לענג און אין דער ברייט. איך האב זיך אליין געוואלט צורייסען אין שטיקער, ווארום איך קען ניט הערען איהרע ליגענס. ענדליך שלעפּט זיא זיך ארויס, טוהט צוריק אן איהרע זא־בען, זאגט האָפּי׳ן א ווארט, ער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און בעהאלט זיך ווידער אין זיין ארט. איך האב צו זיך געזאגט:

— האַלט אָפּ דיינע פערד, לויף ניט אזוי שנעל. האָפּי איז געקומען מיט דער לילית, דאס בעווייזט, אז דער לעהרער און מאָנסיו רודאָלף זיינען אין קולאקס העלע. לילית איז געקומען בעטראַכטען דעם פּלאַץ און זיי זיינען ענטשלאָסען צו מאַכען דיא ארבייט נור הייטע אַבענד. אויב זיי קומען עס בענעהמען הייטע אבענד, וועט דאך מיין פריינד רודאָלף, וואָס האט עס גערעכענט אויף מאָרגען בלייבען אין ראָסעל? נו האט מען מיין פריינד פערנארט מוז איך דאך געהן צו קולאַק'ן און זעהן וואס דארט טהוט זיך. יאַ, דאס איז א פּלאַן; אבער וואס טהו איך אויב דער לעהרער קומט גלייך אַהער? דאס מוז מען בערעכענען. שאַ, דאס בעסטע איז גאר צו געהן אין הויז און אָנזאָגען דעם אַלטען מאָרפּי פון מיינע מיינונגען. דאס איז א גוטע עצה, אָבער דער קליינער שד האָפּי שטעהט וויא א הינטעל ביי'ן טהיר; ער וועט מיך זעהן אריינגעהן אין הויז און ער וועט עס דער לילית גלייך דערצעהלען. דאן בלייבען מיר דאך אַלע אין דער ערד, ווייל עס קען דאך זיין, אז מאָנסיו רודאָלף האט זיך איבערלייגט און האט אָנגעצויגען דיא סטרונע אויף הייגטיגען אבענד.

אזוי פיעל דענקען און איבערלייגונגען האבען אין גאַנצען אויפגעריסען מיין מח. עס וואר פאר מיר דער גרעסטער טומעל און מעהר וויא רויך האב איך ניט געקענט זעהן. איך האב ניט געוואוסט וואס צו טהאָן און האב צו זיך געזאָגט:

— איך וועל ארויס אין גאס, דיא פרישע לופט וועט מיך פיעללייכט ערפריי־שען.

איך האב אראָפּגענומען מיין ראָק און מיין העמד און בין צוגעגאנגען צום ארט, וואו האָפּי האט זיך בעהאלטען. איך האב איהם א חאַפּגעטהאָן פאר'ן קארק, ער האט זאָגאר ניט א פּיפּס געטהאָן, האב איהם איינגעוויקעלט אין מיין העמד, וויא אין א זאק, האב פערבונדען פון אויבען מיט דיא אָרבעל און האב איהם ארומגעוויקעלט מיט מיין גארטעל. ער האט ניט געקענט אַטהמען. איך האב גענומען דעם פעקעל אונטער מיין ארם און בין אוועק, האב אויפגעזוכט א ניעדעריגען אָרט אין פּאַרקען און האב אריינגעשליידערט דעם הינטעל אין א בערגעל קרייט. ער האט געקוויטשעט וויא אן אָבגעבריהטער שווין; אבער זיין קול האט מען ניט געקענט הערען ווייטער פון זיין נאָז. איך האב זיך געלאָזט געהן מיט דיא גרעסטע שריט. איך האב אויסגעקליבען א בוים גענענאיבער אייער הויז און בין אויף איהם ארויף. אין צעהן מינוטען ארום האב איך דערהערט שריט. איך האב זיך ארומגעקוקט, אלעס וואר פינסטער און אונמעגליך צו זעהן. איך האב זיך צוגעהערט וואס מען רעדט, איך האב דערהערט לילית שטימע.

— האָפּי, האָפּי! — האט זיא גערופען אין א ניעדעריגען קול.

— עס רעגענד און דער הינטעל איז מיעד געוואָרען היטענדיג! — האט דער לעהרער געזאגט און האט ארויסגעלאָזען א מיאוסע קללה — איך וועל אבער פון איהם אראפּשינדען דיא הויט!

— אָבער מיין מאַן, טאָמער איז ער געלאָפען מעלדען אונז פון עפּעס וויכטי־געס? טאָמער האט ער ערפאהרען, אז מען וויל אונז דא חאפּען? — האט דיא מכשפה געענטפערט.

— אַך, וואָס פּלוידערסט דוא. דער יאָלד האט ניט גערעכענט, אז מיר וועלען קומען בעפאָר צעהן; יעצט איז נור זיעבען. — דוא האָסט געזעהן דיא קלינגערס? א סך? נו, זאָלסט דוא וויסען, ווען מען שטעלט ניט איין, נעהמט מען ניט אויס! — האט דער לעהרער געענטפערט און ביידע האבען זיך גענומען צו דער „בעריישער לאַפּע,“ צום „גרעבער“ און צום „זעצער“ און דיא וואנט האט פאר זיי געציטערט.

— וואו האבען זיי גענומען דיא געצייג? — האט רודאָלף געפרעגט.

— קולאק האט עס זיי געשאפט. ער האלט א הויז פאר אזעלכע זאכען! אָבער אין איין אויגענבליק האט זיך דיא טהיר פאר זיי געעפענט.

— שטעה דא, — האט דער לעהרער צו זיין לילית געזאגט — האלט אָפען דיין אויג און ווען דוא זעהסט איינעם קומענדיג פאנג אָן צו שרייען.

— נעהם אָבער דיין „שטעכער“ אין האנד, ליעבער מאַן, אום דוא זאָלסט איהם ניט דארפען זוכען, ווען דוא וועסט איהם דארפען, — האט דיא אלטע מכשפה געזאגט.

דער לעהרער איז אריין אין גארטען. — וויא איך האב דאס דערלעבט, דאָנער וועטער. איך בין אראָפּגעשפרונגען פון בוים און בין ארויפגעפאלען אויף דער מכשפה. איך האב זיא פערשטומט מיט צוויי טהייערע קלעפּ פון מיין קולאק. אָה, דאָנער וועטער, עס וואָרען שעהנע, טהייערע קלעפּ! און זיא איז געפאלען צו דער ערד שטיל וויא א קעצעלע. איך בין געלאָפען אין גאָרטען, אָבער דאָנער וועטער, עס וואר צו שפּעט —

— ארמער מאָרפי!

ער האט זיך געראַנגעלט מיט'ן לעהרער אויפ'ן שוועל; אָבוואהל ער וואר פערוואונדעט האט ער דאך געהאַלטען דעם באַנדיט וויא א חוואט. אָה, ער איז א העלד! ער איז וויא א גוטער הונד, ער בייסט אין ביין און האט פיינד צו בילען. איך בין געלאָפען צו זיין הילף, טרעף אָדער פעהל, מען מוז ארבייטען. איך האב גע־האפּט דעם לעהרער פאר א פוס — עס וואר דער איינציגער פלאַץ וואס איך האב געקענט צוקומען.

— וואס מעהר איז בעסער, דאס בין איך האלזשניידער. לאָזט מיך אויך צו מאָרפי! — האב איך געשריען.

— אָה, גראָביאַן פון וואַנען נעהמסט דוא זיך! — האט דער לעהרער געשריען און איז געפאַלען אויפ'ן רוקען.

— וואס געהט עס דיך אַן, לומפּ! — האב איך געענטפערט און האב געחאַפּט זיין פוס צווישען מיינע קניע און זיין רעכטען אָרם אין מיינעביידע הענד. אין דיעזער האנד האט ער געהאַלטען זיין „שטעכער“ — זיין ליעבען מעסער.

— און וואו איז מאָנסיו רודאָלף? — האט מאָרפי געפרעגט וועהרענד ער האט מיר געהאָלפען ארבייטען.

— בראַווער, טהייערער מאַן! — האט רודאָלף געמורמעלט.

— איך ווייס פון איהם ניט, — האב איך געענטפערט — דיעזער באַנדיט האט איהם פיעלליכט געטוידט.

און דאַן האב איך מיט דאָפּעלטע כחות צוגעדריקט דעם לעהרער, וועלכער האט געוואָלט מיך מכבד זיין מיט א שטאָך. מיט מיין ברוסט האב איך צוגעדריקט זיין אָרם און מיט דיא הענד האב איך געהאַלטען זיין רעכטע האַנד, און זאָ האט ער מיך בלויז געקענט שלאָגען מיט'ן לינקען קולאַק, אָבער ניט מעהר.

— זייט איהר גאַנץ אַליין? — האב איך געזאָגט צו מאָרפי וועהרענד מיר ביידע זיינען געלעגען איינגעדרעהט אין לעהרערס פיס און האבען איהם געהאַלטען וויא מיט צוואַנגען.

— ניט ווייט פון דאַנען זיינען דא לייטע; אבער זיי וועלען ניט הערען, ווען איך זאָל זאָגאַר זעהר שטאַרק שרייען. נור, לאָמיר שרייען נאך הילפע! זאָלאַנג מיר האבען איהם דא מוזען מיר איהם דא האַלטען, — האט ער געענטפערט — נור ליידער ווער איך אַלץ שוואַכער, איך בין פערוואונדעט.

— דאָנער וועטער, דאַן לויפט און זוכט א דאָקטאָר, אויב איהר האט נאָך כח צו לויפען; איך וועל מיך פּרובירען איהם אַליין צו האַלטען.

— מאָרפי האט אָפּגעלאָזען דעם לעהרער און איך בין אַליין געבליעבען אין דער ארבייט. טייפעל אונד העלע! איך האב ניט ליעב צו לויבען זיך אַליין; אבער איך האב געהאַט אייניגע מינוטען, ווען איך האב גערעכענט, אז זיי זיינען גאר ניט אזוי אנגענעהם. מיר זיינען געלעגען האלב אויפ'ן באָדען און האלב אויפ'ן שוועל. איך האב געהאַלטען מיין האנד ארום דעם לומפּ'ס האלז, און ער האט געטראַסקעט, וויא מיט א האַמער. זאל איך פערחאַפּט ווערען אויב איך האב ניט געהערט וויא זיינע

צעהנער קריצען. עס וואר פינסטער און עס האט גערעגענט עמער־ווייז. דער לאָמפּ איז אויסגעאַנגען. איך האב געהאלטען זיינע א פוס צווישען מיינעביידע; אבער דאך טייפעל, ער וואר אזוי שטארק אין דיא לענדען, דאס מיט איין שלעפּ האבען מיר זיך ביידע אראָפּגעשלעפּט צום באדען. ער האט מיך געוואָלט בייסען, אָבער ער האט ניט געקענט, איך האב נאך קיין מאל ניט געפיהלט אזא כח וויא הייטע. פּלוצלינג אהא, מיין הארץ האט אנגעפאנגען צו קלאַפּען, אָבער דאס וואר אין רעכטען זייט.

— לאָז מיך אָפּ, איך וועל רוהיג אוועקגעהן! — האט דער באנדיט צו מיר געקווייטשעט מיט אן ערשעפּטען קול.

— אָה, דוא גוסס'עסט, — האב איך צו איהם געזאָגט — יעצט שטעלט עס זיך ארויס, דיין מזל איז נור דיין כח! דוא וואָלסט ניט בעפאלען דעם פיה־הענדלער און דוא וואָלסט איהם ניט אָבגעראַמט, ווען ער וואָלט געווען אזוי שטארק וויא איך — עה?

— אָבער איך וועל דיך בייקומען אזוי וויא איהם, — האט ער געענטפערט.

ביי דיעזע ווערטער האט ער מיר געגעבען אזא שטארקען שטויס מיט זיין קערפּער און האט א טרייסעל געטהאן מיט זיינע אייזערנע פיס, דאס איך האב זיך גלייך איבערגעקעהרט. ווען איך וואלט זיך ניט איינגעקעהרט און מיט בעזאָנדערע קרעפטען איינגעהאלטען זיין האנד מיט'ן „שטעכער", וואָלט איך יעצט שוין געלעגען א מת. אין דערזעלבער צייט האט ער זיך אויך איינגעקעהרט און האט זיך אויף מיר א חאפּ געטהאן. אלעס איז שוין באלד געווען פערלאָרען. איך האב צו זיך אליין געזאגט: „איך בין פערלאָרען, ער איז פון אויבען, ער האט מיך". דאך אָרט עס מיך ניט, איך האב זיך בעסער געפרעהט מיט מיין פלאַץ, ווייל מאָנסיו רודאלף האט דאך אויף מיר געזאָגט, אז איך האב א הערץ און א זעעלע. איך האב געפיהלט, אז דאס איז אמת. אָט אזוי בין איך איין אויגענבליק געלעגען און פּלוצלינג האב איך דערזעהן וויא לילית שטעהט איבער אונז מיט איהר אויסגעקראָכענעם אויגעל און רויטהען שאַל! פייער און פלאם! איך האב געמיינט, אז דאס זעה איך א חלום!

— פינעטא, — האט דער לעהרער אויסגעשריען — מיין מעסער איז אראָפּגעפאלען, הייב איהם אויף — דארט ליעגט ער — ער איז אונטער איהם — שטעך — שטעך אין גוטען אָרט — שטעך אין פלייצע — צווישען דיא אקסלען — שטעך שנעל!

— האלט איהם נור, האלט איהם נור מיין מאַן, האלט איהם נור ביז איך וועל דעם מעסער געפינען.

דיא מכשפה האט זיך גענומען ארומדרעהען און טאַפּען און זוכען דעם מעסער, ענדליך האט זיא דערזעהן דעם מעסער און האט זיך צו איהם א חאפּ געטהאן און

איז צו מיר צו געלאָפען. איך בין געלעגען גלייך אויפ'ן רוקען און האב געגעבען אַ בריק אין איהר בויך, דאס זיא האט זיך איבערגעקייקעלט דריי מאל אהינטער. זיא איז אבער אויפגעשפרונגען אויף דיא פיס און איז געוואָרען נאָך בלוט־דורסטיגער. איך בין שוין געוועזן פערלאָרען. אין מיין לעצטע פערצווייפלונג האב איך זיך געכאַפּט צום לעהרערס גאָרגעל. אבער ער האט מיר געגעבען אזא חמאיל אין מאָרדע דאס איך האב געמיינט, אַט מוז איך איהם אַפּלאָזען אָבער אין דיעזען אויגענבליק זיינען דריי בעוואפענטע מענער אַנגעלאָפען און מאַנסיו מאָרפי וויס וויא דער טוידט איז געקומען אַנגעלעהנט אויפ'ן דאָקטאָר. דיא דריי האבען אַ חאַפּ געטהאן דעם לעהרער און זיין לילית און האבען געבונדען זייערע הענד און פיס. אבער דאס וואר נאך ניט אלעס. איך האב געוואָלט מיין רודאָלף'ן. איך בין ארויפגעפאַלען אויף דער לילית; איך האב מיך דערוויל אויך עראינערט אויף נאכטיגאַל'ס צאָהן, איך האב געכאַפּט דער מכשפה'ס ארם מיט מיין גאנצער קראַפט, האב אַ דרעה געטהאן דעם גאנצען ביין און האב געשריען: „וואו איז מיין רודאָלף!" זיא האט עס אויסגעהאַלטען. — ביי'ן צווייטען דרעה האט זיא אויסגעשריען:

— אין קולאַקס שענק, אין דאס „בלוטיגע הערץ", אין קעלער, ניט ווייט פון דאנען!

גוט, איך האב מיך געלאָזט לויפען. אויפ'ן וועג האב איך געוואָלט ארויסנעה־מען דעם קליינעם האָפּי פון דיא קרויט. איך האב זיך ארומגעקוקט און האב קיין זאך געפונען אויסער מיין בליוזע. ער האט אויסגעביסען אַ לאָך מיט זיינע צייהן. איך האב זיך אריינגעהאַפּט אין דאס „בלוטיגע הערץ", האב געפּאַקט דעם בעל־הבית פאר'ן גאָרגעל און האב געשריען:

— וואו איז דער יונגער מאן וואס האט בעזוכט דעם פּלאַץ הייטע אבענד צוזאַמען מיט'ן לעהרער?

— דערשטיק מיך ניט, איך וועל עס דיר זאגען, — האט ער זיך געבעטען און דיא אויגען זיינען איהם נעקראָכען פון קאָפּ — זיי האבען מיט איהם געמאַכט שפּאַס, זיי האבען איהם פערשלאָסען אין מיין קעלער, מיר וועלען איהם געהן ארויסנעהמען.

מיר זיינען אראָפּ אין קעלער, אָבער דארט וואר קיינעם צו זעהן.

— עס איז קיין צווייפעל, אז ער האט זיך פון דאנען ארויסגעהאַפּט און איז אוועק, וועהרענד איך האב זיך פערקוקט. דוא זעהסט דאך, אז דא איז קיינער ניטאָ, — האט קולאַק מיר ערקלערט און איך האב געוואָלט אוועקגעהן מיט פערדרוס, אָבער דורך דאס ליכט פון דער לאַנטערנע האב איך דערזעהן אַ צווייטע טהיר אין קעלער. איך בין צוגעלאָפען, האב זיא מיט געוואַלד אויפגעריסען און אַ שטראָם וואַ־

סער האט אַ שפּאַר געטהאַן אין מיין געזיכט. איך האב דערזעהן אייערע הענד, איך האב אייך ארויסגעצויגען פון וואסער און געבראכט אהער אויף מיין פּלייצע, ווייל איך האב ניט געהאט וועמען צו שיקען נאך אַ וואָגען. דאס איז דיא גאנצע געשיכ־טע, מאָנסיו רודאָלף. און אַבוואהל איך האב ניט ליעב צו בעריהמען זיך, דאך דענק איך, אַז איך האב געטהאַן אַ גוטע זאך און איך בין שטאָלץ אויף זיך אליין.

— אָה, מיין קאַמעראַד, מיין גאַנצער לעבען בעלאַנגט צו דיר, איך בין דיר שולדיג פאַר מיין לעבען—דאס איז זעהר אַ גרויסער חוב, נור איך האף, אַז איך וועל עס אויספיהרען נאך מיינע בעסטע מעגליכקייטען. דאָקטאָר ווילט איהר געהן זעהן, וואס מאָרפי מאכט און גלייך קומען מיט אַן אַנטוואָרט?

דער נעגער איז אוועק.

— ווייסט דוא, וואו דער לעהרער געפינט זיך, מיין ליעבער קאַמעראַד?

— אין אַן אונטערשטען צימער, צוזאמען מיט דער מכשפה. ווילט איהר שיקען מעלדען דער פּאָליציי, מאָנסיו רודאָלף?

— ניין.

— ווילט איהר איהם געהן אַבלאָזען? אָה, מאָנסיו רודאָלף, ווארפט ניט ארויס אייער גוטסקייט אויף אַזאַ געפעהרליכען מענשען. איך זאג נאך אמאָל, אַז ער איז ניט בעסער פון אַ משוגענעם הונד. קוים איז ער פריי, אַזוי מוז זיך יעדער פון איהם היטען.

— זיי זיכער, אַז ער וועט שוין קיינעם מעהר ניט בייסען.

— אָה, איהר וועט איהם ערגעץ איינשליסען?

— ניין, אין אַ האַלבע שטונדע ארום וועט ער פון דאַנען אוועק.

— ווער, דער לעהרער?

— יאָ.

— אָבער אָהן לאַנטערנעס ביי זיינע זייטען?

— יאָ.

— וועט ער דאָ לעבען—פריי?

— יאָ, פריי.

— און גאַנץ אַליין?

— יאָ.

— אָבער ער וועט געהן—

— וואוהין ער וויל,—האט רודאָלף געענטפערט ײַ״

דער נעגער איז צוריקגעקומען.

— וואס מאכט מארפי? — האט רודאלף געפרעגט.

— ער שלאפט, — האט דער דאקטאר טרויעריג געענטפערט.

— איז ער נאך אין געפאהר?

— זיין לאגע איז זעהר ערנסט, קעניגליכע האהייט, דאך האף איך, אז ער וועט —

— אה, מארפי! איך מוז האבען ראכע, ראכע! — האט רודאלף געשריען פון פערצווייפלונג — דוד קומט אהער אויף איין ווארט.

רודאלף האט עפעס אריינגערעדט אין ניגערס אויער. דער שווארצער האט גענומען ציטערען.

— ווילט איהר עס ניט טהאן! — האט רודאלף געפרעגט — איך האב מיט אייך זעהר פיעל געשפראכען וועגען דער אידעע, יעצט איז די צייט עס אויסצופיהרען.

— איך ענטזאג מיך ניט, קעניגליכע האהייט, דיא אידעע איז א ריכטיגע און זעהר לאגיש צו בעשטראפען, און עס איז זעהר רעכט יעדער יוריסט זאל עס בעטראכטען. אזא שטראפע איז שמערצליך, מאכט פיעלע שרעקען און ניט צייט חרטה צו האבען. אין דיעזען פאל איז דיעזע שטראפע געווים דיא ריכטיגע. גאר ניט רעכענען אויף דאס פערברעכען, וועלכע האט דעם באנדיט פערשיקט אויף אייביגע קאטארגע, איז ער בעגאנגען נאך דריי מארדטהאטען. ער האט געטוידט דעם פיהדהענדלער, האט געוואלט טוידטען אייך און מארפי'ן, דיא שטראפע איז א גערעכטע —

— יא, און ער וועט האבען א לאנגען וועג צו זיין חרטה, — האט רודאלף געזאגט און נאך א קליינעם שווייגען האט ער געפרעגט — און וועט פינף טויזענד פראנק גענוג זיין?

— נאך צופיעל, מיין לארד!

— קאמראד, — האט רודאלף צו האלזשניידער געזאגט — איך האב צו זאגען א פאאר ווערטער צו דיעזען העהר. געה אריין אין צווייטען צימער, אין רעכטען האנד, דוא וועסט דארט זעהן א גרויסען רויטהען טאשען־זאק; אין איהם ליעגט פאפיער־געלד, צו טויזענד דאלאר א פאפיער. נעהם ארויס פינף פון זיי און ברענג א העהר.

— און פאר וועמען איז דאס געלד? — האט האלזשניידער ניט ווילענדיג אויסגעשריען.

— פארן לעהרער. אויפ'ן זעלבען גאנג הייס, מען זאל זיי אריינפיהרען אין דיעזען צימער.

17טעם קאפיטעל.

דער משפט,

דיא סצענע ווערט פערהאנדעלט אין א זאאל וואס איז אויסגעשלאגען מיט ווייסע טאפעטען און איז בעלויכטען מיט פיעל לאמפען.

רודאלף אנגעטהאן אין א לאנגען, שווארצען, סאמעטענעם חאלאט זיצט ביי א גרויסען טיש, וואס איז בעצויגען מיט בלויען געוואנט. אויף דיעזען טיש ליעגט דעם לעהרערס געלד־טאשע, לילית זילבערנע קעטעל מיט דער קמעה, דער שפיעז וועלכער וואר נאך רויטה פון בלוט, דער אייזערנער לאם (ברעכ־אייזען) מיט וועלכען דיא טהיר איז אויפגעבראכען געווארען און דיא פינף טויזענד פראנק וואס האלז־שניידער האט געבראכט פון צווייטען צימער.

דער דאקטאר זיצט ביי איין זייט טיש און האלזשניידער ביי'ן צווייטען. דער לעהרער ארומגעבונדען מיט געזונטע שטריק און קען זיך ניט ריהרען. איז אוועקגע־זעצט געווארען אויף א גרויסען שטוהל, וואס איז געשטאנען אין מיטען זאאל. דיא לייטע וואס האבען דעם באנדיט אריינגעפיהרט, זיינען צוריק ארויס, נור רודאלף, דער דאקטאר, האלזשניידער און דער לעהרער זיינען פערבליעבען.

רודאלף איז מעהר ניט צוהיצט, ער איז רוהיג, טרויעריג און קאלטבליטיג, וויא איינער וואס דארף באלד אויספיהרען א הייליגען און וויכטיגען פפליכט. דער דאקטאר איז פערטראכט, האלזשניידער איז פאל מיט שרעקען, ער קען ניט אראפ־נעהמען דיא אויגען פון רודאלף'ן. דעם לעהרער'ס געזיכט איז ווילד און טייוועלש, ער פיהלט א שרעק און ווייס ניט וואס.

טיעפע שטילקייט העררשט, אין דרויסען הערט מען קיין זאך אויסער דעם מאנאטאנעם קלאפען פון דעם רעגען אין דיא שויבען און פון דיא וואסער־טראפען, וואס פאלען פון דאך אין רינשטאק — אלעס איז מעלאנכאליש.

רודאלף האט זיך געווענדעט צום לעהרער:

— דוא ביזט אנטלאפען פון דיא ראשפארט קאזעמאטען, וואוהין מען האט דיך פערשיקט פאר פאלשע אונטערשריפטען, רויבעריי און מארדטהאטען. דוא ביזט אנשעל דארסנעל.

— א ליעגען! — האט דער לעהרער געענטפערט מיט א צובראכענעם קול און האט געווארפען א פינסטערען בליק אין אלע זייטען.

— דוא ביזט אנשעל דארסנעל, דוא האסט ערמארדעט און בערויבט א פיהד־הענדלער אויפ'ן וועג נאך פאיסי.

— א ליעגען!

— דוא וועסט זיך באלד עהרליכער האלטען.

דער לעהרער האט רודאָלף'ן אָנגעקוקט מיט איבערראשונג.

— דיעזע נאכט ביזט דוא אהער אריין צו בעגעהן א רויבעריי און דוא האסט געשטאָכען דעם ווירטה פון דיעזען הויז.

— אָבער דוא האסט מיך אהער פערפיהרט! — האט דער לעהרער געענט־פערט מיט מוטה — ער איז מיך דאָ בעפאלען און איך האב מיך פערטהיידינט.

— דער מאַן ווענמען דוא האסט געשטאָכען האט דיך ניט אטאקירט, ער וואר אָהן וואפען. איך האב דיר פאָרגעלייגט דיא רויבעריי אין דיעזען הויז, זא פיעל איז אמת, איך וועל דיר ערקלעהרען צוליעב וועלכען צוועק. מיט צוויי נעכט צוריק, נאכ־דעם וויא דוא האסט בערויבט א מאַן און א פרוי אין דער ס י ט ע, האסט דוא זיך אנגעבאָטען מיך צו טוידטען פאר א טויזענד פראַנק.

— איך האב עס אליין געהערט! — האט האלזשניידער געזאגט.

דער לעהרער האט צו איהם צוגעוואָרפען א בליק מיט גרויסער פעראכטונג. רודאָלף האט פאָרטגעזעצט:

— יעצט זעהסט דוא, אז דוא ביזט א מענש, וואס דארף ניט איך זאָל איהם פערפיהרען און אנריידען צו טהאן א פערברעכען.

— אבער דוא ביזט ניט מיין ריכטער און איך וועל דיר מעהר ניט ענטפערען.

— יעצט הער וואָרום איך האב דיר פאָרגעשלאָגען דיעזע רויבעריי. איך ווייס, אז דוא ביזט אן אנטלאָפענער ארעסטאַנט, איך ווייס, אז דוא קענסט אויסזאָגען ווער זיינען דיא עלטערען פון דער אונגליקליכער נאכטיגאל, וואָס האט אזוי פיעל געליטען פון דיין בעגלייטערין. איך האב דיר געוואָלט אהער ברענגען מיט דעם פערשפרעכען, אז דא איז צו מאכען א פערמעגען, ווייל איך האב געוואוסט, אז דאס איז דער איינציגער מיטעל מיט וועלכען מען קען דיר חאפען. יעצט ווען דוא ביזט אין מיינע הענד, קען איך דיר לאָזען אויסקלייבען, וואס דיר איז בעסער, איך זאָל דיך איבערליפערען צור גערעכטיגקייט, וועלכע וועט דיך מאכען בעצאָהלען מיט דיין קאָפּ פאר דעם פיה־הענדלערס לעבען —

— עס איז א ליעגען, איך האב יענעם פערברעכען ניט בעגאַנגען.

— אָדער מען זאל דיך, אויף מיין בעפעהל, ארויספיהרען פון פראַנקרייך אין א פלאַץ, וואו דוא וועסט אויביג זיין ערווייטערט פון מענשען, אָבער וואו דיין שיק־זאל וועט זיין פיעל בעסער פון קאזעמאט; אָבער דיעזע גנאדע וועט דיר נור דאַן געגעבען ווערען, ווען דוא וועסט מיר געבען דיא אויסקינפטע, וועלכע איך פערלאַנג. ווען מען האט דיר פערמשפט אויפ'ן גאַנצען לעבען האסט דוא אויפגעבראָכען דיא

תפיסה און ביזט אנטלאָפען. ווען איך האב דיך געהאפּט און וועל דיר פערפּאַקען אין אן ארט, וואו דוא קענסט מעהר ניט זיין שעדליך, לייסט איך גוטעס דער געזעלשאפט; ווען דוא גיסט מיר דיא נויטהיגע אויסקינפטע, וועל איך פיעללייכט אומקעהרען א קינד צו איהרע עלטערען וואס ליידעט פון אונגליק, ניט פאר איהר פערברעכען. דאס וואר מיין ערשטער פּלאַן. עס וואר ניט געזעצליך, אָבער דיין אנטלויפען פון געפענגניס און דיא פערברעכען וואס דוא ביזט נאכדעם בעגאנגען האבען פון דיר צוגענומען אלע רעכטע און פאַרמען פון געזעץ. געסטערן האב איך ור דורך א צופאל ענדעקט, אז דוא ביזט אנשעל דארסנעל.

— עס איז פאַלש! איך בין ניט דאַרסנעל!

רודאָלף האט גענומען דיא קייט פון טיש און ווייזענדיג דעם לעהרער דיא קליינע און קינצליכע קמעה, האט ער אויסגעשריען מיט א שטארקען און הויכען קול:

— שמוציגער באַנדיט! דוא האסט פערשוועכט דיא הייליגקייט פון דיעזען טהייערען אנטיק דערמיט וואס דוא האסט זיא אנגעטהאן אויף אן אויסגעלאַסענע פרוי. דיעזער אַנטיק איז געוועזן דריי מאל הייליג, ווייל דיין פרוי האט עס ערהאלטען פון איהר מוטער און זיא האט עס געשאנקען איהר קינד.

דער לעהרער איז איבערראשט געוואָרען פון דיעזער ענדעקונגען. אבער ער האט נור אראָפּגעלאָזען זיין קאפּ און האט קיין וואָרט געשפּראָכען.

— צוריק מיט פופצעהן יאהר האסט דוא גערויבט דיין קינד פון זיין מוטער, דוא אליין ווייסט דיא געהיימניס פון דעם קינדס אָרט האב איך ניט געהאט א בעזאנדערען שטארקען מאָטיוו צו פּאַקען דיך אין מיינע הענד, נאכדעם וויא איך האב ערפאהרען ווער דוא ביזט? איך האב ניט געזוכט ראַכע פאר דיין פערשווערונג געגען מיר. דיעזע נאכט האָסט דוא ווידער בלוט פערגאָסען גאר אָהן אורזאכע. דער מאן, וועמען דוא האסט פיעללייכט ערמאָרדעט, איז צו דיר צוגעגאנגען גאַנץ זיכער, אז דוא מיינסט ניט איהם צו טוידטען. ער האט דיך געפרעגט וואס דוא פערלאַנגסט און דוא האסט געענטפערט: „דיין געלד אָדער דיין לעבען.“ און ניט וואַרטענדיג אויף אן אנטוואָרט האסט דוא איהם געשטאָכען מיט דיין מעסער.

— אזוי האט מאַנסיו מאַרפי מיר דערצעהלט ווען איך בין געקומען איהם העלפען, — האט דער דאקטאָר געזאָגט.

— עס איז פאלש, ער האט געליינט!

— מאָרפי האט קיין מאָל געליינט, — האט רודאָלף קאלט געענטפערט — דוא ביזט אריין אין דעם גארטען מיט געוואלד, דוא האסט געשטאָכען א מענשען אום דוא זאָלסט איהם בערויבען; דוא ביזט בעגאנגען א צווייטען מאָרד, דוא מוזט

שטאַרבען אויף דיזען אַרט. מיטלייד און רעספּעקט פאַר דיין ווייב און קינד זאָל דיך רעטען פון שענדליכען טוידט אויף דעם עשאַפאָט; מען וועט זאָגען, אַז דוא ביזט געהרגעט געוואָרען פון אַ בעוואָפענטען געגנער, וועלכען דוא ביזט בעפאַלען. מאַך זיך פערטיג, דיא אינסטרומענטען פאַר דיין שטראָפע זיינען פערטיג!

דעם רעדנערס געזיכט האָט ניט גערוהט. דער לעהרער האָט בעמערקט וויא אין אַ צווייטען צימער שטעהן צוויי מענער בעוואָפענט מיט ביקסען. זיין נאָמען איז דאָ אויך בעקאַנט. ער האָט אליין בעשלאָסען, אַז מען וועט איהם דאָ טוידטען אין דער שטיל, אום אַלע זיינע מעשים וואָס ער האָט בעגאַנגען זאָל בעגראָבען ווערען מיט איהם און זיין פאַמיליע זאָל געשיצט ווערען פון נייע בזיונות. וויא אַלע לייטע פון זיין סאָרט, איז ער אויך געוואָרען אַ טרוס, אַ פייגלינג, ווען ער האָט דערזעהן דעם טוידט פאַר דיא אויגען. גלויבענדיג, אַז זיין לעצטע שטונדע איז געקומען האָט ער גענומען ציטערען און האָט געבעטען „מיטלייד“.

— פאַר דיר גיבט עס קיין מיטלייד! — האָט רודאָלף איהם געזאָגט — ווען דיין שאַרבען ווערט דאָ ניט צוזעצט, מוז מען דיך שיקען צום עשאַפאָט.

— מיר איז בעסער דער עשאַפאָט, איך וועל אַם וועניגסטען לעבען נאָך צוויי אָדער דריי חדשים לענגער. וואָס קען עס אייך שאַדען, זאָלאַנג איך וועל יעדענ-פאַלס בעשטראָפט ווערען? מיטלייד! מיטלייד!

— אָבער דיין ווייב, דיין קינד, זיי טראָגען דיין נאָמען.

— מיין נאָמען איז זאָ וויא זאָ צו שאַנד און שפּאָט. לאָזט מיך לעבען, חאָטש נאָך אַ וואָך, דאָס וועט פון אייך זיין זעהר בארמהערציג.

— אָה, שמוציג! זאָגאַר ניט דיא געוועהנליכע פעראַכטונג צום לעבען, וואָס דיא מיינסטע פערברעכער בעזיצען, — האָט רודאָלף מיט אבשיי געזאָגט.

— אָבער דאָס געזעץ פערוועהרט יעדען איינעם צו נעהמען דיא גערעכטיגקייט אין אייגענע הענד און משפּט'ן נאָך זיין פערשטאַנד, — האָט דער לעהרער געטענה'עט.

— דאָס געזעץ! — האָט רודאָלף אויסגעשריען — דאָס געזעץ! וואַגסט דוא צו אַפּעלירען צו געזעץ? דוא, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען פערבראַכט צו רעוואָל-טירען נעגען מענשען און געזעלשאַפט!

דער גראַביאַן האָט אַראָפּגעלאָזען זיין קאָפּ און האָט ניט געענטפערט, אָבער ענדליך האָט ער צוגעגעבען אין אַ גאַנץ ווייכען טאָן:

— אָבער האָט מיטלייד, זייט בארמהערציג, שענקט מיר דאָס לעבען

— וועסט דוא מיר זאָגען וואו דיין זאָהן געפינט זיך?

— יאָ, יאָ, איך וועל דיר זאָגען אַלעס וואָס איך וויים פון איהם.

— ווענסט דוא מיר זאָגען ווער זיינען דיא עלטערן פון יענעם מעדכען, וואס לילית האט פערביטערט דאס לעבען?

— אין מיין טאשע געפינען זיך פאפירען פון וועלכע דוא ווענסט קענען ער־פאהרען ווער עס האט אָבגעגעבען דאס קינד צו דער בלינדער פינעטא.

— וואו איז דיין זאָהן?

— ווענסט דוא מיך לאָזען לעבען?

— פריהער זיי אלעס מודה!

— אָבער נאכדעם וויא איך וועל דיר אלעס זאָגען, ווענסט דוא מיר שענקען דאס לעבען? — האט דער לעהרער געפרעגט.

— האסט דוא איהם ערמאָרדעט!

— ניין, ניין! איך האב איהם איבערגעגעבען צו מיינעם א קאָמעראד וועלכען עס איז געלונגען צו אַנטלויפען, וועהרענד מען איז מיך איבערפאלען.

— וואס האט ער מיט איהם געטהאָן?

— ער האט איהם ערצויגען, ער האט איהם געגעבען דיא נויטהיגע בילדונג ער זאל קענען אריין אין א באַנק־הויז אין נאַנטעס, אום ער זאל נאכדעם איהם פון אלעס אינפאָרמירען, זאָל געווינען דעם צוטרויען פון באַנקיר און זאל אונז העלפען אויספיהרען אונזערע פלענער. ווען איך בין געזעסען אין ראַשפאָרט און האב נאך ערשט געזוכט מיטלען, וויא אזוי צו אַנטלויפען, האב איך געגעבען אלע פלענער וויא אויסצופיהרען דיעזע אונטערנעהמונג; ווייל איך און מיין פריינד האבען זיך קאָררעס־פאָנדירט דורך ציפער.

— אָה, מיין גאָט, זיין זאהן! זיין אייגען קינד! דיעזער מאַן איז א זעלטענע חיה! — האט רודאָלף געשריען האלטענדיג זיין קאָפּ מיטביידע הענד.

— אָבער מיר האבען קיין אנדער אבזיכט וויא פאלשע אונטערשריפטען ניט געהאט! — האט דער לעהרער אויסגעשריען — מיין זאָהן, ווען ער האט ערפאהרען וואס מיר פערלאַנגען פון איהם איז ער געוואָרען בייז, האט אלעס ענדעקט זיין ווירטה און איז אוועק פון נאַנטעס. אין מיין טאשע וועט איהר געפינען אלע איינצעלהייטען וויא אזוי מיר האבען איהם ווידער אויפגעזוכט. דער לעצטער אָרט וואו ער האט געוואוינט איז געווען אין טעמפעל שטראסע, וואו ער האט געלעבט אונטער דעם נאָמען פראַנציס דזשורמאַן; דיא ריכטיגע אדרעסע איז אין מיין טאשע. איהר זעהט, אז איך האב אייך אלעס דערצעהלט, איך האב קיין זאך בעהאלטען. יעצט וויל איך איהר זאָלט האלטען אייער פערשפרעכען און איהר זאָלט מיר איבערגעבען צו דער פאָליציי, נור פאר דעם רויב־פערזוך פון הייטיגען אבענד.

— און דער פיה־הענדלער?

— עס איז אונמעגליך מען זאל מיך דאפיר בעשטראָפען, דערצו איז קיין בעווייזע דא. איך בין עס דיר מודה, צו בעווייזען, אז איך האב צו דיר א צוטרויען; אָבער פאר א ריכטער וועל איך געוויס זאָגען, אז איך בין אונשולדיג.

— ביסט דוא עס מודה?

— איך בין געוועזען אין פערלעגענהייט, איך האב ניט געהאט מיט וואס א טאָג איבערצולעבען; און דיא לילית האט מיך געצוואונגען צו דער מערדעריי. איך האב יעצט חרטה, זאנסט וואלט איך עס ניט מודה געוועזען. אה, אויב איהר וועט ווערען אזוי פריינדליך און איהר וועט מיך ניט איבערגעבען צו דיא ריכטער, גיב איך אייך מיין עהרענוואָרט, אז איך וועל ניעמאלס ווידער בעגעהן א פערברעכען.

— דוא וועסט בלייבען לעבען, און איך וועל דיר ניט איבערגעבען צו דער רעגיערונג.

— וועט איהר מיר מוחל זיין! — האט דער לעהרער אויסגעשריען קוים גלויבענדיג וואס ער הערט — האט איהר מיר געשאנקען אלע מיינע פערברעכען.

— איך משפט דיר און איך וועל דיר בעשטראפען! — האט רודאָלף אויסגערופען — איך וועל דיך ניט איבערגעבען צום געריכט, ווייל דאס וועט דיך נור פערשיקען אין קאטאָרגע אָדער צום עשאפאָט און דאס איז צו ווייניג פאר דיר. אין קאטאָרגע וועסט דוא נור געפינען א נייע פעלד צו ענטוויקלען דיין ריעזען־קראפט און דיין ראָהייט. דארט קענסט דוא נור ענטוויקלען דיין ברוטאלען כאראקטער. דוא קענסט פון דארט ווידער אנטלויפען און פאָרטזעצען דיין ארבייט פון פערניכטונג און פערדערבען. דען פערברעכען האט אויך איהר אמביציאָן, און דוא וועסט האבען פערגניגען, ווען דוא וועסט בעקאנט ווערען פאר'ן ערגסטען און געפעהרליכסטען הויפטמאן פון מערדער. קאטאָרגע! ניין, ניין! דיין אייזערנער קערפער שפּאָט פון דיא שווערע ארבייט אין קייטען און דיא שטארקע שמיץ פון דעם אויפזעהר. און אזוי וויא דיא שטארקסטע קייט קען מען צוברעכען און דיא דיקסטע וואנד קען דורכגעלעכערט ווערען — ביזט דוא אים שטאנדע זיך ארויסצוהייסען פון דיינע קייטען און וועסט זיך ווארפען אויף דער געזעלשאפט וויא א געררייצטע חיה און פערגיסען טייבען בלוט. דען קיינער קען ביישטעהן דיין קראפט, דיין רציחה און דיין שארפען מעסער. דארום איז דיא קאטאָרגע קיין פלאץ פאר דיר און אהין דארפסט דוא ניט געהן. און ווייל קאטאָרגע איז קיין זיכערער אָרט פאר דיר, וואס זאל מען מיט דיר טהאן אום צו מאכען דיר אונשעדליך, צו רעטען דיא געזעלשאפט פון אזא בעסטיע? זאל מען דיך איבערגעבען צום תליון?

— דאן זוכט איהר נאך אלץ מיין טוידט? — האט דער גראָביאַן געשריען — ווילט איהר מיך נאך אלץ טוידטען?

— ניין, האָף ניט אויף דעם! אין דיין גרויסען חשק צו לעבען ועסט דוא זיך רעטען פון דער שרעקליכע פורכט פאר'ן טוידט דורך א פאלשע האָפענונג צו רעטען זיך! א דומע, א נאררישע, אָן אונבעזאָנענע האָפנונג, דאך וועט עס פערהילען פון דיר דאס שרעקליכע בילד פון טויט. דוא ביזט דער מאן, וואס גלויבט ניט, אז ער קען שטארבען ביז דאס מעסער האט איבערגעשניטען דיין גאָרגעל. פיעללייכט אויך דאן, וועז דיין האלז איז שוין אויפגעשניטען, קענסט דוא אויך ניט דענקען, אז דוא האסט דיין מאָס פון פערברעכען געמאכט פאל און אז דער טוידט איז דיא פרוכט פון דיין אַרבייט. ניין, דאס דארף ניט און דאס זאָל ניט זיין. איך וויל נור דוא זאָלסט תשובה טהאן, זאָנסט מוז איך דיר אבשניידען יעדע האפנונגען אין לעבען.

— וואָס האב איך דיעזען מענשען געטהאן? ווער איז ער? וואס וויל ער פון מיר האבען? וואו בין איך? אה! — האט דער לעהרער געראָוועט וויא א געקוילעטער אָקס.

רודאָלף האט פאָרטגעזעצט:

— און זאָגאר ווען דוא וואָלסט געקענט קוקען דיין שיקזאל גלייך אין פנים און דוא וואָלסט גוט געפיהלט וואס מיט דיר וועט געשעהן, וואָלט איך דיר אויך ניט אבגעגעבען אין דיא הענד פון געריכט. פאר דיר וואָלט דער עשאפאָט דאמאָלס געווען א ביהנע, וואו דוא וואָלסט געמאכט א גאנצען פאראד פון דיין מערדערישען געפיהל, וויא פיעלע פון דיין גלייכען טהוען. דוא ועסט בעטראכטען דעם עשאפאָט פאר א פלאטפאָרמע, וואו דוא זאלסט ווייזען דיין גאוה אין דיין פערדאָרבענהייט אָן, וואו דוא וואלסט זיך בענוצט צו ווייזען דער וועלט, וויא מוטהיג דוא ביזט געגען טוידט און וויא דוא פעראכטעסט דיא געזעלשאפט און איהר גערעכטיגקייט זאָגאר, ווען דער טוידט שטעהט דיר פאר דיא אויגען. דיך צו פיהרען אויפ'ן עשאַ־פאָט, דאמאָלס ווען דוא האסט שוין מעהר קיין פורכט פאר'ן טוידט, וועט ניט שרעקען דיא איבריגע מענשען פאר אזעלכע מעשים און אזא סוף וויא דיינער. ווען מען זעהט וויא דער פעראורטהיילטער וויצעלט זיך מיט'ן תליון און דער מערדער שיקט אָפ זיין נשמה צו גאָט אָהן תשובה אויף זיינע שטערבענדע ליפען, ווערט דיא פורכט פאר'ן טוידט און פאר דיא טאָדעס־שטראָפע זעהר קליין. יעדער פער־ברעכער מוז מודה זיין און תשובה טהאן, זאָנסט איז זיין שטראפע אן אומזיסטע טהאט. ליידער איז דער וועג פון געריכטס־הויז צום עשאפאָט זעהר קורץ. מען מוז האבען צייט צו בעדענקען און חרטה צו האבען און דיעזע צייט וועל איך דיר געבען

און גאָט זאָל דיר העלפען צו שטארבען א מאן מיט א בעסערען כאראקטער!

דער לעהרער איז ניעדערשלאָגען געוואָרען. דאס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האט ער ערפאהרען, אז עס גיבט נאך א זאך, וואס איז פירכטערליכער פון טוידט. דיעזע מורא און אונבעקאנטע שמערצען ווארען פירכטערליך.

— וואָס דענקסט דוא מיר צו טהאן? קומסט דוא פון דער העלע מיך צו פּלאָגען מיט שמערצען וואָס קיין מענש האט נאך פערזוכט!

— הער מיך אוים! — האט רודאָלף געזאָגט זיך שטעלענדיג וויא איינער וואָס שטעלט פאָר אין זיין פּערזאָן א גרויסע ווירדע — דוא האָסט בענוצט דיין אונגעהייערע קראפט צו אלע שרעקליכע מערדרישע טהאטען — איך וועל פּאראליזירען דיעזע קראפט. דיא שטארקסטע מענשען האבען פאר דיר געציטערט, יעצט זאָלסט דוא ציטערען פאר דיא שוואכסטע. מערדער, דוא האסט געוואָרפען הימלישע בעשעפּע־נישען אין אייביגער פינסטערנעס, דערפאר זאל אן אייביגע פינסטערנעס דיך ארומ־רינגלען אויף דיעזער וועלט! יא, באלד, אין איינינע מינוטען ארום זאָל דיר ווערען פינסטער! דיין שטראפע וועלכע דוא האסט שוין לאנג פערדיענט, זאָל דיר יעצט אויסגעצאָהלט ווערען. דיעזע שטראפע וועט דיר אָבער איבערלאזען א לאנגע צוקונפט צו טהאן תשובה. איך וואלט געוועזען אזא פערברעכער וויא דוא אליין, ווען אין דער שטראפע וואלט איך נור געזוכט צו נעהמען ראכע, זאָגאר וויא גערעכט דיעזע ראכע זאָל זיין. ווען דוא וועסט זיין אונשעדליך וויא א טוידטער און דאך ניט טוידט, וועט דיעזע שטראפע ברענגען גוטע פריכטע. דוא וועסט פערלאָרען זיין אויף אייביג, אָבער דערפאר וועסט דוא זיין אים שטאנדע זיך אויסצולייזען. אום צו מאכען דיר אונ־שעדליך פאָר אנדערע, מוז איך דיר אויף אייביג ענטרייסען פון געניסען דיא שעהנ־קייט דער נאטור איך וועל דיך ווארפען אין אן עוויגער נאכט, אן אונמוטהיגע נאכט און וועל דיר איבערלאָזען דיא עראינערונג אויף אלע דיינע חטאים, אום דוא זאָלסט שטענדיג קענען דענקען וואס דוא האסט אין דיין פרייען לעבען געטהאן. יא! ווען דיינע אויגען וועלען מעהר ניט זעהען דיא ליכטיגע וועלט, וועסט דוא אריינקוקען אין דיא פינסטערנעס פון דיין זעעלע און דאן, וועט דאס נעזיכט, וועלכע איז יעצט ברוין פון חוצפה און מערדעריי רויטה ווערען פאר שאנדע און דיא זעעלע וואס איז יעצט ערטרונקען אין פערברעכען וועט זיך דאן אביסעל ארומוואשען מיט תשובה. יעדער וואָרט וואס דוא רעדסט יעצט איז א גאָטעם לעסטערונג; אבער יעדעס וואָרט וואס דוא וועסט שפּעטער ריידען וועט זיין א תפילה. דוא ביסט פרעך און שרעקליך, וווייל דוא ביסט שטארק — דוא וועסט ווערען מילד און אונטערטהעניג, ווייל דוא וועסט זיין שוואך. דיין הארץ איז יעצט פערשלאָסען פאר חרטה; עס וועט

אָבער קומען אַ טאָג, ווען דוא וועסט בעווײנען דײנע קרבנות. דוא האסט מיסברויכט דיא מתנות וואס גאט האט דיר געשאָנקען, דוא האסט עס גענוצט צו רויבעריי און מאָרד; פון אַ מענשען ביזט דוא געזונקען צו אַ ווילדע בעסטיע! אבער שפּעטער וועט זיך דײן גייסט אויסלײטערען. דוא האסט זאָגאר ניט געאַכטעט יענעם בונד וואס דיא גרעסטע בויאַנעס אַכטען — דײן ווייב און דײן קינד. נאָכדעם, וויא דוא וועסט זיך פּלאָגען און וועסט פערברײנגען אַ לעבען פון חרטה און תשובה וועסט דוא אָנפאַנגען צו ווינשען, דאס גליק צו שטאַרבען לעבען דײן ווייב און קינד.

דעם לעהרער׳ס שרעק איז יעצט גראָדע קלענער געוואָרען. ער האט גענומען דענקען, אַז זײן ריכטער האט איהם נור געוואָלט שרעקען אײדער ער האט איהם פאַרגעלעזען דעם גרויסען שטיק מוסר. רודאָלף׳ס שטראָף האבען דעם בויאַן גאָר ניט געריהרט, פערקעהרט, עס האט איהם געמאַכט צו גלויבען, אַז רודאָלף וועט איהם ניט בעשטראָפען, און מיט אַ טײפעלשען געלעכטער האט ער געזאָגט:

— האַ, האַ! זאָג שוין, זאָג שוין נאָך אביסעל מוסר. פערגעס דאָך ניט וואו דוא האַלסט!

אנשטאָט צו ענטפערען האט רודאָלף געזאָגט צום דאָקטאָר:

— יעצט געה צו דײן ארבייט דוד! זאָל דער אַלמעכטיגער מיך אַליין האַלטען פעראַנטוואָרטליך איבּ דיזע האַנדלונג איז ניט עהרליך.

דער דאָקטאָר האט אַנגעקלונגען, דיא צוויי מענער זײנען אַרײן. דוד האט געגעבען אַ וואונק צו דער טהיר פון אַ זײטיגען צימער. דיא מענער האבען גענומען דעם שטוהל אין וועלכען דער לעהרער איז געזעסען אײנגעבונדען און האט זיך ניט געקענט ריהרען און האבען איהם געשלעפּט צום טהיר.

— זיי געהען מיך ערמאָרדען! מיטלייד! מיטלייד! — האט דער באַנדיט געשריען ווען מען האט איהם ארויסגעפיהרט.

— פערבינט זײנע אויגען, — האט דער דאָקטאָר געזאָגט ווען ער איז אַרײן אין צימער.

רודאָלף און האַלזשניידער זײנען געבליעבען אַליין.

— מאָנסיו רודאָלף, — האט האַלזשניידער געזאָגט ווערענדיג בלאַס און ערשראָקען — מאָנסיו רודאָלף, איך בעט אייך רעדט צו מיר, איך ציטער. איך מוז טרוימען, וואס טהוען זיי דאָרט דעם לעהרער? ער שרייט ניט מעהר, אַלעס איז אזוי שטיל, עס מאַכט מיך נאָך מעהר ציטערען.

דוד איז ארויס פון צימער. זײן געזיכט האט געהאט אַ מאָדנעם אויסדרוק וועלכען מען זעהט נור ביי ניגערס. זײנע ליפּען זײנען געוואָרען בלאַס.

דיא צוויי מענער האבען צוריק אריינגעטראָגען דעם לעהרער, וועלכער איז אלץ געזעסען איינגעבונדען אין שטוהל.

— נעהמט אראָפּ דעם טוך פון זיינע אויגען און לאָזט איהם לויז! — האט דער דאָקטאָר אויסגעשריען.

איין פירכטערליכע שטילקייט האט א ווילע געהערשט. דיא צוויי מענער האבען אָבגעבונדען דיא שטריק מיט וועלכע דער לעהרער איז געווען געבונדען און האבען ארונטערגענומען דעם טוך פון זיינע אויגען. דער לעהרער איז פּלוצלינג אויפ־געשפּרונגען; זיין ווילדע, צופּרעסענע, צובראָכטע געזיכט האט אויסגעדריקט ראַכע, שטורעמדיגען כעס און אויפרעגונג. ער האט געמאכט איין שריט, האט געוואָרפען מיטביידע הענד, דאן איז ער צוריקגעפאלען צום שטוהל, האט אויפגעהויבען ביידע הענד צום הימעל און מיט אן אונבעשרייבליכע פערצווייפלונג האט ער אויסגעשריען:

— איך בין בלינד!

— דוך גיט איהם דאס געלד! — האט רודאָלף געזאגט.

דער נעגער האט אריינגעלייגט א קליינעם קאָנווערט אין לעהרער׳ס ציטערענדע הענד און האט געזאָגט:

— אין דיזען קאָנווערט ליעגט גענוג געלד צו בעזאָרגען דיך מיט א וואוינונג און מיטלען צום לעבען ביז דיינע לעצטע טעג. דוא ביזט יעצט פריי! געה טהו תשובה!

— בלינד! — האט דער לעהרער געשריען וועהרענד זיינע הענד האבען צוזאַ־קוועטשט דאס געלד.

— עפענט דיא טהיר און לאָזט איהם געהן! — האט רודאָלף געזאָגט.

דיא טהירען זיינען געעפענט געוואָרען.

— בלינד! בלינד! — האט דער בויאן געשריען האלב פערריקט.

— דוא ביזט פריי! דוא האסט געלד! געה!

— געהן! איך קען ניט געהן! איך זעה ניט וואוהין צו געהן! אָה, עס איז א שרעקליכער פערברעכען פון אייך צו מיסברויכען אייער קראַפט אין אזא ארט!

— אזוי, עס איז א פערברעכען צו מיסברויכען דיא כחות! וואס האסט דוא געטהאן מיט דיין כח? — האט איהם רודאָלף געפרעגט.

— אָה, טוידט! גיט מיר דעם טוידט! יא, איך וויל בעסער שטאַרבען! — האט דער לעהרער געשריען — צו זיין אין יעדענס האנד, מורא צו האבען פאר יעדע זאך! א קינד קען מיך יעצט בייקומען! אָה, וואס וועט פון מיר ווערען!

— דוא האָסט געלד!

— און ווען מען וועט עס גנב'נען? — האט דער גראַביאַן געשריען.

— וואָס? דיר וועט מען בערויבען? פערשטעהסט דוא דיא ווערטער וואָס דוא האסט אויסגעשפּראָכען מיט אזא שרעקען? דוא, וועלכער האט אזוי פיעל מענשען בערויבט, האט מורא מען זאל איהם ניט בערויבען? געה!

— אום הימעלס ווילען! — האט דער לעהרער מיט א צוגעדריקטען קול גע־דונערט — זאָל מיר איינער פיהרען. וויא אזוי וועל איך געהן איבער דיא גאַסען, וויא וועל איך געפינען דעם וועג? אָה, טוידטעט מיך. איך בעט אייך, האט מיטלייד און טוידטעט מיך!

— ניין, יעצט דארפסט דוא לעבען אום זיך צו פּלאָגען און תשובה טהאָן.

— ניעמאָלס! ניעמאָלס וועל איך תשובה טהאָן! — האט דער לעהרער מיט א ווילדער אויפרעגונג געשריען. אָה איך וועל זיך רעכענען אָן אייך. שרעקליך וועט זיין מיין ראַכע!

ער איז אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס, האט גענומען קריצען מיט דיא צייהן און ווארפען דיא קולאַקעס איבער דיא קעפּ. ער האט אבער ניט געקענט געהן, ביי יעדען שריט האט ער זיך פערפּלאָנטערט און איז געפאַלען.

— ניין, ניין, ניין! איך קען ניט, איך בין הילפס-לאָז! און דאך בין איך אזוי שטאַרק! אָה, וועה איז מיר, וועה איז מיר. קיינער פיהלט ניט מיטלייד מיט מיר! וועה, קיינער!

דיא שרעק און פערוואונדערונג פון האַלזשניידער אין פערלויף פון דער גאַנ־צער סצענע איז ניט פאַרצושטעלען; זיין גראָבע און ווילדע געזיכט האט אויסגעדריקט דיא טיעפסטע געפיהלען. ער האט זיך צוגערוקט צו רודאָלף'ן און האט געזאָגט:

— מאָנסיו רודאָלף, דאס איז ניט מעהר וויא ער פערדיענט. ער איז געוועזען א שרעקליכער באַנדיט, דאס איז קיין פראַגע. מיט א ווייַלע צוריק האט ער מיך אויך געוואָלט ערמאָרדען; אבער יעצט איז ער בלינד און ער וויינט; ער וויים ניט וויא צו געהן, מען וועט איהם איבערפאָהרען אין גאַס. מיט אייער ערלויבניס וועל איך איהם אוועקפיהרען אין אַן אָרט, וואו ער וועט זיין רוהיג.

— גוט! — האט רודאָלף געזאָגט ווערענדיג גערוהרט פון האַלזשניידער'ס ווייכ־הערציגקייט — טהו וויא דוא פערשטעהסט, געה!

האַלזשניידער איז צוגעגאַנגען צום לעהרער און האט ארויפגעלייגט דיא האַנד אויף זיין אַקסעל. דער באַנדיט האט א ציטער געטהאָן.

— ווער בעריהרט עס מיך? — האט ער געזאָגט אין א הייזעריגען קול.

— איך.

— ווער איז עס?

— האַלזשניידער!

— און דו ביזט אויך געקומען זיך זעטיגען מיט ראַבע?

— ניין, דו קענסט ניט זעהן וויא צו געהן. נעהם מיין האַנד, איך וועל דיך פיהרען.

— דו! דו!

— יאַ, מיר טהוט לייד דיך צו זעהן אין דעם צושטאַנד. קום מיט מיר.

— ווילסט דו מיך פערפיהרען אין אַ גרוב?

— איך בין קיין פייגלינג, דאס ווייסט דו, איך וועל זיך ניט בענוצען מיט דיין אונגליק. קום לאָמיר געהן, עס טאָגט שוין.

— טאָג! אָה, איך וועל שוין דעם טאָג מעהר ניט זעהן! — האָט דער לעהרער נעיאָמערט.

רודאָלף האָט מעהר דיא סצענע ניט געקענט צוזעהן. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט און איז אַרויס. איהם זיינען נאָכגעגאַנגען דער דאָקטאָר און דיא צוויי מע־נער. דער לעהרער און האַלזשניידער זיינען אַליין פערבליבען.

— איז דאָס אמת, אַז אין דעם קאָנווערט וואָס זיי האָבען מיר געגעבען ליעגט געלד? — האָט דער לעהרער נאָך אַ לאַנגען שווייגען געפרעגט.

— יאַ, איך האָב אַליין אַריינגעלייגט פינף טויזענד פראַנק. מיט דיעזען געלד קענסט דו זיך אַנדינגען קעסט אין אַ ווינקעל פון דיעזען לאַנד און אָבלעבען דיינע לעצטע טעג. ווילסט דו פיעללייכט בעסער איך זאָל דיר פיהרען צום „ווייסען קראַט“.

— ניין, זיא וועט מיך בערויבען.

— צו קולאַק?

— ניין, ער וועט מיך פערגיפטען אום מיך צו ירש׳נען.

— וואוהין ווילסט דו איך זאָל דיר פיהרען.

— איך ווייס ניט. צו מיין גליק, ביזט דו האַלזשניידער קיין גנב. בעהאַלט מיין געלד אין מיינע קליידער, אין אַזאַ אָרט, אַז דיא לילית זאָל עס ניט קענען זעהן. זיא קען מיך בערויבען פון יעדען פראַנק.

— דיא לילית? אָה, זיא איז אין אַ האָספיטאַל. זיי האָבען זיא אהין אָפּגע־שיקט. ווען איך האָב זיך פריהער מיט אייך ביידען געראַנגעלט האָב איך איהר אויסגעבראָכען אַ פוס.

— אָה, וואָס פאַר א צוקונפט! אָה, וואס וועט פון מיר ווערען מיט דיא צוויי שווארצע פאַרהאַנגען איבער מיינע אויגען! אָה, ווען ניט דיעזע פאַרהאַנגען וואָלט איך נאך געזעהן דיא טוידטע קערפּער פון דיעיעניגע —

ער האט פּערציטערט, און אין א ניעדעריגען און צובראָכענעם טאָן האָט ער אין א ווילע ארום געזאָגט:

— דער מאַן פון הייטינע נאַכט — איז ער טוידט?

— ניין.

דאס איז בעסער.

דער בויאַן איז ווידער געוואָרען שטיל אויף א ווילע. אבער פּלוצלינג איז ער געוואָרען פאל מיט כעס און האט אויסגעבראָכען:

— יאָ, נאָך אַלעמען ביזט דוא האַלזשניידער שולדיג אין מיין גאַנצען אונגליק. ווען ניט דוא וואָלט איך געשלאַכטעט דעם מאַן און וואָלט צוגענומען דאס געלד. דוא ביזט שולדיג, וואס איך בין בלינד.

— דענק ניט מעהר דערפון, דאס קען שאדען דיין געזונד. זאג מיר יעצט ווילסט דוא געהן אָדער ניט, איך בין מיעדע און וויל געהן שלאָפען. איך האב שוין גענוג געהאט פאַר איין נאַכט נחת, מאָרגען דארף איך געהן שלעפּען מיינע קלעצער. איך וויל דיך פיהרען וואוהין דוא ווילסט געהן און נאַכדעם מוז איך געהן שלאָפען.

— אָבער איך ווייס ניט וואוהין צו געהן. אין מיין וואוינונג? ניין, איך וואג עס ניט.

— דאַן הער מיך אויס, איך וועל דיר נעהמען צו זיך אויף א טאָג אָדער צוויי. דאַן וועל איך פאַר דיר פּיעללייכט אויפזוכען עהרליכע מענשען, וועלכע וועלען ניט וויסען ווער און וואָס דוא ביזט און זיי וועלען דיך אריינגעהמען צו זיך אין הויז. — איך האב מיך יעצט עראינערט. איך קען א מאַן אין פּאָרט סאַנט ניקאָלאַס, וואָס האט א מוטער אין סאַנט מאַנדעל. אַן עהרליכע פרוי וואָס איז ניט רייך, זיא וועט דיך געוויס אריינגעהמען צו זיך, ווילסט דוא געהן, יא אָדער ניין?

— דיר האַלזשניידער קען איך געטרויען. איך האב קיין מורא צו געהן מיט דיר מיט מיין געלד, דוא האסט ניעמאלס גענגב'עט.

— ווען איך וואָלט דיר גענפאָלגט וואָלט איך יעצט אויסגערייניגט דיין טאַשע.

— אבער דוא האסט קיין האס און דוא ווילסט קיין ראַכע פון א צובראָכענעם מאַן, — האט דער לעהרער זעהר אונטערטהעניג געזאגט.

— נו, געוויס. מאַנסיו רודאָלף, האט מיר געזאגט, אז איך האב א הארץ און א זעעלע. איך בין שטאלץ דארויף!

— אָבער ווער איז דיעזער רודאָלף? ער איז קיין מאַן, ער איז א חיה!—האט דער לעהרער מיט א נייען צאָרען אויסגעשריען און האט גענומען בייסען זיינע פינגער.

— אהא! דוא שרייסט שוין ווידער, ווילסט דוא געהן?

— דוא וועסט מיך נעהמען צו זיך, זאָג האלזשניידער?

— יא.

— האָסט דוא קיין כעס אויף מיר, וועסט דוא עס שווערען?

— איך שווער.

— ביזט דוא זיכער, אז „יענער" מאַן איז ניט טוידט?

— כמעט וויא זיכער.

— איך געה מיט דיר.

דער לעהרער האט גענומען האלזשניידער'ס האנד און איז מיט איהם ארויס פון ריעם הויז נומער 17.

18טעם קאַפיטעל.

א י י ל = א ד א ם.

א גאַנצער מאָנאט איז פאַראיבער זייט דיא לעצטע נאכט וואס מיר האבען בעשריעבען. מיר וועלען יעצט בעזוכען דיא קליינע שטעדטעל אייל אדאם, וועלכע ליעגט אין א שעהנעם געגענד, ביי'ן ברעג פון טייך אים און ביי'ן זוים פון א וואלד.

אין א קליין שטעדטעל זיינען דיא קלענסטע זאכען א גרויסע וויכטיגקייט. אין דעם פריה-מאָרגען, וועלכען מיר בעשרייבען, האבען זיך פערזאמעלט אלע ליידיג-געהר פון אייל אדאם ארום דעם קירכען האף און ווארען נייגיעריג אויסצוגעפינען, ווען וועט קומען דער מאַן וואָס האט אָבגעקויפט דיא גרעסטע שלאכט-הויז פון זייער שטעדטיל.

איינער פון דיעזע ליידיג-געהער, וואס וואר נייגיערינער פון דיא איבעריגע איז צוגעגאַנגען צום יונגע, וועלכער האט גערייניגט און געפוצט דעם שלאכט-הויז און דיא יאטקע, און האט אָנגעפאַנגען אויסצופרעגען, ווער איז דער נייער בעל-הבית, פון וואַנען ער קומט און וויאפיעל געלד ער בעזיצט. דער אינגעל האט געענטפערט, אז ער קען ניט זיין נייעןווירטה, ער וויים ניט פון וואַנען ער קומט, וויל אַן אגענט האט געקויפט דיעזע שלאכט-הויז פאר זיין בעל-הבית.

אין א ווייל ארום זיינען צוויי פערזאָן אָנגעקומען אין א פאַריזער דראָשקע און האבען זיך אָפגעשטעלט ביי'ן שלאַכט-הויז. איינער פון דיעזע מענער איז געוועזען מאָנסיו מאָרפי, וועלכער איז פאַלשטענדיג געזונד געוואָרען פון זיינע וואונדען און דער צווייטער וואר האלזשניידער.

דיא מאכט און ווירקונג פון קליידער האט מען געקענט יעצט בעמערקען אויף אונזער האלזשניידער. עס וואר גאנץ אונמעגליך דיזען הערען צו דערקענען איז דיא נייע קליידער וואס ער האט געטראגען. זאגאר זיינע געזיכטס־ציגע האבען זיך געענדערט. מיט דיא אלטע קליידער האט ער אויך אויסגעטהאן זיין ווילדען, ברו־טאלען און אונרוהיגען אויסזעהן. זעהענדיג וויא ער געהט מיטביידע הענד אין דיא טאשען פון א נייעם, ווארימען, לאנגען אבער־ראק וואלט יעדער געקענט מיינען, ער איז אן אלטער סוחר, וואס פיהרט געשעפטען איבער דער גאנצער וועלט.

— ענדליך זיינען מיר אם פלאץ! — האט מארפי געזאגט — דער וועג איז לאנג און דיא קעלט שניידעט דאס לייב; מיר זיינען פערפרארען.

— איך ניט, מאנסיו מארפי, איך בין זעהר פרעהלאך און פרייד ווארימט מיך. איך האב אזא גליק ניט ערווארטעט, נעבטען זייט איהר מיך געקומען זוכען אין פארט סאנט ניקאלס, וואו איך האב געטאנצט אויףביידע פיס אום זיך צו ווארימען. איך האב אייך ניט געזעהן זייט יענע נאכט — יענע נאכט ווען דער נעגער האט אויף אייביג פערשטעלט דעם לעהרער׳ס אויגען. עס וואר דאס ערשטע מאל אין זיין לע־בען, ווען דיזער שארלאטאן איז אריינגעפאלען ביי זיין רויבעריי! אך, וואס איך האב יענע נאכט געזעהן! איך האב איינפאך געציטערט צו קוקען אין מאנסיו רו־דאלף׳ס געזיכט —

— אבער ערצעהלט פון געסטערען.

— איהר האט צו מיר געזאגט:

— גוט מארגען האלזשניידער!

— גוט מארגען מאנסיו מארפי, — האב איך געזאגט — איהר געהט שוין ווידער דאס פרעהט מיך זעהר, אבער וואס מאכט מאנסיו רודאלף?

— רודאלף וואר געצוואונגען צו בעגעבען זיך אויף א רייזע א פאר טעג נאך נאכט און ער האט זיך אויף דיר פערגעסען, מיין פריינד.

— וואס קען איך העלפען, מאנסיו מארפי, — האב איך זיך אבגערופען — אויב זיו רודאלף האט מיך פערגעסען טהוט עס מיר זעהר לייד.

— ניין, איך מיין, אז ער האט פערגעסען אייך צו בעלאהנען פאר אייער ארבייט, אבער ער וועט אייך אימער געדענקען, האט איהר מיר ערקלעהרט.

— און איך זאג אייך, מאנסיו מארפי, אז דיזע רייד מאכען מיך פרעהלאך. טויזענד מאל דאנער וועטער, איך וועל איהם אויך ניעמאלס פערגעסען. ער האט מיר געזאגט, אז איך האב א הערץ און אן עהרענגעפיהלט, דאס איז גענוג פאר מיר.

— אונגליקליכער־וויזע, מיין פריינד. זיין האהייט איז אבגעפאהרען און האט

קיין בעפעהל געלאָזען וועגען אייך. איך האָב ניכטס אויסער וואס זייז האָהייט ניט מיר, דארום קען איך אייך ניט בעלאָהנען, וויא איך ווינש, פאר דער טובה וואס איהר האט מיר פערזענליך געטהאן.

— גענוג, גענוג, מאָנסיו מאָרפי, יעצט טרייבט איהר שפּאס פון מיר.

— אָבער, צום טייפעל, ווארום זייט איהר ניט צוריקגעקומען אין זוויו שטראסע, נאכדעם וויא איהר האט דעם בלינדען אבגעפיהרט. זיין האָהייט וואלט דאמאָלס אייך ניט פערגעסען.

— קומען צוריק? וואס הייסט, מאָנסיו רודאָלף, האט מיר געבעטען? איך האָב גערעכענט, אז ער וויל גאר ניט איך זאָל איהם ווידער בעזוכען.

— אבער איהר האט דאך אם וועניגסטען בעדארפט רעכענען, אז זיין האָהייט וויל אייך וויזען זיין דאנקבארקייט און וויל אייך מיט עפּעס בעלאָהנען פאר אלעס וואס איהר האט פאר איהם געטהאן.

— וואס איהר זאָגט, אז מאָנסיו רודאָלף האט מיך ניט פערגעסען, דאס איז מיין בעסטער לאָהן, מאָנסיו מאָרפי.

— אָבער ווייסט איהר וויא שווער מיר איז אנגעקומען אייך אויפצוזוכען. וויא עס שיינט בעזוכט איהר ניט מעהר דעם „ווייסען קראָט״?

— ניין, איך האָב בעקומען א נייעם חשק אין מיין לעבען, מיך עקעלט שוין דער „ווייסער קראָט״. געסטערן זייט איהר צו מיר געקומען און איהר האט מיר גע־פונען שלעפענדיג דיא האַלץ. איהר האט צו מיר געזאגט:

— מיין פריינד, איך בין ניט רייך, אבער איך קען פאר אייך געפינען לייכטערע ארבייט און א בעסערע פערדיענסט, איהר וועט אם וועניגסטען פערדיענען פיער פראנק א טאָג.

אָה, איך האָב ניט געגלויבט, אז איך הער עס מיט מיינע אויערן. אזא פער־דיענסט איז דאך גאר א קייזערליכע! איך האָב געענטפערט, אז מעהר וויל איך ניט איהר האט אבער געזאָגט, אז איך מוז האבען אנדערע קליידער, זאָגסט וועל איך ערשרעקען דעם געשעפטסמאן צו וועלכען איהר ווילט מיך פיהרען. איך האָב אייך געזאָגט, אז איך האָב קיין געלד. איהר האט מיך געפיהרט אין א קליידער געשעפט און האט מיר געבאָרגט דאס געלד צו בעצאָהלען פאר מיינע קליידער. אין א האַלבע שטונדע ארום בין איך אויסגעפּוצט געוואָרען וויא דער אייגענטהימער פון פיעל הייזער. דאן האט איהר מיט מיר אָבגערעדט, איך זאָל אייך הייטע טרעפען ביי פּאָרט סאנט דעניס. איך האָב אייך דאָרט געפונען ווארטענדיג מיט א פּאאר פערד, און אט אזוי זיינען מיר עס געקומען אהער.

— אבער וואצו דערצעהלט איהר עס און וואס טהוט אייך דאָ אזוי לייד?

— דיא זאכע איז דיעזע, מאַנסיו מאָרפי, איך בין גוט געקליידעט און דאס פיהרט מיך איבער. ווען איך וועל מוזען צוריקגעהן צום וואסער שלעפּען דיא קלעצער און צוריק קריכען אין מיין נאָרע שלאפען אין נאסע נעכט וועט עס מיר יעצט זעהר פיעל שמערצען. אויסער דעם קען איך ניט פערשטעהן, וויא מען פערדיענט פיער פראַנק א טאָג, ווען אין מיין גאנצען לעבען, האב איך אין בעסטען טאָג ניט פערדיענט מעהר פון צוויי פראַנק. מיר שיינט עס צו זיין צו גוט און ניט אויף לאַנג. איך וויל בעסער שלאָפען מיין גאנצען לעבען אויף מיין בינדעל שטרוי אין מיין נאָרע, איידער צו פערזוכען עטליכע נעכט אין א ווייכע בעט און נאכדעם ווידער געהן און ליעגען אין בלאָטע. דאָס איז דיא אורזאכע ווארום איך בין ניט צופריעדען.

— עס איז זעהר ריכטיג; אבער אימער שלאָפען אין א בעט איז דאָך געוויס ניט שלעכט.

— דאס איז קיין צווייפעל. א פולער בויך מיט ברויט איז געוויס בעסער וויא א הונגעריגער מאָגען.

— האללאָ! אָט איז א שלאכט-הויז! — האט האלזשניידער אויסגעשריען, ווען ער האט פּלוצלינג דערזעהן א יאטקע מיט א סך געשלאכטעטע רינדער.

— דיעזע שלאכט-הויז בעלאנגט צו מיינעם א פריינד. ווילט איהר אריינגעהן בעטראכטען דיעזע יאטקע זאָלאנג דיא פערד חאפּען אָפּ דעם אָטהעם? — האט מאָרפי איהם געפרעגט.

— געוויס! דאָס עראינערט מיך אָן מיין יוגענד; אויסער דאס דיא שלאַכט-הויז אין מאָנטפּויקאָן איז געווען אין דרויסען און מאָגערע אויסגעמאטערטע נבילות ווארען מיינע אָפּפער. גלויבט מיר, אז ווען איך וואלט געהאט געלד וואלט איך גע-מאכט אן אייגענעם שלאכט-הויז. ארויסצוגעהן אין מארק און קויפען שאָף און רינ-דער, צו קומען א היים און זיך ווארימען ביי אן אייגענעם אויווען, און א שעהנע גוטע פרוי זאָל מיך אויפנעהמען, א עטליכע קליינע קינדער זאָלען אויסליידיגען אלע טאשען זוכען וואס מען האט זיי געקויפט, דאס איז דאך א נחת! און נאכדעם גאנץ פריה נעהמען א געזונטען יונגען עקסעל פאר דיא הערנער — פייער און פלאם! א שלעפּ טהאן איהם צום וואנד, א שליידער טהאן צו דער ערד, דורכשניידען זיין האלז און דאן אָפּשניידען זיין פעל! דאָנער וועטער! דאס איז דאך דער גרעסטער נחת אין דער וועלט, דאס וואלט דאך מיר געווען אזא תעניג, וויא בלומען און צוקער ביי דער ארמער נאכטיגאל! — יא, ריידענדיג וועגען דער ארמער נאכטינאל, מוז איך אייך זאָגען, מאַנסיו מאָרפי, דאס איך רעכען, אז מאַנסיו רודאלף האט זיא צוגענומע

פון דער העלע אין „ווייסען קראָט". אָה, דאס איז איז אן אמת גוטע טהאט. ארמע נאכטיגאל, זיא איז נעביך אריינגעפאלען געגען איהר ווילען. זיא וואר נאך אזוי יונג; אָבער פריהער אדער שפּעטער, דיא געוואהנהייט וואָלט אויך זיא ערטרונקען. אָה, מאָנסיו רודאָלף האט געטהאן א גוטע זאך!

— איך האב אויך דיעזעלבע מיינונג, אָבער ווילט איהר אריינגעהן און בע־טראכטען דיא יאטקע זאָלאנג דיא פערד רוהען זיך אָפּ?

האלזשניידער און מאָרפי זיינען אריין אין דער יאטקע, האבען בעטראכט דיא ריינע קלעצער, נייע וואָגשאלען און אלע איינריכטונגען צום פערקויפען, דאן זיינען זיי אריין אין הויף האבען בעטראכט דיא שטאלען וואס ווארען פול מיט שאָף, קעלבער און רינדער. דאן זיינען זיי געווען זעהן דיא פערד, דיא שלאכט־הויז און אלע אנדערע אבטהיילונגען. אלעס וואר ריין, אלעס וואר אין בעסטען אָרדנונג. ווען זיי האבען אלעס בעטראכט אויסער דעם אויבערשטען עטאזש, האט מאָרפי געזאָגט:

— נו, וואס דענקט איהר, איז מיין פריינד ניט גליקליך? דיעזע הויז און דאס געשעפט בעלאנגען צו איהם, אויסער דעם האט ער א טויזענד דאָלאר קאפּיטאל צו פיהרען דאס געשעפט. פערגעסט ניט, אז ער איז בלויז אכט און דרייסיג יאהר אלט, שטארק וויא אן אקס, האט אן אייזערנעם קערפּער און איז פערליעבט אין זיין געשעפט. דיעזער געשיקטער און פלייסיגער אינגעל גיט אכטונג אויף דאס געשעפט, ווען דער אייגענטהימער איז אין מארק און קויפט איין וואארע. דענקט איהר ניט, אז מיין פריינד איז א גליקליכער מענש?

— געוויס, איז ער א גליקליכער. אָבער וואס איז דער וואונדער. עס גיעבען גליקליכע און אונגליקליכע. איך עראינער מיך, אז איך ווער פערדיענען פיער פראנק א טאג און אנדערע פערדיענען קוים איינעם.

— ווילט איהר געהן און זעהן דעם איבעריגען טהייל פון הויז?

— מיט פערגניגען, מאָנסיו מאָרפי.

— ווייסט איהר ווארום, דער מאן וואס וועט אייך בעשעפטיגען איז אויפ'ן צווייטען עטאזש?

— וואס? מיין נייערווירט? — ווארט נור א ווילע. ווארום האט איהר עס מיר פריהער ניט געזאגט?

— איך וועל עס אייך שפּעטער ערקלערען.

— ווארט א ווילע! — האט האלזשניידער געזאגט מיט א צובראָכענעם קול נעהמענדיג מאָרפי'ס האנד — הערט מיך אויס, איך מוז אייך זאָגען עטוואס, וואס מאָנסיו רודאָלף האָט אייך פיעללייכט ניט ערצעהלט, אָבער וואס איך מוז ענטדעקען

דעם מאַן, וואָס וועט מיר בעשעפטיגען. טאָמער וועט ער עס ניט וועלען, איז כ׳על בעסער ער זאָל עס וויסען יעצט איידער שפּעטער.

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין, איך מיין, איך מיין, אַז איך בין אַן אַרעסטאַנט, איך בין געוועזען אין קאַטאָרגע! — האָט האַלושניידער געזאָגט אין אַ צובראָכענעם קול.

— אָה!

— אָבער איך האָב ניעמאַלס איינעם שלעכטעס געטהאָן! — האָט האַלושניידער אויסגעשריען — און איך וועל בעסער שטאַרבען פון הונגער איידער צו גזל׳נען. איך האָב ערמאָרדעט, אָבער דאָס וואָר פון אויפרעגונג. דאָס איז נאָך ניט אַלעס, איך וועל אין גאַנצען ערצעהלען מיין נייען ווירטה. מיר איז בעסער מען זאָל מיר ענטזאַגען פון אָנפאַנג איידער מען זאָל עס אויסגעפינען נאָכדעם. איהר קענט איהם דאָך; אויב איהר דענקט, אַז ער וועט מיר ניט וועלען, ערשפּאַרט מיר דיא שאַנדע און איך וועל בעסער געהן צוריק וויא איך בין געקומען.

— אָה, קומט מיט מיר! — האָט מאַרפי געזאָגט פיהרענדיג האַלושניידער׳ן ביי׳ן האַנד.

דיא צוויי זיינען אַרויף דיא טרעפּ, אַ טהיר האָט זיך געעפענט און ביידע האָבען זיך געפונען אין רודאָלף׳ס געגענוואַרט.

רודאָלף האָט אַ וואונק געטהאָן און מאַרפי איז גלייך צוריק אַרויס.

19טעם קאַפּיטעל.

דיא בעלוינונג.

— גוט מאָרגען! מיך פרעהט אייך ווידער צו זעהן, מאָנסיו רודאָלף אָדער ריכטיגער געזאָגט, אייער האָהייט, — האָט האַלושניידער געזאָגט.

— גוט מאָרגען, מיין פריינד! מיך פרעהט עס ניט ווייניגער דיך צו זעהן!

— אַך, וואָס פאַר אַ שפּאַסמאַכער מאָנסיו מאַרפי איז. ער האָט געזאָגט, אַז איהר זייט אָבגעפאָהרען — אָבער וואַרט מיין לאָרד —

— רוף מיך מאָנסיו רודאָלף, איך ליעב דיעזען טיטעל אַם בעסטען.

— זאָל זיין מאָנסיו רודאָלף. זייט מיר נור מוחל וואָס איך בין אייך ניט געקומען זעהן נאָך יענער נאַכט מיט׳ן לעהרער. איך פיהל יעצט, אַז איך וואָר ניט אַנשטענדיג, אָבער איהר האָט ניט געוואָלט איך זאָל אייך בעזוכען ניט וואָהר?

— אָה, איך בין עס דיר מוחל, — האָט רודאָלף געזאָגט שמייכלענדיג — האָט מאָנסיו מאַרפי דיר געוויעזען דאָס הויז.

— יאָ, מאָנסיו רודאָלף. עס איז אַ שעהנעס הויז, אַ שעהנע און זעהר אַ

בעקוועמע שלאבט-הויז. יא, איך וויל אייך ערצעהלען, אז מיר וועט באלד אויך ווערן גוט. מאַנסיו מאַרפי האט פאר מיר בעקומען ארבייט, וואו איך קען פערדיענען פיער פראנק א טאָג. איהר הערט, פיער פראנק א טאָג!

— דאס איז ניט פיעל. איך האב דיר פאַרצושלאָגען א בעסערע זאך, מיין ליעבער פריינד.

— בעסער! איך וויל אייך ניט מאכען פאר א ליגנער, אָבער איך וואלט אייך געזאָגט, אז בעסער קען ניט זיין. איהר פערשטעהט, וואס פיער פראנק א טאָג בעטרעפט!

— איך זאג דיר נאך אמאל, אז איך האב פיעל בעסערעס פאר דיר, דיעזעס הויז און אלעס וואס דא געפינט זיך, דיעזע שלאבט-הויז און דיא טויזענד דאָלאר, וואס ליעגען אין דיעזען טיש, אלעס — בעלאַנגט צו דיר.

האלזשניידער איז געבליעבען פערוואונדערט שטעהן און האט זעלבסט ניט געוואוסט, וואו ער איז. ער האט קאָנוואולסיוו געצויגען און געשלעפט זיין ראָק, איהם האט געשיינט, אז ער פערשטעהט ניט וואס רודאלף האט איהם געזאָגט.

רודאָלף האט זעהר פריינדליך וויטער געזאגט:

— איך פערשטעה דיין איבערראשונג, אָבער איך פערזיכער דיר, אז דיעזעס הויז און דיעזעס געלד זיינען דיין אייגענטהום.

האלזשניידער איז געווארען רויטה, האט זיך גענומען רייבען זיין שטערען און האט געזאגט:

— דאס הייסט — דאס הייסט — דאס הייסט, עס איז מיינע.

— יא דיינע! איך שענק עס דיר, דוא פערשטעהסט? איך גיב עס דיר דוא זאָלסט עס האבען.

האלזשניידער האט זיך געוואָרפען אויף א שטוהל, האט אראבגעלאָזען זיין קאָפּ און האט אריינגעהאקט זיינע אויגען אויפ׳ן באדען און האט קיין וואָרט גערעדט. ער האט געפיהלט, אז זיין פערשטאנד ווערט צומישט; ער האט אלעס געהערט וואס רודאלף האט איהם געזאגט, אבער ער האט עס ניט געקענט איבערטראָגען. צווישען דיא טיעפע ארמוטה און ערנידערונג, וואו ער האט זיך אימער געפונען און דאס גליק וואס רודאלף האט איהם דא געגעבען, ליעגט א טיעפער גראבען, וועלכען איהם האָט געשיינט, אז אלע זיינע לייסטונגען פאר רודאָלף׳ן קענען דיעזען גראבען ניט אנפיהלען.

— גלויבסט דוא ניט, אז איך מיין וואס איך זאג אדער דאס איז מעהר ווי־פיעל דוא האסט ערווארטעט?

— מיין לארד! — האט האלזשניידער געזאגט אויפשטעהענדיג האסטיג פון זיין פלאץ, איהר גיט מיר דיזעס הייז און א גרויסע סומע געלד צו פרובירען מיין כאראקטער; אבער איך קען עס ניט נעהמען, איך האב אין מיין לעבען ניעמאלס גע־רזיבט; איך האב געטויטעט, דאס איז וואהר, אבער מיינע חלומות האבען מיך גענוג בעשטראפט!

— אונגליקליכער! — האט רודאלף מיט פערדרוס אויסגערופען, אזוי וויניג פריינדשאפט זעהט איהר אין דיזער וועלט, דאס זיי קענען ליעבעראליטעט ניט פערשטעהן אויסער אלס א פראבע אדער א בעלאהנונג פאר פערברעכען.

ווענדענדיג זיך צו האלזשניידער האט ער אין א מילדען טאן געזאגט!

— דוא טוהסט מיר אן עולה און נארסט זיך אליין. איך וועל פון דיר קיין זאך וואס עס איז ניט עהרליך ניעמאלס פערלאנגען; איך גיב דיר נור וואס דוא האסט פערדיענט.

— איך! — האט האלזשניידער אויסגעשריען. איך האב עס פערדיענט — און מיט וואס?

— איך וועל עס דיר ערקלעהרען. זייענדיג פערוואָרפען פון קינדהייט אן, אייִדער דוא האסט געלערנט צו אונטערשיידען פון גוטעס ביז שלעכטעס, זייענדיג איבערגעלאזען צו דיין טהיערישען אינסטינקט, זייענדיג פערשפארט פונפצעהן יאהר אין קאזעמאט, פערברייננענדיג אין הונגער און דורשט צווישען דיא גרעבסטע מענשען, זייענדיג געצוואונגען צו ליעגען אין דער געזעלשאפט פון באנדיטען און מערדער און דאך, ביזט דוא געבליעבען עהרליך; דוא האסט געלייסטעט אזעלכע גוטע טהאטען, וועלכע וואשען פון דיר אפ יעדען פלעק פון דיין פערברעכען, זאגאר ווען דיא גערעכטיגקייט וואלט דיך ניט בעשטראפט.

דיעזע קליינע רעדע איז פאר האלזשניידער געוועזן אן אורזאכע פון נייעם וואונדער און ערשטוינען. ער האט געקוקט אויפ'ן רעדנער מיט בליקען, וואו רעספעקט און דאנקבארקייט ווארען פערמישט; אבער דאך האט ער נאך אלץ ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט און וויא דאס אלעס אנצונעהמען.

— וויא איז דאס מעגליך, מאנסיו רודאלף, — האט ער געזאגט — ווייל איהר האט מיך דורכגעקלאפט, ווייל איך האב דיר געהאלטען פאר אן איינפאכען ארבייטער וויא איך אליין, ווייל דוא האסט גערעדט רייד זיס וויא צוקער, ווייל איך האב דיר ערצעהלט מיין לעבענסגעשיכטע זיצענדיג ביי א פאאר גלאז ווין און נאכדעם האב איך דיר גערעטעט פון וואסער. דערפאר גיט איהר מיר א הויז — געלד — איך

זאל זיין א גאנצער געשעפטס מאן! ענטשולדיגט מיר מאַנסיו רודאָלף—דאס גלויבט זיך מיר ניט!

— דוא האָסט מיר געגלויבט וויא זיך אליין און האָסט מיר ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון דיין לעבען נאטירליך און אָפּענהערציג; דוא האסט פון מיר ניט פערבאָרגען, וואס עס איז מיאוס און האָסט אָהן צופיעל גאוה ערצעהלט וואס עס איז שעהן. איך האב דיך געאורטהיילט און האב בעקומען א גוטען מיינונג איבער דיר, און עס פערשאפט מיר פערגעניגען דיך צו בעלוינען.

— אבער מאַנסיו רודאָלף, דאס קען ניט זיין. ניין, דאס קען ניט זיין. עס גיעבען געגוג עהרליכע ארבייטער, וואס ארבייטען שווער זייער גאנצען לעבען און בלייבען עהרליך און אנשטענדיג און קיינער בעלוינט זיי ניט!

— איך וויים דאס. פאר פיעלע פון זיי האב איך פיעללייכט געטאהן מעהר וויא פאר דיר; אבער דאס איז ניט אלעס. — דוא האסט גערעטעט מיין לעבען, דוא האסט אליין גערעטעט דאס לעבען פון מיין טהייערסטען פריינד אין דער וועלט. וואס איך טהו פאר דיר איז מעהר פון פערזענליכער דאנקבארקייט אלס פון דעם וואונש צו רעטען פון זומפּ אן עדעלען און נאָבעלען כאראקטער, וועלכער איז געלעגען אין שטויב אבער וועלכער איז דאך ניט פערלארען געווארען. דאס איז אבער נאך ניט אלעס—

— וואס נאך האב איך דען געטאהן, מאַנסיו רודאָלף?

רודאָלף האט גענומען האלזשניידער'ס האנד און האט געזאָגט:

— דוא ביזט געריהרט געווארען פון דעם עלענדען צושטאנד פון דעם וואס האט דיך געוואלט ערמארדען און האָסט איהם פאָרגעליינט דיין הילפע. דוא האסט איהם זאגאר אריינגענומען אין דיין ארמע ביידעל, אין נומער 9 פון דער פינסטערער געסעל נעבען נאטער דאם.

— וואס, איהר מאַנסיו רודאלף ווייסט וואו איך וואוין?!

— יא. ווייל דוא האסט פערגעסען דיינע לייסטונגען פאר מיר, דארום האב איך זיי ניט פערגעסען. ווען דוא האסט פערלאָסען מיין הויז איז מען דיר נאָכגעגאנגען און מען האט געזעהן וויא דוא ביזט אהין אריין מיטן לעהרער.

— אבער מאַנסיו מארפי האט מיר געזאגט אז איהר האט ניט געוואוסט וואו איך בין?

— איך האב דיך געוואלט פרובירען ביז דאס לעצטע; איך האב געוואלט זעהן, אויב דוא זוכסט קיין דאנקבארקיים פאר דיין גראָסמוטהיגקייט. איך האב זיך איבערצייגט, אז נאכדעם וויא דוא האסט פאָלענדעט דיינע מוטהיגע טהאטען האסט

דוא זיך אומגעקעהרט צו דיין שווערע ארבייט, האסט קיין זאך געבעטען, האסט אויף קיין זאך געוואַרט, האסט זיך זאגאר מיט איין וואָרט ניט בעקלאַגט געגען דיא אונדאנקבארקייט מיט וואס דוא ביזט פֿאר אלעס בעלוינט געווארען; און געסטערען, ווען מאַנסיו מאַרפי האט דיר פאַרגעליינט. א קליינע שטעלע בלויז פיער פראנק א טאג האסט דוא עס אנגענומען מיט דאנקבארקייט און פריידע.

— הערט מיך אויס מאַנסיו רודאָלף, — האט האלזשניידער זיך אפגערופען — פיער פראנק א טאָג בלייבען פיער פראנק א טאג. וואס אנבעלאנגט צו מיינע לייסטונגען דארף איך דאפיר דאנקבאר זיין.

— וויא זא?

— יא, יא, מאַנסיו רודאָלף, — האט האלזשניידער מיט אן ערנסטען טאָן געזאגט — איהר האט מיר געגעבען גוטע געדאנקען. זייט איך האב אייך בעגעגענד און איהר האט מיר צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געזאגט, אז איך האב א הערץ און אן עהרענגעפיהל, בין איך גאר אן אנדער מענש. עס איז דאך מערקווירדיג, וויא דיעזע פּאָאר ווערטער זאלען אויף מיר אזוי ווירקען און זאלען זאגאר ניט ארויס פון מיינע געדאנקען; אבער דאָך אזוי איז עס. מען פערזעעט קליינע קערנער אין דער ערד און פון זיי וואקסען ארויס גרויסע זאנגען.

דיעזער פּאָליטישער פערגלייך איז רודאָלף'ן אויפגעפאלען. טאקי נור צוויי ווערטער, אבער פיר דאס געוועהנליכע און פערפּראָרענעס הערץ ווארען זיי א ווארעמער באַלזאַם, וואס האט פּראָדוצירט א נייעס, גאנץ נייעם גראַסמוטהינען מענשען.

— האסט דוא געדונגען קעסט פּאַר'ן לעהרער אין סאַנט מאַנדעל? — האט איהם רודאלף געפרעגט, אום איהם אין א נייעם געשפרעך צו ברענגען.

— יא, מאַנסיו רודאלף. איך האב פאר איהם אויסגעביטען דיא פּאַפּיר אין גאָלד שטיקע, איך האב פאר איהם געקויפט א גארטעל, וועלכען איך האב ארומגענעהט ארום איהם, אין דיעזען גארטעל האב איך אריינגעלעגט זיין גאלד און א גוטען טאָג. ער עסט קעסט ביי גאנץ עהרליכע מענשען, וואס רעכענען איהם זעהר ביליג און בעטראכטען איהם אלס א גליק פאר זיי. ווען איך וועל האָבען צייט אבצוטרעטען פון דאס וואסער און האלץ, וועל איך געהן זעהן, וויא איהם געהט.

— ווארום רעדסט דוא פון האלץ און וואסער און פערגעסט דיין שלאַבט-הויז און דיין היים?

— איך בעט אייך, מאַנסיו רודאָלף, מאכט מעהר קיין שפּאסס פון אן ארמען טייוועל וויא איך בין; איהר האט מיך שוין פּרובירט, וויא איהר רופט עס. מיין הויז, מיין שלאַבט-הויז! דאס איז נור א ליעדעלע צו זינגען. איהר האט זיך גע־

קלערט: „לאמיר זעהן, אויב דיעזע חיה, דיעזער האלזשניידער וועט זיין נארדיש גע־נוג צו גלויבען, אז איך האב איהם אריינגעזעצט אין אזא פאלאסט.“ אבער איהר זייט שוין צו וויט געגאנגען, זעהר וויט. איהר זייט א דזשענטעלמען, אבער דאך שפיעלט איהר זיך מיט מיר צופיעל.—האלזשניידער האט זיך צולאכט אויפ'ן קול און האט גאר ניט אויפגעהערט.

— אבער איך בעט דיך, דוא זאלסט מיר דאך א מאל גלויבען!

— אָה, ווען איך זאל גלויבען, אז איהר וועט מיר שענקען אן אוצר פאר גאר נישט, דאן וועט איהר זיכער זאגען: ארמער האלזשניידער. איך בעדויער דיך, מען דארף דיך קורירען פון משוגעת!

רודאָלף איז געווארען צומישט. ער האט ווירקליך ניט געוואוסט וויא אזוי דעם ארמען צו איבערצייגען, אז ער מיינט וואס ער זאגט איהם. ער האט געמאכט אן ערנסטע מינע און אין אן ערנסטען און שטארקען טאָן האט ער איהם געזאָגט:

— הער נור האלזשניידער. איך מאך קיין שפאס מיט דיא דאנקבארקייט און ערגעבענהייט, וואס נאָבעלע טהאטען ערוועקען אין מיין הערץ. איך האב שוין דיר איין מאל געזאָגט, אז דיעזעס הויז און אלעס, וואָס דאָ געפינט זיך בעלאנגט צו דיר—אויב דיר געפעהלט—ווען ניט האב איך פאר דיר עטוואס אנדערש. איך שווער דיר אויף מיין עהרע, אז דאס אלעס בעלאנגט צו דיר, און איך גיעב עס דיר נור פאר דיא אורזאכען, וואס איך האב דיר פריהער ערקלעהרט.

דיעזע ערנסטע שפראכע האבען האלזשניידער'ן געגעבען גאנץ אנדערע געדאנ־קען. א היבשע ווילע האט ער זיין וואָהלטהעטער אנגעקוקט מיט שטומע בליקען, נאכהער האט ער געזאגט מיט א קול פון טיעפער ריהרונג:

— איך גלויב אייך מיין לארד און איך בין אייך דאנקבאר. אן ארימאן וויא איך קען קיינע פיינע רעדען ניט האלטען; נור איך זאָג אייך נאך א מאל, אז איך בין אייך דאנקבאר. אלעס וואס איך קען פערשפרעכען איז, דאס איך וועל ניעמאלס ענטזאגען הילפע און שטיצע פאר דיא אונגליקליכע; וויל הונגער און ארמוטה זיינען דיא זעלבע מכשפות וויא דיא וואס האט געפלאָגט דיא שעהנע נאכטיגאל; ווען אן ארימאן זינקט איין מאל אין בלאָטע האט ער זעלטען א געלעגענהייט צו געפינען א מאַן מיט קרעפטען, וואס זאל איהם פון דארט ארויסשלעפען.

— מיין פריינד דוא האסט דיין דאקבארקייט ניט געקענט בעסער אויסדריקען וויא מיט דיעזע ווערטער, קיין בעסערע דאנקבארקייט וויא דיעזע גיט גאר אויף דער וועלט נים.

— דאס איז גוט איך וואלט גֶעבליעבען אין פערלעגענהייט, ווען איהר וואלט פון מיר פערלאנגט אנדערע בעווייזע.

— יעצט לאמיר געהן בעקוקען דיין פערמעגען; מאָרפּי האט דיעזען פערגעניגען געהאט, איך וואלט עס אויך וועלען געניסען.

רודאָלף און האלזשניידער זיינען אראָפּ פון דיא טרעפּ. באלד וויא זיי זיינען אריין אין הויף, האט דער אינגעל זיך געווענדעט צו האלזשניידער און האט העפליך געזאגט:

— מיין הערר, קונדען ווארטען אויף פלייש. מיר מוזען שלאכטען א פּאאר שעפּסען פאר זיי.

— ביי גאָט,—האט רודאָלף צו איהם געזאָגט, יעצט האסט דוא א גוטע גע־לעגענהייט צו וויזען דיינע פעהיגקייטען. איך וואָלט עס גערען געוואלט זעהן.

— איהר זייט זעהר פריינדליך מאָנסיו רודאָלף. איך וועל פּרובירען ווייזען מיין קראַפט.

— זאל איך אריינפיהרען צוויי שעפּסען אין שלאכט־הויז, מיין הערר?—האט דער אינגעל געפרעגט.

— יא. ברענג מיר א שארפען מעסער, ניט זעהר שארף ביי'ן שפּיץ און מיט א געזונטע הענטעל.

— איך האָב דעם ריכטיגען מעסער, שארף וויא א בריטווע,—האט דער אינ־געל געענטפערט—היער איז עס.

— דאָנער וועטער! האט האלזשניידער אויסגעשריען אראָפּוואַרפענדיג זיין ראָק, פערקאשערענדיג דיא ארבעל און אנשטאלענדיג זיינע געזונטע ארמען—דיעזע אר־בייט ברענגט מיר צוריק מיין יוגענד און דיא קרעפטען פון שלאכט־הויז. איהר וועט זעהן וויא איך ארבייט. אך וויא עס ווילט זיך מיר דיא ארבייט. אהער אינגעל מיט'ן מעסער.

— אה, דאס איז דיא געצייג; איך זעה, אז דוא פערשטעהסט דיין געשעפט. וואס דארף איך דען בעסערעס. דאנער וועטער! מיט דיעזען מעסער שלאכט איך דעם שטארקסטען אקס!

האלזשניידער האט געמאכט מיט'ן מעסער אין אלע זייטען. זיינע אויגען זיי־נען פלוצלונג פערלאָפען געווארען מיט בלוט: דער ברוט האט בעוויזען זיין בעסערן טהייל אין כאראקטער; זיין בלוט־דורשטיגקייט האט זיך אין איהם ערוועקט און ער איז געווארען געפעהרליך.

— דיא שלאכט־הויז איז געווען א בעקוועמע און א ליכטיגע.

דער אינגעל האט ארייננעפיהרט א שעפס און האט געפרעגט אויב ער זאל לאזען בינדען דעם שעפס.

— בינדען? וואצו דארף א מענש זיינע קניע? זיי נור רוהיג, איך וועל דעם שעפס ארייגעהמען צווישען מיינע פיס.

דער אינגעל האט ארייננעלאָזען דעם שעפס אין שלאכט־הויז און איז אריין צוריק אין יאטקע. רודאלף איז געשטאנען און האט אויפמערקזאם נעהיט דעם אויפגערעגטען האלזשניידער.

— געה צו דער ארבייט! — האט רודאלף צו איהם געזאָגט.

— יא, און זעהר שנעל. דאנער וועטער! איהר וועט באלד זעהן וויא איך האלט א מעסער. מיינע הענד ברענען! אין מיינע אויערען רוישט עס! מיינע שליי־פען קלאפּען גלייך וויא איך זעה בלוט. קום אהער שעפסעלע איך וועל דיך צו־שניידען אין שטיקער.

זיינע אויגען האבען אויפגעפלאמט; ער האט אין גאנצען פערגעסען וואס ארום איהם טהוט זיך. ער האט נעחאפּט דעם שעפּס אין ביידע הענד, האט עס אויפ־געהויבען פון דער ערד און איז מיט איהר געלאפען צום פלאץ וואו מען שלאכטעט, וויא א וואָלף, וואס פערצוגט א שעפּס.

קומענדיג צום פלאץ האט ער א דרעה געטאהן דעם שעפּס, האט עס אריינ־גענומען צווישען זיינע פיס, האט אויסגעצויגען זיין האלז און מיט א ווילדען בלוט־דורסטיגען פייער האט ער איבערגעשניטען איהר האלז.

אין זעלבען אויגענבליק וואס דער שעפּס האט דערפיהלט דעם מעסער האט עס געגעבען א קרעכץ און האט אנגעשטעלט זיינע שטערבענדע אויגען צום שוחט, גלייך וויא עס וואלט פרעגען: „וואָס האב איך דיר געטאהן?“ און פון זיין האלז האט א שפּריץ געטאהן בלוט אויף האלזשניידערס געזיכט.

דער קרעכץ, דער בליק, דאס בלוט, האבען געמאכט א שרעקליכע ווירקונג אויף דיעזען מאַן. דאס מעסער איז ארויסגעפאלען פון זיינע הענד. זיין געזיכט איז געווארען שווארץ, טרויעריג און פאָל מיט צייכענס פון שרעק; זיינע אויגען זיינען געווארען פירכטערליך, זיינע האאר האט זיך אויפגעשטעלט. ער האט זיין קרבן אבגעלאָזען און האט אויסגעשריען:

— אה! דער פעלדפעבעל! דער פעלדפעבעל!

רודאָלף איז צו איהם צוגעלאָפען.

— דארט! דארט! דארט איז דער פעלדפעבעל! — האט ער געשריען מיט שרעק אין האט געוויזען מיט'ן פינגער אויף איין זאך וואס קיינער האט נים געזעהן.

פלוצלונג האט ער זיך א טרייסעל געטאהן, גלייך וויא איינער וואלט איהם דורכגע־שטאָכען מיט א שפיעז און ער איז צוגעלאָפען צום וואנד און האט זיין ברוסט, זיינע הענד און געזיכט צוגעדריקט צום וואנד, אזוי וויא ער וואלט זיך וועלען דורך איהר דורכקוועטשען אום צו אנטלויפען פון דעם שרעקליכען גייסט, און אין א שטימע פון פערצווייפלונג האט ער געשריען:

— דער פעלדפעבעל! דער פעלדפעבעל!

20טעס קאפיטעל.

דער אבשיער.

רודאָלף און מאָרפי האבען אנגעווענדעט אלע מיטלען צו בערוהיגען און איינ־צושטילען דעם ערשראָקענעם האלזשניידער. ווען דיא שרעק איז פון איהם אוועק און ער האט געקענט זעהן און פיהלען אלעס וואָס ארום איהם, האט ער דערזעהן, אז ער געפינט זיך אין א צימער און לעבען איהם זיצט זיין פריינד רודאָלף.

אייער האָהייט איז צו מיר געווען זעהר פריינדליך, — האט ער אין און אונ־טערטהעניגען קול געזאָגט — אָבער איך וואלט זיך געוואונשען צו זיין א טויזענד מאָל ארמער וויא איך בין געווען איידער צו זיין אין דיעזען שלאַכטעריי געשעפט.

— אָבער דוא האסט פיעללייכט בעדארפט זיך בעסער איבערלייגען.

— אָה, מיין הערר, ווען איך האב דערהערט דעם קרעכץ פון דעם ארמע שעפס, וועלכעס האט זיך ניט געקענט פערטהיידיגען, ווען איך האב געפיהלט איהר בלוט אויף מיין געזיכט, איהר הייסע זודיגעס בלוט — אה! איהר ווייסט ניט וואָס דאס איז פאר א געפיהל! פון אזא געפיהל איז צו מיר געקומען מיין חלום, דאס בילד פון יענעם פעלדפעבעל און דיא סאָלדאטען וואָס איך האב געשלאַכטעט, און זיי האבען זיך ניט פערטהיידיגט; וועלכע האבען אויף מיר געקוקט מיט דיעזעלבע בליקען דיא לעצטע סעקונדע פון זייער לעבען. אָה, מיין הערר, דאס קען מיך אראָב־פיהרען פון זינען. ענטשולדיגט מיר מיין הערר, איך קען מעהר ניט זעהן דעם שארפען מעסער, איך קען מעהר ניט פערגיסען בלוט. יעדען אויגענבליק וועט דיא שלאַכטהויז מיר ווייזען מיין שרעקליכען חלום וועלכען איך האב שוין אָנגעפאנגען צו פערגעסען. איך זאל איינשמירען מיינע הענד אין בלוט און זאָל שניידען דיא העלזער פון אזעלכע טהיערע, וואָס קענען זיך ניט וועהרען — אה! ניין און ניין! איך קען דאס ניט טהאן! איך וויל בעסער בלינד ווערען, וויא דער לעהרער, איידער איך זאָל האבען אזא בעשעפטיגונג.

רודאָלף איז געריהרט געוואָרען ער וואר צופריעדען, וואָס דער בליק אויף בלוט האט זיין פריינד ערשראָקען. אויף איין אויגענבליק האט דער אינסטינקט פון

א ווילדע חיה טריאומפירט איבער דיא מענשליכע געפיהלען אין האלזשניידערס הערץ; אבער געפיהלען האבען בעזיעגט דעם שלעכטען אינסטינקט.

— ענטשולדיגט מיר, מיין לאָרד,—האט האלזשניידער זעהר שטיל געזאָגט—איך בעצאָהל אייך זעהר שלעכט פאר אלע אייערע פריינדליכקייט. אָבער—

— אָה, ניין, ניין, מיין גוטער פריינד. איך האב דיר שוין געזאָגט, אז דיעזע מתנה איז מיט א תנאי. איך האב פאר דיר אויסגעקליבען א שלאכט=הויז, ווייל איך האב גערעכענט, אז אזא געשעפט איז ריכטיג נאך דיין פעהיגקייט און געשמאק, און דוא וועסט עס אננעהמען מיט פערגניגען; אבער יעצט האָב איך פאר דיר א גאנץ אנדער פלאן: א מאן וואס בעזיצט א גרויסען שטיק לאנד אין אלגיר, וועט מיר פערקויפען פאר דיר צוויי שעהנע קאָלאָניעס. דאס לאנד איז פאָלשטענדיג גוט אויסגעארבייט און פרוכטבאר; איך מוז דיר אבער זאָגען, אז דיעזעס לאנד ליעגט האַרט ביי'ן בארג אטלאס און אראבער בעפאלען דארט זעהר אָפט. דאָרט מוז מען זיין א בעסערער סאָלדאט אלס ערד־ארבייטער. עס אין א פעסטונג און א קאָלאָניעביידע צוזאמען. דער מאן וואס זיצט דאָרט יעצט וועט דיך מיט אלעם בעקאנט מאכען; ער איז אן עהרליכער און גוטער מענש, דוא וועסט איהם קענען האלטען ביי זיך אזוי לאנג וויא דוא וועסט איהם דארפען. ווען דוא וועסט זיך דאָרט בעזעצען קענסט דוא דאָרט ערווערבען א פערמעגען און צו דערזעלבער צייט לייסטען דעם לאנד אן אונגעהייער גרויסע דיענסט. דיא דאָרטיגע קאָלאָניסטען זיינען סאָלדאטען; דיין פערמעגען אין לאנד און דיא צאָהל פון דיין דיענערשאפט און קאָלאָניסטען וועט דיך מאכען צום עלטסטען מאן איבער א גרויסע ארמעע. דורך דיין מוטה און קראפט און דורך דיין בעפעהלען און קאָמאנדירען דיא סאָלדאטען וועסט דוא בעשיצען אלע קאָלאָניסטען וואָס האבען זיך דארט בעזעצט.

מיר געפעהלט זעהר דיעזע אידעע, נור ווייל דאָרט צו זיין איז געפעהרליך און דארום וועסט דוא דאָרט געפינען א גרויסע פעלד צו געברויכען דיין קראפט, דיין מוטה און נאטירליכען גייסט פון פעכטען. דאס איז נאך דיין כאראקטער, און דאָס איז א נאָבעלע, העלדישע אויפגאבע צו שלאָגען זיך פאר רוהיגע און עהרליכע מענשען מיט ווילדע רויבער, וואס ווילען רויבען אן אונבעזיעגטעס לאנד. אויב דיר געפעהלט ניט דיעזע אידעע, דאן זאָג עס מיר אָפען און מיר ווערען פאר דיר געפינען אן אנדערע. אויב דיר געפעלט עס, קענסט דוא נאך הייטע אָבפאָהרען נאך אלגיר, אלעס וועט פאר דיר פאָרבערייט ווערען. ווען דוא וועסט אהין אָנקומען וועסט דוא דארט געפינען געלד פאר דיר. דאס לאנד און דיא הכנסות ברענגען פיעל געלד, ווען דוא וועסט פלייסיג ארבייטען האסט דוא דאָרט א געלעגענהייט צו מאכען א

פערמענען און צו העלפען און שיצען דיא קאָלאָניסטען. אַבוואָהל, איך וועל זיין וויים פון דיר, דאך וועל איך ניט פערגעסען, דאס איך און מיין בעסטער פריינד זיינען דיר שולדיג אונזער לעבען. דאס איינציגע וואס איך פערלאַנג פון דיר איז, דאס דוא זאָלסט זיך אויסלערנען צו לעזען און שרייבען, אום דוא זאָלסט מיר יעדע וואָך קענען שרייבען פון אַלעס וואָס מיט דיר טהוט זיך און, יעדעס מאָל ווען דוא וועסט זיין אין פערלעגענהייט זאָלסט דוא גלייך זיך ווענדען צו מיר.

דער לעזער וואס האט אויפמערקזאם געלעזען דיא שילדערונג פון האלזשניי־דערס כאראקטער פערשטעהט אליין, אז אזא פאָרשלאג איז געווען דאס בעסטע וואס דיעזען כאראקטער האט געקענט ענטציקען און געפעהלען.

אויף מאָרגען נאך רודאָלפ'ס פאָרשלאג איז האלזשניידער געווען אויף דער רייזע נאך אלגיר.

21טעם קאפיטעל.

נאָכפאָרשונגען.

דאס הויז אין וויוו שטראַסע וואר ניט רודאָלפ'ס ריכטיגער וואוינונג. ער האט בעוואוינט איינעם פון דיא גרעסטע פאלאסטען אין סאנט דזשורמאן, וואו עס האַ־בען זיך נעגרענעצט דיא פלומעט שטראַסע און דער בולוואר דע אינוואלידס.

אום צו פערמיידען דעם כבוד וואס מען וואלט איהם געגעבען אלס פרינץ און הערשער, האט ער דיא גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין פאריז געלעבט און געהאנדעלט אונטער זיין פערשטעלטען נאָמען.

צעהן אוהר האט יעצט געשלאָגען. אין רעכטען מיטען פון א גרויסען זאאל אויפ'ן אונטערשטען עטאזש, נעבען רודאָלפ'ס שטודיר צימער זיצט מאָרפי ביי א שרייב־טיש און שרייבט בריעף. א דיענער אין שווארצע קליידער מיט א זילבערנע קייט אויפ'ן האלז האט געעפענט דיא טהיר און האט געמאָלדען:

— זיין עקסעלענץ באראָן פאָן גראון.

מאָרפי האט זיך ניט געשטערט אין זיין ארבייט. ער האט דעם גאסט בע־גריסט מיט א צייכען פון פריינדליכקייט און העפליכקייט? מאָרפי, האט ניט ארויס־גענומען זיינע אויגען פון בריעף.

— מאָנסיו פריוואט סעקרעטער, איך ערווארטע אייער בעפעהל,—האט דער באראָן געזאגט ווערהענד ער האט זיך פערנייגט מיט דעם גרעסטען רעספעקט.

— מאָנסיו געשעפטס מייסטער, ווארט א י י ן אויגענבליק, איך בין באלד פאר איך פערטיג,— האט מאָרפי געענטפערט.

דער באראָן האט זיך געזעצט. ער וואר אומגעפעהר פופציג יאהר אלט. ער האט געהאט גראָע געגרייזעלטע און א ביסעל געפודערטע האאר. ער האט געטראָגען א שנעע ווייסען האלזטוך און א ברויטען שפיצינגען קאָלנער. זיין געזיכט וואר פאָל מיט מוטה און ענטשלאָסענהייט. אויף זיינע אויגען האט ער געטראָגען א גאָלדענע פּאנסנע; אבער זיין פייערדיגער און סאטירישער בליק איז מיט דיא גלעזער ניט פערשטעלט געוואָרען. זיין קערפּער וואר אריסטאָקראַטיש.

— מיר שיינט, טהייערער מאָרפי, אז זיין האהייט איז געווען אויף דיא גאַנצע נאכט, דען אייער קאָררעספּאָנדענציע איז זעהר גרויס.

— זיין האָהייט איז אום 6 אוהר מאָרגענס געגאנגען צור בעט. צווישען דיא בריעף האט ער געשריעבען איינעם פון אכט זייטען צום האף מייסטער, און האט מיר דיקטירט נאָך אזא גרויסען בריעף צום פּרעזידענט פון סענאט, פּרינץ פאָן האר־קאָווען־אלדיננזאאל, א קאזען צו זיין קעניגליכע האָהייט.

— ווייסט איהר, אז זיין זאָהן פּרינץ הענרי, האט איינגעטראָטען אלס לייטע־נאנט אין דיא לייב־גוואַרדיע פון זיין מאיעסטעט דער קעניג פון עסטרייך?

— יא, זיין האָהייט האט איהם זעהר הויך רעקאָמענדירט אלס זיינעם א קיוב. ער איז איין בראַווער יונגערמאַן. מיט א שאַרפען בליק און א גאָלדענעם הערץ.

— דער פאקט איז, מיין טהייערער מארפי, דאס ווען דער יעניגער פּרינץ הענרי וואָלט איינגעפיהרט געוואָרען אין קלויסטער פאָן סאנט הערמענגילדא, וואו זיין טאַנטע איז דיא עלטסטע, וואָלט דיא ארמע נאָנע —

— אויף מיין וואָרט באראָן! — האט מאָרפי אויסגעשריען.

— איהר פערשטעהט מיך? הא, הא, הא! דאס מאַכט דיא פּאריזער לופט, אבער לאָמיך רעדען ערנסט. זאל איך ווארטען ביז זיין האהייט וועט ערוואכען אום איהם איבערצוגעבען אלע מיטטהיילונגען וואס איך האב געבראכט?

— ניין, מיין טהייערער באראָן. זיין האָהייט האט בעפוילען מען זאל איהם ניט וועקען ביז צוויי אדער דריי אוהר נאכמיטאג; ער פערלאַנגט איהר זאָלט דיעזע בריעף אפּשיקען מיט א ספּעציעלען קוריער אנשטאט צו ווארטען ביז מאָנטאג. איהר וועט מיר פערטרויען דיא נייעס, וואס איהר האט געזאַמעלט און איך װעל עס זיינער האָהייט איבערגעבען; אזוי איז זיין בעפעהל.

— איך גלויב, אז זיין האָהייט וועט צופריעדען זיין מיט מיינע נייעס; אבער מיין טהייערער מאָרפי, איך האף, אז דיא נויטווענדיגקייט פון א ספּעציעלען קוריער

בעדרייטעט ניט אויף בייזעס. דיא לעצטע נאַכריכטען, וואס איך האב געהאט דיא עהרע איבערצוגעבען צו זיין האָהייט—

— דערווייזען, אַז אַלעס געהט וואונדערבאַר גוט און טאַקע נור ווייל זיין האָהייט וויל עס מעלדען שנעל וויא מעגליך צום פּרעזידענט פון סענאַט, פּרינץ פאָן־הארקאָווזען־אַלדינגזאאַל, דערום פערלאַנגט ער, אַז דיא נאַכריכט זאָל נאך הייטע ארויסגעשיקט ווערען.

— דאס איז שוין זיין נאַטור. ווען דיא נאַכריכט וואָלט געווען אַ טרויעריגע וואָלט ער זיך ניט געאיילט.

— גיבט עס עפּעס נייעס אין דיעזער שטאָדט, מיין ליעבער באַראָן? — האט נאך קיינער ניט אויסגעפונען פון אונזערע געהיימע אונטערנעהמונגען.

אלעס איז אין געהיים און קיין *פרעמדע זעעלע וויים עטוואס דערפון. זייט זיין האָהייט איז אין פּאַריז געקומען האט ער זעהר זעלטען בעזוכט דיא פּערזאָנען, פאר וועלכע מען האט איהם פאַרגעשטעלט, דארום גלויבען זיי, אַז ער פאָהרט ארום צו בעזוכען פּאַריזער אומגעגענד. מיט דער אויסנאַהמע פון דער גרעפין שרה מעקגרעגאָר און איהר ברודער, ווייס קיינער ניט פון דער ראָלע וואס זיין האָהייט שפּיעלט; און ניט דיא גרעפין און ניט איהר ברודער האבען דיא קלענסטע אינטערעסע צו ענטדעקען דיא געהיימניסע.

— אָה, מיין טהייערער באַראָן, — האט מאָרפי געזאגט מיט אַ זיפץ — וואס פאר אַ שאַדען דאס איז, וואס דיעזע אונגליקליכע גרעפין איז אַן אלמנה.

— האט זיא דען ניט געהייראַטה אין 1827 אדער אין 1828?

— אין 1827 נאַכדעם וויא דאס אונגליקליכע מיידעל איז געשטאָרבען. דאס קינד וואָלט יעצט געווען זעכצעהן אדער זיבצעהן יאָאר. זיין האָהייט וויינט נאך איהר יעדען טאָג.

— דער טרויער איז נאך גרעסער, ווייל זיין האָהייט האט קיינע קינדער פון זיין פרוי.

— דיעזער טרויער איז דיא אורזאַכע וואס זיין האָהייט נעהמט אַזא אינטערע־סע אין דער ארמער נאַכטיגאַל. דאס קינד, וועלכע זיין האָהייט האט פערלאָרען וואָלט געווען דיעזעלבע יאהרען מיט דיעזער אונגליקליכער.

— אבער עס שיינט דאך צו זיין מערקווירדיג דאס דיא גרעפין מעקגרעגאָר, פון וועלכער זיין האָהייט איז אויף אויביג ענטריסען געוואָרען זאָל ווערען אַן אלמנה גראַדע נאַכדעם וויא זיין האָהייט האט פערלאָרען זיין ליעבענסווירדיגע פרוי, מיט וועלכער ער האט אַ לאַנגע צייט אזוי גליקליך געלעבט.

— איך בין איבערצייגט, דיא גרעפין גלויבט, אז איהר שיקזאל האט זיך אר־בער איהר ערבארמט און האט בעשטימט זיא זאל ווידער קומען צו איהר אמאל'גען געליעבטען און אז איהר גלויבען האט זיך געשטארקט נור דאדורך וואס גראדע נאכ־דעם וויא רודאלף'ס וויב איז געשטארבען האט דער שיקזאל זיא געמאככט פאר א ווידווע.

— און איהר אונזיניגע האפנונג איז יעצט געווארען שטארקער וויא אימער; דאך ווייס זיא גאנץ גוט, אז זיין האהייט האט דעם גרעסטען און טיעפסטען ווידערווילען געגען איהר. האט זיא ניט פערזוכט דעם טויט פון זיין טאכטער, נור מיט איהר קאלטקייט און גלייכגילטיגקייט? איז דיא גרעפין אליין ניט געווען דיא אורזאכע? —

— אה באראן! — האט מארפי אויסגעשריען און האט דעם זאץ ניט געענדי־פערט — דיעזע פרוי ווארפט א פינסטער'ן שאטען אין דער צוקונפט. גאט זאל געבען זיא זאל ניט פערזאכען נייע יסורים!

— אבער איהרע יעצטיגע מיינונגען זיינען דאך לעכערליך; דער טויט פון דעם קינד האט צוריסען דעם לעצטען באנד וואס האט געבונדעז זיין האהייט צו דיעזער פרוי. זיא מוז דאך זיין פערריקט, ווען זיא געהט ארום מיט אזעלכע גע־דאנקען!

— יא, זיא איז א געפעהרליכע משוגעת. איהר ברודער גלויבט אויך אין איהרע אידעען און ער העלפט איהר אין דיא משוגעת. דיעזע צוויי פערזאן האבען יעצט קיין אורזאכע צו זיין אויפגערעגט, פונקט וויא זייא האבען ניט געקענט האפען צוריק מיט אכטצעהן יאהר.

— אה וויפיעל שמערצען דער פערברעכער פאלידארי האט צו יענער צייט פערשאפט!

— פון דיעזען לומפ האט מען מיר דערצעהלט, אז ער וואר אין דיעזער שטאדט צוריק מיט א יאהר אדער צוויי, ער איז געזונקען אין ארמטה און ליידען.

— וואס פאר א פאל! וואס פאר אן ערנידרונג פאר א מענשען מיט אזוי פיעל וויטץ, בילדונג און טאלאנט!

— יא. זיין שלעכטעס הערץ האט עס אלעס פערדארבען. מיין איינציגער וואונש איז, ער זאל ניט אנטרעפען דער גרעפין! דיא פעראייניגונג פון אזעלבע צוויי שלעכטע גייסטער וואלט געווען זעהר געפעהרליך. געהן מיר אבער צור זאכע. וואס זיינען דיא נייעס וואס איהר האט געזאמעלט?

— היער זיינען זיין — האט דער באראָן געענטפערט ארויסנעהמענדיג א פּאַפּיער פון זיין טאשע — היער איז בעריכטעט וועגען דיא פאָרשונג וואס זיינען געמאכט געווארען אויסצוגעפינען דיא אבשטאמונג פון דאס אונגליקליכעס קינד, וועלבע זיי רופען נאַכטיגאַל און וועגען דיא יעצטיגע אדרעסע פון לעהרער׳ס זאָהן.

— ווילט איהר מיר פאָרלעזען אייער רעפּאָרט, באראָן פאָן גראון? איך ווייס וואָס זיין האָהייט׳ס פערלאנגט און איך וועל אייך קענען זאגען אויב דער בעריכט וועט איהם צופריעדענשטעלען. זייט איהר צופריעדען מיט אייער אגענט?

— ער איז א פעהיגער מאן; ער האט א שאַרפען וויץ, איז זעלבסטשטענדיג און פערטרויענס ווערטה. מאנכעס מאָל בין איך געצוואונגען אבצוהאַלטען זיין פּייער; וויל וויא איהר ווייסט, האט זיין האָהייט געוויסע פאקטען בעהאַלטען.

— און אייער אגענט ווייס נאך אלץ ניט וואס פאר א ראָלע דער פּרינץ שפּיעלט?

— געוויס ניט, מיין דיפּלאָמאטישע שטעלע איז פאר מיר א פּראכטפאָלע פּרעטענזיע צו מאכען דיא פאָרשונגען וועלבע איך בין בעאויפטראגט. מאָנסיו באָדינאָ, (דאָס איז דעם אגענטס נאָמען) האט פיעל פערמיטלער, און האט פערבינדונגען מיט אַלע קלאסען פון יעדען סארט. אמאל איז ער געווען אן אדוואָקאט, זיין פּראָפעסיאָן האט ער פערלאָרען, וויל ער האט מיסברויכט דעם צוטרויען. דאך איידער מען האט איהם אויסגעשטויסען האט ער ערפאהרען אלע געהיימניסע פון זיינע קליענטען און יעצט בעריהמט ער זיך גאנץ אָפען, אז ער האט דיעזע געהיימניסע פערקויפט פאר געלד. ער האט צוויי אדער דריי מאָל געמאכט גאנצע אוצרות אָבער ער האט עס אימער פערלאָרען. יעצט קענען איהם אלע און איהם איז שלעכט צו אונטערנעהמען א נייע שפּעקולאַציאָן. זאָ לאנג זיין אינטערעסע דיקטירט איהם, איז ער מיט לייב און לעבען איבערגעגעבן צו דעם וואס צאָהלט איהם. ער קען קיין געלד מאכען ווען ער וועט אונז בעטריגען. איך האב זיך דאך פערזאָרגט און האב איהם אימער געהיט, אָהנע ער זאָל עס וויסען.

— דיא נאַבריכטען, וואס ער האט ביז יעצט געגעבען זיינען אמת?

— ער האט א מערקווירדיגע עהרליכקייט אין זיינע מעטאָדען צו טרייבען געשעפטען, און איך פערזיכער אייך מאָנסיו מאָרפי, אַז באָדינאָ איז א כאראקטער פון יענע רעטהזעלהאפטע פערזאָנען, וועלבע מען קען ניט געפינען אין דער גאנצער וועלט אויסער פּאַריז. ער וואָלט זעהר שטארק אמוזירט זיין האָהייט, ווען עס וואָלט ניט געווען אזוי וויכטיג זיי זאָלען איינע דיא אנדערע ניט קענען.

— איהר קענט פערגרעסערען זייז געהאלט, אויב איהר רעכענט, אז עס איז ניט שעדליך.

— אָה, איך זעה אין דעם קיין נויטהווענדיגקייט. ער בעקומט פינף הונדערט פראנק א מאָנאט געהאלט. וואס ער פערדעבענט פאר זיינע אויסגאבען, וועלכע ער האט ניט געמאכט בעטרעפען נאך אמאָל אזוי פיעל. מיר שיינט, אז ער איז צופריעדען. יעדענפאלס קען מען דאס זיך נאך איבערלייגען.

— און ער שעהמט זיך ניט מיט זיין געשעפט?

— ער! אָה, ניט אויף דאס קלענסטע; ער שטאָלצירט דערמיט. ער מאכט אזא ברייטע מינע און איז פאָל מיט גאוה, ווען ער ברענגט מיר דיא נייעס, גלייך וויא ער וואָלט געווען א דיפלאָמאט. דיעזער לומפ מיינט, אז ער איז בעשעפטיגט אין פאָליטיק און ער ערוואַרטעט, אז אם ענדע וועט פון זיין ארבייט ארויסקומען א געוואלדיגער שטורם אין צוויי לענדער. ווען ער גיט מיר איבער זיינע רעפּאָרטען בעמערקט ער אָפט, אז פאָליטיק און דיפלאָמאטישע געשעפטען זיינען פול מיט געהיימניסע.

— לעזט מיר פאָר דיא רעפּאָרטען.

באראָן פאָן גראון האט גענומען לעזען: —

„רעפּארט וועגען מאריע-בלומע“.

„אין אָנפאנג יאָהר 1827, האט א מאן מיט'ן נאָמען פעטער טורנמאן, וועלכער איז פערורטהיילט געוואָרען צו זיצען אין ראָשפאָרט געפענגניס, פאָרגעלייגט א פרוי מיט'ן נאמען פינעטא, וועלכע איז בעקאנט מיט'ן צונאָמען „לילית“ זיא זאל זאָרגען פאר דיא צוקונפט פון א זעקס אדער זיעבען יעהריגעס מיידעל און דאפיר וועט זיא ערהאלטען טויזענד פראנק גלייך בעצאָהלט.

„דאס געשעפט איז געמאכט געוואָרען. דיא פרוי האט צוגענומען דאס קינד און האט זיא געהאלטען צוויי יאָהר. דאס קינד איז זעהר שלעכט בעהאנדעלט געוואָרען און זיא איז פון דער לילית אנטלאָפען. לילית האט פון קינד ניט געהערט אייניגע יאהר; נור צוריק מיט זעקס וואָכען האט זיא דאס מעדכען בעגעגענד אין א שענק. דאס קינד, וועלכע איז יעצט א היבשע פריילייז רופט מען יעצט נאכטיגאל.

„אייניגע טעג, איידער לילית האט דיא נאכטיגאל געזעהן, האט דער גענאַנטער טורנמאן אריינגעשיקט א בריעף צו א געוויסען אנפיהרער פון גנבים און רויבער, וועלכען מען רופט קולאק און אין דיעזען בריעף האט ער געשריבען וועגען דעם קינד וואס ער האט איבערגעגעבען צו דער לילית.

„פון דיעזען בריעף און פון לילית אייגענע ערצעהלונג איז בעוויזען, דאס א גע־

וויסע מאַדאַם סעראַפינע, וועלכע וואַר דיא הויז־האַלטערין פון אַ געוויסען דזשאַקעס פעררּאַנד, האַט דיעזען טורנמאַן געבעטען ער זאָל אויסגעפינען אַ פרוי, וואָס זאָל צונעהמען אַ קינד, פון וועלכעס מען האַט געוואָלט פּטור ווערען און טורנמאַן האַט געפונען דאַמאַלס דער לילית.

„טורנמאַן׳ס אבזיכט מיט דיעזען בריעף איז, זיינע חברה־לייט זאָלען פון זיינעט־וועגען ציהען געלד פון מאַדאַם סעראַפינע. טורנמאַן שרייבט, אַז סעראַפינע איז גע־ווען דער שליח פון אַן אונבעקאַנטער פּערזאָן.

„קולאַק האַט איבערגעגעבען דעם בריעף צו דער לילית, וועלכע האַט געמאַכט איין האַנד מיט׳ן לעהרער. דאַס איז דער סוד וואָרום לילית האַט צו דער נאַכטי־גאַל געזאָגט: „מיר האָבען אויסגעפונען ווער דיינע עלטערען זיינען, אָבער דוא וועסט זיי ניעמאַלס קענען.“

„דיא הויפּט אַרבייט איז געוואָרען צו בעשטעטיגען אויב אַלעס וואָס טורנמאַן האַט געשריעבען אין זיין בריעף איז אמת.

„עס איז בעשטעטיגט געוואָרען, דאָס מאַדאַם סעראַפינע און פעררּאַנד לעבען נאָך. פעררּאַנד׳ס אַדרעסע איז נומער 41 סענטור שטראַסע. ער איז אַ פרומער מאַן און געהט אָפטער אין קירכע, אין געשעפט איז ער זעהר האַרט. ער האַט גוטע געשעפטען, אָבער ער לעבט זעהר עקאָנאָמיש; מאַדאַם סעראַפינע איז נאָך אַלץ זיין הויזהאַלטערין. פעררּאַנד וואַר פריהער זעהר אַרעם, אָבער ער האַט געקויפט אַן אמט פיר דריי הונדערט און פונפציג טויזענד פראַנק. אַ טהייל פון דאָס געלד האַט איהם געגעבען אַ געוויסער טשאַרלעס ראָבערט, אַן אָפיציער אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַל־גאַרדע, זעהר אַ שעהנער יונגער מאַן און אייניגער מאָסען פּאָפּולער אין געוויסע קרייזען. פעררּאַנד׳ס רעפּוטאַציע איז זעהר שעהן און גוט. און דיא בייזע מיילער וואָס רעדען אויף איהם בייזעס ווערען אויסגעלאַכט. עס שיינט צו זיין גאַנץ זיכער, אַז דיא הויזהאַלטערין פון דיעזען מאַן איז דיא איינציגע, וואָס קען ערקלעהרען פון וואַנען דיא נאַכטיגאַל שטאַמט.“

— פּאַרטרעפליך! — האַט מאָרפּי אויסגעשריען. פּיעלעס שיינט צו זיין אמת אין טורנמאַנס בריעף. מעגליך, אַז מיר וועלען זיין אימשטאַנדע אויסצוגעפינען ווער דיא אונגליקליכע נאַכטיגאַל איז. איך בין יעצט נייגעריג צו הערען דעם רעפּאָרט וועגען דעם לעהרער׳ס זאַכען. איך האָף, אַז דאָרט האַט איהר אויך פּיעל וויכטי־קייטען.

ניט אַזוי פּינקטליך, דאָך קען מען פון זיי זיין צופריעדען.

— אַזוי? אייער באַדינאַ שיינט צו זיין אַן אוצר!

— וויא איהר זעהט איז קולאַק דער מיטעל־פונקט פון אלע באַנדיטען און אלע געהיימניסע. באַדינאַ, וועלכער שיינט צו האבען אַ פערבינדונג אין דער פּאָליציי נאָך פריהער, ווען זיי האָ ה י י ט האט געזוכט מאַדאַם געאָרג דאַרסנעל׳ס זאַכען, וועלכען זיא האט געהאט פון דעם ווילדען באַנדיט, דער לעהרער, דאַס האט באַדינאַ אונז געזאגט, דאס קולאַק איז דער מערדערשער קאָך־לעפעל אין פּאַריז.

— איך צווייפעל ניט דעריין, וועהרענד איך און זיין האָהייט זיינען געגאַנגען זוכען קולאַקס וואוינונג אין דער שמוציגער ס י ט ע, האבען מיר אַנגעטראָפען דעם האַלזשניידער און דיא נאַכטיגאַל. זיין האָהייט האט בעשלאָסען אויסצוניצען דיעזע געלעגענהייט און בעזוכען דיא רויבער־העלען מיט דער האפנונג, טאָמער וועט ער דאָרט געפינען א י י ן זעעלע, וועלכע ער וועט קענען רעטען. זיין האפנונג איז ערפילט געוואָרען; אבער עס האט אונז געקאָסט פיעל געפאַהר און שמערצען.

— שמערצען, וועלכע איהר מאָנסיו מאָרפי האט געהאַט מעהר פון אלעמען.

— נו, געוויס, פון וואס וועגען בין איך דען אַ קאָהלענטרעגער ביי זיין קעניג־ליכע מאַיעסטעט? — האט מאָרפי מיט אַ שמייכעל געענטפערט. אבער לעזט מיר פאַר דעם וויכטיגען רעפּאָרט.

באַראָן פאָן גראון האט געלעזען: —

„צוריק מיט אכצעהן מאָנאַט איז אַ יונגער מאַן מיט׳ן נאָמען פראַנציס דזשורמאַן געקומען נאָך פּאַריז פון נאַנטעס, וואו ער האט געאַרבייט אין דעם באַנק־הויז פון נאָעל עט קאָמפּאַניע.

„פון לעהרערס ערצעהלונג און פון פיעלע בריעף וואס מען האט ביי איהם געפונען, פון וועלכע מען זעהט, דאס ער האט איבערגעגעבען זיין זאַכען צו אַ לומפּ אין חדר מיט דער אבזיכט דאס זיין אייגען קינד זאל געלערענט ווערען אין אַלערליי פערברעכען; אבער דער לומפּיגער ערציהער האט דיא אבזיכט פערדאַרבען דערמיט, וואס ער האט צו פריה פאַרגעשלאגען דעם לעהרער׳ס זאַכען ער זאל פעלשען אַן אונטערשריפט און זאל בערויבען דער באַנק, אין וועלכער ער וואַר בעשעפטיגט. דער יונגער מאַן האט פערוואָרפען דעם פאָרשלאַג מיט פעראַכטונג און האט אין געהיים געמאָלדען זיין ווירטה פון גאַנצען פּלאַן און האט זיך ארויסגעגנב׳עט פון שטאָדט, אום דיא באַנדע זאָל איהם ניט ערמאָרדען.

„דיא באַנדיטען האבען ערפאַהרען פון דזשורמאַנ׳ס שריט, און זיי זיינען געקומען אין פּאַריז, האבען זיך בעזעצט ביי קולאַק און האבען זיך גענומען זוכען דעם לעהרערס זאַכען. קיין ספק, אַז זיי ווילען איהם פעראונגליקען, ווייל ער האט געשאַדעט זייערע פּלענער. נאָך לאַנגען זוכען און פאָרשען האבען זיי ענטדעקט זיין אדרעסע;

אבער עס וואר צו שפעט. דזשורמאן האט מיט א פאאר טעג צוריק בעגעגענד דעם מאן וואס האט איהם אנגערעדט צו דער גנבה. ער האט פערשטאנען, אז דער באנדיט איז געקומען איהם זוכען אין פאריז און דארום איז ער פערשוואונדען געוואָרען פון זיין וואוינונג.

„דאך, דיא באנדע איז ניט מיעד געווארען איהם צו זוכען, און צוריק מיט זעקס וואָכען האבען זיי איהם געפונען אין נומער 17 טעמפעל שטראסע און דער אונשולדיגער איז שיער אריינגעפאלען אין דעם נעץ וואס זיי האבען פאר איהם אויסגעשפריים.

„דער אונגליקליכער האט ערפאהרען דיא געפאהר און איז פון טעמפעל שטראסע פערשוואונדען. דיא באנדיטען האבען איהם געזוכט און ניט געפונען. אין דיעזער פּאָזיציאָן זיינען זיי פערבליבען ביז דער לעהרער האט פערלאָרען זיינע אויגען פאר דיא פערברעכער וואס ער איז אין דער וועלט בעגאנגען. צו דער זעלבער צייט האבען מיר אויך אנגעפאנגען צו פארשען וועגען איהם.

„אין טעמפעל שטראסע וויים קיינער ניט וואו דער יונגער מאן איז פערשוואונדען. דיא איינציגע פערזאן וואס וויים ריכטיג וואו ער איז, איז א יונגע מיידעל וואס וואר זעהר אינטים מיט איהם. זיא איז זעהר שעהן, איהר נאמען איז דיפּעלטאָן. זיא האלט א צימער נעבען דעם צימער, וואו דזשוירמען האט געוואוינט. דזשוירמען'ס צימער שטעהט נאך יעצט לעער און ווען מען זאל דיעזען צימער דינגען קען מען א סך ערפאהרען."

— דיפּעלטאָן! — האט מאָרפי נאך א לאנגען דענקען אויסגעשריען. דיעזען נאמען האב איך זיכער אמאל געהערט.

— וואס, סער וואָלטער מאָרפי? — האט דער באראָן לאכענד געזאגט — וואס, איהר, דער ערליכער פאטער פון אן אנשטענדיגער פאמיליע זיים בעקאנט מיט אזעלכע אונעהרליכע מיידליך? וואס, איהר האט געהערט דיפּעלטאָנ'ס נאמען! אָה, פוי, פוי!

— איך שווער, אז זיין האָהייט האט מיך געבראכט אין בעריהרונג מיט אזעלכע קלאסען, דאס דיעזעס דארף פאר אייך גאר קיין וואונדער זיין. אבער יעצט נעדענק איך, ווען איך האָב געהערט דיעזען נאמען. ווען זיין האָהייט האט מיר דערצעהלט פון דער נאכטיגאל, האט ער מיר דערצעהלט פון א מעדכען מיט'ן נאמען דיפּעלטאָן, וואס איז געזעסען צוזאמען מיט דער נאכטיגאל.

— דיעזער דיפּעלטאן קען אונז יעצט זעהר פיעל נוצען. דינגענדיג דעם צימער נעבען דיעזער פריילין קען מען אלעס ערפאהרען נאך מעהר וויא מען ווינשט. אויסער

דעם, קען דיעזער פּלאַץ געבען זיין מאַיעסטעט א געלעגענהייט צו שטודירען דעם מענשענס נאַטור פון פערשיעדענע זייטען — ארמקייט און נויטה. דער בעשלוס פון דיעזע רעפּארטען איז, דאס פון מאַנסיו פעררואַנד קענען מיר ערפאַהרען וועך נאַכ־טיגאַל'ס עלטערען זיינען און פון פריילין דיפּעלטאַן קענען מיר וויסען וואו דעם לעה־רערס זאָהן געפינט זיך, — האט דער באַראָן געזאַגט און האט אוועקגעלייגט דעם רע־פּאָרט פאַר מאַרפּין.

— האט איהר עפּעס צו בעריכטען וועגען מאַרקיז דע־האַרוויל? — האט מאַר־פּי געפרעגט.

— יא. וואס אַן זיינע געלט אַנגעלעגענהייטען בעטרעפט, קען איך בעריכטען, אז ער איז גאַנץ גוט פערזאָרגט. זיין האָהייטס פורכט וועגען דעם מאַרקיז'ס פינאַנ־ציעלע לאַגע איז גאַנץ אומזיס.

— יא. זיין האָהייט קען ניט פערגעסען דיא וויכטיגע דיענסט וואס דעם מאַרקיז'ס פאַטער האט געלייסטעט זיין מאַיעסטעט'ס פאַטער. ווייסט איהר, דאס אין 1815 ווען דיא פעראייניגטע רעגיערונגען פון דייטשלאַנד זיינען רעאָרגאַניזירט געוואָרען האט זיין פאַטער געקענט פערלירען זיין גאַנצען רעכט צום טראָהן, ווייל ער וואר בעקאַנט פאַר א טרייען פריינד פון נאַפּאָליאָן? צו פערדאַנקען דיא פריינדשאַפט פון צאַר אלעקסאַנדער צום פערשטאָרבענעם מאַרקיז, איז זיין מאַיעסטעטס פאַטער געבליעבען אין זיין מאַכט. אלעקסאַנדער, וועלכער האט זיך בעפריינדעט מיט'ן מאַרקיז, וועהרענד ער איז געווען אין רוסלאַנד אלס א פּליכטלינג, האט געהאַט דיא גרעסטע דעה אין קאַנגרעס, וואו דיא רעכטע פון דיא דייטשע פּרינצען זיינען גע־אורטהיילט געוואָרען. דיא פריינדשאַפט פון אונזער יעצטיגען הערשער צום מאַר־קיז דע־האַרוויל'ס זאָהן האט זיך אויך אַנגעפאַנגען אין 1815, ווען ביידע זיינען נאָך געווען שוהל־קאַמראַדען.

— יא, ביידע געדענקען נאָך יענע שעהנע יוגענד־יאַהרען. דאס איז נאָך ניט אַלעס. זיין האָהייט איז אזוי דאַנקבאַר צו דיעזער פאַמיליע, דאס יעדער וואס איז נור פערוואַנדעט מיט דע־האַרוויל משפחה קען פערלאַנגען א חוב פון פּרינץ. מאַ־דאַם געאָרג איז איינע פון זיי.

— וואס, מאַדאַם געאָרג דאַרסנעל, דעם לעהרער'ס געוועזענע ווייב?! — האט דער באַראָן אויסגעשריען.

— יא, פראַנציס דזשווירמענס מוטער.

— איז זיא א פערוואַנדטע צום מאַרקיז דע האַרוויל?

— זיא וואר א קוזינע צו זיין מוטער און איהר בעסטע פריינדין.

— אבער וויא אזוי קומט עס, דאס דיעזע גרויסע פאמיליע האט ערלויבט איינע פון זייערע קינדער זאל הייראטהען אזא באנדיט וויא דער לעהרער?

— דער פאטער פון דיעזער אונגליקליכער דאמע איז געווען א געוויסער דע־לאני, וועלכער האט בעפאר דער רעוואלוציאן געהאט א גרויסען פערמעגען. גליק־ליכער־ווייזע איז ער פון גרויסען רעוואלוציאנס שטורם ארויס אהן שאדען. ווען דיא א‍ָרדנונג איז צוריק הערגעשטעלט געווארען און דיא שטורמדיגע עפאכע איז פאר־איבער, האט ער זיך געמאכט צור אויפגאבע צו פערהייראטען זיין טאכטער. דארסנעל, וועלכער האט רעפרעזענטירט א רייכע און אנשטענדיגע פאמיליע און האט געהאט א גרויסען איינפלוס אין דער נאציאנאל פערזאמלונג האט זיך פארגעשלאגען פאר א חתן. זיין ווילדען רויבערישען כאראקטער האט ער זעהר גוט בעהאלטען און דיא הייראטה האט שטאטגעפונען. עס האט גענומען א קורצע צייט און זיין מאסקע איז אראפגעפאלען. ער וואר א קארטען־שפילער, א מעדכען־יעגער, א שארלאטאן פון ערשטער קלאסע, וואס האט געליעבט דיא ניעדעריגסטע פערברעכען און דיא שמור־ציגסטע געזעלשאפט. זיין פערמעגען און זיין ווייבס פערמעגען האט ער שנעל פער־לומפט. ווען איהר רואינע איז פערטיג געווארען האט זיא גענומען איהר איינציג קינד און איז אוועק צו איהרע א פערוואנדטע, וועלכע זיא האט געליעבט וויא א שוועסטער. איהר מאן, וועלכער איז אין גאנצען געזונקען האט זיך אבגעגעבען צום ניעדעריגסטען לעבען. ער האט געזוכט צו מאכען פאר זיך א נייעם קאפיטאל דורך אלערליי סקאנדאלען. ער איז געווארען גנב, גזלן און מערדער, און איז ענדליך פער־אורטהיילט געווארען צו זיצען זיין גאנצען לעבען אין געפענגניס. וואס ווייטער, מיט איהם איז געשעהן, ווייסט איהר גוט. זיין פרוי וועלכע האט קיין ארט געקענט געפינען צו פערבארגען איהר שאנדע, איז אוועק פון איהר פריינד, איז געקומען אין פאריז, וואו זיא האט געלעבט אין ארמוטה און נויטה. עס וועט נעהמען צופיעל איך זאל ערצעהלען וויא אזוי אונזער הערר שער האט זיא דא געפונען און האט זיא בעוואוינען זיא זאל אננעהמען זיין פריינדשאפט און בעזעצען זיך אין דעם גוט וואס ער האט פאר איהר געקויפט און וואו זיא געפינט זיך יעצט מיט דער נאכטיגאל.

— יעצט פערשטעה איך דיא אינטערעסע וואס זיין האהייט נעהמט אין דיעזער פרוי און פאר איהר קינד.

— אבער דאס דארף איך אייך געבען צו פערשטעהן ווארום זיין האהייט אינ־טערעסירט זיך אזוי פיעל צו וויסען דיא אורזאכען וואס מאכען דעם מארקיז אזוי טרויעריג און אזוי מעלאנכאליש, וועהרענד ער דארף זיין פרעהליך און גליקליך. ער בעזיצט אלע גוטע זאכען: ער איז יונג, שעהן, רייך, וויציג און אנגעזעהן. זיין פרוי

איז שעהן, אנשטענדיג און ליעבענסווירדיג, זיא ניט איהם אויך קיין אורזאכע צו זיין אייפערזיכטיג. איהר רעפוטאציע איז ריין פון קלענסטען פלעק. דער מארקיז רעספעקטירט זיין ווייב זעהר פיעל, זיי האבען בלויז איין קליינעם דיספוט געהאט און דאס נור צוליעב שרה מעקגרעגאָר.

— זיי זעהן זיך דען?

— יא, ליעבער באראָן, דורך אַן אונגליקליכען צופאל. דעם מארקידס פאָטער איז צוריק מיט זיעבעצעהן אָדער אכצעהן יאָהר בעקאנט געווען מיט דיעזער שרה און איהר ברודער, וועהרענד זיי האבען געוואוינט אין פאריז און ווארען בעפריינדעט מיטן ענגלישען אמבאסאַדאר. ווען זיי זיינען געגאנגען נאך פאריז האט דער אלטער מארקיז זיי געגעבען א רעקאָמענדאציאָן צום פרינץ'ס פאָטער. אַה, מיין טהייערער באראָן פאָן גראון! ווען ניט יענע רעקאָמענדאציאָן וואלט דאס אונגליק ניט געטראָפען; זיין האָהייט וואלט דיעזער שרה קיין מאָל ניט געקענט. ווען דיא גרעפין איז צוריקגעקומען נאך פאריז האט זיא בעזוכט דעם מארקידס פאמיליע, ווייל זיא האט געוואוסט פון דער פריינדשאפט וואס צווישען דעם פרינץ און דיא הארוויל־פאמיליע עקסיסטירט און זיא האט גערעכענט, אז זיא וועט דעם פרינץ דארט געפינען ווייל זיא יאָגט איהם נאך מיט דעם זעלבען אייפער, וואס ער אנטלויפט פון איהר. זיא האט זיך זאגאר פערקליידעט פיר א מאַן און האט זיין האָהייט נאכגעיאָגט זאָגאר אין דער סיטע. ווער נאך ווען ניט זיא וואלט עס געקענט.

— אַה, דיעזע פרוי, דיעזע פרוי! מיין טהייערער מאָרפי, מיר טהוט זעהר לייד דאס דיא מארקיזין דע הארוויל איז בעקאנט מיט דיעזען טייפעל.

— ריידענדיג וועגען טייוואָלים האב איך זיך ערינערט אויף דעם אויפטראג וואָס איך האב ערהאלטען וועגען דער טייפעלשער סיצילי, דיא ניכטסווירדיגע פרוי פון דעם ערהאבענעם דאוויד, — האט מאָרפי געזאגט.

— צווישען זיך ריידענדיג, זאָג איך, אז דיעזע חיה־רעה פערדיענט דיא שרעקליכע שטראפע, וואס דער לעהרער האט געליטען. זיא האט פעראורזאכט בלוט זאָל פערגאָסען ווערען. איהר פערדאָרבענהייט האט קיין גלייכען.

— און דאך אזוי ליעבליך, און זעהט אויס אזוי אונשולדיג. א טייפעלשע זעעלע אין אזא שעהנעם קערפער!

— איך האָף, אז זיין האָהייט האט געגעבען דעם לעצטען אויפטראג וויא מען זאל זיא פערזאָרגען אויף אייביג, — האט דער באראָן געזאגט.

— אין געגענטהייל.

— וואס, זיין האהייט וויל נאך אלץ מען זאל איהר העלפען זיא זאל אנטלויפען פון דעם געפענגניס, וואו מען האט איהר אויף אייביג פערשפארט?

— יא.

— און מיטן פלאן צו ברענגען איהר אין פראנקרייך — אין פאריז?

— יא. נאכמעהר, דיעזער אויפטראג בעפעהלט, אז קיין זאך זאל אבהאלטען צו העלפען דיעזער סיציליע צו אנטלויפען און זיא זאל אהער געבראכט ווערען מיט דער גרעסטער שנעלינקייט, וואס איז מעגליך.

— איך בין איבערראשט! זיין האהייט האט אימער געפירכטעט פאר דיעזער בעסטיע. און דיעזען שרעק האט ער נאך יעצט.

— איך מוז אייך זאגען מיין טהייערער באראן, דאס ווען דאוויד האט ערפאהרען, אז זיין ווייב קומט צוריק איז ער פערציטערט געוואָרען. זיין איינציגע טרויסט איז, דאס זיין האהייט וועט פון איהם ניט פערלאנגען ער זאל זיא דארפען זעהן און אז דער פרינץ דארף זיא דאָ, צו זיינע אייגענע פלענער.

— ארמער ניגער, ער ליעבט זיא נאך יעצט. מען זאָגט, אז זיא איז א פאָלשטענדיגע שעהנהייט. איך בין געווען אין פאריז, ווען זיין האהייט איז געקומען פון אמעריקא און האט מיט זיך געבראַכט דעם שווארצען דאָקטאָר און זיין סיציליע; איך וויים אָבער ניט וויא אזוי דוד האט זיא געהייראטהעט און וויא אזוי דער פרינץ האט זיי מיטגענומען נאך פאריז.

— איך קען אייך ערצעהלען אלע אייגצעלהייטען וואס איהרווילט וויסען. איך האב דעם פרינץ בעגלייט אין זיין רייזע נאך אמעריקא, וואו ער האט גערעטעט דעם דאקטאר און זיין מולאטקע פון דער שרעקליכסטער לאגע.

— איהר זייט זעהר פריינדליך, ליעבער מארפי, איך בין נייגיריג צו הערען, — האט דער באראָן געזאָגט.

22טעס קאפיטעל.

דיא געשיכטע פון דוד און סיצילע.

— מיסטער ווייליס, א רייכער פארמער אין פלאָרידא, — האט מאָנסיו מאָרפי אנגעפאנגען צו ערצעהלען — האט בעמערקט דאס צווישען זיינע שקלאפען וואס זיינען אנגעשטעלט אין זיין האספיטאל אין דער קינדבעט אבטהיילונג, געפינט זיך איינער מיטן נאמען דוד, וועלכער בעזיצט מערקווירדיגע פעהינקייטען און איז מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו דיא קראנקע, אויף וועלכע ער פאסט אויף. נאך מעהר, דאס דיעזער שקלאף בעזיצט איין גרויסע קענטניסע אין באָטאניק, וועלכע אנבעלאַנגט צו מעדיצין און דאס ער אליין האט צוזאמענגעשטעלט א נייע מעדיצין פון

דיא גראָזען וואס וואַקסען אויף דיא פלאָרידער פעלדער. מיסטער ווילליס פאַרם איז געלעגען ביי'ן ברעג ים און וואר ווייט פון א שטאָדט. דיא דאָקטוירים פון שטאָדט ווארען צו יענער צייט אונוויסענד און דערצו נאך זעהר פויל צו פאהרען א ווייטען וועג קורירען א שווארצען שקלאַף. אום צו פערשפּאָרען דיא גרויסע קאָסטען וואס ערצטע האבען פערלאנגט און אום צו האבען אן אייגענעם דאָקטאָר, וואָס זאל שטענדיג זיין אויפ'ן פּלאַץ און פערהיטען דיא שקלאַפען פון א מגפה, האט מיסטער ווילליס בעשלאסען צו שיקען דעם פעהיגען נעגער נאך פאַריז, וואו ער זאל לערנען מעדיצין. דער יונגער נעגער דוד איז זעהר גליקליך געווען פון דעם פּלאַן און מיט גרויס פרייד איז ער אוועק נאך פאַריז. זיין אייגענטהימער האט פאר איהם געצאהלט אלע קאָסטען און ענדע אכט יאהר, האט דער נעגער ערהאלטען זיין דיפּלאָם אלס דאָקטאר און האט זיך אומגעקעהרט נאך אמעריקא, אום זיין ווירטה זאל האבען דיא נוצען פון זיין בילדונג.

דוד וואר בערעכטיגט צו רעכענען זיך פריי פון זיין שקלאַפען יאָך. דאס גע־זעץ האט איהם אויך דיעזע רעכט געגעבען, ווייל ער האט שוין בעטראָכטען דעם פראַנצויזישען באָדען. אבער דוד בעזיצט א מערקווירדיגען געפיהל פון עהרליכקייט און ערגעבענהייט. ער האט זיין וואָרט פערשפּראָכען צו קומען צוריק און ער האט זיין ווארט געהאלטען. ער האט גערעכענט, אז דיא וויסענשאַפט וואס ער האט ערוואָרבען אויף זיין ווירטה'ס רעכענונג בעלאנגט ניט צו איהם. ער האט אויך גע־רעכענט, דאס ווען ער וועט צוריקקעהרען צו זיין ווירטה וועט ער בעפרייט זיין פון אלע שווערע זאכען און פליכטען וועלכע דיא שקלאַפען מוזען טראָגען. ער האט געגלויבט, אז ער וועט קענען טהאן פיעל גוטס פאר זיינע ברידער און, אז ער וועט זיי העלפען אין אלעם וואס זיי פעהלט.

פון דיעזעס איז זעהר לייכט צו אורטהיילען, וואס פאר א מאן ער איז. ער איז געקומען אין פלאָרידא, און דעם אמת מוז מען זאגען, דאס מיסטער ווילליס האט איהם בעהאנדעלט פריינדליך דער מיט וואס ער האט איהם ערלויבט צו עסען ביי זיין טיש און שלאפען מיט איהם אונטער איין דאך. דיעזער שקלאַפען בעזי־צער, וואר אייגענזיכטיג, גייציג און וויא אלע אנדערע שקלאַפען־הענדלער, זעהר דעספּאָטיש. ער האט גערעכענט, אז ער איז זעהר גוטהערציג, ווען ער האט דעם שווארצען דאקטאר געגעבען הונדערט און צוואַנציג דאלאר א יאהר.

עטליכע חדשים, נאכדעם וויא דוד איז צוריקגעקומען האט א שרעקליכער טיפוס אויסגעבראָכען אין יענעם פאַרם און דער ווירטה אליין איז קראַנק געוואָרען. דער שווארצער דאקטאר האט אנגעווענדעט דיא בעסטע מיטלען און האט זיין ווירטה

אויסגעהיילט. פון דיא דרייסיג נעגערס וואס זיינען קראנק געווען זיינען נור צוויי געשטאָרבען. מיסטער ווייללים איז זעהר צופריעדען געווען פון זיין דאקטאר און האט פערגרעסערט זיין געהאַלט אויף צוויי הונדערט און פופציג דאלאר א יאהר. דער שווארצער דאקטאר איז יעצט געווארען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. זיינע בריעדער האבען אויף איהם געקוקט וויא אויף א פריינד וועלבען גאט האט זעהר ליב.

מיט גרויסע שוויריגקייטען האט ער פון זיין ווירטה בעקומען עטוואס פריינד־שאַפט פאר דיא שקלאַפען; ער האט אבער געהאפט אויסצו־ווירקען פיעל מעהר. אין דער זעלבער צייט האט ער זיי געטרייסט און געמוטהיגט. ער האט זיי דער־צעהלט, אז עס גיעבען לענדער, וואו ווייס און שווארץ זיינען גלייך, ער האט זיי פּראָפעצייעט א צייט, ווען שקלאַפעריי וועט אויפהערען, ווען מענשען וועלען ניט זיין דער פּריוואט־אייגענטהום פון אנדערע מענשען. וואס זאל איך אייך זאָגען, דוד האט מיט זיינע פריינדליכע און קלוגע רייד פערלייכטערט דעם שקלאַף זיין יאָך. ער וואר זייער גאָט.

אזוי איז אוועק א יאָהר. צווישען דיא שעהנסטע פרויען־שקלאַפען האט זיך געפונען איינע, א מולאַטקע, וואס וואר שעהנער פון אלע. דיעזע מולאַטקע איז סי־צילע. מיסטער ווייללים האט זיך אינטערעסירט מיט דיעזער שעהנער מולאַטקע וויא א סולטאַן אין זיינע קעפּס־ווייבער; אָבער דאס ערשטע מאל אין זיין גאַנצען לעבען האט זיך איהם געמאַכט, דאס זיינע א שקלאַפין זאל איהם ענטזאגען. סיציליע האט געליעבט; זיא האט געליעבט דעם שווארצען דאקטאר, וואס האט זיא קורירט אין דער צייט פון דער עפּידעמיע. דוד האט געווארט ווען סיציליע וועט אלט ווערען זעכצעהן יאהר און דאן וועט ער איהר ערצעהלען פון זיין גליק און זיין ליעבע. מיס־טער ווייללים, וועלבער האט ניט געוואוסט פון דער ליעבע צווישען דיא צוויי האט פערזוכט צו פּייניגען זיין שעהנע שקלאַפין. זיא האט זיך געראַנגעלט און איז מיט שוועריגקייטען אנטלאָפען פון איהר הערר. פירבטענדיג פאר א שטראָפע האָט זיא מיט טרערען אין דיא אויגען דערצעהלט דעם בעשיצער פון דיא שקלאַפען דעם דאקטאר דוד, פון אלעס וואָס מיט איהר האט פּאַסירט. דוד האט זיא גע־טרייסט און האט איהר געגעבען מוטה צו בלייבען עהרליך; אבער דעם זעלבען טאג איז ער אוועק צום ווירטה בעטען ערלויבניס צו הייראַטהען דער שעהנער מולאַטקע.

— אָה, איך קען לייכט פערשטעהן דעם סולטאַנס אנטוואָרט, ער האט ענט־זאָגט! — האט באַראָן פאָן גראָן געזאגט.

— יאָ, אזוי האט ער געטאָהן. ער האט געהאט א ליידענשאַפט צו דאס

מעדכען. אין זיין לעבען האט ער ניט געזיעט אזא תאוה צו א שקלאפין; אבער דיעזער מולאטקע האט ער דורכאויס געוואלט בעזיצען. דורך האט ער ערלויבט צו נעהמען אן אנדער ווייב, אדער אן אנדער געליעבטע, וויא ער אליין האט געוואלט; צווישען אלע שקלאפען האבען זיך געפונען נאך א דוצענד שעהנע מולאטקעס. דוד האט צום ווירטה א לאנגע צייט געשפראכען וועגען זיין ליעבע. דער שקלאפען־בעזיצער האט אבער געלאכט. דוד'ס צודרינגליכקייט וואר גאנץ אומזיסט. זיין העדר האט איהם געענטפערט, אז עס איז זעהר ניט געשעפטס־מעסיג, אז א ווירטה זאל נאכגעבען זיין שקלאף און אז ער וועט אזא נארישקייט ניט טאהן, אום צוליעב טאהן זיין שקלאף אין אזא קלייניגקייט.

דוד, וועלכער וואר צו שטאלץ צו אונטערגעבען זיך האט גענומען שפרעכען מיט אויפרעגונג, האט אויסגערעכענט אלעס וואס ער האט פאר זיין ווירטה געלייסטעט. דארויף האט דער שקלאפען־בעזיצער געענטפערט, אז ער האט איהם בעהאנדעלט א טויזענד מאל בעסער, וויא א שקלאף פערדיענט. דיעזע ווערטער האבען דעם דאקטאר אויפגערעגט און צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער געשפראכען וויא א מאן, וואס האט פערזוכט פרייהייט און מענשענ־רעכטע אין פרייען פראנקרייך.

מיסטער וויללים איז געווארען אויפגערגט און האט איהם געוואלט איינשליסען אין קייטען וויא א רעוואלוציאנערען־שקלאף. דוד האט געענטפערט מיט ביטערע און היציגע ווערטער. צוויי שטונדען שפעטער איז ער צוגעבונדען געווארען צו א סלופ און מען האט איהם געשלאגען, וועהרענד סיצילע איז פאר זיינע אויגען אוועקגעשלעפט געווארען אין זיין הארעם.

— דעם שקלאפען־הענדלערס אויפפיהרונג וואר זעהר גראב און בארבאריש. עס וואהר א שענדליכע טהאט. נאך אלעמען האט ער דיעזען מאן בעדארפט האבען — האט דער באראן בעמערקט.

— אזוי נויטהיג, דאס דעם זעלבען טאג איז דער שקלאפען־בעזיצער שרעקליך קראנק געווארען. דער שקלאפען־בעזיצער פלעגט זיך אפט אנשיכורן. דער כעס פון יענעם טאג האט נאכהער אויפגעקאכט אין זיין הערץ און גערערים און פלוצלונג איז ער געווארען אין א געפאהר. ער האט געשיקט א רייטער צו ברענגען נאך א דאקטאר, אב גראניענער צייט וואר אונמעגליך צו ברענגען א דאקטאר פון שטאדט פריהער פון זעקס אין דרייסיג שטונדען.

— אויף מיין ווארט, אז דיעזע קראנקהייט שיינט צו זיין גאט'ס שטראף פאר דעם שקלאפען־בעזיצער'ס לומפעריי.

— יא, אזוי שיינט עס, ווייל דיא קראנקהייט איז געשטיגען פון מינוט צו מי־נוט. איין דוד האָט איהם דאָ געקענט העלפען; אבער ווילליס האט מורא געהאט פאַרן שווארצען דאָקטאָר, ער זאָל איהם ניט פּערגיפטען. דאָך, ווען דער פיבער איז געשטיגען און דיא געפאהר איז געווארען גרויס ביז דיא העכסטע שטופע, איז ער צובראָכען און אונטערטהעניג געווארען און האט זיך מפקיר געמאכט אויפ'ן שווארצען דאָקטאָר'ס עהליכקייט און מיטלייד און האט בעפאָהלען מען זאָל בעפרייען דעם דאָקטאָר.

— און דוד האט איהם גערעטעט?

— פינף טעג און פינף נעכט האט ער איבער איהם געוואכט, גלייך וויא ער וואָלט געווען זיין פאטער. ער האט אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען, אלע בעסטע מיטלען און איהם איז געלונגען צו בעזיעגען דיא קראנקהייט. דיא דאָקטוירים וואס זיינען געקומען פון דיא נאהענטע שטעדט האבען בעוואונדערט דוד'ס גרויסע קענט־ניסע אין מעדיצין.

— נו, און ווען דער שקלאַפען־האלטער איז געזונד געווארען?

— דאן האט ער דעם שווארצען דאקטאר צוריק פערשפארט אין דעם שקלאַ־פען געפענגניס און דעם פרעמדען דאקטאר האט ער פאר א גרויסע בעלוינונג גע־האַלטען ביי זיך. ער האט עס געטהאן אום ער זאל זיך ניט דארפען שעמען געגען דעם מאן וואס האט איהם גערעטעט דאס לעבען, נאכדעם וויא ער איז פון זיינע הענד אזוי שענדליך בעהאנדעלט געוואָרען.

— דיא טהאט איז דיא שענדליכסטע וואס קיין מענש איז אמאל בעגאנגען.

— דיעזע טייפעלשע טהאט פון שקלאפען־האלטער וואר ניט נור אויס נקמה אדער אייפערזוכט. מיסטער ווילליס שקלאַפען האבען דעם שווארצען דאָקטאָר גע־ליעבט, זיי האבען אויף איהם געקוקט וויא אויף זייער משיח. זיי האבען געוואוסט, וויפיעל מיהע זייער ברודער האט געקאסט ביז ער האט דעם ווירטה אויסגעטהיילט פון זיין ערשטע קראנקהייט. דיעזע אונגליקליכע האבען גאנץ הויך און אָפען געשריען אויף דעם שרעקליכען אונרעכט, ווען זייער בעליעבטער מאן איז צום שאנד־סלופ געשטעלט געוואָרען. ווילים האט מורא געהאט זיינע שקלאפען זאָלען ניט רעוואָל־טירען. ער האט אויך געוואוסט דעם איינפלוס וואס דוד האט געהאט ביי דיא שקלאַפען און ער האט געפירכטעט, ער זאָל זיך ניט שטעלען אן דער שפּיצע פון דיא רעוואָלוציאָנערען, וואס וואָלטען אונטער זיין קאָמאנדע געפּאָכטען ביז'ן טוידט. דיעזע מורא וואר דיא הויפט אורזאכע ווארום ער האט דיעזען ארמען דאקטאָר געהאלטען געפאנגען.

א קורצע צייט נאך דיעזע בעגעבענהייטען, זיינען מיר אנגעקומען אין אמעריקא. זיין האָהייט האט געקויפט א זעגעל שיף און מיר האבען בערייזט אלע האפענשטעדט אין דער נייער וועלט. מיסטער ווילליס האט אונז גאנץ פריינדליך אויפגענומען. ווילליס האט פאר אונז געמאכט א באלל און האט זיך דערביי אנגעטרונקען ביז ער אליין האט ניט געוואוסט וואס ער רעדט. פון שיכרות האט ער אונז דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געטהאן מיטן שווארצען דאָקטאר און אויך מיט זיין געליעב־טער סיציליע. איך האב פערגעסען צו ערצעהלען, דאס נאכדעם וויא ער האט דעם דאקטאר פערשלאָסען האט ער פערגוואלטיגט זיין געליעבטע, און נאכדעם וויא ער האט זיין ליידענשאפט געזעטיגט האָט ער זיא אויך אריינגעוואָרפען אין געפענגניס דערפאר וואס זיא האט זיך ענטזאגט נאכצוגעבען זיין ליידענשאפט מיט איהר גוטען ווילען. הערענדיג דיעזע שרעקליכע געשיכטע האט זיין האָהייט געגלויבט, אז ווילליס פלוידערט א געשיכטע, וואס איז קיין מאל ניט געשעהן. צו בעווייזען, אז ער זאָגט קיין ליגען האט ער געהייסען אנצינדען א לאנטערנע און פיהרען אונז צום אָרט, וואו דער דאקטאר איז איינגעשפּארט.

— און וואס איז דאן געשעהן? — האט דער באראָן נייגיעריג געפרעגט.

— אין מיין גאנצען לעבען האב איך נאך ניעמאלס געזעהן אזא שרעקליכעס בילד. בלאס, מאגער, האלב נאקעט און דעם קערפער פעסט איינגעבונדען מיט שטריק זיינען דיא צוויי, דוד און סיציליע געלעגען אין פינסטערען און שמוציגען שטאל. דיא לאנטערנע וואס האט אונז בעלויכטען דעם וועג האט דאס בילד נאך שרעקליכער געמאכט. דוד האט קיין וואָרט געשפּראָכען. ווילליס האט אבער מיט א דעספּאָטישע און טיראנישע מינע געזאגט:

— נו, דאקטאר, וואס מאכט איהר אין דעם שטאל? דוא ביזט דאך זעהר קלוג — ווארום קורירסט דוא זיך אליין ניט אויס?

דער שווארצע האט ניט געענטפערט. זיין שווארצע חויט איז געוואָרען נאך שווארצער און מיט א שווערען זיפץ האט ער אויסגעשריען:

— אה, הימעל! — און איז וויעדער געוואָרען שטיל.

— דיעזע סצענע האט אונז געבראכט צו טרעהרען. זיין האהייט האט קיין איינציגען ווארט געשפּראָכען. מיר האבען באלד פערלאזען דעם פלאץ און האבען זיך אומגעקעהרט צו אונזער שיף. אין מיטען נאכט, ווען אלע האבען געשלאָפען און פינסטערניס האט איינגעוויקעלט דעם גאנצען פלאץ, האט זיין האָהייט בעוואפענט אבט מאן און איז געקומען צום שטאל, וואו דיא אונגליקליכע זיינען געזעסען. ער האט אויפגעבראכען דיא טהיר, האט אבגעשניטען דיא שטריק און האט צוגענומען

דוד'ן און סיציליען. קיינער האָט בעמערקט ווי מיר האָבען די צוויי אונגליקליכע נעבראכט צו אונזער שיף. איך און מיין הערר זיינען דאן אוועק צום שקלאַפען־הענדלער'ס הויז. מערקווירדיג איז, דאס דיעזער טיראן וואס האט נעפלאנט זיינע שקלאַפען מיט דער שרעקליכסטער בארבעריי, האט גאר ניט געפירכטעט פאר אן אויפשטאנד, פאר א נקמה און ער האט געשלאפען מיט אָפענע טהירען און פענסטער. מיר זיינען אריין אין זיין שלאָף־צימער, זיין האהיים האט דעם טיראן אויפנעוועקט און האט געזאגט:

— דוא האסט דיין בעסטען דינער אזוי שרעקליך בעהאנדעלט, דאס דוא האסט מעהר קיין רעכט צו הייסען מענש. איך האב דיא צוויי ליידענדע פון דיינע הענד בעפרייט. נור אום דוא זאלסט ניט מיינען, אז איך האב נערויבט דיין אייגענטהום האב איך דיר נעבראכט פינף טויזענד פראנק.

ביי דיעזע רייד האט ער א ווארף געטהאן א זעקעל מיט גאָלד צום טיראנס פיס. ווילים, וועלכער וואר אָנגעטרונקען און ערשראָקען האט גאר ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט ער איז, ער האט געמיינט, אז דאס אלעס איז א טרוים. מיר זיינען גאנץ רוהיג פון הויז אוועק און אין עטליכע מינוטען ארום האבען מיר אבנעזעגעלט.

— מיר שיינט, טהייערער מאָרפי, דאס זיין האָהיים האט איבערגעצאהלט פאר דיא שקלאַפען, דען ווען מען רעדט פון געזעץ, האט דוד צום שקלאַפען־האלטער מעהר ניט נעהערט.

— מיר האבען משער געווען דיא קאָסטען צו האלטען א סטודענט גאנצע אכט יאהר און דאס געלד וואס דיא צוויי שקלאַפען האָבען איהם געקאָסט. יא נאך דעם געזעץ פון פריוואט אייגענטהום איז דאס אויך ניט ערלויבט, אבער מיר ווארען שרעקליך געריהרט פון דער לאגע אין וועלכער דיא צוויי האבען זיך געפונען, עס האט אונז איינפאך געשיינט, אז דיא צוויי קענען לאנג ניט לעבען.

— אבער וואָס וואר דער רעזולטאט?

— דיא צוויי בעפרייטע זיינען קוים נערעטעט געוואָרען פון טויט און זיי זיינען מיט גרויס מיהע צוריק געבראכט געווארען אין לעבען. זייט דאן איז דוד געוואָרען איבערגעבען מיט לייב און לעבען צו זיין מאָיעסטעט.

— און וואו האבען דיא צוויי געהייראטה?

— דיא הייראטה, וועלכע האט בעדאַרפט זיין דיא גליקליכסטע אין דער וועלט האט שטאטגעפונען אין זיין האהייטס קירכע. אבער מערקווירדיג, אנשטאט דעם וואס סיצילע האט בעדארפט זיין גליקליך און פיהלען זיך אין אזא גליקליכען צו־

שטאנד אויף וועלכען זי האט קיינמאל ניט געקענט האפען, אנשטאדט דיזע אלע זאכען, האט זי פערגעסען אלעס וואס דוד איז פון אירעטוועגען אויסגעשטאנען און זי האט זיך זעהר געשעהמט מיט דעם וואס זי האט געהייראטהעט א ניגער. זי האט אנגעפאנגען צו זוכען גענוגלשאפט, זי האט געזוכט די ליעבע פון ווייסע מענשען און איז געזונקען אין די סקאנדאלען, וואס זיינען אייך ניט פרעמד. דוד האט די ערשטע צייט געהאט דעם גרעסטען צוטרויען צו איהר. ער האט ניט גע־וואלט גלויבען, אז זיין סיציליע, פאר וועלכער ער האט זיך געאפפערט, איז איהם אונטריי. אבער ענדליך האט ער זיך איבערצייגט, און זיין פערצווייפלונג קענט איהר זיך פארשטעלען.

— מען זאגט, אז ער האט זי געוואלט ערמארדען.

— יא, אבער צו פערדאנקען צו די ענערגיע פון זיין האהייט האט ער זיך בעגנינענט דערמיט, וואס מען האט זי אויף אייביג פערשפארט אין א פעסטונג. את דיעזע פעסטונג וויל זיין מאיעסטעט פאר איהר עפענען, צו אונזערביידענס גרויסען בעדויערען, אבער עס איז שוין שפעט, און זיין האהייט פערלאנגט, דאס איהר זאלט אבשיקען דעם ספעציעלען קוריער אזוי שנעל ווי מעגליך.

— בעפאר צוויי אוהר וועט ער זיין אבגעשיקט, פארלויפיג אדיע. אבענד זעהט איהר מיך ווידער.

— צום ווידערזעהן דיעזען אבענד, ליעבער באראן, אבער קומט שפעט אין אבענד, ווייל איך בין זיכער דאס זיין האהייט וועט ניט דורכלאזען היינטיגען טאג אהן א וויזיט צו דער טעמפעל שטראסע.

— אדיע.

— אדיע.

23טעם קאפיטעל.

דאס הויז אין טעמפעל שטראסע.

אום צו בענוצען זיך מיט דעם רעפארט, וואס באראן פאן גראון האט געזא־מעלט, וועגען דער נאכטיגאל און דעם לעהרער׳ס זוהן, וואר עס נויטהווענדיג דאס רודאלף זאל פערזענליך בעזוכען דאס הויז אין טעמפעל שטראסע. דער פרינץ האט געוואלט ערפאהרען וואו דזשורמענס יעצטיגע וואוינונג איז, און וואס פאר א כאראקטער פריליין דיפעלטאן איז. ער האט פערשטאנען, אז דיפעלטאן וועט אזוי לייכט ניט ארויסגעבען די געהיימנים פון איהר פריינד,

רודאָלף'ן איז דאָרום געפעלען געוואָרען דער פּלאַן צו דינגען דעם צימער, וואו דזשורמען האָט בעפאָר געוואָהנט.

אום דריי אוהר, אין זעלבען טאָג וואָס מאָרפי און דער באַראָן האָבען גע־שפּראָכען איז רודאָלף געגאַנגען דורך די טעמפּעל שטראַסע. דאָס בעשטימטע הויז איז געשטאַנען אין רעכטען מיטען פון אַן ענגען קוואַרטאַל, וואו אָרימע מענשען האָבען געטריבען אָרימע מסחרים. דאָס הויז אַליין האָט געהאַט אַ שענק־הויז אויפ'ן אונטערשטען עטאַזש און פיער עטאַזשען, אויסער'ן דאַך־שטיבעלע. אַ פינסטערע און ענגע געסעלע האָט געפיהרט אין אַ קליינעם הויף, וועלכער וואַר פול מיט די שמוץ און מיסט, וואָס די־איינוואָהנער פון דיעזען הויז האָבען געוואָרפען פון זייערע פענסטער.

ביים שוועל פון די פינסטערע און צובראָכענע טרעפּ, האָט אַ דונקעלער פייער בעלויכטען דעם אַריינגאַנג אין הויזקיפּער'ס (דוואָרניק) צימער. טאָ־פּענדיג ביי די וועגד איז רודאָלף אַריין צום הויזקיפּער און האָט געבעטען מען זאָל איהם ווייזען דעם צימער, וואָס איז צו פערדינגען.

ווען רודאָלף האָט זיך אַריינגעגליטשט אין צימער, איז דער ווירטה אַליין, מאָנסיו פּיפּעלעט, צו הויז ניט געווען און זיין ווייב, מאַדאַם פּיפּעלעט האָט זיין שטעלע בעטראָטען.

די הויזקיפּערין האָט דעם אורח איבערגענומען מיט די געוועהנליכע פראַגע:

—וואָס ברויכט איהר, מיין הערר ?

— איך האָב געהערט, אַז איהר האָט אַ צימער און אַ שלאָף־צימער צו פער־דינגען. קען איך עס זעהן ? — האָט רודאָלף געענטפערט.

— אויפ'ן פערטען פלאָר האָב איך אַ צימער, אָבער איהר קענט עס יעצט ניט זעהן. אַלפערד איז אוועק.

— אַייער זאָהן, מאַדאַם ? ער וועט דאָך וואַהרשיינליך באַלד קומען ?

— איך רעד ניט פון מיין זאָהן, איך מיין מיין מאַן.

— וועט איהר מיר ערלויבען איך זאָל דאָ וואַרטען ביז ער וועט צוריק קומען. איך וויל דינגען דיעזען צימער ווייל איך מוז האָבען דיעזע נאָכבאַרשאַפט. נור איידער איך זעה דעם צימער, וואָלט איך וועלען וויסען, אויב איהר קענט פיהרען מיין ווירטהשאַפט ? עס איז מיין שטייגער דאָס די אויפזועהערין פון גאַנצען הויז זאָל אויך אויפפּאַסען אויף מיין צימער. וועגען פרייז קום איך דורך.

— אָה, מיין הערר, מיט פערגניגען וועל איך עס אונטערנעהמען. פאַר זעקס פראַנק אַ מאָנאַט וועל איך אייך בעדיענען ווי אַ פּרינץ.

— איך בין צופריעדען צו צאָהלען דיעזען פרייז. ווי איז אייער נאָמען, מאַדאַם ?

— אמאַנא פאַרטונעטא אנאסטאסיא פיפעלעט.

— גוט, מאַדאַם פיפעלעט. איך וועל אייך צאָהלען זעקס פראַנק א מאָנאַט. זאָגט מיר נור, וואָס קאָסט דאָס צימער ?

— מיט'ן שראַנק קאָסט עס הונדערט פופציג פראַנק א מאָנאַט. א האָר ניט ביליגער. דער בעזיצער פון דיעזען הויז איז א הויט־שינדער.

— ווי רופט מען איהם ?

— מאַנסיו קולאַק.

דיעזער נאָמען און אַלעס וואָס דיעזער נאָמען האָט איהם עראינערט, האָט רודאָלף'ן געמאַכט שווינדלען.

— איהר זאָגט, מאַדאַם פיפעלעט, דאָס דער אייגענטהימער פון דיעזען הויז הייסט —

— מאַנסיו קולאַק.

— און ער וואָהנט ?

— אין נומער 13 באַהנען־שטראַסע.

רודאָלף האָט שוין לענגער ניט געקענט צווייפלען. עס וואַר גאַר אָהן צוויי־פעל דער זעלבער קולאַק. דיעזער צופאַל האָט רודאָלף'ן איבערראַשט.

—איז קולאַק דער פאָלשטענדיגער אייגענטהימער פון דיעזען הויז ?

— ניין. ער האָט עס נור געדונגען אויף אייניגע יאָהר. דער אמת'ער אייגענטהימער איז מאַנסיו באַרדאַן ; אָבער מיט יענעם האָבען מיר גאַר ניט צו טהאָן.

רודאָלף האָט געוואָלט וואָס מעהר בעפריינדעט ווערען מיט דיעזער פרוי און ער האָט איהר געזאָגט :

— מיין ליעבע מאַדאַם, איך בין זעהר מיעד און ערפראָרען. ווילט איהר מיר טהאָן די טובה און אַרויפטראָגען א פלאַש ספירט און צוויי גלעזער, אָדער בעסער דריי גלעזער, ווייל אייער מאַן וועט דאָך וואַהרשיינליך באַלד קומען.

ביי דיעזע רייד האָט ער אַריינגעוואָרפען א גאָלדענעם רענדעל אין איהר שויס.

— אח מאַנסיו, איהר זייט דאָך גאַר אַן אַדעלמאַן. איך וועל לויפען ברענגען די טהייערסטע שנאַפּס ; אָבער איך ברענג נור צוויי גלעזער. איך און מיין מאַן טרינקען אימער פון איין גלאַז. מיין ליעבער אַלטער מאַן, ער איז אימער בעריים צו ווייזען זיין פריינדשאַפט צו מיר.

— געהט, מאַדאַם פיפעלעט, איך וועל דאָ וואַרטען.

— אָבער וועט איהר דערווייל אַכטונג געבען אויף דאָס הויז ?

— האָט קיין מורא, מאדאם.

די אַלטע פרוי איז אוועק.

אין עטליכע מינוטען ארום האָט א בריעף־טרעגער אַנגעקלאַפּט אין פּענ־סטער, האָט אַריינגעשטעקט די האנד און האָט געזאָגט: „דריי סו״.

— איך מיין אַז איהר ווילט זעקס סו, איך זעה איהר האָט צוויי בריעף.

— איינער איז אַ בעצאָהלטער.

נאָכדעם ווי ער האָט בעצאָהלט דאָס געלד האָט רודאָלף צוגענומען די בריעף. אָנפאנגס האָט ער זיך ניט געקימערט וועגען די בריעף, אָבער באַלד האָט ער בעמערקט אַז די בריעף זיינען ווערטה מען זאָל זיי גוט בעטראַכטען. איין בריעף, וועלכער וואר אדרעסירט צו מאדאם פּיפּעלעט האָט פון זיין דיקען קאָנ־ווערט ארויסגעגעבען א שטארקען ריח פון א גוטען פּארפיום. אויף דעם זיעגעל פון רויטען וואקס זיינען געשטאַנען די בוכשטאבען ס. ר., וועלכע זיינען גע־שטאנען אין רעכטען מיטען פון א עהרען־קרייץ. די אדרעסע וואר געשריעבען אין אַן אויסגעשריעבענעם האנדשריפט. דער זיעגעל, די האַנדשריפט און די פּארפיומע האָבען רודאָלף׳ן איבערציינגט, אַז דער שרייבער פון בריעף איז ניט א פּרוינצימער. אָבער ווער קען עס זיין אזוי נאריש צו ליעבען דיעזע אַלטע, שמוציגע און אבשייליכע אַלטע באָבע? דער צווייטער בריעף איז אדרעסירט געוואָרען צו „מאַנסיו צעזאר בראַדאמאַנטי צאָהן־ארצט״. דיעזער אדרעס האָט אויסגעדריקט א מעלאַנכאָלישע האנדשריפט. רודאָלף האָט אויך בעמערקט, דאָס אין איין ווינקעל פון קאָנווערט איז געפאלען א טרעהר.

מאדאם פּיפּעלעט האָט געבראַכט די פלאַש מיט די צוויי גלעזער.

— היער זיינען צוויי בריעף, וואָס מען האָט פאר אייך געבראַכט, מאדאם, — האָט רודאָלף געזאָגט.

אַה, מיין טהייערער, זייט מיר מוחל. איהר האָט פאר זיי בעצאָהלט? נור זעהט וואָס זיינען דאָס פאר א בריעף? איינער שיינט צו זיין א ליעבעס־בריעף.

— ווער איז דאָס דער לומפּ, וואָס האָט דאָס געוואגט! — האָט די אַלטע דאמע געזאָגט צוכאַפּענדיג דעם בריעף.

— אָבער וואָס וואָלט געווען ווען אייער מאן וואָלט דאָ געווען, מאדאם?

— אום גאָטעס ווילען, רעדט עס ניט ארויס פון אייער מויל, אָדער איך פאַל אין אונמאכט אין אַ י י ע ר אָ ר ם. איך ווייס שוין וואָס דאָס איז פאר א בריעף, עס איז פון קאָמאנדיר. גאָט זאָל זיך ערבארמען, וואָס פאר א שרעק איך האָב עס געקענט האָבען, מיין פּיפּעלעט איז אייפערזיכטיג ווי אַן אראבער!

— אָבער דאָ האָט איהר נאָך אַ בריעף, וועלכער איז אַדרעסירט צו מאַנ־סיו צעזאר בראַדאמאַנטי.

— אָה, יא, עס איז פאַר'ן צאָהן־ארצט, וואָס וואָהנט אויפ'ן דריטען עטאַזש. איך וועל איהם אַריינלעגען אין שוך.

רודאָלף האָט געמיינט, אַז ער האָט ניט ריכטיג געהערט; אָבער ער האָט באַלד געזעהן ווי פּיפּעלעט לייגט אַריין דעם בריעף אין אַן אַלטען שוך, וואָס הענגט אויפ'ן וואַנד. ער האָט זי איינגעקוקט און האָט געפרעגט, וואָרום זי האָט דעם בריעף אַוועקגעוואָרפען.

— דאָס איז אונזער בריעף־קאַסטען, — האָט זי געענטפערט — דאָ ליעגען די בריעף גאַנץ זיכער און ווען די שכנים פון דיעזען הויז קומען, טרייסלען זיי אויס דעם שוך און נעהמען צו זייערע בריעף.

זי האָט געעפענט דעם בריעף, האָט איהם אַרומגעדרעהט אין אַלע זייטען און האָט געזאָגט:

— ווען מיין מאַן איז צו הויז, לעזט ער מיינע בריעף, ווייל איך קען ניט לעזען. ווילט איהר זיין אַזוי גוט און דעם בריעף פאַר מיר דורכלעזען.

— לעזען דעם בריעף? מיט פערגעניגען, מאַדאַם! — האָט רודאָלף געענטפערט אויס נייגירדע צו וויסען דער אַלטער'ס געשעפטען. בעטראַכטענדיג דעם בריעף פון אַלע זייטען האָט ער פאָלגענדעס געלעזען:

„מאָרגען, פרייטאָג אום עלף אוהר זאָלט איהר אָנצינדען פייער אין ביידע צימערען, וואַשט אַרום די שפּיגלען, נעהמט אַראָב דעם צודעק פון די מעבעל, זייט פאָרזיכטיג ניט אָבצורייבען דעם גאָלד פון די מעבעל אָדער צו פערשמוצען דעם דיוואַן ווען איהר הייצט די אויווענס. אויב עס וועט זיך מאַכען, דאָס איך וועל ניט זיין, ווען אַ דאַמע וועט קומען אין אַ קאַרעטע און וועט אויף מיר פרעגען אונטער דעם נאָמען טשאַרלעס, זאָלט איהר זי אַריינפיהרען אין מיין צימער".

רודאָלף האָט גוט פערשטאַנען וואָס דיעזער בריעף בעדייטעט און ער האָט איהר געפרעגט:

— ווער וואוינט אין דעם ערשטען עטאַזש?

די אַלטע פרוי האָט אַרויפגעלעגט איהר מאָגערען געלען פינגער אויף איהר גראָבע ליפּ און האָט געענטפערט:

— אה, דאָס איז מיין סוד!

— איך פרעג עס אייך, ליעבע מאַדאַם, נור ווייל איידער איינער בעזעצט זיך אין אַ הויז, וויל ער וויסען —

— דאָס איז ריכטיג, און דאַרום וועל איך אייך טאַקע זאָגען אַלעס וואָס איך ווייס דערפון. עס וועט מיר לאַנג ניט נעהמען.

— מיט זעקס וואָכען צוריק איז אהער געקומען אַ טאַפּעציערער און האָט געזאָגט, אַז ער וויל דינגען דעם ערשטען עטאַזש און האָט געפּרעגט דעם פּרייז. אויף מאָרגען איז ער געקומען מיט אַ יונגען מאַן מיט קליינע וואָנצעס און אין שעהנע קליידער מיט אַ מעדאַל אויפ'ן ברוסט. דער טאַפּעציערער האָט דיעזען יונגען מאַן גערופען קאָמאַנדיר.

— איז ער אַ סאָלדאַט ?

— אַ סאָלדאַט ! געהט, נור געהט ! ער בעלאַנגט נור צו די נאַציאָנאַל גאַרדע, דער טאַפּעציערער האָט איהם גערופען קאָמאַנדיר, נור אום איהם צו שמייכלען. ווען דער קאָמאַנדיר האָט אַלעס בעטראַכט, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז וואָס ער ווינשט און ער האָט געהייסען מען זאָל זעהן דעם אייגענטהימער און שליסען דעם קאָנטראַקט. אויף מאָרגען איז דער טאַפּעציערער געקומען, האָט געדונגען דעם וואָהנונג אויף זיין נאָמען און האָט בעצאָהלט רענט פאַר זעקס מאָנאַטען אין פאָראויס. דער קאָמאַנדיר האָט וואָהרשיינליך ניט געוואָלט מען זאָל זיין נאָמען וויסען. דער קאָמאַנדיר איז דאַן געקומען און האָט אויסגעפּוצט דעם וואָהנונג מיט די טהייערסטע מעבעל, פּונקט ווי אַ רעסטאָראַנט אין די בולוואַרען. ווען אַלעס איז פערטיג געוואָרען האָט ער אָבגעמאַכט מיט מיין פּיפּעלעט ער זאָל אַכטונג געבען אויף זיינע צימערען, ווייל ער אליין וועט זעהר זעלטען אהער קומען און יעדעס מאָל ווען ער וועט שיקען אַ בריעף זאָל מען פאַר איהם די צימערען פּאַרבערייטען. מיין פּיפּעלעט האָט דערפאַר פערלאַנגט צוואַנציג פראַנק אַ מאָנאַט. ער איז דאָך עפּעס אַ רייכער קאָמאַנדיר, וואָס דינגט אַ וואָהנונג וואָס זאָל שטעהן לעער ! אָבער דיעזע רייכע הערען ווילען אימער אָראָבשינדען די הויט פון זייערע אָרימע אַרבייטער און מעהר ווי צוועלף פראַנק האָט ער ניט געגעבען. איהר זייט קיין רייכער מאַן און איהר רופט זיך ניט קאָמאַנדיר, דאָך זייט איהר פיעל פריינער מיט אייער געלד, — האָט די אַלטע געענדיגט מיט אַ שמייכעל צום מאַן וואָס האָט איהר געקויפט אַ ביסעל שנאַפּס.

— אָבער איז דיעזער קאָמאַנדיר זייט דאַמאָלס דאָ געוועזען ?

— ער שרייבט אַזעלכע בריעף שוין דעם דריטען מאָל און ער בלייבט אַלעס אַ נאַר. ער שרייבט מען זאָל אויספּוצען זיינע צימערען, מאַכען אַלעס פערטיג ; אָבער הערט נור זיינע מפּלות. דעם ערשטען מאָל איז ער געקומען אויסגעפּוצט און אָנגעפּאַרבט ; ער וואַר פרעהליך, האָט געזונגען, האָט גע־

פייפט, האָט געוואָרט צוויי גאַנצע שטונדען, אָבער קיין איינציגע זעעלע איז צו איהם געקומען. ווען ער איז צוריקגעגאַנגען האָבען מיר איהם געוואָלט א ביסעל ערגערען און מיין פּיפּעלעט האָט צו איהם געזאָגט :

— אָה, קאָמאַנדיר, קיין איינציגע דאַמע האָט דאָ אויף אייך געפרעגט.

— זעהר גוט, זעהר גוט ! — האָט ער געענטפערט מיט שאַנדע און פערדרוס, און איז אוועק בייסענדיג די נעגעל. דעם צווייטען מאָל, בעפאָר דער קאָמאַנדיר איז געקומען האָט איינער געבראַכט א צעטעלע, אַדרעסירט צו מאָנסיו טשאַרלעס. איך האָב פערשטאַנען, אז מען האָט דעם קאָמאַנדיר א צווייטען מאָל אָבגעטהאָן. איך און מיין פּיפּעלעט האָבען זעהר געלאַכט און כלעבען, דער קאָמאַנדיר איז דאָ. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען, האָב איהם איבערגעגעבען דעם צעטעלע. ער האָט א כאַפּ געטהאָן דעם פּאַפּיער, האָט איהם אויפגעריסען, דורכגעלעזען און איז געוואָרען בייז און רויט ווי א בוריק און האָט זיך ווידער אָבגעטראָגען. אָה, אָה ! ווי קאָמיש ער זעהט אויס, ווען ער ווערט אין כעס. יעצט האָט ער נעבאך ווידער אַזא חתונה, אָבער דאָס וועט איהם שוין לערנען ווי צו געבען דעם פּרייז וואָס מיר פערלאַנגען.

— און דאָס דריטע מאָל ? האָט רודאָלף געפרעגט.

— דעם דריטען מאָל האָב איך שוין געמיינט, אז ער איז דער זיעגער. דער קאָמאַנדיר איז געקומען און עס האָט אויסגעזעהן גלייך ווי ער איז שוין זיכער ; זיינע אויגען האָבען אַרויסגעקראָכען פון קאָפּ פאַר פריידע. ער האָט אונז בעפוילען מיט א שטאָלץ, גלייך ווי ער וואָלט געגומען ראַכע פון אונז, דאָס ווען די דאַמע וועט קומען זאָלען מיר איהר פיהרען גלייך צו זיינע צימערען. איך און מיין מאַן, וואַרען אזוי נייגעריג צו זעהן ווי די דאַמע זעהט אויס, דאָס מיר האָבען זיך געשטעלט פאַר'ן טיהר און האָבען אויף איהר געוואַרט. דיעזען מאָל איז עס איהם געלונגען. א קליינע קאַרעטע, מיט פערהאַנגענע פענסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דיעזען הויז. די טיהר האָט זיך געעפענט און א דאַמע, וועלכע איז געווען איינגעוויקעלט אין א פּעלץ, און דאָס גאַנצע געזיכט פערשלייערט איז פאַר אונז ערשיענען. די דאַמע האָט געהאַלטען איהר טאַשענ־טוך ביי איהרע אויגען, גלייך ווי זי וואָלט געוויינט ; אָבער הערט נור, די דאַמע האָט א דרעה געטהאָן איהר קאָפּ רעכטס און לינקס, דאַן האָט זי געזאָגט א פּאָר ווערטער צום קוטשער און די טיהר פון קאַרעטע איז ווידער פערמאַכט געוואָרען.

— איז די דאַמע פון וואָגען ניט אַרויס ?

— ניין. זי האָט זיך געוואָרפען צום הינטערגרונד פון איהר קאַרעטע און

האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט די טאַשענטוך צו איהרע אויגען. איך בין צו־געלאָפען צום קוטשער און האָב איהם געפרעגט, אויב ער פאָהרט צוריק ? ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער פאָהרט צוריק אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען.

— און פון וואַנען קומסט דו ? — האָב איך איהם געפרעגט, איידער ער איז אַרויפגעשטיגען צו זיין פּלאַץ.

— פון סאַנט דאָמיניק, עקע בעלל שטראַסע.

אַ שוידער איז דורכגעלאָפען רודאָלף׳ס קערפּער. מאַרקיז דע האַרוויל, זיין בעסטער און טהייערסטער פריינד וואָהנט אין יענעם הויז. זאָל עס זיין דעם מאַרקיז׳ס יונגע פרוי ? איז עס מעגליך, דאָס זי איז אַזוי ניעדריג געפאַלען ? זאָל דאָס זיין די אורזאַכע פון מאַרקיז׳ס מעלאַנכאָלי ? דיעזע געדאַנקען זיינען געלאָפען איבער רודאָלף׳ס קאָפּ. ער האָט געקענט דער מאַרקיזין׳ס אַלע בע־קאַנטע ; אָבער ער האָט זיך ניט געקענט ערָאינערען, ווער קען זיין דיעזער קאָ־מאַנדיר. עס איז אויך מעגליך, דאָס דיעזע דאַמע האָט נור גענומען אַ קאַרעטע אין יענעם געגענד, אָבער אַליין זאָל זי וואָהנען אין אַן אַנדער אָרט. קיין ריכ־טיגער בעוויז, דאָס דיעזע אונהערליכע פרוי איז די מאַרקיזין, האָט ער דערפון ניט געהאַט, דאָך איז עס אַ חשד, און דיעזער חשד אַליין האָט איהם אויפגע־רייצט די נערוון. די אַלטע פרוי האָט בעמערקט זיין אויפרעגונג.

— וואָס איז מיט אייך געשעהן, מיין הערר ? וואָס זייט איהר אַזוי צוטומעלט ?

— איך קען ניט פערשטעהן וואָרום די דאַמע האָט זיך אומגעקעהרט נאָכדעם ווי זי איז שוין געוועזן ביי׳ם טיהר.

— וואָס וואונדערט איהר זיך ? אַ שרעק, אַ געדאַנק, אַ פערדאַכט ! מיר פרויען זיינען זעהר שוואַך, מיר שרעקען זיך פאַר אַ שאָטען. מיר שיינט, דאָס ווען איך וואָלט דאַרפען זיין פאַלש צו מיין מאַן און וואָלט דאַרפען פאָהרען צו אַ געליעבטען, וואָלט איך זיכער געפאָהרען טויזענד מאָל הין און צוריק און וואָלט ניט געוואַגט אויסצושטייגען פון וואָגען ; אָבער ניעמאָלס ! ניעמאָלס ! אויף דער גאַנצער וועלט גיעבט עס ניט א י י ן איינציגער מענש וואָס זאָל קענען זאָגען, אַז איך בין —

— איך גלויב אייך, מאַדאַם, אָבער דיעזע יונגע דאַמע ?

— איך ווייס ניט אויב זי איז יונג, מיר האָבען אפילו איהר שפּיץ נאָז ניט געקענט זעהן. אָבער איך זאָג אייך, דאָס ווען מיר וואָלטען פערדיענט צעהן פראַנק וואָלט עס אונז אַזוי ניט געפרעהט ווי דעם קאָמאַנדיר׳ס מפּלה. מיר האָבען נור געטראַכט, ווי דער קאָמאַנדיר בלאָזט זיך דאָרט ווי אַן ענדיק. מיר זיינען ניט געגאַנגען איהם צו מעלדען, אַז זיין פויגעל איז אַנטלאָפען. מיר

האָבען איהם געלאָזט וואַרטען אַ גאַנצע שטונדע, ענדליך בין איך אַרויף אויף די טרעפּ און בין צוגעגאַנגען צו זיין טיהר, וועלכע איז געווען האַלב אָפען. אויף די טרעפּ וואַר פינסטער און ווי איך האָב זיך נור געשטעלט אויפ'ן שוועל, אהא, דער בחור איז צו מיר צוגעלאָפען מיט האַסט. האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענד און האָט גענומען טענה'ן:

— אַה, מיין ענגעל! וואָרום האָסטו מיך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטען?

ניט אַכטענדיג דעם צווייפעל וואָס האָט רודאָלף'ן קיין רוה געגעבען, האָט ער זיך דאָך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער, ווען ער האָט אָנגעקוקט די אַבשייליכע אַלטע שאַכטעל, וועלכע דער קאָמאַנדיר האָט געקוסט.

— חאַ־חאַ־חאַ! דאָס וואַר אַ שפּאַס! — האָט די שאַכטעל מיט אַ בּרייטען געלעכטער געזאָגט, — אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס, הערט ווייטער: איך בין געשטאַנען און האָב איהם ערלויבט מיך צו קושען און האַלזען אין פינ־סטערען קאָרידאָר. איך האָב איינגעהאַלטען מיין אָטהעם און האָב קיין וואָרט ניט אויסגעשפּראָכען; אָבער פּלוצלונג האָט ער מיך פון זיך אַ שליידער גע־טהאָן, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטען אַ שפּין און האָט אויסגעשריען:

— וואָס, צום טייפעל, האַלט איך עס אין מיינע הענד?

— איהר שרייט נאָך? — האָב איך איהם געפרעגט — שטעלט זיך נור פאָר, ווען מיין מאַן זעהט עס!

— אָבער וואָס טהוט איהר דאָ, אַלטע מכשפה? — האָט ער געשריען.

— מיין הערר, די דאַמע איז געווען און איז צוריק אַוועק!

— אָה, איהר האָט עס פערראַטהען, איהר האָט איהר עפּעס געזאָגט אום זי זאָל צוריק פאָהרען, — האָט ער געשריען ווי אַ משוגע'נער.

— ניין, מיין הערר, די דאַמע איז אפילו פון איהר קאַרעטע ניט אַראָפּ. גלייך ווי איהר פוהרמאַן האָט געעפענט איהר קאַרעטע, האָט זי איהם געהייסען צוריק פערמאַכען און פאָהרען צוריק אַהין פון וואַנען זי איז געקומען.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך געוואָרפען און געשליידערט און האָט געכאַפּט זיין טהייערען ראָק און געלאָפען פון די טרעפּ. דער דומקאָפּ האָט געמוזט מיינען, אַז די קאַרעטע איז נאָך ניט ווייט און ער איז געלאָפען כאַפּען זיין גליק. מיר האָבען איהם נאָכגעלאַכט מיט אַלע קרעפטען. מיר האָבען געהאַט די גרעסטע נקמה. ווייל אַזאַ קאַרגען מאַן האָבען מיר נאָך ניט געזעהן. אונז שיינט, אַז ער איז אַ געוואָרענער, ניט אַ געבאָרענער גביר. ער האָט געלד ווי אַ גראַף, אָבער אַ האַרץ פון אַ שוויין. איך האָב דעם גרעסטען פער־גניגען צו זעהן ווי די יונגע דאַמע דערגעהט זיינע יאָהרען. איך קען וועטען מיין

קאַפּ, אַז מאָרגען וועט זיין די זעלבע חתונה. זי האָט איהם צוגעזאָגט צו קומען, אָבער זי וועט ניט קומען. איך מוז עס דערצעהלען דער פיש־פרוי, זי האָט ליעב צו זעהן אַזאַ שפּאַס און איז נייגעריג צו זעהן אַ „מאַדאַם". אויב זי קומט דיעזען מאָל וועלען מיר זעהן אויב זי איז שעהן אָדער מיאוס... איך האָב זיך שוין צופיעל צופלוידערט, מיין טאָפּ וועט אויסברענען. דאָס פלייש וועט ווערען פער־דאָרבען און מיין אַלפערד האָט נאָך ניט געגעסען! אַה, מיין אַלטער וואָלט פאַר אַ שטיקעל בראַטען פערקויפט גאַנץ פראַנקרייך — זיין שעהנע, ליעבע פראַנקרייך.

וועהרענד מאַדאַם פּיפּעלעט האָט זיך בעשעפטיגט אַרום איהרע טעפּלעך, איז רודאָלף געזעסען און האָט זיך געקוואָלען מיט טרויעריגע געדאַנקען. די פרוי, וועלכע דער קאָמאַנדיר האָט ערוואַרטעט האָט אָהן ספק פיעל געליטען ביז זי האָט זיך בעשלאָסען דעם פערברעכען צו בעגעהן. ער האָט ניט געוואוסט אויב דאָס איז די מאַרקיזין דע האַרוויל אָדער אַן אַנדערע; אָבער אַן אונגליק־ליכע איז זי געוויס. ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דיעזע אונגליקליכע קען זיין די מאַרקיזין האָט ער ווידער געשוידערט. ווייל צוריק מיט עטליכע יאָהר האָט ער פאַר דיעזע פרוי געפיהלט עטוואָס מעהר ווי פריינדשאַפט. זיין גע־פיהל האָט ער אָבער אונטערדריקט און האָט קיינעם ניט געגעבען די געלע־גענהייט צו בעמערקען וואָס אין זיין הערץ געהט פאָר; ווייל ער האָט דעם מאַרקיז געליעבט ווי אַ ברודער. ער האָט זיך יעצט אַליין געפרעגט ווי דאָס קען מעגליך זיין, דאָס אַזאַ ליעבענסווירדיגער, אַזאַ צערטליכער, אַזאַ געטרייער און ענטוויקעלטער יונגער מאַן ווי מאַרקיז דע האַרוויל קען פון זיין פרוי פערביטען ווערען אויף אַ נאַרישען שטרויענעם אַריסטאָקראַט ווי דער קאָמאַנדיר? איז דאָס מעגליך, דאָס די שעהנע געזיכט וואָס דער קאָמאַנדיר האָט זאָל געווינען דאָס הערץ און די עהרע פון דער מאַרקיזין? וויפיעל רודאָלף האָט דער מאַרקיזין געקענט, האָט ער געוואוסט, אַז זי האָט אַ וואַרמעס הארץ, אַן עדלען געשמאַק, און אַן ענטוויקעלטען כאַראַקטער. אויף איהר נאָמען און עהרליכקייט האָט נאָך קיין מענש אַ וואָרט געשפּראָכען.

— ניין, דיעזע אונהערליכע און אונגליקליכע דאַמע איז ניט די מאַרקיזין, — האָט רודאָלף ביי זיך אַליין בעשלאָסען נאָכדעם ווי דער צווייפעל האָט איהם אָנגעפאַלען.

אום פון זיינע שווערע געדאַנקען פריי צו ווערען האָט ער דער אַלטער פרוי נייע פראַגען געשטעלט, וואָס זאָלען האָבען קיין שייכות צום פריהעריגען גע־שפּרעך. זיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— ווער וואָהנט אויפ'ן צווייטען עטאַזש?

— די באָבע בורעט, אַ וואונדערבאַרע פרוי ביי קאַרטען. זי לעזט אויף אייער האַנד גלייך ווי פון אַ בוך. פיעלע מענשען קומען איהר פרעגען זייער שיקזאַל; זי זאָגט אַלעמען פאַר געלד. אָבער קאַרטען־לייגען איז ניט איהר איינ־ציגע בעשעפטיגונג. זי האַלט אַ פּריוואַט־באַנק, זי באָרגט געלד אויף משכנות זי פיהרט איהר געשעפט זעהר פּראַקטיש, בעסער דאַרף מען ניט. זי האָט פיינט צו מאַטערען איהרע קונדען מיט קוויטעלעך, מיט רעכנונגען, און בוך־פיהרונג. זי מאַכט עס קורץ און שאַרף: איהר ברענגט אַ העמדעל פון דריי פראַנק, זי באָרגט אייך אויף דעם צעהן סו. ענדע וואָך מוזט איהר ברענגען צוואַנציג סו און נעהמען דעם משכון, ווען ניט בלייבט דאָס העמדעל ביי איהר. איאַ, דאָס איז זעהר איינפאַך! איהר האַנדעל און איהר פּראָצענט מוז זיין נור אין גלייכע ציפער, אום אפילו אַ קינד זאָל עס קענען בערעכענען. זי באָרגט געלד אויף אַלעס. איך האָב אַמאָל געזעהן ווי מען האָט צו איהר געבראַכט אַ פּאָפּוגיי, וואָס האָט זיך געשאָלטען ווי אַן אַלטע פרוי.

— און וואָס האָט מען פערלאַנגט פאַר דיעזער פּאָפּוגיי?

— דיעזער פּאָפּוגיי, האָט מען געזאָגט, איז אַ יחסן, ער האָט בעלאַנגט צו אַן אַלמנה מיט'ן נאָמען הערבעלאָט, און מען האָט געזאָגט אַז דער פּאָפּוגיי איז ביי איהר געווען טייער ווי איהר לעבען. די באָבע בורעט האָט צו איהר געזאָגט:

— גוט, איך באָרג אייך צעהן פראַנק אויף דיעזען ענדיק; אָבער ענדע וואָך וויל איך איהר זאָלט מיר ברענגען צוואַנציג פראַנק. אויב איהר ברענגט מיר ניט די צוואַנציג פראַנק מיט די קאָסטען צו פיטערען דעם ענדיק, וועל איך אייער פויגעל אָנטרינקען מיט גיפט. אָה, זי קען איהר געשעפט. די אלמנה האָט זעהר געציטערט פאַר איהר פּאָפּוגיי'ס לעבען און ענדע וואָך האָט די באָבע געהאַט איהרע צוואַנציג פראַנק אויף איהר טיש, און די פרוי האָט צוגענומען די פויגעל וואָס האָט זיך געזידעלט, געשאָלטען און האָט גערעדט אַזעלכע מיאוס'ע רייד, דאָס מיין פּיפּעלעט איז רויט געוואָרען פאַר שאַנדע. אָה, מיין פּיפּעלעט איז זעהר בעשידען. עס איז אויך קיין וואונדער. זיין מוטער איז געווען אַ נאָנע און זיין פאָטער — אַ גלח. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. אין יענער פירכטערליכע צייט האָבען גלחים געהייראַטהעט מיט נאָנעס.

— און וואָס נאָך איז דער באָבע בורעט'ס בעשעפטיגונג?

— קיין אַנדער בעשעפטיגונג האָט זי ניט — אַזוי שיינט מיר. — איך פערשטעה נור ניט, וואָס פאַר אַ געהיימניסע זי קען האָבען אין אַ קליינעם צימער, וועלכען זי האַלט אימער פערשפּאַרט און אין וועלכען קיינער טאָר ניט

אריינגעהן אויסער מאַנסיו קולאַק, דער פּאַכטער פון דיעזען הויז און אַן אַלטע פרוי מיט א י י ן אויג, וואָס רופט זיך לילית.

— קומט דיעזע פרוי אַהער אָפט ? — האָט ער געפרעגט.

— זעקס וואָכען איז זי דאָ ניט געווען. צוריק מיט צוויי טעג האָבען מיר זי דאָ ווידער געזעהן. זי הינקט יעצט אויף אַ פוס.

— וואָס פאַר אַ געשעפטען קען זי האָבען מיט דער קאָרטענוואַרפערקע ?

— איך ווייס ניט. איך האָב נור בעמערקט, דאָס ווען לילית אָדער קולאַק קומען אַהער, ברענגען זיי גרויסע פּעק, וועהרענד פון דאַנען נעהמען זיי קיין זאַך צוריק.

— און וואָס טראָגען זיי אין די פּעק ?

— דאָס ווייס איך אויך ניט. אָבער איך רעכען, אַז זיי טראָגען ווייזוויך פאַר׳ן טייפעל. ווען זיי זיינען אין קליינעם צימער שמעקט עס איבער דעם גאַנצען הויז מיט שוועבעל, מיט צולאָזטען בליי און דער גלייכען. מען קען אויך הערען ווי זיי קלאַפּען מיט האמערס און רייבען מיט פיילען, גלייך ווי ביי א בלעך־שמיד. איך גלויב אַז די באָבע בורעט און די לילית שמידען דאַן די שדים אין זייערע קייטען, אָדער זיי מאַכען אַן אַנדער סאָרט כישוף. מאַנסיו צעזאַר בראַדאַמאַנט זאָגט אויך אַזוי. אָה, דיעזער צעזאַר איז אַ העכסט געבילדעטער מענש — איך מיין איטאַליענער. ער רעדט פראַנצוויז אַזוי גוט ווי מירביידע. ער פערשטעהט אַ קראַנק און ער וועט רייסען אייערע צייהן, ניט פאַר געלד נור סתם פון כבוד. יאָ, מיין העלר, ער וועט אויסרייסען אַלע אייערע באַק־צייהנער נור פאַר כבוד. ווען איהר האָט זעקס קראַנקע צייהן וועט ער אייך ארויסרייסען פינף גאַר אָהן געלד, ער פערלאַנגט נור מען זאָל איהם בעצאָהלען פאַר׳ן זעקסטען צאָהן. — דאַן פערקויפט ער אַלערליי סאָרטען רפואות צו אַלערליי קראַנק־הייטען וואָס אַ מענש קען זיך פערגינען צו בעזיצען. ער מאַכט זיינע אייגענע רפואות, ער איז אויף דעם אַ קינסטלער ! אונזער פּאַכטער׳ס פּלימעניק, דער קליינער האַפּי לערענט ביי איהם ווי דיעזע רפואות צו מאַכען. האַפּי דערצעהלט, אַז זיין פּראָפעסאָר וועט קויפען אַ פערד און אַ רויטען אַנצוג און וועט בעקאַנט מאַכען זיינע סגולות איבער׳ן גאַנצען שטאָדט. דער קליינער האַפּי וועט טראָגען אַ פּייקעל און וועט פּויקען מיט ביידע הענד, אום צו געווינען די אויפמערק־זאַמקייט פון פּאַריזער פּובליקום.

— מיר שיינט, אַז דיעזער האַפּי האָט זעהר אַ קליינע און ניעדריגע שטעלע.

— יאָ. מאַנסיו קולאַק זאָגט, אַז ער וויל געוואוינען זיין קינד צו שלעכטע צייטען, זאָנסט וועט ער ענדיגען זיין לעבען אין געפענגניס. ער איז דער

ערגסטער און ווילדסטער קליינער הינטעל אין דער וועלט. ער האָט שוין אָב־געטהאָן זעהר מיאוס'ע שפּיצלאַך דעם געלעהרענטען צעזאר בראַדאַמאַנטי. אָה, דער אַלטער איז אַ טייערער מענש, זייט ער האָט אויסגעהיילט מיין אַלפרעד פון רעהמאַטיזמוס זיצט ער אין אונזער הארצען. עס גיעבען אפילו שלעכטע מענשען אין דער וועלט, וואָס וואַגען צו זאָגען... ניין, איך וועל עס גאָר פאַר מיין מויל ניט ברענגען, די האָאַר שטעלט זיך קאַפּויר ! מיין אַלפרעד זאָגט, ווען דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלט דער דאָקטאָר שוין לאַנג געווען אויפ'ן תליה.

— אָבער וואָס איז דאָס פאַר אזא שרעקליכע זאַך ?

— אָה, איך וואָג עס ניט אַרויסצולאָזען פון מויל.

— דאַרף מען ניט ! רעדט גאָר בעסער דערפון ניט.

— יא, איך שווער אייך, אז פאַר אַן אַנשטענדיגע פרוי איז אַ שאַנדע אזא זאַך אַרויסצורעדען.

— דאַן רעדט דערפון ניט מעהר, מאַדאַם פּיפּעלעט.

— אָבער איך קען זיך ניט איינהאַלטען, איהר זייט אונזער נעבסטער שכן און עס וועט זיין אַן עולה איך זאָל ניט ענטדעקען אזא פאַלשקייט פאַר אייך. מיר שיינט, אז איהר זייט אַ מאַן וואָס וועט וועלען שליסען פריינדשאַפט מיט דיעזען געלעהרענטען ; אָבער ווען איהר וועט ניט וויסען וואָס לייטע קענען אויסטראַכטען קען עס אייך צוריקהאַלטען פון דיעזער פריינדשאַפט. איך וועל עס בעסער אייך זאָגען אין געהיים, אז —

רודאָלף האָט איינגעבויגען זיין קאָפּ און די פרוי האָט איהם אַריינגערעדט עטליכע ווערטער, פון וועלכע רודאָלף האָט אָנגעפאַנגען צו שוידערען און האָט אויסגעשריען :

— אָה, דאָס איז דאָך אַ שרעקליכע רציחה !

— עס שוידערט, איאָ ? אָבער דאָס איז ניט אמת. און בעטראַכט עס ווי איך און זאָגט, אז די גאַנצע וועלט זאָגט ליעגען. קען דאָס מעגליך זיין דאָס אַ מאַן וואָס האָט אויסגעהיילט מיין אַלפרעד פון רעהמאַטיזמוס, אַ מאַן וואָס נעהמט אַרויס זעקס צייהן אומזיסט, אַ מאַן וואָס האָט אַ דיפּלאָם, אז ער האָט אויסקורירט אַלע אייראָפּעאישע פּרינצען און מאָנאַרכען און אַ מאַן וואָס צאָהלט זיין רענט פּינקטליך, אזא מאַן קען אַזעלכע זאַכען ניט טהאָן.

ווערהענד מאַדאַם פּיפּעלעט האָט געשפּראָכען צו איהר נייעם שכן, האָט זיך רודאָלף עראינערט אויפ'ן בריעף, וואָס איז געשיקט צו דיעזען פאַלשען דאָקטאָר. יענער בריעף וואַר געשריעבען מיט אַ פערשטעלטע האַנד־שריפט און

א טרעהר איז געוועזן קענטיג. — א טרעהר! אין יענעם טרעהר, אין יענעם געהיימען בריעף האט רודאלף געזעהן א פערבארגענע דראמא, א טראגעדישע דראמא. א שטומער געפיהל האט איהם געזאגט, אז וואס עס ווערט דער־צעהלט אויפ'ן צאהן־ארצט איז וואהר.

— אה, דארט געהט מיין אלפרעד! — האט די אלטע פרוי אויסגעשריען

— ער וועט אייך אויך דערצעהלען, אז די לייטע זיינען שענדליכע פער־לוימדער, וואס האבען אויסגעטראכט א ליגען אויף אזא עדלען מאן, ווי מאנסיו צעזאר בראדאמאנטי! אה, אזא צעזאר וואס האט אויסקורירט מיין אלפערד'ס רעהמאטיזם.

מאנסיו פיפעלעט איז אריין אין הויז מיט א שטאלץ ווי א גרויסער הער־שער. ער וואר אונגעפעהר זעכציג יאהר אלט; ער האט געהאט א געוואלטיג גרויסען נאז, ברייטע פלייצעס און א גראבען פנים, וואס וואר רויט, בלאה און שווארץ, אלעס צוזאמען. דיעזעס קאמישעס געזיכט וואר האלב־פערשטעלט פון א הויכען, צובויגטען קוימען, וועלכען מען רופט צילינדער־הוט. דער הויז־קיפער האט בעגריסט דעם פרעמדען אין זיין הויז מיט א העפליכען שמייכעל, אבער אין דיעזען שמייכעל איז געלעגען א מעלאנכאלי. זיין גאנצע האלטונג איז געוועזן פון א מאן, וואס האט א שטילען טרויער.

— אלפרעד, דיעזער הערר וויל נעהמען דעם צימער אויפ'ן פיערטען עטאזש, — האט מאדאם פיפעלעט געזאגט וועהרענד זי האט פערגעשטעלט דעם פרעמדען פאר איהר מאן — מיר האבען דא געווארט אויף דיר מיט דעם שנאפס וואס דיעזער מאן האט געקויפט.

מאנסיו פיפעלעט האט גלייך בעקומען א פריינדליכען געפיהל פאר רו־דאלף'ן, וועלכער וואר אזוי גוט צו קויפען שנאפס פאר איהם און זיין ווייב. דער הויזקיפער האט גלייך צוגעלעגט זיין האנד צום היטעל און האט אין א באסאווע שטימע געזאגט:

— איך האף אז מיר וועלען צופריעדען שטעלען דיעזען אדעלמאן און דאס מיר וועלען פון איהם אויך צופריעדען זיין, ווייל פויגעלאך פון א י י ן מין לעבען אימער בשלום. נור פלוצלונג האט ער געביטען זיין קול און גאנץ ערנסט געזאגט:

— דאס הייסט דאן, אויב איהר זייט ניט קיין מאלער!

ניין, איך בין א קלערק אין א געשעפט.

— דאן מיין הערר, בין איך פארטיג אייך צו דיענען. איך גיב אייך אב א מזל־טוב, ווייל די נאטור האט אייך ניט געמאכט פאר אזא שרעקליכע חיה ווי די קינסטלער.

— קינסטלער זיינען שרעקליכע חיות ? — האָט רודאָלף געפרעגט.

פּיפּעלעט האָט ניט געענטפערט. ער האָט נור געמאכט א קולאַק געגען הימעל און איז נאָכדעם געבליבען שטיל ווי א געליימטער.

— איך מוז אייך זאָגען, אז מאַלער האָבען פערביטערט מיין אַלפרעד׳ס לעבען. אָה, דיעזע חיות האָבען אויסגעקוועטשט די זאפט פון זיין לעבען ביז ער איז געוואָרען וואָס איהר זעהט ! — האָט מאדאם פּיפּעלעט רודאָלף׳ן ער־קלעהרט אין א שטילען טאָן. דאן האָט זי געזאָגט אין א העכערען — קום, אַלפרעד, זיי א מענש ; דענק ניט פון יענעם באנדיט ; דו וועסט קראנק ווערען און דער מיטאָג וועט אויסענבלייבען.

— ניין ! איך וועל זיין ביי מיין פערשטאנד, וועל בלייבען ענטשלאָסען און מוטהיג, — האָט ער געענטפערט אין א ערנסטען טאָן — ער האָט מיר גע־טהאָן פיעל בייזעס ; ער איז געוועזען מיין פערפאָלגער, מיין מארטערער, מיין תליון א לאנגע צייט, נור י ע צ ט לאָך איך פון איהם !

— מאַלער ! — האָט ער אויסגעשריען זיך ווענדענדיג צו רודאָלף׳ן — מיין הערר ! זיי זיינען א פּלאָג, א פּעסט אין הויז — זיי רואינירען און פער־ניכטען יעדעס הויז !

— אזוי, א מאַלער האָט אין אייער הויז געוואָהנט ?

— אָה, ליידער האָב איך איינעם געהאט, — האָט פּיפּעלעט מיט א ביי־טערען קול געענטפערט — א מאַלער, וועלכען מען האָט גערופען גאבריאָן ! — ביי דיעזע עראינערונג האָט דער הויזקיפּער געמאכט א פויסט און איז געוואָרען אויפגערעגט.

—איז ער געוועזען דער לעצטער בעוואוינער פון דעם צימער, וועלכען איך וויל דינגען ? — האָט רודאָלף געפרעגט.

— ניין, ניין, דער לעצטער איינוואָהנער וואר א טהייערער, זיידענער יונגער מאן, וועלכער מען האָט גערופען דזשוירמען. פאר איהם האָט דאָרט גע־וואָהנט דער מאַלער מיט׳ן נאָמען גאבריאָן. אָה, זייט ער איז אוועק האָט ער מיר ארויסגענומען מיין נשמה !

— וואָס, איהר בענקט נאָך איהם ?

—בענקען נאָך גאבריאָן ! — האָט דער הויזקיפּער אויסגעשריען — בענ־קען נאָך גאבריאָן ! שטעלט עס זיך אַליין פאָר, מאָנסיו קולאַק האָט איהם בע־צאָהלט פאר צוויי מאָנאט רענט, אבי ער זאָל ארויס פון דאנען, ווייל מיר וואָרען אזוי אונגליקליך צו פערדינגען איהם דאָס הויז אויף א קאָנטראקט. עס וואר א שרעקליכער קאָנטראקט ! איהר קענט גאָר קיין בעגריעף ניט האָבען פון די שרעליכע שפּיצלעך, וואָס ער האָט אונז אַלעמען אָבגעטהאָן. צו געבען אייך

א י י ן אײנציגען בעגריעף פון זײנע קונצען קען איך אײך זאָגען, דאָס עס איז ניט געבליבען אײן בלאָז־אינסטרומענט װעלכען ער האָט ניט געברויכט אום אונז צו פערטומלען. ער פלעגט נעהמען אַ האָרן און טרובען גאַנצע צװײ שטונדען. איבער צװאַנציג פעטיציאָנען זײנען געשיקט געװאָרען צו מאָנסיו קולאַק, ער זאָל דיעזען לומפ אַרויסשמײסען. ענדליך איז ער פון איהם פרײ געװאָרען, מיט די צװײ מאָנאַט רענט װאָס ער האָט איהם אומגעקעהרט. דאָס איז דאָך שרעקליך! אַ הויזבעזיצער זאָל דאַרפען אומקעהרען דירה־געלד. אָבער עס װאָלט געלאָהנט צו געבען איהם אָן אײגענם אײדער מען זאָל איהם דאָ לאָזען זיצען. ענדליך איז ער אַרויס; מײנט איהר אָבער, אַז מען איז פון איהם פטור געװאָרען? אָה, הערט נור. דעם נעקסטען אָבענד, איך בין נור אַרײן אין בעט שלאָפען, און איך הער ראַפ! טראַפ! קראַפ! איך האָב אַ ציה געטהאָן די שטריק און די טיהר האָט זיך געעפענט. אײנער איז אַרײן און האָט געזאָגט:

— גוטען אבענד הויז־קיפּער; װילט איהר זײן אַזוי גוט און װײזען מיר אײערע האָאָר. — מײן װײב האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מוז זײן אַ בעזויפענער קערל, װאָס האָט פערבלאָנדזשעט, און דאַרום האָב איך דעם אונבעקאַנטען געענטפערט;

— איהר זײט ניט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ. קלינגט אין צװײטען הויז.

— אָבער איז דאָס ניט נומער 17 און הײסט ניט דער הויזקיפּער פּיפּעלעט? — האָט דער אונבעקאַנטער געפרעגט.

— געװיס, מײן נאָמען איז פּיפּעלעט, — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי בעט איך פון אײך, ליעבער פּיפּעלעט, איהר זאָלט מיר שנײדען אַ האָאָר פון אײער קאָפּ פאַר מאָנסיו גאַבריאָן; איהם האָט זיך פערגלוסט און ער װיל ניט מען זאָל איהם ענטזאַגען. — איהר הערט אַ חוצפּה, דיעזער לומפּ שיקט צו זײן בלוט־פײנד, יועמען ער האָט אַזוי בעלײדיגט און פערפאָלגט. ער זאָל איהם געבען אַ האָאָר פון זײן קאָפּ; אַ טובה, װאָס מען ענטזאַגט אַמאָל אפילו אַ געליעבטער דאַמע!

— און דאָס איז נאָך ניט אַלעס — האָט די אַלטע הויז־קיפּערין איהם אונטערבראָכען — פון יענעם טאָג אָן האָבען מיר קײן רוהע געהאַט. פריה־מאָרגענס, בײטאָג און בײנאַכט האָבען מיר קײן רוה. דיעזער גאַבריאָן שיקט אויף אונז אָן אַ מחנה לומפּען, װעלכע קומען אַהער אײנע נאָך די אַנדערע און בעטען מײן אַלפערד ער זאָל זײ געבען אַ האָאָר פון קאָפּ פאַר דעם שלים־מזל.

— יאָ, יאָ, מײן הערר! — האָט פּיפּעלעט אונטערבראָכען — װען איך װאָלט בעגאַנגען דעם שרעקליכסטען פערברעכען װאָלט איך אויך אַזעלכע שרעקליכע, שלאָפלאָזע נעכט ניט געהאַט. יעדען אויגענבליק פלעג איך ערװאַכען מיט

א שרעק ווייל מיר פלעגט זיך דאכטען, אז דער פערפלוכטער גאבריאן רייצט זיך מיט מיר. איך האב מורא געהאט פאר יעדען; ווען איך האב אנגע־טראפען האט ער מיר געשיינט, אז ער איז א געשיקטער אויסצורייסען א האר פון מיין קאפ. איך האב פערלארען אלע מיינע געוועהנליכע זיטען, איך בין גע־ווארען טרויעריג, פערטראכט און צובראכען. דיעזער גאבריאן האט פערגיפטעט מיין לעבען!

פיפעלעט האט ביי דיעזע רייד נאך מעהר אראבגערוקט זיין צילענדער איבער זיין קאפ.

— יעצט פערשטעה איך ווארום איהר קענט די מאלער ניט אנזעהן — האט רודאלף געזאגט — אבער מאנסיו דזשווירמען האט אייך בעדארפט אביסעל צערשטרייען.

— אה, יא! ער וואר א פריינדליכער, גוטער יונגער מאן; פרעהליך ווי דער טאג, אזוי דאנקבאר און אזוי לוסטיג — אבער זיין לוסטיגקייט וואר מיט א גרענעץ; עס האט אמוזירט, אבער עס האט קיינעם ניט לייד געטהאן, ניט ווי דער שארלאטאן גאבריאן, וועלכען איך וועל פערשילטען צום טויט.

— גענוג, גענוג, בערוהיגט אייך מאנסיו פיפעלעט. זאגט מיר נור וואו געפינט זיך יעצט יענער פריינדליכער און ליעבער דזשווירמען?

— קיינער וויים ניט און קיינער וועט ניט וויסען, אויסער איין פריילין דיפעלטאן.

— ווער איז פריילין דיפעלטאן?

— א קליינע נעהטערקע, וואס וואהנט אויך אויף'ן פיערטען עטאזש — האט מאדאם פיפעלעט געענטפערט — זי איז א בריליאנט. זי צאהלט אימער אין פאראויס און זי האלט איהר פלאץ אזוי ריין און איז אימער אזוי פריינדליך, אזוי דאנקבאר און אזוי לוסטיג. זי איז זעהר פלייסיג. זי ארבייט אימער און מאנכעס מאל פערדיענט זי צוויי פראנק א טאג, דאס איז נור דאן, ווען זי ארבייט ווי א טייפעל.

— אבער ווי קומט דאס זי איז די איינציגע וואס וויים פון דזשווירמען'ס וואהנונג?

— דאס וויסען מיר ניט. נור ווען ער איז אוועק האט ער געזאגט: איך ערווארטע קיינע בריעף, נור ווען עס זאל זיך מאכען, דאס א בריעף זאל צופעליג פאר מיר קומען, זאלט איהר איהם אבגעבען פריילין דיפעלטאן.

— זי איז ווירקליך ווערטה מען זאל איהר געטרויען זאגאר א בריעף מיט געלד. ניט אמת, אלפערד?

— דער פאַקט איז, האָט אַלפערד געענטפערט — דאָס מען וואָלט געגען איהר קיין איינציגען וואָרט ניט געקענט ריידען, ווען זי וואָלט געווען מוטהיג גענוג און וואָלט ענטזאַגען דעם לומפּיגען גאַבריאָן איהר פריינדשאַפט.

— אָה, דאָס איז גאָר נישט! — האָט די אַלטע הויזקיפּערין געענטפערט — אַלפערד, דו ווייסט גאַנץ גוט, אז זייער פריינדשאַפט איז געווען אַ קליינע, בלויז אַ פּאָר וויטצען האָבען איינע די אנדערע געזאָגט. פריילייִן דיפּעלטאָן איז אַ ליעבליכע און פריינדליכע צו אַלעמען; אָבער דאָך איז זי שטאָלץ ווי איך אליין. איהר וואָהנונג פעראורזאַכט עס. עס וואר די זעלבע זאַך מיט'ן רייזענ־דען, וועלכער וואר פאַר'ן מאַלער און עס וואר די זעלבע זאַך מיט דזשוירמען. איך זאָג, אז דאָס איז קיין אונגליק; דאָס איז וואָס זיי וואָהנען איבער א יי ן טיהר. אזא לאַנגע ברענגט, מען זאָל אַ ביסעל ראָמאַנסירען, אָבער ניט מעהר.

— אָה, — האָט רודאָלף געזאָגט — יעדער וואָס וואָהנט אין דעם צימער, וועלכען איך וויל יעצט פערנעהמען מוז ראָמאַנסירען מיט פריילייִן דיפּעלטאָן?

— נו געוויס. ווי קען מען דען אַנדערש זיין בעפריינדעט? די צוויי צימערען זיינען איינע נעבען די אַנדערע; צווישען צוויי יונגע מענשען מוז אַמאָל עפּעס פּעהלען: אַ צינדהעלצעל, אַ קאָהל, אַ טראָפּען וואַסער, אַ שטיקעל צוקער. מאַדאַמעזעל דיפּעלטאָן האָט עס אימער ביי זיך. זי האָט ליעב אַלעס צו האָבען, ווען זי האָט ניט וואָס צו ארבייטען, וואַשט זי דילען, די געשיר. אין איהר צימער איז אַלעס ריין, איהר ווערט עס זעהן —

— אַלזאָ מוז איך רעכענען, אז מאָנסיו דזשוירמען וואר אַ גוטער שכן צו מאַדאַמאַזעל דיפּעלטאָן?

— יאָ, מיין הערר. זיי זיינען געבאָרען געוואָרען איינע פאַר די אַנדערע. ביידע העפליך, ביידע יונג, ביידע שעהן. עס וואר ווירקליך אַ פערגעניגען צו זעהן ווי ביידע פלעגען אראָבגעהן שפּאַצירען. דיעזען פערגעניגען פלעגען זיי זיך פערגינען נור אום זאָנטאַג. עס וואר דער איינציגער יום טוב, וואָס זיי פלע־גען האָבען.

— און זייט דאַמאָלס האָבען זיי זיך ניט געזעהן?

— ניין, אויסער אויב זיי זעהען זיך יעדען זונטאַג, דען אין מיטען וואָך האָט מאַדאַמאַזעל דיפּעלטאָן קיין צייט צו שפּיעלען זיך אין ליעבעס. זי שטעהט אויף אום זעקס אוהר פריהמאָרגענס און ארבייט ביז צעהן אבענדס. זי געהט ניעמאָלס ארויס פון צימער אויסער פריהמאָרגענס, ווען זי געהט קויפען צום עסען פיר זיך און פיר איהרע צוויי פויגעלעך, און אַלע דריי צוזאַמען עסען ניט פיעל. איהרע פויגעלעך זינגען זעהר זיס און דיפּעלטאָן פּאַסט אויף זיי אויף

ווי אויף קינדער. זי איז אויך וואהלטהעטיג, דאס הייסט אויף וויפיעל זי קען. זי פערברענגט איהר צייט צו פפלעגען פרעמדע מענשען, וועלכע וואהנען אונטער'ן דאך. אָה, דיעזער אונגליקליכער אונטער'ן דאך, וועלכע קולאק וועט אין א פּאָר טעג ארום ארויסווארפען אין גאס!

— געפינט זיך דען אַן אונגליקליכע פאמיליע אין דיעזען הויז?

— אונגליקליכע? אָה, מיין העררע, גאר קיין משל צו אונגליקליך! פינף קליינע קינדער, די מוטער ליעגט אין בעט און האלטביים שטארבען, די באבא איז אַן אידיאָטקע. דיעזע אלע דארף ערנעהרען איין אָרימער ארבייטער, וואס ארבייט ווי א שקלאף און האט קוים א שטיקעל ברויט פאר זיך. ער איז דאך אַן ערשטע קלאסע ארבייטער. בלויז דריי שטונדען שלאָפט ער אין די פיער און צוואַנציג, און וואס פאר א שלאף! א שלאף, וואס עס איז צובראָכען פון די הונגעריגע קינדער וואס שרייען „גיב אונז ברויט, גיב אונז ברויט, פּאפּא!" און פון די קרעכצען פון זיין שטערבענדע ווייב און די משוגע'נע מוטער, וואס ברומט ווי א לייב, אָדער ווי א הונגעריגער וואָלף, ווייל זי האט קיין גרעסערען פערשטאנד פון א חיה און ווען זי איז הונגעריג פערשרייט זי דעם גאנצען הויז.

— אָה, דאס איז דאך שרעקליך! געפינט זיך גאר קיין איינציגער מענש וואס זאָל זיי העלפען? — האָט רודאָלף געפרעגט.

— יא, מיין העררע, מיר טהוען פאר זיי, וויפיעל ארמע מענשען קענען טהאָן. זייט דער קאָמאנדיר האט מיר אָנגעפאנגען צו געבען צוועלף פראנק א חודש, קאָך איך מיין טאָפּ איין מאָל א וואָך און גיעב זיי א ביסעל זופּ. מאדאמאזעל דיפעלטאַן ברענט איהרע ליכט און פלאגט זיך גאנצע נעכט און נעהט קליידער פאר די נאקעטע קינדער. מאָנסיו דזשווירמען איז אליין אויך אַן אָרימאַן, דאך פלעגט ער אָפט קויפען ווייך און געבען דעם ארמען מארעל — דאס איז דעם אַרבייטער'ס נאָמען — דיעזע ביסעל ווייך פלעגט שטארקען דעם אונגליקליכען'ס הארץ ער זאָל קיין זעלבסטמאָרד בעגעהן.

— און דער צאהנ־ארצט האט קיין הילפע געגעבען דיעזע ארמע לייט?

— דאָקטאָר צעזאר בראַדאמאַנטי? — האָט דער הויזקיפּער זיך אָפּגערופען — ער האָט מיך אויסגעהיילט פון מיין רעהמאטיזמוס און דערפאר בין איך איהם דאנקבאר. אָבער זייט יענעם טאָג, האב איך צו מיין ווייב געזאָגט: „אנאסטאסיא — בראַדאמאַנטי, — א האס! — האב איך עס דיר ניט געזאָגט, אנאסטאסיא?

— ריכטיג, דאס האסטו מיר געזאָגט.

— וואס האָט ער אָבער געטהאָן? — האָט רודאָלף געפרעגט.

— איך וועל עס אייך דערצעהלען: ווען מיר האבען דעם דאקטאר דער־צעהלט פון דעם ארמוטה אין מארעל'ס הויז, און אז הונגער איז די אורזאכע פון דער משוגע'נער'ס קולות, האט ער אונז געזאגט:

— אויב זיי דארפען זיך רייסען די צייהן, וועל איך אפילו דעם זעקסטען צאהן רייסען אהן געלד, ווייל זיי זיינען גרויסע ארמע לייט.

— איהר ווייסט מיין מיינונג, מאדאם פיפעלעט? — האט רודאלף גע־פרעגט — בראמאדאנטי איז א שלעכטער מענש. נור וואס האט געטהאן די קארטענווארפערקע?

— דאס זעלבע וואס דער דאקטאר — האט די הויזקיפערין געענטפערט — זי האט זיי געבארגט געלד אויף זייערע זאכען. אלעס וואס זיי האבען געהאט איז אריין אין איהרע הענד, זאגאר זייער לעצטע קישעלע.

— און יעצט העלפט זי אויך גאר ניט?

— ווער, די באבע בורעט! גאט זאל אייך בענשען, זי איז אזוי הארט־הערציג ווי איהר געליעבטער; צווישען מיר און אייך רעדענדיג — האט מא־דאם פיפעלעט צוגעגעבען — מאנסיו קולאק און די אלטע קארטענווארפערקע זיינען —

ביי דיעזע ווערטער האט די אלטע געגעבען א וואונק מיט'ן אויגעל און א קנאק מיט'ן צונג.

— איז דאס וואהר? — האט רודאלף געפרעגט.

— אה, איך שווער ביי מיין לעבען, אז זיי זיינען א גליקליכע פאר. איז דאס ניט אמת, ליעבער פיפעלעט?

פיפעלעט האט ניט געענטפערט, ער האט נור א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ ווי א מעלאנכאליק.

רודאלף וואר אבער זעהר פעראינטערעסירט און האט ווייטער געפרעגט:

— וואס איז דעם ארימען ארבייטער'ס פאך?

— ער מאכט פאלשע דימאנטען, ער ארבייט פון שטיק. אה, דיעזע שטיק־ארבייט האבען צובראכען זיינע ביינער. א מענש קען מעהר ניט ארבייטען ווי־פיעל ער קען און ער ארבייט מיט אלע קרעפטען. און ווען ער דארף שפייזען זיעבען מענשען א חוץ זיך אליין, קומט עס איהם זעהר שווער אן. זיין עלטערע טאכטער העלפט איהם וויפיעל זי קען, אבער זי קען ניט פיעל.

— ווי אלט איז די טאכטער?

— אומגעפעהר אכצעהן יאהר און א שעהן קינד דערצו. זי איז א דיענסט

ביי א קארגען, וועלכער איז געגוג רייך אפצוקויפען גאנץ פאריז. ער איז אן אדוואקאט, זיין נאמען איז דזאקעס פעררצאנד.

— פעררצאנד ? — האט רודאלף ערשטוינט געפרעגט. ער האט זיך אליין ניט געגלויבט, אז דער צופאל האט איהם געפיהרט צו הערען דעם נאמען פון דעם פעררצאנד, וועלכער קען זאגען, ווער נאכטיגאל'ס עלטערען זיינען.

— איז דאס דער זעלבער פעררצאנד וואס וואהנט אין סאנטיער שטראסע ?

— האט רודאלף געפרעגט.

— יא. איהר קענט איהם דען ?

— יא. ער איז דער אדוואקאט פאר דער זעלבער פירמא וואו איך ארבייט.

— אה, מוזט איהר דאך וויסען וואס פאר א בעריהמטער געלד־רויבער ער איז. זיינע מעלות וועל איך ניט פערלייקענען. ער איז א פרומער בעל־צדקה, יעדען זאנטאג געהט ער אין קירכע און איז מתפלל פאר גאט. ער איז מתודה זיינע זינד פאר'ן גייסטליכען, ער עסט נור הייליגען ברויט און טרינקט נור הייליגעס וואסער. א הייליגער מענש, יא ? אבער אזא גייץ־האלז און אזא שלעכטער מענש צו דער גאנצער וועלט האט איהר נאך ניט געזעהן. עס איז שוין אבצעהן מאנאט זייט לואיזע, דעם ארבייטער'ס טאכטער ארבייט ביי איהם. זי איז א ריכטיגע לעמעלע אין גוטסקייט אבער איין אמת'ער פערד אין ארבייט. זי איז דארט א שקלאף און האט נור אכצעהן פראנק א מאנאט, ניט מעהר. זי נעהמט נור זעקס פראנק פאר זיך און די איבריגע צוועלף גיט זי אב איהר מוטער און שוועסטער. דאס איז שוין עפעס, אבער וואס בעטרעפט עס ווען מען האט זיעבען מיילער צו שפייזען .

— אבער וויפיעל פערדיענט דער פאטער, ווען ער איז אזוי פלייסיג ?

— פלייסיג ! אה, דער איז דער פלייסיגסטער מענש. ער נעהמט קיין טראפען צו זיין מויל, ער טראגט אלעס איבער ווי א מארטירער און זיין איינציגער פערלאנג איז, דאס יעדער טאג זאל זיין אכט און פערציג שעה אום ער זאל קענען פערדיענען געגוג ברויט פאר זיין פאמיליע.

— זיין ארבייט מוז זיך שלעכט בעצאהלען ?

— אה, ער וואר דריי חדשים קראנק צו בעט און דאס איז די אורזאכע ווארום ער איז אזוי פיעל הינטערשטעליג. זיין פרוי האט רואינירט איהר געזונד נור אום אויף איהם אכטונג צו געבען, און יעצט ליעגט זי אליין ביים שטארבען. די גאנצע דריי מאנאטען האבען זיי בעדארפט לעבען אויף די צוועלף פראנק, וואס לואיזע האט געבראכט, אויף דאס ביסעל געלד וואס די קארטענווארפערקע האט געבארגט, אויף די עטליכע פראנק, וואס זיין ארבייטגעבער האט איהם

אויסגעבאָרגט, זיי זיינען אכט מענשען. אָה, איהר בעדאַרפט זעהן די חורבה אין וועלכער זיי וואָהנען ! אָבער יעצט וועל איך דערפון ניט שפּרעכען, ווייל מיין עסען איז שוין פערטיג און ווען איך עראינער מיך אויף זייער וואָהנונג, מוז איך אויסברעכען מיין גרינע גאַל.צו אונזער גליק וועט מאַנסיו קולאַק זיי באַלד ארויסוואַרפען. ווען איך זאָג צו אונזער גליק,זאָג איך עס ניט פון האס צו דיעזע אָרימע לייט. נור דיעזע מאָרעלס זיינען אזוי אונגליקליך, און מיר קענען זיי ניט העלפען, דאָס איך וואָלט ווינשען זיי זאָלען ערגעץ אנדערש זיין אונגליקליך. מיר קענען עס באַלד ניט איבערטראָגן.

— נו, און ווען מען וועט זיי פון דאַנען ארויסוואַרפען, וואו וועלען זיי זיך אהינטהאָן ?

— דאָס וויים איך אַליין אויך ניט.

— און וויפיעל קען דיעזער ארבייטער פערדיענען אין א טאָג ?

— ווען ער וואָלט ניט בעדאַרפט אכטונג געבען אויף זיין ווייב און אויף זיין מוטער, וואָלט ער פערדיענט פון דריי ביז פיער פראַנק א טאָג, ווייל ער ארבייט זעהר שווער ; אָבער דריי פערטיל פון זיין צייט מוז ער פערברענגען אין הויז און דארום פערדיענט ער ניט מעהר ווי פערציג סו א טאָג.

— דאָס איז ווירקליך זעהר וועניג, אָרמער מענש !

— יא, ער איז ניט דער איינציגער, וואָס איז אזוי אונגליקליך. זיי זיינען דאָ נאָך צופיעל און ווייל מיר קענען ניט העלפען יעדען איינעם מוזען מיר זיך בעגנוגנען דערמיט וואָס מיר קענען זיך אַליין שפּייזען. אָבער מיר האָבען זיך אזוי פיעל פערערדט דאָס איהר האָט פערגעסען צו טרינקען אייער שנאַפּס.

— איך זאָג אייך דעם אמת, מאַדאַם פּיפּעלעט, אז וואָס איהר האָט מיר ערצעהלט האָט פערדאָרבען מיין אַפּעטיט צום טרינקען. קומט און ווייזט מיר מיין צימער און אויב ער וועט מיר געפעלען, וועל איך אייך געבען האַנד־געלד.

דער הויז־קיפּער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון זיין אָרט וואו ער איז די גאַנצע צייט געזעסען אזוי שטיל און איז אוועק ווייזען רודאָלף דעם צימער.

24טעם קאַפּיטעל.

די פיער עטאַזשען.

די פינסטערע און פערשטיקטע טרעפּ האָבען אויסגעזעהן נאָך פיעל פינסטערער און פיעל שמוציגער אין דיעזען פערוואָלקענטען ווינטער־טאָג. דער אריינגאַנג צו יעדען וואָהנונג האָט געהאַט א בעזאָנדערען אויסזעהן. די טיהר וואָס האָט געפיהרט צום קאָמאַנדיר׳ס וואָהנונג איז געווען ניי אָבגעפּארבט.

א בעגולטע הענטעל האט געבלישצעט ביי׳ן שלאס און א זיידענער שנירעל צום גלעקעל האט זיך אבגעזונדערט פון די שווארצע פער׳חושכ׳טע ווענד.

די טיהר וואס האט געפיהרט צו דער קארטענווארפערקע און געלד־בארגערקע האט פארגעשטעלט א מאדנעם בילד. אן אויסגעשטאפטער אדלער מיט צויבער־צייכענס און קבלה־קמיעות וואר צוגעשלאגען איבער דעם אויבערשטען שוועל פון טיהר. אין טיהר וואר א קליינער פענסטער, וועלכער וואר בעשיצט מיט אייזענס און דראט, ער האט געדיענט פאר די מענשען וואס זיינען אין הויז זיי זאלען זעהן ווער עס שטעהט ביי׳ן טיהר.

די טיהר וואס האט געפיהרט צום איטאליענישען דאקטאר, וועלכער וואר פערדעכטיגט אויף שרעקליכע און אונמענשליכע פערברעכען, דיעזע טיהר האט אויך געהאט א מערקווירדיגען אויסזעהן. — זיין נאמען וואר אויסגעארבייט פון פערדישע צייהן וואס זיינען צוגעשלאגען געווארען צום טיהר. די הענטעל צו דעם גלאקען־שנור איז געוועזן פון אן אפגען־האנד. דיעזע אבגעשונדענע האנד, מיט איהרע קנאכען און פינף לאנגע פינגער מיט לאנגע נעגעל האט געהאט א שרעקליכען אויסזעהן. מען האט געקענט מיינען, אז דאס איז א האנד פון א קינד.

ווען רודאלף איז דיעזע טרויעריגע טיהר פאראיבערגעגאנגען, האט ער דערהערט איינינע זיפצען און קרעכצען. ער האט זיך געוואלט איינהערען; אבער פלוצלונג האט זיך פון דאקטאר׳ס הויז ארויסגעריסען א פערצווייפעל־טער, שמערצליכער און שרעקליכער געשריי, א געשריי וואס איז געקומען פון דער אינערליכע זעעלע פון אן אונגליקליכען, וואס האט זיינע וועהטאגען ניט געקענט אריבערטראגען. רודאלף האט ניט געווארט, שנעל ווי א בליץ איז ער צוגעלאפען צום טיהר און האט געכאפט רייסען דעם גלאק מיט אלע קרעפטען.

— וואס טהוט איהר? — האט אלפערד איבערראשט געפרעגט.

— האט איהר ניט געהערט דעם געשריי? — האט רודאלף געפרעגט.

— יא, מיין הערר, איך האב געהערט, דאס מוז שרייען איינער פון דעם דאקטאר׳ס פאציענטען, וועלכער האט זיך געלאזט אויסרייסען א דוצענד ציין.

דיעזע ערקלעהרונג האט געשיינט צו זיין א ריכטיגע, אבער רודאלף האט עס ניט געוואלט גלויבען.

רודאלף האט געריסען דעם גלאק מיט אלע קרעפטען, אבער קיינער האט די טיהר ניט געעפענט. ער האט געהערט ווי איין טיהר נאך דער צווייטער ווערט פערשלאסען; דורך די אויבערשטע גלעזער איבער דער טיהר האט רו־דאלף געזעהן א מאגערע צוקנייטשטע און בלאסע געזיכט. א גאנצער וואלד

פון צוואווארפענע רויטע האאר איז ארא‍פגעהאנגען פון זיין קאפ און האט זיך צומישט מיט די לאנגע האאר פון זיין רויטע בארד. אין איין אויגענבליק איז דיעזע טייפלישע געזיכט פערשוואונדען. רודאלף איז געבליבען שטעהן ווי פאראליזירט.

ווי וועניג ער האט דיעזע געזיכט געזעהן, האט איהם אלץ געשיינט, אז ער זי דערקענט. די גרינע אויגען, דיעזע בלאסע געזיכט, דיעזער אויסגעצוי־גענער נאז און גרויסע נאזלעכער האבען איהר עראינערט אויף א געוויסען פאלידארי, וועגען וועמען מארפי האט געשפראכען מיט בארן פאן גראון. אבוואהל רודאלף האט דיעזען פאלידארי שוין זייט זעכצעהן אדער זיבעצעהן יאהר ניט געזעהן, דאך האט ער געהאט גענוג אורזאכע איהם ניט צו פערגעסען. דאס איינציגע וואס האט רודאלף׳ן געמאכט עטוואס צו צווייפלען, ווארען די האר. דען פאלידארי׳ס האאר ווארען עכט שווארצע. אין זיין ספק האט ער זיך געווענדעט צום הויז־קיפער און האט געפרעגט :

— זייט ווען וואהנט דיעזער דאקטאר אין דעם הויז ?

— אונגעפעהר א יאהר, — האט פיפעלעט געענטפערט — ער איז א בראווער מאן, ער האט קורירט מיין רעהמאטיזם.

— מאדאם פיפעלעט האט מיר געזאגט, אז מען דערצעהלט פון איהם זעהר שרעקליכע זאכען.

— זי האט עס אייך ענטדעקט !

— אה, האט פאר מיר קיין מורא. איך בין א בעל סוד — האט איהם רודאלף געענטפערט.

— אבער איך גלויב ניט אין די אלע זאכען און וועל עס אויך קיין מאל ניט גלויבען. איך בין צו עהרליך און צו אנשטענדיג איבערצורעדען אזעלכע זאכען — האט פיפעלעט געענטפערט מיט גאוה און האט רודאלף׳ן געפיהרט צום טרעפ.

רודאלף האט בעשלאסען צו וויסען אויף זיכער ווער דיעזער דאקטאר איז. דען אויב ער איז ווירקליך פאלידארי, וועט ער ניט קענען מאכען זיינע פאר־שונגען אין דיעזען הויז. ער האט אויך בעשלאסען צו וויסען אויף ריכטיג, וואס פאר א געשריי ער האט געהערט, ווייל זיין הארץ האט איהם געזאגט, אז דאס איז א געשריי פון א שרעקליכען פערברעכען, ניט פון א צאהן־שמערץ. אום ניט צו פאלען אין הויז־קיפער׳ס פערדאכט, איז ער איהם נאכגעגאנגען צום פיער־טען עטאזש.

די טיהר וואס האט געפיהרט צו פריילייין דיפעלטאן׳ס צימער האט מען לייכט געקענט דערקענען, פון די קאריקאטורען און בילדער, וואס דער שרעק־

ליכער מאַלער האָט געמאַכט. ביי אַ האַלבען דוצענד פיגורען, וואָס וואָרען זעהר גוט אויסגעאַרבייט האָבען די טיהר בעדעקט. איינע האָט געהאַלטען אַ פינגער־הוט, די צווייטע אַ שער, די דריטע האָט גענעהט, די פערטע האָט געפּרעסט, די פינפטע האָט געקוקט אין אַ שפּיגעל און די זעקסטע האָט געשמעקט אַ בלום, און אין מיטען פון דיעזער גרופּע איז אויף אַ הימעל־בלויען גרונד געווען אויפ־געשריבען: „מאַדאַמאַזעל דיפּעלטאַן, קליידער־נעהטער׳ן". אַרום דיעזער גרופּע וואָרען גאַנצע קרענץ מיט בלומען פון אַלערליי פערשיעדענע זאָרטען. די מאַלעריי וואָר אַזוי שעהן, דאָס עס האָט בעשיינט דעם גאַנצען שמוץ און פינסטערנים פון דיעזען עטאַזש.

רודאָלף האָט אין גאַנצען פערגעסען אויף פּיפּעלעט׳ס וואונדען נעביך, און האָט געזאָגט:

— איך רעכען, אַז דיעזע שעהנע בילדער איז גאַבריאַן׳ס אַרבייט?

— יאָ. ער האָט זיך ערלויבט צו פערדאַרבען דיעזע טיהר מיט זיין גראָבע עקעלהאַפטע און טייפעלשע צייכנונג, וואָס האָבען קיין אויסזעהן. ווען מען וואָלט מיך געלאָזט, וואָלט איך עס אָבגעקראַצט מיט מיין מעסער; נור די־פּעלטאַן וויל עס האָבען און קולאַק וויל עס אויך ניט אָבוואַשען. אין דעם צימער, וואָס איהר ווילט דינגען וועט איהר זעהן אַ סך אַזעלכע מיאוס׳ע גראָבע בילדער, וואָס וועלען פון אייך אַרויסעקלען די נשמה. צווישען דיעזע בילדער וועט איהר אויך זעהן דעם טייפעל׳ס פּנים.

אין דעם צימער, וואָס רודאָלף האָט נעוואָלט דינגען וואָרען אַלערליי קאָ־מישע און ערנסטע בילדער וואָס וואָלטען פערשאַפט עהרע אַ גרויסען אַרטיסט. רודאָלף האָט בעטראַכט דעם צימער. עס וואָר אַ גרויסער, בעקוועהמער צימער, מיט איין שלאָף־צימער ביי דע ר זייט און צוויי גרויסע פענסטער, וואָס זיינען אַרוים אין טעמפּעל שטראַסע. רודאָלף האָט לאַנג ניט געטראַכט, ער האָט אַרויס־גענומען אַביסעל געלד, האָט עס געגעבען דעם הויזקיפּער און האָט געזאָגט:

— היער האָט איהר האַנד־געלד. מאָרגען וועל איך אַריינשיקען מיינע מעבעל. אָבער איך בעט אייך איהר זאָלט ניט אָבקראַצען דיעזע בילדער, זיי זיינען זעהר קאָמיש.

— קאָמיש! אָה, ניין. איך האָב זיי אַלע געזעהן אין מיינע חלומות. זיי האָבען מיך געיאָגט און געריסען, און דער שד גאַבריאַן איז געווען מיט זיי. אַ קאַלטער שוויים האָט מיך בעגאָסען. זיי זיינען שרעקליכע בילדער.

— איך קען מיר פאָרשטעלען, אַז זיי וואָרען ניט אַזעלכע ליעבע געסט, נור זאָגט מיר, דאַרף איך נאָך זעהן מיט מאָנסיו קולאַק וועגען דיעזען צימער?

— ניין, מיין הערר. ער קומט אָהער זעלטען, אויסער ווען ער האָט גע־

שעפּטען מיט דער באָבע בורעט. איך אַליין האָב אימער צו טהאָן מיט די שכנים. איך וועל אייך נור בעמיהען וועגען אייער נאָמען.

— רודאָלף, איז מיין נאָמען.

— רודאָלף, און ווי נאָך ?

— גאַנץ איינפאַך, רודאָלף.

— איך בין צופריעדען.

— זאָגט מיר נור, מאַנסיו פּיפּעלעט, קען איך מאָרגען בעזוכען דעם אָרמען מאָרעל ? אלס שכן וויל איך זיי פרעגען, אויב איך קען פאַר זיי עטוואָס טהאָן.

— אה, יא, מיין הערר ! דאָס קען מען טהאָן. עס איז אמת דאָס איהר וועט זיי שוין ניט קענען העלפען, ווייל מען וואַרפט זיי ארויס פון דאַנען, דאָך וועט עס דעם אָרמען עטוואָס פערלייכטערען.

פּיפּעלעט האָט זיך אַ ווייַלע פערטראַכט און נאָכדעם האָט ער מיט איין איינפאַל געזאָגט :

— אָה, איך פערשטעה, דיעזער בעזוך וועט איהר בענוצען איהר זאָלט מיט דער צייט מאַכען בעקאַנטשאַפט מיט דעם שעהנעם שכן, וואָס איהר האָט אויף דעם עטאַזש !

— אָה, דאָס וועט זיכער געשעהן.

— קיין בייזעס איז דאַרין ניטאָ, מיין הערר. דאָס איז אַזאַ זיטע, איך מיין חלילה קיין בייז, איך בין זיכער, אַז פריילין דיפּעלטאָן האָט אונז גע־זעהן אריינגעהענדיג אין דעם צימער און זי איז זעהר נייגעריג צו זעהן ווי מיר געהען ארויס. איך וויל אבזיכטליך קלאַפּען מיט'ן שליסעל און ווען איהר וועט קוקען פון הינטען, וועט איהר זעהן איהר שעהנעם געזיכט.

און אזוי איז עס געשעהן. ווען זיי זיינען ארויס האָט רודאָלף בעמערקט ווי די טיהר האָט זיך אַ קליין ביסעל געעפענט און אַ פּאָר שוואַרצע אויגען האָ־בּען פון דאָרט ארויסגעקוקט. נור ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער האָט זיך די טיהר פערהאַקט.

— האָב איך אייך ניט געזאָגט, אַז זי וועט אונז נאָכקוקען ? — האָט דער הויזקיפּער געפרעגט און באַלד פאָרטגעזעצט — ערלויבט מיר איין אויגענ־בליק אריינצוגעהן אין מיין לאַדען.

— וואו איז דאָס אייער לאַדען ?

— אויבען, איבער יענעם לייטער איז די טיהר וואָס עפענט זיך אין מאָרעל'ס וואָהנונג. דערביי געפינט זיך אַ לאָך, וואו איך האַלט מיין לעדער, ווייל

איך בין א שוסטער פון פראפעסיאן. די קליינע וואַ׳ד וואס צאמט אב מיין לאַ־דען פון מארעל׳ס וואהנונג איז צובראכען און צולערערט, זא דאס איך קען זעהן אלץ וואס דארטען געהט פאר. אבער איין גאט איז מיין עדות, אז איך וויל זיי ניט שפּיאָנירען. איך דארף האבען לעדער, אויב איהר ווילט אויף מיר ניט ווארטען, קענט איהר אראבגעהן פון די טרעפּ, איך וועל גלייך אייך נאכגעהן.

פּיפּעלעט האט אנגעפאנגען צו קלעטערען איבער די משוגע׳נע טרעפּ.

רודאלף האט געווארפען נאך א בליק אויף די בילדער אויף דיפּעלטאן׳ס טיהר און האט זיך עראינערט אויף איהר פריינדין, די נאכטיגאל, און אויף דעם לעהרער׳ס זוהן און האט זיך געלאזט געהן איבער די טרעפּ. ער האט דער־הערט, אז די טיהר פון שארלאטאנישען דאקטאר האט זיך געעפענט און פון דעם שארף פון א זיידענע קלייד האט ער ערקענט, אז די פערזאן איז א פרויענ־צימער. רודאלף איז געבליבען שטעהן אויף א ווײלע. ווען די שריט האבען זיך שוין מעהר נישט געהערט איז ער אראפּ פון די טרעפּ. ווען ער האט עררייכט דעם צווייטען עטאזש, האט ער דערזעהן א טאשענטיכעל אויף די טרעפּ, וועלכע ער האט צוגענומען. ער האט באלד פערשטאנען, אז די פרויענצימער וואס איז נאר וואס ארויס פון דאקטאר׳ס הויז האט עס פערלארען. ער האט דאס טיכעל בעטראכט פאר א פענסטער אין קארידאר. עס וואר א ריין זיידענע טיכעל, זעהר רייך אויסגעהעפט און ארומגענעהט מיט טהייערען שטאף. אין איין ברעג ווארען אויסגענעהט די בוכשטאבען ל. נ. און דער צייכען פון איין פרינץ, וואר אין א צווייטען ברעג. דאס טיכעל וואר בוכשטעבליך דורגעווייקט מיט טרעהרען. צו־ערשט האט רודאלף געוואלט נאכגעהן די פערזאן, וואס האט די טיכעל פער־לארען, אבער אין א ווײלע ארום האט ער זיך װיעדערלייגט, דאס די פרויענ־צימער קען איהם פערדעכטיגען, אז ער שפּירט זי נאך. ער האט דארום בעשלאָ־סען צו האלטען דיעזען צייכען פון געוויין אלס א רינגעלע אין דער קייט פון א געהיימניס אין וועלכער ער איז פלוצלונג פעראינטערעסירט געווארען. ער איז אריינגעגאנגען צוריק אין הויזקיפּער׳ס הויז און האט דער אלטער פרוי גע־פרעגט :

— האט איהר געזעהן די פרויענצימער, וואס איז ערשט ארונטער די טרעפּ ?

— קיין געוועהנליכע פרויענצימער, מיין הערר, נור א פיינע, הויכע און רייכע דאמע אין א שווארצען וואאל. זי איז ארויס פון דאקטאר בראדאמאנטי׳ס הויז. דער קליינער האפּי האט געבראכט אן עקיפּאזשע און די דאמע איז אב־

געפאָהרען. מיך וואונדערט נאָר וואָס דער קליינער חברה־מאַן האָט זיך ארויפ־געכאַפּט הינטער דעם עקיפּאַזש. איך רעכען, אז ער האָט עס געטהאָן אום צו זעהן וואוהין דיעזע דאַמע פאָהרט; דען דיעזער האָפּי איז א געפעהרליכער, צולאָזענער און געשיקטער גנב.

רודאָלף האָט דערפון פערשטאַנען, אז דער שאַרלאַטאַן, דאָקטאָר בראַ־דאַמאַנטי וויל אויסגעפינען דער דאַמע'ס נאָמען און אדרעס. ער האָט זיך אויף א ווײַלע פערטראַכט.

— נו, דיינגט איהר דעם צימער? — האָט די אַלטע געפרעגט.

— יא. מאָרגען וועל איך אריינשיקען מיינע מעבעל, איך האָב עס שוין געדונגען.

— גאָט זאָל אייך בענשען. יעצט וועלען מיר האָבען נאָך א גוטען שכן.

— איך האָף אז מיר וועלען ביידע לעבען בשלום. איהר וועט פאר מיר פיהרען מיין ווירטהשאַפט און איך וועל אייך גוט בעלוינען. מאָרגען וועל איך אהער אריינשיקען מיינע זאכען. איך וועל אליין זעהן ווי זיי וועלען אויסגע־שטעלט ווערען. אדיע! — רודאָלף איז אוועק.

אוועקגעהענדיג אהיים האָט רודאָלף פערצייכענט אלע וויכטיגע זאכען וואָס ער האָט ערפאַהרען אין דיעזע עטליכע שטונדען. זיינע ערפאַהרונגען וואַרען מעהר וויפיעל ער האָט ערוואַרטעט. א גאַנצע וועלט מיט נייע אינטערעסען האָט זיך פאר איהם געעפענט. ער איז אוועק אהיים אום צו מאַכען זיך פערטיג צום גרויסען באַל ביי'ן... אמבאַסאַדאָר.

בעפאָר מיר בעגלייטען אונזער העלד צום באַל, ווילען מיר אביסעל רעדען פון מאַדאַם שרה מעקגרעגאָר, וועלכע שפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דיעזער ערצעהלונג.

23טעם קאַפּיטעל.

טהאָמאַס און שרה.

שרה סייטאָן, די יעצטיגע אלמנה פון לאָרד מעקגרעגאָר, איז געגענווע־טיג צווישען זיבען און דרייסיג און אכט און דרייסיג יאָהר. זי בעלאַנגט צו א נאָבעלע פאַמיליע פון שאָטלאַנד. איהר פאָטער וואָר א באַראָן. שרה איז געבלי־בען א יתומה צו זיבעצעהן יאָהר און דאַן האָט זי פערלאָזען שאָטלאַנד צוזאַ־מען מיט איהר ברודער סער טהאָמאַס סייטאָן פון האַלזבורי. שרה וואָר א מערק־ווירדיגע שעהנהייט. א נאַרישע. פאַנאַטישע ניאַנקע האָט דיעזער שרה'ס איינ־געבילדעט, אז זי איז געבאָרען געוואָרען צו זיין א הערשערין. די יונגע שאָטישע

דאמע האָט דער ניאַנקעס נביאות פון זינען ניט אַרויסגעלאָזען און, אום דיעזען אבערגלויבען צו שטארקען, האָט די קליינע שרה אימער געהאַלטען איז זינען דאָס די שעהנע און ערהאבענע יאָזעפינא, נאפאָלעאָן דעם ערשטען׳ס פרוי איז אויך געבאָרען געוואָרען פון געוועהנליכע עלטערען און דאָס אויך איהר ניאַנקע האָט נביאות געזאָגט, אַז זי וועט זיצען אויף אַ טהראָן. זי האָט דאַרום גע־גלויבט צו האָבען יאָזעפינאַ׳ס מזל.

מערקווירדיג איז אויך דער פאַקט, דאָס טהאָמאָס האָט אויך געגלויבט זיין שוועסטער׳ס חלומות און ער האָט בעשלאָסען צו אָפּפערען זיין גאַנצען לע־בען אבי צו זעהן, אַז די נבואה זאָל מקוים ווערען. דער ברודער און שוועסטער וואַרען נאָך ניט אויף אַזוי פיעל נאַריש צו זוכען די גרעסטע טהראָן פון דער וועלט און אַז שרה׳ס חתונה זאָל זיין נור מיט איינעם וואָס טראָגט שוין די קרוין. זיי האָבען ביי זיך רעכט געמאַכט צו בעגנוגענען זיך מיט אַ טהראָן פון צווייטען קלאַס, אָדער כאָטש אַ פּרינץ, וואָס האָט געהאַט האָפנונגען אויף אַ טהראָן. זייערביידענס איינציגער וואונש איז געוועזען צו זעהן, אַז אַ קראָהנע זאָל כאָטש ווען עס איז אַרומרינגלען דעם שטערען פון דער שאָטישער שעהנ־הייט. ווי מעכטיג דיעזע קראָהנע וועט זיין, דאָס וואַר זייער לעצטע דאגה. סייטאָן האָט דאַרום גענומען אַ פּאָליטישען קאַלענדאַר און האָט אויסגעשטעלט אַ צעטעל פון אַלע אונפערהייראַטהעטע פּרינצען און איז אַרום מיט זיין שוועס־טער פון שאָטלאַנד זוכען שרה׳ס קראָהנע.

אָבוואָהל דיעזע איינבילדונג וואַר אַ משוגעת, דאָך האָט דער ברודער און די שוועסטער קיינע שלעכטע אבזיכטען אָדער פּלענער ניט געהאַט. סייטאָן וואַר פאָלשטענדיג פאַרבערייט צו העלפען זיין שוועסטער און איהרע שדוכים, ער איז זאָגאַר געווען פערטיג צו העלפען איהר אין אַלע אינטריגען און פּלענער, וואָס וואָלטען איהר געהאָלפען צו בעשטייגען אַ טהראָן ; אָבער ער וואָלט אימער ליעבערסט געמאָרדעט זיין ליעבע שוועסטער, איידער צו זעהן זי אַלס מאַטרעסע ביי אַ פּרינץ ; זאָגאַר ווען דיעזעס וואָלט געפיהרט צו אַ הייראַטה און צום טהראָן.

טהאָמאָס סייטאָן האָט זעהר פלייסיג שטודירט דעם סדר הדורות פון אַלע אונפערהייראַטהעטע פּרינצען, און ער האָט אויסגעפונען, אַז די קליינע דייטשע שטאַאַטען זיינען אַ ים מיט פּרינצען־העכט, וואָס האָבען אויסזיכטען און זיינען נאָך ניט פערהייראַטהעט. סער טהאָמאָס האָט אויך געוואוסט פון די ל י נ ק ע חופות, וואָס די דייטשע פּרינצען שטעלען, און אַז דיעזע חופות זיינען נאָכדעם גילטיג. ער האָט דאַרום בעשלאָסען צו פאָהרען אין דייטשלאַנד און וואַרפען דעם נעץ אין דיעזען גרויסען רייך.

שרה סייטאָן איז געווען ווי בעשאַפען פאַר אַזאַ אונטערנעהמונג. זי וואר אַ מערקווירדיגע שעהנהייט און דערצו האָט זי געהאַט אַ קאַלטען, איבערגע־לייגטען און אויסגערעכענטען כאַראַקטער. אַ כאַראַקטער וואָס איז געפעהרליך אין אַ פערזאָן, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ געוויסען ציעל. זי וואר פון אָנפאַנג ביז ענדע איינגענונציג; זי וואר היפּאָקריטיש און האָט געהאַט אַ דעספּאָטישען ווילען. איהרע אויגען און אין אַלע איהרע איברים האָט זי געקענט אָנפילען מיט ווארמער און הייסער ליעבע, וועהרענד אין הארצען האָט געפּראַהרען אַ קאַלטע פּעראַכטונג. ניעמאַלס האָט איינער געקענט פערדעכטיגען דיעזע פערמאַסקירטע זעעלע.

פאָהרענדיג נאָך דייטשלאַנד איז זי אויף אַ געוויסער צייט פערבליבען אין פאַריז, אום אויסצואַרבייטען איהרע מאַניערען, צו ערווערבען אַ בעסערע וויסענשאַפט אין צערעמאָניען און שטאַט, וועלכעס מען לערענט אין פאַריז בעסער ווי איבעראַל.

אין פאַריז האָט זי פאַר זיך געפונען אָפען אַלע טיהרען אין די גרעסטע הייזער, ווייל זי האָט געהאַט אַ סך רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף און איז געווען בעפריינדעט מיט דעם ענגלישען אַמבאַסאַדאָר. אויסער דעם האָט זי זיך זעהר פיעל בענוצט מיט די פריינדשאַפט וואָס מאַרקיז דע האַרוויל האָט איהר גע־וויזען, ווייל ער האָט געקענט איהר פאָטער.

מענשען וואָס האָבען קיין האַרץ, וואָס זיינען אימער קאַלט און איבער־לייגט, האָבען אַ מערקווירדיגע קראַפט צו הערשען איבער זייער צונג, איבער זייערע מאַניערען און געפיהלען, וועלכע זיינען גראַדע ניט נאָך זייער כאַ־ראַקטער. דיעזע מענשען זיינען געפאַרבט, געקינצעלט און פערשטעלט, און ווייל זיי האָבען אימער מורא מען זאָל ניט זעהן, וואָס עס טהוט זיך אין זייערע הערצער, ווייל די מיינסטע פון זיי קענען זיך אימער אויסהיטען פון אַ סיבה, דאַרום זיינען זיי אימער זעהר גוט פערמאַסקירט און היטען זיך ניט אַרויס־צוגעהן פון זייער וועג אויף איין אויגענבליק. זיי שפּיעלען אימער זייער ראָלע ווי די בעסטע אַקטיאָרען.

שרה האָט דיעזע אַלע זיטען געהאַט און זי וואר אַ קינסטלערין אין איהר פאַך. אין זעקס חדשים וואָס זי איז געווען אין פאַריז האָט זי אויסשטודירט אַלע ערדעלע זיטען פון די פאַריזער דאַמען און מיט איהר שעהנהייט, וויץ און פאַלשע חנ׳דעלעך האָט זי געוואונען די אַכטונג פון יעדען וואָס האָט זי געזעהן.

טהאָמאַס סייטאָן האָט דערזעהן, אַז זיין שוועסטער איז גוט בעוואָפענט צום שדוכים־קאַמפּף, האָט ער זיך מיט איהר געלאָזט נאָך דייטשלאַנד. זיי האָבען פון פאַריז מיטגענומען אַ פּאַק מיט רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף. דער ערשטער שטאַאַט פון דייטשלאַנד׳ס בונד וואָס זיי האָבען פאַר זיך בעשטימט

איז געוועזן גערא̆לשטיין. דיעזער שטא̆את הא̆ט געשיינט צו זיין א גינסטיגער פלא̆ץ, ווייל אין פא̆ליטישען סדר הדורות פון יא̆הר 1819 הא̆ט זיך געפונען דער סדר

די דורות פון די אייראָפּעאישע הערשער און זייערע פאמיליען.

גערא̆לשטיין.

„גראָס הערצאָג: מאַקסימיליאַן רודאָלף, געבאָרען 10טען „דעצעמבער, 1764; הא̆ט בעשטיגען זיין פּא̆טער'ס טהראָן 21טען אפּריל „1785. אַן אלמן. זיין פערשטאָרבענע פרוי וואר לואיזע־אמאליע, די טאָכ־„טער פון יאהאן אויגוסטוס, פרינץ פון בורגלען. זיין זאהן. גוס־„טאוואוס רודאָלף, געבאָרען 17טען אפּריל 1803. זיין מוטער. „גראָסהערצאָגין אדיטה; די אלמנה פון גראָסהערצאָג טשארלעס פרעד־„ריק רודאָלף, 21טען אפּריל, 1785".

דעם יונגען פרינץ אויף דיעזען צעטעל הא̆ט סייטאָן געוואָלט הא̆בען פאַר זיין צוקינפטיגען שוואָגער. ער הא̆ט געוואוסט, אז א יונגער פרינץ ווערט שנעלער געכאפּט פאַר אַן עלטערען מאַן. אויסער דעם האָבען זיי צו דיעזער פאַמיליע געהאַט גרויסע רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף פון מארקיז דע הארוויל.

עס איז פערשפּאָרט צו דערצעהלען, אז דער טהראָן־פאָלגער פון גערא̆ל־שטיין וואר גוסטאַוואוס רודאָלף, וועלכער וואר בלויז אכצעהן יאָהר אלט, אין דער צייט ווען די שעהנע און אדעלע שרה סייטאָן איז פאַרגעשטעלט געוואָרען פאַר זיין פּאַטער'ס האָף. די שעהנע שרה הא̆ט געוואונען גרויסען אויפזעהן אין יענעם שטילען און פריעדליכען האָף.

מיר האָבען שוין איינמאַל דערצעהלט, אז דער גראָסהערצאָג פון גערא̆ל־שטיין הא̆ט געפיהלט די גרעסטע ליעבע און דאנקבארקייט צום מארקיז דע הארוויל פאַר די אונשעצבארע דיענסט וואָס ער הא̆ט איהם געלייסטעט אין יאָהר 1815. דיעזע פריינדשאַפט הא̆ט נאַטירליך פעראורזאכט, אז טהאָמאַס און שרה סייטאָן, וואָס זיינען פון מארקיז רעקאָמענדירט געוואָרען צום גראָסהער־צאָג זאָלען אויפגענומען ווערען מיט א בעזאָנדערער פריינדשאַפט.

אין א קורצע צייט ווי זי איז אַנגעקומען אין האָף הא̆ט דיעזע יונגע דאַמע זעהר לייכט געוואונען די פריינדשאַפט פון דעם אלטען גראָסהערצאָג. איידער זי הא̆ט געוואָרפען איהר נעץ פאַר'ן זאָהנ'ס ליעבע הא̆ט זי דורכאויס פריהער געמוזט האָבען די פריינדשאַפט פון זיין פּאַטער. זי הא̆ט אויך אויסגעפונען ראָס טראָטץ דעם, וואָס דער גראָס־הערצאָג הא̆ט זעהר ליעב זיין זוהן, דאָך

וועט ער ניעמאָלס אָבטרעטען איין שריט פון די פּרינציפּען און פּפליכטען וואָס זיין זוהן, אַלס פּרינץ האָט און ער וועט געוויס קיין מאָל ניט מסכים זיין צו אַ שידוך, וועלכער איז קיין כבוד פאַר'ן טהראָן. זי האָט דעם פאָטער אויך ער־קענט פאַר אַן ענטשלאָסענעם, פעסטען כאַראַקטער וואָס וועט זיך ניט לאָזען איבררעדען.

שרה אָט די אומשטענדען גוט בערעכענט און האָט שוין געוואָלט אויפ־געבען איהר פּלאַן צו הייראַטהען דעם יונגען פּרינץ, וויל זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַן אונמעגליכקייט. אָבער נאָך אַ שפּעטערען נאָכדענקען האָט זי בערעכענט, דאָס רודאָלף איז נאָך זעהר יונג, גוטמוטהיג און האָט אַ ווייכעס האַרץ. זי האָט פערשטאַנען, אַז אַז אַ האַרץ קען מען לייכט איבעררעדען. דאַרום האָט זי ווייטער פאָרטגעזעצט איהר פּלאַן און האָט ניט אויפגעגעבען איהרע האָפנונגען.

זי און איהר ברודער האָבען זייערע פּלענער זעהר קלוג געפיהרט. די יונגע דאַמע האָט זיך בעמיהט צו געווינען די ליעבע און די פריינדשאַפט פון גאַנצען האָף, זאָגאַר דיעזע וואָס האָבען בעדאַרפט זיין אויף איהר אייפערזיכטיג. זי האָט געמאַכט אַז אַלע זאָלען פערגעסען איהר שעהנהייט און ליעבליכקייט דערמיט וואָס זי האָט זיך פערשלייערט מיט אַ מאַסקע פון פּראָסטקייט און איינפאַכקייט. זי איז גלייך געוואָרען דער אידעאַל ניט נור פון גרויס־הערצאָג אַליין, נור אויך פון זיין מוטער, וועלכע איז געווען נייגציג יאָהר אַלט און האָט ליעב געהאַט די געזעלשאַפט פון יונגע און שעהנע דאַמען.

שרה און איהר ברודער האָבען אימער געשפּראָכען, אַז זיי מוזען אָב־פאָהרען; דער הערשער פון גראַלשטיין האָט דערפון גאָר ניט געוואָלט הע־רען. און אום ער זאָל דיעזע צוויי צובינדען צו זיך, האָט ער איהר ברודער איבער געוואָלד געגעבען די שטעלע אַלס שטאַלמייסטער, און דער יונגער שרה'ן האָט ער געזאָגט, אַז זיין מוטער וועט אָהן איהר ניט קענען לעבען און אַז זי מוז זיך געפינען אין זיין האָף.

נאָך לאַנגען בעטען און איינריידען האָבען די סייטאָנס אָנגענומען די גרויסע שטעלען וואָס מען האָט זיי געגעבען און זיי האָבען זיך בעזעצט אין דעם האָף.

שרה איז געווען אַ גוטע זינגערין און האָט פערשטאַנען מוזיק זעהר גוט. זי האָט געוואוסט, אַז די אַלטע מוטער פון גראָס־הערצאָג האָט ליעב די גע־זענגע פון די אַלטע פערפאַסער, און אום מעהר צו געפעהלען, האָט זי בעקומען די ווערקע פון אַלטע מוזיק־פערפאַסער און זי האָט פאַר איהר געזונגען די זעלבע ליעדער וואָס דיעזע אַלטע פרוי האָט געהערט אין דער יוגענד. דאָס האָט פאַר איהר געמאַכט נאָך אַ פיעל גרעסערע ליעבע. איהר ברודער סער טהאָמאָס

סייטאָן האָט זיך געמאַכט זעהר ניצליך אין דעם אמט, וואָס דער גראָס־הערצאָג האָט איהם ערנאַנט. ער וואר אַ גוטער מבין אויף פערד און האָט געהאַט זעהר גוטע מעטאָדען אין אָרגאַניזירען און אומענדערען, און ער האָט אין גאַנצען אומגעענדערט דעם גראָס־הערצאָג׳ס שטאַל; ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פראַכטפאָלען שטאַל מיט די בעסטע פערד.

אַזוי האָט די שוועסטער און דער ברודער געשפּיעלט און אַזוי איז זיי געגאַנגען די הצלחה. נאָך איידער איין וואָרט איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען פון פּרינץ רודאָלף, איז שרה און טהאָמאַס שוין געווען תושבים אין האָף און האָבען דאָרט געשפּיעלט אַ פּראָמינענטע ראָלע. עס האָט זיך גראָדע געמאַכט דאָס אין אַ פּאָר וואָכען נאָך שרה׳ס אָנקומען אין האָף איז רודאָלף אַוועק מיט זיין אַדיוטאַנט מאַרפי צו בערייזען אַלע קאַזאַרמען און מאַכען אַ רעוויזיע איבער דאָס מיליטער. דיעזער צופאַל וואר אַ גליק פאַר דער שעהנער שרה.

ווייל רודאָלף איז ניט געווען אין האָף האָט זי געהאַט די מעגליכקייט אויסצולייגען איהר נעץ פאַר דעם שידוך מיט׳ן פּרינץ און קיין פערדאַכט זאָל אויף איהר פאַלען. וואָלט רודאָלף געווען צו הויז און די האָפּלייטע וואָלטען בעמערקט ווי רודאָלף אינטערעסירט זיך מיט איהר שעהנהייט און איהר כאַראַקטער, דאַן קען זיין וואָלט דער גראָס־הערצאָג איהר ניט אַזוי פיעל מקרב געווען. אונגליקליכער ווייזע, איז רודאָלף ניט געווען צו הויז און זיין פאָטער האָט ניט פערשטאַנען, אַז ער נעהמט אריין אין הויז אַ פריילין, וואָס האָט אַ מערקווירדיגע שעהנהייט און אַן ענטשלאָסענעם כאַראַקטער, וועלכע האָבען געמאַכט זייער ווירקונג אויף זיין זאָהן, אין דער קורצער צייט, וואָס ער האָט זי געזעהן.

דאָ איז דער פּלאַץ, מיר זאָלען וואַרפען אַ בליק אויף רודאָלף׳ס פערגאַנגענהייט.

ווען רודאָלף איז נאָך געווען אַ קינד האָט ער געהאַט אַ שוואַכען קערפּער; און זיין פאָטער האָט זיך דעריבער זעהר פיעל געקימערט. דער גראָס־הערצאָג האָט געוואוסט, אַז די ענגלענדער זיינען גרויסע פערעהרער פון אַ געזונדען, ענטוויקעלטען קערפּער. זיי האָבען ליעב געהאַט אַ קערפּער פון אַ גראָבען יונג און אַ גייסט פון אַ קעניג, דאַרום האָט ער בעשלאָסען, אַז ער זאָל זיין זוהן צונעהמען פון זיינע ניאַנקעס הענד און זאָל איהם בעסער איבערגעבען צו אַ געזונדען, ענטוויקעלטען ענגלענדער.

צוליעב דיעזען צוועק האָט ער געשיקט זוכען אין ענגלאַנד אַ מאַן, וואָס

זאָל זיין פעהיג צו ערציהען זיין זוהן׳ס קערפּער ; סער וואָלטער מאָרפי, אַן אַטהלעט פון יאָרקשיר איז פאַר דיעזער אויפגאַבע ערוועהלט געוואָרען. זיינע מעטאָדען צו שטאַרקען און ענטוויקלען דעם קליינעם פּרינץ האָט אויסגענומען ביים גראַס־הערצאָג. איינינע יאָהר איז מאָרפי מיט׳ן יונגען פּרינץ געזעסען אין אַ שעהנע פאַרם, וועלכע איז געלעגען ניט ווייט פון הויפּטשטאָדט און וואַר ארומגערינגעלט מיט שעהנע פעלדער און וועלדער. רודאָלף איז פריי געוואָרען פון דער פּוסטער עטיקעטע אין האָף, און האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט, נאָך זיינע כוחות נאָך. ער האָט געפיהרט אַ ריינעם און געזונדען דאָרפס־לעבען און האָט געזוכט זיין פערגעניגען אין ראַנגלען זיך, רייטען, פעכ־טען און שיסען. אין אַזאַ לעבען האָט זיך אין גאַנצען געענדערט זיין געזונד. פון בלאַסען און שוואַכען אינגעל איז אויסגעוואַקסען אַ געזונטער און פלינקער העלד. ער איז געבליבען דין און אדעל ; אָבער זיינע גליעדער זיינען געוואָרען ווי פון אייזען.

זיין בילדונג האָט נאַטירליך געליטען דורך זיין קערפּערליכע ערציהונג. רודאָלף איז אויפגעוואַקסען מיט זעהר וועניג קענטניסע. נור זיין פאָטער האָט זעהר גוט פערשטאַנען, אַז אום צו פאָדערען ארבייט פון קאָפּ מוז דער גאַנצער קערפּער זיין געזונד. ער האָט אויך געוואוסט, דאָס ווען די גליעדער זיינען שטאַרק און דער קאָפּ איז ריין וועט זיין זעהר לייכט צו ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיגקייטען.

סער וואָלטער מאָרפי איז געווען אַן אונגעבילדעטער מאַן. ער אַליין האָט זעהר וועניג געוואוסט. מעהר ווי דעם אָנפאַנג פון בילדונג האָט ער זיין שילער ניט געקענט לערנען. אָבער קיינער וואָלט געווען אַזוי פעהיג ווי דיעזער מאָרפי צו עפענען דאָס הארץ פון דיעזען פּרינץ פאַר דער ליעבע צו אַלעם וואָס איז עהרליך, אדעל, גערעכט און גראָסמוטהיג און צו האַסען און פירכטען פאַר אַלעם וואָס איז שענדליך, גראָב, פאַלש און פערברעכען. דיעזע אדעלע געפיהלען זיינען איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין רודאָלף׳ס הארץ, און שפּעטער, ווען די ליי־דענשאַפטען און דער לעבען אין האָף האָבען זיך געשטאַרקט איבער דיעזע פּרינ־ציפּען, האָט רודאָלף זיך נור אונטערגעגעבען ; אָבער זיין הארץ איז ניט פער־דאָרבען געוואָרען. דער בוים וואָס איז פעסט איינגעוואָרצעלט ווערט געל פון אונטער די בלעטער, די בלעטער פאַלען אראָב און די צווייגען בויגען און ברעכען זיך ; אָבער דער וואָרצעל בלייבט פעסט און פון ערשטען פריהלינגס־שיין וואַקסען אָב הונדערטע נייע צווייגען און טויזענדע פרישע בלעטער.

מאָרפי האָט אַלזאָ געגעבען זיין שילער אַ געזונדען קערפּער און אַ געזונדע זעעלע ; ער האָט דעם פּרינץ געמאַכט געשיקט, טהעטיג און מוטהיג און ער

האָט איהם געלערנט ליעבען און שעצען אַלעס וואָס גוט איז. מאָרפּי האָט ערפיעלט אַלעס וואָס מען האָט פון איהם פערלאַנגט. ער האָט צוריקגעבראַכט דעם פּרינץ צו זיין פאָטער און אַליין איז ער אַוועק צוריק נאָך ענגלאַנד אום צו בעזאָרגען וויכטיגע אינטערעסען פון זיין פאַמיליע. רודאָלף, וועלכער האָט זיין ערציהער זעהר שטאַרק געליעבט, האָט בעדויערט דיעזע שיידונג.

ווען דער גראָס-הערצאָג האָט געזעהן, אַז זיין זוהן איז פאָלשטענדיג געזונד און קערפּערליך ענטוויקעלט, האָט ער אָנגעפאַנגען צו זאָרגען פאַר זיין גייסטיגע בילדונג. אַ געוויסער דאָקטאָר צעזאַר פּאָלידאָרי — אַ בעקאַנטער שפּראַכקענער, אַ פאָרטרעפליכער ארצט, אַ בעריהמטער היסטאָריקער, אַ פילאָזאָף פון דער נייעסטער שוהלע, איז אנפערטרויט געוואָרען אויסצובילדען די ערהאַבענע אָבער רויהע זעעלע, וועלכע מאָרפּי האָט אַזוי מייסטערהאַפט אויפגעהאָדעוועט.

דיעזען מאָל האָט דער גראָס-הערצאָג געמאַכט אַ העכסט אונגליקליכען וואהל. דעם גראָס-הערצאָג'ס צוטרויען איז זעהר שענדליך בענוצט געוואָרען פון דעם מאַן וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם דאָקטאָר אַלס רודאָלף'ס גייסטיגער לעהרער. דאָקטאָר צעזאַר פּאָלידאָרי וואַר אַן אויסוואורף דער מענשהייט, ער וואַר אַ ניעדריגער היפּאָקריט, פול מיט קונצען און כיטרע שפּיצלעך, וואָס האָט געליעבט די מיאוס'ע אונמאָראַלישע תענוגים און האָט פערשטאַנען אַלע שוואַכע זייטען פון מענשענס נאַטור און האָט עס בענוצט צו בעשווינדלען און אויסצוניצען פאַר זיין אייגענע אינטערעסע. און זיין אינטערעסע איז אימער געווען צו שאַרלאַטאַנעווען, צו בעטריגען און פערפיהרען.

רודאָלף, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געליעבט דעם לעבען אויפ'ן לאַנד און דעם פערגעניגען פון פרייען פעלד, האָט גאָר קיין חשק געהאַט צו פּלאָגען זיך אין די צימערען ביי טרוקענע ביכער און אויסצושטעהן דעם יאָך פון צערעמאָניעס אין זיין פאָטער'ס האָף. דיעזעס וואַר די ערשטע אורזאַכע פון זיין ערשטען האס צום נייעם פריינד.

גלייך ביי'ן אָנפאַנג האָט רודאָלף דעם דאָקטאָר ערקלעהרט, אַז ער האָט קיין חשק צו שטודירען, און אַז ער רעכענט די קערפּערליכע ענטוויקלונג פריהער פון אַלעס.

דער דאָקטאָר האָט עס ערוואַרטעט און האָט זיך דעריבער געפרעהט; דען ער האָט געהאַט אַ געהיימען פּלאַן און אַ פערבּיסענעם ציעל דורכצופיהרען. ער האָט געוואָלט געווינען די אָבערמאַכט איבער זיין תלמיד און זיין זעלבסט דער צוקינפטיגער הערשער פון גראָלשטיין. רודאָלף, דער צוקינפטיגער גראָס-

הערצאָג זאָל נור זיין הערשער אין נאָמען ; אָבער ער, דאָקטאָר צעזאר פּאָלי־דאָרי, זאָל זיין רעגיערער אין דער טהאַט. אַלעם ערשטען האָט ער געוואָלט גע־ווינען דעם פּרינץ'ס פריינדשאַפט און זעהן, אַז רודאָלף זאָל פערגעסען זיין ערשטען לעהרער, סער וואָלטער מאָרפי, און דאַרום האָט ער דעם גראָס־הערצאָג ניט ענטדעקט רודאָלף'ס ענטזאַגונג צו לערנען. ער האָט גראָדע געטהאָן פער־קעהרט, פאַר'ן גראָס־הערצאָג און פאַר'ן גאַנצען האָף, האָט ער געלויבט רו־דאָלף'ס חשק און רודאָלף'ס גוואַלטיגען פאָרשריט.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ מאַן מיט טאַקט. זיין ערשטער פּלאַן צו גע־ווינען דעם פּרינץ פאַר זיך איז געווען, אויסצורייסען די וואָרצלען וואָס מאָרפי האָט פערפּלאַנצט און בעווענען דעם פּרינץ צו נעהמען אַן אַנטהייל אין דער אויסגעלאַסענער וועלט. לאַנגזאַם און לאַנגזאַם האָט ער געוואונען דעם פּרינץ'ס אויפמערקזאַמקייט צו זיינע ערצעהלונגען.

דער דאָקטאָר האָט אימער אויסגעלאַכט און קריטיקירט דאָס לעבען וואָס רודאָלף האָט פערבראַכט מיט'ן ענגלישען אַטהלעט אין דער פאַרם. דאַן האָט דער דאָקטאָר גענומען אויסטהאָן די מאַסקע און האָט אויפגערייצט דעם פּרינץ'ס ליידענשאַפט און פאַנטאַזיע דאַדורך וואָס ער האָט פאַר איהם גע־שילדערט דעם גאַלאַנטען לעבען וואָס האָט בעריהמט געמאַכט דעם קעניג לואיס דעם פערצעהנטען און לואיס דעם פופצעהנטען.

ער האָט דעם יונגען פּרינץ פערזיכערט, אַז דאָס לעבען אין פערגניגען, אין לוקסוס, אין פרעהליכקייט מאַכט די הערשער זיי זאָלען זיין באַרימהערציג און גנעדיג צו זייערע אונטערטהאַנען ; דען נאָבעלע זעעלען זיינען קיין מאָל ניט פעהיג צו זיין וואָהלטהעטיג און גראָסמוטהיג, אויסער ווען זיי זיינען אַליין גליקליך און צופריעדען. דאַן האָט דער דאָקטאָר געהאַלטען אין איין שילדערען פאַר'ן פּרינץ די שעהנהייטען פון פרויען, די זיסקייט פון ליעבע, די ערהאַבענ־הייט פון בעלער און געזאַנג. מיט דעם גרעסטען טאַלאַנט האָט ער פאַר איהם געפאַרבט דאָס לעבען פון אַלע צולאָזענע קעניגע, מיט דעם העכסטען פּאַ־עטישען גייסט האָט ער געשילדערט דאָס גליק פון אַ רוישענדען לעבען.

דיעזע לעהרען האָבען נאַטירליך געבראַכט זייערע פריכטע. רודאָלף איז געוואָרען פריינדליכער צום דאָקטאָר און האָט גענומען טרוימען פון ווילדע ליידענשאַפטען, פון ראָמאַנסען און לוסטיגע אבענדען. דער דאָקטאָר האָט דעם פּרינץ אויך ערקלעהרט, אַז דער מיליטער־פליכט דאַרפען נאָר האָבען די בויערען און די קינדער פון פאָלק ; אָבער דער פּרינץ, יונג איז געבאָרען געוואָרען צו

הערשען, דארף ניעמאלס טראָגען זיין קאָפּ אין געפאהר. ער האָט איהם אויך ער־קלעהרט, אז א הערשער דארף זיין דעם פאָלקס ציערונג, דעם פאָלק׳ס בן יחיד ; אָבער די שווערע ארבייט פון פּאָליטיק און אדמיניסטראציאָן, דאָס דארף ליעגען אויף די פּלייצעס פון זיין ערשטען מיניסטער.

מיט דיעזע עצות און דיעזע ערקלעהרונגען האָט דאָקטאָר פּאָלידאָרי גע־וואונען דעם פּרינץ פאר זיך. דער פּרינץ האָט ווי טאָג אזוי נאכט פאנטאזירט פון דעם שעהנעם פרעהליכען לעבען, און ער האָט ביי זיך בעשלאָסען, דאָס ווען גאָט וועט רופען זיין פאָטער צו זיך, און ער וועט בעשטייגען דעם טהראָן, וועט ער פיהרען אזא אנגענעהמען לעבען וואָס זיין צווייטער לעהרער האָט פאר איהם ענטדעקט און וועט מאכען צום ערשטען מיניסטער טאקע דעם זעלבען חכם און פריינד.

אכטצעהן חדשים זיינען אזוי פערשוואונדען. ענדע אכטצעהן חדשים איז מאָרפי צוריקגעקומען פון ענגלאנד און האָט פערגאָסען טרעהרען פון פריידע צו זעהן זיין ליעבען רודאָלף. אין די ערשטע עטליכע טעג האָט ער בעמערקט, דאָס דער פּרינץ איז צו איהם קאלט און גלייכגילטיג. מאָרפי האָט געוואוסט, אז רודאָלף האָט א גוטעס הארץ און ער האָט פערשטאנען, אז דער ערציהער, דאָקטאָר צעזאר פּאָלידאָרי האָט דעם פּרינץ׳ס הערץ גענומען אין פּלען און פיהרט איהם אין שלעכטען וועג. מאָרפי האָט דארום בעשלאָסען אכטונג צו געבען אויף דעם דאָקטאָר ; פּאָלידאָרי האָט אָבער געוואוסט, וואָס פאר א כאראקטער און וואָס פאר א פּערזאָן דיעזער מאָרפי איז, ער האָט מורא געהאט מאָרפי׳ס עהרליכקייט זאָל ניט זיעגען איבער זיין שארלאטאנסטוואָ, דארום האָט ער בעשלאָסען צו פערמיאוס׳ען מאָרפי׳ס רעפּוטאציאָן אין רודאָלף׳ס אויגען. דיעזער קריזיס איז גראדע אָנגעקומען אין דערזעלבער צייט, ווען שרה און טהאָמאס זיינען אָנגעקומען אין האָף און אין דיעזער צייט האָט דער גראָס־הערצאָג ארויסגעשיקט זיין זוהן צו רעווידירען די ארמעע און האָט בע־אויפטראגט דעם געשיקטען מאָרפי, ער זאָל בעגלייטען זיין געוועזענעם תלמיד.

ווערענד דיעזע פאָר וואָכען איז דער דאָקטאָר ניט געבליבען זיצען מיט פערלייגטע הענד. מען זאָגט, אז אינטריגאנטען האָבען א געוויסע געהיימע קראפט מיט וועלכער זיי דערקענען זיך, פערשטעהען זיך איינע אויף די אנדערע און היטען איינע די אנדערע ביז וואנען זיי פעראייניגען זיך אָדער זיי ווערען ארויסגעשפּראָכענע שונאים. אין א קורצע צייט נאָך דער אויפנאהמע וואָס שרה און איהר ברודער האָבען געהאט פון גראָס־הערצאָג, איז פּאָלידאָרי מיט זיי גע־וואָרען שטארק בעפריינדעט. פּאָלידאָרי האָט פערשטאנען, אז די צוויי געסט

האבען א געוויסען פלאן פון אן אינטריגע, און אבוואהל ער האט ניט פער־שטאנען וואס די אינטריגע איז, דאך האט ער געפיהלט, אז ער קען זיין א שותף צום טייפעל. אייניגע פראגען וואס טהאמאס האט איהם געשטעלט וועגען רו־דאלף'ס פערגאנגענהייט און רודאלף'ס כאראקטער, וואלט א געוועהנליכען מענ־שען גאר ניט אויפפאלענד געווען, אבער דער שלויער דאקטאר האט פון דעם גלייך פערשטאנען, וואס שרה זוכט און פערלאנגט אין דיזען האף. פאלידארי האט אין דער שעהנער שרה געזעהן די קוועלע פון זיין גליק. דער יונגער רודאלף, וועלכער איז שוין אויפגערעגט און אויפגעפלאמט נאך ליעבע און שעהנהייט, וועט געווים אריינפאלען אין שרה'ס ארמען. און וואס פאר א גוואלדיגען איינ־פלום דיזע שעהנע פרוי וועט האבען איבער רודאלף'ס הערץ, וועלכע וועט ליעבען צום ערשטען מאל ! פאלידארי האט זיך צום ציעל געשטעלט דיעזען איינפלוס צו קאנטראלירען און צו געברויכען צו ווארפען מארפי'ס רעפוטאציאן און אויפהויבען זיין אייגענעם שיקזאל. ווי א דורכגעטריבענער מאן האט ער דעם ברודער און דער שוועסטער געגעבען אנצוהערען, אז זיי מוזען האנדלען גור מיט איהם, ווייל ער איז דער איינציגער וואס דארף אבגעבען דין וחשבון פאר רודאלף'ס אויפפיהרונג. שרה און טהאמאס האבען איהם זעהר גוט פערשטאנען, אבוואהל זיי האבען פאר איהם קיין ווארט ניט ארויסגערעדט פון זייער געה־היימנים. ווען רודאלף און מארפי זיינען צוריק געקומען, ווארען שוין אלע דריי פערשווארען געגען דעם ענגלענדער, אלם געגען זייער געפעהרליכען פיינד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואס עס מוז געשעהן וועט זיכער געשעהן. רודאלף איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע, און אזוי ווי ער האט זיך טעגליך געפונען אין שרה'ס געזעלשאפט איז ער צו איהר צוגעבונדען געווארען. עס האט לאנג ניט גענומען און ער האט איהר ערקלעהרט ליעבע. שרה אט איהם געענטפערט מיט ליעבע ; אבער צו דערזעלבער צייט האט זי איהם פאראויסגעזאגט, אז דיעזע ליעבע וועט זיי ביידע פיהרען צו אונגליק. ער קען קיינמאל ניט זיין גליקליך, דען דער ים וואס צושיידעט זיי איז זעהר ברייט און זעהר טיעף, און דארום האט זי דעם פרינץ געווארענט ער זאל זיין ליעבע גוט פערבארגען און בעהאלטען ; דען ווען דער גראס־הערצאג וועט דערפון ערפאהרען וועלען זיי פערליערען דעם א ו נ ש ו ל ד י ג ע ן און ריינעם גליק וואס זיי האבען ווען זיי זעהען זיך. דער פרינץ האט פערשפראכען צו זיין פארזיכטיג און האלטען די ליעבע פאר זיין טיעפע געהיימנים. שרה אליין האט זיך געהיט פון דעם קלענסטען פער־דאכט. ענדליך ווען דער ברודער און די שוועסטער האבען זיך איבערצייגט, אז רודאלף'ס ליידענשאפט האט עררייכט די העכסטע שטופע, זון דאס זיין

טעגליכע אויפרעגונג, וועלכע ער וואר געצוואונגען צו בעהאלטען פון דער גאנ־צער וועלט, וועט קירצליך אויסברעכען מיט א גרויסען פלאם, דאן האבען זיי בעשלאסען צו מאכען זייער ערשטע פראבע. זיי האבען געצויגען דעם דאקטאר צו א בעראטהונג. סער טהאמאס סייטאן האט ערקלעהרט דאס רודאלף און שרה מוזען הייראטהען, זאנסט, וועט ער זיין געצוואונגען צו נעהמען זיין שוועסטער און פערשווינדען פון רודאלף'ס אויגען. שרה אט ווירקליך געענטפערט ליעבע צום פרינץ אבער זי וועט ליעבערסט שטארבען איידער צו ווערען רודאלף'ס מאטרעסע. זיין שוועסטער מוז זיין דעם פרינץ'ס ווייב אדער — גאר ניט.

דיעזער פערלאנג האט דעם דאקטאר איבערראשט. אזא אמביציאן האט ער פון שרה'ן ניט ערווארטעט. אזא חתונה אט דעם דאקטאר געשיינט צו זיין אן אונמעגליכקייט און ער האט זיי אפען ערקלעהרט, אז דער גראס־הערצאג וועט עס אויף קיין פאל ניט ערלויבען. פאלידארי האט פערגליכען שרה'ס בע־שלוס צו הייראטהען דעם פרינץ און זיין פאטער'ס זיכערע שטערונג פון אזא שריט און דארום האט ער פארגעשלאגען א פלאן, וואס זאל פון אלע זייטען זיין כשר און גוט. ער האט גערעטהען, אז שרה און רודאלף זאלען הייראטהען נאך אלע געזעצע; אבער דיעזע הייראטה זאל זיין א סוד ביז דער גראס־הערצאג וועט שטארבען. סייטאן האט אנגענומען דיעזע פשרה און האט דעם דאקטאר בעאויפטראגט צו ערקלעהרען זיין תלמיד פון דיעזען בעשלוס און זאל איהם אויך זאגען, דאס מעהר ווי איין וואך האט ער קיין צייט זיין שריט צו בע־טראכטען, ווייל שרה ווערט געפלאגט פון ליעבע און פון צווייפעל. זי מוז מאכען א שריט פארווערטס אדער ריקווערטס. אויב איהר מזל איז א שלעכטער מוז זי זאפארט דייטשלאנד פערלאזען און פאהרען אין עק וועלט, וואו זי וועט לייכטער קענען פערגעסען דעם מאן וואס האט איהר זיין ליעבע ערקלעהרט.

דער דאקטאר האט יעצט אין גאנצען פערשטאנען וואס שרה פערלאנגט. פאר איהם זיינען יעצט געשטאנען דריי וועגען : 1) צו דערצעהלען דעם גראס־הערצאג פון דיעזער פערשווערונג ; 2) צו עפענען רודאלף'ס אויגען און ווייזען איהם אין וואס פאר א גרוב מען פיהרט איהם ; 3) אדער צו העל־פען דער שעהנער שרה אין איהר פלאן.

דערצעהלען דעם גראס־הערצאג פון דער ליעבע, האט געהייסען צו פער־ליערען אויף אייביג דעם פרינץ'ס פריינדשאפט און צוטרוי ען. אויפקלעהרען דעם פרינץ איז אן אונמעגליכקייט. אן היים־פערליעבטער וועט אזא זאך ניט גלויבען און ווען איהם וועט עס געלינגען, וועט ער האבען אן אייביגען פיינד

אין שרה׳ס פּערזאָן, וועלכע וועט זיכער הערשען איבער דעם פּערליעבטען פּרינץ. אָבער ווען ער זאָל העלפען דיעזען שידוך און זאָל די חתונה אָבשפּיעלען, דאַן וועט ער דעם פּרינץ און זיין וייב געווינען אויף אייביג פאַר זיך, ווען ניט אויס דאַנקבאַרקייט, וועט עס זיין אויס מורא. ער האָט אפילו ערוואַרטעט, אַז דער סוד וועט שנעל ענטדעקט ווערען און דער גראַס־הערצאָג וועט זיכער זיין בייז ; אָבער די הייראַטה וועט בלייבען א גילטיגע, דער שטורם וועט שנעל פאַראיבערן און דער צוקינפטיגער הערשער פון גראַלשטיין וועט איהם האַלטען פאַר א פריינד און בעל־עצה. נאָך לאַנגען איבערלעגען און טראַכטען האָט ער בעשלאָסען צו העלפען דער שעהנער שרה אין איהר פּלאַן ; אָבער נור אונטער געוויסע בעדינגונגען און נור ביז א געוויסען גרענעץ.

רודאָלף׳ס ליידענשאַפט האָט דעם קריזיס עררייכט. זיינע אייגענע ליידען וואָלט ער פיעלייכט געקענט אונטערדריקען, אָבער די שעהנע שרה האָט איהם ערקלעהרט, אַז זי קען מעהר ניט איבערטראָגען איהר לאַגע, וועלכע האָט קיין שטראַהל פון האָפנונג.

אין דיעזען קריזיס איז צו איהם זיין לעהרער געקומען און האָט איהם ערקלעהרט אַז יעצט איז די צייט ווען ער קען איהם העלפען. רודאָלף האָט נור צו בעשטימען וואָס ער ווינשט : די שעהנע שרה זאָל פון איהם פערשווינדען און ביידע זאָלען בלייבען אונגליקליך זייער גאַנצען לעבען, אָדער רודאָלף זאָל זי אין גאַנצען בעזיצען דורך א שטילע חופה, וועלכע ער קען פאַר איהם פאַר־בערייטען. רודאָלף האָט נאַטירליך אויסגעקליבען דעם צווייטען וועג און פאַר פריידע איז ער דעם דאָקטאָר געפאַלען אויפ׳ן האַלז און האָט איהם געקושט און גערדאַנקט ווי א רעטער, א פריינד און א פאָטער. ווען דער פּריעסט און די כלה וואָלטען געשטאַנען ביי דיעזער סצענע, וואָלט דער פּרינץ אין זעלבען אויגענבליק געוואָרען א פערהייראַטהער מאַן.

עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען, דאָקטאָר צעזאַר פּאָלידאָרי, האָט אויפ־געזוכט א גייסטליכען און א פּאָר עדות און אין א געוויסען טאָג האָט רודאָלף געהייראַטהעט דער שאָטישער שעהנהייט, שרה סייטאָן. די נביאות פון דער משוגע׳נער ניאַנקע זיינען מקוים געוואָרען. שרה איז געוואָרען די וייב פון א טראָהן־פאָלגער.

אום מען זאָל פון דיעזער חתונה ניט ערפאַהרען און אום רודאָלף׳ס ליעבע און ליידענשאַפט זאָל נאָך העכער שטייגען, האָט דער דאָקטאָר און שרה׳ס ברודער אַכטונג געגעבען, אַז רודאָלף זאָל זיין פרוי זעהר וועניג זעהן.

אין האָף האָט קיינער פון דער חתונה ניט געוואוסט. מען האָט אויך ניט געוואוסט, אַז רודאָלף איז פערליעבט. ענדליך איז געקומען די צייט, וועלכע שרה האָט בעדאַרפט ווערען א מוטער. און ווי דיעזע צייט איז געוואָרען

נאָהענט, האָט זי פון איהר מאַן פערלאַנגט ער זאָל איהר רעטען פון שאַנדע און זאָל אראָפּנעהמען די מאַסקע פון זיין פנים. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט די שעהנע שלאַנג דורכאויס געפּאָדערט, רודאָלף זאָל ענטדעקען דעם סוד צו זיין פּאָטער און צו זיין גראָס־מוטער. זי האָט איהם ערקלעהרט, אַז זיין פּאָטער וועלכער ליעבט איהם אַזוי שטאַרק און שעצט איהם אַזוי פיעל, וועט שנעל אָבגעהן פון כעס און וועט געוויס איהר אַנערקענען פאַר זיין שנור און וועט איהר געבען די אַנערקענונג, וועלכע זי פערדיענט. איבערהויפּט יעצט, ווען זי וועט איהם ברענגען אַ געזעצליכעס קינד, אַן אייניקעל, וואָס וועט זיין אַ טהראָן־פאָלגער פון גראָלשטיין. רודאָלף איז פון דיעזען פערלאַנג געוואָרען אַן ערשראָקענער. ער האָט געוואוסט, אַז זיין פּאָטער ליעבט איהם, אָבער ער האָט צו גוט געקענט זיין פּאָטער'ס ענטשלאָסענעם כאַראַקטער און פּרינציפּ. שרה איז צו איהם אָבער צוגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

— איך בין דיין געזעצליכע ווייב פאַר גאָט און פאַר מענשען. נאָך אַ קורצע צייט און איך וועל מעהר ניט קענען מיין לאַגע פערבאָרגען. איך וויל ניט ליידען שאַנדע פאַר מיין קינד, אויף וועלכען איך בין שטאָלץ און מיט וועלכען איך בין גליקליך. איך וויל ניט דאָס דיין קינד זאָל בעטראַכט ווערען אַלס ממזר!

אין רודאָלף'ס הערצען האָט זיך שוין ערוועקט די ליעבע פון אַ פּאָטער צו זיין קינד און דיעזע ליעבע האָט איהם נאָך מעהר צוגעבונדען צו זיין ווייב. סער טהאָמאַס סייטאָן האָט נאַטירליך געהאַלטען מיט זיין שוועסטער און האָט דעם פּרינץ ערקלעהרט, דאָס דיעזער הייראַטה קען ניעמאַלס אויפגעלעזט ווערען און, אַז דער גראָס־הערצאָג קען פיעלייכט פערבאַנען זיין זאָהן פון זיך, אָבער ניט מעהר און ניט אויף לאַנג. און עס איז נאָך מעגליך, אַז ער זאָל אויך דאָס ניט טהאָן, ווייל ער ליעבט זעהר שטאַרק און אַכטעט די שעהנע שרה. רודאָלף האָט אָבער זעהר מורא געהאַט דעם שריט צו מאַכען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

גראַדע אין דיעזער קריטישער צייט, האָט דער גראָס־הערצאָג בעאויפטראַגט זיין שטאָל־מייסטער ער זאָל מאַכען אַ רייזע איבער עסטרייך און זאָל שטודירען די פערשיעדענע סיסטעמען צו ערציהען פערד. סייטאָן האָט קיין תירוץ געפונען און ער האָט געמוזט פערלאָזען זיין שוועסטער אויף צוויי וואָכען, גראַדע אין דעם וויכטיגסטען פּונקט פון זייער שטרעבען. שרה האָט זעהר פיעל בעדויערט איהר ברודער'ס אָבוועזענהייט, דאָך האָט זי זיך געטרייסט, דאָס אין פאַל ווען אַ שטורם וועט אויסברעכען, וועט כאָטש איהר ברודער זיין געראַטעט. אום ער זאָל אָבער וויסען אַלעס וואָס מיט איהר טהוט זיך, האָבען זיי ביידע

געפיהרט אַ טעגליכע קאָרעספּאָנדענציע אין ציפער, וואָס דאָקטאָר פּאָלידאָרי האָט זיי אויסגעלערענט. דיעזע ציפער־קאָרעספּאָנדענציע איז גענוג צו בעווייזען דאָס שרה אָט צו איהר ברודער בעדאַרפט שרייבען אַ סך אַנדערע געהיימניסע אויסער וועגען איהר ליעבע צום פּרינץ. אין דער טהאַט, דיעזע קאַלטע, פערדאָרבענע און דורכגעטריבענע פרוי האָט רודאָלף׳ן ניט געליעבט. דער פייער אין רודאָלף׳ס הערץ, וועלכע זי אַליין האָט אָנגעצונדען, וואַר ניט אומשטאַנדע צו שמעלצען דעם אַייז אין איהר ברוסט. רודאָלף׳ס אויפּאָפּפערונג פאַר איהר האָט איהר גאָרניט געקימערט. דיעזע פרוי האָט אין אַ בריעף צו איהר ברודער זעהר שטאַרק געקלאָגט אויף די דייטשע פּרינצען, וואָס האָבען אַ נאַטור צו לעבען זעהר לאַנג! דער ברודער און די שוועסטער האָבען געהאַט איין פינסטערע פערשווערונג, וועלכע איז געגאַנגען נאָך ווייטער ווי די חתונה מיט׳ן קראָהן־פּרינץ פון געראָלשטיין. פּאָלידאָרי, וועלכער איז געווען דער פערמיטלער אין דיעזער קאָרעספּאָנדענציע, האָט ביי זיך פערשריבען יעדען וויכטיגען וואָרט פון דיעזע בריעף.

אַייניגע טעג נאָכדעם ווי טהאָמאַס סייטאָן האָט אָבגערייזט, איז שרה געלאַדען געוואָרען צו אַן אונטערהאַלטונג וואָס דעם גראָס־הערצאָג׳ס מוטער האָט געגעבען. פּיעלע פון די אַנוועזענדע דאַמען האָבען שרה׳ן בעטראַכט פון אַלע זייטען און האָבען זיך וועגען איהר גע׳סוד׳עט. די נײַנציג־יאָהריגע גראָס־הערצאָגין האָט עס בעמערקט און האָט געהערט וואָס די דאַמען האָבן געשפּראָכען. זי האָט איינע פון די דאַמען געפרעגט וואָרום ווערט פריילין סייטאָן אַזוי בעוואונדערט, און זי האָט בעקומען דעם אַנטוואָרט, דאָס דיעזע פריילין זעהט ניט אויס אַזוי גראַציעז, אַזוי געשיקט און אַזוי דין ווי געוועהנליך. די אַלטע פּרינצעסין האָט שטאַרק געגלויבט אין שרה׳ס עהרליכקייט און זי וואָלט דעם הימעל אַליין קיין וואָרט געגלויבט אויף דיעזער שעהנהייט. דיעזער אַנטוואָרט האָט איהר ניט צופריעדען געשטעלט, און די עהרליכע אַלטע דאַמע האָט אין אַ הויך טאָן געזאָגט:

— מיין טהייערע שרה, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען!

שרה האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט געמוזט דורכגעהן אַ גאַנצע רייהע פון פרויען וועלכע האָבען זי דורכגעשטאָכן מיט זייערע אויגען. די אַלטע פּרינצעסין האָט עס אַבזיכטליך געטהאָן, אום צו ווייזען אַלע אַנוועזענדע, אַז איהר שרה׳ס טאַליע איז ניט גרעבער און שרה׳ס קלייד איז ניט ברייטער; אָבער וועה געשריען! דער ערגסטער שונא וואָלט ניט געפונען אַן ערגערע פּלאַגע פאַר דיעזער שרה׳ן צו וואָס די אַלטע גוטע פרוי האָט זי געצוואונגען מיט דער אבזיכט צו בעווייזען שרה׳ס אונשולד. אַלע דאַמען האָבען דייטליך געקענט זעהן אין וועלכע אומשטענדען שרה געפינט זיך; אָבער אַלע האָבען פערביסען זייערע ליפּען אום ניט צו ערגערען דער נײַנציג־יעהריגער פּרינ־

צעסין. אין דער טהאַט האָט גאָר שרה אַליין ניט געוואָלט בעהאַלטען די אומ־ענדערונג אין איהר קערפּער. זי האַט אבזיכטליך געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע געסט. זי האָט געוואָלט, אַז דער האָף זאָל פון איהר נעהמען רעדען, אום רודאָלף זאָל איבער געוואַלד מודה זיין, אַז ער איז איהר מאַן. די אַלטע פּרינצעסין האָט אָבער ניט געוואָלט גלויבען איהרע אייגענע אויגען און זי האָט צו שרה'ן אין דער שטיל געזאָגט:

— אָה, מיין טהייערער קינד, ווי שרעקליך שלעכט דו האָסט זיך הייטע געקליידעט! אימער האָב איך געקענט אַרומנעהמען דיין טאַליע מיט מיין שפּאַן, יעצט זעהסט דו אויס ווי אַ פאַס!

* * *

אין פערלויף פון אונזערע וויטערדיגע קאַפּיטלען ווע‏לען מיר דערצעהלען די פאָלגען פון דיעזער ענטדעקונג. דאָ וועלען מיר נאָך זאָגען, דאָס וואָס דער געעהרטער לעזער האָט שוין געוויס פערשטאַנען, דאָס נאַכטיגאַל איז דאָס קינד וואָס איז געבאָרען געוואָרען פון רודאָלף'ס מיט שרה'ס געהיימע פערבינדונג און וועלכע ביידע האַלטען פאַר טויט.

דער געעהרטער לעזער האָט זיכער נאָך ניט פערגעסען, דאָס נאָכדעם ווי רוד־דאָלף איז אוועק פון קולאַק'ס הויז אין טעמפּעל שטראַסע איז ער אוועק אַהיים זיך פּאַרצובערייטען צום גרויסען באַל וואָס דער... אמבאַסאַדאָר האָט געגעבען. צו דיעזען באַל וועלען מיר יעצט בעגלייטען אונזער בעקאַנטען רודאָלף, וועל־כער איז יעצט דער הערשענדער גראַס־הערצאָג פון געראָלשטיין, גוסטאַוואוס רודאָלף. וועלכער רייזט יעצט איבער פראַנקרייך אונטער דעם פערשטעלטען נאָמען גראַף פאָן דורען.

26טעם קאַפּיטעל.

דער באַלל.

אום עלף אוהר פון יענעם אבענד האָט אַ דינער געעפענט די טויערען פון פון האָטעל אין פלימעט שטראַסע און האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראַכטפאָלע בלאָע עקיפּאַזש, וועלכע צוויי ווייסע פערד האָבען געפיהרט. אַ קוטשער אין אַן עלעגאַנטען מונדיר, מיט טהייערע גאָלדענע פּאַסען און גרויסע זילבערנע קנעפּ איז געזעסען ביי די פערד. הינטער דער עקיפּאַזשע איז געשטאַנען אַ הויכער געפּודערטער דינער, וועלכער האָט געטראָגען אַ בלויען מונדיר מיט זילבערנע עפּאָלעטען און נעבען איהם איז געזעסען אַ מאַן מיט גוואַלטיג גרויסע וואָנצעס און אַ ברייטע דריי־עקיגע הוט, וועלכע וואר בעדעקט מיט גרויסע ווייסע פעד־דערען.

אַ קונסטפּאָלער לאָמפּ האָט בעלויכטען די עקיפּאַזשע, וועלכע וואַר אויס־געשלאָגען מיט זייד. אין דער עקיפּאַזשע האָט מען געקענט זעהן ווי רודאָלף זיצט ביי דער רעכטער זייט, נעבען איהם זיצט באַראָן פאָן גראון און געגען איהם זיצט זיין טרייער מאָרפּי.

רודאָלף איז געווען זעהר איינפאַך געקליידעט. דאָס הייסט ער האָט קיינע מעדאַלען און קיינע אָרדערס געטראָגען. דאַגעגען, מאָרפּי און דער באַראָן פאָן גראון וואַרען בעדעקט מיט די העכסטע אָרדענס פון געראָלשטיין און מיט אַלע צייכענס פון זייער ראַנג און ווירדע.

— איך בין העכסט צופריעדען — האָט רודאָלף געזאָגט — פון די נייעס וואָס מאַדאַם געאָרג שרייבט מיר פון מיין נאַכטיגאַל אין דעם מאָדעל פאַרם. האַ, האַ, האַ, איך שטעל מיך פאָר וואָס מיינע בעקאַנטע פון דער ס י ט ע וואָלטען געזאָגט, ווען זיי וואָלטען געזעהן מיין ליעבען קאָהלענטרעגער אין דיעזען מונדיר!

— איך רעכען, אַז אייער מאַיעסטעט וואָלט ניט וועניגער בעוואונדערט געוואָרען, ווען אייער האָהייט וואָלט יעצט בעזוכט די מאַדאַם פּיפּעלעט אין טעמפּעל שטראַסע, אום צו פערטרייבען די מעלאַנכאָלי פון איהר ליעבען אַל־פערד, וועלכער האָט קיין רוה פון דעם שרעקליכען גאַבריאָן! — האָט מאָרפּי געענטפערט.

— מיין לאָרד האָט אַזוי לעבעדיג געשילדערט דעם מעלאַנכאָלישען הויז־קיפּער מיט דעם גרינעם ראָק און הויכען קוימען אויפ'ן קאָפּ, דאָס מיר שיינט, אַז איך זעה איהם יעצט זיצענדיג אין זיין ענגען וואָהנונג! — האָט דער באַראָן געזאָגט — מעג איך האָפען, דאָס מיין לאָרד איז צופריעדען מיט די ענטדעקונג, וואָס מיין אַגענט האָט געמאַכט און דאָס אַייער בעזוך אין יענעם הויז האָט צופריעדענגעשטעלט אַייערע ערוואַרטונגען?

— יאַ. — האָט רודאָלף געענטפערט — איך האָב דאָרט מעהר ענטדעקט ווי איך האָב ערוואַרטעט.

רודאָלף האָט זיך דאָ עראינערט אויפ'ן מאַרקיז דע האַרוויל און ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט. ער האָט זיך אָבגעזיפצט און האָט געזאָגט:

— איך שעהם זיך מודה צו זיין, דאָס נאָכדעם ווי איך האָב געטרונקען אַ שנאַפּס מיט מאַדאַם פּיפּעלעט, און האָב אַכטונג געגעבען אויף איהר הויז, האָב איך שוין מעהר קיין גרויסען שטאָלץ אויף מיין טיטעל און עהרע אויף דעם טהראָן. דער הויז־קיפּער איז דער זעלבער הערשער איבער זיין הויז ווי דער געקרוינטער הערשער איבער אַ לאַנד, און דער אָרימאַן רעדט מיט'ן זע[illegible] שטאָלץ איבער ז י י ן פ ע ר מ ע ג ע ן ווי דער מיליאָנער איבער ז[illegible]

— אָבער ניט יעדער הערשער און מיליאָנער פערשטעהט אזוי ווי אייער האָהייט, צו פערווענדען די ברכות וואָס גאָט האָט איהם געגעבען — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— אָה, מיין טהייערער באַראָן, איהר זייט צו פריינדליך, א טויזענד מאָל צו גוט; — האָט רודאָלף איראָניש געזאָגט און דער באַראָן האָט צום ער־שטען מאָל אין זיין לעבען געזעהן, אז ער האָט געזאָגט א נאַרישקייט.

— אין אמת׳ן, מיין טהייערער פאָן גראַון — האָט רודאָלף ווייטער געזאָגט — איך ווייס ניט ווי אָנצונעהמען אייער גוטע מיינונג איבער מיר און ווי איך צו בעלאָהנען מיט די זעלבע קאָמפּלימענטען.

— איך בעט אייער האָהייט דערפון ניט צו דענקען! — האָט דער באַראָן געזאָגט, ווייל ער האָט זיך אין דעם אויגענבליק פערגעסען רודאָלף׳ס האָס צו קאָמפּלימענטען.

— ניין, באַראָן. איך וועל ניט בלייבען אייער בעל־חוב, איך וועל אייך בעלוינען מיט אַנדערע שבחים. — איהר זעהט דאָך אוים ווי א יונגער מאַן פון צוואַנציג יאָהר. איהר וועט געוויס זיין דער שעהנסטער קאַוואַלער אויפ׳ן באַל.

— אָה, ערבאַרמונג!

— קוקט איהם נור אָן, ליעבער מאַרפי. געפינט איהר איינעם אין פּאַריז וואָס איז העכער, געזינטער, שעהנער און חן׳עוודיגער פון דיעזען באַראָן?

— אָה, פאַרדאָן, פאַרדאָן, איך בעט אייער האָהייט זייט מיר מוחל!

דער לעזער דאַרף ניט פערגעסען, אז דיעזע וויצען זיינען געזאָגט געוואָרען אויף א מאַן, וואָס איז אינגער פון פופציג יאָהר, און האָט שוין גראָהע האָאָר, א בלאַסעם געזיכט און טראָגט א פּאָר גאָלדענע ברילען.

— אייער האָהייט, איך בעט אייך פאַר דעם באַראָן! איך בעט אייך, ערניעדערט איהם ניט צופיעל — האָט מאַרפי לאַכענדיג געזאָגט — איך פער־שפּרעך אייער האָהייט, דאָס דער ווירדיגער באַראָן וועט יעצט זיין פאָרזיכטיג אין זיינע קאָמפּלימענטען.

— מיין הערר קאָהלענטרעגער! — האָט רודאָלף לאַכענד אויסגעשריען — איהר צייגט אייער קאַמראַד א גרויסע פריינדשאַפט, אָבער איך פרעג אייך אין ערנסט, ווי אזוי האָט עס דער באַראָן געקענט פערגעסען דאָס איך קען קיינע חניפות ניט ליידען, אויסער פון פאָן ארנהיים און זיין גלייכען? יענע לייטע ווייסען ניט ווי מען קען זיך אַנדערש אויסדריקען; אָבער א מאַן מיט אייער פערשטאַנד, אייער ווויסענשאַפט, אייער וויץ און אייער אורטהייל־קראַפט, — פּפוי, באַראָן! פּפוי! ניט פון אייך האָב איך דאָס געהאַט צו ערוואַרטען!

איך מוז אייך זאגען אז דאָקטאָר פּאָלידאָרי איז אַן אויסגעצייכענטער קאָמ־פּלימענטען־מאַכער.

— אייער האָהייט, איך קען אייך ניט אַנטוואָרטען.

— מיר וועלען ליעבערסט ווייטער רעדען וועגען אייער בעזוך אין טעמ־פּעל שטראַסע. גלויבט איהר ווירקליך, אז איהר האָט דאָרט געטראָפען דעם דאָקטאָר פּאָלידאָרי ? — האָט מאַרפי געפרעגט אום צו בעפרייען דעם באַראָן פון רודאָלף׳ס אַנגריף.

— יא, איך האָב קיין צווייפעל אין דעם, ווייל איהר האָט מיר דערצעהלט, אז דיעזער דאָקטאָר געפינט זיך יעצט אין פּאַריז.

— איך האָב אייך בעפאָר זיין נאָמען ניט געוואָלט עראינערען, ווייל איך וויים אז איהר האַסט דיעזען מאַן מיט דעם גרעסטען אבשיי און דאָס די עראינערונג איבער דיעזען שאַרלאַטאַן פערשאַפּט אייך שמערצען.

רודאָלף׳ס געזיכט איז פערצויגען געוואָרען מיט א וואָלקען ; ער איז פערזונקען געוואָרען אין מעלאַנכאָלישע געדאַנקען און איז געבליבען שטיל ביז דער עקיפּאַזש איז געקומען צום אַמבאַסאַדאָר׳ס האָטעל.

אַלע פענסטער פון דיעזען גרויסען טעמפּעל האָבען געוואָרפען א טויזענד־פאַכע לייכט אין די פינסטערע גאַסען. צוויי רייהען דינער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט פון שוועל ביז דעם עמפּפאַנגס־צימער.

דער גראַף און די גרעפין זיינען געשטאַנען אין ערשטען עמפּפאַנגס־צימער און האָבען ערוואַרטעט רודאָלף׳ן. דער גראָס־הערצאָג איז זעלטען ערשיענען צווישען די גרויסע אַריסטאָקראַטען. א קאַוואַלער האָט אָנגעזאָגט, אז רודאָלף און זיינע בעגלייטער זיינען דאָ. דער גראַף און זיין ווייב זיינען צו איהם צו־געגאַנגען און נאָך א טיעפער פערנייגונג האָבען זיי צו איהם געזאָגט :

— מיר זיינען ניט אומשטאַנדע אויסצודריקען צו אייער האָהייט די עהרע, וואָס איהר האָט אונז פערשאַפּט דערמיט וואָס איהר האָט אונזער איינ־לאַדונג אָנגענומען.

רודאָלף האָט זיך אויך פערנייגט און האָט געענטפערט :

— איך בין אימער בערייט צו ווייזען אייך מיין רעספּעקט באַר אייער הויז, און איך בין גליקליך צו האָבען א געלעגענהייט צו ווייזען ווי גרויס איך שעץ די פריינדשאַפט פון זיין עקסעלענץ, הערר גראַף.

— דיעזע ווערטער פון אייער קעניגליכע האָהייט פערשטאַרקט אין מיר די דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע חסדים וואָס איהר האָט מיט מיר ביז יעצט געטהאָן..

— איך פערזיכער אייך, הערר גראף — האט רודאלף גערענטפערט — דאס איך האב ניט פערגעסען אלעס וואס איהר האט פאר מיר אמאל געטהאן. איך האב א גוטען זכרון, איך געדענק אלעס וואס עס איז ווערטה צו געדענקען.

— אייער האהייט האט א גוטע גאבע פון גאט — האט די גרעפין בעמערקט.

— יא, איך אנערקען דיעזע גאבע. איך האף, אז איך וועל דיעזען אבענד זעהר לאנג געדענקען. איך וועל אויך ניט פערגעסען דעם פראכט און גלאנץ פון דיעזען באל; דען ריידענדיג צו אייך אפען, מוז איך אייך מודה זיין, אז נור איהר אליין ווייסט דעם סוד ווי צו מאכען אן אנגענעהמען אבענד.

— אייער האהייט איז זעהר פריינדליך.

— איך בין נאך ניט פערטיג. איך בעט אייך, ערקלעהרט מיר דעם סוד, ווארום ווערען די דאמען פיעל שעהנער ווען זיי שטעהען אונטער אייער דאך?

— געוויס דארום, ווייל איהר זייט פריינדליך גענוג צו פערשאפען אונז די עהרע בייצוואהנען אונזער געזעלשאפט — האט די גרעפין געענטפערט.

— ניין, איך רעכען, אז די גרעפין איז די אורזאכע.

— ווער אייער האהייט זיין זאפיעל פריינדליך, אויפצוגעבען דיעזען גע־שפרעך? — האט די גרעפין געבעטען.

— איך וועל דערצו איינשטימען, מיט'ן בעדינג, אז די מאדאם גרעפין זאל מיך בעעהרען ביי'ן ארם אויף איניגע מינוטען. איך האב געהערט, איהר האט בעשאפען א מערקווירדיגען ווינטער־גארטען, וואו מען קען אין דעם קאלטען פראסט געניסען דעם גענוס פון א מאי־טאג. ווילט איהר מיר ווייזען דיעזען וואונדער וואס פאסט פאר א טויזענד און איין נאכט ערצעהלונג?

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען; נור דעם אמת זאגענדיג האט מען פאר אייך מיין גארטען צו פיעל פערגרעסערט. ער איז ניט אזא וואונדער ווי מען דערצעהלט.

די גרעפין האט אנגענומען רודאלף'ס ארם און איז מיט איהם אוועק צו איהר ווינטער־גארטען, וועהרענד דער אמבאסאדאר האט אנגעפאנגען א גע־שפרעך מיט מארפי און מיט דעם באראן.

דער ווינטער־גארטען איז ווירקליך געווען וואונדערבאר. נור אין אראַ־בישע געשיכטען קען מען אזא פאנטאזי בעשרייבען. בוימער וואס האבען גע־טראגען פרוכט, בלומען וואס האבען געבליהט, גראז וואס איז געווען גרין ווי אין פריהלינג האבען דארט געמאכט פערגעסען, אז יעצט איז די רעכטע צייט פון ווינטער. אלערליי קונציגע בעלייכטונגען און פאנטאנען האבען פערגרעסערט די שעהנקייט און דעם וואונדער פון דיעזען גן־עדן. פויגעלאך האבען אין דיעזען

גאָרטען געזונגען, ווי אין מיטען זומער און אן אָרקעסטער מוזיק האָט צוזאמענ־געגאָסען די זיסע טענער פון זייערע פלייטען און וויאָלינען מיט דעם פאר־פיומירטען הויך פון די בלומען.

ווי דער מאָנארך רודאָלף האָט עס דערזעהן איז ער געוואָרען איבערראשט און ער האָט מיט׳ן גאנצען ערנסט געזאָגט :

— איך האָב נאָך אזא בילד אין מיין חלום ניט געזעהן. איך וואָלט ווירק־ליך ניט געגלויבט, אז אזא גאָרטען קען אום ווינטער געמאכט ווערען. איהר ווערטהע גרעפין, איהר האָט בעזיעגט די פּאָעטען און די ארטיסטען ; דען אָנ־שטאדט צו שרייבען א פאנטאזיע אין פערזען, אָדער אנשטאדט צו פארבען אויפ׳ן פּאַפּיער האָט איהר געשאפען אין דער ווירקליכקייט און האָט אין דעם אריינגעגעבען א גאנצע נשמה.

די גרעפין האָט ווידער געזוכט אן אנדער טהעמא צו בעוועהרען זיך פון רודאָלף׳ס קאָמפּלימענט. אין דיעזען אויגענבליק האָט זי דערזעהן ווי מאדאם שרה מעקגרעגאָר און די מארקיזין דע הארוויל געהען ארונטער פון גאלעריע אין ווינטער־גאָרטען. זי האָט עס בענוצט צו מאכען אן אנדער געשפרעך און האָט געזאָגט :

— אייער קעניגליכע האָהייט וועט מיר צוגעבען, אז די מארקיזין פאָן הארוויל איז שעהן זאָגאר ניט אין אזא גאָרטען. זעהט נור, ווי שעהן, ווי גראַ־ציעז זי איז ? זעהט נור, ווי זי פערדונקעלט די שעהנהייט פון דער דאמע, וואָס בעגלייטעט זי.

דער גרעפין׳ס בעוואונדערונג אויף דער מארקיזין׳ס שעהנהייט וואָרען קיינע פוסטע ענטציקען. ווערטער קענען ניט שילדערען די רייכקייט און זיס־קייט פון איהר געזיכט, איבער וועלכער עס וואר דער שלייער פון אונאיבער־טרעפליכער שעהנהייט. איהרע גליעדער וואָרען ווי געקינסטעלט פון א י י ן קינסטלער און איבער זיי האָט גערוהט דער אויסדרוק פון א גוטעם הערץ. זי וואר נור צוואנציג יאָהר און וואר ליעבליך, וויציג, גוט און אָהן גאוה.

שרה מעקגרעגאָר איז נעבען דער מארקיזין פערדונקעלט געוואָרען. זי וואר צו דיעזער צייט פינף און דרייסיג יאָהר ; אָבער זי האָט אויסגעזעהן מיט פינף יאָהר אינגער. אזעלכע עגאָאיסטען, אזעלכע קאלטע הערצער און איבער־לעגטע מוחות ווי שרה, ווערען ניט שנעל אָבגעלעבט. שרה וואר זעהר רייך גע־קליידעט און האָט געהאלטען איהר קאָפּ מיט שטאָלץ און זעלבסט־בעוואוסטזיין, דאָך האָט זי זעהר פיעל פערלאָרען פון איהר שעהנקייט, ווען זי איז געשטאנען נעבען דער מארקיזין

די צוויי דאַמען האָבען גלייך בעמערקט, אַז רודאָלף איז אין גאָרטען; נור רודאָלף האָט זיך געמאַכט ווי ער זעהט זיי ניט.

— דער גראַס־הערצאָג איז אַזוי פערטיעפט אין דער גרעפין׳ס רייד, דאָס ער זעהט אונז ניט — האָט די מאַרקיזין צו איהר בעגלייטערין געזאָגט.

— דענק עס גאָר ניט, מיין טהייערע קלעמענס — האָט שרה, וועלכע איז מיט דער מאַרקיזין געוואָרען שטאַרק בעפריינדעט, געענטפערט — אין גע־גענטהייל. ער האָט אונז בעמערקט, נור ער האָט פאַר מיר מורא.

— איך קען ניט פערשטעהן די אורזאַכע וואָרום ער וויכט אייך אויס — האָט די מאַרקיזין געזאָגט — איך האָב עס איינינע מאָל געפרעגט און ער האָט מיר אימער געענטפערט, אַז ער און איהר זיינען בלוטיגע שונאים, און אַז ער האָט געשוואָרען מיט אייך ניט צו רעדען זיין גאַנצען לעבען. דאָס איז פאַר מיר אַזאַ רעטהזעל, וועלכען איך קען זיך קיין מאָל ניט ערקלעהרען. איהר זייט אַמאָל געווען מיט איהם בעפריינדעט ?

אין פּאַריז האָט מען נאַטירליך ניט געוואוסט פון רודאָלף׳ס ליעבע מיט דיעזער פרויענצימער און די פאָלגען פון דעם. די טראַגעדיע האָט זיך אָב־געשפּיעלט צוריק מיט אַכצעהן יאָהר, און רודאָלף און שרה האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ טיעפער געהיימניס שרה מעקגרעגאָר האָט גוט געוואוסט, אַז די מאַר־קיזין ווייסט ניט פון דיעזער אונגליקליכער ליעבע און דאָרום האָט זי איהר געענטפערט:

— איך פערזיכער אייך, אַז די אורזאַכע וואָס האָט געפיהרט צו אונזער קריעג איז ערנסט און קאָמיש, אָבער זעהר אונשולדיג. איך וואָלט אייך שוין לאַנג דערצעהלט, נאָר אַ דריטע פּערזאָן איז פערבונדען מיט דיעזען גרויסען סוד. אָבער וואָס טהוט זיך מיט אייך, ליעבע מאַרקיזין, וואָרום זייט איהר פערטראַכט ?

— עס איז גאָר נישט. אין זאַאַל וואר אַזוי היים, דאָס איך פיהל גרויסע קאָפּ־שמערצען. זיצט דאָ מיט מיר אַ קליין וויילע און איך האָף, אַז מיין וועה־טאָג וועט פאַראיבערגעהן.

— איך וועל עס פאַר אייך טהאָן. היער איז אַ שעהנער אָבגעלעגט ווינ־קעל. אונטער דיעזע בוימער וועט איהר אין גאַנצען זיין פערבאָרגען פון יענע, וואָס וועלען משוגע ווערען אייך זוכענדיג, האָט שרה שמייכלענדיג געזאָגט.

די צוויי דאַמען האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן גרינעם גראָז.

— איך האָב געזאָגט, אַז י ע נ ע וועלען משוגע ווערען אייך זוכענדיג — האָט שרה אָנגעפאַנגען — ווילט איהר מיר גאָר דאָרויף ניט ענטפערען ?

די מאַרקיזין איז אַביסעל רויט געוואָרען, זי האָט אָבער קיין וואָרט גע־ענטפערט.

— אָה, ווי קינדיש איהר זייט — האָט שרה ווייטער געזאָגט אין א טאָן פון א פריינדליכען פאָרוואורף — קענט איהר זיך אין מיר ניט פערטרויען, ליעבעס קינד? איך רוף אייך קינד, ווייל איך בין אַלט גענוג צו זיין אייער מוטער.

— האָב איך צו אייך קיין צוטרויען? — האָט די מאַרקיזין געפרעגט — האָב איך דען אייך ניט ענטדעקט וואָס איך האָב זאָגאר איבער מיין מויל ניט בעדאַרפט ברענגען?

— דאָס איז אמת. אָבער יעצט איז א צייט מיר זאָלען פון איהם שפּרעכען. האָט איהר געשוואָרען צו טרייבען איהם צו וואהנזין, צום טוידט?

— אָה! — האָט די מאַרקיזין אויסגעשריען — וואָס האָט איהר דאָ געזאָגט?

— איהר קענט איהם נאָך ניט, מיין ליעבעס קינד. ער איז א מאַן מיט ענערגיע און דאָס לעבען איז ביי איהם א קלייניגקייט. ער איז אימער געוועזען אונגליקליך, דאָך שיינט עס, אז עס איז אייער בעסטער פערגעניגען איהם צו פייניגען.

— אָה, הימעל, קענט איהר דאָס אויף מיר גלויבען!

—מעגליך, אז איהר טהוט עס ניט מיט אייער ווילען, ליידער איז עס אזוי. אָה! ווען איהר וואָלט נור וויסען ווי גרויס זיינען די שמערצען פון א פערצוויגענער קראַנקהייט! אָט ערשט עבען, האָב איך אויך געזעהן ווי פון זיינע אויגען זיינען געפאַלען גרויסע טרעהרען־טראָפּענס.

— איז דאָס וואהר?

— געוויס. און נאָך אויף א באַל, וואו יעדער איינער קען עס פערדעכטיגען אָדער אויסלאַכען. צום גליק האָט עס קיינער ניט געזעהן נור איך, זייט זיכער, אז זיין ליעבע איז פייערדיג און אמת, ווען זיינע ליידען זיינען אזוי גרויס.

— ערבאַרעמט אייך, רעדט דערפון ניט מעהר! — האָט די מאַרקיזין אין א ציטערנדען קול געבעטען — איהר צורייסט מיין הערץ. יאַ, איך בין ליידער בעקאַנט מיט דיעזע ליידען. וועה, וועה, נור מיין מיטלייד אויף איהם האָט מיך געפיהרט צו מיין רואינע!

— וואָס? איהר זייט רואינירט געוואָרען נור דערפון, וואָס איהר האָט אַביסעל קאָקעטירט מיט א מאַן, וועלכער טראָגט זיינע וועהטאָגען אין זיין ברוסט און ענטדעקט עס ניט פאַר דער גאַנצער וועלט? איז מאָנסיו טשאַרלעס ראָבערט ניט א מאַן פון עהרע, אדעלמוטה און געפיהל? ווען איך פערטהיידיג איהם מיט אזא פייער, איז עס נור, ווייל איהר האָט אין מיין הויז

איהם בעגעגענט און ווייל איך וויים, איי זיין ליעבע און רעספעקט צו אייך האט קיין גרענעץ.

— איך האב ניעמאלס געצווייפעלט אין זיינע מעלות, וועלכע איהר האט מיר ערצעהלט ; דען איהר מוזט וויסען, דאס נור ווייל ער איז אזוי אונגליקליך האב איך מיט איהם סימפאטהיזירט.

— און ער פערדיענט דיעזע סימפאטהיע. ווי קען מען האבען אזא שעהנע געזיכט, ווען דאס הערץ איז ניט נאבעל. מיט זיין הויכע און שעהנע פיגור ער־אינערט ער מיך אויף יענע גאלאנטע קאוואלערען וואס ווערען בעשריבען אין ראמאנען. איך האב איהם איין מאל געזעהן אין דעם אוניפארם אלס קאמאנדיר איבער דער נאציאנאלער גארדע און קיין שעהנערען מאן האב איך זיך ניט גע־קענט פארשטעלען. איך האב דאמאלס ניט־ווילענדיג געטראכט, אז איהם פאסט צו זיין אן הערצאג, א לארד, אנשטאדט צו זיין דער איינפאכער מאנסיו טשאר־לעס ראבערט. איז ער דען ניט פעהיג צו ווערען דער גרעסטער מאן פון פראנק־רייך ?

— איהר ווייסט אבער גאנץ גוט, ביי מיר שפיעלט קיין געבארענער טיטעל קיין ראלע. איהר אליין ווארפט מיר דאך אויף דאס איך בין פערפלעקט מיט רעפובליקאנישע אידעען — האט די מארקיזין געזאגט.

— אמת, איך און איהר וויסען זעהר גוט, אז מאנסיו טשארלעס ראבערט שטעהט העכער פון מאנכע לארדען און גראפען. ער בעזיצט דאך א מערקוויר־דיגען טאלאנט ! ער האט א בריליאנטענע שטימע ! אה, קלעמענס, קענט איהר זיך ניט עראינערען יענע זיסע שטונדע, ווען ער האט צום ערשטען מאל מיט אייך געזונגען. וואס פאר א זיסקייט ער האט אריינגעגעבען אין יענעם דועט — וועלכע געפיהלען !

— האלט, איך בעט אייך ! האט די מארקיזין פלוצלונג אויסגעשריען — איך וויל ריידען פון עטוואס אנדערש.

— ווארום ?

— עס מאכט מיך אונגליקליך, מעלאנכאליש ! איך קען מעהר ניט הע־רען פון זיינע ליידען און זיינע טרויעריגע בליקען. —

— גלויבט מיר, אז א מאן מיט זיין כאראקטער, מיט זיין ליעבע און זיין ליידענשאפט וועט זוכען זיין טרייסט אין טויט.

— אה, גענוג ! גענוג ! איך בעשווער אייך, זאל זיין גענוג ! דיעזער שרעקליכער געדאנק טרייבט מיך צום וואהנזין ! — די מארקיזין האט א ווײלע געחליפעט און דאן האט זי וויעדער געזאגט :

— איך בעט אייך נאך א מאל, לאמיר בייטען די טהעמא. לאמיר בעסער

ריידען פון וואס איהר ווילט, לאמיר בעסער ריידען פון אייער טויט־פיינד. לאמיר רעדען פון פרינץ, איך האב איהם שוין א לאנגע צייט ניט געזעהן. ווייסט איהר, אז ער איז דער זעלבער פריינדליכער מענש ווא אמאל. ווי איך האב קיין ליעבע צו קעניגע, מוז איך דאך מודה זיין, אז אזא מענש ווי ער איז, געפינט מען זעהר זעלטען.

שרה האט אויף דער מארקיזין געווארפען א בעהאלטענעם בליק פון האס און שפאט און דאן האט זי אין א פריינדליכען און פרעהליכען טאן געזאגט:

— יעצט מוזט איהר מיר מודה זיין, אז איהר האט א מערקווירדיגען קאפּריז. איך האב געוואוסט, אז איהר האט זעהר שטארק פערעהרט און פערגעטערט דיעזען פרינץ. דאס וואר גאר ניט לאנג צוריק. אייער סימפאטהיע צו דיעזען שעהנעם מאן, האט באלד געבראכען אייער הארץ, איך האב דאמאלס געפירכטעט פאר אייער שיקזאל.

— אבער איך האב אייך צו פערדאנקען, וואס מיין סימפאטהיע צום פרינץ האט געהאט א שנעלען טויט. דען איהר האט זעהר גוט געשפיעלט די ראלע פון א טויט־פיינד צום פרינץ; איהר האט מיר ערצעהלט אזוי פיעל שענדליכע זאכען פון דיעזען מאן, דאס מיין הארץ איז געווארען פול מיט האס און עקעל פאר אייער טויט־פיינד. ווי מיר שיינט האט דער פרינץ קיין זארג דערפון ניט געהאט, ווייל ער האט זיך ווינציג געקימערט איבער מיין מיינונג און מיין אויפּנאהמע. ער האט מיין מאן זעהר אפט בעזוכט, אבער מיך ניט מעהר.

— איהר האט מיך עראינערט אויף אייער מאן, איז ער דא אויפ'ן באל?

— האט שרה געפרעגט.

— ניין. ער איז פערבליבען צו הויז — האט די מארקיזין געענטפערט מיט פערדרוס.

— מיר שיינט אז אייער מאן האט אין גאנצען אויפגעהערט צו געהן אין געזעלשאפט.

— יא. ער האט דערצו קיין מאל קיין חשק ניט געהאט.

די מארקיזין איז נאך שטארקער געווארען אויפגערעגט. שרה האט עס בעמערקט און האט ווייטער געזאגט:

— דאס לעצטע מאל ווען איך האב איהם געזעהן, האט ער אויסגעזעהן זעהר בלאס.

— ער וואר עטוואס אונוואהל.

— זאל איך פאר אייך זיין אפענהערציג, מיין טהייערע קלעמענס?

— אָה, יא. איך בעט אייך.

— ווי קומט עס, דאָס ווען מען רעדט צו אייך וועגען אייער מאַן ווערט איהר אויפגערעגט ?

— איך ? דאָס דוכט זיך אייך.

— מאַנכעס מאָל וועהרענד איהר רעדט פון איהם ווערט אייער געזיכט, געגען אייער ווילען עפּעס אזוי ווי... אָה, גרויסער גאָט, ווי קען איך יעצט מיינע געדאַנקען אויסדריקען אין אַן ערדלע שפּראַך ? —

שרה איז דאָ אַ ווײַלע שטיל געבליבען, דאַן האָט זי זעהר לאַנגזאַם און אונשולדיג געזאָגט, גלייך ווי זי וואָלט עס געלעזען פון דער מאַרקיזין׳ס הערץ.

— יא, איך מוז זאָגען, דאָס אייער גאַנצע געזיכט זעהט אויס ווי איהר פיהלט אַ שרעקליכען אבשיי.

שרה האָט בעמערקט ווי די מאַרקיזין האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערען פון אויפרעגונג, איהרע ליפען האָבען זיך גענומען בעוועגען און איהרע אויגען זיינען געוואָרען פול מיט טרעהרען. זי האָט בעמערקט וואָס פאַר אַן איינדרוק איהרע ווערטער האָבען געמאַכט און זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועט די מאַרקיזין ווערען פערדעכטיג און דארום האָט זי געביטען איהר קול און האָט געזאָגט

— איך מיין אַ קליינעם אבשיי, וואָס קומט אימער פון אַן אייפערזיכטיגען מאַן.

די לעצטע בעמערקונג האָט אביסעל בערוהיגט דער מאַרקיזין, וועלכע האָט באַלד געענטפערט :

— אָה, ניין, מיין מאַן איז קיין אייפערזיכטיגער, דאָס פערזיכער איך. אָבער לאָמיר אויפגעבען דיעזען געשפּרעך. דאָרט געהט דער הערצאָג פאָן לור־סעני, מיין מאַנ׳ס אַ גוטער פריינד. איך האָף, אז ער וועט אונז ניט זעהן. זעהט נור פון וואַנען ער האָט זיך גענומען ? איך האָב געמיינט, אז ער איז אַ טויזענד מייל פון אונז.

— איך ווייס אויך ניט און קען עס ניט פערשטעהן. מען האָט געזאָגט, אז ער האָט אָבגערייזט נאָך׳ן אָריענט אויף אַ פּאָאַר יאָהר. עס איז ערשט פינף חדשים זייט ער איז אָבגעפאָהרען. דיעזער אונערוואַרטעטער גאַסט איז זיכער אַ קללה פאַר דער הערצאָגין — אָבוואָהל דער אָרימער הערצאָג קימערט זיך וועניג פון זיין ווייב׳ס ראָמאַנען. ניט די הערצאָגין אליין וועט פערקרימען דעם נאָז פון אזא גאַסט, מאָנסיו דע סאַנט־רעמי וועט אַנטהייל נעהמען אין איהר שמערץ, — האָט שרה מיט אַ גניבה׳שען שמייכעל געזאָגט.

— אָה, רעדט ניט אויף פרעמדע מענשען, טהייערע שרה ; זאָגט בעסער, אז דיעזער אונערוואַרטעטער גאַסט וועט זיין א צרה פאַר יעדען איינעם.

— איך בערעד קיין מענשען ! — האָט שרה פּראָטעסטירט — איך זאָג נור וואָס די גאַנצע וועלט זאָגט. אַלע ערצעהלען, אז מאָנסיו דע סאַנט־רעמי, דער גרעסטער פערשווענדער אין פאַריז, איז א קבצן וואָס האָט קיין אייגענעם פראַנק. דאָס איז אָבער קיין וואונדער, איהר דורכלויכט, די הערצאָגין פאָן לו־סעני איז זעהר רייך.

—פּפוי ! —

— איך פערלאַנג פון אייך, מארקיזין, איהר זאָלט וויסען אז איך זאָג נור וואָס די גאַנצע וועלט וויים און רעדט. אָה, גאָט, דער הערצאָג האָט אונז בע־מערקט ! ער רוקט זיך צו אונז. מיר מוזען זיך לאָזען אויף מזל. אָה, ווי שרעק־ליך ער איז. איך ווייס פון קיין אַנדער זאַך אין דער וועלט וואָס איז אזוי שרעק־ליך און אונערטרעגליך ווי דיעזער מאַן. ער איז מאַנכעס מאָל אזוי היציג און לאַכט אזוי הויך פון זיינע אייגענע נארישקייטען און מאַכט אזא ליארם, דאָס מען קען פון איהם שטאַרבען. אויב איהר ווילט ניט פערלירען אייער פּלעשעלע פּאַרפּיומע און אויב אייערע פעדערען זיינען אייך טהייער, דאַן היט זיך פון איהם ווי פון פייער, ווייל צו אַלע זיינע מעלות האָט ער א גרויסען חשק צו צער־ברעכען אַלעס וואָס איהם פאַלט אין האַנד אריין.

דער הערצאָג פאָן לוסעני האָט געשטאַמט פון די ערשטע פאַמיליען אין פראַנקרייך. ער וואַר נאָך יונג און האָט געהאַט א געזיכט וועלכע וואָלט ניט געוועזען אזוי אָבשטויסענד, ווען זי וואָלט ניט געהאַט איהר פרעכען אויסזעהן און דעם צו לאַנגען נאָז. צו אַלע זיינע ווילדע ליידענשאַפטען און שאַרלאַטאַנישע פערברעכענס האָט דיעזער הערצאָג נאָך געהאַט אזא הויכען און לאַנגען גע־לעכטער און פלעגט שפּרעכען אזוי נאַריש און לאַנגווייליג, דאָס מען פלעגט אימער מוזען האַלטען אין זינען ווער ער איז, אום מען זאָל ניט ערשטוינט ווע־רען, ווארום די העכסטע פאַריזער געזעלשאַפט קען איהם מיט זיין שפּראַך און זיינע מינעס ליידען. ער וואַר איבעראַל בעטראַכט פאַר א פעסט, וואָס קומט אונגעבעטען און ליעגט איבער גוואַלד אויפ׳ן האַלז.

די הערצאָגין פאָן לוסאַני, איז געווען די אַנגענעהמסטע און העכסט אריי־סטאָקראַטישע דאַמע פון פאַריז. זי וואַר אונגעפעהר דרייסיג יאָהר אַלט. לייטע

האָבען וועגען איהר געשפּראָכען ; אָבער די וועלט האָט פערציייהעט איהרע מעשים, ווען מען האָט נור בעטראַכט וואָס פאַר אַ חיה איהר מאַן איז.

די הויפּט פעררבעטערנהייט פון דיעזען צולאָזענעם הערצאָג איז געלעגען אין זיין מויל, פון וועלכען עס האָבען זיך געשאָטען ציניזשע ווערטער און וועל־כע האָט געקענט דערצעהלען אלערליי אייגענע אויסגעטראַכטע מעשים אויף די אונשולדיגסטע עהרליכסטע מענער און דאַמען.

פון דיעזער קליינער בעקאַנטשאַפט וועט דער לעזער קענען ערקענען דעם הערצאָג'ס שטימע, וועלכע האָט זיך געהערט אין גאָרטען און איז געגאַנגען אלץ נעהנטער און נעהנטער צום אָרט וואו די צוויי דאַמען זיינען געזעסען.

— שעהן, זעהר שעהן ! — האָט זיין שטימע געשריען איבער'ן זאַל — וואָס זאָל דאָס אַלעס בעדייטען ? וואָס זעה איך ? די שעהנסטע פרוי אויפ'ן באַל האָט זיך פון אַלעמען בעהאַלטען ? איך קען דאָס ניט ערלויבען. האָב איך דען געמוזט קומען פון אָריענט אום אַזאַ מעשה ניט צו דערלאָזען ? מיינט ניט אַז איך וועל עס אייך שווייגען, שעהנע מארקיזין, איך וועל אריינלויפען אין זאַל און וועל שרייען ווי אַ קליין קינד, דאָס דער פערל פון דיעזען אָבענד ליעגט בעהאַלטען אונטער די בוימער.

ווען ער האָט דאָס געענדיגט האָט ער גאָר אָהן צערעמאָניעס גענומען פּלאַץ הארט נעבען די צוויי דאַמען, כמעט ווי ביי זיי אויפ'ן שויס, און האָט ארויפ־געלייגט די רעכטע פוס אויף די לינקע קניע און איז געבליבען זיצען ווי ביי זיך צו הויז.

— ווי קומט עס דאָס אייער דורכלויכט איז אַזוי שנעל געקומען פון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל ? — האָט די מארקיזין דע הארוויל געפרעגט, וועהרענד זי האָט אונטערדריקט איהר אויפרעגונג.

— אָט האָט איהר ! איהר האָט יעצט געזאָגט, וואָס מיין ווייב טראַכט. איך ווייס אַלעס. זי האָט ניט געוואָלט געהן מיט מיר אויף דיעזען באַל. דאָס איז אפילו זעהר קאָמיש, אָבער עס איז אמת, ווען זי איז מיט מיר וויל קיינער אויף מיר ניט קוקען, אָבער ווען איך קום אַליין אריין אין אַ צימער, קלייבען זיך אַלע ארום מיר און אַלע אין איין שטימע פרעגען : וואו איז איהר דורכלויכט די הערצאָגין ? וועט זי דאָ היינט ניט זיין ? און נאָך אַזעלכע פראַגען. זיי זיינען אַזוי ווי איהר מארקיזין. איך בין געקומען פון קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל און איהר האָט מיך איבערגענומען ווי אַ הונד אויפ'ן שטריקעל. האָך שוועֶר איך, אַז איך בין אַזאַ בראַוער מאַן ווי יעדער איינער.

— איהר האָט געקענט בלייבען אַן אַנגענעהמער מאַן אין אָריענט — האָט די מארקיזין געזאָגט מיט אַ האַלבען שמייכעל.

— איהר מיינט, אַז איך האָב אין גאַנצען געקענט געהן און ניט קומען,

אָה, וואָס פאַר אַ בעליידיגונג, וואָס פאַר אַ זידלעריי ! — דער הערצאָג האָט גענומען טופּען מיט די פיס און פּויקען איבער זיין צילענדערהוט.

— אום גאָטעס ווילען, מאַכט ניט אַזעלכע קולות און אַזעלכע נאַרישע קונצען, זאָנסט וועט איהר אונז פעריאָגען, — האָט די מאַרקיזין מיט כעס געזאָגט.

— אייך פערטרייבען, אָה, ניין ! נעהמט בעסער מיין אָרעם און מאַכט מיט מיר אַ שפּאַציער־גאַנג איבער דער גאַלעריע.

— מיט אייך ? אָה ניין. האַלט זיך נור רוהיג, ריהרט ניט אָן מיין בוקעט און לאָזט מיינע פעדערען צורוה — איהר וועט עס נור צובּרעכען, ווי אייער געוואָהנהייט איז.

— אָה, אין אַזעלכע זאַכען בין איך אַ גבור ; איך האָב שוין הייטע צו־בּראָכען אַביסעל טייערע געשיר. ביי דיעזע ווערטער האָט ער זיך איינגעבויגען און האָט אָנגעפאַנגען צו ברעכען צווייגען און צו רייסען בלומען פון אַלע זייטען. ענדליך איז איהם געלונגען אָבצורייסען אַ גרויסען בלומען־טאָפּ, וואָס איז גע־האַנגען אויף אַ בוים און דער טאָפּ מיט אַלע בלעטער און קווייטען איז גע־פאַלען אויפ'ן באַנק וואו זיי זיינען געזעסען. דיעזע אַרבייט האָט איהם צו־פריעדענגעשטעלט און ער האָט זיך צולאַכט אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, אַזוי לאַנג, דאָס די מאַרקיזין האָט געוואָלט אויפשטעהן און אַנטלויפען. זי האָט אָבער בע־מערקט ווי טשאַרלעס ראָבערט (דער קאָמאַנדיר פון וועלכען פּיפּעלעט האָט דערצעהלט) ווי ער געהט צום פּלאַץ וואו זי געפינט זיך, און זי האָט ניט געוואָלט מען זאָל מיינען, אַז זי לויפט איהם ענטקעגען ; דאַרום איז זי געבליבען אויף איהר פּלאַץ.

דער הערצאָג האָט זיך געווענדעט צו שרה מעקגרעגאָר און האָט מיט זיין הויכער שטימע געזאָגט :

— זעהט נור, מאַדאַם מעקגרעגאָר, ווי איך זעה אויס אונטער דיעזע בלו־מען און צווייגען. הערט נור אויס וואָס פאַר אַ ניעדערטרעכטיגע געשיכטע איך האָב אייך צו דערצעהלען.

— איך דאַנק אייך פאַר דער עהרע. איך קען יעצט ניט הערען — האָט שרה מיט אַ שטייפען און בעפעהלענדען טאָן געזאָגט.

— זעהר שעהן, זעהר שעהן. איך וועל עס אייך ניט דערצעהלען. איהר פערליערט דערביי זעהר פיעל. איך וועל עס דערצעהלען דער מאַדאַם דע פאָנבאָן, וועלכע רוקט זיך אַהער.

מאַדאַם דע פאָנבאָן איז געווען אַ קורצע און דיקע פרוי פון פופציג יאָהר, וואָס האָט אויסגעזעהן זעהר קאָמיש. איהר מאָרדע איז געהאָנגען איבער איהר ברוסט און זי האָט אימער אָנגעשטעלט דאָס ווייסעל פון איהרע אויגען. קיין

אַנדער געשפּרעך ווי וועגען איהר זעעלע, די געפּיהלען פון איהר זעעלע, די גוטסקייט פון איהר זעעלע, די בעגייסטערונגען פון איהר זעעלע, די שוואכקייט פון איהר זעעלע און זאָ ווייטער האָט זי ניט געהאַט. צו איהר פיזיאָגנמיע האָט זי נאָך אימער געטראָגען אַ גרויסען טורבאַן מיט אַ קאָמישע צוזאַמענמישונג פון פערשיעדענע לענטעס.

— יא — האָט דער הערצאָג אַ צווייטען מאָל געשריען — איך וועל מיין געשיכטע פאַר מאַדאַם דע פאַנבאַן דערצעהלען.

— וואָס זאָגט איהר, מיין ליעבער הערצאָג ? — האָט מאַדאַם דע פאַנ־באַן געזאָגט און האָט אָנגעשטעלט די ווייסעל פון איהרע אויגען און דער שווארץ־אפּעל האָט זיך בעהאַלטען אונטער דער אויבערשטער ברעהם.

— עס איז אַ שרעקליכע, אונמוטהיגע הערצרייסענדע געשיכטע ! — האָט דער הערצאָג געענטפערט.

— גרויסער גאָט ! ווער וועט זיך עס ערלויבען אַזאַ שרעקליכע געשיכטע צו דערצעהלען ? ווער וועט האָבען די פרעכהייט צו —

— איך, מאַדאַם, איך ! איך ווייס אַז דאָס איז אַ געשיכטע וואָס וועט די אַלטע קיה ניט אָנשטעהן. אָבער איך רעכען, אַז איהר האָט ליעב אַזעלכע שמוציגע מעשות. יעצט הערט מיך נור אויס.

— עס איז דאָך אונבאַרעמהערציג פון אייך, מיר אַזאַ געשיכטע צו דערצעהלען.

— אַזוי, איהר ווילט נאָך ניט, דאַן הערט איהר פון מיר קיין וואָרט ניט מעהר. אָבוואָהל איך האָב די געשיכטע געהאַלטען נור פאַר אייך. נור קוקענדיג אויף אייך, אויף א י י ך וואָס ליעבט אַזוי שעהנע קליידער, מוז איך אייך זאָגען דאָס אייער היינטיגער טורבאַן זעהט אויס ווי אַ קופּערנער טאָפּ. דאַבּיי האָט ער זיך ווידער צולאַכט מיט אַלע קרעפטען.

— אויב איהר האָט זיך נור אומגעקעהרט פון אַריענט אום צו בעליידיגען מענשען מיט אייערע זויערע וויטצען, וועלכע מען טראָגט אַריבער, נור וויל מען ווייס, אַז איהר זייט האַלב־משוגע, דאַן מעגט איהר גלייך צוריק פעררייזען, וויל קיינער וועט נאָך אייך ניט בענקען, — דאָס זאָגענדיג איז די דיקע דאַמע אוועקגעגאַנגען גאַנץ מאַיעסטעטיש.

— ווייסט איהר וואָס, מאַדאַם מעקגרעגאָר, איהר מוזט מיך האַלטען, זאָנסט וועל איך כאַפּען דער גראָבער פרוי און וועל צובּרעכען איהר קופּערנעם

נאכט־טאפּ; אָבער ניין, איך וועל אויף איהר רחמנות האָבען. זי איז אַן ארמע יתומה, חאַ, חאַ, האַ, האַללאַ, היער קומט מאַנסיו טשארלעס ראָבערט! — האָט דער הערצאָג פאַן לוסעני געשריען — לעצטען זומער האָב איך איהם בעגעגענט אין אַ זומער־פּלאַץ. ער איז אַ קלוגער יונג, ער זינגט ווי אַ גאַנז, ווילט איהר האָבען אַ ביסעל שפּאַס, מארקיזין דע הארוויל, איך וועל איהם אייך פאָר־שטעלען?

— איך בעט אייך, זייט רוהיג און מישט זיך ניט אין אונזערע געשעפטען — האָט שרה געזאָגט גאָר אָהן צערעמאָניעס.

טשארלעס ראָבערט איז געגאנגען גאַנץ לאַנגזאַם. ער האָט זיך געמאכט גלייך ווי ער בעטראַכט די בלומען. דער הערצאָג איז דערוויל געוואָרען שטיל, ווייל ער האָט זיך צוגע׳גנב׳עט צו שרה׳ס פּארפיום פלעשעל און האָט אין דער שטיל געוואָלט אראָבנעהמען די גאָלדענע קייטעלע.

מאַנסיו טשארלעס ראָבערט איז לאַנגזאַם געגאַנגען. זיין הויכע פיגור איז געווען שעהן געבויט, זיינע גליעדער וואָרען רעגעלמעסיג, זיין אנצוג זעהר אנשטענדיג און מיט אַ געשמאַק; דאָך זיין געזיכט, זיין גאַנצע פּערזאָן האָט ניט געהאַט קיין ערדלקייט, קיין זיסקייט און קיין אינטעליגענץ. זיין בליק איז געווען טרוקען און זיינע הענד וואָרען גרויס און גראָב. ווען ער איז געקומען נעהנטער צו דער מארקיזין האָט זיין געזיכט אָנגענומען אַ מעלאַנכאָלישען בליק, אָבער די מעלאַנכאָלי איז געווען צופיעל געקינצעלט, דאָך וואר עס ניט לייכט צו דערקענען. מאַנסיו טשארלעס ראָבערט האָט געמאַכט אַ מינע פון אַ העכסט אונגליקליכען, און ווי די מארקיזין האָט איהם דערזעהן, האָט זי ניט ווילענדיג זיך ערּאינערט, וואָס שרה האָט איהר דערצעהלט.

— אַה! גוטען אבענד, מיין טהייערער פריינד — האָט דער הערצאָג פאַן לוסעני צום קאָמאַנדיר געשריען — איך האָב ניט געהאַט דאָס פּערגעניגען אייך צו זעהן שוין זייט איינינגע חדשים. וואָס טהוט זיך דאָ מיט אייך? וואָרום זעהט איהר אויס ווי אַן אונגליקליכער טייוועל?

דער קאָמאַנדיר האָט געוואָרפען אַ לאַנגען און מעלאַנכאָלישען בליק אויף דער מארקיזין וועהרענד ער האָט דעם הערצאָג געענטפערט:

— יאָ, מיין לאָרד, איך בין אַן אונגליקליכער ליידענדער מענש!

— וואָס איז מיט אייך דער מעהר? ווער איז מיר, האָט איהר נאָך אַלץ קיין רוה פון יענעם וואונד? — האָט דער הערצאָג געפרעגט גלייך ווי ער וואָלט זיין פּעראינטערעסירט אין זיין פריינד׳ס לאַגע.

ביי דיעזער בעלײדיגענדער פראַגע איז דער קאָמאַנדיר אַ ווײלע געבליעבען צוטומעלט, דאַן איז ער אַביסעל געוואָרען בייז און אין אַ שאַרפע בעשלאָסענע שטימע האָט ער דעם הערצאָג געענטפערט :

— אויב אײער דורכלויכט נעהמט ווירקליך אַזא אינטערעסע אין מיין צושטאַנד, האָף איך, אַז איהר וועט מאָרגען מיך בעזוכען און אויספרעגען אַלע אורזאַכען.

— געװעכט, געװעכט, ליעבער פרײנד. זײט נור קראַנק, איך וועל שוין שיקען פרעגען אויף אײער צושטאַנד.

מאַנסיו ראָבערט האָט זיך פערנייגט און איז לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען.

די גאַנצע סצענע איז זעהר שנעל געשעהן. שרה האָט זיך קוים אײנגע־האַלטען ניט אויסצושיסען אין אַ געלעכטער פון דער גראָבער פראַגע, וואָס דער הערצאָג האָט דעם קאָמאַנדיר געשטעלט ; אָבער די מאַרקיזין האָט גע־פיהלט די גרויסע שמערצען וואָס דער „אדעלמאַן" האָט געהאַט פון אַזא גראָבער פראַגע אין דער אַנוועזענהייט פון דער פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב. איהר איז אויך אַרויף דער געדאַנק, דאָס אַ דועל וועט דערפון אַרויסקומען און זי האָט זיך שטאַרק ערשראָקען פאַר ראָבערט׳ס לעבען. אַ מעכטיגער געפיהל פון רחמנות האָט איהר בעהערשט. זי איז אויפגעשטאַנען, האָט ניט־ווילענדיג גע־נומען שרה׳ס אָרם און איז אַוועק מיט דעם וועג וואָס טשאַרלעס ראָבערט איז געגאַנגען. ווען זי איז געקומען האַרט נעבען איהם, האָט זי אין זיין אויער אַרײנ־גערעדט :

— מאָרגען אום אײנס אוהר וועל א י ך ד אָ ר ט ז י י ן — דאַן איז זי שנעל אַריין צוריק אין זאַל און איז באַלד אַוועק פון באַל.

רודאָלף איז געקומען צו דיעזען באַל ניט נור אום צו זעהן די געזעלשאַפט און ווייזען זיין פריינדשאַפט צום אַמבאַסאַדאָר, נור אויך צו זעהן דער מאַר־קיזין דע הארוויל און צו איבערצייגען זיך דאָס ניט זי איז די העלדין פון פּי־פּעלעט׳ס ראָמאַנס. ווען רודאָלף האָט דער מאַרקיזין דערזעהן מיט שרה מעק־גרעגאָר איז ער אַרויס פון ווינטער־גאָרטען און האָט געשפּאַציערט איבער דער גאַלערי און אין אַלע אַנדערע ערטער פון וואַנען מען האָט געקענט זעהן אַלע ווענען און אַלע ווינקלען פון גאָרטען, און איהם איז געלונגען צו זעהן ווי די מאַרקיזין האָט אָנגעיאָגט דעם יונגען מאַן, טשאַרלעס ראָבערט, און האָט איהם עפּעס אַריינגערעדט אין אויער. איהם איז דאַן אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק, דאָס דיעזער טשאַרלעס ראָבערט מוז זיין דער קאָמאַנדיר וואָס האָט אַ פּאָר צימערען אין טעמפּעל שטראַסע. ווי רודאָלף האָט דיעזעס געזעהן, איז ער גלייך צוריק אַריין אין זאַל און האָט אויפגעזוכט זיין פריינד מאָרפי.

— זעהט איהר יענעם שעהנעם יונגען מאַן ? — האָט ער געפרעגט זיין

אַלטען פריינד וועהרענד ער האָט אָנגעוויזען אויף טשאַרלעס ראָבערט, וועלכער איז אויך אַריין אין זאַאַל און איז געבליבען שטעהן מיט צופרידענע בליקען פון דער מאַרקיזין'ס פערשפּרעכען.

— איהר מיינט יענעם יונגען מאַן וואָס שיינט צו פרעהען זיך פון זיך אַליין ? — האָט מאַרפּי געפרעגט.

— יאָ. פּרובירט זיך צוגעהן נאָהענט צו זיין פּלייצע און גאַנץ שטיל, זאָ דאָס נור ער אַליין זאָל הערען, רעדט אַריין אין זיין אויער דיעזע געצעהלטע ווערטער : „וואָרום זאָ שפּעט, מיין ענגעל ?”

מאַרפּי האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט.

— אייער מאַיעסטעט מיינט עס אין ערנסט ?

— זעהר ערנסט. ווען ער וועט דערהערען דיעזע ווערטער און וועט זיך האַסטיג אומדרעהען צו זעהן ווער האָט דאָס געזאָגט, זאָלט איהר בלייבען שטעהן קאַלט, ווי ניט אייך מיינט מען, אום ער זאָל ניט טרעפען ווער עס האָט איהם אין אויער אַריינגערעדט.

— איך געהאָרכע אייער בעפעהל, אָבוואָהל איך קען ניט פערשטעהן דעם צוועק פון אַזאַ שפּאַס.

די מוזיק האָט זיך צושפּיעלט און די געסט האָבען זיך געלאָזט געהן אַ וואַלץ. דיעזען מאָמענט האָט מאַרפּי בענוצט און האָט זיך אונטערגערוקט אונטער ראָבערטס פּלייצע. רודאָלף איז געשטאַנען פון וויטען און האָט אַכטונג געגעבען אויף דער אונטערנעהמונג. אין אַ פּאָר מינוטען אַרום האָט מאָנסיו טשאַרלעס ראָבערט איבעראַשט זיך אומגעדרעהט. מאַרפּי איז געשטאַנען קאַלט און רוהיג, גלייך ווי אַ סטאַטוע. דעם יונגען ראָבערט איז גאָר אין זינען ניט איינגעפאַלען, אַז דיעזער עהרענווירדיגער אַלטער מאַן האָט אַרויסגערעדט די ווערטער וואָס האָבען איהם עראינערט אויף דער קאָמישער סצענע, ווען ער האָט מיט אַ טעות געהאַלזט און געקושט דער אַלטער מאַדאַם פּיפּעלעט. דער וואַלץ האָט זיך געענדיגט און מאַרפּי האָט רודאָלף'ן רעפּאָרטעט :

— מיין לאָרד, דער יונגער מאַן האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם געביסען. האָבען דיעזע ווערטער עפּעס אַ געוויסע בעדייטונג ?

— זיי בעדייטען זעהר פיעל. דורך זיי האָב איך יעצט ענטדעקט אַ זאַך, וואָס איך האָב דורכאויס געוואָלט וויסען.

רודאָלף האָט מעהר ניט געצווייפעלט. טשאַרלעס ראָבערט איז זיכער דער קאָמאַנדיר, די מאַרקיזין דע האַרוויל איז זיכער די אונגליקליכע דאַמע וואָס קומט צו איהר פערפיהרער און קעהרט זיך אום מיט טרעהרען. שרה מעקגרעגאָר

פירדט דאָ די אינטריגע, אָדער זי איז אנפערטרויט מיט'ן סוד. יעצט האָט ער זיין געוואוסט, ווארום זיין פריינד, דער מארקיז איז אַזוי טרויעריג. אייפער־זוכט איז זיין אונגליק. רודאָלף'ס לאַגע איז דאָ געווען זעהר אַ שלעכטע. ער אַליין ווייס יעצט אַסוד, וועלכען ער קען ניט ענטדעקען, ער אַליין זעהט יעצט דער מארקיזין'ס פאַל און האָט קיין פּראַקטישען מיטעל מיט וואָס זי אָבצור־האַלטען. איהם האָט געשיינט, אַז ער איז פערשאָלטען געוואָרען צו זיין דער ערשטער, וועלכער זאָל זעהן דעם קבר פון אַ שעהנע, אֵדעלע פרוי, וועלכע ער אַליין האָט געליעבט און ליעבט נאָך יעצט.

ווערענד רודאָלף וואר פערטיעפט אין דיעזע געדאַנקען איז באַראָן דע גראַון צו איהם צוגעגאַנגען.

— אויב אייער האָהייט וועט מיר שענקען אייניגע מינוט אין דעם צוויי־טען זאַאַל, וואו קיין איינציגער מענש געפינט זיך יעצט, וועל איך אייך איבער־געבען דעם רעזולטאַט פון די נאָכפאָרשונג, וועלכע איהר האָט מיר ערשט בע־אויפטראַגט.

רודאָלף איז דעם באַראָן נאָכגעגאַנגען.

— די איינציגע הערצאָגין — האָט דער באַראָן אָנגעפאַנגען — צו וועל־כער מען קען צושרייבען די ערשטע בוכשטאַבען פון נאָמען ל. נ. איז די הער־צאָגין פאָן לוסעני, וועלכע הייסט מיט'ן ערשטען נאָמען נאָורמאַנט. זי איז דאָ דיעזען אבענד ניטאָ. איך האָב אָבער געזעהן איהר מאַן, וועלכער איז צוריק מיט עטליכע חדשים אַוועק אויף אַ רייזע, וואָס האָט בעדאַרפט דויערען אַ יאָהר און איז פּלוצלונג געקומען מיט דריי טעג צוריק.

דער לעזער דאַרף זיך עראינערען, דאָס ווערענד רודאָלף איז געגאַנגען פון די טרעפּ אין טעמפּעל שטראַסע האָט ער געפונען אַ טאַשענטיכעל, אויף וועל־כער די בוכשטאַבען ל. נ. וואַרען אויסגענעהט אין איין ברעג און דער צייכען פון אַ הערצאָגין אין אַ צווייטען ברעג. די דאַמע וואָס האָט דיעזע טיכעל פער־לאָרען איז אַרויס פון דאָקטאָר צעזאַר בראַדאַמאַנטי'ס צימער. באַראָן פאָן גראַון האָט די געשיכטע ניט געוואוסט, רודאָלף האָט איהם נור געהייסען נאָכ־פרעגען די נעמען פון אַלע הערצאָגינס וואָס האָבען זיך געפונען אין פּאַריז. רודאָלף האָט קיין ספּעציעלע אינטערעסע אין דיעזער הערצאָגין ניט געהאַט; אָבער ער האָט געשווידערט, ווען ער האָט זיך עראינערט, אַז זי האָט בעזוכט דעם שאַרלאַטאַן, דעם הפקר־יונג, וועלכער וואר קיין אַנדערער ווי דאָקטאָר פּאָלידאָרי.

— אַלס איך האָב געזאַמעלט דיעזען רעפּאָרט, האָב איך געהערט דאָס דער גראַף פאָן סאַנט־רעמי איז זעהר אונצופריעדען פון דעם, וואָס דער הערצאָג פאָן לוסעני איז צו פריה געקומען פון דער רייזע. — רעדענדיג וועגען דיעזען

עלעגאנטען גראף האט מיך דער אמבאכאדאר בעאויפטראגט צו בעטען די ער־
לויבנים פון אייער האהייט, פארצושטעלען. גראף פאן סאנט־רעמי איז איינער
פון די פאריזער גרעסטע אדעללייט ; ער איז א בראווער און פעהיגער יונגער
מאן פון פינף און צוואנציג יאהר. ער איז ניט לאנג ערנאנט געווארען צום וויצע
קאנסול אין גערארלשטיין און ער וועט זיך שעטצען גליקליך מיט דער געלעגענ־
הייט פארגעפיהרט צו ווערען פאר אייער קעניגליכע האהייט.

רודאלף האט זיך א ווײלע פערטראכט. ער האט דיזע עהרע דעם יונגען
מאן ניט געוואלט צוטהיילען, נור ענדליך האט ער זיך עראינערט דאס די שטאדט
רעדט זעהר פיעל וועגען די ליעבע צווישען דעם גראף און די הערצאגין פאן
לוסעני און ער איז געווארען נייגיעריג דעם העלד צו קענען. ער האט א נייג
געטהאן מיט'ן קאפ און האט געענטפערט :

— איך זעה ניט איין ווי איך קען דאס ענטזאגען. לאזט דעם אמבאסאדאר
וויסען, אז איך בין בערייט צו עמפפאנגען דעם וויצע קאנסול, גראף פאן
סאנט־רעמי.

באראן פאן גראון איז אבגעגאנגען און האט געבראכט דעם אמבאסאדאר
און דעם יונגען גראף.

גראף פאן סאנט־רעמי איז געוועזן א שעהנער יונגער מאן פון פינף און
צוואנציג יאהר, מיט א שעהנע פיגור און א רייכען אויסזעהן. זיינע האאר
ווארען גלאט פערקעמט ביי'ן שטערען און האבען זיך צוטהיילט אין צוויי טהייל
לאנגע געקרייזעלטע לאקען, וואס האבען פערשטעלט זיין גאנצען שולטער און
זאגאר ביידע אויערען. זיינע אויגען ווארען עבט־שווארץ, זיין געזיכט וואר
גאנץ ריין ווי דאס געזיכט פון א מיידעל. ער האט געטראגען אן אבגעלייגטען
קראגען, פון וואנען זיין שעהנע האלז האט זיך ארויסגעזעהן. א י י ן איינ־
ציגער שטיין האט געשיינט אויף זיין האלז־טוך, אבער דער זילבער שטיין
וואר טהייערער פון אנדערע צעהן דיאמאנטען, וואס אנדערע קאוואלערען
טראגען. זיין גאנצער אויסזעהן האט געמאכט אזא אנגענעהמען איינדרוק, דאס
קוים האט מען איהם נור איין מאל געזעהן, זא וואר שוין אונמעגליך זיין גע־
זיכט צו פערגעסען.

ער האט געלעבט זעהר רייך. זיינע פערד און קארעטען האבען אנגעטראפען
א פערמעגען. ער האט אויך זעהר פיעל געוואטען אויף פערד־רייסעס. זיין הויז
וואר בעטראכט פאר דאס שעהנסטע אין פאריז. אין דיזען הויז האט ער
זעהר אפט געגעבען גרויסע אונטערהאלטונגען און האט געהאט קאמפאניעס צו
שפיעלען אין קארטען. ער פלעגט אימער פערליערען גרויסע סומען געלד און
איהם האט גאר ניט געקימערט, אבוואהל אלע האבען געוואוסט, אז ער האט
זיין געלד שוין לאנג פערלארען. דאס ביסעל איינענעם פערמעגען וואס ער האט

אמאָל געהאַט, וואר נור פון זיין מוטער ; זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן.

לייטע האָבען נאַטירליך געוואָלט וויסען די קוועלע פון גראַף פאָן סאַנט־רעמי׳ס פערמעגען. איינינע האָבען גערעכענט ווי שרה מקגרעגאָר, דאָס די הערצאָגין פאָן לוסעני גיט איהם דאָס געלד ; וועהרענד אַנדערע וואָס האָבען געוואוסט אז דער משוגע׳נער הערצאָג פאָן לוּעני קאָנטראָלירט זיין ווייב׳ס פערמעגען און דארום האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ מוצלח אין פערד־רייסעס, אַז ער קויפט אונטער די רייטער, זיי זאָלען זעהן, אַז זיינע פערד זאָלען גע־ווינען. זיינע קאַמעראַדען האָבען זיך גאָר ניט געקימערט צו וויסען פון וואַנען זיין געלד שטראָמט. זיי האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס ער פערלעבט דאָס געלד צוזאַמען מיט זיי. אָן אַנדער קלאַסע האָט זיך איינגעבילדעט, אַז גראַף פאָן סאַנט־רעמי האָט אַ כשוף וואָס פערשאַפט איהם געלד און יענע האָבען פאַר איהם געפירכטעט — קוריץ, דער שעהנער גראַף, וועלכען אַלע דאַמען האָבען געליעבט, און אַלע גוטע ברידער האָבען אַמוזירט, איז געווען אַ רעטעניש פאַר גאַנץ פּאַריז.

ווען דער אַמבאַסאַדאָר האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר רודאָלף׳ן האָט ער געזאָגט :

— איך האָב די עהרע פאָרצושטעלען פאַר אייער קעניגליכע האָהייט דעם גראַף דע סאַנט־רעמי, וויצע־קאָנסול פיר געראָלשטיין.

דער וויצע־קאָנסול האָט זיך ניעדעריג פערנייגט און האָט געזאָגט :

— דאַרף איך האָפען, דאָס אייער קעניגליכע האָהייט וועט פערגעבען מיין אונגעדולד צו צאָהלען מיין רעספּעקט ? איך בין פיעלייכט געווען צו איילינ צו האָבען די עהרע, וועלכע איך שעץ אַזוי טהייער.

— עס וועט מיך פרעהען צו זעהן אייך אין געראָלשטיין. דענקט איהר קורצליך צו בעטרעטען אייער אַמט ?

— אייער קעניגליכע האָהייט געפינט זיך יעצט אין פּאַריז און דאָס מאַכט מיר וועניגער נייגעריג צו רייזען נאָך געראָלשטיין.

— די רוהיגע און פריעדליכע בירגער פון אונזער רייך וועלען אייך זיכער איבעררַאשען. געראָלשטיין האָט ניט דאָס פּאַריזער טומעל און לעבען.

— איך פערזיכער אייער קעניגליכע האָהייט, דאָס די פריינדשאַפט וואָס איהר ווייזט מיר יעצט, און וועלכע איך ערלויב מיר צו ערוואַרטען אין דער

צוקונפט, דאָס אַליין וועט פאַר מיר זיין גענוג ניט צו בענקען נאָך פּאַריז.

— זאָ ווייט מיר אַנבעטרעפט, האָף איך דאָס איהר וועט ניט האָבען קיין אורזאַכע צו בעקלאָגען זיך אויף גראַלשטיין.

רודאָלף האָט אַ נייג געטהאָן זיין קאָפּ. דאָס האָט בעוויזען אַז דער אויר־דיענץ איז צו ענדע. דער גראַף האָט זיך פערנייגט און איז אַוועק. רודאָלף האָט גלייך צו איהם געפיהלט אַנטיפּאַטהיע און סימפּאַטהיע ביידע צוזאַמען. אין דעם גראַף׳ס אויגען און אין זיינע רייד האָט רודאָלף ענטדעקט דעם כאַראַקטער פון אַ הייכלער, אַ שמייכלער און אַ געפעהרליכען מאַן.

מיר וועלען נאָך אין פערלויף פון דעם ראָמאַן בעגעגענען דיעזען גראַף דע סאַנט־רעמי און אונטער די אומשטענדען וואָס מיר וועלען איהם זעהן, וועלען מיר איהם בעסער דערקענען.

רודאָלף איז געוואָרען פול מיט פערשיעדענע געדאַנקען. די ערפאַהרונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין דיעזען טאָג און אין דיעזען אָבענד האָבען זיך אין זיינע געדאַנקען אַזוי פיעל צומישט, דאָס ער האָט געפונען פאַר נויטהיג אויפ־צוזוכען אַן אָבגעלייגטען ווינקעל אין גאָרטען אום צו קענען ברענגען די גע־דאַנקען אין אָרדנונג אָהן אירגענד וועלכע שטערונג.

וועהרענד רודאָלף איז געזעסען אונטער דיקע צווייגען פון בוימער און וואַר פערדעקט מיט בלעטער פון בוימער און בלומען און האָט גראַדע געטראַכט פון דעם דאָקטאָר צעזאַר בראַדאַמאַנטי, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ שטימע הינטער זיך און גראַדע זיין נאָמען ווערט עראינערט. די שטימען זיינען איהם געווען זעהר בעקאַנט. ער האָט זיך אומגעקוקט און ער האָט דערזעהן, אַז שרה זיצט מיט איהר ברודער, גראַדע ניט ווייט פון איהם און ביידע רעדען אין ענגליש. דער פּרינץ האָט זיך צוגעהערט. זיי האָבען פאָלגענדעס געשפּראָכען:

— די מאַרקיזין איז מיט אַ פּאָר מינוט צוריק אַוועק צום באַל פון באַראָן דע נאַרוועל, — האָט שרה געזאָגט — גליקליכערווייזע וואַר זי געצוואונגען אוועקצוגעהן איידער זי האָט געהאַט אַ געלעגענהייט צו רעדען אַ פּאָר ווערטער מיט רודאָלף׳ן, וועלכער האָט זי געזוכט; דען איך האָב מורא פאַר דעם איינ־פלוס פון וועלכען ער אַליין ווייס ניט און וועלכען איך האָב געזוכט חאָטש אויף אַ ביסעל אָבצושוואַכען. ענדליך דיעזע קאָנקורענטין מיינע, דיעזע מאַרקיזין פאַר וועלכע איך האָב אימער געפירכטעט וועט מאָרגען זיין אַ פערלאָרענע. הער מיך אויס, ברודער, דאָס איז זעהר וויכטיג.

— דוא האסט א טעות. רודאָלף האט ניעמאָלס דער מאַרקיזין געליעבט.

— עס איז צייט איך זאל דיר אלעס אויפקלערען, — האָט שרה זיך אבגערופען — פיעל זאכען האבען פּאסירט וועהרענד דוא ביזט אין דער לעצטער צייט געווען אבוועזענד. דער לעצטער קלאַפּ מוז געמאַכט ווערען פיעל שנעלער אלס איך האב ערוואָרטעט — עס מוז געשעהן הייטיגע נאכט, גלייך וויא מיר געהן פון דאנען אוועק, און דארום איז עס זעהר וויכטיג מיר זאָלען זיך אביסעל דורכריידען. צום גליק זיינען מיר דאָ גאנץ אליין.

— איך בין נייגיעריג אלעס צו הערען.

— איידער דיא מאַרקיזין קלעמענס דע האַרוויל האט רודאָלף'ן געזעהן, האט זיא ניט געוואוסט וואס ליעבע הייסט. אויף דעם בין איך איבערצייגט. איך ווייס ניט דיא אורזאכע: אבער איך בין זיכער, אז זיא האסט איהר מאַן, וועלכער האלט זיא פאר היילינג; ער איז א געהיימניס, וועלכע איך קען ניט פערשטעהן. וויא זיא האט רודאָלף'ן געזעהן האבען זיך ערוועקט אין איהר הערץ א טויזענד נייע געפיהלען. איך האב דיעזע געפיהלען דערשטיקט מיט בייזע שילדערונגען וועגען איהם. אבער דיא ערשטע געפיהלען פון ליעבע האבען אויפגעריסען איהר האַרץ און דיא פּרינצעסין האט געמוזט האבען איינעם, מיט וועמען מען זאל קענען זעטיגען איהר ליעבעס דורסט. ווען זיא האט זיך בעקענט מיט מאָנסיו טשאַרלעס ראָבערט אין מיין הויז איז זיא פעראינטערעסירט געוואָרען מיט זיין שעהנקייט, גלייך וויא איינער פעראינטערעסירט זיך מיט א שעהנעם בילד. צום אונגליק איז דיעזער מענש טרוקען וויא רעטאך. איך האב גענומען ליבען זיין כאראקטער און זיין זעעלע. איך ווייס אז דיא מאַרקיזין האט א גוטעס הערץ אין וועלכער עס איז זעהר לייכט צו ערוועקען סימפּאַטיע, און איך האב אנגעפאַנגען צו שילדערען ראָבערט'ס שמערצען. איך האב איהם געהייסען ער זאל זיך מאַכען אן אויסזעהן פון א מעלאַנכאָליק, פון א ליידענדען, אונגליקליכען און זאָל איבערהויפּט קיין ווארט ארויסריידען אויסער וואס עס איז אונבעדינגט נויטהיג. ער האט געפאָלגט מיין עצה. צו פערדאַנקען זיין טאַלאַנט אלס זינגער און איבערהויפּט צו זיין אמת'ער מעלאַנכאָלי האט ער געוואונען דעם מיטלייד פון דער מאַרקיזין דע האַרוויל און האט צו זיך צוגעצויגען יענע געפיהלע וואס רודאָלף האט אין איהר ערוועקט. יעצט קענסט דוא מיך בעסער פערשטעהן.

— פאָלשטענדיג. דערצעהל ווייטער.

— איך האב צוויי מאל א וואך געגעבען מוזיקאלישע אונטערהאלטונגען און דאַן פלעגט דיא מאַרקיזין זעהן דעם מעלאַנכאָלישען טשאַרלעס ראָבערט. ביידע

זיינען געוואָרען שטארק בעפריינדעט; מיין מאשינע פון פלייש און בלוט האט אויף מיין בעפעהל אריינגערעדט א פאאר ליעבעס ווערטער און האָט ארויפגעלייגט א פאאר הייסע קיסע אויף דער מארקיזינ׳ס שעהנע האנד. איך האב מעהר מורא פאַר מיין מאשינעס שרייבען וויא פאר זיינע רייד, אבער א פרוי ווען ניעמאלס קריטי־קירען דיא ערשטע ליעבעס ערקלעהרונג. דיא הויפט ארבייט וואס איך האב גע־האט איז געווען צו זעהן ער זאָל קענען שפרעכען מיט דער מארקיזין אונטער פיער אויגען. דאס וואר קיין לייכטע ארבייט, ווייל דיא מארקיזין האט מעהר פרינציפען וויא ליעבע; אדער ריכטיגער געזאָגט: זיא האט געהאט צו ווייניג ליעבע, וואס זאָל איהר צווינגען צו פערגעסען איהרע פרינציפען. נאך לאנגע און שווערע ארבייט איז מיר ענדליך דאָך געלונגען צו ווירקען אויף דער מארקיזין זיא זאל צוזאמענקומען מיט דעם אויפגעבלאָזענעם טשארלעס ראָבערט.

— האט זיא דען דיר אלעס פערטרויט?

— זיא האָט מודה געווען, אז זיא ליעבט רעם שעהנעם יונגען מאַן. מעהר האט זיא מיר ניט געזאָגט; מעהר האב איך ניט געפרעגט, דאָס וואָלט זיא בעליי־דיגט. אבער ער, וועלכער וואר ענטציקט און אַנגעטרונקען מיט גליק האט מיר דער־צעהלט פון זיין ערפאָלג; אבער ער האט מיר ניט פערטרויט דעם סוד אין וועלכען טאָג און אין וועלכען פלאץ.

— וויא זאָ ווייסט דוא עס יעצט?

— קארל האט דורכגעפיהרט מיין אויפטראג. אויפ׳ן נעכסטען טאָג איז ער אוועק און האט זיך געשטעלט ניט ווייט פון טשארלעס ראָבערטס טהיר און איז דארט געשטאנען אייניגע טעג פון פריה־מארגען ביז שפעט אין דער נאכט. אין א פאאר טעג ארום האט ער געזעהן וויא מיין שטרויענער ליעבהאָבער נעהמט א קאַ־רעטע און פאָהרט צו אן אלטעס הויז אין טעמפעל שטראסע. אין יענעם הויז איז ער געבליעבען א שטונדע און א האלב און איז צוריק אוועק. קארל האט א לאנגע צייט געווארט אום צו זעהן אויב יעמאנד וועט פון יענעם הויז אוועק; אבער אהן ער־פאלג; דיא מארקיזין האט איהר פערשפרעכען ניט געהאלטען. דיעזעס האב איך ערשט פון ליעבהאָבער אליין ערפאהרען, וועלכער וואר בייז און דערשראָגען. איך האב איהם געהייסען ער זאָל ווייזען נאך מעלאנכאָלי, ליידען און פערצווייפלונג. דיא מארקיזין איז ווידער געמאכט געוואָרען זיא זאל אויף דעם אונגליקליכען רחמנות האבען, מען האט פון איהר ווידער ארויסבעקומען א פערשפרעכען, אבער זיא האט איהם ווידער ניט געהאלטען גלייך וויא דעם ערשטען מאל. צום דריטען מאל האט זיא איהם פערשפראָכען און איז ווירקליך געקומען אזוי ווייט, ביז זיין טהיר. דאס

וואר שוין אַ פאַרשריט. דוא קענסט דערפון זעהן, וויא דיעזע פרוי קעמפּפט מיט זיך אליין. און ווייסט דוא וואָרום? איך בין זיכער, אז איהרע געדאַנקען זיינען נאָך פול מיט רודאָלף׳ן און דיעזער געדאַנק שיצט איהר פון גראַב. ענדליך הייטע אבענד האט זיא איהם פערשפּראָכען צו קומען און דיעזען מאל וועט זיא איהר פערשפּרע־כען זיכער האלטען. דער גראָס-הערצאָג פאָן לוסעני האט איהר ליעבהאבער אזוי שטאַרק בעליידיגט, דאס דיא מאַרקיזין האט אויף איהם דעם גרעסטען מיטלייד און זיא האט יעצט בעשלאָסען איהם שענקען, וואס זיא וואלט איהם זאָנסט ענטזאַגט. דיעזען מאל, בין איך זיכער, אז זיא וועט איהר פערשפּרעכען האלטען.

— אבער וואס זיינען דיינע פּלענער?

— מאָנסיו טשאַרלעס ראָבערט איז ניט פעהיג צו שעצען דעם אדעלען געפיהל וואס האט דער מאַרקיזין בעוואָגען זיא זאל איהם מארגען זעהן. ער וועט מארגען זיכער פערלאַנגען פון דער מאַרקיזין מעהר וויא זיא קען טאָהן.... און דאס וועט ענדיגען זיין פריינדשאַפט מיט דער מאַרקיזין, וועלכע האט זיך בעשלאָסען צו דיעזען שריט ניט אויס ליידענשאַפט, נור אויס מיטלייד.—איך קען איהר זעהר גוט; זיא וועט איהם בעזוכען בלויז אויס פריינדשאַפט, אויס גוטסקייט; אבער פאָלשטענדיג עהר־ליך, און וועט אויף איין אויגענבליק ניט פערגעסען איהרע פפליכטען. מאָנסיו ראָ־בערט איז צו גראָב און צו היציג דיעזעס צו פערשטעהן, און ער וועט זיא וועלען צווינגען... דיא מאַרקיזין וועט איהם פערהאַסען און וועט ווידער אנפאַנגען צו ליע־בען איהר רודאָלף׳ן, וועלכער ליעגט טיעף אין איהר הערצען.

— נו אלזאָ?

— פערשטעה מיך גוט. איך וויל זיא זאל זיין איבינג פערלאָרען פאר רודאָלף׳ן. איך פון מיינער זייטע האב קיין צווייפעל, דאס פריהער אָדער שפּעטער וועט ער בעטריגען זיין פריינדשאַפט צום מאַרקיז דע האַרוויל צו ליעב זיין ליעבע צו דער מאַר־קיזין; אָבער ער וועט זיא פערראַטען און וועט זיא ניט וועלען זעהן פאַר זיינע אויגען ווען ער וועט גלויבען, אז זיא איז שולדיג אין אַ פערברעכען אין וועלכען ער האט קיין חלק. אזאַ פערברעכען איז ביי אַ מאַן דער גרעסטער.

— איך פערשטעה. דוא וועסט מיטטהיילען דעם מאַן פון זיין ווייבס מעשים, און פון דעם גרויסען סקאַנדאל וואס דאָס וועט פעראורזאכען וועט פּרינץ רודאָלף איבערצייגט זיין אז דיא מאַרקיזין איז אַ פערברעכערין.

— יאַ, דאס וועט זיין זעהר לייכט אויסצופיהרען, ווייל פון דער מאַרקיזין אליין האָב איך ערפאַהרען, אז איהר מאַן האט שוין עטוואָס פערדאַכט, אבער ער אלליין ווייס נאָך ניט אויף וועלכע פערזאָן זאָל ער וואַרֿען זיין פערדאַכט. יעצט איז האלבע

נאכט; מיר וועלען באלד פערלאַסען דעם באַלל; דוא וועסט אויסשטייגען פון עקר־פּאַזש ביי דעם ערשטען קאַפּע־הויז וואס מיר וועלען געפינען און וועסט שרייבען צום מאַרקיז, דאָס זיין ווייב וועט מאַכען אַ וויזיט אין נומער 17 טעמפּעל שטראַסע, מאָר־גען אום 1 אוהר נאַכמיטטאַג. ער איז אייפערזיכטיג, ער וועט זיין ווייב היטען. דיא שעהנע קלעמענס מוז אריינפאַלען אין נעץ. וואס דער סוף דערפון וועט זיין מוזען מיר לאָזען אויף דער נאַטור.

— דאס איז אַ געפעהרליכער שריט, — האט סייטאָן קאַלט געזאָגט.

— דוא ביזט צו פרום, מיין ברודער. אויב מיינע טהאַטען זיינען אביסעל אונגעוועהנליך, גיב איך צו; איך ברעך יעדע וואַנט וואָס שטעהט צווישען מיר און מיין וואונד, — אָבער האט מען מיך עהרליך בעהאַנדעלט?

— געוויס ניט און דארום גיב איך דיר אימער מיין האַנד. יעצט וועל איך אויך טהאָן אלץ וואס דוא ווילסט, נור איך זאָג דיר נאָך אַ מאל, אז דאָס איז אַ געפעהרליכער שריט.

— אבער דוא ביזט מסכים?

— איך מוז מסכים זיין. נאָך הייטע אבענד וועט מאַרקיז דע האַרוויל אלעס ערפאַהרען און דאַן.... מיר שיינט, אַז איינער בעוועגט זיך הינטער דיא בוימער....

סייטאַן האט אונטערבראָכען זיין שפּראַכע.

— שנעל קוק זיך ארום! — האט איהם שרה בעפוילען.

סייטאָן האט זיך געשטעלט און האט בעטראַכט דעם גאַנצען געגענד; אבער ער האט קיינעם ניט געזעהן. רודאָלף האט זיך אויסגעדרעהט פון אַ צווייטען זייט און איז פערשוואונדען געוואָרען אין אַ צווייטען ווינקעל, וועלכער וואר געדיכט פון צווייגען און בלעטער.

— מיר האָט זיך נור געדאַכט. איך זעה קיין לעבעדיגען מענשען אין דעם געגענד.

— איך האב געהאָפּט, אַז דאָ וועט אונז קיינער ניט הערען.

— הער מיך אויס שרה, — האט סייטאָן אנגעזאַנגען ערנסט — איך רעכען ניט אז דיא מאַרקיזין קלעמענס איז דיר אזוי שעדליך וויא דוא מיינסט. דער פּרינץ האט געוויסע פּרינציפּען, וועלכע קיינער וועט איהם ניט בעוועגען ער זאל זיי ברע־כען. איך זעה פאר דיר אַ גאַנץ אנדער געפאַהר. דאס יונגע מיידעל, וועלכע ער האט צוריק מיט עטליכע וואָכען אבגעפיהרט אין אַ פאַרם, וועלכער ער בעוואַכט, וועלכער ער גיט אַ פּאָלשטענדיגע ערציהונג און וועלכער ער פאהרט זעהר אָפט זעהן דיעזע שיינט מיר צו זיין דיין קאָנקורענטין. מיר ווייסען ניט ווער און וואס זיא איז,

מעגליך, אז זיא בעלאנגט צו דער ניעדעריגסטער געזעלשאפט; אבער דיא שעהנקייט וועלכע זיא בעזיצט און דיא פריינדשאפט וואס דער פרינץ וויזט צו איהר, דאס בעדייטעט, אז ער איהר צו איהר ניט אומזיסט צוגעבונדען. אום אבצורייניגען פון דיין וועג דיעזען גרויסען דארן איז נויטהווענדיג מיר זאלען האנדלען מיט דיא גרעסטע פארזיכטיגקייט. מען מוז צו ערשט ערפאהרען גאנץ גענוי וועד זיינען דיא לייטע אין יענעם פארם, וואס איז דארט פאר א הויז און וואס פאר זיטען האט דיעזע מיידעל? איך האב שוין דיעזעס נאכגעזוכט און דיא צייט צום טהאן איז געקומען. דורך א צופאל האב איך וויעדער געפונען דיא אלטע פרוי מיט דעם איינציגען אויג, וועלכע האט מיינע פאפירען און מיין אדרעסע. דוך איהר פריינדשאפט מיט דעם רויבער וואס איז אונז יענע נאכט בעפאלע, קען זיא פאר אונז זיין זעהר ניצליך. יעדע זאך איז פארבערייטעט און אויף אונז קען קיין חשד ניט פאלען. איבערהויפט אויב יענע מיידעל בעלאנגט צו דער ארבייטער קלאסע וועט זיא ניט ציינערען אנצונעהמען אונזער לאהן וואס מיט וועלע איהר געבען; דען זיא קען גאר ניט טרוימען פון דעם גליק וואס איהר ערווארטעט מיט רודאלף'ן, ווייל זיא וויס נאך אלץ ניט ווער רודאלף איז. מארגען וועט דיעזע ארבייט דורכגעפיהרט ווערען; ווען ניט וועלען מיר זעהן וואס מיר האבען צו טאהן.

— ווען דיעזע צוויי דערנער וועלען אבגערוימט ווערען, דאן טהאמאס, געהען מיר צו אונזער גרויסען פלאן.

— גרויסע שוועריגקייטען שטעהן אונז פאר; אבער דאך קענען מיר נאך זיעגען.

— און וועט עס ניט זיין א דאפעלטעס אויב מיר קענען דורכפיהרען אונזער גרויסען פלאן גראדע דאן, ווען רודאלף וועט זיין דאפעלט איבערראשט און ערשלאגען פון דעם סקאנדאל, אין וועלכען דיא מארקיזין דע הארוויל וועט פערמישט ווערען און פון דעם וואס זיין טהייערע מיידעל וועט פערשווינדען? און וועט דען דאן ניט זיין דיא געלינגסטע צייט איהם איינצורייידען, אז זיין טאכטער וועלכע ער בעוויינט אזוי שטארק לעבט נאך? און דאן —

— זיי שטיל מיין שוועסטער! — האט סייטאן געזאגט — דיא קאמפאניע געהט יעצט פון שפייזע זאאל. אויב דוא דענקסט, אז עס איז ניצליך צו ווארנען דעם מארקיז דע הארוויל פון זיין ווייב'ס מארגעדיגען בעזוך דאן זאלען מיר געהן, עס איז שפעט.

— וואס שפעטער דיעזע נאכריכט וועט דעם מארקיז אנקומען, אלס בעסער וועט עס איהם איבערצייגען, אז עס איז קיין ליעגען.

שרה און איהר ברודער זיינען באלד נאך דיעזען געשפרעך אוועק פון באל.

27סטעם קאַפּיטעל.

רעטונג אין געפאהר.

רודאָלף האט בעשלאָסען צו רעטען דער מארקיזין דע הארוויל, מעג עס איהם קאָסטען וואָס עס וויל. וויא ער האט געהערט שרה׳ס פינסטערען פּלאַן איז ער באלד ארויס פון ווינטער־גארטען און האט מעהר ניט געהערט וואס דער ברודער און זיין שוועסטער האבען ווייטער געשפּראָכען. ער האט ניט געהערט וועגען דעם פּלאַן אונגליקליך צו מאכען דער שעהנע נאַבטיגאל, און האט קיין אהנונג געהאט, דאס דיעזעס ארמע מעדכען ערווארטעט א געפאהר. צו רודאָלפ׳ס גרויסען בעדויערען האט ער דער מארקיזין ניט געקענט זעהן. ווען זיא האָט פערלאסען דעם אמבאַ־סאַדאָר׳ס באל האט זיא געדעכענט צו בעזוכען א צווייטען באל ביי מאדאם נער־וואַל; אבער זיא וואר זעהר אויפגערעגט און האט געפיהלט זעהר שלעכט, און דא־רום איז זיא גלייך אבגעפאָהרען אהיים.

דיעזער שריט האט זיא רואינירט. רודאָלף האט געשיקט דעם באראָן פאָן גראון ער זאל געהן צום באל פון מאדאם נערוואל און זאל דאָרט דער מארקיזין זאָגען, אז דער פּרינץ וויל זיא דורכאויס זעהן דיעזע נאכט; דער פּרינץ וועט זיא ערווארטען ביי׳ן טויער פון איהר וואוינונג און ווען זיא וועט קומען צו איהר הויז וועט ער מיט איהר רעדען וועגען א העכט וויכטיגע זאך דורך דעם פענסטער פון איהר עקיפּאַזש.

נאכדעם וויא דער באראָן האט דער מארקיזען איבעראל געזוכט איז ער צור־ריקגעקומען מיט א רעפּאָרט, אז ער קען זיא ניט געפינען. רודאָלף איז געוועזען פער־צווייפעלט; ער האט בעשלאָסען דאס פריהער פון אלעס איז זעהר וויכטיג ער זאָל דער מארקיזין מעלדען פון דאס געפאהר וואס איהר ערווארטעט, און אז זיא איז דער קרבן פון שרה׳ס א פערשווערונג; אבער ליידער וואר עס צו שפּעט. דער בריעף וואס שרה מעקגרעגאָר האט געהייסען שיקען איז געווים דעם מארקיז דע הארוויל אָבגעגעבען געוואָרען בעפאר איינס אוהר פון יענער נאכט.

— — — — — — — — — — — — — —

עס איז געקומען דער פריה־מאָרגען: דער מארקיז דע הארוויל לויפט ארום איבער זיין שלאָפצימער; דיא בעט איז נאך ניט פערבעט געוואָרען, אָבער דיא זיי־דענע דעקע איז צוריסען אין שטיקער. אין מיטען צימער ליעגען א פּאאר שטוהלען מיט אויסגעדרעהטע פיס; דער גאנצער באָדען איז פערדעקט מיט צובראָכענע ליכט צובראָכענע לייכטער און גלעזער. דער גאנצער צימער האט אויסגעזעהן וויא נאך א ביטערען געשלעג.

מארקיז דע הארוויל איז געווען דרייסיג יאהר אלט; זיין געזיכט וואר אימער שטארק און מוטהיג; אבער יעצט האט ער אויסגעזעהן בלאס און פאַל מיט כעס. ער האט נאך געטראָגען זיין אבענד קלייד; זיין האלז וואר נאקעט און זיינע קליידער האבען אויף איהם געהאנגען. זיין העמד וואר צוריסען און בעפלעקט מיט איינִיגע בלוט פלעקען.

נאכדעם וויא ער איז געלאפען איבערן צימער אהין און צוריק, מיט פערליינגטע אַרמס, אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אנגעשטעלטע, בלוט אנגעגאָסענע אויגען איז ער פּלוצלונג שטעהן געבליבען, האט ארויסגענומען דעם בריעף וואס ער האט ערהאַלטען און האט איין איהם צום צוואנציגסטען מאל געלעזען:

„מאָרגען אום איינס אוהר וועט אייער ווייב געהן צום נומער 17 טעמפּעל שטראַסע, צו זעהן איהר געליעבטען. געהט איהר נאך און איהר וועט אלעס וויסען. דער גליקליכסטער מאן.“

וועהרענד ער האט דיעזען בריעף געלעזען האבען זיינע בלאָע ליפּען געציטערט און ער האט קוים וואס אויסגעשפּראָכען בוכשטאַב פאר בוכשטאַב.

ביי דיעזען אויגענבליק האט זיך דיא טהיר געעפענט און א דינער איז אריין אין צימער. דער דינער וואר אלט מיט גראָע האר און האט געהאט א פריינדליכען, גוטהערציגען בליק.

— וואס ווילסט דוא דא? — האט דער מארקיז געפרעגט.

אנשטאט צו ענטפערען, האט דער דינער געווארפען זיינע בליקען אויפ'ן נאַנ־צען צימער און נאכדעם וויא ער האט זיין הערר בעטראַכט פון קאָפּ ביז דיא פיס האט ער אויסגעשריען:

— בלוט אויף אייער העמד! גוטער גאָט, איהר זייט פערוואונדעט מיין הערר! איהר זייט גאַנץ אליין, ווארום מיין הערר האט איהר ניט געקלונגען נאך מיר ווען איהר זייט געווען —

— האָסט שוין אנגעפאַנגען!

— ענטשולדיגט מיר מיין הערר; אין אייער צימער איז יעצט זעהר קאַלט און בעזאָנדערס נאך אייער — אייער —

— זיי שטיל! לאז מיך אליין, זאג איך דיר!

— אבער מיין הערר! — האט געענטפערט דער ערגעבענער דינער און האט זיך געטרייסעלט — איהר האט פערלאַנגט, אז מאָנסיו דאַבלעט זאל דאָ זיין אום האַלב נאך צעהן אוהר; ער איז דאָ מיטן נאָטאַר.

— יא, — האָט דער מארקיז געזאגט מיט א פינסטערען בליק — ווען א מאן איז

רייך מוז ער אכטונג געבען אויף זיינע געשעפטען! געה און פיהר זיי אריין אין מיין שטודיר צימער.

— זיי זיינען שוין דארט, מיין הערר.

— גיב מיר מיינע קליידער, שנעל, איך וויל באלד אויסגעהן.

— אבער מיין הערר —

— טהו וואס איך זאג דיר יוסף. איז מיין דאמע שוין אויף?

— איך רעכען אז איהרע גנאדען האבען נאך ניט געקלונגען.

— זאגט מיר אן ווען זיא וועט קלינגען.

— יא, מיין הערר.

— רוף פהיליפען ער זאל דיר העלפען, זאנסט וועסט דוא קיין מאל ניט פער־טיג ווערען.

— אבער איך בעט אייך מיין לארד, ערלויבט מיר צו מאכען אלעס אין ארד־נונג, דען מען קען נאך פערשטעהן, וואס דא האט זיך אבענדס אבגעטהאן.

— און ווען זיי ערפאהרען עס וועט עס זיין שרעקליך, איא? — האט דער מאר־קיז געזאגט אין א טאן פון ביטערען שפאס.

— אה, מיין לארד, געלויבט איז גאט, קיינער האט נאך דעם קלענסטען פער־דאכט.

— ניין, ניין. אה ניין! קיינער פאלט ניט איין צו פערדעכטיגען.

ווערענד יוסף האט זיך בעשעפטיגט צו ברענגען דעם צימער אין ארדנונג, האט דער מארקיז ארויסגענומען וואפען פון א שראנק און האט עס בעטראכט פון אלע זייטען, און ווענדענדיג זיך צום דינער האט ער געזאגט:

— איך האב מורא, אז דוא האסט פערגעסען צו רייניגען דיא ביקסען און דיא רעוואלווערס וואס ליעגט אין צווייטען צימער.

— אייערע גנאדען האבען מיר עס ניעמאלס בעפוילען.

— יא איך האב עס דיר געהייסען, נור דוא האסט עס פערגעסען.

— ניין, מיין הערר, איך בעשטעה אויף מיינע דיענסט פערטיגקייט.

— אבער זיי מוזען זיין אין שלעכטען צושטאנד.

— עס איז ערשט א מאנאט, מיין הערר, זייט מען האט זיי געבראכט פון שמידט.

— אבער דאס מאכט ניט. גלייך וויא איך טהו מיך אן, געה און בערייט זיי פאר. איך וועל פיעללייכט מארגען געהן אויפ'ן יאגד און וויל דיא ביקסען זאלען זיין פערטיג.

— איך וועל עס טהאן, מיין הערר.

דער מארקיז האָט זיך אנגעצויגען און איז אוועק אין זיין שטודיר צימער, וואו מאָנסיו דאָבלעט און א נאָטאר האבען איהם ערוואַרטעט.

— דאָס פאפיר איז פערטיג, מעהר וויא אייער אונטערשריפט איז ניט נויטהיג. דער נאָטאר וועט עס לעזען, — האט מאָנסיו דאָבלעט געזאָגט.

— האט איהר עס געלעזען? — האט דער מארקיז געפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— דאס איז גענוג פאר מיר, איך וועל עס אונטערשרייבען.

— דאָס פאפיר איז גלייך אונטערשריבען געוואָרען און דער נאָטאר האָט עס צוגענומען.

— מיט דיעזען פאפיר, — האט מאָנסיו דאבלעט געזאָגט, — ווערט אייער הכנסה פון לאנד און הויזאייגענטהום ניט וועניגער וויא הונדערט און זעקס און צוואנציג טויזענד פראנק. ווייסט איהר מיין לאָרד, אז עס איז זעלטען צו האבען אזוי פיעל געלד אין לאנד?

— אָה, איך בין א גליקליכער מאן, מאָנסיו דאָבעלט. הונדערט און זעקס און צוואנציג טויזענד פראנק פון לאנד, וואס נאָך קען מען פערגלייכען צו דעם?

— יא, און מיר רעכענען ניט אנדערע אייגענטהום, וואס בעטרעפט איבער צוויי מיליאָן, אויך רעכענען מיר ניט —

— אָה, ריכטיג, ניט רעכענענדיג אנדערע קליינע זאכען, אויף וואס איך האב א רעכט.

— גאָט זאל זיין געלויבט, מיין לאָרד. אין דער טהאט, דאַרפט איהר ניט מעהר; יוגענד, רייכטהום, געזונד, אלע ברכות צוזאמען, און איבער אלע ברכות, ערלויב איך מיר צו זאגען, — האט מאָנסיו דאָבלעט געזאָגט מיט א פריינדליכען שמייכעל — זייט איהר דער גליקליכער מאן פון דער שעהנסטער און אנשטענדיגסטער פאריזער דאמע און דער פאטער פון א קליינע טאָכטער, וואָס האט ניט איהר גלייכען אין שעהנקייט.

דע הארוויל האט געוואָרפען א טרויעריגען בליק אויפ׳ן רעדנער און מיט דער ביטערסטער איראָני וועלכע לאזט זיך ניט בעשרייבען, האט ער איהם א קלאפ געטאהן אויפ׳ן פלייצע און האט געזאָגט:

— מיט הונדערט און זעקס און צוואנציג טויזענד פראנק פון הייזער, און א ווייב און א קינד וויא מיינע, דארף א מענש שוין מעהר ניט פערלאנגען, — איז דאס וואס איהר ווילט מיר זאגען?

— ניין, מיין הערר, — האט מאָנסיו דאבעלט געענטפערט — עס בלייבט נאָך איבעריג צו ווינשען דאס לעבען; צו לעבען אזוי לאנג, ביז מען זעהט קינדס קינדער, דאס איהר זאלט זיין אן עלטער זיידע און דיא מארקיזין אן עלטער באָבע.

— אָה, איהר זייט א גוטער מענש און איהר ווינשט גוטע זאכען.

— מיין לאָרד, איהר זייט זעהר פריינדליך, האט איהר מיר עטוואָס נאָך צו בעפעהלען?

— יא, איין קליינע פראגע. וויפיעל געלד האט איהר אין דער קאסע, פער־טיג צו געברויכען צו יעדער צייט?

— נייןצעהן טויזענד דריי הונדערט פראנק פאר לויפענדע אויסגאבען, ניט רעכענענדיג דאס געלד אין באַנק.

— ברענגט מיר צוואנציג טויזענד פראנק אין גאלד און לאָזט עס איבער ביי יוסף'ן אויב איך בין ניטאָ.

— נאָך הייטע?

— יא, נאָך הייטע.

— דאָס געלד וועט דאָ זיין אין א שטונדע ארום. האט איהר נאָך עטוואָס צו בעפעהלען?

— ניין, מאָנסיו דאָבלעט.

קוים האט זיך דיא טהיר צוגעמאכט הינטער דעם פריוואט סעקרעטער אזוי איז דער מארקיז געזונקען אין זיין שטוהל וויא דער העכסט אונגליקליכסטער מאַן. ער האט צוגעדעקטביידע אויגען מיט זיינע הענד און האט געוויינט וויא א קליין קינד. עס ווארען דיא ערשטע טרערען וואס ער האט פערגאָסען זייט ער האט נעכטען ביינאכט ערהאלטען דעם טרויעריגען בריעף.

— אָה, — האט ער געוויינט — אָה ביטערער שפאס פון שיקזאל צו מאכען מיך רייך! וואס קען איך יעצט אריינלעגען אין מיין גאָלדענעם שראנק? מיין שאנדע! — קלעמענס פערדאָרבענהייט! דעם פלעק וואס איהר אויפפיהרונג וועט זיעגלען אויף דעם אונשולדיגען שטערן פון אונזער קליינער טאָכטער. זאל איך מאכען א סקאנ־דאל? זאל איך איהר שאנדע פאר דער וועלט ענטדעקען, אדער זאָל איך מיטלייד האבען איבער אונזער קינד און זאל בעגנאדיגען דער פערברעכערען? — פלוצלונג האט ער אָנגעשטעלט זיינע אויגען, האט פערקריצט מיט דיא צייהן און האט גע־שריען:

— ניין, ניין בלוט, בלוט! א פירכטליכע ראכע פאר דעם בעטראָגענעם. אָה, יעצט פערשטעהע איך איהר קאַלטקייט צו מיר! געזונקענעם, אונגליקליכעם פרוי!

נור פלוצלונג איז ער ווידער שטעהן געבליעבען קאלט און האט לאנגזאם געזאָגט:

— איהר האס, אָה, איך פערשטעה גאנץ גענוי דיא אורזאכע דערפון — איך האלט זיא אימער אין פורכט און אין מורא. אבער איז דאס מיין שולד? דארף זיא צו ליעב דעם זינקען? פערדיען איך דען ניט מיטלייד? ניין, ניין, בלוט, בלוט! קיין זאך נור בלוט, דאָס בלוט פון זיי ביידען! דען זיא האט איהם געוויס אלעס ערצעהלט!

דער מארקיז האט זיך א ווילע פערטראכט. ער איז געשטאנען און האט איבערלעגט זיין פלאן און האט זיך בערעכענט, אז פריהער פון אלעס איז פאר איהם נויטהיג ער זאל זיך וויזען קאלט און רוהיג פאר זיינע דיענער. ער האט זיך אביסעל אבגערוהט און איז ווידער אריין אין זיין שלאָפצימער. דאָרט האט ער געפונען זיין אלטען דיענער.

— נו, האט איהר דיא רעוואָלווערען?

— היער זיינען זיי, מיין לאָרד, זיי זיינען אין בעסטען צושטאנד.

— האט מיין דאמע שוין געקלונגען?

— איך וויים ניט מיין לאָרד.

— געה און פרעג נאך.

גלייך וויא דער דיענער איז ארויס פון צימער האט דער מארקיז גאנץ שנעל ארויסגענומען פון שראנק אביסעל שיס־פולווער, אביסעל קוגלען און פאטראָנען און האט דעם שראנק גלייך ווידער פערשלאָסען. דאן האט ער גענומען דיא בעסטע צוויי רעוואָלווערען האט זיי בעהאלטען אין זיין טאשע. איידער ער האט נאך געענדיגט זיין ארבייט איז דער דיענער צוריק געקומען און האט געמאָלדען, אז דיא מארקיזין איז אין איהר צימער.

— האט מיין דאמע בעפאָהלען מען זאָל איהר ברענגען אן עקיפאזש?

— ניין, מיין לאָרד. איך האב געהערט וויא דיא דיענסט האט דעם קוטשער געזאָגט, דאס הייטע איז קאלט און טרוקען און אויב דיא מארקיזין וועט הייטע שפאצירען, וועט זיא געהן צופוס.

— זעהר גוט, איך וועל ערשט מאָרגען געהן אויפ'ן יאגד. זאָגט ווילליאמען ער זאָל אכטונג געבען אויפ'ן קליינעם גרינעם וואָגען, דוא פערשטעהסט מיך?

— יא, מיין הערר. וועט איהר הייטע ניט דארפען אייער שפאציר שטאָק?

— ניין, זאג מיר נור אויב איין קארעטע געפינט זיך ניט וויט פון היער.

— ניט וויט פון היער, ביין ארייננאנג אין ליליע שטראסע?

נאך א קליינעם נאכדענקען האט דער מארקיז געזאָגט:

— געה און פרעג אויב מען קען דער מארקיזין זעהן.

יוסף איז ארויס פון צימער.

— יא, — האט דער מארקיז געזאָגט מיט א זיפץ — עס וועט זיין אזוי גוט וויא יעדע אנדער דראמע. יא, איך וועל זיא בעזוכען און וועל בעטראכטען דיא ווייכע, שטילע מאסקע, וואס פערדעקט איהרע שמוציגע, נידערטרעכטיגע פלענער; איך וועל זיך צוהערען צו דיא ליגענס וואס געהן ארויס פון איהרע שעהנע ליפען וועהרענד איך קען זעהן דעם אבגרונד פון איהר פערדאָרבענעם הערץ. אָה! עס איז ווירקליך אינטערעסאנט צו זעהן וויא אזוי א פרוי קען רעדען, ענטפערן, און פערברייננגען מיט איהר מאן און דעם נעבסטען אויגענבליק געהט זיא פערשפּאָטען זיין נאָמען און זיינע רעכטע פאר א ניעדעריגע, לומפּיגע זעעלע, וואס פערפלעקט דעם מאנ׳ס נאָמען, וועלכען נור בלוט קען אבוואשען. נארר וועלכער איך בין! זיא וועט קוקען אויף מיר מיט דיא געוועהנליכע זיסע אייגעלעך; זיא וועט מיך גריסען מיט דעם זעלבען זיסען שמייכעל וועלכען זיא שענקט איהר טאָכטער, ווען זיא קושט דעם ווייסען שטערען פון איהר אונשולדיגעס קינד. זיי זאָגען דיא אויגען זיינען דער שפּיגעל פון דער זעעלע. הא, הא, הא! וואָס עהרליכער און אונשולדיגער דיא אויג זעהט אויס אלס פאלשער און פערדאָרבענער איז דאָס הערץ. מיין ווייב איז דיא פּראָבע דערפון און איך וואר דער נארר! אָה, איך ווער משוגע! אָה, וויא וועט זיא מיך פעראכטען און אויסלאַכען, דאס וועהרענד זיא געהט זעהן דעם צווייטען בין איך געקומען געבען איהר נייע בעווייזע פון מיין ליעבע און טרייהייט! אה, ניין, ניין, ניין! איך געה זיא ניט זעהן. איך וויל זיא ניט זעהן. ניעמאלס, ניעמאלס זאָל איך זיא שוין זעהן, אויך איהר קינד וועל איך מעהר ניט זעהן. איך קען דאן שוואך ווערען אין מיין ראכע פּלאן, און וועל ווידער בלייבען א נארר.

דער מארקיז איז ארויס פון זיין צימער, אָבער אנשטאט צו געהן זעהן דער מארקיזין האט ער צו איהר קאמער־מעדכען געזאָגט:

— זאָגט דער מארקיזין דאס איך האב געוואָלט מיט איהר שפּרעכען, נור איך מוז יעצט אויף א ווייל אבגעהן. אויב עס איז איהר אנגענעהם, וועלען מיר הייטע עסען צוזאמען אונזער פריהשטיק פונקט אום 12 אוהר.

— רעכענענדיג, אז איך וועל באלד צוריק קומען וועט זיא פיעללייכט דענקען, אז זיא איז מעהר בערעכטיגט צו געהן וואוהין זיא וויל, — האט דער מארקיז גע־קלעהרט און איז אוועק.

ער איז אריין אין דער ליליע שטראסע און אריינשפּרינגענדיג אין א קארעטע האט ער צום קוטשער געזאָגט:

— איך נעהם דיך פון שטונדע, קוטשער.

— זעהר גוט, מיין הערר. יעצט איז האלב נאך עלף, וועלכען וועג?

— פאָהר פאָרווערטס, צום גארטען, פון מארקיז דע הארוויל און שטעל זיך הארט ביין וואנד.

— צופריעדען, מיין הערר.

מארקיז דע הארוויל האט אראָבגעצויגען דיא פאָרהאנגען איבער דעם פענס־טער. דיא קארעטע איז באלד געשטאנען ביי זיין גארטען, וועלכער איז געווען פונקט געגענאיבער דעם אריינגאנג אין זיין הויז. דער מארקיז איז יעצט געשטאנען אין אזא פאזיציאָן דאס קיינער האט געקענט פון זיין הויז ארויסגעהן און ער זאל איהם ניט זעהן. דיא מארקיזין האט בעשטימט איהר וויזיט אויף איינס איהר און איהר מאן האט געווארט מיט אונגעדולד. זיינע געדאנקען האבען זיך איהם אזוי געמישט, דאס דיא צייט איז פאָראיבער איידער ער האט זיך אומגעקוקט. דער זייגער פון טהורם האט געשלאָגען דיא צוועלפטע שטונדע און דיא טהיר פון זיין הויז האט זיך גע־פענט. דיא מארקיזין קלעמענס דע הארוויל איז לאנגזאם ארויס אין גאס.

— שוין! — האט געשריען דער אויפגעפלאמטער מאן — וויא פינקטליך זיא איז! זיא וויל ניט דער צווייטער זאל אויף איהר איין אויגענבליק ווארטען!

דיא לופט וואר ביטער קאלט, דיא גאסען ווארען זעהר טרוקען. קלעמענס האט געטראָגען א שווארצען מאנטעל און א לאנגען שווארצען וואואל.

מארקיז דע הארוויל האט אויפגעצויגען איין פאָרהאנג און האט צום קוטשער געזאגט:

— קוטשער, זעהסט דוא יענע דאמע אין שווארצען מאנטעל און שווארצען וואואל?

— יא, מיין הערר.

— פאָהר נאך איהר זעהר לאנגזאם. אויב זיא וועט נעהמען א קארעטע, דארט וואו איך האב דיך גענומען, דאן ווארט ביז זיא פאָהרט אב פאָראויס און פאָהר איהר נאך.

— יא, מיין הערר, דאס טהו איך גערען.

באלד וויא דיא מארקיזין איז געקומען אין דער צווייטער שטראסע האט זיא גענומען א קארעטע און איז אבגעפאָהרען. הארט נאך איהר איז געפאָהרען איהר מאן.

זי זיינען פיעל ניט געפאָהרען און דער קוטשער האט זיך אבגעשטעלט ביי א קירכע.

— וואָרום פאָהרסט דוא ניט?—האט דער מארקיז אונגעדולדיג געפרעגט.

— מיין הערר, דיא דאמע איז אריין אין קירכע. גאט זאל מיך אויך בענשען פאר איהר תפלה!—האט דער קוטשער געענטפערט.

א טויזענד פערשיעדענע געדאנקען זיינען יעצט בעפאלען דעם מארקיז. אָנ־פאנגס האט ער געדאכט, אז זיין ווייב האט געפיהלט, אז מען פאָהרט איהר נאך האט זיא בעשלאָסען אראָפצופיהרען איהם פון וועג. שפּעטער א ווילע האט ער גענומען דענקען, טאָמער איז דער בריעף א שענדליכע פערליימדונג פון איינעם וואס האט איהם געוואלט ערגערען. אויב קלעמענס איז ווירקליך א פערברעכערין, וואס קען זיא געווינען מיט דיעזע פאלשע פרומקייט?

אויף א ווילע האט א שטראהל פון פריידע בעלויכטען זיינע געדאנקען. אבער ריעזע פריידע וואר ניט אויף לאנג. דער קוטשער האט זיך וויעדער אנגעלעהנט צו איהם און האט געזאָגט:

— מאָסיו, דיא דאמע שטייגט וויעדער איין אין איהר קארעטע.

— פאהר איהר נאך.

ביידע קארעטען זיינען דורכגעפאָהרען איינִיגע גאסען ביז זיי זיינען ענדליך גע־קומען צו דער טעמפעל שטראסע.

דער קוטשער האָט זיך וויעדער אנגעלעהנט און האט געזאָגט:

— מאָנסיו, דער ערשטער וואָגען האט זיך אבגעשטעלט ביי נומער 17. מיר זיינען ביים נומער 13. זאלען מיר אויך בלייבען שטעהן?

— יא.

— מאָנסיו, דיא דאמע איז אריין אין נומער 17.

— לאָז מיך ארויס.

— יא, מיין הערר.

אין איינִיגע סעקונדען איז דיא מארקיזין געוועזען ביי דיא טרעפּ און איהר מאן אין געשטאַנען ביי שוועל.

מאדאם פּיפּעלעט, וועלכע האט שוין דעם גאסט ערוואַרטעט האט צוזאמענ־געקליבען איינִיגע פרויען און צו זאמען מיט מאָנסיו אלפרעד פּיפּעלעט האבען זיי ביין טהיר אבגעוואַרט דיא קוריאָזיטעט. דער קאָרידאָר וואר אזוי פינסטער, דאס ארייננעהענדיג פון גאס האט מען דיא טרעפּ קוים געקענט זעהן. דיא מארקיזין

וואר געצוואונגען צו רעדען מיט דער הויזקיפּערין, און אין א צובראָכענעם, אונטער־
שיקטען קול האט זיא געזאָגט:

— מאדאם וואו זיינען דיא טרעפּ?

— ווארט א ווײלע, מאדאם, איך מעג וויסען ווּעמען איהר זוכט.

— איך וויל זעהן מאָנסיו טשארלעס, מאדאם.

— מאָנסיו ווער? — האט דיא אלטע פרוי געפרעגט מאכענדיג זיך וויא זיא
הערט ניט, אום זיא, איהר מאן און דיא איבעריגע ווייבער זאלען האבען אנגעלע־
גענהייט צו בעטראכטען דער אונגליקליכער פרוי, וועלכע איז געווען פערדעקט מיט
א לאנגען שלייער.

— איך פרעג אויף מאָנסיו טשארלעס, מאדאם, — האט דיא מארקיזין געענט־
פערט מיט א קול וואס האט נאָך מעהר געציטערט פון שאנדע און ערנידערונג.

— אָה! מאָנסיו טשארלעס — זעהר גוט, איהר האט געשפּראָכען אזוי שוואך,
דאָס איך האב אייך ניט געקענט הערען. אויב איהר ווילט זעהן דעם שעהנעם
טשארלעס, דאן דארפט איהר געהן גלייך ארויף, זיין טהיר איז אויפ'ן ערשטען עטאזש
גלייך פאר אייער נאָז.

דיא מארקיזין האָט זיך געלאָזט געהן אויף דיא טרעפּ. וואלט עס ניט געווען
אונבעדינגט נויטהיג צו געהן צוריק איבער דעם בינדעל ווייבער, וואס זיא האט בע־
געגענד ביי דיא טרעפּ, וואלט דיא ערשראָקענע און פערשעהמטע מארקיזין צוריק־
געלאָפען אהיים איידער זיא האט אנגעקוקט דיא אויבערשטע טרעפּ. זיא האָט זיך
אבער געשעהמט פאר דיא פרויען צו געהן צוריק און האט זיך בעסער געלאָזט
אויפ'ן ים....

וואס וואר פּלוצלונג איהר אבהאלט? — — — זיא האט פּלוצלונג דערזעהן
וויא זיא שטעהט געזיכט פאר געזיכט מיט פּרינץ רודאָלף, וועלכער האט אריינגע־
שטופּט א געלד־בייטעל אין איהר האנד און האָט האסטיג געזאָגט:

— אייער מאן וויים פון אלעם און געהט אייך נאָך!

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זיך דערהערט פּיפּעלעטס שטימע, וועלכע
האט געשריען:

— וואוהין לויפט איהר, מיין הערר?

— דאס איז ער! — האט רודאָלף אויסגעשריען, און דאן האט ער וויא מיט
גוואלד ארויפגעטראָגען דער מארקיזין אויפ'ן צווייטען עטאזש און האט געזאָגט:

— לויפט שנעל אויפ'ן פינפטען עטאזש, זאָגט אז איהר זייט געקומען העלפען
אן ארמע פאמיליע מיט'ן נאמען מארעל!

— מיין הערר, אויב איהר צייגט מיר ניט ועמען איהר ווילט זעהן, קענט איהר נזר געהן איבער מיין קערפער,—האט דיא אלטע פיפעלעט געקוויטשעט, וועהרענד זיא האט פערצאמט דעם וועג פאר'ן מארקיז.

— איך בעגלייט דיא דאמע, וועלכע איז ערשט ארויף אויף דיא טרעפ,—האט דער מארקיז ערקלעהרט נאכדעם וויא ער האט געזעהן, אז זיין וועג איז פערצאמט.

— אָה, דאָס איז וואס אנדערש, איהר קענט געהן!—האט פיפעלעט געענטפערט און האט איהם געמאכט פריי דעם וועג.

הערענדיג דעם אונגעוועהנליכען טומעל אויף דיא טרעפ, האט דער קאָמאנדיר טשארלעס ראָבערט אביסעל געעפענט זיין טהיר; רודאָלף האט זיך האסטיג ארייננעהאפט אין קאָמאנדיר'ס הויז און האט דיא טהיר פערהאקט פון אינוועניג אין דעם זעלבען אויגענבליק וואָס דער מארקיז איז געוועזען ניט ווייט פון זיי. דער פרינץ האט מורא געהאט מאָמער וועט איהם דער מארקיז ערקענען זאגאר אין דיעזען פינסטערען קארידאָר און דארום האט ער זיך ארייננעהאפט אין הויז. דער קאָמאנדיר איז געוועזען רייך און גרויסארטיג פערקליידעט און פערפוצט, בעגאָסען און בעשמירט. ער איז געבליבען שטעהן ערשטוינט פון רודאָלף'ס ארייגפאלען אין זיין הויז. ער האָט רודאָלף'ן ניט געקענט. אויפ'ן באל ביי'ן אמבאסאָדאר האט ער איהם ניט געזעהן, און רודאָלף איז יעצט איבערהויפט געוועזען זעהר איינפאך פערקליידעט.

— מאָנסיו,—האט דער קאָמאנדיר זעהר בייז געזאָגט—וואס זאל דאס בעדייטען?

— שטיל!—האט רודאלף געזאָגט אין א נידעריגען, אבער בעפעהלענדען טאָן, וועלכער וואר געמישט מיט כעס, דאָס דער קאָמאנדיר איז געבליבען שטיל וויא א שטומער.

א שטארקער קלאָפ, וויא פון א קערפער וואס פאלט און קייקעלט זיך איבער אלע טרעפ, האט פערהילכט איבער'ן גאנצען הויז.

— אונגליקליכער מאן, ער האָט זיא ערמאָרדעט!—האט רודאָלף אויסגעשריען.

— ערמאָרדעט? ווער? וואָס טהוט זיך דאָ?—האט דער קאָמאָנדיר געפרעגט מיט א נידעריגען קול און איז געוואָרען בלאס וויא קאלך.

ניט ענטפערענדיג א ווארט האט רודאָלף לאנזאם געעפענט דיא טהיר און האט געזעהן וויא האָפי קייקעלט זיך איבער דיא טרעפ און האלט אין האנד דאָס בייטעל געלד וואָס רודאָלף האט דער מארקיזין געגעבען. אין אן אויגענבליק איז האָפי פערשוואונדען און דיא לייכטע שריט פון דער מארקיזין און דיא טריט פון

איהר מאַן, וואָס געהט איהר נאָך האָט מען פון וויטען געקענט הערען.

רודאָלף איז געוואָרען זיכער, אַז דיא מאַרקיזין איז גערעטעט, ער האָט נור ניט געקענט פערשטעהן, וויא דאָס געלד איז געקומען אין האָפּי'ס הענד. ער האָט זיך געווענדעט צום ערשראָקענעם קאָמאַנדיר און האָט מיט אַ קול פון אַ הערשער געזאָגט:

— וואָגט ניט ארויסצוגעהן פון אייער צימער דיא נעכסטע פּאאר שעה!

— וואָס הייסט דאָס, ווארום זאָל איך ניט ארויסגעהן פון מיין הויז?! — האָט טשאַרלעס ראָבערט געשריען מיט כעס, און זאָגט מיר, ווער זייט איהר און וויא וואָגט איהר מיר צו דיקטירען? ווער האָט אייך געגעבען דאָס רעכט? זאָגט מיר וואָס בעדייטעט דאָס אַלעס?

— לאָרד דע הארוויל וויים פון אַלעס, ער האָט נאָכגעשפּירט זיין ווייב ביז אייער טהיר, יעצט געהט ער נאָך זיין ווייב ביז דעם לעצטען עטאַזש.

— אַה, מיין גאָט! — האָט דער קאָמאַנדיר אויסגעשריען פון פערצווייפלונג — אבער וואָס קען זיא טהאָן אויפ'ן לעצטען עטאַזש און וויא אַזוי קען זיא פון דאָרט ארויס?

— בלייבט שטיל אין אייער אָרט, און וואָגט ניט צו מאַכען אַ שריט, ביז פּיפּעלעט גיט אייך אַ צייכען! — האָט רודאָלף געזאָגט און איז שנעל ארונטער צום הויזקיפּער.

— אָה, מיר בעטען אייך, ערצעהלט אונז אַלעס! — האָט מאַדאַם פּיפּעלעט געזאָגט און האָט געטאַנצט פאַר פריידע — דיא אינטריגע וואַקסט אַלס גרעסער און גרעסער. אַ מאַן לויפט נאָך דער קליינער דאַמע. איך בין זיכער, אַז ער איז איהר מאַן. איך האָב עס גלייך פערשטאַנען און דארום האָב איך איהם נעלאָזט געהן. ער וועט דעם קאָמאַנדיר ערמאָרדען, אָדער דער קאָמאַנדיר וועט איהם ערמאָרדען און עס וועט ווערען אַ טומעל איבער דער גאַנצער גאַס און אַלע לייטע וועלען צו־זאַמענלויפען אַנקוקען אונזער הויז וויא זיי זיינען געלאָפען צום נומער 36, וואו אַ מאַן איז ערמאָרדעט געוואָרען. מיך וואונדערט נור, ווארום הער איך נאָך ניט וויא זיי שלאָגען זיך.

— מיין טהייערע מאַדאַם פּיפּעלעט, ווילט איהר מיר טהאָן אַ גרויסע טובה? — האָט רודאָלף געזאָגט אריינלייגענדיג פינף רענדלעך אין דער אַלטער פרוי'ס האַנד, — ווען דיא קליינע דאַמע וועט אַראָפּגעהן פון דיא טרעפּ, פרעגט איהר וואָס דיא אַרמע מאַרעלס מאַכען. זאָגט איהר, אַז זיא טהוט דיא גרעסטע מצוה דערמיט

וואס זיא האט אייך פערשפּראָכען דאס לעצטע מאל ווען זיא איז געקומען אויף זיי פּרעגען.

מאַדאם פּיפּעלעט איז געוואָרען צוטומעלט. זיא האט צו ערשט אנגעקוקט דאס געלד נאכדעם רודאָלף'ן.

— וואס איז דאָס מיין הערר, איז דאס געלד פאר מיר? איז דיא קליינע דאַמע ניט ביין קאָמאנדיר?

— דער מאַן וואס לויפט איהר נאך איז איהר מאַן. זיא האט אבער בעצייטענס געהאט א ווארנונג און זיא איז אוועק צו דיא מאַרעלס. גלייך וויא זיא איז געקומען זיי העלפען. פערשטעהט איהר מיך?

— אויב איך פערשטעה? א חידוש! איין וואונק איז פאר מיר אזוי גוט וויא א שמייץ פאר א בלינדען פערד. איך דארף יעצט העלפען דעם מאַן אבצוטהאָן, און גראדע דערצו בין איך זעהר קלוג. יעדער איינער קען מיינען, אז איך בין נור געבאָרען געוואָרען צו נארען פרעמדע מענער.

— אנאסטאסיא! — האט דער אלטער הויזקיפּער אויסגעשריען — ביזט דוא גלייך צום דאקטאָר בראָדאמאָנטי, וואָס האט קיין רעספּעקט פאר אלעם וואס הייליג איז? אזעלכע ווערטער וויל איך פון דיר ניט הערען, אפילו ווען דוא ביזט מיט דעם מאַן זעהר בעפריינדעט

— זיי נור רוהיג דוא אלטע בעשעפּענים. זיי נור ניט א צו גרויסער צדיק און דרעה ניט אוים דיינע אויגען וויא א חיה. קענסט דוא ניט זעהן, אז איך מאך זיך נור לוסטיג. ווייסט דוא דען ניט, אז אין דער גאנצער וועלט געפינט זיך ניט איין איינציגער מאן וואס זאל זיך קענען בעריהמען דאס ער האט מיט מיר געשפּיעלט ליוביניו, הארציניו. אויב איך וויל דיענען דיעזען יונגען מאַן איז נור צוליעב זיין גוטהערציגקייט, צוליעב דעם, וואס מען קען איהם רופען דער קעניג פון אלע לאָזשירער. איהר וועט זעהן גוטער רודאָלף וויא איך וועל דיא זאך מאכען. איהר וועט נור שטעהן הינטער דעם פּאָרהאַנג און איהר וועט הערען מיין לשון. שנעל, שנעל, זיי געהן!

רודאָלף האט זיך שנעל בעהאלטען. דער מארקיז און זיין ווייב זיינען ארונטער געגאנגען געארמט. ווען זיי זיינען געקומען צום טהיר פון פּיפּעלעטס וואוינונג האט דעם מאַרקיז'ס געזיכט אויסגעדריקט גליקזעליגקייט, איבערראשונג און פערלעגענהייט. קלעמענס וואר שטיל און בלאַס.

— נו, מיין גוטהערציגע דאַמע! — האט מאַדאם פּיפּעלעט געשריען ווען זיא איז ארויס פון איהר הויז — איהר האט געזעהן דיא ארמע מאָרעלס, איז עס ניט געווג צו צוברעכען א מענשענ'ס הערץ? אָה, עס איז אן אמת'ע מצוה זיי צו העלפען.

לעצטען מאָל ווען איהר זייט דאָ געוועזען און איהר האט מיר וועגען זיי געפרעגט האב איך אייך דערצעהלט, אז זיי זיינען העכסט אונגליקליכע. אָה, איהר מעגט זיכער זיין, אז איהר קענט קיין מאָל ניט טהאן צופיעל פאר אזעלכע עהרליכע לייטע. איז עס ניט אזוי, אלפרעד?

אלפרעד, וועלכער האט געהאט א געפיהל פון עהרליכקייט און שטאָלץ, האט געהאלטען פאר א פערברעכען צו העלפען א פרוי אין איהרע ליעבעס אינטריגען און ער האט נור געענטפערט מיט א מורמעלעריי און בורטשעריי, וועלכע קיינער האט פערשטאַנען.

מארקיז דע הארוויל האט אנגעקוקט זיין ווייב מיט ליעבע און בעוואונדערונג און האט געזאָגט:

— אן ענגעל, אן ענגעל! אָה, דוא פרעכער פערליימדער!

— אן ענגעל! — האט איהם מאדאם פּיפּעלעט נאכגעזאגט — איהר האט רעכט מיין העדר, זיא איז אן ענגעל!

— אָה, איך בעט אייך לאָמיר געהן! — האט געזאָגט דיא מארקיזין וועלכע האט געפיהלט, אז זיא וועט חלש'ן פון אלעס וואָס זיא האט בעגעגענד אין דיעזען הויז.

— לאָמיר געהן, — האט דער מארקיז אויך געזאגט.

און אלס זיי זיינען ארויס אין גאס פון דעם פינסטערן קאָרידאָר האט ער געזאָגט:

— אָה, קלעמענס וויפיעל דארף איך בעטען אייער פערצייאונג און אייער מיטלייד.

— אָה, וועה, — האט דיא מארקיזין געזאגט מיט א שטילען און געריהרטען טאָן — וועה וועלכער מענש דארף עס ניט מען זאל איהם פערצייען און ערבאַרמען?

רודאָלף איז ארויס פון זיין בעהאלטענעם אָרט. ער וואר געריהרט פון דער דראַמע, וואס האט זיך ערשט אָבגעשפּיעלט.

— יעצט זעהט וויא גוט איך האב מיין ראָלע אָבגעשפּיעלט, — האט מאדאם פּיפּעלעט געזאגט — דער מאן מיט'ן קוימען אויפ'ן קאָפּ דארף זיין שעהנע ווייב שטעלען אונטער א גלאָז און לאָזען מענשען זיי זאלען זיא אנקוקען. נור זאָגט מיר נור, וואס איז מיט אייערע מעבעל, מען האט עס נאך ניט געבראַכט.

— איך געה זעהן דעריבער, דערוויל קענט איהר זאָגען דעם קאָמאנדיר, אז ער מעג שוין געהן.

— ארמער קאָמאנדיר, דוא האסט גאר קיין מזל! אבער איך בין מיך נוקם

אָן איהם און זיינע צוועלף פראַנק אַ מאָנאַט וואָס ער גיט מיר! שוין פיער מאל וויא ער בלייבט אַ נאַר.

רודאָלף איז אוועק און דיא אלטע פּיפּעלעט איז אוועק צום קאָמאַנדיר. זיא האט אנגעקלונגען און ער האט גלייך געעפענט דיא טהיר.

— קאָמאַנדיר, — האט דיא אלטע פרוי געזאגט — איהר זייט פריי פון ארעסט. זיי זיינען אוועקגעגאַנגען האנד אין האנד, דער מאַן מיט זיין ווייב און אייך האבען זיי געלאזען אליין. דאס איז ניט פיעל, איהר האט זעהר לייכט אבגעשניטען און דערפאר דאַרפט איהר דאנקען דעם גוטען מאָנסיו רודאָלף.

— איז דען יענער הויבער מאַן, מאָנסיו רודאָלף.

— יא.

— און וואָס איז ער פאַר אַ מאַן?

— אָה, ער איז שוין אַ גוטער מאַן.... איך נעהם ניט צוויי פאַר איהם איינעם. ער איז דער קעניג פון אלע לאַזשירער! ער האט נור איין צימער; אבער ער איז ניט קאַרג. ער האט מיר נעגעבען זעקס פראַנק, זעקס פראַנק צום ערשטען קלאַפּ און האט קיין וואָרט גערעדט.

— זעהר גוט! זעהר גוט! נעהמט צו מיין שליסעל.

— זאָלען מיר מאָרגען הייצען דיא צימערן?

— ניין!

— איבערמאָרגען?

— ניין, ניין, ניין! — האט דער קאָמאַנדיר געשריען.

— אָבער מאָנסיו קאָמאַנדיר, איך האב אייך געזאגט, אַז איהר וועט ניעמאַלס האבען דיא דאַמע אין אייער צימער.

מאָנסיו טשאַרלעס ראָבערט האט געוואָרפען אַ פינסטערן בליק אויף דער אַלטער פרוי און איז ארויסגעלאָפען פון צימער, וויא פון אַ געפענגניס.

וויא דער קאָמאַנדיר איז אוועק איז דער קליינער האָפּי אנגעקומען.

— נו, קליינער שרץ, וואָס ווילסט דוא דאָ האבען? — האט דיא הויזקיפּערין געפרעגט.

— איז דיא בלינדע פרוי געוועזען מיך זוכען? — האט דער קליינער גנב געפרעגט.

— וועלכע בלינדע פרוי? וואָצו דאַרף זיא דיך?

— אָה, זיא וויל מיך נעהמען מיט זיך אין דאָרף, איך זאָל האבען אביסעל פרישע לופט.

— און דער דאָקטאָר לאָזט דיך געהן?

— מיין פאָטער האָט איהם געבעטען ער זאָל מיך לאָזען פאָהרען האָפּען פלי־גען. אָבער אָט קומט דיא לילית, אָט קומט זיא! — האָט דער קליינער שרץ געשריען.

אין דער טהאָט איז אַ קאַרעטע אָנגעקומען און אין איהם איז געזעסען דיא לילית. האָפּי האָט זיך שנעל אַריינגעקייקעלט אין וואָגען. דיא לילית איז ניט געוועזען אַליין, אין אַ ווינקעל איז געזעסען דער לעהרער. ער וואָר איינגעוויקעלט אין אַן אַלטען פעלץ און האָט געטראָגען אַ וואַרמע היטעל אַנגערוקט ביז דיא אויגען. זיינע רויטע ברעמען האָבען זיך ניט צוגעמאַכט און צוויי ווייסע אויגען, אָהן לעבען און אָהן בעוועגונג האָבען צוגעגעבען אַ נייען שרעקליכען אויסזעהן צו זיין צובּרענטען און צוריסענעם פּנים.

— קום מיין קעצעלע און זעץ דיך אויף מיין אַלטענס פיס, — האָט לילית גע־זאָגט צום קרומען האָפּי, וועלכער האָט זיך געקייקעלט וויא אַ הינטעלע ביי זייערע פיס.

— טרייב דיא פערד מיט אַלע קרעפטען; פאָהר אבער ניט מיט'ן גלייכען וועג, אום מען זאָל אונז ניט בעמערקען. לאָז דיא פערד זאָלען זיך ניט צושטעלען, ווייל ווען מיר פערשפּעטיגען, קענען מיר הייטע ניט פּאַקען דאָס מיידעל.

— זעהר גוט. איהר וועט הערען וויא מיינע פערד קלאַפּען מיט דיא פיס און לויפען וויא שדים און דאָס מיידעל וועט הייטע געכאַפּט ווערען, — האָט געזאָגט דער קוטשער, וועלכער איז אויך געוועזען אַ רויבער און איינער פון זייער באַנדע.

צוויי שטונדען נאָכדעם, ווען דיא זאָננע איז אונטערגעגאַנגען, איז דיא קאַרעטע מיט דעם לעהרער, דיא לילית און האָפּי האָבען זיך אָבגעשטעלט ניט ווייט פון דער פאַרם וואו נאַכטיגאַל האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון מאַדאַם גערג.

28טעס קאַפּיטעל.

דיא מאָדעל פאַרם.

דער זייגער פון דער קליינער פאַרם בוקוואַל האָט געשלאָגען פינף. דיא קעלט וואָר שטאַרק, דער הימעל זעהר קלאָהר. דיא זאָננע האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָ־זען הינטער דיא גרויסע בוימער.

אין דאָרף האָט יעדער סיזאָן פון יאָהר זיינע אַנציהענדע בילדער. דיעזער קליינער דערפעל איז געוועזען דער שעהנסטער און רייכסטער מיט נאַטור בילדער פון אַלע אַנדערע. אין מיטען זאָמער איז דיעזער דאָרף געלעגען אין אַ בוזים פון גע־דיכטע וועלדער, וויא אַ נעסט אין דיא צווייגען פון אַ בוים. ווינטער האָט זיך דיעזער דאָרף גאַנץ אַנדערש אומגעביטען. דיא אויבערפלעכע איז געוועזען ווייס וויא עס

וואלט געווען געפלאסטערט מיט זילבער, און דיא הויכע בוימער זיינען געשטאנען וויא גראָע אלטע כהנים, וואס בעטען גאָט פאר דער גאַנצער מענשהייט.

דער אבענט איז אנגעקומען און גרויסע סטאדעס פיה זיינען געטריבען געוואָרען פון זייער ווארמען שטאל צום אָרט וואו פרישע וואסער איז פאר זיי פאָרבערייט. א גרויסער וואָגען פאל בעלאדען מיט היי איז געפיהרט געווארען פון דריי שעהנע פערד, וואָס ווארען בעדעקט מיט בלאָע דעקעס בעהאנגען מיט גלעקער און קוטאַסען. דיעזער גרויסער וואָגען איז אנגעקומען אין פארם גראדע דאַן, ווען גרויסע סטאדעס שעפסען זיינען ארומגעלאָפען הין און צוריק אום צו קיהלען זיך אביסעל אונטער דיא גרויסע וואָלגע פעלצען וואס דיא נאַטור האט זיי געשאָנקען. דיא פערד האבען דערזעהן זייערע ווארעמע שטאלען און האבען געהירזשעט פון פריידע; דיא שעפסען האבען זיך אבגעקיהלט און זיינען געקומען צום טהיר פון זייערע הייזער און דיא ארבייטער, וואס האבען אלעם אין אָרדנונג געבראכט האבען זיך געזעצט ארום דעם ווארמען אויווען און האבען זיך אונטערהאלטען א ווילע איידער דער אבענד מאהלצייט איז פערטיג געוואָרען.

אום זיך ניט צו פיעל ארייצולאָזען אין אייבצעלהייטען, וועלען מיר נור זאָגען אז אין יעדער הינזיכט איז דיעזע פארם געווען א מאָדעל פאר אלע אנדערע. אין איהר האט געהערשט רייגליכקייט, אָרדנונג און א נייע סיסטעמע פון ערד־ארבייט. דיעזע פארם האט געהאט ברכה אין איהרע פעלדער, גליק פאר איהרע ארבייטער און פריעדען צווישען איהרע אויפזעהר. אלעס אין דיזער פארם האט געבליהט, אלעס וואר געקליבען און געייפט און דיא מענשען וואס האבען זיך דאָרט אויפגעהאלטען ווארען דיא עהרליכסטע און בעסטע קינדער דער מענשהייט.

מיר וועלען נאך א מאל שפרעכען איבער דיא אורזאכען וואס האבען דיעזע פארם אזוי גליקליך געמאכט. פאָרלויפיג ווילען מיר לאדען דעם געעהרטען לעזער, ער זאל אונז בעגלייטען אין דער געביידע וואו דיא געפליגעלטע בעשעפנעשען האבען זיך געפונען, וויל דיעזע געביידע האט א בעזאָנדערען חן מיט איהר דאך, איהרע נעסטען, און איהר קליינעם טייכעל, וואס איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט מאַרמאָר שטיין, זאָ דאס זאנאר אין דיעזע גרויסע פרעסט האבען דארט קיינע אייז־ליכטעל ניט געקענט ווערען.

א פלעצליכע איבערראַשונג איז געוואָרען אונטער דיא געפליגעלטע איינוואוינער פון דיעזען הויז. דיא היהנער האבען זיך געלאָזט פון זייערע שטייגען, דיא הינדיקעס האבען זיך אנגעבלאָזען, דיא גענז האבען זיך געשטעלט אויף ביידע פיס און

דיא טייבעלעך האבען זיך גענומעז פלעכטען אין דער לופטען. דיעזע פרעהליכע אי־בערראשונג איז פעראורזאכט געוואָרען פון נאכטיגאלס ערשיינונג.

נאך ניעמאלס האבען דיא גרעסטע מאלער געקענט אויסדיכטען אזא פאָל־שטענדיגע שעהנהייט וויא דיא מאריע־בלומע, ווען איהרע באקען וואלטען געווען אביסעל פולער און ראָזער; דאך, טראָטץ דיא בלייכקייט אין איהר געזיכט, איז דער אויסדרוק פון איהר געזיכט, דיא עדעלקייט פון איהר פיגור און דער חן אין איהרע אויגען ווערטה געווען דאס דער גרעסטער מאלער זאל זיא קופירען מיט זיין פענזעל.

זיא איז אריינגעקומען אין דעם שטייג און האט פון איהר שויס גענומען פאָגע הויפענס מיט קערנער און האט עס פערטהיילט צו דער געפעדערטער מחנה, וואס האט זיא ארומגערינגעלט. איין שעהנע טויב, מיט זילבער ווייסע פעדערען, מיט ראָזע פיסעלעך האט זיך ארומגעדרעהט און איז ארומגעפלויגען ארום נאכטיגאלס קאָפּ און האט זיך ענדליך אראָפּגעלאָזט אויף איהר שולטער, וויא א קינד אויף איהר מוטערס הענד. נאכטיגאל, וויא עס שיינט, איז געווען בעקענט מיט דיעזע ליעבע טייבעלעך. מיט דיא הענד האט זיא פאָרטגעזעצט צו שטרייען קערנער, וועה־רענד איהר געזיכט האט זיך אומגעדרעהט צו דער טייבעלע און האט אָנגעשטעלט איהרע שעהנע ליפען פאר דעם ראָזען שנאָבעלע פון דער זילבער־ווייסער טייבעלע. דיא לעצטע שטראהלען פון דער אונטערגעגאנגענער זאָנע האבען בעלויכטען דיעזעס בילד.

וועהרענד נאכטיגאל איז דא געווען צווישען איהרע געפליגעלטע פריינדע, איז מאדאם נעאָרג געזעסען מיט אבאָ לאָפּאָסטע, דער פריסטער פון דיעזען דאָרף ביי'ן אויוון פון גרויסען זאאל און האבען געשפראָכען ווענען דיעזער אנשטענדיגער מעד־כען. דער גייסטליכער איז געזעסען פערדענקט און מאדאם נעאָרג איז געזעסען מיט איהר האנד־ארבייט און האט אויסגעזעהן גלייך וויא זיא ערווארטעט אן אנטוואָרט פון דיעזען אלטען מאן. נאך א קורצען שטיל־שווייגען האט דער אלטער געזאָגט:

— איהר האט רעכט מאדאם נעאָרג, עס וואָלט געווען רעכט צו ערקלעהרען מאָנסיו רודאָלף, דאס אויב ער פרעגט דער מאריע וועט זיא איהם פיעללייכט ענט־דעקען, וואס זיא בעהאלט פון אונז.

— אויב איהר זייט מיט מיר איינשטימיג, וועל איך שרייבען נאך הייטע אבענד אויף דיא אדרעסע וואס ער האט מיר געגעבען, אין וויוו שטראסע.

— ארמעס קינד! — האט דער פריסטער געזיפצט — זיא דארף דאך זיין זעהר גליקליך. וואס קען עס זיין, וואס מאכט זיא יעצט אזוי טרויעריג?

— קיין זאך קען זיא ארויסרייסען פון איהד טרויער; זאגאר איהר פליסינקייט אין לערנען און שטודירען מאכט זיא ניט פרעהליכער!

— דאך האט זיא געמאכט א מערקווירדיגען פראָגרעס זייט זיא איז אונטער אונזער לעהרע.

— עס איז וואונדערבאר! זיא האט אויסגעלערענט לעזען און שרייבען אזוי צימליך גוט צו רעכענען, זא דאס זיא העלפט מיר פיהרען דיא ביכער! און נאָך מעהר, דיעזעס טהייערעס קינד העלפט מיר אין יעדע ארבייט. און דאָך, ניט אכ־טענדיג אויף אלע איהרע בעשעפטונגען געהט זיא איין וויא א ליכט, זאָ דאָס איך מוז מורא האבען פאר איהר געזונד.

— גליקליכער־וויזע האט אונז דער שווארצער דאָקטאָר בערוהיגט, זא דאס מיר דארפען מעהר ניט ציטערען פאר איהר לייכטען הוסט.

— וואס פאר א גוטער מאן מאָנסיו דוד איז! ער אינטערעסירט זיך מיט איהר אזוי פיעל, וויא ער וואלט געווען איהר פאָטער. יאָ, יעדער איינער רעספעק־טירט און ליעבט זיא. דאָס איז אויך קיין וואונדער, דיא לייטע וואס זיינען בע־שעפטיגט אין דיעזען פארם זיינען דיא בעסטע ארבייטער פון דעם געגענד. נור זאָ־גאר דער ערגסטער מענש קען זיא ליעבען און שעצען. אונגליקליכעס קינד, פון וואס קענסט דוא יעצט אזוי ליידען!

נאכדעם וויא אייניגע מינוטען זיינען אוועק אין שטילען דענקען האט דער פריסטער געזאָגט:

— האָט איהר ניט געזאָגט, אז מאריעס טרייעריגקייט האט זיך אנגעפאנגען פון דעם טאָג, וואָס מאדאם דעברואיל, דיא פרוי פון דעם פארמער ביין הערצאָג פאָן לוסעני האט חיער געפייערט איהר „טאג פון אלע הייליגע“.

— יאָ, מיר האט עס געשיינט, איך האָב עס בעמערקט; און דאָך מאדאם דע ברואיל און איבערהויפט איהר טאָכטער קלארע זיינען דער מוסטער פון גוטהערציג־קייט און פריינדשאפט. ביידע פון זיי וויזען איהר טעגליך זייער פריינדשאפט; און וויא איהר ווייסט בעזוכען זיי אונז אם זאָנטאג, אדער מיר געהן זיי בעזוכען אין אר־נאויל. עס שיינט מיר, אז יעדער בעזוך פערגרעסערט דיא מעלאנכאָלי פון אונזער מאריע, אבוואהל דיא גוטהערציגע קלארע ליעבט זיא שוין וויא א שוועסטער.

— דיא ווארהייט געשפראָכען, איז דאָס פאר מיר א געהיימניס. וואס קען זיין דיא בעהאלטענע אורזאכע פון דיעזער מעלאנכאָליע? זיא האט יעצט בעדארפט זיין זעהר גליקליך. צווישען איהר יעצטיגע און פריהערדיגע לאגע איז דאָך אזוי וויא פון

גן־עדן ביז דעם גיהינם, וואו דיא רשעים ווערען בעשטראָפט! און קיינער קען זיא דאך ניט בעשולדיגען מיט אונדאנקבארקייט;

— גרויסער גאָט! זיא אונדאנקבאר? זיא, וועלכע ווערט אזוי געריהרט פון דיא קלענסטע פריינדשאפט. זיא, וועלכע האט דיא שעהנסטע געפיהלען אונטער מענשען. שטרענגט זיא ניט אָן אַלע איהרע קרעפטען צו טאָהן יעדע האנד־ארבייט אום צו פערדיענען איהר ברויט? נאָך מעהר, יעדען זאָנטאג ווען איך לאַד זיא צו געהן מיט מיר אין קירכע און איך הייס איהר זיא זאָל זיך אנציהען אין שעהנע קליי־דער קלייבט זיא אוים אזעלכע קליידער וויא אַלע דאָרפס־מעדכען טראגען, און נאָך אַלעמען האט זיא אין זיך אזא גראציעזען אויסזעהן, דאס אַלעס וואס זיא טהוט אָן שיינט צו זיין פון דיא רייכסטע שטאָפען און לעצטען פאסאָן.

— יא, — האט דער גוטער פריסטער מיט א גוטהערציגען גע־לעכטער געזאָגט — אין דעם בעמערק איך א שטיקעל שטאָלץ פון א גוטער מוטער.

פון דיזע ווערטער זיינען מאדאם געאָרגס אויגען אנגעגאָסען געוואָרען מיט טרעהרען, זיא האט זיך עראינערט אָן איהר לאַנג פערלאָרענעם זאָהן.

דער אלטער גייסטליכער האט פערשטאנען דיא אורזאכע פון דיזע טרעהרען און ער האט באלד געזאָגט:

— קוראזש, מאדאם! גאָט האָט אייך צוגעשיקט דיזעס שעהנעס און גוטעס קינד איהר זאָלט זיך טרויסטען ביז איהר וועט אייער קינד געפינען. און ערשט דאן וועט איהר דיזע מעדכען ליעבען.

— דיזעס קינד מוז יעדער ליעבען. בעטראכט נור איהר לאַגע, גוטער געט־ליכער מאן. זיא איז אזוי יונג פערוואָרפען געוואָרען, אהן שטיצע, אהן ראטה, כמעט אהן צו וויסען פון גוטס און שלעכטס, און איז געגען איהר ווילען געוואָרפען געוואָ־רען אויפ'ן וועג פון זינד און פערברעכען, וויא זא וואר עס מעגליך זיא זאָל ניט פאלען....?

— דיא איינציגע מאראַלישע נייגונגען האבען איהר בעדארפט שיצען; אָבער האָט זיא א מאָל פּרובירט פון דאָרט אנטלויפען? גיבט עס דען אין גאַנץ פאריז קיין וואָהלטהעטיגעס הערץ?

— געוויס געפינען זיך דארט פיעל גוטע מענשען, אבער וואו געפינט מען זיי? בעפאָר דער גוטער מענש ווערט געפונען, וויפיל זידלעריי און ערניעדרונג דאַרף מען עס ליידען? דאן, מאריע האט זיך ניט געקענט בעגנוגענען מיט איין נדבה, זיא האט געמוזט האבען עטוואס וואס זאל איהר געבען דיא מעגליכקייט צו מאכען אַן עהרליכען לעבען. אה, גלויבט מיר, אז איך האב פערזוכט דעם טעם פון זיין אין

דער העכסטער שטופע פון ארמוטה; דיעזע זעלטענע געלעגענהייט וואס האט צר זאמענגעפיהרט דער נאכטיגאל מיטן גוטען רודאָלף, געפינען ניט אלע, און דיא אונ־גליקליכע וואָס ווערען מיעד צו ליידען הונגער, ארמוטה און קראנקהייט און אנשטאט צו זוכען הילפע אין צדקה געפינען זיי עס גלייך אין פערברעכען!

אין דיעזען אויגענבליק איז נאכטיגאל אריין אין זאאל.

— וואו זייט איהר געוועזן, מיין קינד? — האט מאדאם געאָרג פריינדליך גע־פרעגט.

— איך האב בעזוכט דעם פרוכט־לאגער, נאכדעם וויא איך האב אנגעפיטערט דיא געפליגעלטע. דיא פרוכט ליעגען אין גוטען ארדנונג. אויסער אייניגע, וועלכע איך האב ארויסגעשמיסען.

— ווארום האט איהר עס ניט געלאָזען פאר קלאָדין? איך האב מורא, אז איהר האט זיך ווידער פערקיהלט.

— אָה ניין, מאדאם, איך ליעב צו בעזוכען דיא פרוכט און צו זעהן דיא טייב־בעלעך. אָה, ווען אונזער פריינד דער גייסליכער וואלט מיר אמאָל בעעהרט מיט זיין וויזיט אין אונזער פרוכט לאגער. דיא לופט אליין איז דאָרט ערקוויקענד.

דער אלטער פריסטער האט געשמייכעלט און דאן האט ער געזאָגט:

— איך וועל א מאל געהן בעזוכען אייער גאנצע ווירטשאפט. אבער זעהט דיא זאָנע געהט שנעל אונטער; איהר וועט קוים צייט האבען צו בעגלייטען מיך צו מיין הויז און אומקעהרען זיך צוריק א היים איידער עס וועט ווערען פינסטער. טהוט אָן אייערע ווארמע קליידער, מיין קינד, און מיר וועלען געהן; איך וואָלט זאָ־נאר געוואונשען דאס איהר זאָלט בלייבען צוהויז און אן אנדער פערזאן זאָל מיך בעגלייטען, דען דיא קעלט איז פירכטערליך.

— אָה, מאנסיו לאפאָרטע, איהר וועט מיין קינד מאכען העכסט אונגליקליך ווען איהר וועט עס דורכאויס פערלאנגען, — האט מאדאם געאָרג געזאָגט — זיא איז אימער העכסט גליקליך ווען זיא בעגלייט אייך צו הויז.

— מאָנסיו לאפאָרטע, איך וועל רעכענען, אז איהר זייט מיט מיר ניט צופריע־דען ווען איהר וועט מיר דיעזע עהרע היינט ענטזאגען. עס איז אימער מיין פערגע־ניגען, ווען איך בעגלייט אייך נאָך הויזע.

— פון אייך מיין טהייערע קינד אונצופרידען? ניין, ניין, ניין! שנעל, וויקעלט זיך איין אין אייער מאנטעל, זעהט אייך זאל זיין ווארם און מיר געהן.

נאכטיגאל האט שנעל אנגעצויגען איהרע ווארעמע קליידער און האט געאָ־ערם אָרם פארן אלטען מאן.

— גליקליכער־ווייזע איז דער וועג א קורצער און א זיכערער, — האט דער אל־טער געזאָגט.

— עס איז אביסעל צו שפּעט וויא געוועהנליך, — האט מאדאם געאָרג גע־זאָגט — איך רעכען צו הייסען איינעם פון דיא אַרבּייטער ער זאָל אייך בעגלייטען.

— אָה, זיי וואָלטען מיר געהאלטען פאר א פייגלינג, — האט נאכטיגאל גע־זאָגט מיט א שמייכעל — איך דאנק אייך מאדאם, אבער איך בעט אייך מאכט קיי־נעם קיין אומזיסטע מיהע צו ליעב מיר. אין א האלבע שטונדע בין איך צוריק.

דער אלטער גייסטליכער און נאכטיגאל זיינען אוועק געארעמט. אין איינינע מינוטען ארום זיינען זיי געקומען צום אָרט וואו דער לעהרער, לילית און האָפּי זיינען געלעגען פערבאָרגען.

29טעס קאַפּיטעל.

דיא רויבער אויפ'ן מיטען וועג.

דיא קירכע און דעם פּריסטער'ס וואוינונג זיינען געשטאנען אויף א קליינעם בערגעל, ארומגערינגעלט מיט בוימער פון אַלע זאָרטען. נאכטיגאל און דער פּריס־טער האבען געפונען א קרומען וועג, איבער ווּעלכען עס וואר לייכטער צו בעשטייגען דעם בארג אלס איבער דעם געוועהנליכען וועג. דיא רויבער האבען פון זייער נאָרע געזעהן וויא דיא צוויי געהן, נור אזוי וויא מאריע איז געווען אין גאנצען איינגעוויקעלט האט זאָגאר דיא מכשפה ניט געקענט ערקענען איהר אמאָליגען קרבן.

— שטיל, מיין מאן, — האט דיא אלטע מכשפה געזאגט צום לעהרער. דיא פערשאָלטענע און דער אלטער „מוחל עונות" זיינען ערשט איבערגעגאנגען דעם וועג. איך קען זיא ניט, נור נאָך דיא בעשרייבונג פון דעם לאנגען מאן איז דאס דיא זעל־בע מיידעל. זיא טראָגט דיא זעלבע קליידער און איז פון זעלבען וואוקס. יעדען אבענד בעגלייט זיא דעם אלטען צדיק צו זיין הויז און געהט נאכדעם צוריק מיטן זעלבען וועג גאנץ אליין. ווען זיא וועט געהן צוריק וועלען מיר זיא בעפאלען און אוועקשלעפּען צום וואגען וואס ווארט אויף אונז.

— וויא וועט אבער זיין ווען זיא וועט נעהמען שרייען נאָך הילפע און זיי וועלען עס הערען אין פארם, דען וויא דוא זאָגסט זעהסט דוא פון דאנען דיא הייזער. — יא, דוא קענסט נאָך זעהן, — האט דער לעהרער געזאָגט אין א הייזעריגען קול.

— אָה, געוויס קענען מיר זעהן פון דאנען דיא געביידען, — האט האָפּי זיך אבגערופען — איך האב מיך ערשט אויסגעצייגען אויף מיין בויך און האב אנגע־שטעלט מיינע אויערען האב איך געהערט וויא זיי שרייען דאָרט צו דיא פערד.

— דאן וועל איך אייך זאָגען, וואס מען מוז טואָן, — האט דער לעהרער גע־

זאגט נאָך א קורצען נאכדענקען—האָפּי מוז זיך שטעלען אויפ'ן וואך נראדע ביי'ן אנפאנג וועג אויף וועלכען זיא איז יעצט אוועק. גלייך וויא ער וועט זיא זעהן, דארף ער צו איהר צולויפען מיט א געוויין און זאל שרייען, אז זיין ארמע מוטער, וועלכע איז מיט איהם נעגאנגען איז אריינגעפאלען אין א בארג שנעע; מיט טרעהרען אין דיא אויגען מוז ער זיא בעטען, זיא זאָל געהן העלפען זיין מוטער פון זיכערען טויט.

— איך זעה, מיין ליעבער מאַן, דיא ארמע אלטע פרוי דארף זיין דיין אייגענע לילית. דוא האסט קיין אויגען, אבער דיין פערשטאנד זעהט נאך ווייט. אבער וואס זאָל איך טהאן, ווען זיא קומט צו מיר?

— ליעג אויפ'ן שנעע גראדע דאָרט וואו בארבילאָן שטעהט מיט'ן וואָגען און איך וועל ליעגען בעהאלטען ניט ווייט פון דיר. וויא האָפּי וועט זיא צופיהרען ניט ווייט פון דיר, שפּרינג אויף איהר ארויף, פערוואָרף דעם שטריקעל ארום איהר העל זעלע, זא דאס זיא זאל ניט קענען אויסזינגען.

— אה, מיין ליעבער בלינדער העלד, איך פערשטעה וואס דוא מיינסט. מיר זאָלען מאכען דיא זעלבע ארבייט וואס מיר האבען געמאכט מיט דער פרוי ביי'ן קאנאל סאנט-מארטין, וועלכע מיר האבען אויסגעלערענט צו שווימען נאכדעם וויא מיר האבען פון איהר צוגענומען דאס שווארצע בייטעל. דאס דארף זיין דיא זעלבע ארבייט, הא?

— יא, דאס וועט זיין דיא זעלבע ארבייט. דוא זאלסט נור דאס מיידעל האלטען פעסט אין דיינע הענד, האָפּי וועט לויפען און וועט מיך צופיהרען צו דיר; מיר דריי וועלען זיא באלד פערפּאקען אין זאק און וועלען זיא ברענגען צו בארבילאָנ'ס וואָגען, וועלכער וועט פאָהרען גלייך צום סאנט-דעניס, וואו דער לאנגער יאָלד אין שווארצע קליידער וועט אונז ערווארטען.

— דאָס איז דער ריכטיגער פּלאן; ווען איך בין נור א הייליגע וואלט איך דיך געמאכט פאר מיין גאָט און וואלט הייסען אלע זאָלען זיך צו דיר בוקען. און דוא קליינע אבוזיאנע, האסט דוא געהערט דעם פּלאן? אויב דוא ווילסט זיין א דורכ-געטריבענער, זאלסט דוא זיך נור לערנען פון מיין מאַן. יא מיין ליעבער מאַן, ווייסט יוא, אז בארבילאָן איז א משוגענער הונד, וואס ווערט בייז ווען מען ווארפט איהם ז צו א שטיק פלייש?

— זאָל ער זיך הענגען!

— צוריק מיט א פּאאר טעג, נאכדעם וויא מען האט פערבראכט ביי דער טאנטע מארטיאל, דיא נעמאכטע אלמנה מיט'ן מעסער, וועלכע האלט א קלייזעל אין מאדלארקוס אינזעל זיינען בארבילאָן, דער קריפּעל, און סקעלעטאָן געוואָרע,

זעהר לוסטיג. זיי האבען געמאכט א געשלעג, מיט דער מילך־פרויס מאן, וועלכע קומט יעדען טאג פון דארף צו פערקויפען איהר מילך ניט ווייט פון „וויסען קראַט", און זיי זיינען אין איהם אריינגעפּאָהרען מיט מעסערס!

דער קליינער האָפּי, וועלכער האט נאך ניט געקענט דעם גאנצען רויבער לשון האט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט און האט געקוקט וויא א האָהן אין „בני אדם".

— דוא וואָלסט וועלען וויסען וואס מיר ריידען, א יאָ דוא ביזט נייגיעריג, קליינער שרץ?

— אביסעל פערשטעה איך אייך, איהר רעדט פון דער טאנטע מארטיאל. איך קען זיא גוט און איהרע דריי טעכטער, וואס זיינען מיט מיר אין איינע יאָהרען און וועלכע פערברענגען שוין מיט מענער וויא טאטע און מאמע. אָבער איך פער־שטעה ניט וואס איהר האט נאך גערעדט.

— אויב דוא ביזט א גוטער אינגעל וועל איך דיך לערנען דעם לשון. דוא ביזט יעצט אין דיא ריכטיגע יאָהרען צו לערנען, האסט דוא חשק דערצו?

— אָה, גלויבט מיר, אז איך וואָלט בעסער וועלען זיין מיט אייך, אלס מיט דעם אלטען דאָקטאָר וואס טרייבט זיינע גניבות מיט פאַלשע מעדיצין. ווען איך וואָלט נור געוואוסט, וואו ער בעהאלט דעם גיפט פאר מענער וואָלט איך אביסעל אריינגעטריפט אין זיין זופּ און דאָס וואָלט געענדיגט אונזער חשבון.

לילית האט זיך צולאכט אויס פריידע. זיא האט דעם שרץ צו זיך צוגעשלעפּט און האט געזאָגט:

— קום טהייערע צאצקע און קוש דיין ליעבע מוטער. וואס פאר א טהייערער מזיק דאָס איז! אבער פון וואַנען ווייסט דוא, אז דיין מייסטער האט גיפט פאר מענער?

— פון וואַנען? איך האב עס אליין געהערט פון זיין מויל, ווען איך האב זיך בעהאלטען אין זיין שראנק, וואו ער האלט פערשיעדענע פלעשעלעך און טעפּלעך.

— וואָס האט ער דאן געזאגט? — האט לילית נאָכגעפרעגט.

— איך האב געהערט וויא ער האט געזאגט צו א דזשענטעלמאן: „נעהמט דיעזען פּולווער, ווען אייך ווערט מיאוס דאָס לעבען נעהמט דערפון אין דריי פּאָר־ציאָנען און איהר וועט איינשלאָפען אהן צרות און אָהן וועהטאג."

— ווער וואר דיעזער דזשענטעלמאן? — האט דער לעהרער געפרעגט.

— ער איז א שעהנער יונגער מאן, מיט א שווארצע וואָנצע און א שעהנע בערדעל ער איז געקומען א צווייטען מאָל; און דאן, ווען ער איז אוועקגעגאנגען

בין איך איהם נאכגעפאָהרען, אויף דעם דאָקטאָר'ס בעפעהל. דער יונגער מאַן איז אריין אין א הויז אין טשאילאָט שטראַסע. מיין מייסטער האט צו מיר געזאָגט:

— קימער זיך ניט וואוהין ער געהט, געה און ווארט ביי זיין טהיר. אויב ער געהט פון דארט ארויס, געה איהם נאך ביז ער קומט ערגעץ אריין און געהט מעהר פון דארט ניט ארויס. דאס וועט ווייזען, אז ער וואוינט דארט, און האָפּי, איך האָף, אז דוא וועסט אויסגעפינען וויא ער הייסט, ווען ניט וועל איך פון דיר אראָפּשינדען דיין הויט, וויא פון א געקוילעטען אָקס.

— נו?

— נו, וואָס זאָל זיין? איך האב זיך אזוי לאַנג ארומגעקייקעלט ביז איך האב אויסגעפונען זיין נאָמען.

— וויא אזוי ביזט דוא דערצו געקומען?

— איינפאך, איך האב געוואָרט ביים הויז אין טשאילאָט שטראסע און האב געזעהן, אז ער געהט פון דאָרט מעהר ניט ארויס. איך בין צוגעגאנגען צום הויז־קיפער, וועלכער איז געגאנגען רייך געקליידעט, מיט זילבערנע בעפּוצונגען און האב צו איהם געזאגט: מיין עדעלער הערר, איך בין געקומען בעטען א הונדערט סו'ס, וואס אייער הערר האט מיר פּערשפּראָכען פאר זיין הונד וואס איך האב געפונען. עס איז א קליינער שווארצער הינטעל וועלכען מען רופט טרומפּעט. דער דזשענ־טעלמאן וואס האט פון מיר דעם הונד צוגענומען האט שווארצע האָאר, שווארצע וואָנצעס; ער טראָגט א לייכטען בלאָען ראָק און לייכטע בלאָע הויזען; ער האט מיר געזאגט, אז מען רופט איהם מאָנסיו דופּאַנט, און ער וואוינט אין נומער 11 טשאילאָט שטראסע. דער הויז פערוואלטער איז בייז געוואָרען און האט געזאָגט:

— אָה, דער מאן וואס דוא שטעלסט פאָר איז דאך מיין הערר דער וויצע־קאָנסול סאַנט־רעמי; מיר האבען דא קיין הינטעל אויסער דיך, דוא שווינדלער. שנעל וואַרף זיך ארויס פון היער, ווען ניט, מאך איך דיר א צייכען דוא זאָלסט גע־דענקען, וויא צו קומען מיך צו בעשווינדלען.

דאס האט מיך ניט געקימערט,— האט האָפּי פהילאָזאָפיש געזאָגט,— דען דערוויל האב איך אויסגעפונען דעם נאָמען פון דעם מאַן, וואס האט געקויפט גיפט פאר א מאַן, וואס איז מיעד און זאט מיט'ן לעבען. ער איז א וויצע־קאָנסול און א גראף, זיין נאָמען איז סאנט־רעמי!

— דוא ווילסט איך זאָל דיך אויפעסען א לעבעדיגען, דוא קליינע קלוגע חיה!

— האט לילית געזאָגט ארומגעהמענדיג דעם שרץ מיטביידע הענד — היער האָסט דוא עטליכע נים. אָה, דוא ביסט ווערט צו האבען מיך פאר א מוטער.

דער קליינער שרץ איז פון דיזער הייסער ליעבע געריהרט געוואָרען און אום אויסצודריקען זיין דאנקבארקייט האט ער געשריען:

— איהר גיט מיר נור ארבייט און זאגט מיר וואָס צו טהאן, און איהר וועט שוין זעהן וויא איך וועל עס טהאן. איך וועל טהאן אלעס וואס איהר וועט פון מיר פערלאנגען.

— אויב דוא ביזט אזא וואוילער יונג, וועסט דוא אויף מיר זיך ניעמאלס בעקלאגען.

— אָה, איך וואָלט וועלען אימער מיט אייך צוזאמען זיין.

— אויב דוא וועסט יעצט דיין ארבייט גוט מאכען, וועלען מיר שוין זעהן דוא זאָלסט בלייבען מיט אונז, — האט לילית געזאָגט.

— און וואס וועל איך פאר אייך קענען טהאן?

— דוא וועסט מיך ארומפיהרען און וועסט זאָגען, אז דוא ביזט מיין זוהן, — האט דער לעהרער איהם געענטפערט — מיר וועלען זיך אזוי אריינמאכען אין אלע הייזער און דאן — טויזענד מאָרדען! — דער אלטער מענשענפרעסער איז אויפגעקאָכט געוואָרען מיט רציחה — דיא אלטע מכשפה וועט אונז העלפען און מיר וועלען נאך מאכען גליקליכע געשעפטען. איך וועל נאך אנלערנען דיעזען רודאָלף וועלכער האט מיך בלינד געמאכט איידער איך האב מיין גאנצען מעסער אויסגעניצט. אָה, ער האט מיך בלינד געמאכט, אָבער ער האט פון מיר ניט צוגענומען דיא קראפט פון מאכען פלענער. איך וועל זיין דער קאָפּ, האָפּי וועט זיין דיא אויג און דוא לילית דיא הענד! איהר וועט מיר העלפען? זאגט!

— בין איך ניט דיינע וויא דאס הענטעל צום מעסער? — האט לילית צערטליך געזאָגט — ווען איך בין ארויס פון האָספּיטאל און האב געהערט, אז דוא האסט מיך געשיקט זוכען ביי דער מומע פאָניסע, בין איך דען ניט באלד געלאָפען אין יענעם דאָרף, וואו דוא האסט זיך געפונען און האב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט פאר דיין פרוי?

דיעזע ווערטער האבען אויפגעוועקט דיא בעסטיע אין דעם לעהרערס ברוסט. ער איז געוואָרען צוקאָכט און אין א פייערדיגען טאָן, האט ער געזאגט:

— יא, מיר האט זיך דערעסען צו ליעגען איינער אליין צווישען עהרליכע מענשען. דעם ערשטען מאָנאט האב איך עס שוין ניט געקענט איבערטראָגען און איך האב גלייך דיך געשיקט זוכען און גלייך האב איך געהאט א שלימזל'דיגען אָנפאנג! דען אויף מארגען, נאך דיין בעזוך האט מען ביי מיר געגנבעט דאס געלד וואס דער טייפעל האט מיר געגעבען. יא, מיין גארטעל, אָנגעפיעלט מיט גאָלד איז פון מיר

צוגענומען געוואָרען, וועהרענד איך האב געשלאָפען; קיינער אויסער דיר, לילית, האט דיא גנבה אזוי קונציג געקענט מאכען. און זאָ בין איך יעצט אנגעוויעזען אויף דיין מיטלייד. יעדעס מאל ווען איך עראינער מיך, ווייס איך ניט וואָרום איך טוידטע דיך ניט אויפ'ן אָרט, דוא אבשייליכע, שמוציגע, אַלטע גנב'טע! —ביי דיא לעצטע ווערטער האט ער זיך א לאָזגעטהאָן מיט כעס נאך דער אלטער מכשפה.

— זיי פאַרזיכטיג פאר דיין לעבען, איידער דוא ווילסט בעריהרען מיין אלטע לילית! — האט האָפּי צו איהם געשריען.

— איך צורייב אייך ביידען אין אש, אייך ביידען פערשאָלטענע שלאנגען וואס איהר זייט! — האט דער צורייצטער בויאן געשריען און האט א שמיץ געטהאָן מיט'ן האנד אין דער זייט וואו האפּי האט זיך געפונען.

ווען האפּי וואלט ניט אבגעשפרונגען וואָלט ער איהם זיכער ערמאָרדעט. האָפּי וועלכער האט זיך געוואָלט אָפּרעכענען פאר זיך און פאר דער מכשפה, האט געחאפּט א שטיין און האט אוהם געשליידערט אין לעהרערס שטערען. דער קלאַפּ וואר ניט געפעהרליך אבער ער האט זייער געשמערצט. דער באנדיט איז נאך מעהר אויפגערעגט געוואָרען און איז וויא א ווילדער אָקס געפלויגען חאפּען איינעם פון דיא צווי; ער איז אבער ארויפגעלאָפען אויף א שטיק האלץ און איז געפאלען מיט'ן קאָפּ צו א בוים.

לילית און האָפּי האבען זיך צולאכט וויא לצים.

ניט אכטענדיג דארויף וואס לילית איז געווען דיא איינציגע גענאָסין וואס דער לעהרער האט אין דער וועלט געהאט, און ניט אכטענדיג אויף דיא פערבינדונג צווישען איהר און איהם, האט דיעזע מכשפה דאך געפיהלט אן אונבעשרייבליכען פערגניגען פון דיא שוואכקייט און אונטערטהעניגקייט פון דעם מאן, וואָס וואר ניט לאנג צוריק דאס שרעקען פון אלע בויאנעס און דיא מעכטיגסטע חיה אויף צווי פיס. דער שרץ האט אויך גענאָסען פון דער פריידע און אלם דער לעהרער איז א צווייטען מאל געפאלען האבען זיי צו איהם געשריען:

— עפען דיינע אויגען, דוא גרויסער גבור! וואָרום פליהסט דוא גראדע אהין, וואו שטיינער און העלצער פאלען אונטער דיינע פיס! זעהסט דוא ניט דעם גלייכען וועג? רייב נור אוים דיינע ברילען!

דער לעהרער האט געמאכט נאך א פערזוך צו כאַפּען דעם קליינעם גנב און צורייסען זיין קערפּער אין צווייען. פיהלענדיג, אז זיין בלוטיגער דורסט וועט יעצט ניט געלאשען ווערען, האט ער זיך אויסגעצויגען מיט'ן גאנצען קערפּער אויף דער ערד און האט אָנגעפאנגען צו ברומען וויא א פערוואונדעטער טיגער.

— אָה, וואָס פאַר א שלעכטען הוסט איהר האָט! — האָט צו איהם געשריען קולאַק'ס תכשיט — זעהט נור, זעהט נור וועלבע שלאַנגען עס דרעהען זיך אַרום אייך? — און נעהמענדיג א פּאָאַר שטיקער אייז, האָט ער עס געשליידערט דעם בלינדען אין געזיכט.

דיא לעצטע בעליידיגונג האָט איהם נאָך מעהר פערוואונדעט וויא דער ערשטער קלאַפּ אן בוים. דער בלינדער באנדיט איז געוואָרען פול מיט רציחה. דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט וויא אין א קעסעל. אין שרעקליכען כעס האָט ער אויפגעהויבען ביידע הענד געגען הימעל און האָט גענומען שרייען:

— מיין גאָט! מיין גאָט! מיין גאָט!

א מאַן וואָס האָט אין זיין לעבען געטהאַן אלער האַנד פערברעכען, א מערדער וואָס האָט געשפּאָט און געטראָמפּעלט איבער אלע פּפליכטען צו גאָט און צו לייט און איבער אלע געפיהלען אין מענשענס הערץ, איז אזא געשריי צו גאָט דער גרעס־טער בעוויז פון זיינע אינערליכע ליידען, פון זיין הילפּס-לאָזיגקייט און ערגערנים.

- האַ, האַ, האַ! — האָט לילית אויסגעבראָכען — זעהט נור דעם צדיק, וואָס איז מתפּלל צו גאָט! ניין, מיין ליעבער מאַן דוא בלאָנזשעסט. ניט גאָט קען דיר דא העלפען און ניט איהם דאַרפסט דוא בעטען. זיי מתפּלל צו דיין געטרייער לילית, בעט מיך אום גנאָדע און דוא וועסט זעהן וויא פריינדליך איך בין.

— אָה, א מעסער! א מעסער! גיט מיר א מעסער איך זאָל זיך אליין קענען טוידטען! וואָס טויג מיר לעבען ווען יעדער קען מיך טרעטען און אויסלאַכען. א מעסער! גיט מיר א מעסער! — האָט דער פערצווייפעלטער מערדער געשריען.

— א מעסער פערלאַנגסט דוא, ליעבער מאַן? דוא האָסט איינעם אין דיין פּאַקעט און א שאַרפען דערצו. אָה, אייניגע מענשען וואָס זיינען יעצט אויף יענער וועלט קענען עדות זאָגען, אז דיין מעסער איז זעהר שאַרף. אויב דוא ווילסט דעם זעלבען מעסער פאַר זיך, קענסט דוא איהם געפינען אונטער דיין גאַרטעל, — האָט דיא מכשפה מיט שפּאָט געזאָגט.

דער לעהרער האָט אבער קיין מוטה געהאַט זיך זעלבסט צו ערמאָרדען און ער האָט אין אן אנדער טאָן געזאָגט:

— האַלזשניידער האָט אויף מיר מיטלייד געהאַט, ער האָט מיך ניט בערויבט.

— און פון וואַנען ווייסט דוא, אז איך האָב אויסגעליידיגט דיינע טאַשען? — האָט לילית מיט א שמייכעל געפרעגט.

— וויל נור דוא ביזט געווען אין מיין צימער, — האָט דער גראַביאַן געענט־

פערט—נור דוא ביזט פעהיג צו דער ארבייט. דיא עהרליכע דארפס־לייטע ווייסען ניט וויא דאס צו מאכען.

— און ווארום זאלען עס דיא יאָלדען ניט טהאן? מיינסט דוא, אז וויל ייי טרינקען מילך און עסען גראז, קענען זיי ניט געפינען דעם וועג צו א בלינ־דענס טאשע? וואס בין איך דיין ליעבע לילית שולדיג, ווען מען האט דיך בעגנב׳עט? האלסטו מיך פאר א׳א נאַר, אז איך וואלט מיט דיר פערבליעבען נאך דעם וויא איך האב צוגענומען דיין געלד? וואס פאר א לומפ דוא ביזט ווען דוא קענסט עס אויף מיר׳ דענקען! דוא מעגסט רוהיג זיין, אז איך וואלט דיך צו יעדער צייט בע׳גנב׳עט, אבער איך קען דיר שווערען, אז דוא וואלסט מיך ניט אנגעזעהן ביז איך וואלט דאס געלד פערלעבט. פערשטעהסט דוא עס איז מיר גאר קיין נחת צו לעבען מיט אזעלכע ווייסע אויגען און עקעל־האפטע באקען וויא דיינע, קום נור צו מיר, דוא שעהנער, זיסער געליעבטער, זיי אן אנשטענדיגער מאן ליכטיגער פנים מיינער, און ברעך ניט דיינע צייהן קריצענדיג אויף מיר.

— איך מיין, אז ער קנאַקט ניס!—האט האָפי בעמערקט.

— חא, חא, חא! דאס טהוט ער טאקע. קום, קיהל זיך נור אָפ, מיין מאן; זאל דאס קעצעלע מאכען שפאס. זעה נור וויא איך זארג פאר דיר און פער־שאף דיר ארבייט. זעה נור, וויא דער לאנגער דזשענטלמאן אין שווארצע קליידער האט צו מיר געזאגט:

— אט איז א טויזענד פראנק פאר אייך, ווען איהר וועט פאר מיר צו־באפען דאס מיידעל פון בוקוועל פארם און ברענגען צו מיר אויף א געוויסען פלאץ אין סאנט דעניס.

— זאג נור אליין דוא בלינדער מענשען־פרעסער בין איך ניט געקומען גלייך צו דיר און האב איך דיר ניט פארגעלייגט דיא ארבייט איידער איך בין געגאנגען זעהן אן אנדער שותף וואס זעהט אויף צוויי אויגען? פערשטעהסט דוא ניט, אז דאס איז גלייך ווי איך וואלט געגעבען אזוי פיעל געלד א נדבה. דען אויסער דיא שטיקעל ארבייט וואס דוא וועסט האלטען דאס מיידעל אין דער צייט ווען איך און האָפי וועלען זיא איינפאקען, דארף איך דיך וויא א פינפטען ראד אין וואגען. דאך וויל איך דעריבער מעהר ניט ריידען. איך וואלט צו יעדער צייט דיך געוואלט בערויבען, דאך וויל איך אמאָל טהאן א מצוה אויך. מיר ועלען געבען צוויי הונדערט פראנק דעם רויבער בארבילאָן פאר זיין ארבייט צו קומען אהער פריה־מארגען מיט׳ן לאנגען דזשענטלמאן, וואס האט אויסגעפינען דעם פלאץ, וואו מיר דארפען זיך בעהאל־טען און איז יעצט געקימ׳ען מיט אונז נעהמען דיא לעבעדיגע סחורה. דיא

איבריגע אכט הונדערט וועלען מיר ביידע פערלעבען אין פריידען נו, וואס זאגסט דוא דערצו, ביזט דו נאך אלץ ניט צופריעדען מיט דיין גוטער לילית?

— מיט וואס בין איך זיכער, אז דוא וועסט מיר געבען מיין טהייל, נאכ־דעם וויא דיא ארבייט ועט אפגעטהאן ווערען?—האט דער בלינדער געפרעגט?

— דוא גלויבסט מיר ניט? ווייסט דוא דען ניט, אז איך האב דיר אויף מיין שטריקעל און דוא מוזט טאנצען נאך מיין פערלאנגג, און ווען איך וויל קען איך דיר אויספרעגלען וויא א בלינצע אדער פעררוקען אין אויווען וויא א לעבעל ברויט? חא, חא, חא! דוא פרעגסט נאך קשיות ביי דיין ליעבער ווייב וואס טהוט מיט דיר א חסד און האלט דיך בכבוד!—האט דיא לילית געזאגט ווערענד זיא האט געקלאפט איבער דעם באנדיטס אקסעל.

— דוא ביזט גערעכט!—האט ער געזאגט מיט אן אונטערדריקטען כעס—דוא ביזט גערעכט, איך בין א פערלארענער, איך בין יעצט אין דיא הענד פון אן אלטע ווייב און א קרומען אינגעל, וועלכע איך האב צוריק מיט עט־ליכע וואכען געקענט צורייבען מיט איין פינגער. אָה, ווען איך וואלט פאר'ן טוידט ניט מורא געהאט!—האט ער אויסגעשריען און האט זיך ווידער גע־שליידערט אויפ'ן קאלטאן שנעע.

— אייב דוא מאכסט דיינע קונצען נאך א מאהל און ווילסט ווערען א בעל תשובה מיט בלינדע אויגען, דאן האבען מיר מיט דיר גאר ניט צו טהאן מיר לאזען דיך ליעגען אין שנעע און געהען צוריק נאך פאריז,—האט דיא מכשפה מיט א געמאכטען כעס געשריען.

— און איך וועל ניט קענען נעהמען ראכע פון דעם מאן, וואס האט מיך בעשטראפט מיט בלענדעניש, פון וואס איך וועל ניעמאלס געהיילט ווערען?—האט דער מערדער געשריען מיט א דאפעלטע רציחה—אמת, איך האב זעהר מורא פאר'ן טוידט, דאך, ווען איינער זאל צו מיר זאגען: „מיר וועלען דיר געבען דעם מאן אין דיינע הענד, נעהם איהם ארום מיט דיינע ארעמס און פאל מיט איהם אריין אין א קעסעל זודיגען בליי", וואלט איך געענפערט: „איך בין בערייט!" יא, איך וואלט איהם ניט אבגעלאזט איידער מיר ביידע זיינען טוידט! איך וואלט אריינגעהאקט מיינע צייהן אין זיין גארגעל אין זיין ברוסט! איך וואלט איהם צוריסען אין שטיקער מיט מיינע צייהן. יא, מיט מיינע צייהן, איך וואלט דעם מעסער ניט פערגונען דעם נחת צו באדען זיך אין זיין בלוט און פלייש!

— בראַוואָ, מיין מאן! יעצט האב איך דיר ווידער ליעב! אבער בערוהיג דיך. מיר וועלען נאך פאקען דעם שנארער רודאלף און דעם פעררעטהער האלזשנוי־

דער. מוט מיין מאן, מיר וועלען זיך נאך רעכענען מיט ביידען, ביידע וועלען נאך פיהלען אונזערע צייהן.

— און דוא ווערסט מיך ניט פערלאזען? — האט דער בלינדער טיגער אין א טאן פון אונטערטהעניגקייט געזאגט — ווען דוא פערלאזט מיך יעצט, וואס וועט פון מיר ווערען?

— יעצט הערט מען פון דיר א ריכטיגען לשון. איך זאג מיין מאן, וואס וואלט טאקע געווען ווען איך און האַפּי וואלטען אוועק צום וואגען און דיך לאזען אויפ'ן פעלד אין אזא קאלטע נאכט. וואלט דאס ניט געווען א גוטע לעהרע פאר דיר, אלטער גנב?

— פון דיעזע רייד האט דער לעהרער געשווידערט. ער האט זיך צוגע־רוקט צו זיין מכשפה און האט אין א ליעבליכען טאן געזאגט:

— ניין, ניין, איהר וועט עס מיר ניט טהאן. ניט דוא לילית און ניט דוא האפּי, דאס וואלט פון אייך געווען צו זינדיג.

— הא, הא, הא! צו זינדיג! זעהט איהר דעם צדיק? דער קליינער מענ־שעלע אין ראָל שטראסע, דער פּיה־הענדלער, דיא פרוי אין קאנאל דע סאַנט מארטין און נאך עטליכע וואס דוא האסט געשיקט צו גאט צו דערצעהלען דיי־נע צדקות, אז דוא האסט זיי געבענשט מיט דיין שפּיציגען שטעכער. און ווארום זאלסט דוא ניט פערזוכען אזא ברכה איידער דוא שטארבסט?

—איך בין אין דיין האנד און דוא דארפסט מיך ניט בעטריגען, — האט דער לעהרער זעהר ווייך געזאגט — הער נור אויף, יעצט זעה איך, אז איך האב דיר אומזיסט בעליידיגט. איך בין אויך געווען אונגערעכט, ווען איך האב געוואַלט שלאגען דעם שעהנעם, גוטען האַפּי; איך בעט אייך פערצייאונג, איהר הערט איך בעט פון אייך ביידען איהר זאלט מיר מוחל זיין.

— איך וואלט פערלאנגט ער זאל זיך שטעלען אויף דיא קניע און בעטען א פערצייאונג, דערפאר וואס ער האט אייך, גוטע לילית געוואלט שלאגען. —האט האפּי געזאגט.

— טהייערער קליינער הינטעל. וואס פאר א חכם דוא ביזט! — האט לילית געזאגט מיט א ברייטען געלעכטער — איך וואלט אויך געוואלט זעהן, וויא דוא אלטער טייפעל זעהסט אויס אויף דיא קניע, בייג נור איין דיינע „העלצער" און וויז וויא דוא קענסט ערקלעהרען דיין ליעבע צו דיין זיעסע, ליעבע אלטע מכשפה. מאך עס שנעל, זאנסט, ווערען מיר ביידע און לאזען דיך דא אליין. זאלסט וויסען זיין, אז

אין א האלבע שטונדע איז שוין נאכט, אבוואהל דוא ווייסט ניט מעהר דעם אונטערשיעד פון טאג און נאכט, דוא בלינדער שד!

— טאג אדער נאכט, וואס מאכט עס איהם אוים,—האט האפי געזאגט—אזא קייזער האלט אימער אָפען זיינע לאדענס.

— אויף מיינע קניע בעט איך פון אייך פערצייאונג, פון אייך ביידען, עדעלע מענשען,—האט דער בלינדער געזאגט וועהרענד ער האט זיך געקניעט פאר זיי אויפ'ן מיט'ן וועג—יעצט שווערט מיר, אז איהר וועט מיך דא ניט איבער־אזען.

דאס בילד פון דיא דריי מערדער וויא זיי זיינען געשטאנען אויפ'ן שנעע און יעדער איינער אין א בעזאנדער פאזיציאן אין בעזונדערע קליידער, איז געווען זעהר אן אינטערעסאנטע, דער בלינדער באנדיט איז געשטאנען אויף דיא קניע, מיט ביידע הענד אויסגעשפרייט צו דער מכשפה, וועלכע איז איבער איהם געשטאנען וויא א טייפעל איבער אן אָפפער. האפי האט בעטראכט דעם לעהרער'ס ריזיגען קערפער און דעם צולעכערטען, אבגעפרעסענעם פנים מיט דיא אויסגעברענטע אויגען און האט ניט פערשטאנען אראפצונעהמען פאר זיך א מוסר. ער האט בשעת מעשה געפילט א שטאלץ וויא א קעניג וואס האט בעהערשט א מעכטיגען שונא.

— פערשפרעכט מיר, אם וועניגסטען פערשפרעכט מיר, אז איהר וועט מיך דא ניט איבערלאזען!—האט דער טרוס, דער פייגלינג ווידער געבעטען. זייט איהר שוין פון מיר אוועק? ווארום הער איך ניט אייערע שטימען, ווארום ענטפערט איהר מיר ניט!

— יא, יא מיין מאן, מיר זיינען דא ניט וויים פון דיר. האב קיין מורא ניט, איך וועל דיר קיין מאל ניט פערלאזען,—האט לילית געזאגט וויא א הערשערין— איך וויל דיר יעצט ענטדעקען, אז איך האב עס גאר קיין מאל ניט געמיינט. איך האב אימער געוואלט האבען עפעס אין מיינע לאפעס—א מענש אדער א טהיער. איידער איך האב בעקומען דיא נאשערקע, דיא שעהנע מיידעל, וועלכע איך וועל נאך כאפען אין מיינע הענד און וועל איהר אויסקראצען איהר פנים, איידער איך האב זיא געהאט האב איך געהאט א הינטעל וועלכען איך האב געביסען מיט מיינע ציינער. איך האב זיין גאנצע פעל אבגעשונדען און פאר דעם קליינעם פערגניגען האב איך געכאפט זעקס וואכען געפענגנים. נאך דעם פלעג איך קויפען פייגעלעך און פלעג זיי עסען, אדער קאכען וועהרענד זיי האבען נאך געלעבט. פון זייא האב איך קיין גרויסען פערגניגען ניט געהאט. זיי פלעגען שטארבען איידער איך האב זיך אנגעשפיעלט. ווען איך בין דעם צווייטען מאל ארוים פון געפענגנים, איז נאכטיגאל אריינגעפאלען אין מיינע הענד, אבער זיא האט זיך ארויסגערוקט פון מיינע פינגער

איידער איך האב פון איהר אויסגעריסען שטיקער פלייש. שאדע, זיא האט נאך געהאט א סך צייהן און ביידע אויגען. נאך איהר האב איך געפונען א צווייטען הינ־טעל פון וועלכען איך האב געהאט דעם בעסטען פערגעניגען. איך האב איהם אבגע־האקט א פיסעל פון הינטען און א פיסעל פון פארינט. עס וואר זעהר אנגענעהם צו זעהן וויא טאבי שפרינגט און הינקט און מאטערט זיך איבערצוגעהן דאס הויז. איך פלעג דאן אזוי לאכען, דאס איך בין געווען דיא גליקליכסטע אין דער וועלט.

— אה דאס איז א גוטער שפאס. איך מוז עס יעצט טהאן צו מיינעם א הינטעל —האט האפי געזאגט.

— ווען איך האב דיר בעגעגענט, מיין ליעבער מאן, האב איך שרעקליך גע־פלאגט א קאץ, יעצט מיין אלטער פריינד דוא זאלסט יעצט זיין מיין קאץ, מיין הונד, מיין פויגעל און מיין אנטלאפענע נאכטיגאל. מיט איין ווארט, דוא זאלסט זיין מיין חיה צו מאטערן. פערשטעהסטו מיין מאן? אנשטאט א קעצעלע, אדער א הינטעלע, וועל איך יעצט קענען פלאגען איינעם וועלכען איך מעג רופען וואלף, בער, טיגער און לייב.

— אלטע מכשפה! —האט דער לעהרער געשריען אויפשפרינגענדיג פון שנעע.

— קום מיר געהן, ער בעליידיגט נאך אלץ זיין אלטע טהייערע ווייב! קענסט געהן בלינדער מערדער, דוא ביזט פריי, דוא ביזט יעצט דיין אייגענער בעל הבית! גוטע נאכט, אלטער משוגע׳נער בלינדער הונד!

— דער וועג איבער דיא פעלדער שטעהט פאר דיר פריי, געה און ברעך דיין קארק און דיינע פיס. געה נור גלייך, גלייך ביז דוא וועסט קומען צום טייך אדער צום אויוועז, גוטע נאכט! — האט האפי געזאגט קוועלענדיג.

— אה טויט און פערדערבען! — האט דער מערדער געשריען און האט גע־בראכען דיא פינגער פון זיינע הענד.

פלוצלונג האט זיך האפי אומגעקוקט און האט געזאגט:

— איך הער טריט. נאמיר זיך אויסציהען אויפ׳ן שנעע, מען זאל אונז ניט זעהן, עס איז ניט דיא מיידעל, וויל דיא טריט געהן פון פארם, ניט צום פארם.

א דיקע דארפס־פרוי אין רעכטען יונגען לעבען איז פאראיבערגעגאנגען, מיט איהר איז מיטגעגאנגען א גרויסער הונד, וואס האט פאר איהר געטראגען א שווערען קארב. זיא איז געגאנגען דעם זעלבען וועג, וועלכען נאכטיגאל און דער פריסטער זיינען געגאנגען.

מיר וועלען יעצט אויף א ווײלע איבערלאזען דיא דריי באנדיטען און מיר וועלען אניאגען דעם פריסטער און דער נאכטיגאל.

30טעם קאפיטעל.

נאכטיגאל'ס קימער.

דיא לעצטע זאנען־שטראהלען זיינען פלוצלונג פערשוואונדען אונטער דעם הויכען בארג און דיא צוויינהאפטינע ביימער. דער הימעל אין מערב זייט האט זיך אנגעגאסען מיט א רויטע פארב און האט ארויסגעלאזען פון בלוטי־גען שלייער א פאָלע לבנה, וואס האט געשיינט און געשמייכעלט איבער דיא ווייסע ביימער וואס האבען געקנאקט אונטער'ן פראסט. שטילקייט האט אום־און־אום געהערשט. הייליגקייט איז געווען פול פון ערד ביז'ן הימעל. דער פריסטער האט זיך א ווייל אבגעשטעלט אופ'ן שפיץ בארג צו בעטראכטען דיעזעס שעהנעס בילד. נאך א קורצען שווייגען האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנד צום הימעל, וואו דיא לבנה איז געפלויגען איבער דעם בלומען געוועלב, וואס וואר אין מאנכע ערטער פערדעקט מיט א דינעם ווייסען וואלקען שלייער און ער האט צו זיין בעגלייטערין געזאגט:

— זעה, בעטראכט מיין קינד יענעם אונענדליכען געוועלב, וועלכען מיר קענען ניט אפמעסטען. מיר הערען ניט דעם קלענסטען קלאנג. שיינט עס ניט, אז דיעזע שטילקייט גיט אונז א בעגריעף פון דעם צוקינפטיגען עוויגען לעבען? איך זאג עס אייך, גוטע מאריע, וויל איהר פערשטעהט צו שעצען דיא שעהנ־קייט פון דער נאטור. איך בין זעהר אפט געריהרט געווארען פון דעם גלויבען אין דיא פאָעטישע בעוואונדערונג וואס דיא נאטור האט אייך בעגייסטערט —אייך, ארמעס פערקויפטעס קינד פון פערברעכען. זייט איהר ניט בעגייס־טערט מיט דאס הייליגע הימלישע בילד ארום אונז?

— נאכטיגאל האט ניט געענטפערט. דער פריסטער האט זיך דעריבער גע־וואונדערט. ער האט אויף איהר א קוק געטהאן און האט דערזעהן—זיא וויינט.

— וואס פעהלט אייך, מיין קינד?

— פאטער איך בין זעהר אונגליקליך!

— אונגליקליך?—איהר זייט אונגליקליך? נאך אלץ אונגליקליך?

— איך וייס, אז איך דארף ניט קלאגען אויף מיין מזל נאכדעם וויא זאָ פיעל איז פאר מיר געטהאן געווארען, און דאך!

— און דאך?

אָה פאטער, פערצייהעט מיין קומער, דאס קען נאך בעליידיגען מיינע וואָהלטהעטער.

— הערט נור אויס, מאריע, מיר האבען זעהר פיעל נאכגעפאָרשט דיא אור־זאכע פון אייער קומער; איהר ליידעט דערפון און אייער צווייטע מוטער האט דע־

ריבער גרויסע שמערצען. איהר האט אונז ניט געענטפערט אויף אלע פראַ־גען און מיר האבען רעספעקטירט אייער געהיימנים! אבער מיר האבען זעהר פיעל געליטען ווארום מיר קענען ניט פערלייכטערען אייערע וועהטאגען.

— וועה, וועה, פאטער! איך קען אייך ניט שילדערען וואס אין מיר געהט פאר. איך בין אייך געריהרט געווארען פון דיא געטליכקייט אין דיעזער שטור־מע סצענע. מיין הארץ פלאצט און איך מוז וויינען.

— אבער וואס פלאגט אייך דאך, גוטע מאַריע? איהר ווייסט וויא בע־ליעבט איהר זייט! זאגט מיר אלעס. איך האב אייך אויך וואס צו זאגען. דער טאג איז ניט ווייט ווען מאדאם געארג און רודאלף וועלען אייך פיהרען פאר גאָט׳ס אַלטאַר און וועלען שווערען צו זארגען פיר אייך זאלאנג זיי וועלען לעבען.

— ווער? מאָנסיו רודאלף מיין רעטער? — האט מאריע מיט טרעהרען און פערבראכענע הענד געפרעגט — וויל ער מיר געבען דיעזען בעווייז אויף זיין גוטסקייט? אָה, פאטער, איך דארף פון אייך מעהר קיין זאך ניט בעהאלטען, זאנסט וועט איהר מיך האלטען פאר אן אונדאנקבאַרע בעשעפענעש.

— אונדאנקבאר! וויא זאָ?

— אום איהר זאלט מיך פערשטעהן פאטער, מוז איך אייך ערצעהלען פון מיינע ערשטע טעג אויפ׳ן פאַרם.

— איך וועל אייך אויסהערען. איהר קענט ערצעהלען וועהרענד מיר שפאצירען.

— איהר קענט זיך ערגערען, פאטער! וואס איך האב אייך צו זאגען קען פילייכט זיין א פערברעכען.

— גאָט האט אייך בעוויזען וויא באַרעמהערציג ער איז. ווערט גאר ניט מוטהלאז און ערצעהלט מיר אלעס.

— ווען איך בין אנגעקומען אויפ׳ן פארם, האט מען מיר אנגעזאגט, איך זאל ניעמאלס פערלאסען דעם פלאץ און זאל קיין מאל פערלאסען מאדאם געארג. מיר האט געשיינט, אז איך לעב אין א גליקליכען טרוים. אנפאנגס בין איך פאלשטענדיג שכור געווארען פון צופיעל גליקזעליגקייט. יעדען אויגענבליק האב איך געטראכט פון מאנסיו רודאלף. זעהר אפט, ווען איך בין געוועזען אליין, האב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען צום הימעל, גלייך וויא איך וואלט איהם דארט געזוכט, אום איהם צו דאנקען. אין אמת׳ן האב איך פון איהם מעהר געהאלטען וויא פון גאט, איך בין דאס מודה און ווארף עס זיך אַליין פאַר דען ער האט פאר מיר געטהאן, דאס, וואס איך האב גערעכענט. אז נור גאט קען טהאן. איך בין געוועזען גליקליך—גליק־

ליך וויא דיא וואס איז אויף אויביג אנטלאפען פון קבר. פון אייך אין פון מא־דאם געארג האב איך אזוי פיעל פריינדשאפט געזעהן, דאס איך האב געמיינט, אז איך קען שוין גאר ניט געטאדעלט ווערען פאר מיין פערגאנגענהייט...

היער איז איהר שטימע פערשטיקט געווארען פון געוויין.

— בערוהיגט אייך מיין קינד, זייט מוטהיג, ערצעהלט מיר אלעס.

— נאכטיגאל האט אויסגעווישט איהרע אויגען און האט ווייטער געזאגט:

— איהר געדענקט, פאטער, „דעם טאג פון אלע הייליגע", ווען מאדאם דע־ברואיל, דיא פון הערצאָ דע לוסעני'ס פארמער אין אַרנאָוויל איז געקומען מיט איהר טאָכטער פערברענגען מיט אונז עטליכע טעג?

— איך געדענק, און מיך האט געפרעהט אייער בעקאנטשאפט מיט קלאַראַ דעברואיל. זיא איז בעגאבט מיט דיא בעסטע מעלות.

— זיא איז אַ מלאך, פאטער! אַ מלאך פון גוטסקייט. ווען איך האב ער־פאַהרען, אז זיא וועט מיט אונז זיין עטליכע טעג בין איך געווען איבערגליק־ליך. איך האב געצעהלט דיא סעקונדען ביז זיא וועט קומען און ענדליך איז זיא געקומען. איך בין געווען אין מיין צימער, וואו זיא האט מיט מיר בע־דארפט מיט מיר זיין, און בין געווען בעשעפטיגט צו מאכען דעם צימער פער־טיג פיר מיין גאסט. מען האט נאך מיר געשיקט. מיין הערץ האט געקלאפט וויא מיט האמערס אלס איך בין אריין אין זאאל און מאדאם געארג האט מיך פארגעשטעלט פאַר דער יונגער פריילין, וועלכע זעהט אויס אזוי אדעל אנ־שטענדיג און פריינדליך. מאדאם געאָרג האט דאן געזאגט:

— מאריע, היער איז א פריינד פאר אייך.

— און איך האף, — האט מאדאם דעברואיל בעמערקט — אז איהר און מיין טאכטער וועלען באלד זיין וויא צוויי שוועסטער.

דיא מוטער האט נאך דיזע ווערטער ניט ארויסגערעדט אין גאנצען און קלאַרע איז מיר בעפאלען מיט איהרע קיסע. זייט דאַן, פאטער, ווייס איך ניט וואס מיט מיר האט פּאַסירט, איך געדענק נור, דאס ווען קלארע האט צוגע־לעגט איהר ריינעם געזיכט צו מיינע קאָרטע באקען, האט מיין פּנים אנגעפאנ־גען צו פלאקערען מיט שאנדע! איך געדענק ווער און וואס איך בין געווען! אזא וויא איך, זאל געווינען דיא ליעבע פון אן אונשולדיגעם מיידעל — — —

— אָבער מיין קינד!

אָה, פאטער! — האט נאכטיגאל געשריען און האט אונטערבראכען דעם

אלטען פריינד—ווען מאנסיו רודאלף האט מיך גענומען פון דער סיטע האב איך לייך געפיהלט מיין ערנידערונג. אבער קענט איהר דען צווייפלען אויב דיא בילדונג, דיא לעהרען און ביישפילען וואס איך האב ערהאלטען פון מאדאם געארג און אייך האבען ענטוויקעלט מיינע געדאנקען און האבען מיר געמאכט פערשטעהן דאס איך בין אין אמת'ן געוועזן פיעל ניעדעריגער אלס אונגליקליך.

— איידער פריילין קלארא איז צו אונז געקומען האב איך אימער געזוכט דיעזע געדאנקען פון קאפּ ארויסצוטרייבען אום ניט צו ערגערען מיינע פריינדע, אייך און מאדאם געארג. ווען איך בין געוועזן טרויעריג, ווען איך בין געוועזן רויטה פאר שאנדע האב איך זיך פערשלאסען אין מיין צימער, אבער זייט יענע יונגע פריילין, וועלכע איז אזוי שעהן און אזו אדעל, און איז מיט מיר אין איינע יאהרען, זייט דאן בין איך איבערצייגט, אז איך בין פון איהר אויף אויביג געשיעדען. צום ערשטען מאל האב איך דאן ערפאהרען, דאס עס גיעבען פלעקען, וועלכע מען קען ניט אבוואשען! פון יענעם טאג אן האבען מיך דיעזע געדאנקען ניט אבגעלאזען אויף א מינוט. געגען מיין ווילען האב איך קיין איינציגע צופריעדענע סעקונדע.

נאכטיגאל האט דא אבגעווישט איהרע טרעהרען. נאך דעם וויא דער פריסטער האט זיא בעטראכט מיט דעם גרעסטען מיטלייד האט ער צו איהר געזאגט:

— אבער מיין קינד, איהר דארפט בערעכענען, דאס ווען מאדאם געארג האט פון אייך פערלאנגט איהר זאלט זיך בעפריינדען מיט פריילין קלארא דעבראויל, איז עס נור ווייל זיא ווייס, אז איהר זייט ווערטה איהר פריינדשאפט. איך בעטראכט, דאס אלע פארווירפע וואס איהר מאכט זיך, איז א בעליידיגונג געגען אייער צווייטע מוטער.

— איך ווייס דאס, פאטער, און איך ווייס, אז איך בין אונגערעכט, אבער איך האב ניט געקענט אונטערדריקען מיינע געפיהלען פון שאנדע און שרעק. וויא קלארא האט זיך בעזעצט אין אונזער פארם בין איך געווארען מעלאנכאליש, פונקט אזוי וויא איך בין פריהער געוועזן גליקליך. זיא דאגעגען, איז געוועזן פרעהליך און לוסטיג. אין מיין צימער איז פאר איהר געשטעלט געווארען א בעט. אין דער ערשטער נאכט איידער זיא איז געגאנגען שלאפען האט זיא מיך אימגעארמט און האט מיר געזאגט, אז זיא ליעבט מיך און פיהלט זיך צוגעבונדען צו מיר, זיא האט מיך געבעטען איך זאל זיא רופען פראסט קלארא און זיא וועט מיך רופען מאריע. דאן האט זיא מיר פארגעשלאגען מיר זאלען פעראייניגען אונזערע נעמען, זיא וועט מיך רופען קלארא־מאריע און איך זאל זיא רופען מאריע־קלארא, איך האב עס אהיר ניט געקענט ענטזאגען, נאך א לאנגען געשפרעך איז זיא איינגעשלאפען איך

בין צום בעט נאך ניט געגאנגען. איך האב זיא בעטראכט און האב אנגעקוקט איהר עהרליכעס געזיכט און האב זיך צו־וויינט. ווען איך האב בערעכענט דאס דיעזעס אונשולדיגעס קינד שלאפט אין איין צימער מיט דער, וועלכער איז ערשט ניט לאנג געווען ביי דער שענקערקע צווישען גנבים, מערדער און... איך האב גענומען ציטערען גלייך וויא איך וואלט בעגעהן דעם שווערסטען פערברעכען, מיר האט גענומען שיינען, אז גאט וועט מיך דערפאר שטראפען. איך האב דאן איינגעשלאפען און האב געהאט שרעקליכע חלומות, דיא אלטע בעקענטע שרעקליכע געשטאלטען האבען זיך פאר מיר בעוויעזעי. איך האב ווידער געזעהן דעם האלזשניידער, דעם לעהרער, דיא לילית מיט איין אויג, וואס האט אזוי פערביטערט מיין יוגענד. אה׳ וואס פאר א נאכט! גרויסער גאט, וואס פאר א נאכט! און וואס פאר א חלומות!— האט נאכטיגאל געשריען און האט געצוטערט פון דער [illegible]אינערונג.

— ארמע מאריע, — האט דער אל־ער פריסטער געזאגט מיט מיטגעפיהל— ווארום האט איהר מיר פריהער ניט ענד,קט דיעזע טרויעריגע געהיימנים? איך האב אייך געקענט פערלייכטערען דיא שמערצען, אבער דערצעהלט ווייטער.

— איך האב אזוי שפעט מיינע אויגען געשלאסען, דאס ווען קלארא האט מיך ווידער גענומען קושען און האלזען בין איך געווען צו שלעפריג, אום צו בעהערשען מיין קאלטקייט צו איהר. און אום צו געבען מיר א בעוויז פון איהר ליעבע און פריינדשאפט האט זיא מיר ענטדעקט א סוד. אז זיא וועט הייראטהען באלד וויא זיא וועט ווערען איבער אכצעהן יאהר, מיט א פארמערס א זאהן, וועלכען זיא ליעבט זעהר היים. דיא צוויי פאמיליען האבען שוין לאנג צו דער הייראטהה איינגעשימט. דאן האט זיא מיר אין א פאאר ווערטער דערצעהלט דיא געשיכטע פון איהר לעבען, א לעבען, וועלכער איז איינפאך, רוהיג און גליקליך. זיא האט נאך ניעמאלס פערלאסען איהר מוטער און זיא וועט זיי ניט דארפען פערלאסען, ווייל איהר מאן וועט ארבייטען אין דער זעלבער פארם.

— יעצט ליעבע מאריע, — האט זיא מיר געזאגט — איהר קענט מיך אזוי גוט וויא איהר וואלט געווען מיין שוועסטער, יעצט דערצעהלט מיר אלעס פון אייער פערגאנגענהייט.

איך האב געמיינט אז איך וועל שטארבען פאר שאנדע. איך בין רויטה געווארען און האב ניט געוואוסט וואס צו זאגען, איך האב ניט געוואוסט, וואס מאדאם געארג האט וועגען מיר דערצעהלט און איך האב זעהר ניט געוואלט זאגען א ליגען. איך האב געענטפערט, אז איך בין א יתומה און שלעכטע מענשען האבען מיך ערצויגען. דאס איך בין אין מיינע יונגע יאהרען געווען אונגליקליך און דאס

מיין גליק האט זיך אנגעפאנגען פון דעם טאג וואס מען האט מיך געבראכט אין דיעזער פארם. קלארא איז אבער זעהר פערגעטערסירט און נייגעריג, געוועזען און זיא האט מיר געפרעגט וואו האב איך זיך ערצויגען, אין שטאדט אדער אין דארף? וויא האט מען מיין פאטער גערופען, און מעהר פון אללעס האט זיא געוואלט וויסען, אויב איך האב געקענט מיין מוטער? דיעזע פראגען האבען ארויסגענומען מיין נשמה, ווייל איך בין געוועזען געצוואונגען צו ענט־פערען מיט ליגענס. און איהר, פאטער, איהר האט מיר געשילדערט וואס פאר א זינד א ליגען איז. אבער קלארא האט ניט גערעכענט אז איך קען זיא נאַ־רען, זיא האט גערעכענט, אז איך ענטפער אזוי לאנגזאם און אזוי אונמוטהיג ווייל דיא ערינערונג אויף דיא שלעכטע צייטען מאכט מיר שמערצען. זיא האט מיר געגלויבט און האט אויף מיר געהאט רחמנות. אה, פאטער, איהר קענט קיין מאָל ניט וויסען וואס דיעזער געשפרעך האט מיר געקאסט אונד וויא פיעל איך האב געליטען ווען איך בין געוועזען געצוואונגען צו דערצעה־לען אויסגעטראכטע, פאלשע זאכען!

— אונגליקליכעס קינד! גאטס שטראפע וועט פאלען אויף דיא לייטע, וואס האבען דיך געשליידערט אין אזא פינסטערע בלאטע און האבען פעראור־זאכט דוא זאלסט זיין געצוואונגען צו א זעלכע פערברעכען.

— אָה יא פאטער, זיי ווארען זעהר שלעכט! דען מיין שאנדע קען זיך קיין מאהל ניט פערדעקען! ווען קלארא האט מיר געשילדערט איהר גליק האב איך ניט ווילענדיג געמוזט פערגלייכען מיין שיקזאל מיט איהרען; ניט אכטענ־דיג אויף דיא פריינדשאפט וואס מען ווייזט צו מיר, בין איך דאך אויף אויביג אונגליקליך! איהר און מאדאם געארג האבען מיך געלעהרענט וואס עהרליכ־קייט איז, אבער דאס ווייזט מיר וויא טיעף איך וואר פערזונקען... קיין זאך קען פון מיר אבוואשען דעם פלעק, דאס איך וואר נאהענט צו אלע שמוציגע זאכען אין דער וועלט... אה, פאטער, ווען דאס וויסען וואס איז גוט און וואס איז שלעכט האט מיך געמאכט אזוי אונגליקליך, ווארום בין איך בעסער ניט געבליעבען ביי מיין אונגליקליכען שיקזאל!!

אָה, מאריע, מאריע!

— פאטער איך רעד וואס מען טאָר ניט; איך וואָג עס ניט מודה צו זיין; אבער אפט בין איך זעהר אונדאנקבאר פאר דיא חסדים וואס מען האט מיט מיר געטהאן, און איך זאג צו זיך אליין: „ווען מען וואלט מיך ניט ארויסגע־נומען פון בלאטע. וואלט איך דארט זעהר שנעל געענדיגט מיין לעבען אונד וואלט גאר ניעמאלס געוואוסט פון דיא ליידען, דיא געוויסענביסע וואס איך פיהל יעצט. יעצט בין איך דיא אונגליקליכסטע פערצווייפעלטע בעשעפעניש.

— אבער איהר מוזט אויסרייסען יענעם בלאט פון אייער לעבענס־געשיכטע,— האט דער פריסטער געזאגט אין א טרויעריגען און ערנסטען טאן— איהר מוזט האפען און בעטען אויף גאט'ס ערבארמונג. דארט אויבען אין הימעל וועט מען געווים מוחל זיין דיא זינד פון אזא אונשולדיגע זעעלע.

— אה גאט, האב מיטלייד מיט מיר! איך בין נאך אזוי יונג און קען נאך ליידער לעבען זעהר לאנג!—האט נאכטיגאל געזאגט אין א ציטערינדען קול וועהרענד זיא איז ניט ווילענדיג געפאלען אויף דיא קניע ביי דעם פריסטערס פיס.

דער אלטער מאן איז געשטאנען אויפ'ן שפיץ בארג, ניט ווייט פון זיין הויז, ווען נאכטיגאל האט געקניעט פאר גאט. זיין געזיכט איז דונקעל געווארען פון נאכטיגאל'ס ריהרענדע רייד, איין האנד האט ער אויפגעהויבען צום הימעל, און דיא אנדערע האט ער אויסגעשטרעקט צו דער קניענדער נאכטיגאל.

דיעזעס ריהרענדעס בילד אויפ'ן בארג איז פארגעשטעלט געווארען כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען דער לעהרער האט געקניעט פאר זיינע בעגלייטער און האט געבעטען זיי זאלען איהם ניט לאזען אליין אין וואלד. אה, וואס פיר א קאנטראסט אין דיא צוויי בילדער? דארט אין טהאל, אונטער דיא געדיכטע בוימער פאלט דער ערגסטער פון אלע באנדיטען, דער שרעקליכסטער אונטער אלע מענשען פרעסער, וואס האט פערגאסען מעהר בלוט וויא וואסער און איז ענטשלאסען צו טרייבען זיין מערדעריי, זאגאר אהן אייגען, ווייל ער קען מעהר קיין עהרליכען לעבען ניט פיהרען. איבער איהם שטעהט א שמוציגע מכשפה, וואס לאכט וויא א שד וואס פאנגט א זעעלע אונד ערקלעהרט דעם אבגעשוואכטען מערדער דאס ער איז איהר אינסטרומענט און דאס ער מוז מארדען און פערניכטען נאך איהר ווילען. אויך יעצט האלט זיא איהם נעבען זיך, ער זאל איהר העלפען פערדערבען דער אונגליקליכער נאכטיגאל! און דאס אלעס איז געשעהן אין דער זעלבער צייט, ווען אויפ'ן שפיץ בארג, אונטער ד ם שיין פון דער לבנה און שטערען קניעט דיא זעלבע אונגליקליכע פאר גאט און פיהלט דיא ערגסטע שמערצען, ווייל זיא ווייס, אז זיא איז נ ט בערעכטיגט צו בעזיצען דיא פריינדשאפט פון אן אונשולדיגעם מיידעל, ווייל זיא קען ניט ערטראגען דיא עראינערונג אויף איהר פערגאנגענהייט, אין וועלכעס זיא איז ניט שולדיג!

— אה, מיין אונגליק!—האט נאכטיגאל געשריען פון פערצווייפלונג. ווען מיין לעבען זאל זיין אזוי לאנג וויא אייערע, און פון יעצט אן אזוי ריין און נאבעל וויא אייערע, ליעבער פאטער, וואלט עס אויך פאר מיר געווען א קוואל פון א פלאג, ווייל מיין פערגאנגענהייט האט פערפינסטערט מיין גאנצען צוקונפט! אה, וועה איז מיר.

— ניין, ניין, מאריע, בערוהיגט אייך. דאס גליק איז נאך פאר אייך. אייערע לײדען בעווייזען דיא עהרליכקייט און דיא ריינקייט פון אייער זעעלע. וויפיעל אזעלכע וויא איהר וואלטען שנעל פערגעסען זייער פערגאנגענהייט און וואלטען נור געציעלט צו געניסען פון דער געגענוואַרט. גלויבט מיר, אז יעדער זיפץ וואס איהר גיט יעצט ווערט פערשריעבען אין דער קומענדער וועלט. גאט האט אייך א ווײלע גע־לאזט ליעגען אין דער שלעכטער געזעלשאפט אום איהר זאלט נאך דעם האבען דעם לאהן פון חרטה און תשובה. מוטה, מיין טהייער קינד. הילפע, פריינדשאפט און ליעבע וועט אייך ניט פעהלען. איך בין שוין זעהר אלט. אבער מאדאם געארג און מאנסיו רודאלף האבען נאך א סך יאהרען פאר זיך. מאנסיו רודאלף זארגט פאר אייער גליק און ער אינטערעסירט זיך אין אייך מיט דיא גרעסטע אי־בערגעבענהייט.

נאכטיגאל האט געוואלט ענטפערען, נור דיא דארפס־פרוי, פון וועלכע מיר האבען שוין געשפראכען איז אנגעקומען און האט דעם געשפרעך אונטערבראכען.

— ענטשולדיגט מיר, — האט דיא פרוי געזאגט צום פריסטער — מאדאם געארג האט מיר געהייסען איך זאל אייך ברענגען דיעזען קארב פרוכט און האט מיר אנגעזאגט איך זאל קומען צוריק מיט פריילין מאריע, ווייל עס ווערט שפעט. איך האב מיט זיך גענומען אונזער גרויסען הונד טורק, ער זאל מיר העלפען טראַ־גען, טורק איז א גוטער בעגלייטער.

— איהר וועט אזוי גוט זיין געבען מיין בעסטען דאנק אייער ווירטהין, — האט דער פריסטער געזאגט צו דער דארפס־פרוי. מארגען וועל איך פריהער פון פינף אוהר ניט זיין צו הויז. נור אויב איהר פריילין מאריע, ווילט מיך זעהן, וועל איך אייך ערווארטען אין מיין הויז, דען איך זעה, אז איהר האט נאך אין גאנצען ניט אויסגערעדט אייער הערץ.

איך דאנק אייך פאטער, איך וועל צו אייך מארגען קומען. איהר זייט זעהר פריינדליך מיר דיעזע פריינדשאפט אנצובאטען — האט נאכטיגאל געענטפערט.

— מיר זיינען יעצט נעבען מיין הויז, שטעלט אראפ דא דעם קארב, קלאדין. מיין דינער וועט איהם שוין אריינעהמען אין הויז. געהט צוריק מיט מאריען אין פארם, מאכט אייער וועג שנעל וויא מעגליך. ווייל דיא פינסטערניס קומט אן און דיא קעלט איז אונערטרעגליך. מארגען, מאריע אום פינף אוהר ערווארט איך אייך.

— מארגען, פאטער.

דער פריסטער איז אריין אין זיין הויז און נאכטיגאל מיט קלאדין און טורק האבען גענומען דעם וועג צום פארם.

31טעם קאפיטעל.

דיא פיש פאר'ן נעץ.

דיא נאכט וואר קלאהר און פראסטיג. אויף דעם לעהרער'ס עצה זיינען דיא רויבער איבערגעגאנגען גאנץ נאהענט צום וועג און ניט ווייט פון קוטשער באַרבילאן. האפי האט זיך געשטעלט אויפ'ן וועג און האט געוואַרט ביז נאכ־טיגאל וועט צוריק קעהרען אום ער זאל זיא קענען פערנארען מיט דער פרעטענזיע, אז זיין אלטע מוטער איז אין געפאהר. קולאק'ס בן יחיד האט געהאלטען אנגעשטעלט זיינע אויערען און האט געהארכט וויא א יאגד־הונט ביז ער האט דערהערט וויא נאכטיגאל רעדט צו דער דאַרפס־פרוי מיט וועל־כער זיא איז געגאנגען. דער פלאן איז דורכגעפאלען; האפי האט זיך געלאזט לויפען אום דיא צוויי רויבער צו ווארנען.

— עפעס א פערזאן געהט מיט דאס מיידעל! — האט ער אנגעזאגט מיט א ניעדריגען קול.

— איהר קאפ זאל אבגעהאקט ווערען פון דיא פלייצעס! — האט לילית מיט רציחה אויסגעשריען.

— מיט יועמען געהט זיא? — האט דער לעהרער געפרעגט.

— איך רעכען, אז זיא געהט מיט דער דארפס־פרוי, וועלכע איז ניט לאנג אונז פאַראיבער געגאנגען מיט א גרויסען הונד; איך האב געהערט א פרויען שטימע. — האט האפי געזאגט — הערט! — הערט וויא איהרע הילצערנע שיך קלאפען!

אין דער שטילער נאכט האבען זיך דיא טריט גאנץ ווייט געלאזט הערען.

— דארט געהן צוויי. איך קען בייקומען דער מיידעל. אבער וואס טהוען מיר מיט דער צווייטער? מיין ליעבער מאן איז בלינד, און האפי איז צו שוואך צו מאכען האַק־פלייש פון דער בייערין! וואס קען מען טהאן? האט לילית פערצווייפעלט געפרעגט.

— איך בין ניט שטארק, נור אויב איהר ווילט קען איך זיך שלײדערען צווישען דער בייערינ'ס פיס; איך וועל זיא אזוי האלטען מיט דיא צייהן און דיא נעגעל, און איך וועל זיא ניט לאזען געהן, דאס מעגט איהר זיין זיכער וועהרענד איך טהו דאס, קענט איהר דערווייל אוועקשלעפען דאס מיידעל.

— אבער ווען זיי שרייען נאך הילפע וועט מען זיי דערהערען אין פארם — האט דיא מכשפה געענטפערט — זייערע לייטע וועלען צייט האבען צו קו־מען אהער אונז צו פאנגען איידער מיר וועלען זיך קענען צו שלעפען צו באר־בילאנ'ס קארעטע. עס איז ניט אזא לייכטע זאך צו טראגען א פרוי געגען איהר ווילען.

— און זיי האבען א גרויסען בילער מיט זיך! — האט האפי בעמערקט.

— באה, באה! ווען דאס וואלט געווען אלעס, וואלט איך דעם הונד מיט איין קלאפּ פערטיג געמאכט,—האט לילית געענטפערט.

— זיי זיינען שוין ניט ווייט פון אונז,—האט האפּי געזאגט צוהערענדיג זיך צו זייערע טריט—ז י זיינען שוין ביי אונזער טהאל.

— רייד, ווארום שווייגסטו דוא, מיין מאן!—האט לילית צום לעהרער גע־שריען—וואס איז דיין עצה דוא געבילדעטער מאן? ביזט דוא שטום?

— הייטע קען מען קיין זאך ניט טאהן,—האט דער לעהרער געענטפערט.

— און דיא טויזענד פראנק!—האט לילית געשריען וועלען מיר זיי פערליע־רען? איך זאג ניין! דיין מעסער! דיין מעסער! איך וועל טויטען דיא פרוי, אום זיא זאל אונז ניט שטערען אין דער ארבייט, וועגען דער קליינער, וועל איך אונד האפּי פערשטאפּען איהר מויל.

— אבער דער מאן אין דיא שווארצע קליידער פערלאנגט פון אונז מיר זא־לען קיינעם ניט טויטען.

— נו איז וואס, מיר וועלען איהם דערפאר רעכענען עקסטרא! ער וועט שוין מוזען צאהלען, זאנסט איז ער א מיטשולדיגער.

— אט זיינען זיי, זיי קומען גלייך צו אונז!—האט האפּי שטיל געזאגט.

— דיין מעסער, מיין בלינדער! דיין מעסער! — האט לילית אין דער שטיל געפּאדערט.

— אה, לילית! — האט האפּי געזאגט מיט אויסגעשטעלטע הענד—מען מוז האבּען מעהר כח אום זיא צו טויטען! אה ניין, ניין! טהוט דאס ניט!

— איך זאג גיב מיר דיין מעסער!—האט לילית ווידערהאלט אין א ניעדע־ריגען קיל און אויסטאהנדיג איהרע שיך—איך האב אראפּגענומען מיינע שיך, אום איך זאל מיך קענען אונטערוקען פון הינטען וויא א וואלף. עס איז שוין פינסטער, אבער איך קען דיא קליינע ערקענען און וועל מיין ארבייט גאנץ געשיקט מאכען.

— ניין!—האט דער רויבער ענטשלאסען געזאגט—אלעס איז הייטע פערפאַ־לען, עס וועט זיין גענוג צייט פיר מארגען.

— וואס! דוא האסט מורא, דוא קאלטער גזלן? — האט לילית געליארעמט מיט דער גרעסטער פעראכטונג.

— איך האב קיין מורא,—האט דער לעהרער געזאגט — נור דוא וועסט פער־פעהלען דעם ציעל און דער גאנצער געשעפט וועט פערלארען געהן.

דער הונד, וואס האט בעגלייט דיא דארפס־פרוי, האט גאר אהן ספק דער־שמעקט דיא רויבער, וואס ווארען בעהאלטען אין טהאל, ער האט זיך אבגעשטעלט

און האָט גענומען בּיללען מיט אַלע קרעפטען. נאַכטיגאַל האָט איהם גערופען צו זיך אָבער טורק האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— הערט איהר זייער בּילער? אָט זיינען זיי. דיין מעסער! ווען ניט! — האָט לילית געקווייטשעט מיט אַ פערשטיקטען קול.

— קום און נעהם איהם פון מיר מיט קראַפט! — האָט דער לעהרער גע־ענטפערט.

— עס איז שוין אַלעס פאַראיבּער, שוין צו שפּעט, — האָט לילית געזאָגט, נאַכ־דעם וויא זיא האָט אַ ווייל̇ע געהאָרכט — זיי זיינען שוין אוועק. אָה דוא אַרעסטאַנט און מערדער, דוא זאָלסט מיר דערפאַר בּעצאָהלען. טויזענד פראַנק האָבּ איך פער־לאָרען נור דורך דיין עקשנות.

— אַ טויזענד — צוויי טויזענד, פיעלל̇ייכט דריי טויזענד פראַנק פערדינסט — האָט דער לעהרער געזאָגט אין אַ טאָן פון אַן אווטאָריטעט. הער מיך אויס לילית. זיא געה און זעץ דיך אַרויף אויף בּאַרבּילאָנ׳ס קאַרעטע; ער וועט דיך פיהרען צום אָרט וואו דוא דאַרפסט בּעגעגנען דעם מאַן אין שוואַרצען און וועסט איהם ער־צעהלען, אַז הייטע וואַר עס אונמעגליך, אָבער מאָרגען בּרענגען מיר איהם דאָס מיידעל זיכער; זיא בּעגלייט יעדען אָבענד דעם פּריסטער און געהט צוריק גאַנץ אַליין. הייטע האָט זיך נור געמאַכט אַ צופאַל, מאָרגען איז זיא געוויס אין אונזערע הענד און מאָרגען פאַרנאַכט זאָלסט דוא זיין מיט בּאַרבּילאָן אויפ׳ן זעלבּען אָרט וואו ער שטעהט יעצט.

— נו און וואו וועסט דוא זיך דערווייל אהינטהאָן?

— האָפּי וועט מיך פיהרען אין פאַרם וואו דאָס מעדעל געפינט זיך. איך וועל פערפאַסען אַ געשיכטע: איך וועל זאָגען, אַז מיר האָבּען פערלאָרען אונזער וועג און וועל בּעטען מען זאָל אונז ערלויבּען צו נעכטיגען אין אַ ווינקעל שטאַל. קיינער קען דאָס ניט ענטזאָגען. האָפּי וועט פאָרזיכטיג עקזאַמענירען דיא טהירען, דיא פענסטער אין יעדען איינגאַנג און אויסגאַנג פון הויז. דיא פאַרמער האָבּען אימער פיעל געלד אין אַזאַ צייט. דוא זאָגסט, אַז דיא פאַרם איז אין אַן אָבּגעלעגטען אָרט; קוים וועלען מיר נור וויסען אַלע וועגען און שטעגען וועלען מיר אַמאָל אהער קומען מיט אַ פּאָאַר פריינד און וועלען אַפּאַרבּייטען אַ קליינעם געשעפט.

— קלוג וויא אימער! אָט איז אַ חכם, וואָס פּאַסט פאַר אַ סענאַטאָר! רייד ווייטער, מיין ליעבּער מאַן!

— מאָרגען פריה, אַנשטאַט אוועקצוגעהן פון פאַרם, וועל איך מיך בּעקלאַגען

אויף גרויסע ווערטאָגנען אין דיא פּיס. אויב זיי וועלען מיר ניט גלויבען, וועל איך זיי ווייזען דיא וואונדען אויף מיינע פּיס, וואס איך האב זיך אנגעמאכט אראָפּרייסענדיג דיא קעטען. איך וועל זאָגען, אַז דיא וואונדען זיינען מיר געקומען פון א הייסען אייזען וואָס איז אויף מיר געפאַלען ווערענד איך וואר אַן ארבייטער. זיי וועלען מיר זיכער גלויבען און וועלען מיר ערלויבען צו בלייבען אין פּאַרם ביז האָפּי וועט קענען אלעס בעטראַכטען. פאַרנאַכט ווען דאָס מעדעל וועט געהן בעגלייטען דעם פּריסטער אהיים, וועל איך זאָגען אַז איך פיעל בעסער און וועל זיך לאָזען געהן מיין וועג. איך און האָפּי וועלען זיי נאַכגעהן פון הינטען און מיר וועלען בלייבען אויף איהר ווארטען ביי דיעזען טהאל; דאס מיידעל וועט אונז זעהן אויפ'ן פּאַרם, און דארום ווען זיא וועט אונז צום צווייטען מאל זעהן אויף דיעזען אָרט וועט זיא אויף אונז קיין חשד ניט האבען. איך און האָפּי וועלען צו איהר רעדען. קוים וועט זיא נור קומען נאָהענט צו אונז וועל איך זיא פּאַקען אין מיינע הענד און וועל זיא האַלטען אין מיינע לאַפּעס ביז דיא טויזענד פראַנק וועלען זיין אין אונזערע הענד. אָבער דאָס איז ניט אלעס, אין א פּאַאר טעג ארום וועלען מיר נעהמען באַרבילאָן, אדער אַן אנדערען, מיר וועלען קומען מיט אונזערע אויסהעלפער אין פּאַרם און נעהמען וואָס צום האַנד וועט קומען.

— אָה, מיין בלינדער חכם, וואו קענען זיי געפינען דיין גלייכען! — האָט לילית אויסגעשריען ארומנעהמענדיג דעם לעהרער — דיין פּלאַן איז ערהאַבען. הינטעלע מיינער, ווען דוא ביזט געוואָרען א בלינדער בעטלער וואָס קען ניט ארבייטען מוזט דוא געבען גוטע פּלענער; דוא וועסט דאַרפין מאַכען גענוג געלד וויא יעדער גנב־אדוואקאַט, אדער גנב־פּאַפּסט. קום, קוס דיין ליעבער ווייב און לאָז זיך געהן, ווייל דיא פּאַרמערס לייגען זיך שלאָפען גלייך מיט דיא היהנער. איך וועל געהן צו באַרבילאָן; מאָרגען אום פיער אוהר נאַכמיטאָג וועל איך מיט איהם שוין זיין אויפ'ן בעשטימטען פּלאַץ, מיט דעם נעץ אין וואָגען; סיידען מען וועט איהם דערוויל חאַפּען און פערשליסען דערפאַר וואס ער האט דעם קריפּעל און דעם סקעלעטאָן געהאָלפען שטום צו מאַכען דעם מילך־מאַן, ווען ניט קען מיך אַן אנדערער אהער ברענגען, דען דער פערד און וואָגען בעלאַנגען זא־וויא־זא צום מאַן אין שווארצען. אין א פירטעל שטונדע נאַך מיין קומען מיט א פוהר וועל איך שוין זיין אין דיעזען טהאל און וועל אייך ערוואַרטען.

— זעהר שעהן! מאָרגען מיין לילית!

— אה, וואס פאַר א נארר איך בין. איך האב באַלד פערגעסען צו געבען האָפּין דעם וואַקס, ער זאל מיטנעהמען אויפ'ן פּאַרם, פּיללייכט וועט ער דאַרפען

אפקוועטשען אייניגע שלעסער. היער איז עס קליינער שריץ, ווייסט דוא וויא מען דארף עס געברויכען? — האט דיא אלטע פרוי געזאגט, געבענדיג א שטיק וואקס צום קליינעם האפי.

— אָה יא, מיין פאטער האט עס מיך געלערענט. איך האב פאר איהם אבגעקוועטשט דעם שלאָס פון מיין דאָקטאָר'ס אייזערנע קאסטען, וועלכע ער האלט אין זיין פינסטערען צימער.

— דאָס איז גוט, אום עס זאל זיך ניט קלעפען צום שלאָס, זאָלסט דוא עס נוט אננעצען, נאכדעם וויא דוא וועסט עס אנווארמען אין דיין האנד.

— מען וויים עס אהן אייך, — האט האפי געענטפערט.

לילית האט זיך אפגעטראָגען צום וואָגען און האפי האט געפיהרט דעם לעהרער צום פארם נאך דיא ליכט וואס האט געשיינט אין דיא פענסטער.

און זא האט דער שיקזאל געפיהרט דעם רויבער אנשעל דארסנעל צום אָרט, וואו זיין אונגליקליכע ווייב געפינט זיך, וועלכער ער האט ניט געזעהן זייט מען האט איהם פערמשפ'ט צו זיצען זיין גאנצען לעבען אין א געפענגניס פיר באנדיטען.

32טעס קאפיטעל.

גאַסטפריינדשאַפט.

גיעבט דען א שעהנערער און אנגענעהמערער פלאץ אלס ארום דעם אויווען אין א גרויסע קיך פון א פארם־הויז אין מיטען ווינטער? קען עטוואס אנדערש געבען א בעסערען בעגריף פון שטילער גליקזעליגקייט אין הייזליכען לעבען? — דעם פערגניגען פון אזא פלאץ האט מען אין קיין אָרט ניט געקענט זעהן אזוי דייטליך וויא אין דער מאָדעל פארם וואָס רודאָלף האט געגרינדעט. דער גרויסער קוימען פון דער קיך אין דיעזען פארם האט אויסגעזעהן וויא דער מויל פון א פייער שפייענדען בארג. דער גרויסער קאמין (פייער־פּלייס) האט בעלויכטען און אנגעווארעמט דאס גרויסע הויז. אין מיטען קיך איז געהאנגען א גרויסער לאָמפּ וואָס האט צוגעגעבען א דאָפּעלטע ליכטיגקייט אין קיך. אין אלע ווינקעלעך און ארום אלע ווענט זיינען געשטאנען קופערנע טעפּ וואס האבען געבלישצעט פון ריינקייט, און האבען אבגעשלאָגען א גאָלדענעם גלאנץ געגען דעם פייער פון אויווען. א גרויסער קופערנער וואשקעסעל האט געבלאנקט וויא א שפיגעל, ניט וויים פון איהם איז געשטאנען א ברויט קאסטען פון טאנענהאָלץ, פון וואנען מען האט געהערט דעם ריח פון פרישען ברויט. א לאנגער און געזונטער טיש וואס וואר בעדעקט מיט א ריינעם טיש־טוך איז געשטאנען אין מיטען צימער; אויפ'ן טיש זיינען געשטאנען געגרייט געשיר און גאָפּעלמעסער וועלכע ווארען ריין וויא זילבער. אין מיטען טיש איז געשטאנען א פאָלע

שיסעל מיט פעטען זופּ פון וואנען עס איז געגאנגען א ריינער און געזונטער דאמפּף, געמישט מיט דעם ריח פון גרינס און געווירצען. ביי דיעזען שיסעל איז געשטאנען א גרויסער טעלער מיט סאלאט, און פערשיעדענע גרינע צושפּייזען. אין דריי, אדער פיער פּלעצער פון טיש זיינען געשטאנען גרויסע טאצען מיט געבראָטענע פלייש פון צוויי אדער דריי מינים. אין צו־וואָרפענע פּלעצער פון טיש האבען זיך געפונען אלערליי פריכטע און גרויסע פלעשער מיט סיידער. גרויסע לאַבענס ברויט, גרויס וויא מיהלשטיינער האבען פערפול געמאכט דיעזען סערוויז.

איין אלטער, קודלאטער שווארצער הונד, כמעט אין גאַנצען אָהן צייהן, האט געהאט דיא ערלויבנים צו ליעגען אין דיעזער קיך און ווארמען זיך ביי'ן אויווען, אויס רעספּעקט צו זיינע אלטע יאהרען און צו דעם גרויסען דור וואָס ער האט דיעזער פאַרם געשאָנקען. דער הונד האט דיעזע עהרע אנערקענט און ער איז געלעגען זעהר שטיל און אנשטענדיג אין א ווינקעל און האט מיט שארפע אויגען אכטונג געגעבען אויף אלעם וואָס אין קיך איז פארגעקומען. דיעזער הונד האט א סך ארבייט גע־לייסטעט אין זיין יוגענד און ער וואר בעליעבט ביי אלע מענשען פון פארם־הויז. זיין נאמען איז געוועזן „ליזאנדער."

דיא ארדנונג אין קיך און דעם עס־צעטעל פאר דיא ארבייט האט מאַדאם געאָרג אימער אליין אויפגעפּאסט, ווייל אזוי וואר רודאָלף'ס פערלאנגען. דיא ארבייטער אין דעם פארם זיינען געקליבען געוואָרען פון דיא בעסטע און עהרליכסטע אין פּאַריז. זיי וואָרען זעהר גוט בעלאָהנט און זיינען בעהאנדעלט געוואָרען אויף אן ארט, וואס זאל זיי מאכען דיא ארבייט אנגענעהם. א שטעלע אין דיעזער פארם איז ביי אלע ארבייטער געווען בעטראכט פאר א גליק. רודאָלף האט בעשאפען דיעזע „מאָדעל־פארם" ניט אום צו פערבעסערען דיא ערציהונג פון פערד אדער דיא ענטוויקלונג פון דער ערד, נור אום צו ווייזען וויא אזוי דיא לאגע פון ארבייטער דארף פער־בעסערט ווערען.

נאכדעם וויא דער אבענד־מאָהלצייט איז פערטיג געוואָרען און דער טיש וואר פּאַלשטענדיג געגרייט האט דיא קעכין געגומען קלינגען אין גלאָק. אויף דיעזען פרעה־ליכען סיגנאל האבען געענטפערט צוועלף אדער פינפצעהן פערשיעדענע ארבייטער, מענער און פרויען. זייא האבען זיך אלע פערזאמעלט מיט שמחה און צופריעדענהייט אין דער גרויסער קיך. אויבען־אָן האט זיך געזעצט אן אלטער מאן, מיט א ווייסען באָרד, אין א ריינע פריינדליכע געזיכט, וואס האט אויסגעדריקט גוטסקייט און פריינד־שאפט. ער וואר דער עלטסטער ארבייטער אין דער פארם; אלע האבען איהם גע־רופען „פאטער שאטליין." ווען רודאָלף האט דיעזע פארם געקויפט האט ער דיעזען

אלטען מאַן געפונען אין דעם פּלאַץ, ער איז איהם געפּעהלען געוואָרען און ער האט איהם געמאַכט צום אויפזעהער איבער דער ארבייט.

אלע ארבייטער האבען פערנומען זייערע פּלעצער און האבען געווארט ביז דער אלטער האט גענומען צוערשט זיין חלק. אין דיעזען אויגענבליק האבען דיא הינד אויפ'ן הויף גענומען בילען מיט אלע קרעפטען. דער אלטער ליזאַנדער האט זיי גע־ענטפערט מיט א שוואַכער שטימע. עפּענענדיג זיין מויל האט ער געוויעזען אז ער האט נאָך א פּאאר געזונדע צייהן.

— יעמאַנד מוז געהן ארום דער פאַרם, — האט פאטער שאַטליין געזאָגט.

ער האט נאָך ניט אויסגערעדט דיעזע ווערטער און דער גלאָק פון הויפּט איינ־גאַנג האט געקלונגען.

— ווער קען דאָס קומען אזוי שפּעט? — האט דער אלטער ארבייטער גע־פרעגט — אלע אונזערע לייט זיינען שוין אין הויז. געהט און זעהט ווער דארט איז, זשאַן רענע!

זשאַן רענע, א יונגער ארבייטער האט שנעל צוריק אריינגעבּאַסען א פּאַלע לעפעל מיט זופּ, וועלבע ער וואָלט פערשלונגען, און איז ארויס פון קיך.

דאָס איז דער ערשטער אבענד זייט א לאַנגע צייט, דאָס מאַדאַם געאָרג און פריילין מאַריע זאָלען ניט זיצען ביי'ן פייער פון קיך אין דער צייט פון אבענדס־מאָהל.

— איך בין זעהר הונגעריג, — האט פאטער שאַטליין געזאָגט — אבער מיין עסען וועט מיר הייטע וועניגען איינגעהן.

— מאַדאַם געאָרג איז יעצט אין מאַריעס צימער. דען אלס דיא מאַדמאַזעל איז צוריק געקומען פון פריסטעריס וואוינונג האט זיא זעהר שלעכט געפיהלט און זיא איז גלייך געגאַנגען צום בעט, — האט געענפערט קלאָדין, דיא דיקע דארפס־פרוי ויאָס האט דער נאַכטיגאַל בעגלייט צוריק אהיים.

— איך האָף אז דיא גוטע מאַריע איז ניט זעהר קראַנק, — האט דער אלטער ארבייטער געזאָגט.

— אָה, ניין. זיא איז ניט געפעהרליך; מאַדאַם געאָרג האט געזאָגט, אז דאָס וועט שנעל פאָראיבערגעהן; ווען דאָס וואָלט געווען אַן ערנסטע קראַנקהייט וואָלט זיא געשיקט נאָך דעם שווארצען דאָקטאָר, וואָס האט דיעזער מאַריע קורירט דעם לעצטען מאָל, — האט קלאָדין געענטפערט — איך וואָלט אבער ניעמאָלס געגלויבט א שווארצען דאָקטאָר. ווען איך בין קראַנק לאָז איך איהם ניט צוגעהן צו מיר.

— אָבער האט ניט דער דאָקטאָר דער גוטער מאַריע אויסגעהיילט, ווען זיא גאַר קראַנק?

— יא, פאטער שאטליין.

— נו, וואַרום האט איהר מורא?

— עס איז טאַקע אמת; אבער, עס איז דאָך שרעקליך צו האבען א שוואַרצען דאָקטאָר.

— און האט ער ניט געשטעלט דער מוטער אניק אויף איהרע פיס, אבוואהל איהרע וואונדען האבען זיא גאַנצע דריי יאהר געפּלאָגט?

— יא, יא! אבער איך קען זיך אלץ ניט פאָרשטעלען, צו האבען א שוואַרצען דאָקטאָר! א שוואַרצען דאָקטאָר, און נאָך אזוי שוואַרץ!

— הערט נור קלאָדין, וואס פאר א קאָליר האט אייער קוה מיסעט?

— ווייס, פאטער שאָטליין, ווייס וויא שנעע און זיא גיט זעהר פיעל מילך.

— און דיא צווייטע קוה רוסעט?

— שוואַרץ וויא א ראָב, און זיא גיט אויך זעהר פיעל מילך, דעם אמת מוז מען זאָגען אפילו אויף א בהמה.

— און וואס פאר א קאָליר האט דאָס מילך פון דער שוואַרצער קוה?

— ווייס, וויא מילך דאַרף זיין, פאטער שאָטליין.

— און האָט דאס מילך פון דער שוואַרצער קוה דעם זעלבען טעם פון דאָס מילך פון דער ווייסער?

— אָה, געוויס קיין אונטערשיעד. וואָס מאכט עס אויס, וואָס פאר א קאָליר א בהמה האָט, איהר מילך איז אימער איינע און דיעזעלבע.

— אויב אזוי, מיין קינד, וואַרום זאל א שוואַרצער דאָקטאָר זיין ערגער פון א ווייסען.

דיא דאָרפס-פרוי האָט זיך פערטראַכט. דער אלטער קלוגער מאַן האט זיא בעזיעגט.

דערווייל איז זשאַן רענע צוריק געקומען בלאָה וויא א מילץ און האט געבלאָזען אין דיא פינגער זאָגענדיג:

— אָה, וויא קאַלט, דער פראָסט ברענט; קיין בעסערער פלאַץ פון אויווען גיבט עס יעצט ניט אין דער גאַנצער וועלט. אָה, א פראָסט!

— א פראָסט וואָס קומט מיט א נאָרד-ווינד וועט זיין שטאַרק און וועט האַלטען לאַנג; איהר זאלט עס וויסען מיין קינד. אבער ווער האט געקלונגען דעם גלאָק? — האט דער אלטער מאַן געפרעגט.

— א בלינדער אלטער מאן און א קליינער אינגעל, וואס פיהרט איהם, פאַטער שאטליין.

— און וואס וויל דער בלינדער מאן?

— דער אלטער מאן און זיין זאָהן האבען אהער פערבלאָנדזשעט. דיא נאכט איז זעהר קאלט, וועלף פריהרען אזש אין דיא וועלדער, און דיא פינסטערנעס איז גרויס דארום זיינען זיי אריין בעטען מען זאָל זיי ערלויבען נעכטיגען אין א ווינקעל פון א שטאהל.

— מאדאם געאָרג איז אזוי פריינדליך, דאָס זיא ענטזאגט ניעמאלס אן אונגליקליכען גאסט. עס איז קיין ספק, אז זיא וועט דעם אלטען און זיין ערלויבען צו נעכטיגען; אבער מען מוז בעטען איהר ערלויבניס. געהט און ערצעהלט עס איהר, קלאָדין.

קלאָדין איז גלייך אוועק.

— און וואו זיינען דערווייל דיא ארמע מענשען? — האט פאטער שאטליין געפרעגט.

— אין קליינעם שפייכלער.

— און ווארום האט איהר זיי אהין אריינגעפיהרט?

— ווען איך וואָלט זיי געלאזט אין פארם וואלטען דיא הינד זיי אויפגעגעסען לעבעדיג. איך זאָג אייך, פאטער שאטליין, אז דיא הינד זיינען צוזאמענגעלאָפען פון אלע זייטען. איך האב זיי ניעמאלס געזעהן אזוי ווילד. און מיר האָבען דאָך זיי דאָ ניעמאלס געלעהרנט, וויא אין אנדערע פארמס, זיי זאָלען בעפאלען ארמע מענשען.

— א מיטלייד אויף דיא ארמע. זעצט זיך נור אביסעל ענגער — אט אזוי, דאס וועט זיין גענוג. לעגט נאך לעפעל, גאָפלען און שטעלט נאך א פאאר טעלער. איינס פארן בלינדען אלטען מאן און דיא צווייטע פאר'ן קינד. מאדאם געאָרג וועט זיי זיכער אריינלאָזען, — האט דער אלטער פארמער געזאָגט.

— אָבער דיא הינד בילען דאך ניט אומזיסט! — האט זשאן געזאָגט — איבערהויפט טורק, וועלכען קלאָדין האט מיטגענומען צום פריסטער, ער וואר גלייך וויא משוגע. ווען איך האב איהם געגלעט און געבעטען ער זאל בלייבען שטיל ווארען זיינע האאר וויא שפילקעס. איך וואלט גערען הערען וואס איהר זאגט דערצו, איהר ווייסט דאך אלעס, פאטער שאטליין.

— איך זאָג, דאס איך, וועלכער ווייס אלעס, ווייס אמאָל ווייניגער פון א הונד אָדער א פערד. לעצטען הערבסט, ווען דער שטורם האט אויסגעבראָכען און

דאס קליינע טייכעל איז פּלוצלינג געוואָרען אַ ים, האָב איך גראָדע געריטען אויף דעם אַלטען קאָקאָ. עס וואַר פינסטער וויא אין אַן אויג, איך האָב ניט געזעהן אפילו דעם קאָפּ פון מיין פערד, דער וועג אַ היים איז געווען פערדעקט מיט פינסטערנעס און פערשוואומען מיט וואַסער; איך האָב געגלויבט, איך וועל זיכער ערטרונקען, און האָב זיך געלעגט אויפ'ן פערד'ס פּלייצע, זיך איבערלאָזענדיג אויפ'ן שיקזאַל. קאָקאָ האָט אָבער אין פינסטערנים און נאַסקייט אויסגעפונען דעם בעסטען וועג נאָך הויזע. פון וואַנען האָט ער דעם וועג געוואוסט בעסער פון מיר? און פון וואַנען ווייסען דיא פייגעלעך פאַראוים דיא צייט פון ווינטער און זומער, פון וואַנען ווייסען זיי וואו צו בעהאַלטען זייערע נעסטען, יעדער אויף דעם פּלאַץ וואָס איז פּאַר איהם בעסער? פון וואַנען ווייס דער האָהן אנצוזאָגען טאָג און נאַכט?

קלאַדין איז צוריקגעקומען, מיט צוויי ווייסע דעקעס. דער אַלטער האָט איהר גלייך געפרעגט, אויב מאַדאַם געאָרג האָט ערלויבט אריינצונעהמען דיא אָרמע אין פאַרם.

— היער זיינען צוויי דעקעס וואָס דיא ווירטהין האָט געגעבען פאַר דיא אָרמע לייט. זיא האָט געהייסען מען זאָל זיי אויסבעטען אין קליינעם צימער ביים אריינגאַנג, — האָט קלאַדין געענטפערט.

— יעצט זשאַן גייע און פיהר אהער אריין דעם בלינדען און זיין זוהן. איהר מיין שעהנע מיידעל, שטעלט צוויי שטולען פאַר'ן פייער. דיא צוויי זיינען געווייט פערפראָרען און זיי וועלען זיך וועלען ערוואַרמען, איידער זיי וועלען געהן צום טיש עפּעס עסען.

דיא ביללעריי פון דיא הינד האָט ווייטער פערהילכט דיא פאַרם. זשאַנ'ס שטימע, וועלכע האָט געוואָלט איינשטילען דיא הינד איז פון דער בילעריי פערטויבט געוואָרען. דיא טהיר פון קיך איז פּלוצלינג אויפגעריסען געוואָרען און האָפּי מיט'ן בלינדען לעהרער זיינען אריינגעפלויגען גלייך וויא זיי וואָלטען אַנטלאָפען פון פייער.

— איך בעט אייך, האַלט איין אייערע הינד! — האָט דער לעהרער געשריען — זיי ווילען אונז צורייסען.

— זיי האָבען אויסגעריסען אַ שטיק פון מיין ראָק! — האָט געזאָגט דער קליינער האָפּי ציטערענדיג פאַר שרעק.

— ענטשולדיגט אונז, גוטע לייטע, — האָט זשאַן געזאָגט אריינגעהענדיג אין הויז — איך האָב ניעמאַלס געזעהן אונזערע הינד אַזוי בייז וויא הייטע. דיא קעלט פון הינטיגער נאַכט האָט זיי געמוזט אויפרייצען. דיא אָרמע טהיערע האָבען קיין אורזאַכע אַני צו בילען, אויסער זיי מוזען מיינען, אַז דאָס וועט זיי ערוואַרמען.

— אט האט שוין אנגעפאנגען דער צווייטער — האט דער אלטער אויפזעהער געשריען אַבהאַלטענדיג דעם אלטען ליזאנדער, וועלכער איז ארויס פון זיין ווארמע בעט און האט זיך צובולען מיט זיינע לעצטע כחות — דער אלטער הונד האט גע־הערט וויא זיינע קאַמעראַדען בילען אזוי שטארק. מיינט ער אז ער דארף אויך אזוי טהאן. נעה און לייג זיך צוריק שלאָפען, דוא אלטער פריינד, ליעג שטיל!

דיעזער בעפעהל איז געגעבען געוואָרען מיט א שטארקען קלאפּ. ליזאנדער האט זיך ניט ווילענדיג אומגעקעהרט צו זיין לאגער, אָבער ער האט נאך אלץ ניט אויפגעהערט צו בילען און גראבלען און פּראָטעסטירען פון וויטען, ווארום מען האט צוגענומען אזעלכע אורחים. האָפּי און דער לעהרער האבען געציטערט וויא פאר׳ן טוידט און האבען ניט געוואגט צוליעב דעם הונד צו מאכען א שריט ווייטער. זיי זיינען געבליעבען שטעהן ביי׳ן טהיר. דעם אלטען באנדיט׳ס געזיכט איז געווען אזוי העסליך און שרעקליך און אויפגערעגט, דאס מאנכע פון דיא ארבייטער זיינען פער־ציטערט געוואָרען און דיא איבריגע האט אנגעפאנגען צו עקלען. האָפּי האט עס בעמערקט; דיא שרעק, וואס דיא ארבייט האבען אויסגעדריקט האט דעם קליינעם באנדיט בערוהיגט און ער איז צופריעדען געוואָרען פון דעם שרעקליכען איינדרוק וואס זיין רבי האט געמאכט.

דער ערשטער טומעל איז פאַראיבער און דער אלטער ארבייטער האט צום בלינדען געזאָגט:

— קומט צום פייער, גוטער אלטער מאן, ווארמט זיך פריהער ביי׳ן אויווען און דאן קומט צום טיש און עסט מיט אונז. צום גליק זייט איהר געקומען ווען מיר האבען אנגעפאנגען. זעצט אייך דאָרט, ביי׳ן אויווען. הינער מיין קינד, פיהר דיין פאטער צום אויווען.

— יא, מיין גוטער הערר, — האט האָפּי געענטפערט מיט א ווייכען און טרויעריגען קול — דער גוטער גאָט וועט געוויס בעלאָהנען אייער וואָהלטהאט צום אלטען בלינדען מאן. קום מיט מיר ארמער פאָטער, קום מיט מיר, זיי פאָרזיכטיג!

און דער קרומער אינגעל האט לאנגזאם און פאָרזיכטיג צוגעפיהרט דעם בלינדען צום אויווען. אנפאנגס איז ליזאנדער פון ערשטען קלאפּ וואָס ער האט גע־חאפּט גאנץ שטיל געוואָרען, נור אלס דער לעהרער איז געקומען נעהענטער צו איהם און ליזאנדער האָט איהם א ווילע אנגעקוקט האט ער זיך ווידער צו בולען מיט אזא שטארקער און טרויעריגער שטימע, וועלכע מאכט שוידערען דעם שטארקסטען ...ען.

— צום טייפעל, וואס קען דיעזער בילער בעדייטען? — האט דער לעהרער צו

זיך אליין געמורמולט—סען דיעזער פערפלוכטער הונד שמעקען דאָס בלוט? איך טראָג יעצט דיא זעלבע הויזען וואס איך האב געטראָגען יענע נאכט, ווען איך האָב ערמאָרדעט דעם פארמער!

— האט איהר דאָס בעמערקט? עס איז דאך מערקווירדיג, גלייך וויא ליזאנ־דער האט דעם בלינדען דערזעהן האט ער ווידער אנגעפאנגען צו בילען מיט א שרעקליכער שטימע,—האט זשאן רענע אין דער שטיל געזאָגט צום מאן וואס איז געזעסען נים וויים פון איהם.

ליזאנדער האט ניט געוואלט שווייגען. זיין בילעריי האט זיך געהערט איבער׳ן גאנצען פארם און דיא גאנצע הינטישע משפחה האט זיך פערזאמעלט ארום קיך, און אלע האבען איהם געענטפער מיט אזא יאמערענדער שטימע, דאס אלע ארביי־טער האבען אנגעפאנגען צו שוידערען. יעדערער האט זיך עראינערט אויף דעם אלטען גלויבען, דאס אזא טרויעריגע הינטישע מוזיק איז א צייכען אויף טויט. דיא ארבייטער האבען איינע דיא אנדערע אנגעקוקט און יעדער איינער האט געוואלט ווייסען וואס דאָס בעדייטעט. דער לעהרער אליין, אבוואהל ער איז געווען דער שטארקסטער און אונערשראָקענסטער באנדיט, האט אויך אנגעפאנגען צו שוידערען פון דיעזער פראָפערצייאונג אויף טויט, וואס דיא הינד האבען אויסגעדריקט מיט זייער בילען. דער איינציגער וואס האט זיך ניט געשראָקען איז געווען דער צולאָזער־נער האפי, וועלכער איז אזוי ווילד ערצאָגען געוואָרען, דאָס קיין גלויבען, קיין פורכט, קיין ווייכע געפיהל האט זיך געקענט ארייננגב׳נען אין זיין הערצען. קוים איז ער נור געראטעט געוואָרען פון דיא הינד וועלכע האבען איהם געוואָלט צורייסען אזוי איז פאר איהם דיא גאנצע בילעריי געבליעבען א שפיעל. ער האט זיך נאך אמוזירט מיט דיא שרעק וואס דיא ארבייטער האבען אויסגעדריקט און מיט דעם שוידער, וואס דער לעהרער האט געזוכט צו פערבאָרגען פון אלע אין קיך, אויסער פון האַפּי׳ן.

וויא דיעזער צווייטער טומעל און פערוואונדערונג איז אביסעל איבערגעגאנגען איז זשאן רענע ארויס מיט א בייטש און האט באלד איינגעשטילט דיא גרויסע הינד וואָס האבען געריסען דיא טהיר. ביסלעכוויים איז אויך דער שרעק און דיא פערוואונדערונג פערשוואונדען פון דיא ארבייטער און אין איינינע מינוטען צ״יט האבען זיי זיך צוגעוואָהנט צום בלינדענס שרעקליכע געזיכט; זיי האבען אנגעפאנגען רחמנות צו האבען אויף דעם מאן מיט רויטע אויגען און צוריסענע באקען, אנשטאט וואס פריהער האט עס זיי געשראָקען און געעקעלט. זיי האבען בעדויערט דעם קליי־נעם הינקעדיגען אינגעל און האבען אויך בעוואונדערט דיא שנעלקייט פון אזא קרי־

פעל. זיי זיינען אין איהם פערליעבט געוואָרען פאר זיין ליעבע און צערטליכקייט צום בלינדען פאטער. דער אפעטיט האט ווידער ערוואכט און דיא ארבייטער האבען זיך גענומען צום עסען.

עסענדיג האבען זיי בעטראכט דעם „כבוד אב", וואָס דער אינגעל גיט דעם בלינדען, וועלכען ער האט צוגעפיהרט צום טיש און געזעצט ביי דיא טעלער. האָפּי האט צושניטען דאָס פלייש, און דאס ברויט פאר זיין בלינדען פאטער און האט איהם דערלאנגט א גלאָז מיט סיידער. דיעזעס שעהנע בילד האט געמוזט בעגייסטערען דיא עהרליכע און גוטהערציגע ארבייטער.

האָפּי איז אָבער געווען א צולאָזענער באד־יונג וואס האט זעהר שטארק ליעב געהאט צו שטיפען און צו רייצען ווען ער האט נור געקענט; ער האט אויך ליעב געהאט צו פּלאגען א חיה אדער א מענשען וויפיעל איהם איז געווען מעגליך. ער האט דעם לעהרער ניט געליעבט אזוי וויא ער האט זיך געמאכט פאר דיא לייטע. פערקעהרט וועהרענד ער האט געמאכט א רחמנות פּנים און דיא מינע פון א גוטען זאָהן האט ער אויסגעפונען א פּלאן וויא אזוי דעם לעהרער צו פּלאגען מיט דיא גרעסטע וועהטאָגען און דער בלינדער מענשענפרעסער זאל נאָך געצוואונגען זיין צו ליידען און שווייגען. ביי יעדען פריינדליכען וואָרט וואָס האָפּי האט בעדארפט זאָ־גען צום לעהרער אום אלע זאָלען הערען, האט ער אונטער׳ן טיש א בריק געטאָהן מיט זיינע פיס אין דיא פיס פון דעם אנטלאָפענעם ארעסטאנט, וועלכע וואָרען בע־דעקט מיט וואונדען פון דיא קעטען, וועלכע ער האט פון זיך אראָפּגעריסען און פון דיא ארבייט וואָס ער האט געהאט אין קאטאָרגע. האָפּי האט זיך אימער געציעלט צו טרעפען אין דעם געפּעהרליכסטען פּונקט און טרעפען מיט אזא קלאַפּ, אדער קוועטש, דאָס דעם לעהרער׳ס נשמה זאל שפּארען פון נאָז און ער זאל מוזען שוויי־גען, וויל עס פּאסט דאָך ניט פאר אלע לייטע ארום טיש. איבערהויפּט האט האָפּי זיך גערעכענט מיט דעם מערדער׳ס פוס גראדע דאן, ווען דער בלינדער האט עט־וואָס דערצעהלט אדער ער האט געטרונקען; דאן פלעגט האָפּי זיך ציעלען און אנ־שטרענגען און געבען אזא זעץ, דאָס דער לעהרער פלעגט ווערען אן אויפגעקאָכטער און פלעגט פערבייסען דיא ליפּען מיט דיא צייהן אום אפּצוהאַלטען זיך פון א גע־שריי. יא, דיא לייטע ארום טיש האבען בעוואונדערט האָפּי׳ס גוטסקייט און עדעל־קייט וועהרענד דער לעהרער האט אונטערען טיש געפּיהלט וואס פאר א שרעקליכע חיה דער האָפּי איז.

— היער ליעבער פּאפּא; היער האסט דוא אן אבגעשיילטע איי, — האט האָפּי געזאגט וועהרענד ער האט ארויפגעלעגט אן איי אויף דעם לעהרערס טעלער.

— דאס איז א גוט קינד! — האט פאטער שאטליין געזאָגט צום בלינדען — עס איז קיין ספק, אז איהר זייט אן אונגליקליכער, דאָך מוזט איהר זיך טרייסטען מיט אזא טהייערען קינד, וואס גאט האט אייך געשאָנקען ער זאָל פערלייכטערען אייערע שמערצען.

— יא, יא, מיין אונגליק איז גרויס! — האט דער באַנדיט געענטפערט — נור דיא ליעבע פון מיין טהייערען זאָהן מאכט מיך — — אָה, מיין פוס!! — דיא לעצטע דריי ווערטער האט דער לעהרער אויסגעשריען מיט אזעלכע וועהטאָגען, דאָס אלע זיינען אויפגעשפרונגען פון דיא פלעצער.

קולאַק'ס תכשיט האט איהם אין יענעם אויגענבליק געגעבען אזא קלאַפּ אין רעכטען פונקט פון זיין וואונד, דאס ער האט זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען, און ניט ווילענדיג איז דיעזע געשריי פון איהם ארויס.

— גרויסער גאָט! וואס איז אייך, מיין גוטער, ליעבער פאָטער? — האט האָפּי געפרעגט מיט א ווייענדער שטימע און האט זיך געוואָרפען אויף דעם בלינדענ'ס האלז, וויא א טהייערעס קינד.

אין ערשטען פייער פון וועהטאָג און כעס האט דער בויאַן בעשלאָסען צו דער־שטיקען דעם באָדיונג אין זיינע אייזערנע ארמס. ער האט דעם קליינעם באַנדיט אזוי צוגעדריקט צום ברוסט און האט איהם געדריקט מיט אזא ווילדע גבורה, דאס האָפּי איז געבליעבען אהן אן אטהעם און האט נור געקענט ארויסלאָזען א שטילען פערשטיקטען קרעכץ. נור אין זעלבען אויגענבליק האט ער זיך עראינערט, אז אהן האָפּין קען ער פון דאנען ניט אוועק, און אז דא איז ניט דער אָרט צו טויטען אן איינען קינד, דארום האט ער זיך צוריקגעהאלטען און האט דעם שרעק אראָפּגעוואָר־פען פון האלז. אין דיעזער סצענע האבען דיא אונשולדיגע בויערען קיין זאך ניט גע־זעהן נור דיא הייסע ליעבע פון קינד צום פאטער און פון פאטער צום קינד. האָפּי'ס בלאַסקייט און שווערעס אטהמען האבען זיי בעטראַכט, אלס א שרעק וואס א ליע־בעם קינד האט ווען זיין פאטער איז פערצווייפעלט.

— וואס פעהלט אייך, וואָס איז אייך, גוטער מענש? — האט דער פריינדליכער שאַטליין געפרעגט — אייער געשריי האט אזוי ערשראָקען אייער גוטען זאָהן, דאס ער איז בלאס וויא קאלך און קען קוים אטהמען.

— עס איז גאָר נישט! — האט דער לעהרער מיט דער פריהערינער קאַלט־בליטיגקייט געענטפערט — איך בין א שמידט פון פּראָפעסיאָן. א געוויסע צייט צוריק אלס איך האב געקלאַפּט אן אָנגעברענטען שטיק אייזען איז עס אראָפּגעפאלען אויף מיין פוס. דיא בראנד־וואונדען ווארען אזוי שרעקליך, דאס זיי זיינען נאך יעצט ניט

פערהיילט. גראַדע יעצט האָב איך אַ קלאַפּ געטהאָן מיין פּוס אָן טיש און דיא גרויסע וועהטאַגען האָבען פון מיר אויסגעריסען דעם געשריי.

— ארמער פּאַפּאַ! — האָט האַפּי געזאָגט נאָכדעם וויא ער האָט זיין אָטהעם צוריק געחאַפּט — ארמער פאָטער, וויא לאַנג נאָך וועסט דוא אַזוי ביטער ליידען פון דיינע פיס. עס שיינט, אַז דוא וועסט שוין ניעמאָלס קורירט ווערען פון דיינע שמערצען! אַך, וואָרום לייד איך ניט אַנשטאָט דיר, גוטער פּאַפּאַ!

דיא פרויען האָבען דעם אינגעל אַנגעקוקט מיט אויגען וואָס וואָרען פייכט פון טרעהרען.

— עס איז אַן אונגליק פאר אייך, אַלטער גוטער מאַן, וואָס אייך האָט זיך ניט געמאַכט צו קומען צו אונז צוריק מיט דריי וואָכען, — האָט שאַטליין געזאָגט.

— און וואָרום? — האָט דער לעהרער געפרעגט.

— ווייל דאַן האָט זיך דאָ געפונען אַ פּאַריזער דאָקטאָר, וועלכער האָט דיא בעסטע מיטלען צו קראַנקע פיס. מיר האָבען דאָ געהאַט אַן אַלטע פרוי וואָס האָט גאַנצע דריי יאָהר ניט געקענט מאַכען איין טראָט מיט דיא פיס. דער דאָקטאָר האָט איהר געגעבען זיין פּלאַסטער און יעצט קען זיא טאַנצען און שפּרינגען וויא אַ מיידעל פון זיבעצעהן יאָהר. זיא וועט קירצליך געהן צו פוס נאָך פּאַריז אום צו דאַנקען דעם דאָקטאָר וואָס האָט זיא געהיילט. דער דאָקטאָר וואוינט דאָרט אין וויוו שטראַסע. דאָס איז אַ קלוגע און עהרליכער איינפאַל פון איהר; אָבער וואָס איז אייך יעצט? ווידער דיא פיס?

דיא ווערטער „וויוו שטראַסע" האָבען אין לעהרער ערוועקט אַזאַ שרעקליכע ערמינערונג, דאָס ער האָט ניט געקענט איינהאַלטען זיין אויפרעגונג און האָט ניט געקענט בעהאַלטען דיא ענדערונג אין זיין טייפעלשען פּנים.

— יאָ, האָט דער לעהרער געענטפערט און האָט זיך געמאַטערט צו בעהאַלטען זיין אויפרעגונג. גראַדע מיט דריי וואָכען צוריק האָב איך געהאַט דיא שרעקליכסטע שמערצען פון מיינע וואונדען.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, — האָט פאָטער שאַטליין ווידער געזאָגט — דער דאָקטאָר וואָלט אייך זיכער קורירט. ער איז אַ קינסטלער און וואָהלטהעטער. ווען איהר קומט אין פּאַריז הייסט אייער זאָהן ער זאָל אייך פיהרען צו דיעזען ארצט. איך בין זיכער, אַז ער וועט אייך קורירען. זיין אַדרעס איז לייכט צו געדענקען. עס איז נומער 17 וויוו שטראַסע. ווען איהר וועט זאָגאַר דעם נומער פערגעסען איז אויך ניט געפעהליך; אין יענעם געגענד זיינען זעהר ווייניג ערצטע פאַראַן, איבערהויפּט,

ער איז דער איינציגער שווארצער דאָקטאָר, זיין נאָמען איז דוד און ער איז דער בעסטער אונטער אלע דאקטוירים.

דעם לעהרער׳ס געזיכט וואר אזוי צוברענט, צוריסען און צולעכערט, דאָס דיא בלאָסקייט וואס האט זיך איבער איהר פערצויגען וואר שווער צו בעמערקען. ער איז געוואָרען טויט בלאָס, און אלע צייהנער האבען געטרייסעלט אין זיין מויל, ווען ער האט געהערט דעם נומער פון רודאָלף׳ס הויז און דעם נאמען פון שווארצען דאָקטאָר, וואָס האט אויף רודאָלף׳ס בעפעהלע צוגענומען דיא שיין פון זיינע אויגען. פאטער שאטליין, וועלכער האָט ניט בעמערקט דעם לעהרערס בלאָסקייט האט פאָרטגעזעצט.

— ווען איהר וועט פון דאנען אוועקגעהן וועל איך אייער זאָהן געבען דעם דאָקטאָר׳ס געשריבענע אדרעסע און ער וועט געוויס צופריעדען זיין אייך צו העלפען. ער איז זעהר פריינדליך, און איז ניעמאָלס אזוי גליקליך וויא דאן, ווען ער קען העל־פען א מענשען. איך ווינש נור ער זאל קיין מאל ניט אויסזעהן מעלאנכאליש. נעהמט פריינד אייער גלאָז און מיר וועלען טרינקען אויף דאס געזונד פון אייער צוקונפטיגען וואָהלטהעטער.

— איך דאנק אייך, איך האב קיין דורסט! — האט דער לעהרער לאנגזאם געענטפערט.

— אבער אונזער סיידער איז דער בעסטער וואָס קען געמאכט ווערען. עס איז ניט וויא דיא געוועגליכע פארמעס געטרענקע. וואס דענקט איהר איבערהויפט צו אונזער לעבען?

— זעהר גוט, — האט דער לעהרער גאנץ מעכאניש געענטפערט, דען ער איז אלץ מעהר און מעהר געזונקען אין זיינע אייגענע געדאנקען.

— אט אזוי לעבען מיר יעדען טאג, פלייסיגע ארבייט און גוטעס לעבען, א צופריעדענער געוויסען און א רוהיגער שלאָף, דיעזע פיער ווערטער איז דער סך הכל פון אונזער לעבען. יעדער ארבייטער פון אונז ארבייט פאר צוויי און מיר ווערען בעצאָהלט אין צווייען. אונזער גוטער הערר צאָהלט א געוועהנליכען ארבייטער הונדערט און פופציג קראָנען א יאהר; דיא פרויען בעקומען העלפט דערפון און דאן בעקומען מיר צעהן פראָצענט פון דעם פערדינסט וואס דיא פארם מאכט. איך שווער אז מיר לאָזען ניט איין שפאן ערד זאל זיין ניט בעארבייט; דען וואס מעהר דיא ערד גיט ארויס אלץ גרעסער איז אונזער פערדינסט.

— אייער בעל הבית קען זעהר וועניג רייך ווערען, ווען ער איז צו אייך אזוי ליבעראל, — האט דער לעהרער געזאגט.

— אונזער בעל־הבית? אָה, איז ניט וויא אלע אנדערע, ער האט אן אנדערע מיטעל וויא רייך צו ווערען.

— וואָס מיינט איהר דער מיט? — האט דער לעהרער געפרעגט, ווייל ער האט זיך געוואלט ארייגלאָזען אין א געשפרעך אום ער זאל דער ווייל פריי ווערען פון זיינע שווארצע געדאַנקען — אייער ווירטה מוז זיין אן אונגעוועהנליכער מענש.

— יאָ, ער איז אן אויסנאהמע אין אלעם. געדענקט נור, דאס איהר זייט אהער געקומען דורך א צופאל, ווייל מיר זיינען ווייט פון הויפּט־וועג; מעגליך, אַז איהר וועט שוין מעהר אהער ניט קומען, דארום וויל איך אייך ניט לאָזען פון דאַנען איידער איהר וועט אפווייניגסטען וויסען וואס פאר א מענש אונזער מייסטער איז, און וואס ער האט געמאַכט פון דיעזער פאַרם. איך דערצעהל עס אייך ניט אלס סוד, אומגעקעהרט, איך פערלאַנג איהר זאָלט עס ערצעהלען וועמען איהר וועט נור קענען איהר זאלט עס איינהערען, ווייל עס איז אנגענעהם דערפון צו ריידען און זיעס צו הערען

— איך הער אלעס נייגיעריג אויס, — האט דער בלינדער באנדיט געענטפערט.

— אייך וועט אויך ניט לאַנגווייליגען, — האט פּאָטער שאטליין געזאָגט אלס ער האט זיך פערטיג געמאכט צו זיין געשיכטע — שטעלט זיך נור פאָר, דאס אין א געוויסען טאָג האט אונזער מייסטער צו זיך געזאָגט:

„איך בין זעהר רייך און דאס איז זעהר א גוטע זאך; אָבער אזוי וויא מיין רייכטהום קען מיר ניט מאכען איך זאל עסען צוויי מאָל וויא אן אנדער מענש, ווארום זאל איך ניט געבען עסען דיא וואס האבען ניט וואס צו עסען, און העלפען אנשטענדיגע מענשען צו לעבען אנשטענדיג. וועהרענד יעצט מאטערען זיי זיך און האבען קיין מעגליכקייט? אָה, דאס איז א נחת וואס פּאַסט פאַר מיר און איך געה גלייך צו דער ארבייט".

און ער האט זיך גענומען ארבייטען. ער האט געקויפט דיעזע פאַרם, וועלכע איז דאן געווען אין קיין גלענצענדען צושטאנד, קוים וואָס צוויי אקער־אייזענס האבען געארבייט. איך בין געבאָרען און ערצויגען אין דיעזען פלאץ און איך וויים וואס דא איז געווען. דאן האט אונזער מייסטער געקויפט נאך לאנד און האט עס צוגעשלאָ־סען צו דיעזען פאַרם. איהר וועט, באלד ערפאַהרען צו וועלכען צוועק. אן דער שפּיצע פון דיעזען פערמעגען האט ער געשטעלט אן אנשטענדיגע פרוי, וועלכע וואר זעהר אונגליקליך — דען נור אזעלכע פערזאָנען זוכט ער אויס — און ער האט צו איהר געזאָגט:

„דיעזעס הויז זאל זיין אזוי וויא גאטס הויז, אָפען פאר אלע גוטע און פער־שלאָסען פאר אלע שלעכטע. אלע פוילע שנאָרער זאלען פון דאַנען פעריאָגט ווערען,

אָבער דיא עהרליכע און פלייסיגע זאלען היער אימער געפינען דיא וואָהלטהאט פון ארבייט, א וואהלטהאט וועלכע ערניעדעריגט ניט דעם נעהמער און ברענגט פרנסה פאַרן געבער; דער רייכער מאן וואס וויל ניט טהאן אזא וואָהלטהאט איז ניט ווערטה צו בעזיצען זיין רייכטהום!"

דיא וועגען אין דעם געגענד ווארען זייער פערדאָרבען. דיא פערד און דיא רעדער זיינען אימער געפאַלען פון דיא שטיינער און דערנער. ווען דיא ארומיגע פאַרמער'ס וואָלטען בייגעטראָגען קליינע געלד סומען און יעדער וואָלט געבען אביסעל ארבייט וואלטען דיא וועגען לייכט אויסגעבעסערט געוואָרען; אבער יעדער פאַרמער האט געוואַרט דער צווייטער זאָל עס טהאן. אונזער מייסטער האט געזאָגט, איך וועל אויספלאַסטערען דעם הויפט וועג, וויא א פאָסט וועג, אַלע ארום וועלען דער־פון געניסען, אבער איידער דיא ארומיגע פאַרמערס וועלען זיך בענוצען מיט א וועג, וועלכע זיי דארפען מאַכען נור זיי ווילען ניט, וועל איך דיא ארבייט פון דיזען וועג אבגעבען פאַר דיא וואס ווילען ארבייטען, האבען קרעפטען צו אַרבייטען, אבער זיי געפינען קיין ארבייט. און זא, צום ביישפּיעל, ווען א געזונטער בחור קומט צו אונז אונז זאָגט: איך בין הונגעריג און האב קיין ארבייט, זאָל מען איהם ענטפערן:

„היער פריינד איז א גוטער מאהלצייט און היער איז א גראָב אייזען און א טאַטשקע. איינער פון אונזערע לייטע וועט אייך וויזען דעם וועג; מאַכט צוויי קלאַפּטער א טאָג און איהר בעקומט יעדען אבענד פיערציג סו. ווילט איהר מאַ־כען נור א האלבען קלאַפּטער האט איהר צעהן סו, ווילט איהר גאר ניט מאַכען וועט איהר גאָרנישט האבען."

אבענדס פלעג איך געהן זעהן וואָס דיזע לייטע האבען אויפגעטאָהן.

— אה! און איהר האט זיך איבערצייגט דאס עס גיבען אויך פוילע שנאָרער, וואס האבען אויסגענאַרט א מאהלצייט, האבען צוגענומען דיא געצייג און זיינען אוועק אום מעהר צוריק ניט צו קומען! — האט זשאן רענע געזאָגט — אה, אזעלכע ברואים פערדאַרבען יעדענס גוטען ווילען צו טהאן גוטעס.

— יא, דאס האבען זיי געטאָהן! — האבען איניגע ארבייטער מיט איין מאל אויסגעשריען.

— יא, מיינע גוטע פריינדע, — האט פאטער שאטליין געזאָגט — זאלען מיר אבער קיין מאל ניט זעען און ניט פלאַנצען וויל פערשיעדענע ווערים און אינזעקטען עסען אָפּ דיא בלעטער אדער דיא וואָרצלען? ניין, ניין, מיר וועלען ניעמאלס אויפ־הערען זעען אדער פלאַנצען. מיר טוהען א בעסערע זאך, מיר פערניכטען דיא

אינזעקטען.—האב איך רעכט מיין פריינד?—האט דער אלטער ארבייטער געפרעגט ביי'ן בלינדען באנדיט.

- געוויס, געוויס, געוויס!—האט דער לעהרער געענטפערט, גלייך וויא ער וואלט ערוואכען פון אנדערע געדאנקען.

— דאך, דער וועג איז נאך יעצט ניט פערטיג!—האט דיא מילך-פרוי קלאדין געזאגט.

— יא, דאס בעוויזט נור, דאס אין גאנצען געגענד געפינען זיך זעהר ווענינ עהרליכע לייט, וואס זיינען בערייט צו ארבייטען פאר זייער ברויט—

— אבער אן אונפעהיגער און הילפסלאזע בעשעפעניש וויא איך, צום ביי־שפיעל,—האט דער לעהרער פלוצלונג געזאגט—וואלט אייער גוטער מייסטער בע־ווילינט א קליין ווינקעלע ביי'ן ווארמען אויווען, וואו איך זאל אפלעבען דיא לעצטע טעג פון מיין אונגליקליכעס לעבען? אה, מיינע גוטע לייט, ווען איך וואלט דאס גע־קענט האבען וואלט איך געענדיגט מיין לעבען לויבענדיג און בענשענדיג אייער גוטען ווירטה.

אין דיעזען אויגענבליק האט דער בויאן געמיינט ערענסט וואס ער האט גע־זאגט. ניט ווייל זיינע חטאים האבען זיך געשטעלט פאר זיינע אויגען און ער איז געווארען א בעל-תשובה, נור ווייל ער האט מקנא געווען דעם שטילען און גליקליכען לעבען פון דיעזע רוהיגע ארבייטער און ווייל דיעזע ערצעהלונג האבען איהם עראי־נערט דיא שרעקליכע צוקונפט וואס לילית האט איהם פערשפראכען, א צוקונפט, וועלכע ער האט פריהער ניט פארגעזעהן, און אין וועלכע ער איז אליין אריינגעקראכען דאדורך וואס ער האט נאך איהר געשיקט, האט מיט איהר ווידער געמאכט איין האנד און איז אריינגעפאלען אונטער איהר מאכט. פאטער שאטליין האט דעם בלינדען אנגעקוקט און דאס געזאגט:

— אה, מיין ליעבער פריינד, איך האב ניט גערעכענט, אז איהר זייט אזוי הילפסלאז.

— יא איך בין דער ארמסטער מענש. איך האב פערלארען מיינע אויגע, ווערענד איך האב געארבייט ביי'ן הייסען אייזען. איך געה יעצט נאך לאווערס אום צו זוכען א ווייטען פערוואנדטען, וועלכער וועט מיך פיללייכט שטיצען; אבער איהר ווייסט, איהר פערשטעהט דאך, אז מענשען זיינען אמאל זעהר הארט-הערציג, זעהר איינגענוצינ!

— אבער דער ערגסטער מענש קען דאך ניט ענטזאגען שטיצע צו אזא אונ־

גליקליכען וויא איהר זייט,—האט פאטער שאטליין גענענטפערט—א גוטער און עהרליכער ארבייטער, וועמען עס האט געטראָפפען אזא אונגליק אין דער צייט פון ארבייט און וועלכער האט אזא גוטעס קינד וויא איהר, מוז וויַיך מאכען א שטיינער־נעס הערץ. אבער ווייא קומט, דאָס דער ווירטה, ביי וועמען איהר האט געאַרבייט האט אייך ארויסגעלאָזען גאָר אהן שטיצע?

— ער איז שוין טויט!—האט דער לעהרער געזאָגט נאָך א קורצען נאכדענ־קען—ער וואַר מיין איינציגער פריינד.

— אבער עס גיבט דאָך א האָספּיטאָל פאר דיא בלינדע?

— איך בין צו יונג אום אהין אריינגענומען צו ווערען.

— ארמער מענש, וויא בעדויער איך אייך!

— דענקט איהר דאס אויב מיין קרוב וויל מיך ניט אנערקענען, וועט אייער גוטער ווירטה, וועלכען איך רעספּעקטיר שוין נאך איידער איך קען איהם, וועט ער זיך אויף מיר ערבארמען?

— עס טהוט מיר זעהר לייד אייך אויפמערקזאם צו מאכען, אז דיעזע פארם איז קיין האָספּיטאָל. געוועהנליך גיט מען היער א קאליקען ניט מעהר וויא שפּייז און וואוינונג פאר איין טאָג אדער איין נאכט. נאכדעם גיט מען זיי עפּעס קליין־געלד און מען שיקט זיי אָפּ מיט א ברכה.

— זאָ דענקט איהר, אז איך האב גאָר ניט צו האָפען צו פּעראינטערעסירען אייער מייסטער אין מיין לאגע?—האט דער דויבער מיט אן אמת׳ן פערדרוס געזאָגט.

— איך זאָג אייך נור דעם געוועהנליכען רעגעל, מיין גוטער מענש; אבער אונזער גוטער מייסטער איז אזוי פריינדליך און אזוי גוט, דאס ער קען שנעל בייטען זיין מיינונג.

— דענקט איהר אזוי? האט דער לעהרער אויסגעשריען—איז דאָס מעגליך, מען זאל מיר ערלויבען צו וואוינען אין א ווינקעלע פון דיעזען פארם? אָה, דיעזע קליינינקייט קען מיך מאכען גליקליך!

— איך האב אייך שוין געזאָגט, דאס אונזער מייסטער איז פעהיג צו יעדע גוטע טהאט. ווען ער זאל נור איינשטימען איהר זאלט בלייבען מיט אונז, וועט איהר ניט דארפען ליעגען אין א ווינקעל, נור איהר וועט לעבען גלייך מיט אונז. עטוואָס ארבייט קען געפונען ווערען פאר אייער גוטען זאָהן. דער אלטער פריסטער וואלט איהם געלערענט און ערצאָגען, ער קען דאָ אויפוואקסען צום שעהנסטען קינד. אבער פריהער פון אלעס, איז זעהר נויטהיג איהר זאלט רעדען מיט דער ווירטהין פון דער פארם. אויב זיא וועט זיך אין אייך פעראינטערעסירען איז אייער גורל שוין

געוואונען. אין וואהלטהעטיגע זאכען האט דער מייסטער ניעמאלס איהר נאך ענטזאגט.

— אָה, אויב אזוי וועל איך צו איהר שפּרעכען! — האט דער לעהרער גע־שריען מיט ענטציקען, מיינענדיג אז ער איז שוין בעפרייט פון דער שרעקליכער לילית.

דיעזע שמחה האט גאָר ניט געפרעהט דעם פערדאָרבענעם האָפּי. איהם האָט געשראָקען טאמער וועט דער לעהרער אויפגעבען זיין מאָרד־קאַריערע און לילית וועט דאדורך פערליערען איהר בעסטען באנדיט. ער האט געוואָלט עראינערען דעם בלינדען, אז ער איז נאך אונטער לילית מאכט און דארום האט ער מיט אלע קו עפּ־טען א בריק געטאָהן אין לעהרער׳ס וואונד. דיא גרויסע וועהטאָגען האָבען פער־קוועטשט דעם באנדיט׳ס ברוסט און ער האט ארויסגעלאָזען א קרעכץ וויא פאר׳ן טויט.

— ארמער, ארמער פאטער! — האט האָפּי מיט א געוויין געזאָגט — אבער ווארום האסט דוא פערגעסען מיין טהייערער טאנטע מאדאם לילית, וועלכע האט דיך ליעב וויא איהר לעבען? ארמע טאנטע! זיא וועט דיך ניעמאלס פערלאסע, מעגסט זיכער זיין. ניין איך גלויב, אז זיא וועט נאך אהער קומען מיט אונזער קאָזין מאָנסיו בארבילאָן אום דיך פון דאנען אוועקצונעהמען.

— מאדאם לילית און מאָנסיו בארבילאָן? עס שיינט אז דיעזער מאן האט קרובים צווישען טייוואָלים און הינד? — האט זשאן רענע געמורמעלט צום צוויי־טען ארבייטער, וואָס איז געזעסען נעבען איהם.

— איז מאדאם לילית אייערע א פערוואנדטע? — האט איין ארבייטער דעם בלינדען געפרעגט.

— יא, — האט ער געענטפערט אין א טרויעריגען קול.

— און איז זיא דאס אייער פערוואנדטע וואָס איהר געהט זוכען אין לאוור־רעס? — האט פאטער שאטליין געפרעגט.

— יא, — האט ער געענטפערט — אבער מיין זאהן נאררט זיך, ווען ער רעכענט צו פיעל אויף איהר פריינדשאפט. דאס וועט מיך ניט צוריקהאלטען פון רעדען צו דער גוטהערציגער דאמע און בעטען זיא זאָל פון מיינטוועגען שפּרעכען מיט׳ן ווירטה פון דיעזער פארם. איך וואָלט נור גערען וויסען, וויא הייסען דיעזע צוויי ענגלען?

— דיא ווירטהין פון דעם פלאץ הייסט מאדאם געאָרג און דער בעזיצער פו דער פארם הייסט מאָנסיו רודאָלף!

— מיין ווייב! — — — מיין הענקער! — האט דער באנדיט געמורמעלט וויא געשלאָגען פון א דונער — רודאָלף! מאדאם געאָרג!

דער לעהרער האט זאָגאר קיין איינציגען אויגענבליק ניט געקענט האָפען, אַז ער הערט נור נעמען וואָס זיינען גראָדע דיא זעלבע וועלכע זיין ווייב און זיין פיינד האבען. דען ווען רודאָלף האט איהם ארויסגענומען דיא אויגען האט ער איהם גע־זאגט, אז ער שיצט זיין פרוי, מאדאם געאָרג. מיט א ווייל צוריק האט מען איהם ערצעהלט אז אין דיעזען פארם קומט דער שווארצער דאָקטאָר, וועלכער איז בע־פריינדעט מיט רודאָלף׳ן. דאס האט איהם זיכער איבערצייגט, אז ער איז פערקראָ־כען אין רודאָלף׳ס פארם. ער האט גענומען ציטערען. עטוואס שרעקליכעס האט זיך איהם גענומען פאָרשטעלען. זיין האָפנונג צו בלייבען אין דיעזער פארם און פיהרען א שטילען רוהיגען לעבען, ווייט פון זיין לילית דיא מרשעת איז אין דיעזען אויגענ־בליק פערוואנדעלט געוואָרען אין אן אונבעשרייבליכע שרעק. זיין ערשטער געדאנק איז געווען צו לויפען, צו פליהען פון דיעזען שרעקליכען אָרט. רודאָלף׳ס נאָמען האט אין איהם אָנגעצונדען אן אונגעהייערע מורא. מעגליך, אז אין דיעזען אייגענבליק געפינט זיך רודאָלף אין דיעזער פארם. דער בויאן איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, האט אָנ־געהאפט האָפי׳ס האנד און האט גענומען שרייען:

— קום, פיהר מיך ארויס פון דאנען! קום נאָמיר פערשווינדען פון דיעזע פלאַץ!

דיא ארבייטער האבען איהם אנגעקוקט מיט איבערראשונג.

— ארמער מאן, וואוהין ווילט איהר געהן? איהר דארפט דערפון גאר ניט דענקען! — האט פאטער שאטליין געזאגט — וואס איז עס פלוצלונג מיט אייך גע־ווארען. האט אייך א גיפטיגע פליג א ביס געטאָהן? אדער זייט איהר משוגע?

האָפי איז פון דער לעצטער פראגע צופריעדען געוואָרען. ער האט געמאכט א קרומע געזיכט און האט דיא ארבייטער געצייגט מיט דער האנד אויף זיין שטערן: א וואונק, אז זיין פאטער׳ס מארך איז ניט אין אָרדנונג. דער אלטער ארבייטער האט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפ.

— קום, קום, נאמיר פערשווינדען! — האָט דער לעהרער ווידער געשריען און האט געוואָלט שלעפען דעם קליינעם טייפעל. האָפי האט אבער פון פלאַץ ניט גע־וואלט אפטרעטען, ווייל ער האט ניט געוואלט וואנדערען דורך דיעזען פראסט, און האט אויך ניט געוואלט דורכלאָזען דיא געלעגענהייט צו בעטראכטען דאס אָרט און דארום האט ער מיט א וויינענדער שטימע געזאָגט:

— אָה, טהייערער פאטער! אָה, ארמער גוטער טאטע! איך זעה, אז דוא ביזט ווידער בעפאלען געוואָרען מיט דיין קראנקהייט. אבער איך בעט דיך, דענק ניט צו געהן אין אזא קאלטע פינסטער נאכט. עס וועט דיך פיללייכט טויטען! אָה,

מיר איז בעסער דיא שמערצען וואָס איך האב, ווען איך דאַרף דיך ניט געהאָיבען אלס דיך ארויסצופיהרען אין אזא קאַלטע נאַכט! — ווענדענדיג זיך צו דיא ארביי־טער האט דער קליינער באַנדיט געזאָגט:

— וועט קיינער פון אייך פריינדליכע הערצען אָפּהאַלטען מיין פאָטער פון אזא געפאַהר?

— אָה יא! זאָרג ניט דארום, מיין ליעב קינד, — האט פאטער שאַטליין גע־זאָגט — מיר וועלען פאר דיין פאַטער ניט עפענען דיא טהיר. מיר וועלען איהם צווינ־גען צו פערבלייבען דיעזע נאַכט מיט אונז.

— איהר זאָלט מיך ניט צווינגען דאָ צו פערבלייבען! — האט דער לעהרער אויסגעדראָנערט — איהר זאָלט וויסען זיין, אז איך וויל ניט פאלען צו לאסט צו אייער גוטען רודאָלף. איהר האָט געזאָגט, אז דיעזער פארם איז קיין האָספּיטאַל, איך זאָג אייך נאך א מאל: צווינגט מיך ניט דאָ צו בלייבען!

— בעלעסטיגען אונזער ווירטה! אָה, דערפאַר האָט גאָר קיין מורא! צו אונ־זער אונגליק וואוינט ער ניט אין דיעזען פּאַראַדיז. מיר זעהן איהם זעהר זעלטען. נור זאָגאר ווען ער וואלט דאָ געווען, וואלט ער זיך גאָר ניט געקימערט וועגען אייער אנוועזענהייט.

— אָה, ניין ניין! — האט דער ערשראָקענער בויאַן ווידער געשריען — איך האב געענדערט מיינע געדאנקען. איך וועל צו איהם ניט אפּעלירען. מיין זאהן האט רעכט, מיין פריינד אין לאָווערס וועט אויף מיר מיטלייד האבען — איך וועל גלייך צו איהר געהן.

— אלעס וואס איך האב צו זאָגען, — האט פאטער שאַטליין גאנץ פריינדליך געזאָגט, ווייל ער האט זיך איבערצייגט, אז ער האָט דאָ צו טאָהן מיט א האלב פערריקטען — אלעס וואָס איך האב צו זאָגען איז דיעזעס: איהר קענט הייטע אבענד מיט אייער קינד פון דאנען ניט געהן. וועגען אלע איבריגע זאכען וועלען מיר שוין אליין זאָרגען.

אבוואהל דער לעהרער האט שוין געוואוסט, אז רודאָלף איז אין פארם ניטאָ, דאָך זיינען זיינע שרעקען ניט קלענער געוואָרען. זיין געזיכט וואר זאָגאר זעהר שרעק־ליך פערדאָרבען, דאך האט ער מורא געהאַט זיין ווייב, וועלכע קען יעדען אויגענ־בליק אריינקומען אין קיך, זאל איהם ניט ערקענען. אויב דאָס זאל זיך מאַכען, וואר ער זיכער, אז זיא וועט איהם פערראַטהען און וועט איהם איבערגעבען דער פּאָלי־ציי. ער איז אויך געוועזן איבערצייגט, אז רודאָלף האט פאר איהם געלעגט א נעץ און האט איהם אויסגעברענט דיא אויגען נור אום זיך נוקם צו זיין פאר מאדאם

געאָרג. אבער דיעזער בויאָן האט דיא פאָרם ניט געקענט פערלאַסען אָהן האָפּי'ס הילף; ער האָט אָבער גוט געוואוסט, אז האָפּי וועט איהם הערען וויא דעם קאָטער. אום זיך צו פערהיטען זיין וויב זאָל איהם דאָ פלוצלונג ניט ענטדעקען האט ער צו דיא פריינדליכע ארבייטער געזאָגט:

— וויבאַלד איהר פערזיכערט מיר, אז מיין נעכטיגען אין דיעזער פאָרם קען ניט בעלעסטיגען אייער מייסטער, אדער אייער ווירטהין, זאָ נעהם איך אָן דיא פריינדשאַפט וואָס איהר באָט מיר אָן. נור אזוי וויא איך בין שטארק מיעדע, וויל איך איהר זאָלט מיר ערלויבען צו געהן שוין שלאָפען, דען מאָרגען פריה וועל איך מיך לאָזען אויף מיין וועג.

— אָה, מאָרגען קענט איהר געהן וואוהין איהר ווילט. מיר שטעהן דאָ אויף זעהר פריה, און אום איהר זאָלט ניט פערליערען אייער וועג, וועט אייך איינער פון אונזערע לייטע בעגלייטען ביז ער וועט אייך ברענגען אויפ'ן גלייכען וועג.

— אויב איהר וועט איינשטימען, — האט זשאן רענע געזאָגט — קען איך דיעזע ארמע מענשען אביסעל אונטערפיהרען, וויל מאדאם געאָרג האָט מיר געהייסען נעהמען א לייכטען וואָגען און פאָהרען נאָך ווילליערס לעבעל צו ברענגען א סומע געלד פון דעם דאָרטיגען נאָטאר.

— איהר קענט דיעזע ארמע מענשען בעגלייטען אויף זייער וועג, אבער איהר מוזט עס טהאָן צו פוס, — האט פאטער שאַטליין געענטפערט — מאדאם געאָרג האט געביטען איהר מיינונג וועגען דאָס געלד, זיא האָט בערעכענט, אז עס לוינט ניט צו האָבען אזא גרויסע סומע ביי זיך אין פאָרם איידער מען דארף עס האָבען. נעכסטען מאָנטאג איז נאָך צייט צו פאהרען אין ווילליערס לעבעל; ביז דאַן איז דאָס געלד זיכערער אין נאָטאר'ס הענד וויא אין אונזער פאָרם.

— מאדאם געאָרג וויים בעסער פון מיר; דאָך, וואָס איז מורא צו האבען וועגען דאָס געלד אין דיעזער פאָרם, — האט זשאן רענע געזאָגט.

— קיין זאַך איז צו פירכטען, מיין פריינד. דאָך פערזיכער איך אייך, אז איך וואָלט דאָ בעסער געוואָלט האבען פינף הונדערט זעק קאָרען איידער צעהן זעק האַלבע אימפעריאַלען. נור קומט מיט מיר! — האט פאטער שאַטליין געזאָגט צום בלינדע און צו זיין פיהרער, קומט מיט מיר, איך וועל אייך ווייזען אייער נאַכט־לעגער.

פאטער שאַטליין האט גענומען א קליינע ליכט און האט דיא צוויי געסט אריינגעפיהרט אין א קליינעם צימער אויפ'ן אונטערשטען עטאַזש. דאס צימער איז געוועזען אם ענדע פון א לאַנגען קאָרידאָר אין וועלכען אייניגע טהירען האבען זיך געעפענט.

שטעלענדיג דאס ליכט אויפ'ן טיש האט דער אַלטער פּאַרמער געזאָגט:

— היער איז אייער נאַכטלעגער, מעג דער גוטער גאָט היטען אייך אין שלאָף.

דער באַנדיט האט זיך געזעצט אויפ'ן בעט צו וועלכער האָפּי האט איהם צוגעפיהרט. ער וואַר שטיל, דערשלאָגען און פערטראַכט. אין דעם אויגענבליק וואס דער אלטער ארבייטער האט געוואָלט ארויסגעהן פון צימער האט האָפּי צו איהם געוואונקען, אז ער האט איהם עטוואס צו זאָגען אין דערשטיל, און באַלד זיינען זיי ביידע ארויס אין קאָרידאָר.

— וואס ווילסט דוא מיר זאָגען, דוא קליינער גוטער יונג? — האט דער גוטהערציגער ארבייטער געפרעגט.

— אהִ, מיין עדעלער העררּ, איך בין אן אונגליקליכעס קינד. איך וויל אייך זאָגען, אז מיין אַרמער פאטער ווערט צייטענווייס בעפאלען פון זיין וואהנזין און דאַן איז ער געפעהרליך. איך בין צו שוואַך אליין איהם איינצוהאַלטען. איך וויל אייך פרעגען, דאָס אויב איך וועל אין מיטען נאַכט מוזען האבען הילפע, קען איך זיך ווענדען צו איינעם וואָס שלאָפט ניט ווייט פון אונז?

— אַרמעס קינד, — האט דער פּאַרמער געזאָגט מיט רחמנות — זיי דאָך ניט אזוי פערצווייפעלט. זעהסט דוא דיא טהיר ביי דיא טרעפּ?

— יאָ פריינדליכער העררּ, איך זעה.

— דאָ שלאָפט אימער איינער פון אונזערע לייטע; אויב דוא דאַרפסט הילפע דאַרפסט דוא נור אריין אין זיין צימער — דיא טהיר איז נימאַלס פערשלאָסען און דער שליסעל שטעקט אימער אין דרויסען, — ער וועט שנעל אויפשטעהן און וועט אין איין אויגענבליק זיין אין אייער צימער.

— אָ, מיין העררּ, איך צוזאמען מיט נור איין ארבייטער וועלען איהם ניט קענען איינהאַלטען. ווען זיין קאָנוואולסע קומט אָן איז ער שטאַרקער פון אַ לייב. פיעללייכט קען איך אויך אייך אריינרופען, איהר זייט דאָך אזוי גוט און אזוי פריינדליך, — האָט האָפּי מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען.

— איך? איך שלאָף צוזאמען מיט אלע ארבייטער אין אַ הויז אויפ'ן צווייטען זייט פון פאַרם. אָבער זיי ניט אזוי ערשראָקען. זשאַן רענע איז שטאַרק גענוג צו איינהאַלטען אן אקס פאַר דיא הערנער. נור אויב איהר ביידע וועלען איהם ניט בייקומען, וועט ער אריינרופען דיא קעכין, וועלכע שלאָפט אויפ'ן צווייטען עטאַזש, ניט ווייט פון אונזער ווירטהינ'ס שלאָף־צימער און הארט נעבען אונזער מאַדמאַזעלס צימער.

— איך דאנק אייך, טהייערער העררּ. איך וועל דיא גאנצע נאכט פאר אייך גאט בעטען. איהר זייט זעהר פריינדליך צו מיין ארמען פאטער.

— גוטע נאכט, ארמעס קינד. איך וויל האפען, אז דיין פאַטער וועט דיא נאכט גאַנץ רוהיג שלאָפען. געה צוריק צו איהם אין צימער, פיעללייכט דארף ער דיך האבען.

— גוטע נאכט, עדעלער הערר! גוטע נאכט.

קוים האט דער אלטער פארמער אָפגעקעהרט זיין קאָפּ אום אוועקצוגעהן אזוי האט האָפּי איהם אויסגעשטעלט א לאנגען צונג און א פּאאר פייגען. דער קליינער טייפעל האט מיט זיינע חיטרע קונצען ארויסגעקראָגען דיא בעסטע זאכען וואס קען נוצען פאר׳ן טייפעלשען פלאן וואס לילית און דער לעהרער האבען אויסגעארבייט. ער האט שוין געוואוסט, וועלכע מענשען געפינען זיך אין דער געביידע וואו ער און דער לעהרער שלאָפען און האט אויך געוואוסט וואו דיא איבריגע ארבייטער זיינען. ווען האָפּי איז צוריק אריין אין צימער וואו דער בלינדער באנדיט איז געזעסען האט ער זיך גוט געהיט ער זאָל ניט צוגעהן גאנץ נאהענט צו דער חיה; ער האָט גוט געוואוסט, אז דער לעהרער וועט זיך מיט איהם אפּרעכענען. דער לעהרער האט געהערט האָפּ׳ס טריט און ער האט געברומט וויא א טיגער אין שטייג.

— וואו ביזט דוא געווען, קליינער הינטעל?

— דוא ביזט אין דער ערד, אלטער בלינדער הונד.

— אָה, דוא זאָלסט מיר טהייער בעצאהלען פאר אלע יסורים וואס דוא האָסט מיר אויסגעטהיילט היינטיגען אבענד! — האט דער לעהרער געשריען און האט זיך געלאָזען איבער׳ן צימער טאפּענדיג דיא ווענד אום דעם שרץ צו חאפּען. איך מוז דיך צורייסען אויף שטיקער, דוא קליינער וואָרים!

— טהייערער, ארמער, בלינדער טאַטעלע, געה אין דער ערד אריין! — האט האָפּי מיט געלעכטער געזאָגט ווערענד ער האט זיך געהיט אויסצו־ווייכען דעם בלינדען באנדיט. דער לעהרער האט א היבשע ווייַלע געטאַפּט אין אלע זייטען, און האָט געשאָלטען מיט אלע שמוציגע ווערטער, זוכענדיג דעם אָרט וואו דער הינ־קעדיגער בעהאלט זיך פון איהם. ער האט זיך אבער איבערצייגט, אז ער קען איהם ניט קריגען און דארום האט ער זיך געשליידערט אויף זיין בעט און האָט גענומען פלוכען מיט נאָך א גרעסערען צאָרן.

— ארמער טאַטעלע, האבען דיר אויפגעריסען דיא צייהן? ווארום שפּייסט דוא מיט קללות צו זיך אין בוזים? וואס וואָלטען דיא נאררישע פארמער געזאָגט, ווען זיי וואָלטען דיין שפּראך געהערט! —

— גוט, גוט! רעד ווייטער; איך קען פון דיר ניט ערוואַרטען עטוואס רחמנות, עטוואס פריינדשאַפט צו מיר! — האט דער לעהרער פון פערצווייפלונג געזאַגט.

— איך זאָל אויף דיר רחמנות האבען! חא, חא, הא! קולאַקס בן־יחיד און דער שרעקליכסטער מערדער זאלען רחמנות האָבען! ניין, ניין, דוא וואָלסט מיך צוריסען וויא א הערינג ווען דוא וואלסט געקענט און איך דארף נעהמען דיין לעבער ווען איך קען. אָה, וואָס פאר א נחת איך האב געהאַט דאָרטען ביי'ן טיש, ווען דוא האַסט געמאכט דיינע הינטישע שטיק און איך האָב געקלאַפּט אין דיינע וואונדען. דיא ווייסע אויגען אין דיין קאָפּ זיינען געוואָרען פאָל מיט בלוט און רויטה וויא פייער. דוא וואלסט דאן איינגעשלונגען דיא גאַנצע וועלט; אום מיך צו דערווערגען, אבער בלינדער טייפעל דוא ביזט אין מיינע הענד. איך וועל דיך אריינגעבען צו לילית׳ אין חדר און דאָרט וועלען מיר ערשט טרענען דיינע אדערען מיט שפּיזען. מיר וועלען דיך נאָך לערנען דרך־ארץ!

דער ווילדעסטער מערדער אין פריינקרייך האט זיך געמוזט אונטערגעבען פאר א צולאָזענעם קליינעם קריפּעל. אָהן דעם שרץ האָפּי וואלט ער פון דער פּארם ניט ארויס און דארום האט ער געביטען זיין שטימע און האט געזאָגט:

— גענוג, גענוג! דוא ווילסט אביסעל שפּילען און שפּאַסען! דוא ביזט נאָך א אינגעל! באַה, דאָס פּאַסט פאַר דיינע יאָהרען. איך בין אויף דיר ניט בייז. איך בין אויף דיר ניט בייז. אבער אנשטאָט צו מאַכען שפּאַס פון מיר וואָלט גע־ווען בעסער דוא זאָלסט ארויסגעהן און טאהן וואס לילית האט דיר בעפוילען. דוא דאַרפסט אויסגעפינען יעדען איינגאַנג און אויסגאַנג פון דיעזען הויז און אבקוועטשען אלע שלעסער מיט דיין וואקס. האסט דוא ניט געהערט וויא זיי האבען געשפּראָ־כען פון גרויסע סומען געלד, וואס מען וועט אהער נעקסטען מאָנטאג ברענגען? מיר וועלען נאָך אהער קומען מיט א פּאאר פריינדע און וועלען עס פּאַקען פאר זיך. איך בין ווירקליך געוועזן א נארר צו וועלען בלייבען אונטער דיעזע שטילע מענשען. אין איין וואָך וואלט מיר מיאוס געוואָרען דאס לעבען אונטער דיעזע יאַלדען.

— געוויס, ווען דוא בלייבסט דאָ וואָלט איך געוועזען דער אונגליקליכסטער אינגעל אין דער וועלט.

— יאָ, יאָ, דאָ קען מען מאַכען א פערמעגען; זאָגאר ווען אין דיעזען הויז וואָלט קיין מטבעה ניט געוועזען מוז איך מיך אויך קומען אהער מיט מיין לילית אום זיך אפּצורעכענען! האָט דער באַנדיט געזאָגט אין א ציטערענדען, ביטע־רען קול — איך בין זיכער, אז מיין פרוי האט אנגעשטעלט דעם שד ה׳־אָלף ער זאָל

זיך מיט מיר רעבענען. יא, אויב איך קען זיך ניט נוקם זיין פאר מיינע אויגען אָן רודאָלף'ן, וועל איך מיין כעס אויסלאזען צו מיין ווייב! יא, זיא זאָל צאהלען פאר אלעס! זאָגאר ווען איך זאָל דארפען אנצינדען דאס הויז און אליין אויך פערברענט צו ווערען אין דיא פלאמען. אָה, איך מוז האבען מיין ראכע! איך מוז עס האבען!

— ווילסט דוא האבען דיין ווייב, אלטער אָקס? דוא קענסט זיא האבען, זיא איז צעהן שריט פון דיר; דאס איז א שאנס איא? ווען איך וויל קען איך דיך אריינפיהרען אין איהר צימער, ווייל איך וויים שוין וואו זיא שלאָפט! איך וויים, איך וויים! — האט האָפי זינגענדיג געזאָגט.

— דוא ווייסט וואו זיא שלאָפט! — האט דער לעהרער אויסגעשריען מיט א שרעקליכער פריידע — דוא קענסט מיך אהין פיהרען!

— אָה יעצט האב איך דיך, יעצט קענסט דוא שפילען אין הינטלעך. קום, שטעל זיך אויף דיא קניע און לעק מיט דיין צונג מיינע פיס וויא א הינטעלע ווען מען וויזט איהם א ביין. קום אלטעד הונד, קום בעט מיך דיא טובה!

— דוא ווייסט וועלכער צימער איז מיין ווייב'ס! — האט דער בלינדער געשריען און האט זיך געווענדעט צום אָרט פון וואנען האָפי'ס שטימע איז געקומען.

— הונד, פודעל! איך וויים. אבער דאס בעסטע דערפון איז, דאָס אין דעם גאנצען הויז געפינט זיך נור איין איינציגער מאן, וועלכער שלאָפט ניט וויים פון אונז און דער שליסעל פון טהיר איז אין דרויסען. איין דרעה און ער איז א געפאנגענער אין זיין אייגענעם צימער.

— ווער האט דאָס דיר אלעס ערצעהלט! — האט דער באנדיט געשריען אויפ־שפרינגענדיג אויף דיא פיס.

— הער מיך אויס, איך וויים אלעס! נעבען דיין ווייב'ס צימער שלאָפט דיא אלטע קעכין. א דרעה מיטן שליסעל און זיא איז אויך געפאנגען. מיר בעזיצען דאן דאָס גאנצע הויז אין וועלכער עס געפינען זיך דיין ווייב און דאָס מיידעל, וועלכע מיר דארפען נייטהיג פון דאנען צונעהמען. יעצט פאל צו מיינע פיס, קוש מיינע הענד, קייקעל זיך פאר מיר וויא א ליעבער הינטעלע פאר זיין הערר.

— דוא ליינסט, דוא ליינסט! דוא קענסט עס ניט וויסען!

— איך בין קרום, אבער קלוג. אָט ערשט פאר א ווײלע האב איך דעם אל־טען נארר מיט דיא ווייסע האאר ערצעהלט פון דיינע משוגעת'ן אין מיט'ן נאכט און האב איהם געפרעגט וואו איך קען געפינען הילפע, אין א צייט פון דיין משוגענע אויפרעגונג. דאן האט ער מיר אלעס געזאָגט; ער האט מיר געזאָגט וואו יעדער

שלאָפט און וואו דיין ווייב געפינט זיך. יאָ, דיין ווייב! דיין ווייב! דיין ווייב! — האט דער קרומער מיט אלערליי פערשיעדענע טענער געקוויטשעט.

דער לעהרער איז א היבשע ווײלע געווען שטיל און פערטראַכט, דאַן האָט ער אין א גאַנץ רוהיגען, אָבער ענטשלאָסענעם קול געזאָגט:

— הער מיך אויס מיין קינד, איך האב שוין גענוג געלעבט און האב שוין גע־נוג געליטען פון דאס לעבען. איך האב שוין געליטען אלערליי שטראָפען, וואס דאָס געזעץ קען אויסטהיילען; נור אלע ליידען זיינען א קלייניגקייט געגען דעם וואס איך בין אויסגעשטאַנען היינטיגען טאג און וואס מיר ערוואַרטען דיא איבעריגע טעג פון מיין לעבען. איך בעט דיך, פיהר מיך אין מיין ווייבס צימער. איך האב מיין מע־סער מיט מיר, איך וויל זיא קוילען. איך וועל נאכדעם אויך געטויטעט ווערען אבער וואָס קימערט עס מיך? איך וועל האבען מיין נקמה און מעהר ווינש איך ניט אין מיין לעבען. איך לייד שוין צופיעל, צופיעל פאר א מאַן וואס האט געמאַכט ציטערען אלע גבורים! אָה, ווען דוא וואָלסט נור וויסען וויפיעל איך לייד וואָלסט דוא אויף מיר געהאט מיטלייד. מיין בלוט קאָכט אין מיינע אדערען, אלע מיינע גלידער ציטערען, מיין מאַרך פלאַמט, איך ווער פעררוקט און פערברענט פון האָס צו דער גאַנצער וועלט!

— אָט אזוי מיין ליעבער אלטע הונד. ווין אביסעל אויס דיין כשר הערצעלע, בעט גאָט ער זאָל דיר מוחל זיין אלע זינד; דען באַלד, באַלד וועט קומען דיא ליעבע לילית און וועט דיך שניידען גליעד פאר גליעד. ביי דיעזע רייד האט דער קליינער מערדער איהם א קלאַפּגעטאַהן מיט א שטעקען איבער׳ן קאָפּ.

דער לעזער מוז זיך דאָ פאָרשטעלען א הונגעריגען וואָלף וועלכער איז א גאַנ־צען טאָג גערייצט געוואָרען פון א קליינעם אינגעל וואס האָט געברענט זיין פלייש מיט א הייסען אייזען און ניט ווייט פון זיין אייזערנע שטייג זעהט ער א געבונדענע שעפּסעלע. מיט איין שפּרונג וואָלט ער זיא פערשלונגען, אָבער דיא אייזערנע גראַ־טעס לאָזען איהם ניט צו. דער מערדער איז פון בלוט־דורסט שיער משוגע געוואָ־רען. האַפּי׳ס לעצטער וויץ האט איהם נאָך מעהר צורייצט. ער האט ניט געקענט פערגיסען פרעמדעס בלוט, האט זיך איהם געוואָלט זיין אייגענם בלוט פערגיסען, נור בלוט איז געווען זיין גאַנצער וואונש. איין קליינע ווײלע איז ער געווען ענטשלאָסען זיך צו טויטען און ווען ער וואָלט געהאט א געלאָדענעם רעוואָלווער וואָלט ער קיין אויגענבליק ניט געוואַרט. ער האט פון טאַשע ארויסגענומען זיין מעסער, האט איהם געעפענט און האָט שוין געוואָלט מאַכען אן ענדע פון זיין לעבען; אבער שנעל האט זיך אין איהם אויפגעוועקט זיין גוואַלטיגע ליעבע צום לעבען און זיין גרויסע פורכט

פארן טויט. זיין גאנצער קוראזש איז געפאלען און ער האט אראפגעלאזט זיינע הענד וויא א פערצווייפעלטער וואס קען קיין זאך ניט טהאן. האפי האט אלעס צו געזעהן און האט זיך צולאכט אויפ'ן קול פון בלינדענס שוואכקייט. דער בלינדער בויאן האט בעשלאסען נאך אמאל צו בעטען רחמים ביי דעם הינקידיגען לויפערל, ווייל איהם וואר טויזענד מאל לייכטער צו פערגיסען פרעמדעס בלוט איידער זיך אליין צו טויטען.

— אה, — האט ער געזאגט אין א יאמערענדען קול — פיהר מיך צו מיין ווייב'ס טהיר; דוא קענסט נעהמען פון איהר צימער וואס דוא ווילסט און אנטלויפען: מיך קענסט דוא דארט איבערלאזען. אויב דוא ווילסט קענסט דוא מאכען א גוואלד איבער דאס הויז. זיי קענען מיך ארעסטירען אדער טויטען אויפ'ן ארט. מיר בלייבט עס גלייך. זיך אליין טויטען האב איך קיין קוראזש. אה פיהר מיך, פיהר מיך, דוא וועסט דארט געפינען א סך געלד און דיאמאנטען. איך זאג דיר נאך אמאל, אז דוא קענסט נעהמען אלעס פאר זיך אליין, הערסט, פאר זיך אליין. פיהר מיך נור אין איהר צימער!

— אה יא, איך פערשטעה דיך גוט! — האט האפי געענטפערט — דוא ווילסט איך זאל דיך פיהרען צו איהר טהיר, דאן צו איהר בעט, און ווייזען דיר וואו איהר האלז איז און דאן צופיהרען דיין האנד איבערען גארגעל, דוא ווילסט איך זאל זיין דיא הענטעל צו דיין מעסער! אה, איך קען דיך אלטע חיה!

— אלזא דוא ענטזאגסט מיר?

קולאקס תכשיט האט ניט געענטפערט. מיט בארפוסע פיס איז ער געקראכען צום לעהרער'ם בעט אזוי דאס דער לעהרער, וועלכער איז נאך געזעסען אויפ'ן בעט און האט געהאלטען דעם מעסער אין האנד האט ניט געקענט הערען וויא אזוי האפי האט זיך צו איהם צוגעשארט און האט שנעל וויא א טייפעל ארויסגעחאפט דעם מעסער און האט זיך פערשטעקט אין א צווייטען ווינקעל.

— מיין מעסער! מיין מעסער! — האט דער גראבויאן געשריען אויסטרעקענדיג דיא ארמס.

— ניין! דוא קענסט נאך מארגען פריה בעטען מען זאל דיר ווייזען זיין ווייב, און דוא וועסט זיא פלוצלונג ערמארדען, דען דוא ביזט שוין זאט מיט'ן לעבען און ביזט צו שוואך זיך אליין דעם לעבען צו נעהמען.

— ווארום בעשיצט ער מיין פרוי פון מיין מעסער! — האט דער לעהרער געשריען און זיינע געדאנקען זיינען מיט יעדע מינוט געווארען שוואכער, דער קליינער שרץ מוז גאר זיין א טייפעל! וואו בין איך? ווארום וויל ער זיא רעטען?

— אום דיך צו מאַרטערען! אום דיך איבערצוגעבען אין לילית הענד! — האָט האָפּי געענטפערט גאָר אָהן אויפרעגונג.

— אָה, דאָס איז דיא אורזאכע פון דיין פריינדשאַפט צו מיין ווייב! — האט דער לעהרער געשריען מיט אַ פאַלשטענדיגען וואהנזין. אויב אזוי וועל איך אונטערצינדען דאָס הויז! מיר וועלען אַלע צוזאמען פערברענט ווערען. אַלע צוזאַמען! דאָס ליכט! גיב מיר דאָס ליכט!

— חאַ, חאַ, חאַ! — האט האָפּי געלאכט מיט אַלע קרעפטען — ווען זיי וואלטען ניט אויסגעלאָשען דיינע ליכט אויף אייביג וואלסט דוא שוין אונזערע ליכט אויך איינגעלאָשען. אבער דוא האסט קיין ליכט, דוא האסט קיינע אויגען, דוא ביזט בלינד, דוא ביסט לעבעדיג אין דער ערד!

דער לעהרער האט ארויסגעלאָזען אַ פירכטערליכען, אונמענשליכען קול. ער האט גענומען ברומען און ראָווען ביז ער איז געפאלען פון בעט אויף דער ערד גלייך וויא איהם וואָלט אַן אַפּאָפּלעקציע געשלאָגען און איז געבליבען ליעגען גאר אהן בעוועגונג.

האָפּי האט מורא געהאט צו לעגען זיך שלאָפען; ער איז ניט געווען זיכער, אז דער לעהרער וועט איהם ניט בעפאלען אין מיטען נאַכט און צורייסען אין שטיקער. ער איז דארום געבליבען זיצען שטיל אויף זיין אָרט און האט בעשלאָסען צו זיין אויף דיא גאַנצע נאַכט. אום איהם זאָל ניט שלעפערען האט ער ארויסגענומען דאס בייטעל געלד, וואָס ער האָט געגנבעט ביי דער מארקיזין פאָן הארוויל, ווען רודאָלף האט זיא בעגעגענד אויף דיא טרעפּ אין דער טעמפּעל שטראַסע און אום זיא צו רעטען פון איהר מאַנ׳ס צאָרען האט ער איהר געהייסען געהן זעהן דיא ארמע מאָרעלס. דיא מארקיזין איז דאַמאָלס געווען אזוי ערשראָקען און צוטומעלט דאָס זיא האט געפיהלט וויא דער קליינער גנב רייסט ארויס דאס געלד פון איהר האַנד, און דאָך האט זיא איהם מיט דאָס געלד געלאָזט לויפען. נאָכדעם וויא ער האט דאָס געלד איינינע מאָל איבערגעצעהלט האט ער געוואָרפען אַ בליק אויף דעם לעהרער וועלכער איז נאָך געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד און האט געמורמעלט און געברומט וויא אַ וואהנזיניגער. האָפּי האט זיך דעריבער גאָר ניט געקימערט.

— דער לעהרער וואָלט זיכער בעקומען אַן ענטצינדונג אין דיא געהירען אַז וואלט אויפ׳ן אָרט קראַפּירט, נור אַ קליינע סיבה האט גערעטעט זיין שמוציגען לעבען. ער איז געפאלען מיט׳ן נאָז אראָפּ און האט מיט׳ן שטארקען קלאַפּ געעפענט אַ שטראָם בלוט, וועלכער האט געפלייצט פון זיין נאָז. ער איז יעצט געלעגען אין אַ פיבער פון היץ און קעלט און שרעקליכע בילדער מיט שרעקליכע חלומות וואר פאָל אין זיינע געדאַנקען.

33טעס קאפיטעל.

ד ע ר   ח ל ו ם.

דער לעהרער האט יענע נאכט פאָלגענדעס געטרוימט:

ער איז ווידער אין רודאָלף׳ס זאאל אין וויוו שטראסע. קיין זאך איז ניט געענדערט אין יענעם פירכטערליכען זאאל וואו ער איז אזוי שווער בעשטראפט גע וואָרען. רודאָלף זיצט ביין טיש און פאר איהם ליעגען פאפירען און דיא קמעה פון הירשען פעל וועלכע ער האט געגעבען דער לילית. רודאָלף׳ס געזיכט איז בלאס און אונמוטהיג ביי זיין רעכטען זייט שטעהט דער שווארצער דאָקטאָר דוד, וועלכער איז שטיל און בעטראכט מיט שרעק דיא גאנצע שוידערהאפטע סצענע; דער לעהרער אליין איז מעהר ניט בלינד. איבער זיינע אויגען הענגט א וואָלקען מיט בלוט אבער דורך דיא בלוט קען ער זעהן און אלץ וואָס ער זעהט שיינט איהם רויטה. איבער זיין קאָפּ שוועבט א סאָווע, א נאכטאיילע, וועלכע קוקט פון איהר איינציגע אויגעל אויף יעדער בעוועגונג וואָס ער מאכט. דיעזער בייזער און גיפטיגער בליק וואַרפט אויף איהם א נייען שרעק.

איהם שיינט, אז אן אונגעהייערער בלוטיגער טייך ליעגט צווישען איהם און דעם טיש ביי וועלכען ער זעהט דיא דריי פריינדע: רודאָלף, דוד און האלזשניידער. נור, פלוצלונג האבען דיא דריי אנגעפאנגען צו שטייגען און שטייגען ביז זיי האבען ערדייכט דעם באלקען. דער באלקען האט זיך אנגעפאנגען אויפצוהויבען און אלעס שיינט צו שטייגען בידן הימעל.

דער בלוטיגער טייך איז גלאט און שטיל וויא א שפיגעל. אין דיעזען בלוטיגען שפיגעל זעהט דער באנדיט זיין אייגענעם פנים. פלוצלינג האט דער טייך אנגעפאנגען צו זידען, וועללען און כוואלעס האבען אנגעפאנגען צו פאלען און זיין בילד איז פערשלונגען געוואָרען אין דיא וועללען. נור פון דעם שטורמדיגען שטראָם איז ארויס א בערגעל פון א קבר. דיעזער קבר שטייגט—שטייגט—שטייגט—אהן אן אויפהער און אזוי וויא דאָס בערגעל ערד שטייגט פון טייך אזוי שטייגען דיא דריי: רודאָלף, דוד און האלזשניידער. אין דעם קבר זעהט דער לעהרער אלע קערפער, וועלכע ער האט מיט זיין האנד ערמאָרדעט.

אין דיעזען קבר זעהט דער גזלן דיא געשטאלט פון אן אלטען מאן אין ברוינע קליידער. זיינע אויגען זיינען פערשטעלט מיט בלאָע ברילען. דער אלטער זיצט אין א קליינעם ארמען צימער און צעהלט גאנצע זעקלעך גאלד פאר דעם דונקעלען שיין פון א קליינעם לעמפעל. דורכ׳ן פענסטער וועלכע איז בעלויכטען פון דער בלאסער לבנה זעהט דער לעהרער זיין אייגענע מערדערישע געזיכט, וועלכע שטעהט פון דרוי־

סען און קוקט מיט פייערדיגע וועלפישע אויגען אויף דעם אלטען מאן. פלוצלינג גיט דער לעהרער א שפרונג צום פענסטער, זעצט אויס אלע שויבען, פליהט אריין איבער דאס גלאז אין צימער, פאלט ארויף אויפ'ן אלטען און האקט אריין זיין שארפען מעסער אין דעם אלטענס שוואכע אקסלען. דעם גראביאנס קעהר וואר אזוי פלינק, דער מעסער אזוי לאנג און אזוי טיעף דאס דער טויטער קערפער איז געבליבען זיצען אויף זיין שטעלע ניט ווייט פון דאס געלד.

דער מערדער וויל ארויסשלעפען זיין מעסער פון טויטען קערפער, אבער ער קען עס ניט. ער נעהמט צוזאמען אלע קרעפטען—עס געהט ניט. ער וויל אפלאזען דעם מעסער, אבער עס איז אונמעגליך, זיין האנד איז צוגעשמאלצען צום הענטעל, פונקט וויא דער אייזען צום ערמארדעטענס קערפער. דער מערדער הערט דעם קלאנג פון שפארען און שווערדען ארום הויז. ער מוז אנטלויפען מיט דעם טויטען קערפער, וועלכער איז צוגעשמידט צום מעסער, וועלכען דיא האנד וויל ניט אפלאזען; אבער אויך דיעזער פערזוך געלינגט איהם ניט. דער טויטער קערפער איז אזוי שווער און שלעפט איהם צו דער ערד גלייך וויא ער וואלט אנגעגאסען געווארען מיט בליי. ניט אכטענדיג זיין ריזיגע מאכט, ניט אכטענדיג זיינעברייטע אקסלען און זיין פערצווייפעלטע אנשטרענגונג קען ער אלץ ניט ריהרען דעם טויטען קערפער.

דער קלאנג פון דיא טריט און פון שטאהל קומט אלץ נעהנטער און נעהנטער. דער שליסעל עפענט דעם שלאס — — — דיא טהיר עפענט זיך — — —

דאס בילד ווערט פערשוואונדען.

דיא סאווע קלאפט דאן מיט דיא פליגלען און שרייט:

„דאס איז דער רייכער אלטער מאן פון דעראל שטראסע. דער ערשטער אפפער פון דיין מעסער. מערדער... מערדער... מערדער!!"

איין מינוט איז פאראיבער. דער קבר עפענט זיך פון א צווייטען זייט און א נייער בילד ערשיינט.

דיא זאנע געהט אונטער אין א דיקע חמארע. א מאן אין דיא קליידער פון א פיה־הענדלער ליגט טויט אויפ'ן מיטען וועג. דיא צוטראטענע גראז און דיא צוגראבענע ערד בעווייזען, אז דער קרבן האט זיך גוט פערטהיידיגט. דער טויטער האט פינף וואונדען אין זיין קערפער. ער גוסס'ט, אבער דאך בעוועגען זיך נאך זיינע ליפען און ער רופט זיינע הינד שרייענדיג העלפט! העלפט! פלוצלונג עפענען זיך דיא פינף וואונדען וויא פינף מיילער און יעדעס וואונד פייפט און רופט נאך

הילפע. דיעזע פינף קולות וואָס קומען דורך דיא פינף מיילער פון פינף וואונדע זיינען שרעקליך צו הערען.

דיא סאָווע האט וויעדער צוכאָזען איהרע פליגלען און עפּענענדיג איהר שנאָ־בעל האט זיא נאָכגעמאַבט דיא קולות פון דיא פינף וואונדען ווענדענדיג זיך צום מערדער:

„דאס איז דער פיה־הענדלער פון פּאָסי. מער־ער! מערדער!"

א טיעפער און שרעקליכער קלאנג זאָגט איבער דיא ווערטער פון דער סאָווע און יעדער וואָרט ציהט זיך אזוי ווייט און אזוי לאנג, גלייך וויא עס וואָלט געהן אין עק וועלט.

ווערענד דיעזען טומעל קומען צוויי הינד, גרויסע שטארקע, שווארצע הינד; זייערע אויגען ברענען וויא גליהענדע קוילען און זיי לויפען ארום און ארום דעם לעה־רער און בילען אזוי ווילד און אזוי שרעקליך! אָט, אָט שפּרינגען זיי אויף איהם ארויף און צורייסען איהם אין שטיקער, דאָך קלינגט זייער שטימע אזוי וויא זיא וואלט קומען פון א ווייטען, גאנץ ווייטען אָרט.

לאנגזאם און לאנגזאם איז דער קבר געשלאָסען געוואָרען און דאס בילד מיט'ן קבר איז פערשוואונדען אין טייך בלוט.

א נייע ערשיינונג האט זיך בעוויזען אויף דעם רויטהען טייך.

א ברייטער קאנאל, פאָל מיט וואסער און שמוץ האט זיך פערצווייגען אין דער לענג. דער ברעג פון קאנאל איז ניט פון ערד נור פון קליינע ווערים און מיל־בען וואס זעהן אויס, וויא מען קוקט אויף זיי דורך א פערגרעסערגלאָז, ווען זיי שיי־נען צו זיין גרויסע, דיקע און פירכטערליכע חיות. דיעזע שרצים און רמשים מעהרען זיך יעדע סעקונדע אין אזא צאָהל, דאס דער ברעג שטייגט צו א ריזיגען בארג וואס קריכט און פויזעט וויא א בארג מוראשקעס. דאס וואסער אין קאנאל איז געדיכט, און שמוציג און געהט לאנגזאם. אין איהם פליסט דער שמוץ פון א גרויסער שטאדט און איבער איהם שווימען טויזענדע טויזענדע טויטע קערפּער. פּלוצלונג הערט דער לעהרער דעם פאל פון א שווערען קערפּער אין קאנאל. א קערפּער פון א פרוי בעוויזט זיך אין קאנאל און זיא ראנגעלט זיך מיט דאס וואסער און צאַפּעלט זיך אין דעם שמוץ. ער און לילית האלטען א קעסטעל וועלכע איז איינגעוויקעלט אין שווארצען טוך און זיי בעטראכטען נאָך דעם קאמפּף אום דאס לעבען, וועלכען דיא ערטרונקענע פרוי וויל ניט אויפגעבען. דיא פרוי ווארפט איהרע ארמס און ייט מיט אזעלכע ווילדע קולות, וואס קענען אויפוועקען טויטע. ענדליך האט דיא

פרוי ארויסגעלאָזען אַ שרעקליכען, געוואַלדיגען קרעכץ, וואָס האָט געקלונגען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען און איז געזונקען אין דאס שמוציגע וואסער. ליעגענדיג אין וואסער האט דיא ערטרונקענע נאָך ניט אויפגעהערט צו בורבלען און שרייען און שטורמען, און דיא פּאַראַזיטען אויפ'ן ברעג לאָזען זיך אין וואסער אויפצועסען דעם נייעם קרבן. דער פּאַראַזיטען־בארג זינקט און זינקט אונטער זיינע פיס. דער קאַנאַל ווערט פאָל פון דיא שרצים וואס האבען זיך פערזאַמעלט ארום דער פרוי. ערד און וואסער צומישען זיך און אלעס פערשווינדעט אין אַ כאָאָס.

און דיא סאָווע שוועבט אין דער לופטען איבער זיין קאָפּ און שרייט:

„דיא פרוי פון סאַנט־מאַרטין קאַנאַל. מערדער! מערדער!"

דיעזער תהו (כאָאָס) האט זיך פלוצלונג פערוואַנדעלט אין א וועלט פון פלאַם און פייער. ער, דער לעהרער, שוועבט אין פייער און פיהלט וויא זיין גאַנצער קערפּער ברענט, זיינע קליידער ווערען וואונדען, וויא זיין פלייש שמעלצט און זיינע ביינער פרעגלען זיך. אין מיטען פייער שטראָמט וויעדער דער טייך בלוט; אבער דאס בלוט איז זודיג וויא צושמאָלצענע בליי און ברענט און שמעקט וויא קאָכעדיגער פעך. א שטורם פון שפּיציגע און הייסע נאָדלען וואַרפט איהם פון פייער אין דאס בלוט און פון בלוט אין פייער, זיינע שמערצען זיינען משונה'דיגע. ער שרייט; אבער וויא ער עפענט זיין מויל שלינגט ער איין א דוצענד פייער־שלאַנגען וואָס קריכען צוריק ארויס פון זיינע נאָז־לעכער. ער זינקט טויזענד מאָל אין זודיגען אבגרונד און שטייגט צוריק טויזענד מאל אין דער פייערדיגער לאַווא. זיין גאַנצער קערפער איז אנגעשטאָכען מיט שפּילקעס און ער ברענט און בראָט זיך, ביז ער צוגעהט וויא שנעע און פון זיין גאַנצען וועזען ווערט נור א פליסיגקייט. דיעזע פליסיגקייט פערמישט זיך מיט דעם פייער און א קליינע ווייל פיהלט ער קיין וועהטאָג און קיין שמערץ. ער האט אויפגעהערט צו זיין און ער איז אויסגעלייטערט. אָבער באַלד איז דיא אטמאָספערע געווארען א שטיק אייז און פון זיין פליסיגקייט איז וויעדער געוואָרען פלייש און בלוט. ער איז וויעדער דער זעלבער נפש אין א דיקע פינסטערע נאכט. ער פיהלט וויעדער דיא פאָריגע שמערצען און זעהט וויעדער זיין טרוים; אבער יעצט זיצט ער ויט רוהיג. ער זיצט און שילט און פליכט און לעסטערט.

פלוצלונג הערט ער א מעכטיגע שטימע. עס איז רודאָלף'ס שטימע. ער שווערט פון דיעזער שטימע. ער וואלט וועלען אנטלויפען; אבער ער קען זיך ניט העלפען, ער מוז זיך איינהערען. דיא שטימע האט געזאָגט:

— דיא שטונדע פון דיין געוויסענסביסע איז נאָך ניט געקומען, דיא שטראַפע

פאר דיינע זינד איז דארום נאך ניט צו ענדע. דוא האסט געליטען, דוא ביזט אבער נאך ניט אפּגעקומען. דיינע חברים בענוצען דיך, א פרוי און א קינד פיהרען דיך. ווען איך האב אויסגעלאַשען דיינע אויגען האב איך צו דיר געזאגט, געדענק מיינע ווערטער: „דוא האסט מיסברויכט דיין קראפט, איך וועל אבשוואכען דיזע קראפט. דיא שטארקסטע, דיא מעכטיגסטע האבען פאר דיר געציטערט, יעצט זאלסט דוא מורא האבען פאר'ן שוואכסטען.“ דוא האסט פערהאסט דיא שטילקייט פון לעבען וואו דוא האסט געקענט תשובה טהאן, דוא האסט ניט געוואלט ווערען עהרליך און שטיל. דוא האסט זיך ווידער געלאזט הערען דורך דיינע נייע חטאים. אט אין דיזען אויגען־בליק האסט דוא געוואלט טויטען דיין ווייב; זיא איז דא אונטער איין דאך מיט דיר. זיא שלאפט גאר אהן א שיצער; איהר צימער איז נור א פּאאר שריט פון דיינעם. קיין זאך קען דיך ניט אפּהאלטען פון דעם מארד. דוא האסט דיין מעסער, און דיין קראפט אין דיא הענד; אבער דאך ביזט דוא מאכטלאז. דוא ביזט בלינד! אבער דוא ברענסט נאך מארד, קיין הלום און קיין בלענדענעס קען דיך פון מארד צוריק־האלטען, דוא מוזט נאך שטארקער בעשטראפט ווערען, דוא מוזט נאך ביטערער געפּלאגט ווערען. אה, דיך ערוואַרטעט א פירכטליכער סוף!

רודאלף'ס שטימע איז א ווײלע שטיל געווארען. דער לעהרער האט געפיהלט וויא זיין הארץ ווערט צוזעצט. וואס קען דאס זיין פאר א פירכטליכע שטראפע? וואס נאך קען ער איהם טהאן?

דער באנדיט האט א שוידער געטהאן און אויסשרייענדיג וויא א ווילדע בעסטיע האט ער זיך אויפגעכאפּט פון שלאף.

34טעם קאפּיטעל.

דער בריעף.

פונקט ווען דער זייגער האט אין דער פריה געשלאגען דיא נײנטע שטונדע איז מאדאם געארג אריין אין מאריעס שלאף־צימער. מאריע האט אזוי שוואך גע־שלאפען, דאס דיא שטילע און לאנגזאמע טריט פון איהר פריינדין האבען זיא אויפ־געוועקט. מאדאם געארג האט זיך געזעצט אויף מאריעס בעט און ארומנעהמענדיג דאס שעהנע קינד האט זיא איהר געפרעגט:

— וויא פיהלסט דוא הייטע, מיין טהייערע?

– בעסער, פיעל בעסער, איך דאנק אייך.

- האב איך דיך ניט צו פריה אויפגעוועקט?

— ניין, מאדאם.

— דאס פרעהט מיך. דער אונגליקליכער בלינדער און זיין זאהן, וועלכע הא־

בען דאָ גענעבעטיגט דיעזע נאַכט האבען געוואָלט אוועקגעהן איידער דער טאָג איז געקומען. איך האָב מורא געהאט, אז דאָס קלאַפּען מיט דיא טהירען וועט דיך צו־פריה אויפוועקען.

— ארמע מענשען. ווארום זיינען זיי אזוי פריה אוועק?

— איך ווייס ניט. געסטערען אבענד, ווען דוא האסט זיך עפּעס שלעכט גע־פיהלט בין איך ארונטער אין קיך צו זעהן דיעזע ארמע, אָבער זיי ווארען זעהר מיעד און האבען נאָך פריהער געבעטען דיא ערלויבניס צו געהן שלאָפען. פאטער שאַט־ליין האָט מיר דערצעהלט, אז דער בלינדער שיינט צו זיין ניט בריין זינען. אלע אונזערע לייטע זיינען געריהרט און פערוואונדערט פון דיא טריישאַפט און ליעבע וואָס דער זאָהן האט צום פאטער. אָבער הער מיך אויס מאריע, דוא האסט געהאט א קליינעם פיבער און איך וואָלט דיר געהייסען דוא זאָלסט היינט ניט ארויסגעהן אויף קעלט; דוא זאָלסט הייטע ניט פערלאסען דעם צימער.

— ענטשולדיגט מיר מאדאם, איך האב פערשפּראָכען אונזער ווירדיגען גייסטליכען צו זיין אין זיין וואוינונג אום 5 אוהר אבענדס.

— דאָס וועט אָבער שאדען דיין געזונד. איך בין זיכער, אז דוא האָסט גע־האט א שלעכטע נאַכט—דיינע אויגען זיינען פערשלאָפען, און דוא זעהסט אויס וויא איינער וואָס האָט קיין רוהע."

— איהר האט רעכט, מיין טהייערע מאדאם, איך האב ווידער געהאט דיא שווערע חלומות. אין שלאָף האב איך ווידער געזעהן דיא פרוי וואס האָט מיך אין מיין יוגענד געפּייניגט און איך האב מיך אויפגעהאפּט מיט שרעק. עס איז זאָגאר א נארישע שוואַכקייט. איך שעהם מיך דעראיבער.

— דיעזע שוואבקייט קרענקט מיך זעהר; וויל דוא ליידעסט דערפון, ארמעס, גוטעס קינד,—האָט מאדאם געאָרג געזאָגט מיט פיעל ערגערנעס און האט זיך פער־קוקט אין נאַכטיגאַלס אויגען וועלכע ווארען פאל מיט טרעהרען.

— אום גאָטעס ווילען, וואס איז דיא אורזאכע פון דיינע ליידען, ליבע מאריע. דיין אויסזעהן שרעקט מיך זעהר,—האָט דיא גוטע דאמע געזאָגט.

— אָה, פערצייהעט מיר, איך בעט אייך, מיך פלאָגט עס זעהר ווארום איהר ליידעט פון מיר; אבער דאָך אין דיא לעצטע עטליכע טעג פיהל איך, אז מיין הערץ ווערט צושפּרונגען. געגען מיין ווילען שפּארען זיך דיא טרעהרען פון מיינע אויגען. פינסטערע געדאנקען טרעטען פון מיר ניט אפּ,—א פינסטערע שרעק פון עטוואָס, וואָס איך ווייס אליין ניט וואס דאָס איז. עטוואס אונגליקליכעס וועט מיך זיכער טרעפען.

— מאריע, מאריע! איך מוז דיר פֿארהאלטען פאר אלע דיעזע מחשבות. אויב דוא וועסט זיך אפגעבען צו אזעלכע שרעקליכע געדאנקען.—

אין דיעזען אויגענבליק האט קלאַרין אנגעקלאפּט אין טהיר און איז אריין.

א שליח פון ארנאוויל איז ערשט געקומען און האט געבראכט דיעזען בריעף פון מאדאם דעברואיל. ער זאגט, אז דאס איז זעהר א וויכטיגער בריעף.

מאדאם געאָרג האט דעם בריעף געעפענט און האט געלעזען גאנץ לויט:

„מיין טהייערע מאדאם געאָרג. איהר וועט מיר טהאָן דיא גרעסטע טובה, וועלכע איך וועל אייך ניעמאלס פערגעסען, ווען איהר וועט זאָפארט קומען צו מיר אין פארם. איהר קענט מיר העלפען אין א גרויסע פערלעגענהייט. מיין שליח וועט אייך נעהמען אויף זיין פוהר און וועט אייך נאכמיטאג צוריק ברענגען אהיים. איך בין ווירקליך אזוי פערצווייפעלט, דאס איך וויים אליין ניט וואו איך בין אין דער וועלט. מיין מאן איז אין פאַנטאָן, וואו ער פערקויפט זיין וואָל און איך מוז זיך דאריבער ווענדען נור צו אייך און צו מאריען. קלאַרע שיקט איהר ליעבע צו איהר טהייערע שוועסטער און זיא ערוואַרטעט זיא אונגעדולדיג. זעהט צו קומען צום פריהשטאק אום 11 אוהר.

אייער איבערגעבענע פריינדין ס. דעברואיל.“

— וואס קען דאָס בעדייטען? — האט מאדאם געאָרג געפרעגט דער איבער־ראשטער מאריע — צום גליק זעה איך ניט ארויס, אז דער בריעף מיינט עפּעס גע־פעהרליכעס.

— זאל איך מיט אייך פאָהרען, מאדאם? — האט מאריע געפרעגט.

— איך וויים ניט אייב דוא קענסט, אין דרויסען איז זעהר קאלט. דאָך קען זיין אז דאָס וועט דיך אביסעל צערשטרייען. אויב דוא וועסט זיך גוט איינוויקלען, וועט דיא קליינע רייזע דיר אפשר פרעהליכער מאכען.

— דענקט איהר אבער, אז מיר וועלען קענען צוריק קומען ביז פינף אוהר? דער עהרענווירדיגער אלטער פריסטער וועט מיך הייטע ערוואַרטען.

— זיכער. מיר וועלען זיין צייטליך צו הויז.

— אָה, איך דאנק אייך מאדאם; איך וועל זיין גליקליך צו זעהן פריילין קלאַרע נאָך אמאָל.

— וואָס מיינט דאָס? — האט מאדאם געאָרג געענטפערט אין א טאָן פון אונצופריעדענהייט. פריילין קלאַרע אזוי רופט מען עס א פריינדין. רופט זיא דיך אויך פריילין מאריע?

— ניין מאדאם, זיא רופט מיך שוועסטער — האט מאריע געענטפערט מיט אראפגעלאזענע אויגע — אבער איך — איך —

— דוא, דוא, וואס איז מיט דיר עפּעס אנדערש. דוא ביזט שלעכט צו זיך אליין, דוא ווייסט פון קיין אנדער זאך נור זיך אליין צו פייניגען. האסט דוא שוין פערגעסען מיין פריהעריגען פערדרוס פאר דעם זעלבען אונרעכט? שטעה אויף מיין קינד, מיר וועלען קומען בעצייטענס צו אונזערע פריינדע.

א האלבע שטונדע נאך דיזען געשפרעך זיינען מאדאם געארג און נאכטיגאל אריין אין דעם פערמאכטען וואגען און א פאאר גוזונדע פערד האבען זיי גאנץ שנעל אפגעפיהרט נאך ארנאוויל. דיא גרויסע פאלאסטען און פערשיעדענע איינריכטונגען פון דיזען פארם האבען בעוויזען דעם ווערטה פון דיזען פערמעגען, וואס דער הערצאג דע לוסעני האט בעקומען אלס נדן פון זיין פרוי.

קלארע און איהר מוטער האבען מיט אפענע ארמען אויפגענומען דיא צוויי געסט. אלס מאדאם געארג האט דערזעהן דער שעהנער קלארען איז זיא איבעראשט געווארען צו בעמערקען, אז זיא געהט יעצט געקליידעט אין איינפאכע דארפס-קליידער, אנשטאט דעם, וואס ביז יעצט האט זיא אימער געהיט דיא מאָדע.

— וואס, קלארע, דוא צייכענסט זיך אויך אויס אין דיא קליידער פון א דארפס-מיידעל? — האט מאדאם געארג געפרעגט.

— ווייסט איהר ניט, אז זיא מוז אין אלעם זיין גלייך צו איהר שוועסטער מאריע? — האט קלארעס מוטער געענטפערט — זיא האט מיך ניט געלאזט רוהען ביז איך האב איהר געמאכט דיזעלבע קליידער וואס מאריע האט. אבער מיין טהייערע מאדאם, מיר דארפען זיך ניט פיעל קימערען איבער דיא קאפריזען פון אונזער קינדער. קומט מיט מיר איך וועל אייך ערצעהלען מיין פערצווייפלונג.

אלע פיער זיינען אריין אין זאאל. קלארע האט זיך געזעצט נעבען דער פערטראכטער מאריע, האט גענומען איהר האנד אין איהרע, האט זיא געדריקט צו זיך און האט זיא געקושט און געהאלזט. זיא האט אויסגעזעהן וויא אן אמת'ע שוועסטער, וואס פרעהט זיך ווען זיא בעגעגענד איהר אייגענע שוועסטער, נאכדעם וויא זיי האבען זיך א לאנגע צייט ניט געזעהן.

אויב דער לעזער קען געדענקען דעם געשפרוך צווישען דער ארמע נאכטיגאל מיט'ן אלטען גייסטליכען וועט ער זיך לייכט קענען פארשטעלען דעם פערגניגען וואס וואר געמישט מיט אונטערטהעניגקייט און הארצוועהטאג, וואס דיזע ארמע נאכטיגאל האט געפיהלט פון דיזער הייסער ליעבע.

— איך בין שוין נייגעריג צו וויסען וואס האט אייך דא אזוינס געטראפען, —

האט מאדאם נעאָרג געזאָגט — איך בעט אייך מאדאם דעבראָיל דערצעהלט אַלץ איך וועל זעהן מיט וואָס איך קען אייך דיענען.

— אָה, אין אלעם. איך וועל עס אייך ערקלעהרען. איהר ווייסט פיעללייכט ניט, אז דיעזער פארם איז דער פּריוואט איינענטהום פון דער מארקיזין דע לוסעני. מיר האבען אלעם צו פרעגען ביי איהר. דער הערצאָג אדער זיינע לייטע האבען דארין ניט וואָס צוזאָגען.

— ווירקליך? איך האָב דאָס גאָר ניט געוואוסט.

— איהר וועט באלד פערשטעהן, ווארום איך ערצעהל עס אייך. דאס ארענדע פאר דער פארם צאהלען מיר גלייך צו דער הערצאָגין אדער צו מאדאם סייטאָן, איהר הויפּט־פערטרעטערין. דיא הערצאָגין איז אזא פריינדליכע און גוטהערציג, אבוואהל מאנכעס מאל איז זיא אביסעל היציג, דאס עס איז א פערגניגען מיט איהר צו האנדלען. מיין מאן און איך וואלטען געגאנגען אין פייער און וואסער אום איהר צו דיענען. דאס איז אויך קיין וואונדער, ווייל איך קען זיא נאָך ווען זיא איז געווען א קליינע מיידעל, ווען זיא איז אהער געקומען מיט איהר פאטער פרינץ דענאָיער־מאָנט. ניט לאנג צוריק האט זיא פון אונז פערלאנגט מיר זאָלען איהר בעצאָהלען פאר זעקס חדשים אין פאָראוים. פערציג טויזענד פראנק איז א סומע וועלכע מען קען אין גאַס ניט זאמלען; צום גליק האבען מיר דאס געלד געהאט פאָרבערייט פיר דיא חתונה קאָסטען פון אונזער קלארע און אויף מאָרגען נאכדעם וויא דיא הערצאָגין האט דאס געלד פערלאנגט האבען מיר איהר דאס געלד געגעבען. דיעזע גרויסע דאמען האבען פיעל לוקסוס. זיי דארפען אימער געלד; אבער עס איז ערשט א יאהר וויא דיא מארקיזין האט אנגעפאנגען צו ווערען פינקטליך מיט דאָס געלד און פאָדערט בעצאלונג אין דעם טאָג וואָס דער קאָנטראַקט שרייבט פאָר. פריהער האט אונז געשיינט, אז זיא דארף גאר קיין געלד. נור דיא צייטען האבען זיך געענדערט.

— איך זעה נאָך אלץ ניט איין מיט וואָס איך קען אייך דיענען, — האט מאַדאם געאָרג גזאָגט.

— איך קום דערצו, איך קום דערצו. איך האב עס אייך אלעס ערצעהלט אום איהר זאָלט וויסען וואס פאר א צוטרויען דיא מארקיזין האט צו אונז. געסטער־ן האבען מיר פון איהר דיעזען בריעף ערהאלטען:

„עס איז אונבעדינגט נויטהיג, מיין טהייערע מאדאם דעבראָיל דאס דיא קליינע הויז אין גארטען זאָל פאָרבערייטעט ווערען צום וואוינען ביז מאָרגען אבענד. שטעלט אהין אריין דיא נויטהווענדיגע מעבעל, און לעגט דאָרט אויס אלע דיוואנען,

מיט א י י ן וואָרט, קיין זאך זאל ניט פעהלען. דאס הויז זאָל זיין א נ ג ע נ ע ה ם וויא ווייט מעגליך.״

— האט איהר בעמערקט מאדאם געאָרג דעם וואָרט א נ ג ע נ ע ה ם, וועלכער איז נאך אונטערשטריכען. דאן זעהט ווייטער וואס זיא שרייבט:

„דער אויווען זאָל ברענען וויא טאָג אזוי נאכט אין דיעזען גארטען־הויז אום יעדע פייכטקייט זאָל אויסגעטריקענט ווערען, דען עס איז שוין א לאנגע צייט וויא דיא צימערען זיינען ניט בעוואוינט געוואָרען. איך פערלאנג איהר זאָלט בעהאנדלען דיא פערזאָן, וואָס וועט וואוינען אין דיעזען הויז, גלייך וויא איהר וואָלט מיך בעהאנדעלט. איהר וועט פון יענע פערזאָן ערהאלטען מיינעם א בריעף אין וועלכען איך וועל אייך ערקלערען וואָס איך פערלאנג און ערווארטע פון אייך. איך פערלאָז מיך אין גאנצען אויף אייך און איך גלויב אויף אייער צוטרויען און אייער וואונש צו ווייזען פאר מיר אייער פריינדשאפט. אדיע מאדאם דעברואיל, קושט אייער גוטער טאָכטער פאר מיר. איך פערבלייב מיט פריינדשאפט צו אייך און אייער טאָכטער,

נאָירמאָנט דע לוסעני.״

„נ. ב. דיא בעטרעפענדע פערזאָן וועט קומען איבערמאָרגען. איך בעט אייך נאך אמאָל צו מאכען דאס הויז א נ ג ע נ ע ה ם וויא ווייט מעגליך.״

— א נ ג ע נ ע ה ם צום צווייטען מאָל און ווידער אונטערגעשטריכען, — האט מאדאם דעברואיל געזאגט און האט אָנגעקוקט איהר פריינדין.

— אלזאָ, וואָס איז דארין? עס איז דאך גאנץ איינפאך.

— וואָס הייסט איינפאך? וויא זאָ? האָט איהר דעם בריעף ניט געהערט פאָרלעזענדיג? דיא הערצאָגין פערלאנגט, אז דאָס גארטען־שטוב זאָל געמאכט ווערען א נ ג ע נ ע ה ם, און דעריבער האב איך אייך געבעטען איהר זאָלט אהער קומען. איך און קלארע האבען זיך צוברעכען דיא קעפּ אום צו פערשטעהן וואָס דער וואָרט א נ ג ע נ ע ה ם מיינט. מיין קלארע איז געוועזן אין פענסיאָ אין ווילליערס לע־בעל און האט דארט בעקומען פיעל מעדאלען פאר היסטאָריע און געאָגראפיע און דאך פערשטעהט זיא ניט וואס דיא הערצאָגין קען מיינען מיט דיעזען וואָרט. איך רעכען, אז דעם וואָרט געברויכט מען צו אזעלכע מאָדעס און תענוגים, פון וועלכע איך האב קיין בעגריף. זעהט איהר דיא הערצאָגין פערלאנגט, אז דאס גארטען־הויז זאָל זיין א נ ג ע נ ע ה ם און האט נאך געמאכט א שטריך אונטער דיעזען וואָרט. איך פערשטעה ניט וואס דאס זאָל בעדייטען.

— גאָט זיי דאנק! — האט מאדאם געאָרג שמייכלענדיג געזאגט — איך קען אייך דיא געהיימנים ענטדעקען. מיט דעם וואָרט א נ ג ע נ ע ה ם מיינט זיא א בע־

קוועמע, גוט צוגעפּוצטע, גוט צוגעשלאָסענע, זעהר וואַרמע הויז. מיט איין וואָרט, אין הויז זאָל קיין זאַך ניט פעהלען.

— גוט, דאס פערשטעה איך, אבער דיא הערצאָגין שרייבט וועגען טאַפּעטען, דיוואַנען, מעבעל און נאָך אזעלכע זאַכען, וועלכע איך האב ניט ביי זיך און ווייס ניט וויא דאס צו פערשאַפען. דאן ווייס איך ניט, ווער איז דיעזע פּערזאָן, א מאַן אדער א פרוי. דיא צייט איז אויך זעהר קורץ, אַלעס מוז זיין פערטיג ביז מאָרגען. וואס זאָל איך טהאן? וויא קען איך עס אלעס פערשאַפען? דא אין פּאַרם קען מען קיין זאַך ניט קויפען. אויף מיין וואָרט, פריינדין, מען קען דערפון אראָפּ פון זינען.

— אָבער ליעבע מוטער, ווארום זאָרגסט דוא אזוי, וואָרום זאָלסט דוא ניט ארויסנעהמען דיא מעבעל פון מיין צימער? איך קען פערברענגען עטליכע טעג מיט מיין שוועסטער מאַריע אין מאַדאם נעאָרגס הויז.

— דיין צימער, דיין צימער? מיינסט דוא, אז דיא איינפאַכע מעבעל פון דיין צימער וועלען פּאַלשטענדיג זיין דאָס, וואס דיא הערצאָגין מיינט מיט איהר אונטער־געשטריכענעם וואָרט א נ ג ע נ ע ה ם.

— וויא איך פערשטעה איז דאס גאַרטען־שטוּב קיין מאל ניט בעוואוינט געוואָרען? — האט מאַדאם נעאָרג געפרעגט.

— אָ, יא. עס איז יענע קליינע ווייסע שטיבעלע, וואס שטעהט דאָרט אין גאַרטען. דער פּרינץ האט עס געבויט פאר זיין טאָכטער, דיא יעצטיגע הערצאָגין, ווען זיא וואר נאָך א קליינעס מעדכען. יעדעס מאל ווען זיא פלעגט מיט איהר פאָטער דיא פּאַרם בעזוכען, פלעגט זיא אין דיעזער שטיבעלע וואוינען. דאס הויז האט דריי צימערען און ביי'ן פאַרהויז געפינט זיך א קליינע מילך־הויז, וואו דיא הערצאָגין פלעגט שפּילען אלס מילך־פרוי. זייט זיא האט געהייראטה האט זיא אונ־זער פּאַרם בלויז צוויי מאָל בעזוכט און יעדעס מאל האט זיא איינינע שטונדען פערבראַכט אין איהר קינדערשער הויז. דאס ערשטע מאל, דאס וואר צוריק מיט זעקס יאהר, איז זיא געקומען צורייטען מיט....

מאַדאם דעבּרואיל האט געוואָרפען א בליק אויף קלארען און מאַריען און האט זיך פערכאַפּט צוריק מיט דיא ווערטער:

— נור וואָצו זאל איך ריידען און ערצעהלען פון פוסטע זאַכען, דאס וועט מיר גאר ניט העלפען אין מיין יעצטיגער אויפגאַבע. איך בעט אייך מאַדאם נעאָרג, גיט מיר א ראַטה, גיט מיר עפּעס הילפע, אויב איהר קענט.

— זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, וויא איז דאס הויז יעצט אויפגעפּוצט?

— כמעט גאָר ניט, צו אנגענעהם קומט עס גאָר ניט. מיר האבען דאָרט

נור עטליכע שטרויענע שטוהלען, א פאאר קליינע טישען און נאך געוועהנליכע הויז־מעבעל, וועלכע מען קען ניט רופען אנגענעהמע.

— איך וועל אייך זאגען וואס איך וואלט געטהאן, ווען איך וואלט געווען אויף אייער פלאץ. איך וואלט געשיקט א פעהיגען מאן נאך פאריז, אין צוויי שטונ־דען איז ער דארט. זאל ער אריינגעהן אין דעם גרעסטען מעבעל געשעפט אין דיא אריסטאקראטישע גאסען, עס מאכט גאר ניט אויס צו וועלכען און זאל ער דארט אבגעבען דעם צעטעל, וואס איך וועל פאר אייך אויסשטעלען נאכדעם וויא איך וועל בעטראכטען דאס שטיבעלע. דעם מעבעל־הענדלער דארף מען זאגען, אז וועגען געלד און פרייז וועט מען זיך ניט שטעלען —

— אהא, זיכער ניט. אבי דיא הערצאגין איז צופריעדען, קימערט אונז ניט דיא קאסטען.

— גוט, דער מעבעל־הענדלער מוז בעקומען דעם בעפעהל, דאס עס מעג קאס־טען וויפיעל עס איז, דיא מעבעל און אלע בעקוועמליכקייטען מוזען דא זיין פארנאכט אדער אין מיטען נאכט, און דאס ער מוז שיקען פיער אדער פינף פון זיינע ארבייטער, וואס זאלען דאס אלעס ברענגען אין ארדנונג נאך איידער דיא זון געהט אויף.

— אהא, מיין גוטע מאדאם, איהר האט מיך בעפרייט פון א גרויסע פערלע־גענהייט. איך וואלט גאר ניעמאלס אויף דעם געפאלען, איהר זייט מיין רעטערין. וועט איהר זיין אזוי גוט און באלד אויסשטעלען דעם צעטעל?

— געוויס.

— אבער וואס טהוט מען דערמיט וואס מיר ווייסען ניט ווער דיעזע פערזאן איז, א מאן אדער א פרוי?

— דאס איז א פראגע, אבער איך וואלט אייך ראטהען צו בעזארגען אלעס וויא פאר א דאמע. אויב דיעזע פערזאן איז א מאן, וועט ער זיך פיהלען נאך פיעל בעקוועמער.

— איהר האט רעכט, מאדאם גערארג, איהר האט אימער רעכט.

א דיענסט האט געמאלדען, אז דער פריהשטאק איז שוין פערטיג.

— מיר וועלען באלד עסען,— האט מאדאם גערארג געזאגט — נור פריהער וועל איך געהן בעטראכטען דאס הויז, וועל אויסמעסטען דיא ווענד אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דיא הויך אום דיא מעבעל און דיא טאפעטען זאלען ריכטיג פאסען פאר דאס הויז.

— איך דאנק אייך, איך דאנק אייך. איך וועל דערווייל הייסען שפאנען דיא פערד און מאכען פערטיג דעם מאן וואס זאל פאהרען נאך פאריז.

— מאדאם, — האט דיא דיענסט געזאָגט צו איהרווירטהין — דיא נייע מילך־פרוי פון סטיינס איז געקומען. איהרע זאכען איז אין א קליינעם וואגען, וועלכער איז צוגעשפאנט צו אן עזעל. דיא ארמע פרוי איז זעהר בעזאָרגט.

— ארמע פרוי! — האט מאדאם דעברואיל אין א טרויעריגען טאָן געזאָגט.

— ווער איז דיעזע פרוי? — האט מאדאם געאָרג געפרעגט.

— אן ארמע דאָרס־פרוי פון סטיינס, וועלכע האט ניט לאַנג געהאט פיער קיה און האט געמאכט ניט קיין שלעכטע געשעפטען דערמיט וואס זיא איז יעדען פריהמאָרגען געפאָהרען נאך פאריז פערקויפען איהרע מילך. איהר מאן איז געוועזען א שמיד. אין א געוויסען טאָג האט ער בעדארפט געהן נאך פאריז קויפען אביסעל אייזען און זיי האבען אפגערעדט צו טרעפען זיך ביי א ווינקעל פון א קליינער גאס, וואו זיא פלעגט פערקויפען דיא מילך. אונגליקליכער־ווייזע איז דיעזע גאס געוועזען דיא ערגסטע אין דער גרויסער פאריז; ווען דער שמיד איז געקומען צום אָרט וואו זיין פרוי האט איהם בעשטימט האט ער דערזעהן וויא א באנדע בעזאָפענע קערלען האבען זיין פרוי ארומגערינגעלט און האָבען אויסגעגאָסען איהרע מילך אין גאס. דער שמיד האט זיי געוואָלט צוריקהאלטען. זיי זיינען איהם בעפאלען און ער האט זיך פערטהיידיגט. אין געשלעג האט איינער איהם אריינגערוקט א מעסער אין זייט און ער איז געפאלען טויט אויפ'ן אָרט.

— שרעקליך! — האט מאדאם געאָרג אויסגעשריען — איז דער מערדער פערהאפטעט געוואָרען?

— ניין. אין טומעל איז ער פערשוואונדען; דיא ארמע פרוי איז זיכער, דאָס ווען זיא זאל איהם בעגעגענען וואלט זיא איהם דערקענט, ווייל זיא האט איהם איינינע מאל געזעהן אין יענער גאס מיט לומפיגע פריינדע; אבער ביז יעצט איז ער נאך ניט געכאפט געווארען, זייט דער מאן איז ערמאָרדעט געווארען האט דיא ארמע פרוי פערקויפט איהרע בהמות און אביסעל פון איהר לאַנד אום צו בעצאָהלען איהרע שולדען. מען האָט זיא מיר פאָרגעשטעלט אלס א וויכטיגע פערזאָן, וועלכע איז עהרליך אזוי וויא זיא איז אונגליקליך. זיא האט דריי קליינע קינדער, דיא עלטסטע פון זיי איז קיינע צוועלף יאהר אלט. איך האב יעצט א לעדיגען פלאץ אין מיין פארם און זיא איז יעצט געקומען צו בעטרעטען איהר שטעלע.

— איך וואונדער זיך ניט אויף אזא וואהלטהאט פון אייער זייט, מיין גוטע מאדאם דע ברואיל.

— קלארא, — האט דיא ווירטהין געזאָגט — געה און גיב אָפּ דער ארמער

פרוי איהר פּלאַץ, איך וועל גיהן זעהן וועגען דעם מאַן וואָס דאַרף פאָהרען נאָך פאַריז.

— יא, מוטער, מאַריע וועט מיט מיר אויך געהן.

— אָה געוויס, וויא אַזוי קענסט דוא איהר לאָזען אליין.

— און איך וועל דערווייל אויסשטעלען דעם צעטעל. איך קען קיין סך צייט ניט פערליערען, ווייל מיר מוזען קומען צו אונזער פאַרם ניט שפּעטער וויא פאַר פיער אוהר, — האט מאַדאַם געאָרג געזאָגט.

— אום פיער! — וואָס איילט איהר אַזוי? — האט מאַדאַם דע ברואיל גע־פרעגט.

— ווייל מאַריע דאַרף בעזוכען אונזער גייסטליכען אום פינף אוהר.

— אָה, אויב דאָס בעטרעפט דעם גוטען אַבאַ לאַפּאָרטע, וויל איך קיין ווארט ניט זאָגען. דיא צייט וואָס מען דאַרף איהם בעזוכען מוז זיין היילינג, — האט מאַ־דאַם דע ברואיל געענטפערט — איך וועל געבען דיא נויטהיגע אָרדערס. איך פער־שטעה, אַז דיעזע צוויי קינדער האבען זעהר פיעל צו שפּרעכען צווישען זיך און מיר דאַרפען זיי געבען צייט. אום דריי אוהר וועט מיין וואָגען שטעהן פערטיג פאַר אייך.

מאַדאַם געאָרג האט זיך גענומען אויסשטעלען איהר צעטעל. מאַדאַם דע ברואיל איז אוועק אין איין זייט און דיא צוויי יונגע מיידלעך זיינען אוועק מיט דער דינסט.

— וואו איז דיעזע אָרמע פרוי? — האט קלאַרע געפרעגט.

— אין הויף, מיט איהרע קינדערלעך און איהרע זאַכען.

— איהר דאַרפט זיא נור זעהן, גוטע מאַריע! — האט קלאַרע געזאָגט נעהמענ־דיג נאַכטינגאַלס אָרם — זיא איז בלאַס און זעהט אויס זעהר טרויעריג אין איהרע שוואַרצע קליידער. דאָס לעצטע מאָל ווען זיא איז געקומען זעהן מיין מוטער האט זיא מיין האַרץ צוריסען. זיא האט פערגאָסען הייסע טרעהרען ווען זיא האט גע־שפּראָכען פון איהר מאַן; אָבער איהרע טרעהרען האבען ניט לאַנג געגאָסען. זיא וואַר אויפגערעגט און ווילד, ווייל זיא האט גענומען רעדען וועגען דעם מערדער; אין יענעם מאָמענט האט זיא מיך ווירקליך ערשראָקען. אָה, וויא אונגליקליך מאַנכע לייטע זיינען! געבען דען ניט פיעל אַזעלכע אונגליקליכע, ליעבע מאַריע?

— אָה, יא. מאַנכע מענשען זיינען אונגליקליך! — האט נאַכטינגאַל געענטפערט זיפצענדיג און דענקענדיג פון פיעל שווערע טרויעריגע זאַכען — יא, יא, ליעבעס פריילין.

— וואס? — האט קלארא אויסגעשריען. איהר רופט מיך ווידער מיטן מיטעל פריילין. זייט איהר מעהר מיט מיר ניט צופריעדען, מאריע?

— איך מיט אייך ניט צופריעדען? ווארום?

— ווען ניט, ווארום רופט איהר מיך פריילין? איהר ווייסט דאך, אז מיין מוטער און מאדאם נעארג האבען עס אייך שוין אויסגערעדט. איך ווארען אייך, איהר זאָלט עס מעהר ניט טהאָן, זאָנסט וועל איך אייך געבען א נאָב, וויא מען גיט א בעזע שוועסטער!

— ענטשולדיגט מיר קלארע, מיינע געדאנקען ווארען צערשטרייעט.

— אייערע געדאנקען זיינען צערשטרייעט! — און דאך האט איהר מיך ניט געזעהן שוין מעהר וויא זיבען לאנגע טעג. אה, איהר דענקט שוין פון אן אנדער פערזאָן! דאס וואָלט געווען זעהר טרויעריג; אבער ניין, ניין, דאס קען ניט זיין. איך וויל ליעבערסט דענקען, אז איהר זייט אביסעל צו שטאָלץ און אייך שטעהט ניט אן צו זיין מיין שוועסטער. —

נאכטיגאל האט ניט געענטפערט, אבער איהר געזיכט איז אין דיעזען אויגענ־בליק געווארען וויים וויא ביי א מת. ניט ווייט פון איהר איז געשטאנען א פרוי איינ־געוויקעלט אין טרויער און דיעזע פרוי האט פלוצלונג ארויסגעלאָזען א געשריי פון שרעק און ראבעזוכט. ביי דיעזער פרוי פלעגט נאכטיגאל קויפען מילך יעדען פריהמאָרגען, ווען זיא איז געווען אין דער סיטע אלס קעסט־קינד ביי דער טאנטע פאניסע.

דיא סצענע האט געטראָפען אויפן הויף פון דער פארם אין געגענווארט פון אלע ארבייטער, מענער און פרויען, וועלכע האבען זיך אהין פערזאמעלט אום צו נעהן עסען. אונטער איין דעכעל איז געשטאנען א קליינער וואגען צו וועלכען איין עזעל איז געווען צו געשפאנט. אויפן וואגען זיינען געלעגען אלערליי בעביכעס. א קליינער אינגעל פון צוועלף יאהר מיט צוויי קלענערע ברידערליך האבען דיא מטלטלים אויסגעפאקט. דיא מילך־פרוי וועלכע האט געשיינט צו זיין פיערציג יאהר אלט איז געווען געקליידעט אין שווארצען. איהר געזיכט ואר פערברענט, גראב און ענטשלאָסען. איהרע אויגען ווארען אנגעגריפען וויא פון צופיעל וויינען. וויא זיא האט דער מאריע־בלומע דערזעהן, האט זיא ארויסגעלאָזען א שרעקליכען געשריי; אבער באלד איז זיא בעפאלען מיט א קאָנוואולסע פון אויפרעגונג און ראבע זיא איז צוגעלאָפען צו דער נאכטיגאל האט זיא געחאפט פאר'ן קארק און האט צו אלע ארבייטער אויסגעשריען:

— זעהט, אט איז א געזונקענע מיידעל וועלכע איז בעפריינדעט מיט מיין

מאַנ׳ס מערדער! איך האב זיא צוואנציג מאָל געזעהן רעדענדיג מיט׳ן באנדיט אין יענער שרעקליכער גאס. זיא פלעגט פון מיר קויפען מילך. זיא ווייס גוט וואו דער מערדער געפינט זיך, ווייל אזעלבע ניעדעריגע כאראקטערע וויא זיא איז קענען זיך מיט אלע גנבים און מערדער. אָה, פערפלוכטע, דוא וועסט שוין פון מיינע הענד ניט ארויס! זיי זיכער, אז איך וועל פון דיר מאכען א תל! — שרייענדיג האט דיא פערצווייפעלטע אלמנה אנגעכאפט דער ערשראָקענער מאריע פארביידע הענד: מאריע האט זיך געטרייסעלט און איז שיער ניט אומגעפאלען פון שרעק, ווערענד קלארע איז קוים געקומען צו זיך און האט מיט אלע קרעפטען אויסגעשריען:

— זייט איהר משוגע? אייערע ליידען האָבען אייך אראָפּגעפיהרט פון זינען! איהר האט א גרויסען טעות.

— איך האב א טעות? — האט דיא מילך־פרוי מיט א ביטערען געלעכטער געשריען — איך האב א טעות! אָה ניין, ניין! זעהט נור וויא בלאס דיעזע ניכטסוויר־דיגע דירנע איז געוואָרען. וויא איהרע צייהן קריצען. דיא גערעכטיגקייט וועט איהר מאכען צו רעדען. איך מוז זיא פיהרען צום געריכט! דוא הערסט ניעדערטרעכטיגע! דוא וועסט זיך פון מיר ניט אויסרייסען! איך האב א שטארקען קולאק, איך קען עס דיר איבערצייגען. ווען דוא ווילסט ניט געהן וועל איך דיך שלעפּען!

— פערריקטע פרוי! — האט קלארע געשטורמט — שנעעל פארט פון היער! וויא וואגסט דוא צו בעפאלען מיין פריינדין, מיין שוועסטער?

— אייער שוועסטער? אָה, ניין, פריילין, דאס איז נור א וויץ. וואָס? א שטראָסען דירנע, וועלכער איך האב גאנצע זעקס וואכען געזעהן ארומטרייבענדיג זיך דיא נעכט אין דיא גאסען זאָל זיין אייער שוועסטער? ניין, ניין, איהר זייט ניט ביי אייער זינען, ווען איהר ווילט מיך נאַררען!

ביי דיעזע ווערטער האבען דיא ארבייטער גאנץ לויט געמורמעלט געגען נאַכ־טיגאל. זיי האבען נאטירליכער־ווייזע סימפּאטהעזירט מיט דער מילך־פרוי, וועלבע איז פון זייער קלאַסע און וועלבע איז אזוי אונגליקליך. דיא דריי קינדער האבען דער־הערט זייער מוטער׳ס געשריי זיינען זיי צו איהר צוגעלאָפען, האבען זיא ארומגע־רינגעלט און האבען זיך גאנץ לויט צו־וויינט. דיעזע סצענע פון דיא קינדער האט נאך מעהר ערוועקט דעם מיטליידס געפיהל ביי דיא ארבייטער צו דער אלמנה און זייער האס געגען מאריע־בלומע. קלארע האט זיך ערשראָקען. זיא האט אנגעפאנגען צו פירכטען עס זאָל ניט ווערען א געשלעג און אין א ציטערענדען טאן האט זיא צו דיא ארבייטער געזאָגט:

— נעהמט צו דיזע פרוי איך בעט עס אייך! איך זאג אייך נאך אמאל, אז נור דיא צרות האבען זיא פערריקט געמאכט, דיא ארמע בעשעפענים וויים ניט וואס זיא רעדט.

נאכטיגאל איז געבליעבען שטעהן מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ און האט זיך מעהר ניט געקענט רייסען פון דער מילך־פרויס שטארקע הענד. איהר געזיכט איז געווארען טוידט, אלע בלוטען זיינען אין איהרע אדערן פערגליווערט געווארען. קלארע האט געמיינט, אז דאס איז פון שרעק און זיא האט צו דיא ארבייטער וייטער געשריען:

— האט איהר מיך ניט געהערט? איך פערלאנג איהר זאלט דיזע פרוי צונעהמען. זיא איז צו ווילד און מיר קענען אזא חיה דא ניט האלטען. זיא מוז פערלירען דיא שטעלע וואס מיין מוטער האט איהר פערשפראכען און זיא טאהר מעהר ניט בעטרעטען דעם באדען פון אונזער פארם!

סיין איינציגער פון דיא ארבייטער האט זיך גערירט פון ארט אום קלארעס בעפעהל דורכצופיהרען. אין געגענטהייל, דער עלטסטער פון זיי האט זיך אבגערופען:

— אבער פריילין, אויב זיא איז א גאסען־מיידעל און זיא קען דעם מערדער, וואס האט אונגליקליך געמאכט דיזע פאמיליע, דארף מען זיא פערהאפטען און ברענגען צום ריכטער.

— איך זאג אייך נאך אמאל, — האט קלארע געזאגט זיך ווענדענדיג מיט כעס צו דער מילך־פרוי — איהר זאלט מעהר ניט וואגען צו קומען אין דיזער פארם, סיידען ווען איהר וועט באלד בעטען אום פערצייאונג.

— איהר טרייבט מיך פון דאנען ארויס? איך בין צופרידען, — האט דיא אלמנה מיט ביטערע מינעס געזאגט — קומט ארמע יתומים, לאדעט דעם וואגען צוריק, מיר מוזען זוכען אן אנדער ארט וואו אונזער ברויט צו פערדיענען. גאט וועט זיך ערבארמען; אבער צו יעדער צייט וועלען מיר מיט זיך מיטשלעפען דיזע סחורה, וועלכע וועט פאר'ן ריכטער מוזען זאגען, ווער איז מיין מאנ'ס מערדער, ווייל זיא קען זיך מיט דער גאנצער באנדע. אבער איך פרעג נור אייך, — האט זיא געשריען צו קלארען — ווען איהר זייט רייך און ווייל איהר האט פריינדע צווישען אזעלכע ניעדריגע פרויען דארפט איהר בעליידיגען און פערטרייבען עהרליכע מענשען, וועלכע זיינען ארם?

— זיא האט רעכט! דיא מילך־פרוי האט רעכט! — האט איין ארבייטער געזאגט — זיא וויל נור איהרע רעכטע!

— איהר מאן איז ערמארדעט, דארף מען זיא דען אזוי גראב בעהאנדלען?

— מען קען איהר ניט פערוועהרען צו טהאן אלעס וואס אין איהר מאכט צו חאפען דעם מערדער וואָס האט געטוידט איהר מאַן.

— עס איז אן עולה מען זאָל זיא ארויסטרייבען.

— איז זיא דען שולדיג, וואס פריילין קלארע האט זיך אויסגעקליעבען א פריינדין פון דיא גאס-מיידלאך.

— אן עהרליכע מוטער מיט קינדער דארף ניט ארויסגעוואָרפען ווערען צוליעב אזא שארלאטאנקע.

דיעזע מורמלעריי האט אנגעפאנגען צו ווערען שטארקער און ווילדער דאָס קלארע האט זיך צושריען פאר פרייד ווען זיא האט דערזעהן איהר מוטער.

— נו, מיינע קינדער קלארא און מרים, זייט איהר שוין פערטיג צום פריה־שטיק? קומט מיינע קינדער עס איז שוין שפעט און איך בין זיכער, אז איהר זייט הונגעריג, האט מאדאם דעברואיל געזאגט וועהרענר זיא איז אַנגעקומען.

— מוטער! — האט קלארא געשריען — בעשיץ מיין שוועסטער געגען דיא בע־ליידיגונג און גוואלד-טהאטען פון דיעזער פרוי. איך בעט דיך שיק איהר אוועק. אָה! ווען דוא וואָלסט נור געוואוסט מיט וועלכע שמוציגע ווערטער זיא האט גע־וואגט צו בעליידיגען מיין ליעבע שוועסטער.

— וואָס איז דאס? האט זיא עס געקענט וואגען?

— יא, מוטער. זעה נור וויא מיין ארמע שוועסטער זעהט אויס? זעה, וויא זיא ציטערט! זיא קען באלד ניט שטעהן אויף איהרע פיס. אָה, עס איז א שאנדע. דאס אזא סצענע זאָל זיך אָפשפילען אין אונזער הויף. פערצייהט אונז ליעבע מאריע! איך בעט אייך פערצייהט אונז.

— אָבער וואס זאל דאס אלעס בעדייטען? — האט מאדאם דעברואיל גע־פרעגט נאכדעם וויא זיא האט געוואָרפען א בליק אויף אלע וואָס האבען זיא ארומ־נערינגעלט און האט אויך בעמערקט וויא מרים ציטערט.

— אָה, דיא מאדאם וועט גאנץ עהרליך האנדלען, זייט שוין זיכער! — האבען דיא ארבייטער צו דער מילך=פרוי געזאָגט.

— יא אזוי האף איך. דיא מאדאם וועט פון דאנען ארויסווארפען דיעזע ניעדעריגע בעשעפענים! — האט דיא מילך־פרוי געענטפערט ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף נאכטיגאל.

— איז דאס וואהר, — חאט מאדאם דעברואיל צו דער מילך־פרוי געזאָגט — איז דאס וואהר, אז איהר וואגט צו ריידען צו מיין טאָכטערס פריינדין אין אזא

גראָבען לשון? איז דאס דער אָנפאנג פון אייער דאנקבארקייט פאר מיין פריינד־שאפט? ווילט איהר דיזע פערזאָן ניט לאָזען צורוה?

— איך רעספעקטיר אייך, מאדאם, און איך בין דאנקבאר פאר אייער גוטעס הערץ; אבער איידער איהר טרייבט ארויס מיינע קינדער, בעט איך אייך פרעגט אליין דיזע דירנע; איך בין זיכער, אז זיא וועט ניט האבען דיא פרעכהייט צו לייקענען, אז איך קען זיא און אז זיא קען מיך אויך!

— גרויסער גאָט! מאריע איהר הערט וואס דיזע פרוי זאָגט? — האט מאַדאם דעברואיל פערוואונדעט געפרעגט.

— ביזט דוא אָדער דוא ביזט ניט דיא נאכטיגאל? — האט דיא מילך־פרוי דער ערשראָקענער מרים געפרעגט.

— יא! — האט דיא אונגליקליכע געענטפערט אין א ניעדעריגען טאָן ניט וואגענדיג צו קוקען אלעמען אין דיא אויגען — יא, אזוי האט מען מיך גערופען.

— יעצט זעהט! — האבען דיא אויפגערעגטע ארבייטער געשריען — יעצט זעהט, זיא אליין איז מודה! זיא איז מודה!

— זיא איז מודה! אבער וואס איז זיא מודה? — האט מאדאם דעברואיל געפרעגט און איז זעלבסט ערשראָקען געוואָרען פון מרים'ס פערלעגענהייט

— ניט איהר צייט צו ענטפערען, — האט דיא מילך־פרוי געטענה'ט — און זיא וועט מודה זיין, אז גאָר ניט לאנג האט זיא געוואוינט אין א שלעכטער, בערופענער הויז אין באהנענ־שטראסע, וואו איך פלעג איהר יעדען טאָג פערקויפען מילך; זיא וועט אויך מודה זיין, אז איך האָב זיא געזעהן ריידענדיג מיט מיין מאנס מערדער. אָה, זיא קען איהם גוט, איך בין זיכער! ער איז א בְלאסער יונגער מאן, וועלכער הערט ניט אויף צו רויכען און טראגט גאנץ לאנגע האאר, זיא וויים זיין נאָמען. איז דאס אמת? ענטפער מיר, חצופה?

— איך האב אפשר גערעדט מיט אייער מאַנ'ס מערדער. צום אונגליק זיינען אין דער סיטע זעהר פיעל מערדער; אבער איך וויים ניט וועגען וועמען איהר רעדט.

— וואס? וואָס האט זיא געזאגט? — האט מאדאם דעברואיל מיט שרעק געשריען — וואָס, זיא האט געשפראָכען מיט מערדער!

— בעשעפעניסען וויא זיא איז, האבען קיינע אנדערע בעקאנטע, האט דיא מילך־פרוי געענפערט.

דיא איבעררראשונג פון דער מילך־פרוי'ס בילבול און נאכטיגאלס ערקלעהרונג האט געמאכט א מערקווירדיגע ווירקונג אויף מאדאם דעברואיל. זיא האט גלייך

פעריזטאַנען וועגען וואס דא האנדעלט זיך און זיא איז באלד אַנגעפילט געוואָרען מיט פעראַכטונג און מיט כעס, און ווען קלאַרע האט געוואָלט נעהמען נאַכטיגאַל'ס האַנד, האט זיא זיך צו איהר געווענדעט און האט אויסגעשריען:

— אָה, עס איז שרעקליך! קלאַרא זיי פאָרזיכטיג, געה ניט צו נאָהענט צו דער שענדליכער בעשעפעניס! וויא אַזוי האט מאַדאַם געאָרג זיא אריינגעלאָזען אין איהר הויז? וויא אַזוי האט זיא געוואָגט מיך בעקאַנט צו מאַכען מיט אַזא חצופה און וויא האט זיא געקענט דולדען, מיין טאָכטער זאל זיך מיט איהר בעפריינדען? דאס איז שענדליך! איך קען קוים גלויבען מיין אייגענעם פערשטאַנד! אָבער ניין, ניין! מאַדאַם געאָרג איז אונפעהיג צו אַזא מיאוסע טהאַט, זיא איז בעטראָגען גלייך וויא מיר. אויב דאס איז ניט אַזוי, מוז איך זיא אויך בעטראַכטען פאַר דער גע־פעהרליכסטער און ערגסטער אין דער וועלט.

קלאַרע איז צוטומעלט געוואָרען. איהר האט געשיינט, אַז דאס אַלעס איז אַ שרעקליכער חלום. זיא האט זעהר וועניג געוואוסט פון וועלטליכע זאַכען, זיא האט גאָר ניט פערשטאַנען דיא וויכטיגקייט פון דיא קלאַגען, וואס זיינען געמאַכט געוואָרען געגען איהר פריינדין. איהר הארץ האט וועה געטהאַן און איהרע אויגען וואַרען פאַל מיט טרערען, וועהרענד זיא האט געזעהן וויא נאַכטיגאַל שטעהט שטיל און ערשלאָגען, וויא אַ פערברעכער געגען זיין ריכטער.

— קום, קום מיין קינד, — האט מאַדאַם דעברואיל געזאָגט צו איהר טאָכטער און ווענדענדיג זיך צו נאַכטיגאַל האט זיא אויסגעשריען:

— און דוא אונווירדיגע, דוא וועסט נאָך בעשטראָפט ווערען פאַר דיין היפאָ־קריטיזם. אַזא חוצפה צו האבען, צו ערלויבען מיין עהרליכע, אונשולדיגע טאָכטער זאל דיך רופען פריינדין, שוועסטער! דוא דיא שמוציגסטע פון אַלע פאַריזער חצופות ביזט איהר פריינד! אָה, וואָס פאַר אַ שאַנדע פאַר אונז און וואָס פאַר אַ חוצפה פון דיר! וויא קומסט דוא איבערהויפט אונטער עהרליכע מענשען? דיין ארט דאַרף זיין אונטער אַרעסטאַנטען!

— יאַ, יאַ! — האבען דיא אַרבייטער אויסגעשריען — זיא דאַרף אַרעסטירט ווערען! זיא קען דעם מערדער!

— עס איז אויך מעגליך, אַז זיא איז זיין שותף!

— יעצט זעהסט דוא! — האָט די אויפגערעגטע געשריען מאַכענדיג מיט־קולאַק צו נאַכטיגאַל — האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז עס גיבט נאָך גערעכטיגקייט אויף אונזער וועלט?

— אייך, מיין גוטע פרוי, — האט מאדאם דעברואיל געזאגט — אייך וועל איך יעצט גוט בעלאָהנען דערפאר וואָס איהר האט מיין טאָכטער געראַטעוועט פון דער פריינדשאפט מיט אזא בעשעפעניס.

— הורראַ! אונזער ווירטהין איז געראטעוועט! האבען דיא ארבייטער מיט אפּלאָ־דיסמענטען געשריען.

— קום קלארא, — האט דיא מוטער געזאָגט — מאדאם געאָרג מוז ערקלעה־רען וואס זיא האט געמיינט אדער איך וועל זיא מעהר אין מיין גאנצען לעבען ניט וועלען זעהן. אויב זיא איז אויך ניט בעטראָגען געוואָרען, וויא מיר, איז זיא געגען אונז בעגאנגען דעם שווערסטען פערברעכען.

— אָבער מוטער, זעה דיא טרויעריגע לאגע פון דער אונגליקליכער מאריע!

— זאָל זיא שטארבען פון שאנדע, פערבאכטע זיא. פאר דער גאנצער וועלט, וועל איך ניט ערלויבען דוא זאלסט נאך א וויילע זיין נעבען איהר. זיא איז איינע פון יענע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען מטמא אן עהרליכעס מעדכען וואָס שטעהט אין איהרע פיער איילען.

— אבער מוטער, אום גאָטעס ווילען, איך פערשטעה ניט וואס דאס אלעס בעדייטעט. מאריע קען זיין שולדיג אין עפּעס, ווייל אזוי זאגסט דוא; אבער זעה נור זעה, זיא וועט באלד פאלען אין אונמאכט, רחמנות דארף מען דאך אויף איהר האבען! —

— אָה, פריילין קלארא, וויא פריינדליך איהר זייט! איך האָף אז איהר וועט מיר פערצייען. גלויבט מיר, אז געגען מיין איינענעם ווילען האָב איך אייך בעטראָ־גען. זעהר אָפט האב איך זיך אליין פאָרוואורפע געמאכט! — האט דיא אונגליקליכע מאריע-בלומע מיט טרעהרען און דאנקבארקייט געזאָגט.

— אבער מוטער, האסט דוא גאָר קיין רחמנות! — האָט קלארא פערצווייפעלט געשריען.

— אויף איהר רחמנות? קום נור אוועק. ווען איך וואָלט ניט געראטעוועט, אז עס איז דיא פפליכט פון מאדאם געאָרג זיא זאל דיעזען שמוץ צוגעהמען פון אונזער הויז וואלט איך זיא פון דאנען פעריאָגט, וויא מען פעריאגט א פעסט.

מאדאם דעברואיל האט מיט געוואלד גענומען שלעפּען איהר טאָכטער פון דעם ארט. קלארא האט אבער אומגעווענדעט איהר קאָפּ און האט געזאגט:

— מאריע, מיין שוועסטער, איך ווייס ניט מיט וואס זיי בעשולדיגען דיך; אבער איך בין זיכער, אז דוא ביזט אונשולדיג און וועל דיך אימער ליעבען.

— שטיל. מיין קינד, שטיל! — האט מאדאם דע ברואיל געזאָגט ארויפלעגענ־

ריג איהר האנד אויף. קלארא'ס מויל — צו מיין גליק קען יעדע איינער פון דאנען זיין און עדות, דאס גלייך וויא מיר האבען ערפאהרען ווער זיא איז, ביזט דוא מיט איהר קיין סעקונדע ניט געבליבען אויפ'ן ארט. איהר קענט אלע זיין עדות, מיינע פריינדע!

מאדאם דע ברואיל האט איהר טאכטער צוגענומען. נאכטיגאל איז געבליבען ארומגערינגעלט פון א ווילדע אויפגערעגטע געזינדעל, און האט מעהר ניט געהאט קיינעם, וואס זאל פאר איהר זאגען א גוטען ווארט. אבוואהל מאדאם דע ברואיל האט זיא שטארק בעליידיגט און פערדאמט אין דער געגענווארט פון איהר טאכטער דאך האט מאריע אלץ ניט פערשטאנען דיא אויפגערעגטע ארבייטער; אבער קוים איז זיא דא געבליבען איינע אליין און דיא ארבייטער האבען ארום איהר געהוזשעט און געברומט און געשריען האט זיא באלד איינגעזעהן איהר לאגע. איהרע קרעפטען זיינען באלד ערשעפט געווארען. זיא האט לענגער ניט געקענט שטעהן אויף איהרע פיס און זיא האט זיך געמוזט אנשפארען אויפ'ן ברונען וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון איהר.

קיין זאך אין דער וועלט קען זיין אזוי ריהרענד וויא דאס אויסזעהן פון דער אונגליקליכער, וועלכע איז געשטאנען אנגעלעהענט ביין ברונען, און קיין זאך קען ניט אזוי פיעל בעליידיגען און שרעקען וויא דער גראבער לשון פון דיא וואס האבען זיא ארומגערינגעלט.

איינינגע שריט פון דער אונגליקליכער מאריע איז געשטאנען דיא מילך פרוי פאל מיט טריאומף און ראכע געפיהל און האט געשילדערט פאר דיא ארבייטער און פאר איהרע קינדער דיא סצענע פון יענעם מארד. דיא ארבייטער זיינען הינגעריסען געווארען פון איהר שילדערונג און זיי ווארען פאל מיט ראכע און אלערליי ברוטאלע געפיהלען. דיא פרויען פון דער פארם האבען ניט אויפגעהערט צו קאכען. דיא שעהנקייט פון מאריעס בלאסע געזיכט האט זיי נאך מעהר געערגערט. קיינער פון זיי האט דיעזער אונגליקליכער ניט געקענט מוחל זיין, ווארום זייער ווירטהינס טאכטער האט זיא געהאלטען פאר א פריינדין. מאנכע ארבייטער האבען געהאט א שנאה געגען דיא לייטע פון דער מאדעל פארם, ווייל זיי האבען דארט ניט געקענט קריגען קיין ארבייט און זיי האבען דיעזע געלעגענהייט געוואלט אויסניצען פיר זייער ראכע געגען מאדאם געארג.

— מיר מוזען זיא שלעפען צום ריכטער! — האט איינער געשריען.

— יא, יא, מיר דארפען זיא בינדען מיט שטריק!

— אזא חצופה האט געוואגט צו טראגען דיא קליידער פון אונשולדיגע דארפס-מיידלעך! — האט איינע פון דיא קאכענדיגע פארם-דיענסטען געלארמט.

— אָ, זיא האָט נאָך געהאַט דיא פרעכהייט צו בעזוכען אונזער קירכע.

— און וואָלט איהר זעהן איהר שטאָלץ. איהר איז גאָר ניט אָנגעשטאַנען צו פערקעהרען מיט אונז, גלייך וויא פראָסטע מענשען זיינען ניט שעהנער פאר פאַריזער מערדער.

— זיי זיך גלייך מודה און זאג שוין ווער האט מיין מאן ערמאָרדעט! — האט דיא מילך־פרוי געשריען און געמאכט מיט דיא הענד געגען מאריעס געזיכט — איהר זייט אלע פון איין באנדע. איך בין זאָגאר ניט זיכער, אז דוא ביזט ניט געשטאַנען דערביי ווען מען האט מיך געמאכט פאר אן אַלמנה. זיי זיך מודה, יעצט קען דיר קיין זאך ניט העלפען, דוא ביזט אין מיינע הענד. וויז אונז נור דיין פּנים'ל מיט וועלכען דוא האסט דיין ברויט פערדיענט....

דיא מילך־פרוי האט מיט גוואַלד אפגעריסען מאריעס הענד, מיט וועלכע דיא אונגליקליכע האט פערדעקט איהר געזיכט.

נאכטיגאַל האט געשווידערט. זיא האט פערבראָכען איהרע הענד און האט מים טרעהרען געזאָגט:

— אונגליקליכע, פערצווייפעלטע מאדאם. איך שווער אייך, אז זייט דיא לעצטע צוויי מאָנאט וואוין איך אין פארם, דארום איז גאָר אונמעגליך איך זאל עטוואָס וויסען פון דעם אונגליק וואס האט אייך געטראָפען.

— אזעלכע תרוצים זאלען דיר ניט העלפען! נעהמט איהר צום ריכטער. זאל זיא עס איהם זאָגען, ניט אונז! — האבען דיא שטורמדיגע ארבייטער אין איין כאָר געשריען.

דיא אויפגערעגטע האבען נאך פעסטער ארומגערינגעלט דער אונגליקליכער, וועלכע האט ארויפגעלייגט דיא הענד אויפ'ן הארצען און האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען וויא איינע וואָס זוכט הילפע.

— אה! — האט דיא מילך־פרוי געשריען — דוא קוקסט זיך אומזיסט ארום. קלאַרא איז דא ניטאָ און פון אונזערע האנד וועסט דוא זיך ניט רעטען.

— מאדאם, איך וויל פון אייך ניט אנטלויפען. איך וועל ענטפערען אלע פראגען, וואס מען וועט מיר שטעלען אויב דאָס קען אייך נוצען. אבער וואס האב איך דיעזע לייטע געטהאן? ווארום רינגלען זיי מיך ארום און ווארום ווילען זיי מיך אטאקירען?

— יא, דוא האסט געגען אונז פערבראָכען. דוא האסט געהאט דיא חוצפה בעפריינדעט צו ווערען מיט אונזער ווירטהין און מיט איהר טאָכטער! מיר זיינען טויזענד מאל עהרליכער פון דיר און דאָך האבען מיר ניט דיעזע עהרע.

— ווארום האסט דוא געוואלט מען זאל צוליעב דיר א־ויסטרייבען דער ארמער אלמנה און איהרע דריי קינדער? — האט איינער געפרעגט.

— ניט איך, ניט איך, פריילין קלארע האט נור געוואונשען —

— דוא זאגסט ליעגען! — האט איינער אונטערבראכען — דוא האסט פאר איהר קיין גוטווארט ניט געזאגט. דוא האסט געטאנצט פאר פריידע, דוא האסט געקוואלען ווען מען האט איהר מיט איהרע קינדער ענטזאגט פון דער שטעלע!

— אן ארמע אלמנה מיט דריי קליינע קינדער!

עס איז זעהר געוועהנליך, ביי אן אלגעמיינעם אויפשטאנד, דאס דיא נידעריגע קלאסע ווערט איינגעשיכור'ט פון זייערע אייגענע רייד, און זיי ווערען היציגער און געפעהרליכער ביי יעדען ווארט וואס זיי לאזען ארויס.

דיא ארבייטער און דיא אלמנה האבען זיך אלץ נעהענטער געדרענגט צו דער אונגליקליכער. נאכטיגאל האט אנגעפאנגען צו פערשטעהן, אז זיי ווילען זיא אריינשטופען אין ברונען. אויס שרעק פאר'ן טויט האט זיא אויסגעשטעלט איהרע הענד און האט אויסגעשריען:

— אין גאטעס נאמען, וואס ווילט איהר מיט מיר טהאן? איך בעט אייך, האט מיטלייד!

דיא מילך־פרוי איז ערשט דאמאלס גוט צוקאכט געווארען און איז בעפאלען מיט קולאקעס איבער דער אונגליקליכער. דיא פערצווייפעלטע און אויפגעקאכטע האט אונערבארימליך גענומען שלאגען דער שוואכער און צארטער מרים, וועלכע איז צוריקגעפאלען צום ברונען און האט גענומען שרייען:

— איך בעשווער אייך מאדאם, הערט מיך אויף צו שלאגען, זאנסט פאל איך אריין אין ברונען.

דיעזע ווערטער פון דער אונגליקליכער האט ערוועקט א שרעקליכע אידעע ביי דיעזע גראבע מענשען. איינער פון דיא ארבייטער האט באלד אויסגעשריען:

— קאמעראדען, קומט, מיר וועלען זיא טובל זיין!

— גערעכט, ווארפט זיא אין וואסער! זיא איז א מכשפה! — האבען אייניגע שטימען געענטפערט.

— דאס איז דער בעסטער מיטעל אבצו־וואשען אביסעל פלעקען פון איהר נשמה! א ביסעל וואסער וועט זיא ניט טויטען! — האט נאך איינער געזאגט.

— נעהמט זיא צום טייבעל. דארט איז דער אייז אויפגעהאקט.

— א חכם! דיא גאסען־מיידלעך דארפען פון אונז האבען אן אנדענקען.

דיא באנדע האט זיא אנגענומען פאר דיא הענד. נאכטיגאל האט געוואר־

פען א בליק אויף זייערע געזיכטער. זיא האט געזעהן וויא יעדערער ברענט מיט רציחה, וויא יעדערער איז דורסטיג נאך בלוט, וויא יעדערער בעטראכט זיא פאר א בעשעפענעס, וואס האט קיין רעכט צו לעבען. זיא האט באלד אויפגעגעבען יעדע האפנונג. זיא האט בלויז איין מאל א שוידער געטהאן פאר'ן טויט; אבער באלד האט זיא זיך שוין ניט געקימערט. איהר צוקונפט האט פאר איהר געשיינט אזוי שרעקליך, אזוי פינסטער דאס זיא איז צופריעדען געוועןן פריי צו ווערען פון דיזער שרעקליכער וועלט.

זיא האט מעהר קיין ווארט געזאגט. זיא האט נור פערגלאצט דיא אויגען צום הימעל און האט ערוואַרטעט דעם לעצטען אויגענבליק. דיא ארבייטער האבען ניט געוואלט אדער ניט געקענט דאס בעמערקען. צוויי פרויען האבען זיא אנגענומען פאר דיא האאר און האבען געשפינגען אין איהר געזיכט. נור איידער זיי האבען צייט גע־האט צו מאכען א שריט פון פלאץ האט א ריהרענדע און מעכטיגע שטימע פער־הילכט איבער דעם פארם.

— האלט! טרעט צוריק! — האט געקלונגען איבער דעם געגענד און אין איי־ניגע סעקונדען איז מאדאם געארג צוגעלאפען צו דיא ארבייטער, האט מיט אן אונ־געוועהנליכע קראפט דורכגעשפארט איהר וועג און פאלענדיג אויף דער פערטראב־טער מרים האט זיא אויסגעשריען:

— פארט מערדער! לאזט מיר מיין קינד, מיין געליעבטע און טהייערע טאכטער!

מאדאם געארג'ס טהאט איז געקומען אזוי פלוצלינג און מיט אזא קוראזש, דאס דיא ארבייטער זיינען געבליבען שטעהן וויא פערשטיינערטע. מאדאם געארג האט נעפלאקערט פון אויפרעגונג; און ווארפענדיג א בייזען בליק צו דיא ארבייטער האט זיא געשריען:

— לומפען! וויא האט איהר געוואגט צו בעפאלען און מארדען מיין אונגליק־ליכע טאכטער!

— זיא איז א—

— זיא איז מיין טאכטער! — האט מאדאם געארג אונטערבראכען דעם מאן וואס האט עטוואס געוואלט זאגען — אבבא לא פארטע, וועמען איהר אלע רעספעקט־טירט און פערגעטערט, ליעבט און בעשיצט דיזעם מעדכען. דיא וואס ער שעצט, דארפט איהר געוויס רעספעקטירען!

דיזע איינפאכע ווערטער האבען אין גאנצען אבגעקיהלט דעם לארם. דער אלטער פריסטער איז ביי זיי געווען א הייליגער מאן. איינעגע פון דיא ארבייטער

האָבען אויך געוואוסט, אז דער גייסטליכער איז זעהר פריינדליך צו דאָס מעדכען. דאָך האבען נאָך איינינע גאנץ שטיל געמורמעלט. מאדאָם געארג האט פערשטאַנען וואס דאָס בעדייטעט און זיא האט געזאגט:

— זאָגאַר ווען דיעזע אונגליקליכע וואלט געווען דיא נידריגסטע פון דיא נידריגע און דיא גאַנצע וועלט וואלט זיא פעראכטעט, וואלט אייער טהאַט אויך אלעמען געבראַכט פאר'ן געריכט. ווארום ווילט איהר זיא בעשטראָפען? מיט וועלכען רעכט זייט איהר געוואָרען איהרע ריכטער? קענט איהר זיך רופען מענער, ווען איהר ווילט ווייזען אייער קראַפט געגען א שוואכע, ערשראָקענע פרויענצימער? קום מאריע, קום צוריק אהיים. דאָרט קען מען דיך בעסער און דאָרט שעצט מען דיך נאָך דיין ווערטה.

מאדאם געאָרג האט גענומען מרים'ס ארם. דיא ארבייטער האבען גענומען פיהלען זייער פערברעכען און זייער אונגעלומפערטע טהאט. יעדער האט געמאכט א וועג פאר זיי. נור דיא אלמנה איז גאנץ ענטשלאָסען צוגעגאנגען צו מאדאם געאָרג און האט געזאָגט:

— מיך קימערט ניט וואָס איהר זאָגט! דאָס מיידעל ועט פון דאנען ניט געהן ביז זיא וועט פאר'ן ריכטער זאָגען אלעס וואָס זיא ווייס וועגען מיין מאַנ'ס מערדער.

— מיין גוטע פריינדין, — האט מאדאם געאָרג גאנץ געלאסען געזאָגט — מיין טאָכטער האט דאָ קיינע עדות צו זאָגען. אויב דיא ריכטער ווען איהרע עדות פערלאנגען, זאָלען זיי זיא לאַדען און איך וועל זיא צו איהם ברענגען. אָהן דעם ריכטער האט קיינער ניט דאס רעכט צו שטעלען איהר פראגען.

— אבער מאדאם, איך זאג אייך —

מאדאם געארג האט דער מילך=פרוי ניט געלאָזט ענדיגען מיט פאָלגענדע ווערטער:

— אייער אונגליק קען נאָך ניט ענטשולדיגען אייערע מעשים. עס וועט נאָך קומען א טאָג ווען איהר וועט גאנץ ביטער חרטה האבען אויף דעם סקאנדאל וואס איהר האט געמאכט. פריילין מאריע וואוינט מיט מיר אין דער מאָדעל-פארם. גיט דיא אדרעסע דעם ריכטער, ווען איהר וועט איינרייכען אייער קלאגע. מיר וועלען ערווארטען זיין בעפעהל.

דיא אלמנה האָט זיך צוריקגעצויגען, זיא האט אבער ארומגענומען איהרע קינדער און האט זיך צו־וויינט.

מאדאם געאָרג און מאריע זיינען געקומען צום אָרט וואו דער וואָגען אין

וועלכען זיי זיינען געקומען האט אויף זיי געווארט.ביידע האָבען זיך ארייגנעזעצט און האבען דעם קוטשער געהייסען פאָהרען אהיים.

אלס זיי זיינען פאָראיבערגעפאהרען דיא פענסטער פון קלאַראַ'ס צימער האט נאכטיגאל געזעהן וויא קלארע שטעהט ביי'ן פענסטער, וויינט מיט ביטערע טרעהרען און שאָקעלט איהר טאַשענטיכעל, ווינשענדיג איהר אן אדיע.

ווען מאדאם געאָרג און מאריע זיינען אנגעקומען צו זיך אין הויז, האט מאריע זיך שטארק צרוויינט און האט געזאָגט:

— אָה, מאדאם געאָרג! וואָס פאר א שאנדע דאס איז פאר מיר און וואס פאר א טרויער דאָס איז פאָר אייך! איהר זייט יעצט אויף אייביג אין פיינדשאפט מיט מאדאם דע ברואיל און אלץ צוליעב מיר! אָה, גאָט האט מיך געשטראָפט ווארום איך האב זיי בעטראָגען. איך בין דיא אורזאכע פון א קריג צווישען אייך און אייער פריינדין!

— מיין פריינדין איז זעהר א גוטע פרוי, ליעבעס קינד, ליידער האט זיא א שוואכען קאָפּ: אבער דערפאר האט זיא א גוטעס הערץ. איך בין זיכער אז מאָרגען וועט איהר לייד טהאן אויף איהר היינטיגע אויפפיהרונג.

— מיינט ניט גוטע מאדאם, אז איך וויל הלילה אייך בעשולדיגען; אבער עס קען זיין, אז אייער גוטסקייט צו מיר האט אייך פערבלענדעט. געהט אליין אריין אין מאדאם דעברואילס לאגע ·וועהרענד זיא האט ערפאהרען, אז איהר טאכטערס פריינדין איז געוועז.... וואס איך בין געוועז.... קענט איהר זיא בעשולדיגען פאר איהר מוטערליכע אויפרעגונג?

מאדאם געאָרג האט ניט געפונען וואס צו ענטפערען און נאכטיגאל האט וויטער גערעדט:

— דיעזע שענדליכע סצענע וועט באלד בעוואוסט ווערען און בעשפּראָכען ווערען אין גאנצען לאנד. איך קימער זיך ניט וועגען מיין רעפּוטאציאָן, אָבער איך האב מורא, אז דיא גוטע רעפּוטאציע פון פריילין קלארא וועט בעפלעקט ווערען דערפאר וואָס זיא האָט מיך געהאלטען פאר איהר פריינדין, איהר שוועסטער. איך האב בעדארפט פאלגען מיין ערשטען געדאנק און האב זיך בעדארפט צוריקרייסען פון דיא געפיהלען, וועלכע האבען מיך אזוי שטארק געצויגען צו פריילין קלארא דע ברואיל. איך האב מיך ניט בעדארפט קימערען טאמער וועט זיא מיך האסען, איך האב זיך בעדארפט ענטזאגען פון דער פריינדשאפט, וואס זיא האט מיר אנגעבאָטען. אבער ליידער האב איך פערגעסען דעם גרויסען ים וואָס זונדערט מיך אָפּ פון איהר, און פאר דיעזע זינד בין אין יעצט בעשטראָפט געוואָרען. אָה, וויא ביטער

איך בין בעשטראָפט! אבער האב איך עס דען ניט פערדיענט? האב איך ניט פערדארבען דעם גוטען נאמען פון אן אונשולדיגעס קינד?

— מיין קינד, — האט מאדאם געאָרג געזאָגט נאכדעם וויא זיא האט זיך א ווײלע בעטראכט — דוא ביזט אונגערעכט, ווען דוא מאכסט זיך אזעלכע פאָרווירפע. אמת, דיין פערגאנגענהייט וואר פאָל מיט זינד — — יא, זעהר זינדיג; אבער האסט דוא ניט תשובה געטהאן און האט דיין תשובה ניט פערדיענט דיא פּראָטעקציאָן פון אונזער גוטען אלטען אבאַ לאַפּאָרטע? איך און אונזער גוטער גייסטליכער האבען דיך פאָרגעשטעלט פאר פרייליין דעברואיל, וואָס איז דיין שולד דארין? האבען ניט דיינע גוטע מעלות געוואונען איהר פריינדשאַפט פאר דיר? האט זיא דיך ניט גע־בעטען דוא זאלסט זיא רופען שוועסטער? דאַן האב איך דען געקענט ענטדעקען פאר יעדען דיא פערגאנגענהייט פון וועלכער דוא האסט זיך קוים געראטעט און האסט מיט'ן גאנצען הארצען תשובה געטהאָן און דאדורך זאָל איך פערצאַמען פאר דיר דעם וועג צו עהרליכקייט, אנשטענדיגקייט און גוטע געזעלשאַפט און זאָל דיך צוריק־שליידערען צו דער געזעלשאפט פון יענע אונגליקליכע געזונקענע, וועלכע זיינען פיעל־לייכט אויך אונשולדיג אין זייער פערברעכען, נור זיי האבען קיין וועג, וויא פון דארט זיך צו רעטען? דיא ענטדעקונג וואָס יענע אלמנה האט געמאכט איז א גרויסער אונגליק; אבער האב איך דען געקענט ערלויבען דוא זאָלסט רואנירט ווערען?

— אָה מאדאם, דאָס בעווייזט מיר, אז איך מוז אימער געהן אונטער א פּאָל־שער מאסקע און דאָס מאכט מיך נאָך מעהר אונגליקליך. איהר האט אויס ליעבע צו מיר געפונען פאר נויטהיג צו בעהאלטען מיין פערגאנגענהייט; אבער קלארא'ס מוטער איז בערעכטיגט צו פעראכטען מיין לעבען. זיא וועט מיך פעראכטען און דיא גאנצע וועלט וועט מיך פעראכטען. דיא סצענע אין ארנאוויל וועט באלד בע־קאַנט ווערען אין דער גאנצער געגענד. אלע וועלען עס וויסען. אָה, איך וועל שטארבען פון שאנדע! איך וועל שוין ניעמאלס קענען קוקען א מענשען גלייך אין דיא אויגען.

— אָה ניין, ליעבע מאריע. אין מיינע אויגען ביזט דוא א הייליגע! — האט מאדאם געאָרג מיט טרעהרען געזאגט — איך וועל אייביג צו דיר פיהלען דיא ליעבע און דיא אכטונג פון א מוטער צו איהר קינד. קוראזש מאריע! טרייסט זיך דער־מיט וואָס דוא האסט תשובה געטהאן; דוא ביזט דאָ ארומגערינגעלט מיט פריינדע. זאל דיעזעס הויז זיין דיין וועלט. מיר וועלען פערהיטען דיין עהרע. אונזער גוטער אבאַ לאַפּאָרטע, וועט צוזאמענרופען אלע ארומיגע פארמערס און ארבייטער און ער וועט צו זיי וועגען דיר שפּרעכען. גלויב מיר, מיין קינד, אז זיינע ווערטער וועלען

אלע אכטען און וואָס ער וועט זיי דערצעהלען וועט נאָך שטארקער מאכען זייער ליעבע צו דיר.

— איך גלויב עס מאדאם. אין אונזער געסטעריגע׳ געשפרעד האט דער גוּר־טער גייסטליכער מיר געזאָגט, אז איך וועל נאָך דארפען מאכען א ביטערע ערקלעה־רונג; ער האט מיר אויך געזאָגט, אז אלע מיינע ליידען וועלען מיר א מאל בייי־שטעהן —

— יא, מיין קינד, דוא זאלסט באלד צו איהם געהן. זיין עצה וועט דיר זיין א טרייסט. עס איז שוין האלב נאָך פיער. מאך זיך בעסער פערטיג צו בעזוכען דעם אלטען פריינד. איך וועל שרייבען צו מאָנסיו רודאָלף און וועל איהם אלעם דער־צעהלען וואָס מיט דיר האט דיעזען טאָג פאסירט. דעם בריעף וועל איך שיקען דורך פאסט, און דאן וועל איך קומען צום גייסטליכען, ווייל עס איז זעהר וויכטיג, דאס מיר דריי זאלען האבען צוזאמען א געשפרעך.

באלד נאָך דיעזען געשפרעך איז נאַכטיגאל אוועק איבער דעם וועג צום קירכע, ניט וויט פון דעם גראָבען וואו לילית, דער לעהרער און האָפי האבען בעשטימט פאר זייער צוזאמענקונפט.

35טעס קאַפּיטעל.

געפאַלען אין נעץ.

דיא זאָנע איז געזונקען אונטער דיא בערג, דער וועג איז געווען איינזאם און שטיל. נאַכטיגאל איז געקומען נאהענט צום פּלאַץ וואו דיא דריי מערדער האבען געסטערען אויף איהר געווארט. א קליינער הינקעדיגער אינגעל, וועלכער איז ארויס פון גראָבען מיט א וויינענדער שטימע האט זיא אויפגעוועקט פון איהרע געדאנקען דער אינגעל האט אויסגעזעהן זעהר פערצווייפעלט. וויא ער האט זיא דערזעהן איז ער צו איהר צוגעלאָפען.

— אָה, מיין פריינדליכע, גוטע פריילין, איך בעט אייך האט אויף מיר רחמנות! — האט דער אינגעל געשריען און געבראָכען דיא הענד.

— וואָס ווינשט דוא? וואס האט דיך געטראָפען, מיין קינד? — האט נאַכטי־גאל געפרעגט פאָל מיט מיטלייד.

— אָה, מיין וואָהלטהעטערין! מיין ארמע גראָס־מוטער, וועלכע איז זעהר, זעהר אלט איז ארייגעפאלען אין גראָבען. זיא האט זיך זעהר שטארק צו שלאָגען; איך האָב מורא, אז זיא האט צובראָכען איהרע פיס. איך בין צושוואך זיא אויפצו־הויבען. גוטער גאָט, איך קען קיין זאך ניט טהאן, אויסער ווען איהר העלפט מיר! מיין ארמע גראָסמוטער קען דארט שטארבען!

נאכטיגאל איז גערירט געוואָרען פון דעם קינד'ס טרעהרען. זיא האט איהם באלד געענטפערט:

— מיין גוטעס קינד איך בין ניט זעהר שטארק; אָבער מעגליך, אז איך וועל דיר קענען העלפען אויפצוהויבען דיין גראָס-מוטער. שנעל פיהר מיך צו איהר. איך וואוין ניט ווייט פון דער פארם; אויב דיין גראָס-מוטער וועט ניט קענען געהן, וועל איך זיך אומקעהרען אהיים און וועל ברענגען א פוהר.

— אָה, גוטהערציגעס פריילין, גאָט וועט אייך דערפאר בענשען. זיא ליעגט ניט ווייט פון דאנען. זיא איז נעבעך זעהר שטארק געפאלען.

— וויא מיר שיינט וואוינט איהר ניט אין דיעזען געגענד, — האט זיא געזאגט צום קליינעם האָפּי וועהרענד זיא איז איהם נאָכגעגאנגען.

— ניין, מיין גוטער ענגעל. מיר קומען פון ווייט.

— און וואוהין געהט איר?

— מיר געהן צו א גוטע; גייסטליכען וואָס וואוינט ניט ווייט פון דאנען! — האט קולאק'ס תכשיט געענטפערט אום צו פערגרעסערען נאכטיגאלס סימפּאטיע.

— געהט איהר צו אבאָ לאפּאָרטע?

— יא, צו אבאָ לאפּאָרטע. מיין ארימע גראָסמוטער קען איהם זעהר גוט.

— וואס פאר א מערקווירדיגער צופאל. איך געה אויך יעצט צו איהם, — האט נאכטיגאל געענטפערט אריינגעהענדיג אלץ טיעפער און טיעפּער אין גראָבען.

— גראָסמוטער איך געה, איך קום, איך פיהר אן ענגעל וואָס וועט דיר העלפען! — האט האָפּי גיעשריען אום פאָרצובערייטען דעם לעהרער און דער לילית צו דער טייפעלשער ארבייט.

— דיין גראָסמוטער ליעגט ניט ווייט פון היער?

האָפּי האט זיך פּלוצלינג אפּגעשטעלט. דיא שריט פון א פערד, וועלכער האט גאלאָפּירט האט געקלונגען איבער דעם שטילען וועג.

— אלעס איז וויעדער פערלאָרען! — האט ער צו זיך געמורמעלט.

אין איינעגע סעקונדען שפּעטער זיינען צוויי פערד מיט צוויי רייטער ערשיענען אויפ'ן פּלאַץ. אויף איין מערקווירדיגען שעהנעם פערד, האָט געריטען א יונגער קאַוואַלער, וועלכער וואר פערקליידעט נאָך דעם לעצטען פאַסאָן, וואָס דיא פּאַריזער האבען אנגענומען צום רייטען. ביי זיין לינקער האנד האָט געריטען זיין דיענער אויך אויף א טהייערען און געשיקטען פערד. דער דיענער וואר געקליידעט אין א סאַמעטענעם מאנטעל מיט זילבערנע קנעפּ, אין רויטע לאנגע שטיוועל און אין א

נאָלדענעם גארטעל. האָפּי האט באלד דערקענט דעם גראף דע סאַנט-רעמי, דער בעוואוסטער ליעבהאבער פון דער הערצאָגין פון לוסעני.

— מיין שעהנעם פריילין, — האט דער גראף געזאָגט צו דער נאַכטיגאל, וועלכע האט איהם איבערראשט מיט איהר שעהנקייט — ווילט איהר זיין אזוי פריינדליך און זאָגען מיר דעם וועג צו ארנאוויל?

מאריע האט אראָפּגעלאָזען איהרע אויגען אונטער דעם איינדרוק פון דיא גלייכע און בעוואונדערענדע בליקען, וואס דער יונגער רייטער האָט צו איהר גערי‌כטעט און האט געענטפערט:

— וויא איהר וועט ארויספאהרען פון דעם טהאל וועט איהר געפינען א וועג וואס געהט נאך רעכטס און נאך לינקס. נעהמט דעם רעכטען וועג. דאן וועט איהר קומען צו א וועג וואס איז בעפלאנצט מיט קארשען בוימער. פאָהרט מיט דיעזע בוימער ביז איהר וועט קומען צו א וועג, וואָס וועט אייך פיהרען גלייך צו ארנאוועל.

טויזענד דאנקען אייך מיין שעהנעם פריילין. איהר גיט מיר דייטליכע ציי־כענס, ניט וויא דיא אלטע פרוי, וועלכע ליעגט דארט ביי א בוים און מורמעלט אונטער זיך.

— מיין ארמע גראָסמוטער! — האט האָפּי געזאָגט מיט א געוויין.

— האלט, נאָך איין ווארט, — האט גראף דע סאַנט רעמי געזאגט צו נאַכ־טיגאל — קענט איהר מיר ניט זאָגען, אויב איך קען לייכט געפינען דעם הויף פון מאָנסיו דע בראיל?

נאַכטיגאל האט ניט געקענט אונטערדריקען דעם שוידער וואס איז איבערגע־לאָפען איהר קערפער ווען זיא האט דערהערט דיעזען נאמען און האט זיך ערֿאינערט וואָס מיט איהר איז דאָרט געשעהן. דאך האט זיא געענטפערט:

— דער ברייטער וועג צום פארם ציהט זיך גלייך ביז'ן הויף!

— איך דאנק אייך נאך א מאל, מיין שעהנעם פריילין! — האט דער גראף געזאָגט און האט זיך ווידער געלאָזט אין גאלאָפּ.

דיא רייטערס זיינען באלד פערשוואונדען פון אויג און האָפּי האט ווידער פריי אויפגעאָטהעמט. ער האט נאך א מאל געוואָלט אנזאָגען זיינע קאמראדען, אז אלעס איז אין אָרדנונג און דארום האט ער ווידער אויסגעשריען:

— גראָסמוטער, איך קום, איך קום, איך פיהר צו דיר א גוטעס קינד, וואס וועט דיר העלפען אין נויטה.

— שנעלער, מיין קינד. דער רייטער האט אונז דא אביסעל פערהאלטען! —

האט נאַכטיגאַל געזאגט ווערענד זיא האט זיך געלאָזט געהן טיעפער אין גראָבען.

קוים האט נאַכטיגאַל געמאַכט עטליכע שריט, אזוי איז לילית ארויסגעשפרונגען פון איהר בעהעלטעניס און האט אויסגעשריען:

— פערטיג! פערטיג מיין מאַן! קום שנעל!

ביי דיעזע ווערטער איז זיא ארויפגעפאַלען אויף דער נאַכטיגאַל פון הינטען, האט אנגעכאַפּט איהר גאָרגעל מיט איין האנד און האט פערשטאָפּט איהר מויל מיט דער צווייטער האנד. האָפּי האט קיין אויגענבליק ניט פערזאמט. ער האט זיך באַלד געשליידערט צו נאַכטיגאַלס פיס און האָט זיא אזוי פעסט אנגענומען, דאס דיא יונגע, שוואַכע קינד האט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

דיעזער איבערפאַל איז געשעהן אזוי שנעל, דאס לילית האט קיין צייט געהאַט צו דערקענען דער געפאַנגענער; אבער דיא פּאאר מינוטען וואס האבען געדויערט ביז דער בלינדער מערדער איז ארויסגעקראָכען פון זיין בעהעלטעניס און איז טאַפּענדיג דיא ערד געקומען צום אָרט פון וואַנען לילית קול איז געקומען, האט דיא מכשפה דערקענט איהר קרבן.

— זעהט נור, דאס איז דאָך דיא נאַשערקע! דאס איז דאָך דיא קאַץ! — האט דיא איבערראַשטע מכשפה געשריען — וואס, דוא ביזט ווידער אין מיינע הענד? אָה, דער תליון האט דיך צו מיר געשיקט! יעצט ביזט דוא פערלאָרען, דיין שעהן פּנים׳ל וועט דיך מעהר ניט רעטען. איך האב מיין וויטריאָל אין וואָגען. יעצט וועל איך אָבוואשען דיא שעהנקייט פון דיינע באַקען, דיינע חן־גריבעלעך געפעהלען מיר גאר ניט. פּאָרזיכטיג מיין מאַן. היט זיך זיא זאָל דיך ניט אויפעסען, זיא איז א נאַשערקע. האלט זיא נור שטארק ביז מיר וועלען זיא פערפּאַקען.

מיט זיינע געזונדע הענד האט דער לעהרער אנגענומען דער צאַרטער מאריעבלומע, און איידער דיא אונגליקליכע האט געקענט געבען א קרעכץ האט לילית אויף איהר געוואָרפען א זאק און מיט דעם לעהרערס הילפע איז זיא באַלד פערפּאַקט און פערבונדען געוואָרען, זאָ, דאָס זיא האט זיך ניט געקענט ריהרען.

— יעצט, מיין טהייערער מאַן, הייב אויף דעם פּעקעל, — האט לילית געזאָגט — ער איז ניט שווערער פון דעם פּעקעל מיט דער פרוי, וואס מיר האבען געשליידערט אין סאנט־מארטין קאנאל. שנעל, מיין מאַן. הייב אויף דעם פּאַק! אָט אזוי, אָט אזוי! — האט דיא מכשפה מיט פריידע געזאָגט, ווען דער לעהרער האט גענומען דעם זאַק וויא מען נעהמט א שלאָפעדיגעס קינד אויפ׳ן ארם.

— שנעל צום וואָגען! שנעל! — האט לילית געשריען.

— אבער ווער וועט מיך פיהרען! — האט דער לעהרער געזאגט
האט זיינע הענד ארומגעוויקעלט ארום נאכטינאל'ס קערפער.

לילית האט אראָפּגענומען א רויטע טיכעל פון האלז, האט זיא
דרעהט אין א שטריקעל און האָט געזאָגט:

— עפען דיין מויל און נעהם דעם ברעג פון דיעזען טוך אין דיינע צייהנער.
האלט עס פעסט! האָפּי וועט נעהמען דעם צווייטען ברעג און ער וועט דיך פיהרען.
א גוטער בלינדער מאן פערדינט מען זאָל איהם ניט לאָזען אליין אין וואלד.

האָפּי האט גענומען דעם ברעג פון טיכעל, וועלכע דער לעהרער האט געהאל-
טען אין מויל און האט איהם געפיהרט, און לילית איז אוועקגעלאָפען אנזאָגען דיא
שמחה צו בארבילאָן.

מיר ענטזאגען זיך פון דער אונמעגליכער אויפגאבע, צו בעשרייבען נאכטי-
נאל'ס שרעק און איבערראשונג, ווען זיא איז ווידער אריינגעפאלען אין לילית'ס הענד,
ווען זיא איז געלעגען אין לעהרער'ס זאק. איהר גאנצער פערשטאנד איז אין דעם
אויגענבליק אָפּגעשטאָרבען. זיא האט זאָגאר ניט פרובירט צו ראנגלען זיך.

אין עטליכע מינוטען שפּעטער איז נאכטיגאל פערפאקט געוואָרען אין דעם
וואָגען וואס בארבילאָן האט אנגעטריבען. אבוואהל עס וואר שוין נאכט, דאך זיינען
דיא פענסטער פון'ם וואָגען גאנץ פאָרזיכטיג פערשטעלט געווארען און דיא
גאנצע באנדע, מיט דעם קרבן אין זאק האבען זיך געלאָזט איבער'ן וועג וואס האט
געפיהרט צום טהאל פון סאנט דענים, וואו סער טהאָמאס סייטאָן האט זיי ער-
ווארטעט.

ענדע פון ערשטען טהייל.